STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11034

GESHIKHTE FUN DER REVOLUTSYONERER BAVEGUNG IN MAYREV-EYROPE 1789-1923

TS. Fridland

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווי פרידלאַנד און א. סלוצקי

געשיכטע פון דער
רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מאַירעוו-אייראָפּע
1789—1923 יאָר

ערשטער טייל

לערנבוך און כרעסטאָמאַטיע.

צענטראַלער פאַרלאַג פאַר די פעלקער פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע 1925

PRINTED in U. S. S. R.

Набрано и отпечатано в типографии
„Дер эмес“, Москва, Покровка 9
в количестве 5.000 экз.
Главлит № 33594.

האקדאמע.

דער קרייזל־מעטאָד פון די לימודים הויבט אָן אינם איצטיקן מאָמענט צו פאַרנעמען דעם איקער אָרט אינם אונטעריכט פון די געזעלשאַפטלעכע דיסציפלינען. אָבער ניט שטענדיק באַרעכטיקט ער זיין באַרוף צו דינען דער באַנעמונג און זעלבשטענדיקער באַאַרבעטונג פונם מאַטעריאַל. אין אונזערע באַדינגונגען פאַרנעמט מען זיך אָפט אינם קרייזל מיט אויסלערנען פאָרמעל דאָס, וואָס דער לערער האָט מיטגעטיילט אין זיין לעקציע. די קרייזל-באַאַרבעטונג פונם מאַטעריאַל, אַלס מעטאָד, האָט אַ באַדייטונג בלויז אינם פאַל, ווען די צוהערער באַקענען זיך אַליין, זעלבשטענדיק אָדער מיט דער הילף פונם אָנפירער, מיט דער געשיכטע פונם קלאַסנקאַמף לויט די דאָקומענטן גופע אָדער באַהילף-מאַטעריאַלן, און דעריבער דאַרף דער טיפ פון די קרייזל־לימודים זיך דערנעענטערן צום טיפ פון די לאַבאָראַטאָרישע לימודים. דער הויפט-באַדינג פאַרן ערפאָלג פון די לימודים איז דער געלונגענער אויסוואַל פונם מאַטעריאַל. באַ זיין אומגעהויערן שלאַל און צעוואָרפנקייט אין דער ליטעראַטור, באַ דער אָפּוועזנהייט פון אַ צונויפגעפרעסטן היסטאָרישן זאַמלבוך אָדער לערנבוך, וואָס זאָל אַרומכאַפּן דעם פעריאָד פון סאָף 18-טן ביזן אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, איז דידאָזיקע אויפגאַבע צומאָל אַ ניט-אויספילבאַרע ניט בלויז פאַר די סטודענטן, נאָר אויך פאַר די אָנפירער. דערדאָזיקער בוך איבער דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מאַירעוו (18-טן—20-טן יאָרהונדערט) דינט אָט דעם גרונט-ציל: צונויפזאַמלען דעם נויטיקן און גענוגנדיקן מאַטעריאַל פאַרן לימעד פון געשיכטע אין די קרייזלעך. אכוץ אָריגינעלע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, זיינען אינם בוך צונויפגעזאַמלט אָפּשניטן פון דער געשיכטע-ליטעראַטור, דערהויפּט פון די קלאַסיקער, וואָס פאַראַלגעמיינערן די אָדער יענע גרופּע פאַקטן אָדער כאַראַקטעריזירן זיי אַף אַ געלונגענעם אויפן.

אָבער דערדאָזיקער בוך איז ניט בלויז אַ כרעסטאָמאַטיע איבער דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מאַירעוו, אין וועלכער עס זיינען צונויפגעזאַמלט דאָקומענטן און מאַטעריאַלן. די מעכאַברים האָבן אויך אריינגעגעבן אַ טעקסט-היסטאָרישן לערן-טייל. אָט דער טייל טראָגט אַ זעלבשטענדיקן כאַראַקטער. זיין הויפּטציל איז—מיט דער הילף פון אילוסטראַציע דורך דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו קאָמענטירן זיי, צו געבן דעם גרונט-פּאָדים צו דער קאָנקרעטער געשיכטע. דערדאָזיקער טייל פּרעטענדירט ניט אַף אויסצושעפּן און איבערגעבן דעם ג אַ נ צ ן פאַקטישן מאַטעריאַל, ער קאָן אָבער דינען אַלס קורצער מאַרקסיסטישער וועגווייזער.

אונז איז אויסגעקומען איינצוטיילן דעם בוך אין פינף טיילן: דער I טייל איז געווידמעט דער עפּאָכע פון די יאָרן 1789—1799: ד. ה. דער עפּאָכע פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש און פון דער „גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע". דער II טייל איז געווידמעט דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט: דעם טשאַרטיזם, דער דייטשישער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע פונם יאָר 1848. דער III טייל — דער עפּאָכע פון I אינטערנאַציאָנאַל און דער פּאַריזער קאָמונע. דער IV טייל — דעם II אינטערנאַציאָנאַל. דער V טייל — דעם קאָמינטערן. מיר האָבן אָף אַזאַ אופן צו טאָן מיט א קאָלאָסאַלער טעמע, מיט דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע אין אַ מעשעך פון קימאַט צוויי הונדערט יאָר. אַט פאַרוואָס מיר זיינען געצוואונגען אַרויסצוגעבן דעם בוך טיילנווייז, דערצו האָבנדיק אין אויג בלויז די איקער-עטאַפּן פון דער געשיכטע פון די רעוואָלוציעס אין דער נייסטער צייט.

באַם צונויפשטעלן דעמדאָזיקן בוך האָבן די אַווטאָרן זיך באַנוצט מיט קוועלן אָף דער רוסישער און אויסלענדישע שפּראַכן, מאַכנדיק זעלבשטענדיקע איבערזעצונגען. באַם סאָף פון די קאַפּיטלען איז אָנגעוויזן געוואָרן די ליטעראַטור. די ביכער, וואָס זיינען באַצייכנט מיט שטערנדלעך, דאַרפן דינען אַלס איקער לערן-מאַכשירים באַ די לימודים. אָף דער רעקאָמענדירטער ליטעראַטור דאַרף מען ניט קוקן, ווי אָף אַן אויסשעפּנדיקן ביבליאָגראַפישן אָנצייגער איבער דער פראַגע. דאָס איז בלויז אַ רעשימע פון די איקער לערן-מאַכשירים אָף דער רוסישער שפּראַך. א געוויסע ניט-גלייכמעסיקייט אינם פאַנאַנדערטיילן דעם מאַטעריאַל דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די מעכאַבּרים האָבן געשטרעבט צו פיקסירן די אויפמערקזאַמקייט אָף באַזונדערע רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן און עטאַפּן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג (דעריבער איז דער עפּאָכע פונם II אינטערנאַציאָנאַל געווידמעט מער אויפמערקזאַמקייט, איידער, לאָמיר זאָגן, ענגלאַנד און פראַנקרייך אין סאָף פון XVIII יאָרהונדערט).

דער הויפּטציל פונם בוך איז צו דינען אַלס באַהילף-ווערק פאַר די אָנפירער און צוהערער באַם שטודירן דעם קורס איבער דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מאַירעוו. די מעכאַבּרים האָבן געשטרעבט צו געבן די אָנפירער אַ ווי וויט מעגלעך גענוגנדיקן מאַטעריאַל פאַר זייערע לימודים. ווען דער אָנפירער וויל פיקסירן די אויפמערקזאַמקייט פונם קרייזל אָף אַ באַשטימטן פאַקט אָדער געשעעניש, מוז ער זיך אָפּשטעלן אָף אייניקע זייער ניט צאָלרייכע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אינם בוך, וועלכע מוזן אומבאַדינגט ווערן באַאַרבעט באַ די לימודים. אַזוי, לעמאָשל, ווען מע וויל קלאָר מאַכן דעם כאַראַקטער פונם נייעם און אַלטן ענגלישן יוניאָניזם, דאַרף דער אָנפירער געבן די צוהערער אָף צו פאַרגלייכן די צוויי סטאַטוטן פון די פאַריינען און אויסטיילן אין זיי דאָס געמיינזאַמע, פאַרשיידענע און כאַראַקטעריסטישע. אָדער באַם באַקענען זיך מיטן פראַנצויזישן סינדיקאַליזם (לויט די רעזאָלוציעס אין דער „כאַרטיע") דאַרף מען אים פאַרגלייכן מיטן פרודאָניזם, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין די רעזאָ-

לוציעס פון ן אינטערנאציאָנאַל. אָדער ווען מע באַקאָנט זיך מיט דער עפּאָכע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאַרף מען באַארבעטן און פאַרגלייכן די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פונם מענטשן און בירגער" מיט דער „דעקלאראציע פון די רעכט פון די ארבעטנדיקע פון ר. ס. פ. ס. ר.". דער דאָזיקער מעטאָד וועט געבן אַ מעגלעכקייט אויסצוטיילן און קלאָר מאַכן דעם אייגנאַרטיקן קאָנקרעטן אינהאלט פון דער היסטאָרישער עפּאָכע.

דער צוהערער וועט געפינען אינם בוך סאַי די דערציילונג פון די געשעענישן אַפן פּאָן פון דער קאָנקרעטער סאָציאַל-עקאָנאָמישער געשיכטע, סאַי אויך דעם נויטיקן סכום מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פאר זעלבשטענדיקע לימודים. אונזער אויפגאבע איז געווען—קומען צו הילף דער נייער ארבעטער-אוידיטאָריע, וואָס באקאָנט זיך מיט דער פארגאנגענהייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מאירעוו, קעדיי צו בויען די צוקונפט אַפן יעסאָד פון די היסטאָרישע לעקציעס.

די רעוואָלוציע האט אויפגעטרייסלט די טיפסטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט, האָט אַרויסגערופן באַ זיי אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. די פּראָלעטאַרישע מלוכע גיט אונז אַ מעגלעכקייט באַפרידיקן אָט די באַדערפעניש: אין אלע שולן, אַרבפאקן, קאָמהויכשולן און הויכשולן איז דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ניט נאָר פון רוסלאנד, נאָר אויך פון מאירעוו אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באדייטנדיקער אָרט. מיר דארפן נאָכפאָלגן אילאיטשס געבאָטן: קעדיי צו באַנעמען די סיבעס און דעם מעהוס פון אָקטיאבער, דאַרף מען אויפמערקזאַם שטודירן די רעוואָלוציאָנערע פארגאנגענהייט פונם פּראָלעטאריאַט.

דידאָזיקע אויפגאבע האָט אַ קאָלאָסאלע און ספּעציעלע באדייטונג פאר די אידישע פּראָלעטאריער. מיר האָבן געלעבט אין צוייפאַכיק אָפּגעשטאַנענע באַדינגונגען. די עפּאָכע פונם אימפּעריאליזם האט נאָך געטראָפן די אידישע ארבעטער אין א צושטאנד פון א „פּאָרפּראָלעטאריאַט". אין די אָפּגעשטאנענע באַדינגונגען פון רוסלאנד איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט געווען איינער פון די סאמע אָפּגעשטאנענע אָפּטיילן. אַף אונז האט געדריקט די פארשימלטע סוויווע פונם אידישן קליינבירגערטום. און זאָל קיינער ניט זיין געגנאַרט אין דעם, וואָס אין די רייען פונם אידישן פּראָלעטאריאט האט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פריער ווי אומעטום! אין די אָקטיאבער-טעג זיינען מיר געווען אויסער איר! אָט פארוואָס פאר אונז, אידישע אַרבעטער, איז באַזונדערס וויכטיק אויסצולעבן ביזן סאָף אונזער איזאָלירטקייט, און דערצו איז ניטאָ קיין בעסערער מיטל, ווי שטודירן די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאנד און אין מאירעוו. נאָר אַף אזא אויפן וועלן מיר באקומען דעם וועלט-מאסשטאב, אָנשטאָט דעם אַלטן קליינשטעטלדיקן.

אַף אונזער בוך דארף מען קוקן, ווי אַף א פּרואוו צו געבן א סיסטעמאטישן מאַרקסיסטישן לערנבוך איבער דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין מאירעוו פאר קרייזל-לימודים.

אויב דער בוך וועט—זאָל זיין אפילע אין א קלייגער מאָס—העלפן דער שטו־דירונג פונם קעגנשטאנד, וועלן די מעכאברים האלטן, אז די טירכע, וואס זיי האָבן פארוועגדעט, איז ניט געגאנגען לעאיבעד.

צום שלוס האלטן מיר פאר נויטיק אויסצודריקן אונזער דאנקבארקייט די כ״כ האָלמשטאָק און קאָנטאָר, וועלכע האבן געמאכט די איבערזעצונג. עס איז איבעריק צו דערקלערן, וואָס פאר א קאָלאָסאַלע אַרבעט עס איז צו אי־בערזעצן אָט די גאנצע מאסע היסטאָרישע דאָקומענטן אף דער אידישער שפּראַך.

קאַפּיטל I.

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש.

(ענגלאנד אין דער צווייטער העלפט פון דעם 18-טן יאָרהונדערט.)

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש, ווי א רעוואָלוציע.

די איצטיקע בורזשואַזע מלוכע איז באשאַפן געוואָרן אין אייראָפּע, ווי א רעזולטאַט פון דעם אנטשיידענעם ניצאָכן איבערן פעאָדאַליזם און דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון פּראָדוקציע. צוויי איבערקערענישן פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט האָבן מיטגעהאָלפן, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען זאָלן זיך אויספאָרמירן און מענאַצייעך זיין: די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אין ענגלאַנד און די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. איינע — אַ רעוואָלוציע דער איקער אַן עקאָנאָמישע, די אַנדערע — א פּאָליטישע. נאָר די פּאָליטישע באטייטונג פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש איז ניט קלענער פון דער עקאָנאָמישער באַטייטונג פון דער גרויסער רעוואָלוציע אין 1789 יאָר.

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דעם 16-טן יאָרהונדערט, — זינט מע האָט אַנטדעקט אַמעריקע. ביזן לעצטן דריטל פון דעם 18-טן יאָרהונדערט איז עס געווען דער פּעריאָד פון דער הערשאַפט פונם האַנדל-קאַפּיטאַל און דער זעלבסטהערשערישער מלוכע. דער אַבסאָלוטיזם איז אויפגעקומען אינם קאַמף מיט די איינצלנע פעאָדאַלן און האָט באדייטעט דעם ניצאָכן פון דעם „שטאַרקסטן פּאָריץ" מיט דער שטיצע פון דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע האָט געהאַט אַן איינפלוס אַף דער פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג, און די לעצטע האָט באַוואָרנט יענערס אינטערעסן. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט זיך אויסגעבילדעט לאַנגזאַם. ער האָט זיך אָרגאַניזירט און פאָרמירט, ווי אַ קלאַס, אין דעם קאַמף פון די שטאָטישע קאָמונעס מיט די פעאָדאַלן (16 יאָרה.) און אינם גאַנג פון די רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן (18-טער יאָרהונדערט). אין ענגלאַנד האָט זיך נאָך די צוויי רעוואָלוציעס פון דעם 17-טן יאָרהונדערט (1648 און 1688) פאַרפעסטיקט דער פאַרלאַמענטאַריזם. נאָר אין ענגלאַנד איז די פּאָליטישע מאַכט געווען אין די הענט פון דעם בונד פון לאַנדווירטשאַפטלעכן און מאָנאָפּאָליסטישן האַנדל-קאַפּיטאַל. די בורזשואַזע מלוכע איז נאָך ניט געווען די היינטיקע בורזשואַז-דעמאָקראַטישע מלוכע. די לעצטע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, דורך דער היינטיקער גרויס-אינדוסטריע. דער טאָך פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט באַשטייט אין דעם אריינדרינגען פון קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דעם אויפקומען פון דער מאַשין. „די גרויס אינדוסטריע אַפן עקאָנאָמישן געביט, די היינטיקע וויסנשאַפט און דעמאָקראַטיע אַפן פּאָלי-

טישן, — דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש″. אָט די איבערקערעניש, די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, האָט נאָך זיך געבראַכט אנטשיידענע פּאָליטישע רעפאָרמעס, פונקט אַזוי ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון יאָר 1789, אוועקשטעלנדיק באַ דער מאַכט די בורזשואזיע, האָט געגעבן א מעכטיקן שטויס דער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. די באַטייטונג פון דער גרויס-אינדוסטריע איז אזוי גרויס, אַז דער היסטאָריקער פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש מ אַ נ ט ו באַמערקט:

„עס איז געווען אַסאַך פּאָליטישע רעוואָלוציעס מיט א מער ראַעשדיקן קלאַפּ, אָבער ווייניק — מיט א טיפערן″. די אינדוסטריעלע איבערקערעניש איז א ר ע וו אָ ל ו צ י ע דערפאַר, וואָס זי האָט פאַרניכט די אַלטע געזעלשאַפט: אַפן אָרט פון דער פעאָדאלער אָרדענונג אַפן פעלד פון עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, רעכט און אידעאָלאָגיע איז געקומען די ב ו ר ז ש ו אַ ז ע געזעלשאַפט.

די הויפּט-קלאסן פון דער קאפּיטאַ־ליסטישער געזעל־שאפט.

דידאָזיקע איבערקערעניש האָט זיך געגרייט, ווי יעדער רעוואָלוציע, אין א מעשעך פון יאָרנצענדליקער. ערשט צו דער צווייטער העלפט פון דעם 19-טן יאָרהונדערט האָט זי זיך פאַרענדיקט אין די הויפּטלענדער פון אייראָפּע (ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד) מיטן ענדגילטיקן ניצאָכן פון דער מאַשין-פּראָדוקציע. אַף דער אַרענע פון דער געשיכטע זיינען איצטער ארויסגעטראָטן נייע קלאַסן. ד י ב ו ר ז ש ו אַ ז י ע א ו ן ד ע ר פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט — דאָס זיינען די הויפּט-קלאַסן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. דער קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע דאַרף באַשליסן דעם גוירל פונם קאַפּיטאַליזם, אזוי ווי פריער האָט דער קלאַסנקאַמף צווישן דער בורזשואַזיע מיטן אַדל באַשלאסן דעם גוירל פון דעם פעאָדאַליזם. די בורזשואַזיע, אן עקאנאמיש פּראָגרעסיווער קלאַס, האָט צו דער עפּאָכע פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש (ענגלאַנד) און דער פּאָליטישער רעוואָלוציע (פראנקרייך) געקעמפט מיטן אדל און די גייסטלעכע, די רעאַקציאָנערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. דער „דריטער שטאַנד″, אין דער שפּיץ מיט דער בורזשואַזיע, איז דאַן געגאַנגען בעראָש פון די פאָלקסמאַסן און געווען א רעוואָלוציאָנערער קלאַס. דאָס בילד האָט זיך שאַרף געענדערט, ווען אַף דער היסטאָרישער בינע איז ארויסגעטראָטן דער „פערטער שטאַנד″ — דער פּראָלעטאַריאַט. היינטיקע צייט פאַרייניקט די בורזשואַזיע ארום זיך א ל ע מינים אייגנטום, ארייגערעכנט די רעשטן פון די פעאָדאַלע קלאַסן (אָפּיצערן, גאַלאָכים, פּריצים), אַנטקעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס דער טנאַי פון זיין באפרייאונג איז די פארניכטונג פון י ע ד ע ר מין אייגנטום. די בורזשואזיע איז געוואָרן א רעאַקציאָנערער קלאַס; דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס צו זיינע רייען שטייען צו די מיטעלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, צערואינירטע דורך דער מעכטיקער אנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם, — איז א קלאַס א רעוואָלוציאָנערער.

די בורזשואַזיע האָט פאַרניכט אַלע אָפּגעטער, וואָס דער פעאָדאַליזם האָט באַשאַפן, און האָט אוועקגעשטעלט אַפן אָרט פון רעליגיע, קונסט, אידעאַליזם די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל. דער פּראָלעטאַריאַט פאַרניכט די פעטישן פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אַפן יעסאָד פון עקאָנאָמישער אומגלייכקייט. די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור צעקלאַפּט די מאַכט פון דער בורזשואַזיע. די אַשירעס פון דער מינדערהייט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דער אַרבעטנדיקער מערהייט, גייט אריבער צו דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט ווערט דער באַלעבאָס איבער איר אייגענעם גורל. קעדיי צו פאַרשטיין ווי אַזוי די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפט וועט קומען פאַרבייטן די בורזשואַזיע, מוז מען פריער פאַרשטיין די אָפּשטאַמונג פון דער היינטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

קאַפּיטאַל און אַרבעט־קראַפט — די הויפּט־עלעמענטן פון קאַפּיטאַליזם.

קעדיי צו שאַפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז נויטיק, אַז עס זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן, פון איין זייט, דער אייגנטימער פון פּראָדוציר־מיטלען און עקזיסטענץ־מיטלען, וואָס דאַרף איינקויפן אַרבעט־קראַפט, קעדיי אַף ווייטער צו פאַרגרעסערן דעם מערווערט, און פון דער אַנדער זייט—דער פרייער אַרבעטער, וואָס פאַרקויפט זיין אייגענע אַרבעט־קראַפט, דערביי דאַרף דער אַרבעטער זיין פריי אין אַ צווייענדיקן זינען: ער גופע דאַרף ניט זיין קיין פּראָדוציר־מיטל, ווי אַ קנעכט אָדער אַ לייב־אייגענער, ער דאַרף אָבער אויך ניט פאַרמאָגן קיין פּראָדוציר־געצייג. די פּראָדוציר־מיטלען און עקזיסטענץ־מיטלען דאַרפן ווערן קאַפּיטאַל, ד. ה. זיי דאַרפן זיין אין די הענט פון די קוינים פון אַרבעט־קראַפט, און די ארבעטער דאַרפן זיין לוין־אַרבעטער, וואָס זיינען צעשיידט מיט די פּראָדוציר־מיטלען.

קאַפּיטאַל און אַרבעט־קראַפט—דאָס זיינען די הויפּט־עלעמענטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

ווי אזוי זיינען דידאָזיקע עלעמענטן באַשאַפן געוואָרן?

„דער היסטאָרישער פּראָצעס פון דער צעשיידונג פון דעם פּראָדוצירער מיט די פּראָדוציר־מיטלען” דערקלערט אונז דאָס אויפקומען פון דעם קאַפּיטאַליזם. אָט דער פּראָצעס פון דער געוואַלט־עקספּראָפּריאַציע פון די פּראָדוצירער איז דער פּראָצעס פון דער „אורשפּרינגלעכער אָנזאַמלונג”. די בורזשואַזע געזעלשאַפט רופט מען—קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט דערפאַר, ווײַלע קאַפּיטאַל איז איר באַוועגנדיקער קויעך. אָבער קאַפּיטאַל ווערט געשאַפן דורך דער אָנזאַמלונג פון מערווערט, און מערווערט ווערט געשאַפן נאָר אין דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. „די לעצטע אָבער קאָן געמאָלט זיין נאָר ווען אין די הענט פון די סכוירע־פּראָדוצירער איז שוין פאַראַן היפּשע סכומען קאַפּיטאַל און אַרבעט־קראַפט” (מאַרקס). אַף אזא אויפן באַקומט זיך אַ פאַרקישעפטער קרייז, וואָס ארויסקריכן פון אים איז מעגלעך, סאַידן מיר זאָלן מעשאַער זיין, אז פריער „פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָנ-

זאמלונג איז געווען די „אורשפּרינגלעכע“ אָנזאמלונג, אָן אָנזאמלונג, וואָס קומט ניט ווי א רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, נאָר ווי איר אויסגאנגפּונקט“. אָט די לעכאַטכילעדיקע אָנזאמלונג, ווי מיר וועלן דערנאָכדעם זען, איז אַ געוואלט־רעוואָלוציע פון די פארמעגלעכע קעגן די ניט פאַרמעגלעכע. דידאָזיקע רעוואָלוציע איז אָבער אויך א רעזולטאַט פון דער אנטוויקלונג פון דער פּארקאַפּיטאליסטישער געזעלשאַפט. „די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאַפט, זאָגט מאַרקס, איז ארויסגעוואקסן פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער פעאָדאלער געזעלשאַפט. די צעפאלונג פון דער צווייטער האָט באפרייט די עלעמענטן פון דער ערשטער“. דאָס קלאַסישע לאנד פון אָט דער איבערקערעניש איז געווען ענגלאנד. דערפאר שטעלן מיר זיך עס אָפּ צו שטודירן ענגלאנד.

ענגלאנד—די פאָר־געשריטענע מעדינע פון קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג.

פאַרוואָס איז אין ענגלאַנד די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג אַוועק שנעלער איידער אין אנדערע לענדער? קוידעמקאָל לאָמיר באמערקן, אז ניט אלע מאָל איז ענגלאַנד געווען פאָרגעשריטן. נאָך אין דעם 15־טן יאָרהונדערט איז ענגלאַנד געווען אַן עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע מעדינע.

איטאַליע איז פריער פון אנדערע לענדער ארויס אפן וועג פון קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג, שפּאניע, פּאָרטוגאל, האָלאנד אין פראַנקרייך האָבן דוירעס לאנג קאָנקורירט מיט ענגלאנד. ערשט פון 16־טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן די געשיכטע פון ענגלאנד, ווי פון אַ גרויסער מלוכע, און ערשט פון דער צווייטער העלפט 18־טן יאָרהונדערט קען זיין אַ רייד וועגן ענגלאַנד, ווי וועגן דעם קאפּיטאליסטישן הערשער פון דער וועלט.

וואָסערע סיבעס האָבן געבראכט ענגלאנד, אַ מעדינע אָן עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע אין פארגלייך מיט אנדערע אייראָפּעאישע מלוכעס, צו אָן ענדגילטיקן ניצאָכן איבער זיי? ווי אזוי איז זי געוואָרן די קלאַסישע מעדינע פון קאַפּיטאליסטישער אנטוויקלונג? געוויינלעך ווייזט מען אָן אף די מאַילעס פון איר געאָגראַפישער לאַגע. די לאגע פון ענגלאנד אף א אינזל, דער מעסיקער קלימאט, אָן אַ שיר יאם־האפנס, טייכן, צוגענגלעכע פאַר שיפן,—דאָס, זאָגט מען, זיינען די סיבעס, וואָס ענגלאנד האָט זיך ארויסגערוקט אף דער קאפּיטאליסטישער ארענע. צודערצו איז מען נאָך אמאָל מויסעף די „נאציאָנאַלע און ראַסן־אייגנשאַפטן“, שטארקע מוסקולן און אויסדויער־קראפט פון די ענגלענדער. אָבער בא דער גאנצער באטייטונג פון די אָנגעוויזענע מאָמענטן האָבן זיי דאָך ניט געשפּילט קיין ראָלע ביז דעם 16־טן יאָרהונדערט, און ערשט פון סאָף 18־טן יאָרהונדערט האָבן זיי גראָד געמאכט פון ענגלאנד אַ קאפּיטאליסטישע מעדינע אין דעם היינטיקן זינען פון וואָרט. די סיבע איז דאָ, פארשטייט זיך, ניט אין דער געאָגראפישער לאגע פון ענגלאנד. אָט די באדינגונגען האָבן זיך ארויסגעוויזן ערשט דאַן, ווען די אנטדעקונג פון דער ניי-

וועלט האט ארייגעצויגן ענגלאנד אין צווישנפעלקערלעכן האנדל, אין קאָלאָ-ניאלער פאָליטיק. דער ענגלישער קאפיטאליזם האט זיך פארפעסטיקט אדאנק די גוואלדיקע רעוואָכים, וואָס מע האָט געקראָגן פונם האַנדל מיט די אייראָ-פעאישע לענדער און, דער איקער, מיט די לענדער פון יענער זייט אָקעאַן. ערשט מיט דער אנטוויקלונג פון האנדל האָבן זיך ארויסגעוויזן אויך די אנ-דערע מאילעס פון דער ענגלישער געזעלשאפטלעכער אַנטוויקלונג: די אָפשא-פונג פון די מעניעס פון גרעניץ-אָפצאָלן און צעכן אין לאנד, אָדער די לע-פיערעכדיקע בורזשואזע פרייהייט, וואָס איז אין ענגלאנד געווען אין 18-טן יאָרהונדערט לעהייפעך צו די קאָנטינענטאלע לענדער פון אייראָפּע. דעריבער האָבן אָט די לעצטע מאילעס פון דער ענגלישער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג זייערע וואָרצלען אין איר עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. אָט דאָ וועלן מיר זוכן די סיבעס פון דער אומגעהויער מעכטיקער אָנזאמלונג פון קאפיטאל און אר-בעט-קראפט אין ענגלאנד.

דער וואוקס פון האַנדל און די קאָ-לאָניאַלע אויס-שפרייטונג פון ענג-לאנד.

אויב אין אונזער צייט דאַרף מען זוכן דעם שליסל צו דער געשיכטע פון ווירטשאַפטלעכן לעבן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, איז אין דער עפּאָכע פון פאַר-מאַשין-פּראָדוקציע האָט אַן אַנטשיידענע באַטייטונג געהאַט די אַנטוויקלונג פון האַנדל. נאָר דער סוחער האָט דאַן פאַרמאָגט געגוג קאַפּיטאַלן. ער פלעגט אָפט אַרויסטרעטן, ווי אַן אָר-גאַניזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע. דעריבער וועלן מיר אין דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און דער קאָלאָניאַלער אויסשפרייטונג פון ענגלאַנד זען געפינען די דערקלערונג פון איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. ווען מיר ריידן דאָ וועגן האַנדל, מיינען מיר ניט אַזוי דעם אינעווייניקסטן, ווי דעם אויסערלעכן האַנדל מיט אַנדערע לענדער מעאייווער לאַיאַם. דאָס איז לעכאַטכילע געווען אַ האַנדל מיט איידעלע מעטאַלן, טייערע שטאָפן, בסאָמים, אַרטיקלען פון לוקסוס און קונסט. דערנאָכדעם האָט דער אימפּאָרט-האַנדל אַריינגעבראַכט אין לאַנד אויך די נויטיקע רוי-וואָרג פאַר דער פּראָדוקציע: באַוול, רוי-זייד א. אַז. וו. דער אויסערלעכער האַנדל האָט אָנגעטראָפן צום אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט $1/6$ כיילעק פון דעם אומזאַץ פון דעם אינערלעכן האַנדל, אָבער נאָר אין דעם אויסערלעכן מיסכער זיינען געשאַפן געוואָרן די קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען נויטיק געווען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ענגלישער אינדוסטריע. לאָמיר ברענגען עטלעכע ציפערן, וואָס וועלן אונז באַווייזן דעם וואוקס פון דעם אויסערלעכן האַנדל פון דער מעדינע. עמעס, די ציפערן וועלן אויסזעען נישטיק אין פאַרגלייך מיט דעם איצטערדיקן ענגלישן מיסכער, לאָמיר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אין אָנ-הויב 18-טן יאָרהונדערט איז אין ענגלאַנד געווען אין זעקס מאָל ווייניקער באַפעלקערונג ווי איצטער.

אין 1663 יאָר איז די אַלגעמיינע סומע פון ענגלאַנדס אימפּאָרט און עקספּאָרט געווען 6 מיליאָן פונט סטערלינג; אין 1761 יאָר האָט זי זיך אויפ-

געהויבן ביז 26 מיליאָן, און אין 1793 יאָר—ביז 89 מיליאָן פונט סטערלינג. דעם וואוקס פון דער האַנדלס-מאַכט פון דער מעדינע אַנטשפרעכט אויך דער וואוקס פון איר האַנדלס-פלאָט: די לאָדונג-פעאיקייט פון די האַנדל-שיפן, וואָס זיינען אַרויס פון די ענגלישע האַפנס אין יאָר 1700, איז געווען ניט מער פון 317 טויזנט טאָן (די לאָדונג-פעאיקייט פון איין ליווערפולער האַפן איז איצטער אין 35 מאָל מער); דידאָזיקע ציפער שטייגט אין 1737 יאָר ביז 503 טויזנט טאָן; אין 1774 יאָר—864 טויזנט טאָן; אין 1787 יאָר—1 מיליאָן 405 טויזנט טאָן; אין 1801 יאָר—1.958.000 טאָן. אַפן וואוקס פון דער האַנדלס-מאַכט און דער יאַם-מאַכט פון ענגלאַנד האָט זיך עס געשטיצט איר עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג.

די געשיכטע פון ענגלאַנד איז די געשיכטע פון איר קאָלאָניאַלער אויס-שפרייטונג. צום מיטן 18-טן יאָרהונדערט זיינען די קאָלאָניעס געוואָרן ענגלאַנדס הויפט-מאַרק—אַ דריטל פון איר עקספּאָרט איז געגאַנגען אין די קאָלאָניעס. אין 1770 יאָר האָט אַמעריקע איינגעקויפט ¾ פון דער פּראָדוקציע פון מאַנ-טשעסטער. אין 1767 יאָר האָט איין אינזל יאַמאַיקאַ געקויפט אין ענגלאַנד אַזוי פיל סכוירע, וויפל אין 1704 יאָר אַלע ענגלישע קאָלאָניעס אינאיינעם גענו-מען. אָט דער וואוקס פון ענגלאַנדס קאָלאָניאַלער מאַכט איז פאָרגעקומען בע-האַדראָגע. די ערשטע פאַזע פון איר אויסשפרייטונג הויבט זיך אָן פון סאָף 15-טן יאָרהונדערט, אָבער ערשט אין אַ יאָרהונדערט אַרום האָט געקענט זיין אַ רייד וועגן אַן ענדערונג, וואָס זאָל זיין קענטיק פאַר אַנדערע. דער צווייטער פע-ריאָד פון דער אויסשפרייטונג פון דער מעדינע איז שאַיעך צו דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע פון 1648 יאָר. דער ניצאָכן פון דער האַנדלס-בורזשואַזיע אין דער פּערזאָן פון קראָמוועלן האָט געמאַכט אַן אָנהויב צו איר קאָמערציע-לער מאַכט. אין אָט דער צווייטער פאַזע פון איר אויסשפרייטונג האָט ענג-לאַנד דערלאַנגט אַ קלאַפּ שפּאַניע. ביזן סאָף 17-טן יאָרהונדערט ציט זיך דער קאַמף צווישן האָלאַנד מיט ענגלאַנד פאַר קאָלאָניאַלער הערשאַפט. שוין פון 17-טן יאָרהונדערט אָן, אָפט אין אַ בונד מיט האָלאַנד, טרעט ענגלאַנד אַרויס אין קאַמף מיט פראַנקרייך. דערדאָזיקער קאַמף פאַרנעמט דעם גאַנצן 18-טן יאָרהונדערט און ציט זיך ביזן ניצאָכן איבער נאַפּאָלעאָנען. פון די לעצטע 126 יאָר איז ענג-לאַנד אין מילכאָמע 64 יאָר; דערפון פאַלן אויס די זיבן מילכאָמעס פון 18-טן יאָרהונדערט, דער איקער, אַף קריג מיט פראַנקרייך. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט די אויסשפרייטונג פון ענגלאַנד געהאַט פאַר איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג? „זיי (די קאָלאָניעס) האבן איר באַוואָרנט דעם מאָנאָפּאָל אַף די בעסטע מערק צו קריגן רוי-מאַטעריאַלן און צו פאַרקויפן מאַנופאַקטור-סכוירעס". אָט פאַר-וואָס די פראַנצויזישע אינדוסטריעלער, און ניט נאָר זיי אַליין, האָבן זיך גע-קלאָגט אין סאָף 18-טן יאָרהונדערט, אַז מע קען שוין גאָר ניט לעבן: די ענגלישע סאָכרים האָבן אַ מאָנאָפּאָל אַף רוי-שטאָפן, דעריבער קאָסט זיי די פּראָדוקציע אַף 40% וועלוועלער, און זאָל מען אַפילע באַשטימען הויכע גרעניץ-אָפּצאָלן (העכערן אַף 25—30%), וועט נאָך אויך די ענגלענדער בעסער לוינען צו האַנד-לען, איידער די פראַנצויזן. אָט די מאַיִלעס האָבן נאָך אַליין פאַר זיך ניט

געהאַט פונדעסטוועגן קיין אַנטשיידענע באַטייטונג פאַר דער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַלן, האַגאַם זיי האָבן געדינט ווי אַ סטימול צו איר אַנטוויקלונג.

דער געוואלט־כאַראַקטער פון דעם פּראָצעס פון קאַפּי־טאַל־אָנזאַמלונג.

„די אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל, זאָגט מאַרקס, איז אַ געשיכטע, וואָס איז איינגעשריבן אין די כראָניקעס פון דער מענטשהייט מיט שווערד און פייער". די אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל האָט ניט גע־קענט געמאָלט זיין אין די גרעניצן פון מעלאָכע און האַנדל. וואָס פאַר אַ הויכע מעקאָכים דער סויכער וואָלט ניט אַרויפגעשטעלט פאַר זיינע סכוירעס, איז אָבער דער מיסכער אין דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע געוואַלטיקע הויצאָעס, אַז קיין גרויסן רעווועך וואָלט ער ניט אַריינגעטראָגן. אָט איז אַ ביישפּיל פון דער גרויס פון די האַנדלס־קאַפּיטאַלן אין אייראָפּע צום סאָף מיטל־אַלטער. איינער אַ סויכער ריטשאַרד פעדיליקאַט קלאָגט זיך: „איך האָב געהאַנדלט מיט וואָל, קעז און אייל, האָט מען מיך אין פלאַנדריע איינגעזועצט פאַר כויוועס דער מלוכע, וואס מע האָט באַ מיר איינגעמאָנט אין אַ סומע פון 14 פונט סטערלינג 17 שילינג, און איך האָב אָנגעוואָרן מיין גאַנצן פאַר־מעגן". דאָס איז געווען גאָר ניט קיין אָרימער סויכער. גרויסע קאַפּיטאַלן האָבן אין דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע פאַרמאָגט קיניגן, ערד־אייגנטי־מער; פּריוואַטע מענטשן אָבער האָבן געקאָנט אָנלעבן אַזעלכע קאַפּיטאַלן פאַר האַנדל און פּראָדוקציע סאידן דורך פּראָצענט נעמען. אָבער קעדיי צו קריגן פּראָ־צענט דאַרף מען האָבן גענוג קאַפּיטאַל אַף האַלוואָעס. אָט דער קאַפּיטאַל פלעגט אָפּטמאָל געשאַפן ווערן פון דעם, וואָס מע פלעגט באַראַבעווען קאָלאָניעס, דעריקער דערפאַר, וואָס באַם ראַבעווען די קאָלאָניעס איז ניטאָ קיין שיר צו דער אָנזאַמלונג פון אַשירעס. פון די קאָלאָניעס פלעגט מען אַרויספירן גרויסע סכומען גאָלד און זילבער. אַזוי האָט מען אין די יאָרן 1493—1520 אַרויס־געפירט פון אַפריקע גאָלד אַף 8.370.000 מאַרק; צום סאָף 16־טן יאָרהונדערט פלעגט אַמעריקע צושטעלן טייערע מעטאַלן: זי פלעגט צושטעלן אין אייראָפּע העכער 4/5 גאָלד און זילבער. דורך רויב פלעגן איינצלנע באַאַמטע און סאָכרים אויספרעסן איידעלע מעטאַלן פון די קאָלאָניעס. די סאָכרים פלעגן ברענגען סכוירעס אין די קאָלאָניעס און פלעגן פאַרדינען דערביי 500%. באַ־זונדערס גרויסע רעוואָכים פלעגט אַריינטראָגן דער האַנדל מיט קנעכט. אַזוי פלעגט מען אַרויספירן פון אפריקע ביז 1,500.000 נעפאַשעס אַ יאָר. דערביי פלעגט דערדאָזיקער מיסכער אריינטראָגן געוויינלעך 50% און אמאָל אויך 180% רעווועך. א היפשע ראָלע האָט געשפּילט די ארבעט פון די קנעכט, וואָס די אייראָפּעאישע אונטערנעמער האָבן עקספּלואַטירט. „צוואנג־ארבעט איז אין די קאָלאָניעס געווען א קלאל. אויסגעדריקט האָט זיך עס אין דעם, וואָס מע האָט זיך באטייליקט אין די האכנאָסעס פון פּראָדוקציע, אין צוואנג ארבעט פון מענטשן, וואָס זיינען אמאָל געווען פרייע, און, ענדלעך, אין פולשטענדיקער קנעכטשאפט".

קאָלומבוס האָט געהאט רעכט צו זאָגן: „די עמעסע אשירעס פון די ניי אנטדעקטע לענדער ליגט אין דער באפעלקערונג זייערער". קעדיי צו כאַראקטעריזירן דעם קאָלאָניאלן אָרט רויבן, וועלן מיר ברענגען אזאביישפיל. אין 1617 יאָר האָבן 17 מיטגלידער פון א פריווילעגירטער קאָמפאניע געפאָדערט אף די אינזלען באנדא, מע זאָל אויספירן דעם פאָרשריפט פון 1615 יאָר וועגן פארטיליקן די באפעלקערונג פון די אינזלען און באזעצן דאָרט מער געהאָרכזאַמע שוואַרצע אָדער קנעכט. אָט דער באשלוס איז אויסגעפירט געוואָרן: 15.000 נעפאשעס זיינען געפאלן צוליב די אינטערעסן פון 17. באם דורכפירן אָט די פאָליטיק פון קאפיטאל-אָנזאמלונג מיט געוואַלט איז די מלוכע אלע מאָל געווען דורכויס אפן צאַד פון די סאָכרים און קאָלאָניזאטאָרן. זי פלעגט זיך אליין אויך באטייליקן אין דער גזיילע. די מלוכע-מאכט פון ענגלאנד האָט מיט א ריי מיטלען געשיצט דעם האנדל. צו אָט די מיטלען איז שאַיעך דער נאוויגאציע-אקט, (ז. מאט און דאק. נומער 1), וואָס קראָמוועל האט ארויסגעגעבן אין יאר 1651. דערדאזיקער אקט האט געדארפט אויפהויבן ענגלאנדס מאכט אפן יאם. אריינפירן סכוירעס פון איירָאָפּע און פון די קאלאניעס האט מען געמעגט נאר אף ענגלישע שיפן. ספעציעלע מיטלען האבן געדארפט אפהאלטן די אנטוויקלונג פון אינדוסטריע אין די קאלאניעס און שיצן דאס צושטעלן פון די נויטיקע פראדוקטן אין ענגלאנד. נאר צו אט דער סיסטעם מיטלען אף מיטצוהעלפן דער אנזאַמלונג פון קאפיטאל איז שאַיעך אויך די שטייערן. פאָליטיק פון דער מלוכע, די פאליטיק פון איר גרעניץ-טאריף און די סיסטעם פון געזעלשאפטלעכן קרעדיט, ד. ה. דער מלוכע-כויוו. אָט דער כויוו האט אין ענגלאנד דערגרייכט אין 1817 יאר, מאכמעס די מילכאמעס מיט פראנקרייך, ביז 850.000.000 פונט סטערלינג. די שטייערן פלעגן יענע צייטן פאלן איינגאנצן אף די פאלקסמאסן. און דאס, וואס קלייבן די שטייערן פלעגט מען אפגעבן אין ארענדע, האט אויך געדינט אף רייך צו מאכן די קאפיטאליסטן. די סיסטעם פון פראטעקציאניזם האט געדארפט פארהיטן די אינדוסטריע פון לאנד פון אויסלענדישער קאָנקורענציע: „דאס איז געווען א מיטל צו פאבריצירן פאבריקאנטן" (מארקס). אכוץ דעם פלעגן מיליאנען קאפיטאל אריינפאלן דירעקט אין די קעשענעס פון די פאבריקאנטן, קעדיי אונטערצושטיצן די נאציאנאלע פראדוקציע (אין ענגלאנד, עמעס, ווייניקער איידער אין אנדערע לענדער). אזוי איז באשאפן געווארן איינער פון די גרונט-עלעמענטן פון דעם קאפיטאליזם — קאפיטאל. אבער אויסניצן אים אין דער פראדוקציע איז מעגלעך געוואָרן נאר בא דער אָנוועזנהייט פון זייער א גענוגנדיקער מאסע ארבעטער, וואס פארקויפן זייער ארבעט.

די פויערים לאָזט מען אָן ערד.

די פויערשע מאַסע, געבליבן אָן אייגנטום און פאַרטריבן פון דאָרף, — אָט דאָס איז דער קוואַל פון דער אַרבעט-קראַפט, וואס איז נויטיק פאַרן קאַפּיטאַליזם. צוויי פאַקטאָרן האָבן מיטגעהאָלפן דעם פראָצעס פון עקספּראָפּריאירן דעם פויער-פּראָדוצירער: דער איבערגאַנג פון אַקער-פעלדער צו פאַשע אין די אינטערעסן פון דער וואָל-פּראָדוקציע און די איינשטעלונג פון אינדיווידועלן גרויס-

אייגנטום אַף ערד, די פאַרוואַנדלונג פון דעם לאַנד-מאַיאָנטעק אין אַ ברויט-פאַבריק. דאָס אַלץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס קאַפּיטאַל האָט אַריינגעדרונגען אין דעם ענגלישן דאָרף.

דער פּראָצעס פון פּערזענלעכער באַפרייאונג פון די פּויערים פון לייב-אייגנטום האָט זיך אין ענגלאַנד פאַרענדיקט צום 14-טן יאָרהונדערט, ווי אַ רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון געלט-ווירטשאַפט. אָבער דער פּראָגרעס פון דער לעצטער האָט געמיינט אַ מער פאַרשטאַרקטע עקספּלואַטאַציע פון דער פּויערשער ערד. די לאַגע פון די פּויערים ווערט פון 15-טן יאָרהונדערט אָן גאָר ניט בעסער, פאַרקערט, אָפט פאַרערגערט זי זיך נאָך. די פאַרברייטערונג פון אויסערלעכן האַנדל אין 16-טן יאָרהונדערט איז געגאַנגען באַזונדערס גינסטיק אדאַנק דער אינזול-לאַגע פון ענגלאַנד. רייכע פּאַשע-פעלדער, האָדעווען שעפּסן, — דאָס האָט געגעבן געוואַלדיקע רעוואָכים די באַלעבאַטים און האָט געבראַכט דערצו, אַז „די שעפּסן האָבן אויפגעפרעסן די מענטשן" (ז. מאַט. און דאַק. 2 №). לאָמיר באַטראַכטן אָט די ציפערן: אין די יאָרן 1699—1701 האָט דער אַרויספיר פון וואָלענע סכוירעס אָנגעטראָפן $\frac{2}{5}$ פון דעם גאַנצן עקספּאָרט-האַנדל פון ענגלאַנד, און אין די יאָרן 1679—1771 האָט דער אַרויספיר פון וואָל-סכוירעס אנגעטראָפן $\frac{1}{3}$ פונם גאַנצן עקספּאָרט. די ערשטע 30 יאָר פון 15-טן יאָרהונד. איז דער מעקעך פון וואָל געשטאַנען הויך: 28 פונט (אַ טאָד) קאָסט 8 שילינג מיט $\frac{1}{4}$ פּענס; פון 1541 ביז 1580 יאָר—17 שילינג 4 פּענס, ד. ה. אין צווייען טייערער ווי אין 15-טן יאָרהונדערט. צייטנווייז איז דער מעקעך אַף וואָל (לעמאָשל, אין מיטן 16-טן יאָרה.) געשטאַנען נאָך העכער. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַריינלייגן קאַפּיטאַל אין דער לאַנד-ווירטשאַפט אַף וואָל-פּראָדוקציע איז געוואָרן דער בעסטער געשעפט. ניט אומזיסט האָט מען דעריבער אין ענגלאַנד געהאַלטן וואָל פאַר אַ „הייליקן אַרטיקל" און פאַרן יעסאָד פון דעם ענגלשן וואוילזיין. דער שטאַרקער נאָכפרעג אַף ענגלישע וואָל, אַרויסגערופן דורך דער פאַרברייטערונג פון אָט דער פּראָדוקציע, איז געווען די סיבע, וואס דער פּראָצעס פון עקספּראָפּריאירן די פּויערים איז אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן אין זיין ערשטן פּעריאָד, פון סאָף 15-טן ביז סאָף 16-טן יאָרה., און נאָך אַ קליינעם שטילשטאַנד אין אַ מעשעך פון 150 יאָר, האָט ער פון דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרה. ווידער דערגרייכט צו אַ געוואַלדיקער קראַפט און פאַרענדיקט זיך ערשט צו דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט. קעדיי צו פאַרשטיין דעם פּראָצעס, ווי אַזוי מע האָט די פּויערים באַרויבט פון די ערד, לאָמיר זיך פריער אין קורצן אָפּשטעלן און אָפּשילדערן דעם ענגלישן דאָרף ביז דער אַגראַרער איבערקערעניש.

דער ענגלישער דאָרף פאַר דער אַגראַרער איבערקערעניש.

דער טאָך פון דער אַגראַרער רעוואָלוציע אין ענגלאַנד באַשטייט אין לעצטן סאַכאַקל דערינען, וואָס ערדאַרבעט איז פאַרביטן געוואָרן אַף פיצוכט, — ערדאַרבעט לויט דער פריערדיקער סיסטעם פון אָפענע פעלדער — אַף פּאַשע-פעלדער און ברויט-

זאַמלונג פון גרויסע אָפּגעצאַמטע ערד-כאַלאָקים. ביז דערדאָזיקער רעוואָלוציע האָט די ענגלישע ערד-אַרבעטערשע באַפעלקערונג אויסגעמאַכט די גרעסטע מערהייט אין לאַנד און איז געווען אַ קלאַס פון אומאָפּהענגיקע קליינע ערד-אייגנטימער. דאָס איז נאָך איינגעשטעלט געוואָרן באַם פעאָדאַליזם. „די פעאָדאַלע פראָדוקציע כאַראַקטעריזירט זיך דורך דער פאַנאַנדערטיילונג פון דער ערד צווישן וואָס אַ גרעסערער צאָל פעאָדאַל=אָפּהענגיקע פויערים" (מאַרקס). די מאַכט פון די פריצים האָט זיך געמאָסטן מיט דער צאָל אונטערטעניקע, דעריבער האָט מען אויפגעהיט אַ מאַסע פויערים, וואָס האָבן געפירט אַ זעלבשטענדיקע באַלעבאַטישקייט. נאָך אין דעם 15-טן יאָרהונדערט זיינען די ענגלישע יאָמענס (פויערים ערד-אייגנטימער) געווען אין אַ בליענדיקן צושטאַנד. עמעס, דער גאָר אַלטער ענגלישער מאַיאָנטעק („מענאָר") איז, ווי עפּעס אַ גאַנצע, צום 15-טן יאָרהונדערט שוין כאָרעוו געוואָרן, אָבער ביכלאַל איז די ערד אין דאָרף געווען איינגעטיילט אַף „דאָמענס" — דעם לאָרדס ערד, ערד וואָס מע האַלט פריי, און צוגעפעסטיקטע ערד, וואָס מע פלעגט אָפּגעבן אַף די טנאָאים פון „כאַזאָקע" (די ערד פון די „קאַפּיהאָלדערס"). אַהער דאַרף מען אויך צורעכענען די קאָהאָלשע ערד, לאָנקעס און פאַשע=פעלדער.

פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק פלעגט דידאָזיקע סיסטעם ווערן אַלץ מער פאַרפלאָנטערט. די ערד פלעגט אַריבערגיין פון האַנט צו האַנט, דער „מענאָר" פלעגט אָפּט צעטיילט ווערן אַף כאַלאָקים, אָבער אין קלאַל גענומען האָבן זיך אין ענגלישן דאָרף אויפגעהיט דריי קלאַסן: אַן אומבאַדייטנדיקער קלאַס פרייע ערד-האַלטערס, אַ פילצאָליקער קלאַס פון ערד-האַלטערס אַפן יעסאָד פון „כאַזאָקע", ד. ה. אַזוינע, וואָס האָבן שוין פון פאַרציַיטן געהאַלטן די ערד אין „מענאָר" און פויערים-קאַטעדזשערס, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ פיצל ערד, אָבער זיינען געווען אָפּהענגיק פון סכירעס.

דאָס ערד=אייגנטום אין ענגלאַנד פאַר דער אַגראַרער רעוואָלוציע איז כאַראַקטעריסטיש דורך דער אויסערגעווייגלעכער צעוואָרפנקייט פון די ערד-כאַלאָקים: קיין איין ערד-אייגנטימער האָט ניט פאַרמאָגט קיין גאַנצן ערד-כיילעק אין דער פאַראַפיע-געמיינדע — דער כיילעק איז באַשטאַנען פון שטיקלעך, צעוואָרפן איבער אלע עקן פון דער פאַראַפיע. „אזוי באַשטייט די ערד פון דעם פויער וו. לוקאַס צום יאָר 1750 פון 47 פאַסן, צעוואָרפן איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער פאַראַפיע", — אזוי דערציילט אונז אַ דאָקומענט פון יענער צייט. פונקט אַזאַ לאַגע איז געווען קימאַט אומעטום צום אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט, אָבער נאָר אין 4.500 קעהילעס פון 8.500 צום יאָר 1794.

מע דאַרף אויך פאַרצייכענען, ווי אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פונם פאַרצייטיקן ענגלישן דאָרף, וואָס דער סיידער פון בייטן די זיי-פעלדער איז געווען אַ קאָהאָלשער. דער אייגנטימער, דער יאַכיד איז ניט דער פולער באַלעבאָס אף זיינע ערד, זיין טעטיקייט הענגט אָפּ פון דער גאַנצער פויערשער קעהילע. דעמדאָזיקן קלאַל איז געווען אונטערגעוואָרפן אויך די ערד פון דעם לאָרד, וואָס די כאַלאָקים אירע זיינען געווען צעוואָרפן צווישן די כאַלאָקים

פויערשע ערד. וואָס איז שאַיעך די קאָהאלשע פאשעס, לאָנקעס, וועלדער, איז האַגאַם אלע האָבן געמעגט באנוצן זיך מיט זיי, אָבער נאָך פון דער צייט פון דעם מ ע ר ט אָ ן - ס ט אַ ט ו ט אין 1235 יאָר ווערט שוין איינגעשטעלט, אַז די לאָרדן קענען עקספּלואטירן זייערע וועלדער, פאַשעס און לאָנקעס, ניט קוקנדיק אַף די טאַינעס פון די ריטער און „פריהאָלדערס", ווען זיי האָבן געשענקט אין פעאָדאַל-אייגנטום קליינע כאַלאָקים באַ זיך אין די „מענאָרס", קאָלזמאַן דידאָזיקע פעאָדאַל-אייגנטימער האָבן „אַזוי פיל פאַשע, וויפל ס'איז נויטיק פאר זייערע ערד-כאַלאָקים". נאָר די לעצטע באַגרעניצונג איז באַטל געוואָרן, ווען די לאָרדן האָבן פון סאָף 15-טן יאָרהונדערט אָן אָנגעהויבן פארכאַפּן און פאַרצוימען דידאָזיקע ערד. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ מיי-נונג, אַז די לאָרדן זיינען באַלעבאַטים איבער דידאָזיקע ערד און „דאָס רעכט צו ניצן די קאָהאָלשע ערד ווענדט זיך פון דער גרויס פון דעם אייגענעם כיילעק ערד". „דאָס איז ערד, וואָס איז שאַיעך ניט צו אלע פויערים, נאָר צו די באלעבאַטים", אזוי האָט מען אין יענער צייט געדענקט. אַזאַ מין טעאָריע איז אויך געווען אַ טערעץ צו עקספּראָפּריאירן די פויערים אין אָנהויב, ווען מלוכע פלעגט נאָך (אין 15-טן און 16-טן יאָרה.) ארויסטרעטן קעגן פאַרכאַפּן די ערד און צופיל שאָפּצוכט. אזוי האָט אַ געזעץ פון 1574-טן יאָר פאַרווערט, אַז איין מענטש זאָל האלטן מער פון 2.000 שעפּסן. די מלוכע איז אַף דעם גע-גאַנגען דאן, ווען די ניט גענוגנדיקע אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם האָט גוירעם געווען, אַז די פויערים—קליין-אייגנטימער זאָלן זיין דער אָנהאַלט פון דער מלוכישער פּאָליטיק. די לאָרדן פלעגן אַרויסטרעטן קעגן דעם געזעץ און פלעגן צוליב די אייגענע אינטערעסן אויוועק זיין אַפּן געזעץ.

אזוי האָט דער ענגלישער דאָרף פאָרגעשטעלט ביז דער איבערקערעניש אַן אָפּגעשלאָסענע אייניקייט, וואו עס האָט ניט געקענט געמאָלט זיין קיין שום ווירטשאַפטלעכע איניציאַטיוו; דער דאָרף איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפעניש פון דעם אויסגעברייטערטן האַנדל און אינדוסטריע. דאָס אַלץ האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט דורך דער אַגראַרער רעוואָלוציע.

דער געוואלט-כא-ראקטער פון דעם פּראצעס פון פאר-ערדלאזיקן די פוי-ערים.

אין 14-טן און 15-טן יאָרהונדערט איז ז'ער סכום פאַשע-פעלד בעגויגייע דעם סכום אַקער-פעלד אין דאָרף געווען אין אַ פּראָפּאָרציע פון איינס צו דריי אָדער פיר, ד. ה. אין דריי—פיר מאָל ווייניקער; אין 17-טן יאָרהונדערט ווערט די פּראָפּאָרציע איינס צו איינס, און צום אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט — 3 צו 1, ד. ה. פאשע פאַרנעמט שוין אַ שטעך דריי מאָל גרעסער איידער אַקער-פעלד. ווי אַזוי איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון פאַרבייטן די אַקער-פעלד אַף פאַשע און די אויסבילדונג פון גרויסן ערד-אייגנטום? וואָס איז שאַיעך די לאָרדן, פלעגן זיי צוליב די אייגענע אינטערעסן האָדעווען שעפּסן אַף זייערע אייגענע ערד. דידאָזיקע ערד-כאַלאָקים פלעגן זיי ארומצאַמען; דערביי, ווי עס איז קענטיק פון א באַריכט פון 1549-טן יאָר, האָט זיך גע-

רעכנט, אַז דאָס וואָרט „ארומצאמען" איז ניט כּאַל אַף יענע פֿאַלן, ווען איי־
נער שטעלט אַ פּלויט אַף דער אייגענער ערד, וואו קיינער האָט ניט געהאַט
קיין פֿאַשע. נאָר דער אייגענער אינטערעס פֿלעגט אָפּט ברענגען אויך די
פרייע ערד־האַלטערס, די „פריהאלדערס", דערצו, אַז זיי זאָלן פֿאַרצאמען
זייערע ערד־כאַלאָקים און אריבערגיין צו פּיצוכט, ניט געצוואונגען פֿון קיינעם.
דער פּראָצעס פֿון פֿאַרייניקן קליינע שטיקלעך ערד פֿון איינעם אָדער אַ האַלבן
אָקער (אַן אָקער—$^1/_2$ דעסיאַטין) אין איינעם אַ גרעסערן קיילעק, אָדער די
ארומצאמונג פֿון אַ קיילעק אין 3—4 אָקער האָט אויך אָפּט געשטימט מיט די
אינטערעסן פֿון די ערד־האַלטערס. די לאָרדן און אויך די פּויערים־אייגנטימער
זיינען געװען פֿאַרינטערעסירט פֿאַנאַנדערצוטיילן די קאָהאַלשע ערד. בלייבט
אַ געוואַלדיקע מאסע ערד־האַלטערס אַלפּי „כאַזאָקע". אָט זיי האָט מען עס
עקספּראָפּריאירט. דערביי האָבן מער פֿון אלעמען געליטן די פּויערים־„קאָ-
טעדזשערס", ד. ה. די, וואס האָבן פֿאַרמאָגט א קליין קיילעקל ערד און פֿלעגן
ארבעטן אַף די ערד פֿון די גרעסערע באַלעבאַטים (ז. מאט. און דאק. № 3).
די כאַזאָקעהאַלטער פֿלעגן האַלטן ערד אַפּן יעסאָד פֿון אַ „כאָק", וואס האָט
געהייסן אַזוי: „בעהעסקעם מיטן ראָצן פֿון די לאָרדן". דער לאָרד האָט דע-
ריבער זיך באַטראכט ווי א באַלעבאָס פֿון דער פּויערשער ערד. די צוגעפּעס-
טיקטע ערד־האַלטערס האָבן פֿאַרמאָגט זייער אייגנס, ווי די פּויערים פֿלעגן
אַמאָל זאָגן, „נאָר די אייגענע הוילע פּעמפּיקעס", און אַזוי ווי די צעברעקלט-
קייט פֿון דעם פּויערס ערד און דער קאָהאָלשער סיידער פֿון בייטן, די זיי־
פּעלדער, מיט די קאָהאָלשע פֿאַשע־פֿעלדער, האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג
פֿון פּיצוכט, פֿלעגן די לאָרדן פֿאַרטרייבן די פּויערים. עמעס, אין ענגלאַנד
האָט דער דאָרף שוין אָנגעהויבן בלייבן אָן ערד נאָך פֿון פריער. ווי א פּויעל-
יוֹצע פֿון דער אנטוויקלונג פֿון שטאָט, מעלאָכע און האנדל, און אַגעוו אויך
ווי א רעזולטאַט פֿון דער שווארצער מאַגייפע (1348). די אָרימע פּויערים ערד-
האלטערס פֿלעגן אָפּט אליין זייך פֿאַרינטערעסירט צו פֿאַרייניקן זייערע צע-
ווארפענע שטיקלעך ערד און אַרומצאמען די קאָהאָלשע ערד צוליב פּיצוכט.
די ניט געזיכערטע לאַגע פֿון דעם „קאטעדזשער", אדער דעם פּויער ערד-
האַלטער, פֿלעגט אים אָפּט ברענגען דערצו, ער זאָל מיט סימכע אומקערן די
ערד צום לאָרד אָדער גאָר לאָזן זי אַף העפקער, קעדיי צו פֿאַרדינען אַפּן לעבן,
ווי אַ געדונגענער ארבעטער — א סכיר־יאָם. אַזוי זעען מיר, אז דער פּראָצעס
פֿון דער פּויערשער פֿאַרערדלאָזיקונג האָט זיך זיינע עקאָנאָמישע סיבעס, וואס
ליגן אויסער צוואַנג. נאָר פֿון דעם דרינגען אנדערע געלערנטע, אז דער פּראָ-
צעס פֿון דער פּויערשער פֿאַרערדלאָזיקונג איז קלוימערשט געװען א פרידלע־
כער. זיי פּרוּאוון זיך אָפּפֿרעגן מאַרקסן, וואָס האָט אין דער עקספּראָפּריאַציע
פֿון די פּויערים געזען איינע פֿון די סאמע געוואַלט־רעוואָלוציעס אין דער וועלט.

אין דערדאָזיקער פראגע, פּונקט ווי אין דער פראגע פֿון קאפּיטאל־אָנ־
זאמלונג, האָבן מיר צו טאָן מיט א רעוואָלוציע. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אַף אָט
דער „פרידלעכער" פֿארצאמונג פֿון דער ערד, וואָס מיר האָבן פריער געשיל־
דערט. דער לאָרד פֿארצאמט זיין קיילעק ערד, אָבער דערמיט גופע מאַכט ער

א טעל פון דער גאנצער סיסטעם פון קאָהאָלשן ערד-אייגנטום: זיינע כאַלאָקים זיינען דאָך צעוואָרפן צווישן די פויערשע. דערביי דארף מען ניט פארגעסן, אז דער לאָרד איז דער רייכסטער באלעבאָס. דער פויער מוז זיך גלייך אונטערגאַרטלען. דער לאָרד, לאָמיר זאָגן, גייט אריבער פון אקער צו פיצוכט. דערמיט לאָזט ער איבער דעם קאטעדזשער אָן זיין צוגאָב פאַרנאָסע, און אף אַזאַ אויפן צווינגט ער אים צו פארלאָזן דעם דאָרף. נאָר דער לארד טרייבט פּאַשעט אוועק דעם פויער פון דער ערד: ער „רייניקט אָפּ" די ערד פון די ערד-האלטערס. עס איז אונז איבערגעבליבן אַ גאנצע ריי פארשריבענע דאָקומענטן וועגן דערדאָזיקער גזיילע. אָט איז איין דאָקומענט אזא: „דער און דער האלט אין דאָרף אַ מאיאָנטעק מיט אזוי פיל און אזוי פיל אקער ערד, וואָס איז פריער געווען אונטער אקער-פעלדער. איצטער ווערט דער מאיאָנטעק כאָרעוו, און די ערד איז פארוואנדלט אין פאַשע" און געפינט זיך באם לאָרד אין די הענט. דאָקומענטן דערציילן אונז וועגן דעם וואוקס פון די פאַשע-פעלדער, וועגן דעם, אז „די באארבעטונג פון אקער-פעלדער פאלט, קירכן און הייזער ווערן כאָרעוו, און געוואלדיקע מאסן מענטשן האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו מאכן א לעבן פאר זיך און דער הויזגעזינד". לעכאטכילע פלעגט מען ארויסגעבן ספעציעלע געזעצן, וואָס האָבן פארווערט כאָרעוו צו מאכן פויערשע הייזער (לעמאָשל, דער אקט פון הענרי דעם 7-טן אין 1489-טן יאָר). אָבער דער כורבן פון פויערשע הייזער איז געוואָרן א מאסן-דערשיינונג, און אומזיסט זיינען געווען אלע געזעצן. אַ נייעם שרעקלעכן שטויס האָט די געוואלט-עקספּראָפּריאירונג פון די פויערים געקראָגן אין 16-טן יאָרהונדערט אדאנק דער רעפאָרמאציע און דעם איבערגאנג פון די אומגעהויערע ערד-אשירעס פון דער קירך צום קיניג. דידאָזיקע ערד פלעגט מען צעשענקען די לאָרדן, און די ערד איז געוואָרן אַן ארטיקל פאר ספעקולאציע, סאָכרים פלעגן ארײַנדרינגען אין די ערד-מאיאָנטקעס, פלעגן פארטרייבן די פון דאָר דוירעס איינגעזעסענע ארענדאטאָרן און פלעגן זיך נעמען צו פיצוכט. נאָר ביזן אנהויב 18-טן יאָרהונדערט און אפילע ביז דער צווייטער העלפט פון דעמדאָזיקן יאָרהונדערט איז די אומאפהענגיקע פויערשאפט אין ענגלאנד ניט פארשוואונדן. זי איז געווען דער איקער קויעך און אָנהאלט פון דער ענגלישער רעוואָלוציע אין 17 יאָרהונדערט, און אויב צום סאָף פון דעמדאָזיקן יאָרהונד. איז אין ענגלאנד געווען 180 טויזנט „פריהאָלדערס", איז אין אַ הונדערט יאָר ארום זיינען זיי פאקטיש פארשוואונדן. אין דער צווייטער העלפט פון דעם 18-טן יאָרהונדערט איז אינגאנצן פארשוואונדן אויך דער קלאַס „יאָמענס". דער באוואוסטער ענגלישער עקאָנאָמיסט און רייזנדער ארטור יאָנג האָט געהאלטן, אז אין 1787 יאָר זיינען די „יאָמענס" אין ענגלאנד שוין קימאט אינגאנצן פארשוואונדן. „זייערע ערד, שרייבט ער, זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון די לאָרדן מאָנאָפּאָליסטן". אפן 18-טן יאָרהונדערט, דער איקער אף זיין צווייטער העלפט, פאלט אויס די פארשטארקונג פון דער ערד-עקספּראָפּריאציע. לאָמיר באטראַכטן די ציפערן: פון 1710-טן ביז 1760-טן יאָר איז ארומגעצוימט געוואָרן 300 טויזנט אקער, פון 1760-טן ביז 1843-טן יאָר דערגרייכט שוין די ציפער ביז

7 מיליאָן, פון 1801 ביז 1831 האָט מען עקספּראָפּריאירט ביז 3.511.770 אקער ערד. דערביי האָט זיך אין 18-טן יאָרהונדערט גאָר שטארק ארויסגעוויזן דער פּראָצעס פון פאריייניקן באזונדערע ערד-כאַלאָקים און די אויסבילדונג פון גרויסע פערמעס. אזוי האָבן אין א באשטימטער געגנט פון ענגלאנד אין 1778 יאָר 24 פערמעס צונויפגעגאָסן זיך אין 3, אין אן אנדער אָרט האָבן 30 פערמעס פאריייניקט זיך אין 2 און אז. וו. די סיבע פון אזא פארשטארקונג פון דעם פּראָצעס פון פארצאמונג און פאריייניקונג פון די ערד-נאכלעס צום סאָף 18=טן יאָרהונדערט דארף מען זוכן אין דעם איבערגאנג צו קאפּיטאלי-סטישער ערד=ארבעט. עס ווערט גרעסער אויך די פּיצוכט.

ביסלעכווייז בייט זיך די באציאונג פון מלוכע צו דער עקספּראָפּריאירונג פון די פּויערים: עס צעבליט זיך די „פּארלאמענטארישע גזיילע" (ז. מאט. און דאק. נומער 3). דאָס האָט זיך אָנגעהויבן צום סאָף 17=טן יאָרהונדערט, ווען „בא דער מאכט האָבן זיך געשטעלט פּריצים און קאפּיטאליסטן, וּשעדנע רייך צו ווערן". ווי מאַרקס זאָגט, „האָבן די בורזשואזע קאפּיטאליסטן געשיצט די דאָזיקע אָפּעראציע אגעוו אויך דערפאר, קעדיי די ערד זאָל ווערן אן ארטיקל פון פרייען האנדל, קעדיי אויסצוברייטערן די גרעניצן פון דער לאנדווירט-שאפטלעכער פּראָדוקציע, פארגרעסערן דעם צופלוס פון פויגל-פרייע פּראָלע=טאריער פון דאָרף". אזוי איז דער 18=טער יאָרהונדערט, דער יאָרהונדערט פון ענגלאנדס קאַלאָניאלן און האנדלס-אויפבלי, געווען אויך דער יאָרהונדערט פון איר אגרארער און טעכנישער רעוואָלוציע.

דער פּראָגרעס פון לאנדווירטשאפט צום סאָף 18־טן יאָרהונדערט.

דאָס, וואָס די פּויערים זיינען געבליבן אָן ערד, האָט נאָך געהאט די באטייטונג, וואָס עס איז באַ=שאפן געוואָרן אַ ברייטער איינעוויינקסטער מאַרק פאַרן געברויך פון לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן. פרייער פלעגט דער פּויער פּראָדוצירן אלץ אליין פאַרן אייגענעם געברויך. איצטער האָט ער אלץ געדאַרפט קויפן. רוי-מאַטעריאַלן און לעבנס-מיטלען זיינען געוואָרן א סכוירע. פון דאנען נעמט זיך דער פּראָגרעס פון לאנדווירטשאפט אין 18-טן יאָרהונדערט. דער צוואנג=סיידער פון זיי=פעלדער, די צעוואָרפנקייט פון די ערד-נאַכלעס, מאַכלויקעסן וועגן די רעכט אף פּאשע, וועגן די גרעניצן פון די נאַכלעס, — דאָס אלץ זיינען געווען מעניעס פאר דעם פּראָגרעס פון לאנדווירטשאפט. נאָר דאָס אינדיווידועלע, גרויסע ערד-אייגנטום האָט ניט געוואוסט פון אזוינע מעניעס. און די שטרעבונג צו שאַפן א גרויסע נאַכלע איז סאָף 18-טן יאָרהונדערט איז געוואָרן א ליידנשאַפט בא די פּארמעגלעכע קלאַסן. און דער האנדלס-קאַפּיטאל האט זיך אוועקגעלאָזט אין דער לאנדווירטשאפט אריין: דער סויכער ווערט אן ערד=אייגנטימער, און דער לעצטער טרעט ארויס ווי אן אונטערנעמער. דער דורכשניטלעכער עקספּאָרט פון טוואוע פון 1697 ביז 1765=טן יאָר איז אויסגעוואקסן ביז 500.000 קוואָר=טערס א יאָר. איינצייטיק דערמיט האָט זיך פארבעסערט די באארבעטונג פון דער ערד, האָבן זיך פאַרפולקומט די מעטאָדן פון פּיצוכט און אז. וו. און עס

האָט זיך אויפגעהויבן דער פרייז אף ברויט און ערד, עס איז פאָרגעקומען דער פראָצעס פון קאַפּיטאַליזירונג פון דער לאנדווירטשאפט.

דער וואוקס פון די שטעט און פון דער אינדוסטריעלער באפעלקערונג אין ענגלאנד.

דאָס אריינדרינגען פון קאַפּיטאל אין דאָרף האָט געבראכט ניט נאָר צו דער פאראָרימונג פון די פויערים און דער אַשירעס פון די פריצים. ענגלאנד האָט אים צו פארדאנקען אויך איר וואוקס פון די שטעט און איר אינדוסטריאליזירונג פון דער באַפעל-קערונג. פון דעם יאָר 1700 ביז 1750 האָט דער צו-וואוקס פון דער ענגלישער באפעלקערונג אנגעטראָפן 18%, און אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאָרהונדערט פון 1760 ביז 1801 יאָר האָט דער צו-וואוקס דערגרייכט ביז 59%, דערביי איז די פארגרעסערונג פון דער באפעל-קערונג פאָרגעקומען, דער איקער, אין די ראַיאָנען פון לאנד, וואו עס אנט-וויקלט זיך די אינדוסטריע. אזוי האט אין לאנקאשיר די באפעלקערונג פאר-גרעסערט זיך פון 1700 ביז 1750 יאר אף 78%, אין יאָרקשיר אף 52% (דאָס זיינען צענטערס פון באָוול און וואָל = מאנופאַקטור); אין קענט, דעם סאמע באפעלקערטן לאנדווירטשאפטלעכן ראיאן, האט דער צוואוואוקס אנגע-טראפן סאַכאַקל 20%. עס איז געוואקסן די באפעלקערונג פון די שטעט. לי-ווערפול — דער וויכטיקסטער האַנדלס-פאָרט — האט אין 1685 יאָר געציילט 4.000 נעפאַשעס, און אין 1760 — 35.000; אין מאַנטשעסטער האָט זיך די בא-פעלקערונג פארגרעסערט פון 6.000 ביז 40.000 און אז. וו. עס איז אנגעגאַנ-גען אויך א פראָפּעסיאנעלע איבערגרופּירונג פון דער באַפעלקערונג. אויב צום סאָף 17-טן יאָרה. איז אף 4.275.000 נעפאַשעס פון לאנדווירטשאפטלעכע קלאסן אויסגעקומען 246.000 באשעפטיקטע אין מיסכער און 240.000 — אין מאנופאקטור, איז אין 1769-טן יאָר די ערשטע געווען 3 מיליאן, די צווייטע 700 טויזנט און די דריטע 3 מיליאן. עס איז אויפגעקומען נאָך א נייע גרופּע פּאופּערס — קאַבצאָנים, — 600 טויזנט נעפאַשעס. אזא מין ענדערונג אין דעם צוזאמענשטעל פון דער באפעלקערונג איז געווען א פּויעליויצע ניט נאָר פון דער אגרארער איבערקערעניש, נאָר אויך פון דעם אינדוסטריעלן וואוקס פון דער מעדינע.

פון מעלאכע צום פאבריק.

מיר האָבן שוין פאַר זיך, הייסט עס, אי קאַ-פּיטאל, אי אַרבעט-קראפט, ווי אַ פּויעל-יויצע פון דעם פראָצעס פון אורשפּרינגלעכער אָנזאַמלונג. דאס גופע גיט שוין אַ שטויס דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. אַ האַסכאָלע פון דעם ערשטן און וויכטיקסטן צווייג אירן, דער וואָל-אינדוסטריע, איז אין ענגלאנד שוין געווען נאָך אין 13-טן יאָרהונדערט. אין 14-טן יאָרהונדערט האָט מען פון פלאַנדריע אַריינגעבראכט אין ענגלאנד די קונסט צו מאַכן גע-וואַנט, און אייניקע פון די ראַיאָנען פון דער וואָל-אינדוסטריע זיינען אויפגע-קומען אַדאנק דער איבערוואַנדערונג פון די פלאַנדריער אין 16-טן יאָרהונד.

אין דער לאַנדווירטשאַפט איז א רייַ אויסבעסערונגען געקומען ווי אַ פּועל-יוצא פון דער ווירקונג פון האָלאַנד אף ענגלאַנד. דאָס באַווייזט אלץ אַף דער ראָלע פון דער אויסלענדישער פּראָדוקציע אין דער עקאנאָמישער אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד. אירע אינדוסטריעלע צענטרען זיינען געוואָרן אַזוינע, ווי אַ רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון אירע האַנדל-שטעט. אַזוי האָט די אינדוסטריע פון לאַנקאשיר צו פאַרדאַנקען איר פּראָגרעס דעם וואוקס פון דעם האַנדל פון ליווערפּול. ווי דאָס זאל ניט זיין, זייער אַנטוויקלונג גייט פּאַראַלעל. איינס הענגט אָפּ פונם אַנדערן.

די געלט-ווירטשאַפט אין לאַנד האָט שוין לאַנג צעגלידערט דעם אלטן אויפן פון פּראָדוקציע. מעלאָכע האָט זיך אָפּגעשיידט פון ערדאַרבעט. פון דעם 14-טן און 15-טן יאָרהונדערט אָן ווערט צעפאַלן די צעכן-אָרגאַניזאַציע אונ-טערן איינפלוס פון דער אַנטוויקלונג פון דער אויסטויש-סיסטעם. דער באַל-מעלאָכע, וואָס האָט פריער פּראָדוצירט און אליין פאַרקויפט די סכוירע, איז איצטער געוואָרן ניט מער ווי אַ פּראָדוצירער. פון די באַלמעלאָכעס זיינען עס ארויס די, וואָס האָבן אף זיך גענומען, מיט דער אויסברייטערונג פונם אי-נערלעכן מאַרק, די אויפגאַבע פון צושטעלן די סכוירעס פון דעם פּראָדוצירער צו דעם געברויכער. דער סויכער שטעלט זיך ביסלעכווייז איבערן באַלמע-לאָכע. דאָס געצייג האָט פאַרוועט דעם באַלמעלאָכע צו פאַרקויפן, און דעם סויכער צו פּראָדוצירן סכוירע. אָבער דערנאָך ווערן די צוויי מינים טעטיקייט פאַרייניקט, און דער סויכער טרעט אַרויס ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָ-דוקציע. ביז דער פאַבריק גייט דורך די אינדוסטריע דורך עטלעכע מאַדרייגעס. דאָס, וואָס די פּויערים בלייבן אָן ערד, די ניט גענוגענדיקייט פון זייער לאַגע, און אויך די כומרעס (באַגרעניצונגען) פון די צעכן, — דאָס אלץ צווינגט אַרי-בערצוטראָגן די אינדוסטריע פון שטאָט אין דאָרף. ערשט שפּעטער, מיט דער אַנטוויקלונג פון מאַשין-פּראָדוקציע, ווערט די שטאָט ווידער דער צענטער פון אינדוסטריע. אין אָנהויב פון דעם פּראָצעס פון דער אויספאָרמירונג פון אינ-דוסטריע פּראָדוצירט דעם פּויערס הויזגעזינד פון איי גענע רוי-מאַטעריאל, מיט איי גענע פּראָדוקציאָנס-געצייג, מיט די איי גענע קויכעס, באַ זיך אין שטוב זאַכן פאַרן איי גענעם געברויך. שפּעטער קריגט דער ערדאַר-בעטער-אינדוסטריעלער זיין אייגענעם רוי-מאַטעריאל, אַרבעט אליין מיטן הויזגעזינד, פּראָדוצירט גאַרן צי געוועב, און פאַרקויפט עס אַפן אָרטיקן מאַרק אָדער צו שטענדיקע באַלעבאַטים געוואַנט-מאַכערס, צו סאָכרים. דערנאָכדעם ווערט דער סויכער באַלעבאָס פונם רוי-מאַטעריאל. דער-דאָזיקער טיפּ פון שטוביקער דאָרף-אינדוסטריע איז דערהויפּט פאַרשפּרייט אין ענגלאַנד אין דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט. ענדלעך די ווייטער-דיקע מאַדרייגע אין דער סיסטעם פון שטוביקער אינדוסטריע איז יענער טיפּ אירער, וואו דער סויכער טיילט אויס די פּויערים וועבשטולן. אפן יעסאָד פון א ווייט פאַרשפּרייטער הויז-אינדוסטריע אנטוויקלט זיך אין לאַנד די מאַנו-פאַקטור. נאָר ערשט די אַנטשטייאונג פון דער מאַשין באַשאַפט די היינטיקע פאַבריק.

די אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע איז גאָר ענג צוזאמענגעבונדן מיט דער אויסברייטערונג פונם האַנדל. דערדאָזיקער וואוקס איז באַזונדער קענטיק אין דער וואָל-פּראָדוקציע. אַזוי האָט מען — צום סאָף 17־טן יאָרהונדערט באַקומען וואָל פון 12 מיליאָן שעפּסן אַף 2 מיליאָן פונט סטערלינג, און פון דערפון האָט מען אויסגעאַרבעט געוואַנט-סכוירע אַף אַ סומע ביז 7 מיליאָן פונט סטערלינג. אין 1741 יאָר — גיבן 17 מיליאָן שעפּסן וואָל אַף 3 מיליאָן פונט סטערלינג, און די אויסגעאַרבעטע סכוירע פון דערפון טרעפט אָן 8 מיליאָן; אין 1780-טן יאָר באַקומט מען פון 5 מיליאָן פונט רוי-וואָל אַף 13 מיליאָן געוואַנט. אַזאַ וואוקס קען מען זעען אויך אין אנדערע צווייגן פון אינדוסטריע. דער סויכער, וואס מער עס צעוואקסן זיך זיינע געשעפטן, איז געצוואונגען איינצושטעלן אַ שטרענגערן קאָנטראָל איבער די רוי-מאַטעריאַל, וואָס ער צעטיילט, און אויך איבערן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע. צוליב דעם שטרעבט ער צונויפצונעמען אינאיינעם, אונטער איין דאַך, די אַלע פּויערים-אינדוסטריעלער, וואס זיינען צעוואָרפן איבער די דערפער. אַזוי ווערט געשאַפן די מאַנופאַקטור. דער סויכער פאַרייניקט זעלבשטענדיקע באַלמעלאָכעס, אָדער ער נעמט צוזאמען באלמעלאכעס, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אַף אַ געוויסן טייל פון דער אַרבעט. ער שטעלט איין אָן אויסערגעוויינלעך דעטאַלע פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט, און אַזוי שאַפט ער אַ יעסאָד פאר פאַרבעסערונגען אינם אַרבעט-פּראָצעס און פאַר דער טעכנישער רעוואָלוציע (ז. מאַט. און דאָק. נומ. 4). נאָר ווי ווייט די אַרבעט-צעטיילונג אין דער מאַנופאַקטור איז ניט געגאַנגען, איז ביז עס קומען ניט די מאַשינעס, איז אַ גרויסע אונטערנעמונג, בעדערעך קלאַל גערעדט, אַן אויסנאַם-זאַך. מאַנופאַקטור — איז אַ איבערגאנג-פאָרם אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע צווישן דער דאָרף-אינדוסטריע און דער פאַבריק.

די שוואַכע אַנטוויקלונג פון גרויס-אינדוסטריע ביז דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט באַשטימט אין ענגלאַנד אַ גאַנץ קענטיקע אָפּגעשטאַנענקייט פון איר אינערלעכן מאַרק. אַף זיין כיילעק פאַלט אויס, עמעס, 5/6 פון דעם גאַנצן האַנדל פון דער מעדינע (צום אָנהויב 18-טן יאָרה.), אָבער די אָרגאַניזאציע זיינע איז אַ גאַנץ פּאָשעטע: דער פּראָדוצירער אָדער דער אויפקויפער טראָגט אַרויס די סכוירע אָפן נאָענסטן מאַרק אָדער פירט עס אַרויס אָפן יאַריד. דער שלעכטער צושטאַנד פון די וועגן, דאָס אויספעלן פון טייך קאַנאַלן מאַכט באַזונדער שווער די אַנטוויקלונג פון דעם אינעווייניקסטן מאַרק.

אַרבעט און קאַפּיטאַל ביז דער איבערקערעניש.

ביז וואַנען עס קומען אויף מאַשינעס איז די אָפּשיידונג צווישן אינדוסטריע און ערדאַרבעט ווייט ניט פאַרגאַנגען. דער דאָרפישער אינדוסטריעלער באַאַרבעט אָפט אליין די ערד. דער באַגריף „פאַבריקאַנט" האָט ניט געהאַט זיין איצטיקן באַטייט: אַזוי פלעגט מען רופן איטלעכן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער אינדוסטריע. „די בלוטיקע געזעצגעבונג קעגן „אַרבעטער" האָט געהאַט אין זיך איקער די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער.

יאָרהונדערטער לאנג האט מען ארויסגעגעבן געזעצן, וואס האָבן געשראָקן דעם אַרבעטלאָזיקן פויער מיט טויט-שטראָף אָדער מיט קנעכטשאַפט. דידאָזיקע געזעצגעבונג איז געווען געווענדט קעגן די אָרימע לייט. די געזעצן פון דער מלוכע האָבן גענויט די פויערים צו אַרבעטן אַפן פּאָריץ, אַף טנאָים, וואָס ער אליין באַשטימט. דיזעלביקע געזעצן האָבן צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט באַוואָרנט די פאַבריקאנטן מיט ארבעט-קראַפט. די אָרימעלייט, וואָס די דאָרף-קעהילעס פלעגן אויסהאלטן, האָבן זיך אזוי אויפגעהיט אין ענגלאנד ביז סאַמע דעם 19-טן יאָרהונדערט ווי „קנעכט פון די פאַראַפּיעס", און באַ דער ערשטער פאָדערונג נאָר פלעגט מען מיט זיי באזאָרגן די פאבריקאַנטן. דאָך אין מעלאָכע און הויז-אינדוסטריע זיינען די באַציאונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל געבליבן פאַטריאַרכאַלע. סאָציאַלע קאָנפליקטן פלעגן פאָרקומען זעלטן, די מאַשין און מיט איר די פאַבריק-קאַזאַרמע האָבן אויך דא אַריינגעבראַכט א שאַרפע ענדערונג.

די מאַשין קומט.

ווי אָפט עס פלעגן ניט פאָרקומען טעכנישע אויסבעסערונגען ביזן מיטן 18-טן יאָרהונדערט, קען מען זיי דאָך ניט פאַרגלייכן מיט די אויפטוען פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט: יענע האָט מען קיינמאָל ניט אויסגענוצט אין אזאַ מאָס, און זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ ווערדע. צום ערשטן באַווייזן זיך דידאָזיקע אויפטוען אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, דעהאינע, אין באַוול געשעפט. דאָס דערקלערט זיך קוידעמקאָל דערמיט, וואָס אָט דער צווייג איז אין לאַנקאַשיר געווען מער קאָנצענטרירט פון אַנדערע. דידאָזיקע אינדוסטריע איז געווען אַ נייע, זי האָט ווייניקער פון אַנדערע געליטן פון אָפּגעלעבטע צעך-טראַדיציעס, באַוול-סכוירעס האָבן ביכלאַל געקאָסט ביליקער פון וואָלענע, אָט דעריבער האָט זיך אַהער געווענדט דער טעכנישער זשעני. מע דאַרף דערביי אויך ניט פאַרגעסן, אַז די שטרעבונג צו טעכנישע אויסבעסערונגען איז נאָך אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס די מעקאָכים אַף די אַרטיקלען פון דער פּראָדוקציע זיינען געפאַלן, און די אונטערנעמער האָבן דעריבער געשטרעבט וועלוועלער צו מאַכן די פּראָדוקציע; דאָס האָט מען געקענט דערגרייכן נאָר פאַרקלענערנדיק די הויצאָעס פון דער פּראָדוקציע און מאַכנדיק וועלוועלער די ארבעט. איןביידע פאַלן האָט געקענט אַרויסהעלפן די מאַשין. הייסט עס, די גענוג ברייטע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין ענגלאַנד, די ספּעציאַליזירונג פון אַרבעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק דער מאַנופאַקטור, די פריערדיקע טעכנישע אויסבעסערונגען, די באַזונדערע טנאָים פון דער באַוול-אינדוסטריע און די עקאָנאָמישע פאַרינטערעסירטקייט פון דער בורזשואזיע, — אט דאָס האָט באַשטימט דאָס צוקלערן פון מאַשינעס, און ניט דער „ערפינדונג-זשעני", צי די ערפאָלגן פון וויסנשאַפט אַליין פאַר זיך, ווי אַנדערע ווילן האָבן. שוין דער סיידער גופע פון די דערפינדונגען באַווייזט אַף דער ריכטיקייט פון אָט דעם שטאַנדפּונקט. אין 1733 יאָר האָט דזש. קעיס מעכאַנישער שיצל (וועבער-שיפל) אַרויסגערופן אַ באַדערפעניש אין אַ גרעסערע

פּראָדוקציע פון גאַרן. וואַטס און פּאָלס פּרואוון האָבן געגעבן די מעג־לעכקייט אַרקרייטן צוטראַכטן אין 1769 יאָר אַ שפּין־מאַשין, און אין 1764 יאָר האָט הארגרעווס אויפגעבויט אַ מאַשין „דזשעני", וואָס האָט אויסגעאַרבעט דינע גאַרן; קרעמפּטאָנס מאַשין אין 1779 יאָר האָט פאַרייניקט די לעצטע צוויי אויפטועך („מיול־דזשעני"). די פאַרגרעסערטע אויסאַרבעטונג פון גאַרן האָט נויטווענדיק געמאַכט דאָס צוטראַכטן פון אַ מעכאַנישן וועבשטול אין 1785 יאָר דורך קארטרייטן. די אַלע אויפטועך האָבן באַשאַפן א „מאַשין, וואס שפּינט אָן פינגער". אַזוי זיינען דערגרייכט געוואָרן די טעכנישע אויסבעסערונגען בענויגייע איין טייל, דעם הויפּט־טייל פון דעם ארבעט־פּראָצעס—דער האנטאר־בעט. דערנאָכדעם האָבן די אויפטועך דערלאַנגט אויך צו דער מעכאַנישער קראפט: אין 1769 יאר קריגט דשעימס אואט א פּאַטענט אף א דאמף־מאשין. ערשט מיט 16 יאר שפּעטער הויבט מען זי אָן אנווענדן צו דער טעקסטיל־פּראדוקציע. דער אויפבלי פון מאַשין־פּראדוקציע ווייזט זיך קלאר ארויס אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט, אבער שוין צום סאף 18־טן יארהונדערט איז דער רעזולטאט פון דער טעכנישער איבערקערעניש געווען באשטימט. מיט דער מאַשין קומט אויך די פאבריק. „דער קאסט פון דער מאשין, די קאמפּלי־צירטקייט אירע, די אנווענדונג פון מעכאנישע באוועגערס,— די ווירקונג פון דאָס אלץ צוזאמען האָט געבראכט די ארבעט פון דער הויז־אינדוסטריע אין דער גרויסע פאבריק אריין". די פּאבריק און די מאשין ברענגען מיט זיך אומענדלעכע מעגלעכקייטן פאר דער אויסברייטערונג פון דער פּראדוקציע, און שאפן א יעסאד פאר א איבערקערעניש אין דער געזעלשאַפט, וואס עס קען בייט אויפטאן די מאנופאקטור און די הויז־אינדוסטריע, וואס זיינען געבויט אפן יעסאָד פון מעלאכע. צום סאף 18־טן יארהונדערט האט זיך אין ענגלאנד ארויס־געוויזן אט די רעוואָלוציאנערע באדייטונג פון מאשינעס (ז. מאט. און דאק. נומער 5).

די מאַשין מאַכט נויטווענדיק אַן אומדערהערטע אָנווענדונג פון פרויען־ און קינדער־אַרבעט, פאַרשטאַרקנדיק די עקספּלואַטאַציע. די מאַשין, ווי אַ טרע־גערין פון קאַפּיטאַל, פאַרקירצט די אַרבעט־צייט, וואָס איז נויטיק אף צו פּראָ־דוצירן די סכוירעס, מאַכט ביליקער זייער פּראָדוקציע גופע. זי פאַרגרעסערט אָבער דעם אַרבעטסטאָג, פאַרקלענערט די סכירעס און באַשאַפט א שטענדיקע רעזערוו־אַרמיי. די לעצטע, ווי אויך די קריזיסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, שטעלן דעם אַרבעטער, ווי אַ פאַרקויפער פון אַרבעט־קראַפט, אין אַ באַזונדער אומגינסטיקער לאַגע. דער קאַפּיטאַליסט, פאַרשטאַרקנדיק די עקס־פּלואַטאַציע מיט דער הילף פון מאַשינעס, פאַרקלענערט די הויצאָעס פון דער פּראָדוקציע, דעקט אין דער קירצסטער צייט די הויצאָעס אף אויסשטאַטן די אונטערנעמונג און איינקויפן די מאַשינעס, און דערמיט גופע פאַרגרעסערט ער זיין רעווער. די מאַשין צעשטערט די אינדוסטריעלע אידיליע פון דער פריער־דיקער צייט, פאַרוואַנדלט דעם אַרבעטער אין אַ צוגאָב צו דער מאַשין. לעכאַטכילע איז דער ארבעטער אַ סוינע דער מאַשין. ער קעמפט מיט איר, און בייט מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָס מאַכט פון דער מאַשין אַ

סוינע דעם אַרבעטער. אָבער די מאַשין און די פאַבריק בינדן פעסט צונויף די ארבעטער און מאַכן מעגלעך צו קעמפן מיט ערפאָלג קעגן דער בורזשואַזיע.

די סאָציאלע פאַר־העלטענישן אין ענגלאנד נאָך דער איבערקערעניש.

די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע פון דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט האָט זיך פולשטענדיק פארענדיקט ערשט אין מיטן 19-טן יאָרהונדערט. אָבער דער אלגעמיינער כאראקטער פון די סאָציאַלע ענדערונגען האָט זיך אָנגעמערקט צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט.

די נייע סאָציאלע פארהעלטענישן האָבן זיך ביסלעכווייז פאָרמירט אפן באַזיס פון דער קאפיטאליסטישער אויפבליאונג פון ענגלאַנד אין סאָף פון 18-טן יאָרהונדערט. דאָס איז צו זעען פון די אונטן געבראכטע טאַבעלן וועגן דעם אויסערן-האנדל פון לאַנד, וועגן דער קוילן-און אייזן-פראָדוקציע און באזונדערס פון די ציפערן פונם וואוקס פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע אין צוזאמענהאַנג מיט דער פארגרעסערונג פונם בוימוואָל-אימפאָרט אין לאַנד.

דער אויסערן-האנדל פון ענגלאנד אין 18־טן יארהונדערט.

	יאָרן	אימפאָרט	עקספאָרט
	1688	7.120.000 (פ. סט.)	4.310.000 (פ. סט.)
	1720	„ 6.090.083	„ 6.910.000
	1730	„ 7.780.019	„ 8.548.982
	1740	„ 6.703.778	„ 8.107.788
	1750	7,8 (מיליאן פ. סט.)	12,7 (מיליאן פ. סט.)
	1760	„ „ „ 9,8	„ „ „ 14,7
ענגלאַנד און אועלס . .	1783	„ „ „ 11,7	„ „ „ 13,9
	1796	„ „ „ 21,0	„ „ „ 29,2
	1798	„ „ „ 25,1	„ „ „ 27,3
גרויס בריטאניע	1800	„ „ „ 28,3	„ „ „ 34,4
	1810	„ „ „ 39,3	„ „ „ 43,6
דאָס פארייניקטע קעניגרייך	1815	„ „ „ 33,0	„ „ „ 58,6

בוימוואל־אימפּאָרט.

יאָרן	פונטן
1710	715.008
1720	1.972.805
1730	1.545.472
1741	1.645.031
1775—1771	4.764.589
1780—1776	6.706.013
1785—1781	10.941.934
1790—1768	25.443.270
1795—1791	30.683.002
1800—1796	41.430.272

אייזן־פּראָדוקציע.

יאָרן	טאָן
1740	17.350
1788	68.300
1796	125.079
1806	258.206
דער ארויסבאקום פון שטיינקוילן	
1660	2.148.000
1700	2.612.000
1750	4.773.820
1770	6.205.400
1790	7.618.722
1795	10.080.300

די אגרארע רעוואָלוציע אין דאָרף האָט באשאפן צוויי קלאַסן: ערד-באַלעבאטים, לאָרדן און פערמערס און אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאריאט, פון די רייען ערדלאָזיקע פּויערים. דער לוקסוס פון די ערשטע און די אָרימקייט פון די צווייטע זיינען געווען הימל שרייענדיק, און דער קלאַסנקאמף צווישן זיי האָט זיך פארשארפט. דער „רויטער האָן" פלעגט ניט זעלטן שפּאַצירן איבער די מאַיאָנטקעס פון די לאָרדן. נאָר אויך אין דער אינדוסטריע איז דער קלאסנקאמף געוואָרן שאַרפער. די קאפּיטאליסטן פאבריקאנטן זיינען איצטער ארויסגעטראָטן קעגן די ארבעטער. די פּאַטריארכאלע באציאונגען פון דער הויז-אינדוסטריע זיינען פארשוואונדן, עס איז פארשוואונדן דער צוזאמענבונד פון די ארבעטער מיט דער ערד. בא די אַרבעטער האָט מען אָפּגענומען דאָס רעכט צו שאַפן פאַריינען, די לאגע זייערע איז געוואָרן אלץ ערגער און ערגער. די עקאָנאָמישע מאַכט פון דער בורזשואזיע פלעגט, מיט דער אונטערשטיצונג פון דער מלוכע, לייזן אלע קאָנפליקטן לעטויוועס דער ערשטער אנטקעגן די ארבעטנדיקע. דער וואוקס פון די מעקאָכים אף ברויט האָט אראָפּגעדריקט דעם ארבעט-לוין, און די שווערע טנאָים פון דער ארבעט אף דער פאבריק און די אָפטע ארבעטלאָזיקייט האָבן פארשארפט דיליידן פון די מאַסן. נאָר אין דער פולער מאָס האָבן זיך די אלע רעזולטאטן פון מאשין-פּראָדוקציע ארויסגעוויזן צום סאָף 19-טן יאָרהונדערט. דעריבער וועט די רייד וועגן דעם זיין שפּעטער.

די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 18=טן יאָרהונדערט האָט זיך געגרייט א מעשעך פון א יאָרהונדערט. זי האָט עס באַשטימט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט

פון דער ענגלישער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג: אַ דערנעענטערונג און אַפילע אַ צונויפוואַקסונג פון די אינטערעסן פון דעם אַדל און דעם האַנדלקלאַס. פון די ייכעס־בריוו פון די סאָכרים פון 16-טן און 17-טן יאָרהונדערט דערוויסן מיר זיך, אַז אַסאַך פון זיי זיינען געווען פּריצים, מעיוכאָסים, לאָרדן. אַזוי שטאַמען די רייכע סאָכרים פון 15־טן און 16-טן יאָרה., די האָרנס—פון אולריך האָרן, דעם זיידן פון ראָלאַן דעם נאָרמאַנדישן הערצאָג; דזש. לאָוטער, וואָס האָט אין 1784 יאָר געקראָגן דעם טיטל גראַף לאָנסדעיל, איז געווען אַן אוראייניקל פון אַ סויכער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט טערקיי א. אז. וו. אָט דער פאַקטישער צונויפבונד צווישן דער געלט-און ערד-אַריסטאָקראַטיע איז געווען דער יעסאָד פון דער פּאָליטישער אָרדענונג אין ענגלאַנד. די „גערימטע" רעוואָלוציע פון 1688 יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעמדאָזיקן בונד. ווילהעלם דער 3-טער פון אָראַניע, וואָס האָט פאַרביטן טשאַרלז דעם 2-טן, האָט, קומענדיק אין לאָנדאָן, געקראָגן שטיצע פון די סאָכרים. דער ענגלישער באַנק, וואָס האָט זיך געגרינדעט צו יענער צייט, האָט געדאַרפט איידעס זאָגן אַף דעם עקאָנאָמישן יעסאָד פון דער מלוכע־אָרדענונג. די ענגלישע קאָנסטיטוציע און דער ענגלישער פּאַרלאַמענט זיינען געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון די הויכגעשטעלטע און פאַרמעגלעכע קלאַסן אַפן יעסאָד פון דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון דער מעדינע. די וויגס זיינען געווען די פּאַרטיי פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין לאַנד, און די טאָריס האָבן פאַרגעשטעלט די אינטערעסן פון פעאָדאַלן ערד־אייגנטום. מיטן קאַמף צווישן די וויגס און די טאָריס איז פול די ערשטע העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט. אין דער צווייטער העלפט, מיטן וואוקס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע און מיט דער אַגראַרער רעוואָלוציע, ווערן די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן געענדערט, די פּאַרטייען דערנעענטערן זיך איינע צו דער אַנדערער האַגאַם, אינגאַנצן גענומען, בלייבט ענגלאַנד אַזוי, ווי זי איז ארויס פון דער רעוואָלוציע פון 1688 יאָר. דער ביל וועגן די רעכט (ז. מאַט. און דאָק. נומער 6), דער קאָנסטיטוציאָנעלער אַקט פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע איז פאַרבליבן דער יעסאָד פון ענגלאַנדס פּאָליטישער אָרדענונג ביז די 30־טע יאָרן פונם 19-טן יאָרהונדערט.

די פּאָליטישע אָרדענונג פון ענגלאַנד אין דער ערשטער און צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט.

פון דער צווייטער העלפט פון דעם 18-טן יאָרהונדערט אָן, אַדאַנק דעם ארייַנדרינגען פון קאַפּיטאַליזם אין דער ערדארבעט, ווערט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַל אַן אנטשיידענע פּאָליטישע קראַפט און ווערט נאָענט מיטן האַנדל-מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. די פּאַרטיי טאָרי ווערט, אַזוי צו זאָגן, דער יעסאָד פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים אין ענגלאַנד, און די וויגס הויבן אָן צעפאַלן זיך. אַ טייל זייערע שליסט זיך אָן אָן די טאָריס, און דער אנדער טייל, אַ ניט באַטייטנדיקער, וואָס האָט פאָרגעשטעלט די אינטערעסן פון אינדוסטריעלן

קאַפּיטאַל, טיילט זיך אויס אין א באַזונדער פּאַרטיי ראַדיקאַלע וויגס (פאָקס, שערידאַן). דידאָזיקע צעפּאַלונג פון די וויגס האָט זיך דערהויפּט ארויסגעוויזן אין דער עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט האָט די ענגלישע רעגירונג, מיט דעם מיניסטער פּיט דעם אינגערן אין דער שפּיץ, פאַרגעשטעלט די אינטערעסן פון דער אַלט-אינדוסטריעלער ענגלאַנד (דעם בונד פון די טאָריס מיט די וויגס). נאָר דערדאָזיקער בונד איז אַנטקעגן געגאַנגען די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. פּיטס אידעאל, ווי דער אידעאַל פון אלע פאָרגעשריטענע עלעמענטן אין לאַנד, איז געווען אַ. סמיט, דער גרינדער פון דער בורזשואזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אויב צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט איז אַפן עקאָנאָמישן געביט פאָרגעקומען א רעוואלוציע, איז דאָס געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן אין ענגלאַנד נאָך פול געווען מיט אָפּגעלעבטע רעשטלעך פון פעאָדאַליזם. א רעגלאַמענטירונג פון דער אינדוסטריע, קיין האַנדל-פרייהייט, הויכע גרעניץ-אָפּצאָלן און אַ גאַנצע ריי געזעצן צו רעגולירן דעם ארבעט-לוין דורך די פרידן-ריכטער, געזעצן וועגן זיבן-יאָריקע מעלאָכע-שילעריי, וועגן שטייערן אף אָרימעלייט, דאָס ברויט-געזעץ לטובֿועס די ערד-באַלעבאַטים און צום שאָדן פון דער אינדוסטריע, — דאָס אלץ האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. בענויגייע דער פאַרוואלטונג מיט דער מלוכע איז די לאַגע אויך געווען ניט בעסער. דאָס לאָרדן-הויז איז געווען דורכויס אין די הענט פון די ערד-אייגנטימער אריסטאָקראַטן, באַשטימטע דורכן קיניג; אין געמיינדן-הויז, אויסגעווייילט דורך 160.000 וויילער אף 8 מיליאָן איינוואוינער פון ענגלאַנד, איז פון 658 דעפּוטאַטן 487 געווען פּריצים אָדער מענטשן רעקאָמענדירט פון פּריצים, העכער הונדערט זיינען געווען דעפּוטאַטן פון די גראַפשאַפטן (קאונטיס), די איבעריקע זיינען געווען פאָרשטייער פון די אָרטיקע שטאָט-ראַטן, אָדער פון פאַרוואָרלאָזטע „צעפּוילטע שטעטלעך", וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן עפּעס אַ באַטייטונג פון שטעט, און זיינען געלעגן באַ די פּריצים אין די הענט. די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואלטונג, אין די דערפער און שטעט, איז אינגאַנצן געווען באַ די פּריצים אין די הענט; די מאַכט פון געריכט — אויך דאָסזעלביקע. „די קלאַסן-יוסטיץ און קלאַסן-רעגירונג" פון ענגלאַנד האָט זיך געפילט דערהויפּט דאָרט, וואו עס פלעגן אָנגערירט ווערן די אינטערעסן פון די ערד-אייגנטימער: אין די פראַגן פון פויערשער ערדלאָזיקייט אדער פון ברויט-מיסכער. פאַרשטייט זיך, אַזאַ מין פּאָליטישע אָרדענונג האָט סויסער געווען די אינטערעסן פון די אינדוסטריעלע קלאַסן, אָבער צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט זיינען זיי נאָך ניט געווען בעקויעך איבערצוענדערן זי. די פאָדערונג פון א וואַל-רעפאָרם איז געוואָרן זייער הויפּט-פאָדערונג. צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט איז דער קאַמף געגאַנגען דער איקער פאַר פרייהייט פון געדרוקטן וואָרט, פאַר עפנטלעכקייט פון די זיצונגען פון פּאַרלאַמענט, פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון די קאַטאָליקן. אין די אַלע פראַגן האָט זיך נאָר ביסלעכווייז און ווי אַ רעזולטאַט פון קאַמף איינגעגעבן איינצושטעלן די גרונט-פּרינציפּן פון יענער פרייהייט, וואָס די בורזשואזע ענגלאַנד שטאָלצירט דערמיט.

הייניטיקן טאָג. אין אַ דער צייט האָט זיך איינגעשטעלט אויך דאָס פּאַראַנט-וואָרטלעכע מיניסטעריום, ווי מע רופט עס. דאָס לעצטע איז אַנטשטאַנען אין ענגלאַנד דערפאַר, וואָס די עקזיסטענץ פון צוויי פּאַרטייען און דאָס, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט געקראָגן מער ווערדע, האָבן געמאַכט דאָס מיניסטעריום אָפּהענגיק פון איינער פון די צוויי פּאַרטייען, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט בּאַ דער מאַכט. עס פאַרשטאַרקט זיך די בורזשואזע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, עס וואַקסט אויך די פּרעסע, ווי אַ באַזונדער מאַכט, עס ווערט געבאָרן דאָס בורזשואַזע ענגלאַנד.

א. סמיט און זיין טוירע.

אָפן עקאָנאָמישן געביט איז אַרויסגעטראָטן א. סמיט, ווי אַ טרעגער פון די אידייען פון פרייען האַנדל און פרייער אינדוסטריעלער טעטיקייט, ווי דער אידעאָלאָג פון די ברייטע מאַסן אונטערנעמער קעגן דער האַנדלס-אַריסטאָקראַטיע (ז. מאַט. און דאָק. נומער 7). א. סמיט האָט געפירט א קאמף אקעגן די מאָנאָפּאָליסטישע קאָמפּאַניעס פון אויסערלעכן האַנדל, קעגן די באַ-גרעניצונגען, וואס מאַכן שווערער די צווישנפעלקערלעכע האַנדלס-באַציאונגען, קעגן דער רעגלאַמענטירונג פון אינדוסטריע. זיין גרונטווערק „רייכטום פון פעלקער" (1776) איז געווען די עוואַנגעליע פון פרייער קאָנקורענץ. א. סמיט האָט אָבער געשריבן נאָך אין דער עפּאָכע פון הויז-פּראָדוקציע, אין דער עפּאָכע פון מאַנופאַקטור. אַט דערפאַר איז בא אים נאָך קענטיק אַ הויכע אָפּשאַצונג פון ערדאַרבעט אין פאַרגלייך מיט אינדוסטריע, און אַ געוויסע פרידלעכקייט בענויגייע די ארבעטער. א. סמיט וויים פון איין איינציקער קראַפט פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג: פּערזענלעכע פּאַרינטערעסירטקייט און די אויפבליאונג פון קאַפּיטאַל. סמיט איז געווען דער אידעאַל פאַר וו. פּיט. און דער האַנדלס-אָפּמאַך, וואס איז אין 1786-טן יאָר געשלאָסן געוואָרן צווישן ענגלאַנד און פראנקרייך, האָט באַטייט דעם ניצאָכן פון די נייע פּרינ-ציפּן אפן געביט פון די צווישנפעלקערלעכע עקאָנאָמישע באַציאונגען, וואָס א. סמיט האָט פּראָקלאַמירט.

די אידעאָלאָגיע פון דער בורזשואזיע און פון דעם פּראָלעטאַריאַט צום סאָף 18-טן יאָר-הונדערט.

די בורזשואַזיע, זיגנדיק עקאָנאָמיש און פּאָ-ליטיש, האָט פאָרמירט איר אידעאָלאָגיע, ווענדנדיק זי ניט נאָר קעגן דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך קעגן דער צוקונפט, קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. מאַל-טוסעס לערע וועגן דעם, אַז די מיטלען צום לעבן וואַקסן לאַנגזאַמער (אין אַן אַריפמעטישער פּראָגרע-סיע), און די באַפעלקערונג שנעלער (אין אַ געאָמעט-רישער פּראָגרעסיע) האָט געדאַרפט דינען צו באַ-גרינדן די אייביקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. נאָך אַ ריי עקאָ-נאָמיסטן פון דער בורזשואזיע באַגרינדן די ניצלעכקייט פון א פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע פון די ארבעטער, אפילע פון קינדער, ווי א דערציאונגס-מיטל.

דאָס דאַרף צוגעוואוינען די אַרבעטער צו ארבעט, אויסהיילן זיי פון שיקרעס און פוילקייט.

אַף אזאַ אויפן האָט די אינדוסטריעלע איבערקערעניש ניט נאָר עקאָנאָמיש אויסגעבילדעט דעם בורזשואַזן קלאַס, נאָר האָט אים אויך געמאַכט אידעאָלאָגיש רייף, אוועקשטעלנדיק אים קעגן אלע איבעריקע קלאַסן: דער לאַנדבאַזיצנדיקער אַריסטאָקראַטיע און דעם אַרבעטער-קלאַס. דער לעצטער איז אויך געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש. ערשט פונם סאָף פון 18-טן יאָרהונדערט האָט ער זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאָרמירן אין אַ פּראָלעטאַריאַט, אינם מאָדערנעם זינען פונם וואָרט. אָבער דאָס, וואָס די מאַסן האָבן געליטן אינם גאַנג פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, האָט ניט געקאָנט ניט אַרויסרופן קיין פּרואוון צו באַנעמען די סיבעס פון די אומגליקן און געפינען א וועג אַף פּאָטער צו ווערן פון זיי. דערביי איז דער געדאַנק פון די אידעאָלאָגן פונם אַרבעטער-קלאַס נאַטירלעך געווען געווענדעט אין דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער ריכטונג: פאַרוואָס רופט די קאָלאָסאַלע אַשירעס פון ענגלאַנד אַרויס אָרימקייט? צווישן די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן פון אָט דער עפּאָכע דאַרף מען פאַרצייכענען ספּענסן, האָלן און גאָדווינען. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר זיי איז די קריטיק פונם אייגנטום-אינסטיטוט (ז. מאַט. און דאָק. נומער 8) און די זוכענישן פון דער בעסטער אַגראַר-רעפאָרם. צווישן אָט די אוטאָפּיסטן צייכנט גאָדווינען אויס ניט נאָר די שאַרפקייט און טאַלאַנטפולקייט, מיט וועלכע ער קריטיקירט די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג, נאָר אויך דאָס פאַרשטיין די נוצן פון די מאַשינעס. גאָדווין — דער „אַנאַרכיסט-אינדיווידואַליסט“, זעט די הויפּט-צאָרע אין דער עקזיסטענץ פון דער מלוכע און קעגן איר ווענדעט ער די שאַרפקייט פון זיין קריטיק. ער איז אָבער שטאַרק בלויז אין דער קריטיק פון דער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט. ער שטעלט די רייכע אנטקעגן די אָרימע, אָבער ניט דעם פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגן דער בורזשואַזיע. דער רעוואָלוציאָנער-רעאַליסטישער פּראָגראַם פון דער בורזשואַזיע איז אין סאָף פון 18-טן יאָרהונדערט געווען אַנטקעגנגעשטעלט די אוטאָפּישע פּראָגראַם פון די אַרבעטער.

פונם סאָף 18-טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן די עפּאָכע, ווען די בורזשואַזיע איז די איינציקע הערשערין. דעם אָנהויב דערפון האָט געמאַכט די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אין ענגלאַנד (ז. מאַט. און דאָק. נומער 9).

דאקומענטן און מאַטעריאַלן.

ו. דער נאַוויגאַציאָנס-אַקט (9 אָקטיאַבר 1651 יאָר).

(אויסצוגן)

„קעדיי צו פּאַרגרעסערן דעם האַנדלס-פלאָט און דערמוטיקן די יאַם-פּאָרעריי פון דער נאַציע, וואָס אַדאַנק דער גנעדיקער האַשגאָכע און דעם אויבערשטנס באַשיצונג איז דאָס אזאַ וויכטיק מיטל פאַר דעם וואוילשטאַנד און דער זיכערקייט פון דער מלוכע, דאַרף דורך אָט דעם פּאַרלאַמענט און זיין מאַכט אָנגעוויזן ווערן אַ באַשלוס, אַז פון דעם 1-טן דעקאַבר 1651-טן יאָר, פון דעם טאָג אָן און ווייטער טאָרן קיין שום פּראָדוקטן און סכוירעס, וואָס וואַקסן אָדער ווערן פּראָדוצירט אין אַזיע, אַפריקע און אַמעריקע אָדער אין טיילן פון זיי, אָדער אַף די אינזלען, וואָס זיינען שאַיעך צו זיי... ניט אַריינגעפירט ווערן, אָדער געליוועוערט ווערן, אין דער ענגלישער מעדינע אָדער אין אירלאַנד, צי אין אַנדערע לענדער, אינזלען, פּלאַנטאַציעס און טעריטאָריעס, וואָס געהערן אונזער מלוכע, אָדער וואָס זיינען אין איר רעשום, אַף קיין שום אָקרענט אָדער אָקרענטן, אָדער שיפן, סאידן זיי געהערן אין דערעמעסן און אָן קיין שום אָפּנאַרעריי נאָר צו בירגער פון אָט דער רעפּובליק אָדער פון אירע קאָלאָניעס, ווי צו אייגנטימער אָדער עמעסע באַלעבאַטים, און דער קאַפּיטאַן מיט די מאַטראָסן אַף זיי וועלן אינם גרעסטן טייל אויך זיין בירגער פון אונזער רעפּובליק, אונטער דער מוירע פון קאָנפיסקאַציע און דעם אָנווער פון אַלע סכוירעס, וואָס וועלן אַריינגעפירט ווערן קעגן דעמדאָזיקן אַקט, און אויך אונטער דער מוירע פון קאָנפיסקאַציע פון דעם שיף מיט דער גאַנצער אויסשטאַטונג זיינער, מיט די האַרמאַטן און מאַכשירים, וואָס אַף אים וועלן געליוועוערט אָדער אַריינגעפירט ווערן די דערמאָנטע סכוירעס אָדער פּראָדוקטן; אַ העלפט פון דעם קאָנפיסקירטן זאָל גיין לעטויוועס דער רעפּובליק, און די אַנדערע העלפט לעטויוועס פון איטלעכן פּערזאָן אָדער פּערזאָנען, וואָס וועלן פאַרכאַפּן די סכוירעס אָדער די פּראָדוקטן און וועלן זיך איינשטעלן פאַר זייערע רעכטן אין אַ פּריזן-גערעכט פון דער רעפּובליק.

ווייטער, איז דורך דער אויבן דערמאָנטער מאַכט באַשלאָסן געוואָרן, אַז קיין שום פּראָדוקטן און סכוירעס, וואָס וואַקסן אָדער ווערן פּראָדוצירט אין אייראָפּע אָדער אין עפּעס אַ טייל פון איר, טאָרן פון דעם ערשטן דעקאַבר 1651-טן יאָר ניט געליוועוערט ווערן און ניט אַריינגעפירט ווערן אין ענגלאַנד אָדער אַנדערע לענדער, אינזלען, קאָלאָניעס און טעריטאָריעס, וואָס געהערן דער ענגלישער רעפּובליק אָדער וואָס זיינען אין איר רעשוס, אַף קיין שום אָקרענט אָדער אָקרענטן, שיף אָדער שיפן, סאידן זיי געהערן אין דערעמעסן

און אָן קיין שום אפּנאַרעריי נאָר צו בירגער פון אַט דער רעפּובליק, ווי צו עמעסע באַלעבאַטים און אייגנטימער, און אַף קיין שום אַנדערע שיפן, אַכוץ די אויסלענדישע אָקרענטן און שיפן, וואָס זיינען טאַקע בעעמעס אַן אייגנטום פון די אונטערטאַנען פון יענעם לאַנד אָדער געגנט, וואו די דערמאָנטע סכוירעס וואַקסן אָדער ווערן פראָדוצירט, אָדער פון יענע פּאָרטן, וואוהין די דערמאָנטע סכוירעס קענען צוגעשטעלט ווערן אָדער זיי ווערן געוויינלעך לעכאַטכילע געבראַכט צוליב וויטערדיקן טראַנספּאָרט; דאָס אַלץ ווערט איינגעשטעלט אונטער דערזעלביקער מוירע פון קאָנפיסקאַציע, ווי דאָס איז אויסגעטייטשט אין דעם פריערדיקן טייל פון אָט דעם אַקט, אַז די דערמאָנטע קאָנפיסקאַציעס זאָלן איינגעמאָנט ווערן און פּאַרניצט ווערן, ווי דאָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן.

ווייטער, איז דורך דער אויבן דערמאָנטער מאַכט באַשלאָסן געוואָרן, אַז קיין שום פראָדוקטן אָדער סכוירעס, וואָס וואַקסן אָדער ווערן פראָדוצירט אין אויסלאַנד, און וואָס דאַרפן אַריינגעפירט ווערן אין דער רעפּובליק אַף שיפן, וואָס געהערן צו אירע בירגער, טאָרן ניט אַריבערגעפירט ווערן דורך זיי פון קיין שום אַנדער אָרט אָדער ערטער פון דעם לאַנד אָדער לענדער, אַכוץ יענע, וואו די דערמאָנטע פראָדוקטן וואקסן אָדער ווערן פראָדוצירט, אָדער יענע פּאָרטן, וואוהין זיי קענען געבראַכט ווערן אָדער ווערן געוויינלעך געבראַכט לעכאַטכילע צוליב וויטערדיקן טראַנספּאָרט, אָבער ניט פון קיין אַנדערע ערטער און לענדער אונטער דער מוירע".... (וואָרט באַ וואָרט איבערגעכאַזערט דאָס וואָס פריער.)

---

2. „די שאף האבן אויפגעגעסן די מענטשן".

„די וויכטיקסטע סיבע פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרימקייט ליגט אין דער קאָלאָסאַלער צאָל „נאָבעלע", וועלכע לעבן, ווי פוילע לודערס, פון דער אַרבעט און שוויס פון זייערע פּויערים. זיי לאָזן זיי באַאַרבעטן זייערע פעלדער און זויגן אויס פונם אַרענדאַטאָר זיין גאַנץ בלוט, קעדיי צו פאַרגרעסערן זייערע האכנאָסעס...

עס איז פאַראַן נאָך איינע אַ ריין-אָרטיקע סיבע, וועלכע איז אייגנטימלעך אויסשליסלעך גרויסבריטאַניע. אין וואָס באַשטייט זי? אין דער אומגעהויער גרויסער צאָל סטאַדעס שאָף, וועלכע באַדעקן איצט גאַנץ ענגלאַנד. אָט די באַלעכאַים, וועלכע זיינען אומעטום אזוי רואיק און ניט אויסקלייבעריש, זיינען באַ אונז אזוי אַכזאָריעסדיק און זוילעל-וועסויוועדיק, אַז זיי וואַרפן זיך אַף מענטשן און פאַרטרייבן זיי פון דער ערד, פון די איינגעזעסענע ערטער, פון די הייזער און דערפער... און ווירקלעך, צו די אַלע ערטער, וואו עס ווערט צונויפגעזאַמלט די צאַרטע און קאָסטבארע שאָף-וואָל, איילן זיך די נאָבעלע גווירים און אַפילע די בעקאָוועדיקע אַבאַטן, קעדיי צונעמען פאַר זיך

אַ כיילעק ערד. ניט די פּריווילעגיעס, ניט די האַכנאָסעס פון די מאַיאָנטקעס, קיין זאַך באַפרידיקט ניט אָט די שאַפלדיקע מענטשן. זיי איז נאָך קנאַפּ, וואָס זיי פאַרברענגען זייער לעבן אין פוילקייט און אין פאַרגעניגן און זיינען צו לאַסט דער געזעלשאַפט און אָן נוצן פאַר דער מלוכע. צאַ אַ מעהאַלעך פון אַסאַך מייל אַרום און אַרום לאָזן זיי לאַכלוטן ניט באַאַרבעטן דעם באָדן און פאַרוואַנדלען אים אין אַ פּאַשע-פעלד. די הייזער און גאַנצע דערפער גלייכן זיי אויס מיט דער ערד און לאָזן איבער בלויז די קלויסטערס, אָבער אויך דאָס טוען זיי צוליב דעם, קעדיי אין זיי צו מאַכן שטאַלן פאַר די בעק; די סאַמע באַפעלקערטע און אויסגעצייכנט באַאַרבעטע ערד ווערן אַדאַנק זיי פאַרוואַנדלט אין מידבאַריעסן. עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז זיי האָבן מוירע, אַז עס וועלן זיין אַסאַך סעדער און וואַלד, און אַף אַזאַ אויפן, וועלן די כאַיעס בלייבן אָן פאַשע-פעלדער.

„איז אָט אַזאַ מין זשעדנער אייגנטימער רינגלט אַרום מיט אַ וואַנט אַ שעטעך פון עטלעכע טויזנט אַקער ערד. די פּריוואַטע פּויערים טרייבט ער ארויס פון די הייזער — אייניקע מיט שווינדל, אַנדערע מיט געוואַלט, אין בעסטן פאַל — מיט דער הילף פון קאָלערליי אונטערדריקונגען און געריכט-פאַרשלעפּעניש, אזוי אַז סאָפּקאָלסאַף ווערן זיי געצוואונגען צו פאַרקויפן זייער אייגנטום. און אָט דידאָזיקע פאַמיליעס, וואס זיינען מיט זייער צאָל רייכער, איידער מיט מיטלען (ווייל ערדאַרבעט פאָדערט אַסאַך הענט), וואַנדערן איבער די פעלדער און וועגן: מענער און פרויען, אַלמאָנעס און יעסוימים, פאָטערס און מוטערס מיט קליינע קינדער. מיט יעלאָלעס פארלאָזן אָט די אומגליקלעכע דעם דאַך, אונטער וועלכן זיי זיינען געבוירין געוואָרן, די ערד, וועלכע האָט זיי גענערט, און ווייסן ניט, וואו צו זוכן אַ מאָקעם מנוכע פאַר זיך. נאָכדעם פאַרקויפן זיי אויס פאַר שפּאָט ביליק זייערע בעבעכעס. אלע זאַכן, וועלכע זיי זיינען נאָר געווען אימשטאַנד מיטצונעמען, האָבן נאָר א קנאַפּן ווערט פאַר זיך. אָבער דאָס איז נאָך אויך גוט, ווייל דער קוינע האָט דאָך אויך דאָס געקאָנט באַ זיי אַוועקנעמען. ווען אָט דער שוואַכער קוואַל ווערט אויך אויס-געשעפּט, און וואַרטן אַף דעם קומט אויס ניט לאַנג, וואָס בלייבט פאַר זיי ווייטער צו טאָן, — גאַנווענען. און נאָכדעם קומט די טליע. עס קאָן זיין, אַז פאַר זיי וואָלט גלייכער געווען אָפּצוקומען זייער ביסל יאָרן אַלס בעטלער? אָבער דעמאָלט וואָלט דאָך קיינעם ניט איינגעפאַלן ניט אַריינצוואווארפן זיי אין טפיסע ווי שלעפּערס און דאַכלאָזע מענטשן, און אין וואָס באַשטייט זייער פאַרברעכן? בלויז אין דעם, וואס זיי קאָנען זיך ניט געפינען קיין שום אַר-בעט, צו וועלכער זיי שטרעבן מיט אַלע זייערע קרעפטן. דערצו נאָך, ווער וואָלט דאָס זיי געגעבן דידאָזיקע אַרבעט? די איינציקע אַרבעט, וואָס זיי קאָ-נען, דאָס איז דאָך באַאַרבעטן די פעלדער, הייסט עס, אַז דאָרט, וואו מע טראַכט מער ניט וועגן פאַרזייאונגען און גערעטעניש, איז פאַר זיי ניטאָ וואָס צו טאָן. איין פאַסטוך איז גענוג צו פאַשען אַ סטאַדע אַף א שעטעך, וועלכער האָט פריער געפאָדערט אַף צו באַאַרבעטן הונדערטער הענט. וואָס זשע קומט דערפון אַרויס? אומעטום ווערט א שטאַרקער יאָקרעס אַף עסנוואַרג. אָבער

דאס איז נאָך ווייט ניט אַלץ. נאָכדעם, ווי מע האָט פאַרגרעסערט די פּאַשע-
פעלדער, האָבן די עפּידעמישע קראַנקהייטן, ווי דזשומאַ, געמאַכט אַ טעל פון אַן
אומגעהויער גרויסער צאָל שאָף. עמעס, מע קאָן מיינען, אַז דער אויבערש-
טער אַליין שטראָפט מיט דערדאָזיקער שרעקלעכער מאַגייפע די אומדערזעט-
לעכע זשעדנעקייט פון די באַלעבאַטים, האַגאַם אין אַזאַ פאַל וואָלט געווען
מער יוישער צו שטראָפן זיי אליין מיט דערדאָזיקער קראַנקהייט. דער פּרייז
גופע פון די וואָל איז אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז די אָרימעלייט, וועלכע האָבן
אַמאָל פון איר געמאַכט טוך, זיינען שוין איצט ניט בעקויעך זי צו קויפן. איז
אָט אַ נייע סיבע, פאַר וואס עס איז אַזוי גרויס די צאָל ליידיקגייער. מע קאָן
ניט אָפּלייקענען, אַז די צאָל שאָף וואקסט מיט יעדן טאָג אין אַ באַדייטנדיקער
מאָס. דאָך, ניט געקוקט אף דעם, איז דער פּרייז אַף זיי אַף קיין האָר ניט
געפאַלן, ווייל האַגאַם דער מיסכער מיט וואָל איז אָפיציעל ניט קיין מאָנאָפּאָל,
געפינט ער זיך דאָך פאַקטיש אין די הענט פון איינציקע רייכע אויפקויפער,
וועלכע קאָנען אויסוואַרטן און פאַרקויפן זי מיט גרויסן רעוועך פאַר זיך"...

(טאַמאַס מאָר, „אוטאָפּיע").

3. די פּויערים ווערן באַגאַזלט אף א פּאַרלאַמענ-טישן אויפן.

„...דאָס אָפּנעמען מיט געוואַלט דאָס קאַהאָלשע אייגנטום, וואָס אַדאַנק
דעם פלעגן געוויינלעך די אַקער-פעלדער פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאַשע-פעל-
דער, האָט זיך אָנגעהויבן אינם סאָף פונם 15-טן און איז פאָרגעזעצט געוואָרן
אינם מעשעך פונם 16-טן יאָרהונדערט. אָבער אין יענע צייטן איז דערדאָזיקער
פּראָצעס פאָרגעקומען אין דער פאָרם פון איינצלנע אינדיווידועלע גוואַלדטאַטן,
וואָס מיט זיי פלעגט די געזעצגעבונג אומזיסט קעמפן אינם מעשעך פון 150
יאָר. אינם 18-טן יאָרהונדערט באַווייזט זיך א פּראָגרעס אין דעם פּראַט, וואָס
דאָס געזעץ אליין ווערט א געצייג אף צו רויבן די פאָלקסערד, האַגאַם צו-
גלייך מיט אָט דעם לעגאַלן מעטאָד פון באַראַבעווען זאָגן זיך די גרויסע פּער-
מערס ניט אָפּ פון אָנווענדן אויך אייגענע קליינע מעטאָדן. די פּאַרלאַמענטישע
פאָרם פון אָט דער רויבעריי שטעלן מיט זיך פאָר „די געזעצן וועגן אַרומצוימען
די קאַהאָלשע ערד", ד. ה. די דעקרעטן, וואָס מיט זייער הילף האָבן די ערד-
אייגנטימער זיך אַליין געשאָנקען די פאָלקס-ערד אף די רעכט פון „פּריוואַט-
אייגנטום", — די דעקרעטן, וואָס „עקספּראָפּריאירן דאָס פאָלק". אלס ביי-
שפּיל פון דער רויבעריי, וואָס עס האָט געהערשט אינם 19-טן יאָרהונדערט, וועלן
מיר דאָ ברענגען די „אָפּריינינקונגען", וועלכע עס האָט געמאַכט די הערצאָגין
פון סוטערלאַנד. ווי נאָר די מעמשאָלע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אָט
דער פּאַרשוין, וועלכע איז געווען גאַנץ אויפגעקלערט אינם געביט פון פּאָלי-
טישער עקאָנאָמיע, האָט זי באַשלאָסן גלייך אפן אָרט א נעם טאָן זיך אויסצו-

קורירן אף א ראדיקאַלן אויפן עקאָנאָמיש דאָס לאַנד און פאַרוואַנדלען אין פאַשע-פעלדער די גאַנצע גראַפשאַפט, וואו די באַפעלקערונג איז, אדאַנק די פריערדיקע ענלעכע מאָסמיטלען, פאַרקלענערט געוואָרן ביז 15.000 מאַן. פון 1814-טן ביז 1820-טן יאָר פלעגן אט די 15.000 איינוואוינער — אן ערעך 3.000 פאַמיליעס — סיסטעמאַטיש ארויסגעטריבן ווערן אזוי, אז פון זיי פלעגט קיין סאַריד-אופאליט ניט בלייבן. אלע זייערע דערפער פלעגט מען כאָרעוו מאַכן און פאַרברענען. אלע פעלדער פלעגט מען פאַרוואַנדלען אין פאַשע-פעלדער. מע האָט געשיקט בריטישע סאָלדאַטן אף דורכצופירן עקזעקוציעס און עס פלעגט דערגיין בא זיי ביז ווירקלעכע שלאַכטן מיט די אָרטיקע איינוואוינער. א זקיינע האָט מען פאַרברענט אין איר אייגן שטיבל דערפאַר, וואָס זי האָט אים ניט געוואָלט פאַרלאָזן. דורך אָט אזוינע מיטלען האָט זיך דידאָזיקע דאַמע איינגעשאַפט די 794.000 אקער ערד, וואָס האָבן פון פאַרצייטן געהערט דעם קלאַן (שייוועס). די ארויסגעטריבענע איינוואוינער האָט זי איינגעטיילט אַן ערעך 6.000 אקער ערד אַפן ברעג יאַם, צו 2 אקער אף א פאַמיליע. דידאָזיקע 6.000 אקער ערד האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א וויסטעניש און האָבן דער אייגנטימערין ניט ארייגעבראַכט קיין שום האַכנאָסע. די הערצאָגין האָט ארויסגעוויזן אין זיך אזוינע נאבעלע געפילן, אז זי האָט אָפגעגעבן די ערד דורכשניטלעך צו 2 שילינג מיט 6 פענס פאַר אן אקער דיזעלבע מיטגלידער פונם קלאַן, וועלכע האָבן אין מעשעך פון יאָרהונדערט פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר זייער שטאַם. די גאַנצע ערד, וואָס זי האָט אנגערויבט באַם קלאַן, האָט זי צעטיילט אין 29 גרויסע פערמעס און האָט זיי באַשטימט אף שאָפצוכט. דערביי האָט אין יעדער פערם געוואוינט איין איינציקע פאַמיליע, וואָס איז מערסטנטיילס געווען די פאַמיליע פון א באַטראַק — אן ענגלענדער. אין 1825 יאָר האָבן שוין דאָס אָרט פון 15.000 גאַזן פאַרנומען 131.000 שאָף. א טייל פון די אבאריגענער, וואָס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן אַפן יאַם-ברעג, האָט זיך געפרואווט דערנערן פון פישפאַנג. זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמפיביע און האָבן געוואוינט, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אן ענגלישער שרייבער, א העלפט אף דער ערד און א העלפט אַפן וואַסער. אבער אי די ערד אי דאָס וואַסער צוזאַמען האָבן בלויז אף א העלפט זיי געגעבן כאַיונע״...

(ק. מאַרקס. „קאַפיטאַל״, באַנד 1, קאַפיטל 24).

---

4. די „שפילקעס-מאַנופאַקטור״.

„קעדיי צו האָבן אן אנשוילעכע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס פאַר אן איינפלוס עס האָט די ארבעט-צעטיילונג אף דעם אלגעמיינעם צושטאַנד פון דער פאָלקס-אינדוסטריע, איז בעסער פון אַלץ צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אף די פאָלגן פונם אנווענדן דידאָזיקע צעטיילונג אין וועלכער ניט איז באַזונדערער פראָדוקציע...

...לאָמיר נעמען אלסביישפיל די זייער אומבאַדייטנדע פּראָדוקציע, אין וועלכער די אַרבעט־צעטיילונג איז אָבער זייער קענטיק, דעהאינע — די שפּילקעס־פּראָדוקציע.

דער ארבעטער, וועלכער האָט זיך ניט אויסגעלערנט צו ווערן פלינק אין אט דער אַרבעט, וואָס איז געוואָרן, אדאנק דער אַרבעט־צעטיילונג, א ספּעציעלע מעלאָכע, און וועלכער איז ניט געוואוינט צו באַגיין זיך מיט די געצייג, וואָס ווערן געברויכט אין איר און זיינען דערפונדן געוואָרן אדאנק אָט דער־זעלביקער ארבעט־צעטיילונג, — אזא ארבעטער, ווי פלינק ער זאָל ניט זיין, וועט ניט באוויזן אויסצוארבעטן אין מעשעך פון א גאַנצן טאָג אפילע קיין איין שפילקע, און קיין צוואַנציק וועט ער אוודע ניט מאַכן. אָבער אזוי ווי דידאָזיקע פּראָדוקציע איז איצט אָרגאַניזירט, איז זי ניט נאָר א ספּעציעלע מעלאָכע, ווען זי ווערט באטראַכט אינגאַנצן גענומען, נאָר זי טיילט זיך נאך איין אין אסאך צווייגן, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז אויך א ספּעציעלע מעלאָכע פאַר זיך. איין ארבעטער ציט דראָט, א צווייטער גלייכט אויס דעם דראָט, א דריטער שניידט אָפּ, א פערטער פאַרשאַרפט, א פינפטער מאַכט צוּ־רעכט דעם צווייטן שפּיץ אף ארויפצוזעצן דאָס קעפּל: די אויסאַרבעטונג פונם קעפּל אליין שטעלט מיט זיך פאָר צוויי־דריי באַזונדערע אָפּעראַציעס: דאָס ארויפזעצן דאָס קעפּל איז א באזונדערע אָפּעראַציע; אן אנדערע אָפּעראַציע איז דאָס שלייפן די שפילקע, גאָר א זעלבשטענדיקע אַרבעט איז אפילע דאָס איינפּאַקן די שפּילקעס אין פּאַפּירלעך. אף אזא אויפן טיילט זיך די וויכטיקע ארבעט פון מאַכן א שפּילקע אף אן ערעך 18 פאַרשיידענע אָפּעראַציעס, וועלכע ווערן אין אייניקע וואַרשטאַטן אויסגעפילט יעדערע דורך באַזונדערע אַרבעטער, בעאייס אין אַנדערע וואַרשטאַטן פילט איין ארבעטער אויס צו צוויי־דריי אָפּעראַציעס מיטאַמאָל. איך האָב געזעען איינע אזא קליינע מאַנופאַקטור. דאָרט האָבן געאַרבעט בלויז 10 אַרבעטער, און דעריבער האָבן אייניקע פון זיי אויסגעפילט צו צוויי און צו דריי אָפּעראַציעס איינע נאָך דער אַנדערער. האַגאַם אָט די מאנופאַקטור איז געווען זייער אן אָרימע און איז דעריבער ניט געווען גענוג באַזאָרגט מיט מאַשינעס און אינסטרומענטן, דאָך האָבן אויך אָט די 10 אַרבעטער, אויב זיי האָבן פלייסיק זיך גענומען פאַר דער אַרבעט, באַוויזן אויסצואַרבעטן אַן ערעך 12 פונט שפּילקעס א טאָג. און אַזוי ווי אין אַ פונט געפינט זיך מער פון 4.000 שפּילקעס פון מיטעלער גרויס, הייסט עס, אַז די־דאָזיקע 10 אַרבעטער האָבן באַוויזן אויסצואַרבעטן צוזאַמען מער פון 48.000 שפּילקעס א טאָג און, הייסט עס, אף יעדן אַרבעטער איז אויסגעקומען צו 4.800 שפּילקעס א טאָג. אָבער ווען אָט די אַרבעטער וואָלטן געאַרבעט יעדער איינצלנער באַזונדער, אומאָפּהענגיק איינער פונם אנדערן, וואָלט, פאַרשטייט זיך, קיינער פון זיי ניט אויסגעאַרבעט אפילע קיין 20 שפּילקעס און, קאָן זיין, אפילע קיין איין שפּילקע אויך ניט פאַר א גאַנצן ארבעטס־טאָג. מיט אַנדערע ווערטער, זיי וואָלטן אוודע ניט אויסגעאַרבעט קיין 1/340 און, מע קאָן אפילע

זאָגן, א $^1/_{4800}$ דערפון, וואָס זיי קאָנען אויסאַרבעטן איצט, אדאַנק דער קונציקער צעטיילונג און קאָמבינירונג פון די פאַרשיידענע אָפעראַציעס".

(א. ס מ י ט. „די אויספאָרשונג וועגן דער נאַטור און די סיבעס פון די רייכטימער פון די פעלקער")

---

5. די רעוואלוציאנערע באַדייטונג פון דער מאשין. דער ארבעטער און די מאשין.

„קאָלזמאַן די מעלאָכע און די מאַנופאַקטור בילדן דעם אַלגעמיינעם באַזיס פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער פראָדוקציע, אַזוי לאַנג שטעלן מיט זיך פאָר אַן אומפאַרמיידלעכן מאָמענט פון אַנטוויקלונג דאָס, וואָס דער פראָדוצירער איז אונטערגעוואָרפן אויסשליסלעך איין צווייג פון דער פראָדוקציע און דאָס, וואָס עס ווערט צעשטערט די אורשפרינגלעכע פילפאַכיקייט פון זיין אַרבעט. אַף אָט דעם באזיס געפינט זיך יעדער באַזונדערער צווייג פון דער פראדוקציע אַף אַ דערפאַרונגס-אויפן דעם טעכנישן סיידער, וועלכער אַנטשפרעכט אים, פאַרפולקומט אים לאַנגזאַם און פאַרפעסטיקט אים שנעל, ווי נאָר עס איז צוגעגרייט געוואָרן א געוויסע שטופע פון רייפקייט. פון צייט צו צייט קומען פאר שינויאים, וועלכע זיינען א רעזולטאַט פונם נייעם ארבעט-מאַטעריאַל, וואָס באַקומט זיך דורכן האַנדל, און פונם ביסלעכווייזן ענדערן זיך פון די ווערקצייג. ווי נאָר אָבער עס איז עמפּיריש אויסגעפונען געוואָרן די אַנטשפרעכנדיקע פאָרם פונם אינסטרומענט, ווערט אויך פאַרגליווערט דער אַרבעטער-אינסטרומענט, ווי דאָס איז צו זען דערפון, וואָס אין מעשעך אַמאָל פון אַ יאָרטויזנט גייט ער איבער פון די הענט פון איין דאָר אין די הענט פון אַ צווייטן. די מאָדערנע אינדוסטריע באַטראַכט קיינמאָל ניט און פראַקטיצירט ניט די עקזיסטירנדיקע פאָרם פון א געוויסן פראָדוציר-פראָצעס, אַלס די ענדגילטיקע, און דעריבער איז איר טעכנישער באַזיס אַ רעוואָלוציאָנערער, אין דער צייט ווען בא אַלע אמאָליקע פראָדוציר-מעטאָדן איז דער באַזיס אין טאָך געווען אַ קאָנסערוואַטיווער. מיט דער הילף פון מאַשינען, כעמישע פראָצעסן און אַנדערע מעטאָדן מאַכט זי קעסיידער אַ איבערקערעניש אינם טעכנישן באַזיס פון דער פראָדוקציע און צוזאַמען מיט דעם אויך אין די פונקציעס פון די אַרבעטער און אין די געזעלשאַפטלעכע קאָאָרדינירונגען פונם אַרבעטס-פראָצעס. אַף אַזאַ אויפן וואַרפט זי פונקט אַזוי קעסיידער און אָנאויפהערלעך מאַסן קאַפיטאַל און מאַסן אַרבעטער פון איין פראָדוקציע-צווייג אינם צווייטן".

„אין דער מאַנופאַקטור און מעלאָכע צווינגט דער אַרבעטער דאָס געצייג אים צו דינען, אין פאַבריק אָבער דינט ער דער מאַשין. דאָרט ברענגט ער אין באַוועגונג דאָס ווערקצייג, דאָ אבער דאַרף ער נאָכפאָלגן נאָך זיין באַוועגונג. אין דער מאַנופאַקטור שטעלן די אַרבעטער מיט זיך פאָר מיטגלידער פון

איין לעבעדיקן מעכאַניזם. אַף דער פאַבריק עקזיסטירט דער טויטער מעכאַניזם אומאָפּהענגיק פון זיי, זיי אָבער זיינען צו אים צוגעבונדן, ווי לעבעדיקע צו-גאָבן. „די מאָרעשכוירעדיקע מאָנאָטאָנקייט פון די ענדלאָזע יעסורים פון דער אַרבעט, וועלכע פילט אויס קעסיידער ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל איין און דעמזעלביקן פּראָצעס, איז ענלעך אַף סיזיפס אַרבעט. די שווערקייט פון דער אַרבעט פאַלט פונקט ווי אַ פעלז ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל אַף די אויסגע-מאַטערטע אַרבעטער. די מאַשין-אַרבעט פאַרכאַפּט ביז-גאָר די נערווען-סיס-טעם, אונטערדריקט דעם פילזייטיקן שפּיל פון די מוסקולן און נעמט אָפּ בײַם מענטשן יעדע מעגלעכקייט פון פרייער פיזישער און גייסטיקער טעטיקייט. אַפילע די פאַרלייכטערונג פון דער אַרבעט ווערט אַ קוואַל פון יעסורים, ווייל די מאַשין באַפרייט ניט דעם אַרבעטער פון דער אַרבעט, נאָר זיין אַרבעט פון יעדן אינהאַלט. יעדערע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, אַף וויפל זי איז ניט נאָר אן אַרבעטס-פּראָצעס, נאָר איז אין דערזעלביקער צייט אויך א פּראָצעס פון פאַרגרעסערן דעם ווערט פון קאַפּיטאַל, צייכנט זיך אויס מיט איינער און דערזעלבער אייגנשאַפט, וואָס ניט דער אַרבעטער ווענדעט אָן די אַרבעטס-באַדינגונגען, נאָר פאַרקערט, די אַרבעטס-באַדינגונגען ווענדן אָן דעם אַרבעטער. נאָר ערשט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מאַשין באַקומט אָט די פאַרקערטע פאַרהעלטעניש א טעכניש-מאַמאָשעסדיקע רעאַלקייט. מיט דעם, וואָס דאָס אַר-בעט-מיטל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַווטאָמאַט, שטייט עס בעשאַס דעם סאַמע אַרבעט-פּראָצעס אין קעגנזאַץ צום אַרבעטער ווי קאַפּיטאַל, ווי טויטע אַרבעט, וועלכע מאַכט אונטערטעניק צו זיך די לעבעדיקע אַרבעטס-קראַפט און זויגט זי אויס".

דאָס אָפּטיילן די אינטעלעקטועלע קרעפטן פונם פּראָדוציר-פּראָצעס פון דער האַנט-אַרבעט און דאָס פאַרוואַנדלען זיי אין דער מאַכט פונם קאַפּיטאַל איבער דער אַרבעט באַקומען זייער האַשלאָמע, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנ-געוויזן, אין דער גרויס-אינדוסטריע, וועלכע ווערט אויסגעבויט אַפן באַזיס פון די מאַשינעס. די טיילווייזע מאַיסטערשאַפט פונם איינצלנעם אויסגעטריקנטן מאַשין-אַרבעטער, ווערט פאַרשוואונדן ווי א נישטיקער דעטאַל, וואָס האָט ניט קיין שום באַדייטונג פאַר דער וויסנשאַפט, פאַר די קאָלאָסאַלע קויכעס פון דער נאַטור און פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מאַסן-אַרבעט, וועלכע זיינען פאַרקערפּערט אין דער מאַשין-סיסטעם און שאַפן צוזאַמען מיט איר די מאַכט פונם „באַלעבאָס".

און דעריבער איז אָט דער באַלעבאָס, וואָס אין זיין מויעך זיינען די מאַשינען פעסט צונויפגעוואַקסן מיט זיין מאָנאָפּאָל איבער זיי, שרייט אויס צו די „הענט" מיט פאַראַכטונג אין פאַלן פון צוזאַמענשטויסן מיט זיי: „זאָלן זיך די פאַבריק-אַרבעטער ניט פאַרגעסן, אז זייער אַרבעט שטעלט אין דער ווירקלעכקייט מיט זיך פאָר אַ זייער נידעריקן סאָרט אויסגעלערנטע אַרבעט; אז קיין שום אנדער אַרבעט באַנעמט מען ניט גרינגער און, נעמענדיק אין אַכט אָט די אייגנשאַפטן אירע, ווערט זי ניט בעסער באַצאָלט, אז קיין שום אנדערע אַרבעט קאָן מען ניט קריגן מיט דער הילף פון אזא קורצער לערע,

אין אַזאַ קורצער צייט אין אזא גרויסער מאָס. די מאַשינען פון באַלעבאָס שפּילן פּאַקטיש אַ וויכטיקערע ראָלע אין דער פּראָדוקציע, איידער די אַרבעט און די מאַיסטערשאַפט פונם ארבעטער, וועלכע מען קאָן זיך אויסלערנען אין 6 כאַדאָשים און וועלכע יעדער דאָרפישער באַטראַק קאָן זיך אויסלערנען".

„דער קאַמף צווישן דעם קאַפּיטאַליסט און דעם לוין-אַרבעטער הויבט זיך אָן זינט דער סאַמע אַנטשטייאונג פון די קאַפּיטאַליסטישע פארהעלטענישן. ער ווילדעוועט אין מעשעך פונם גאַנצן מאַנופאַקטור-פּעריאָד. נאָר ערשט מיטן איינפירן די מאַשינעס הויבט אָן דער אַרבעטער צו קעמפן קעגן דעם אַרבעטס-מיטל גופע, קעגן אָט דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ-פאָרם פונם קאַפּיטאַל. ער שטייט אויף קעגן אָט דער באַשטימטער פאָרם פון די פּראָדוציר-מיטלען, אַלס דעם מאַטעריעלן באַזיס פונם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר-מעטאָד.

קימאַט גאַנץ איירָאָפּע האָט אינם 17 יאָרהונדערט איבערגעלעבט מערידעס מיצאַד די ארבעטער קעגן דער אַזויגערופענער „באַנדמיל" (זי האָט אויך געהייסן „שוצמיל" אָדער „מילענשטול") — אַ מאשין אַף צו וועבן בענדער און גאַלונען. די באַנדמיל איז דערפונדן געוואָרן אין דייטשלאַנד. דער איטאַליענישער אַבאַט זאַנסעלאָטי דערציילט אין זיין ווערק, וואס איז דערשינען אין ווענעציע אין 1636 יאָר: „אַנטאָן מיולער פון דאַנציג האָט קימאַט מיט 50 יאָר צוריק (זאנסעלאָטי האָט געשריבן אין 1579) געזעען אין דאנציג זייער אַ סייכלדיקע מאַשין, וועלכע פלעגט מיטאַמאָל אויסאַרבעטן 4—6 געוועבן. נאָר אַזוי ווי דער שטאָט-ראַט האָט מוירע געהאט, אז דיזאָזיקע דערפינדונג קאָן פארוואנדלען א מאַסע ארבעטער אין אָרימעלייט, האט ער פאַרווערט אָנצואווענדן די מאַשין, און האָט באַפוילן, מע זאָל אין געהיים דערשטיקן אָדער דערטרינקען איר דערפינדער". אין ליידען האָט מען פונקט אַזאַ מאַשין צום ערשטן מאָל געבראַכט אין 1629 יאָר. די בונטן פון די פּאָזאמענטירער האָבן לעכאַטכילע געצוואונגען דעם מאַגיסטראַט צו פאַרווערן זי. די גענעראַלע שטאַטן האָבן דורך די באַשטימונגען אין 1623, 1639 יאָרן א.אַז.וו. געמוזט באַגרעניצן דאָס באַנוצן זיך מיט איר. ענדלעך האָט מען זי דערלויבט אַף געוויסע באַדינגונגען, דורך א באשטימונג פון 15 דעקאבער 1661 יאָר. „אין דערדאָזיקער שטאָט, — זאָגט באָקסהאָרן וועגן דעם, וואָס אין ליידען האָט מען איינגעפירט די באַנד-מאַשין, — איז מיט א יאָר 20 צוריק דערפונדן געוואָרן אַ וועב-מאַשין, אַף וועלכער איין ארבעטער האָט געקאָנט אויסאַרבעטן געוועב אין אַ גרעסערן סכום און גרינגער, איידער עטלעכע מענטשן וואָלטן געקאָנט אָן אַ מאשין אויסאַרבעטן אין אַן אַנדער צייט. נאָר דאָס האָט ארויסגערופן טוּיעס און אומצופרידנהייט מיצאַד די וועבער, און דער מאַגיסטראַט האָט סאָפּקאָלסאָף פאַרווערט צו באנוצן די מאַשין. דיזעלבע מאַשין האָט מען אין 1676 יאָר אויך פאַרווערט אין קעלן, און גלייכצייטיק זיינען צוליב דעם, וואָס מע האָט זי איינגעפירט אין ענגלאַנד, פאָרגעקומען אַרבעטער-אומרוען. דעם 19 פעוורואַל 1685 יאָר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ אימפּעראַטאָרשער באַ-

פעל, לויט וועלכן עס איז פאַרווערט געוואָרן צו באַנוצן זי אין גאַנץ דייטש־לאַנד. אין האַמבורג האָט מען זי לויטן באַפעל פון מאַגיסטראַט פאַרברענט אָף אַן עפנטלעכן אויפן. דעם 9 פעווראַל 1719 יאָר האט קאַרל דער 6-טער באַנייט דעם באפעל פון 1685 יאָר, און אינם זאַקסישן קורפירשטנטום האָט מען ערשט אין 1765 יאָר דערלויבט אַלעמען זי צו באַנוצן. אָט די מאַשין, וואָס האָט אָנגעמאַכט אזא טומל, איז ווירקלעך געווען די פאָרגענגערין פון די שפּין- און וועב-מאַשינען, און, מעמיילע, אויך פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע פונם 18 יאָרהונדערט. אַ אינגל, וואָס איז קנאַפּ־וואָס געניט אין וועבעריי, האָט זי געקאָנט געברויכן און, באַוועגנדיק הין און צוריק מיט אַ שטאַנג, האָט ער געקאָנט ברענגען אין באַוועגונג די גאנצע מאשין מיט אלע אירע מאַכשירים. אין איר פאַרפולקומטער פאָרם פלעגט דידאָזיקע מאַשין אויסאַרבעטן איינצייטיק 40—50 שטיק.

אינם סאָף פונם ערשטן דריטל פון 17 יאָרהונדערט איז די ווינט-זעג-מיל, וועלכע עס האט אויסגעבויט א האָלענדער נעבן לאָנדאָן, געפאַלן אַ קאָרבן פונם אויפגעשטאַנענעם האַמוין. נאָך אין אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט האָבן די וואַסער-זעגמילן קוים מיט צאָרעס גויווער געווען אין ענגלאַנד דעם ווידער-שטאַנד פונם פאָלק, וואס איז אונטערשטיצט געוואָרן מיצאַד דעם פּאַרלאַמענט. אין 1758 יאָר, ווען עווערט האָט אויפגעבויט די ערשטע מאַשין אף צו שערן שאָף, וועלכע איז געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג דורך וואַסער, האָבן זי פאַרברענט 100.000 מאַן, וואָס זיינען געבליבן אָן אַרבעט. קעגן די קארדן-מאַשינעס און ארקרייטס קאַם-מאַשינעס האָבן 50.000 ארבעטער, וואָס האָבן ביז יענער צייט געלעבט פון פאַנאנדערקאַמען וואָל, זיך געווענדעט מיט א פּעטיציע צום פּאַרלאַמענט. די מאַסנוויייזע צעשטערונג פון די מאַשינעס אין די ענגלישע מאַנופאַקטור-קרייזן אינם מעשעך פון די ערשטע 15 יאָר פונם 19 יאָרהונדערט, וואָס איז געווען געווענדעט דער איקער קעגן דער דאַמף-וועב-שטול און באַוואוסט אונטערן נאָמען פון „לידיטן-באַוועגונג". האָט געדינט אַלס אויסרייד פאר דער אַנטי-יאַקאָבינישער רעגירונג אף אָנצואווענדן די רעאַקציאָנערסטע גוואַלד-מיטלען. עס פאָדערט זיך א געוויסע צייט און דערפאַרונג, קעדיי דער אַרבעטער זאָל זיך אויסלערנען צו זעען דעם כילעק צווישן דער מאַשין און דעם קאַפּיטאַליסטישן באנוצן זי און צוזאַמען דערמיט אַריבערטראָגן זיינע אָנפאַלן פון די מאַטעריעלע פּראָדוציר-מיטלען אף דער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, מיט וועלכער זיי ווערן עקספּלואַטירט".

(מאַרקס. „קאַפּיטאַל".)

6. דער רעכט-ביל פון 1689 יאר.

„...און אַט די אנגעוויזענע גייסטלעכע און וועלטלעכע לאָרדן און געמיינדעס, וואָס האָבן מיט דער קראַפט פון די דערמאָנטע פולמאכט-צייגענישן און וואלן, זיך פאַרזאמלט איצט אַלס פולע און פרייע פאָרשטייערשאפט פונם דאָזיקן פאלק, נאָכדעם ווי זיי האָבן רייף באַהאַנדלט די בעסטע מיטלען אף צו דערגרייכן די אויבנאנגעוויזענע צילן, דערקלערן קוידעמקאָל (ווי דאָס האָבן אין ענלעכע פאלן געטאָן זייערע אָוועס), קעדיי אויפשטעלן און זיכערן זייערע אַמאָליקע רעכט און פרייהייטן, אַט וואָס:

1. אַז די מאכט, וואָס איז בעקויעך אפצושטעלן געזעצן אָדער אויסצופילן געזעצן דורך אַ קעניגלעכן באַפעל אָן דער האַסקאָמע פונם פאַרלאַמענט, איז אומגעזעצלעך.

2. אַז די מאַכט, וואָס איז בעקויעך צו מאַכן אַן אויסנאַם פון די געזעצן אָדער אויסצופילן געזעצן דורך אַ קעניגלעכן באַפעל, אַזוי ווי מע האָט זיך מיט איר ניט לאַנג אויסגענוצט און אָנגעווענדעט, איז אומגעזעצלעך.

3. אז די גרינדונג פון אַ קאָמיסאַרן-געריכט איבער די קירכלעכע איניאָנים און אַלע אַנדערע אינסטיטוטן און געריכטן פון אַזאַ מין זיינען אומגעזעצלעך.

4. אַז דאָס אויפמאָנען שטייערן פאַרן באַנוץ און באַזיץ פונם קעניג, צוליב קלוימערשט אַ פּרעראָגאַטיוו, אָן דער האַסקאָמע פונם פאַרלאַמענט, אָדער אַף אַ לענגערערע צייט, אָדער אף אַן אַנדער אויפן, ווי דאָס איז איינגעשטעלט געוואָרן דורכן פאַרלאַמענט, — איז אומגעזעצלעך.

5. אַז דאָס ווענדן זיך מיט הישטאדלעסן צום קעניג איז דאָס רעכט פון די אונטערטאַנען, און יעדע פאַרהאַלטן און רודעפן פאַר אַזעלכע הישטאדלעסן זיינען אומגעזעצלעך.

6. אַז די רעקרוטירונג און אויסהאַלטונג פון שטענדיקן מיליטער אַף דער טעריטאָריע פונם קעניגרייך אין פרידנצייט אָן דער האסקאמע דערויף מיצאַד דעם פאַרלאַמענט, איז קעגן געזעץ.

7. אַז די אונטערטאנען פון פּראָטעסטאנטישן גלויבן מעגן טראָגן געווער, וואָס אַנטשפּרעכט זייער לאַגע און אַזוי ווי עס איז דערלויבט דורכן געזעץ.

8. אז די וואַלן פון די פאַרלאַמענט-מיטגלידער דאַרפן זיין פרייע.

9. אז די פרייהייט פון וואָרט, פון דיסקוסיעס און פון אַקטן אינם פאַרלאַמענט דאַרף ניט באַגרעניצט ווערן און אונטערגעוואָרפן ווערן אונטער א קאָנטראָל אָין וועלכן עס איז געריכט אָדער אָרט, כוץ דעם פאַרלאַמענט.

10. אַז עס ווערט ניט דערלאָזן צו פאָדערן צו גרויסע שטייערן, ניט אַרויפצולייגן צו גרויסע שטראפן אָדער אַכזאריעסדיקע און אויסערגעוויינלעכע באַשטראָפונגען.

11. אַז די געשוואָרענע דאַרפן אַריינגעטראגן ווערן אין די צעטלען און גערופן ווערן צו דער ריי אפן געהעריקן אויפן, און די געשוואָרענע, וואָס באַשטימען דעם גוירל פונם מענטשן און די איניאָנים פון פאראט, דאַרפן זיין פרייע ערד-באַזיצער.

12. אַז אַלע געשאַנקן און האַפּטאַכעס, וואָס ווערן געמאַכט פון די סו־מעס, וועלכע מע דערוואַרט פון שטראָפן און קאָנפיסקאַציעס, איידער דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן, זיינען אומגעזעצלעך און ניט גילטיק.

13. קעדיי איבערצוהאַקן יעדע מיסברויכונג און קעדיי צו פאַרבעסערן, פאַרשטאַרקן און אָפּהיטן די געזעצן, דאַרף דער פּאַרלאַמענט צוזאַמענגערופן ווערן גענוג אָפט״.

---

7. אַדאַם סמיט — קעגן באַגרעניצונגען פון אינ־דוסטריעלער און האַנדל־טעטיקייט.

„... איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען, וואָס די מערקאַנטיל־סיסטעם לייגט פאָר, קעדיי צו פאַרגרעסערן אין לאַנד דעם סכום גאָלד און זילבער, באַשטייט אין דער אויסשליסלעכער באַגרעניצונג פון דעם אַריינפיר פון קימאַט אַלע סכוירעס פון אַ לאַנד, וואָס דער האַנדל־באַלאַנס מיט אים רעכנט זיך פאַר ניט פאַסיק...

...מיט דער הילף פון אַזעלכע עמעסן האָט מען באַוויזן איינצורײדן אויך די בירגער אַזאַ מיינונג, אַז זייער וואוילשטאַנד באַשטייט אין דער פאַראָרימונג פון זייערע שכיינים; דעריבער קוקט איטלעכס לאַנד מיט קינע אַפן וואוילשטאַנד פון אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין האַנדלס־באַציאונגען, און אַלץ, וואָס איז אַ טויווע פאַר יענע, האַלט עס פאַר אַן אָנווער פאַר זיך. דער האַנדל, אָנשטאָט אַרויסצורופן נאַטירלעכע גוטפריינטשאַפט, ווי צווישן מענטשן, אַזוי אויך צווישן פעלקער, איז געוואָרן דער רייכסטער קוואַל פון רישעס און סינע...

דידאָזיקע לערע האָט זיך לעכאַטכילע גענומען און איז פאַרשפּרייט געוואָרן פון דעם גייסט פון מאָנאָפּאָליע. די ערשטע פּריידיקער פון דעם זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען גאָר ניט אַזוי נאַריש, ווי די, וואָס האָבן עס אָנגענומען אַפן וואָרט. אין איטלעכער מעדינע איז דער אינטערעס פון דער גאַנצער מאַסע פון פאָלק אַלעמאָל געווען און דאַרף זיין צו קויפן אַלץ, וואָס איז נויטיק, באַ די נאָענטסטע שכיינים און וואָס וועלוועלער... נאָר אַזוי ווי דער אינטערעס פון די צעכן־מאַיסטערס פון עפּעס אַ מעלאָכע איז ניט צו דערלויבן די איינוואוינער צו באַשטעלן אַרבעט באַ אַ וועמען עס איז, אַכוץ זיי, פונקט אַזוי איז דער אינטערעס פון די סאָכרים און פאַבריקאַנטן פון איטלעכן לאַנד צו פאַרכאַפּן אין די אייגענע הענט די מאָנאָפּאָליעס אַפן איינעווייניקסטן מאַרק; אָט דאָס איז די סיבע פון די אומגעהויערע גרעניץ־שטייערן און פאַרווערונגען, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אין גרויס־בריטאַניע און אין דעם גרעסטן טייל אַנדערע אייראָפּעאישע מלוכעס קימאַט אַף אַלע סכוירעס, וואָס אויסלענדער ברענגען צו פירן...

אַפֿן גרונט פֿון אַט די אַנשויאונגען איז דער האַנדל צווישן פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, אי אין דעם, אי אין יענעם קיניגרייך, אונטערגעוואָרפֿן אונטער אַזוי פיל שטערונגען און קאָלערליי באַגרעניצונגען. ווען אָבער דיביידע פעלקער וואָלטן מאַסקים זיין נאָכצוגעבן נאָר דיווירקלעכע אינטערעסן זייערע, ניט צוהערנדיק זיך צו די איינריידענישן פֿון הענדלערשער קינע און ניט פֿאַרבלענדנדיק זיך מיט נאַציאָנאַלע פֿאָרורטיילן, וואָלט דער האנדל מיט פֿראַנקרייך אַסאַך מער געלוינט פֿאַר גרויס-בריטאַניע, ווי מיט אַן אַנדער לאַנד, און אַזוי אויך דער האַנדל מיט גרויס-בריטאַניע פֿאַר פֿראַנקרייך... דערדאָזיקער האַנדל וואָלט זיך געלוינט לעפּאָכעס אין 3 מאָל מער איידער דער אזוי פיל געלויבטער האַנדל מיט אונזערע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, וואָס דער האַנדל-פּארקער מיט זיי גיט זיך זעלטן איין איינמאָל אין 3 יאָר, אָפטער פֿאָדערט זיך צוליב דעם 4 און 5 יאָר... פֿראַנקרייך מיט איר 24 מיליאָניקער באַפעלקערונג וואָלט פֿאַר אונז געקענט עפּענען אַ מאַרק לעפּאָכעס אין 8 מאָל אַ ברייטערן, און מאַכמעס דעם אָפטערן פֿאַרקער — אין 24 מאָל אַ מער לוינבאַרן אין פֿאַרגלייך מיט דעם, וואָס צאָפֿן-אַמעריקע גיט אונז. דער האַנדל מיט גרויס-בריטאַניע וואָלט אויך פונקט אַזוי געלוינט פֿאַר פֿראַנקרייך... אָט דאָס איז דער כילעק אין די פֿאַרטיילן צווישן דעם האַנדל, וואָס מע האָט מאַכמעס דעם פֿאָרזיכט פון די ביידע פעלקער געפֿונען פֿאַר נויטיק צו באַגרעניצן, און אַ האַנדל אַ פֿרייען און אַן אָפֿענעם״...

פּערזענלעכער אינטערעס איז די באַוועגנדיקע קראַפֿט פון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג.

„...איטלעכער מענטש, קאָלזמאַן ער איז ניט אויוועך די געזעצן פֿון גערעכטיקייט, האָט אָן סאָפעק רעכט צו גיין מיטן יועג, וואָס עס ווייזט אים אָן זיין אייגענער אינטערעס, און פֿאַרניצן לויט זיין אייגענעם איינזעען זיין אַרבעט און קאַפּיטאַל... די דאַיגע וועגן דער אייגענער טויווע איז גוירעס נאַטירלעך און אומפֿאַרמיידלעך אויסצוקלייבן גראָד דעם וועג, וואָס איז, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אַמערסטן לוינבאַר פֿאַר דער געזעלשאַפֿט...

„...זוכנדיק זיין אייגענע טויווע, טוט אָפֿט דער מענטש פֿאַר דער טויווע פון דעם קלאַל אַף אַ מער ווירקנדיקן אויפֿן, איידער ווי ער וואָלט זיך עס לעכאַטכילע געשטעלט פֿאַר אַ צוועק... דער מלוכע-מאַן, וואָס וואָלט אַף זיך גענומען די טירכע אָנצואווייזן די פּריוואַטע מענטשן, ווי אַזוי זיי דאַרפֿן פֿאַרניצן זייער קאַפּיטאַל, איז ניט נאָר וואָס ער וואָלט זיך פֿאַרנומען מיט אַן אומניצלעכער זאַך, נאָר ער וואָלט דערביי נאָך פֿאַרכאַפּט די מאַכט, וואָס איבערצוגעבן זי וואָלט געווען אַן אומזין ניט נאָר איין מענטשן, נאָר אַפילע אַ וועלכן ס׳איז ניט ראָט אָדער סענאַט״.

(אַ. סמיט. „דאָס רייכטום פון פעלקער״).

---

8. גאָדווין וועגן אײגנטום און פּערזענלעכער פרײַהײט.

„די פראַגע וועגן אייגנטום איז דער לעצטער געוועלב-שטיין, וואָס באַ-קרוינט דעם ביניען פון דער פּאָליטישער גערעכטיקייט. פון דער ריכטיקייט אָדער ניט ריכטיקייט פון אונזערע פאָרשטעלונגען מיקויעך דעמדאָזיקן איניען וועגדעט זיך, אין וואָסער מאָס מיר וועלן פאַרשטיין די רעזולטאַטן פון דער איינפאכער רעגירונגסלאָזער פאָרם פון דער געזעלשאַפט, און וואסער מאָס מיר וועלן זיך אָפזאָגן פון די פּאַרורטיילן, וועלכע בינדן אונז צו צו דער קאָמפּלי-צירטער געזעלשאַפט. ווייל קיין זאך האָט ניט אזא מעכטיקע טענדענץ צו פּאַרדרייען אונזער באַנעמען און אונזער קוק, ווי די פעלערהאַפטע פאָרשטע-לונגען וועגן די מאַטעריעלע גוטס און זייער באַדייטונג פאַרן גליק. לעסאָף, דאָס אנקומען פונם פעריאָד, וועלכער וועט באַזייטיקן די סיסטעם פון צווינגען און באַשטראָפן, איז ענג פאַרבונדן מיטן באַפעסטיקן דאָס אייגנטום אַפן יעסאָד פון גערעכטיקייט.

אין דער פאַנאַנדערטיילונג פונם אייגנטום האָבן זיך אריינגעגאַנוועט צאָל-רייכע און באַשיינפּערלעכע מיסברויכונגען, און יעדערע פון אָט די מיסברוי-כונגען וואָלט מען געקאָנט מאכן פאר א זאך פון א באַזונדערער אויספאָרשונג. די כאַלוימעס וועגן גאַציאַנאַלער גרויסקייט, די גאַדלעס פון די מאַכטהאָבער, די שלעכטע שטייערן-פּאָליטיק, די מערקאַנטיל-סיסטעם מיט איר נעץ פון מאָנאָ-פּאָלן, פּאַרבאָטן און פּריווילעגיעס, דאָס פעאָדאַלע רעכט מיט זיינע אייגנאר-טיקע באַזיק-טיטולן, דאס יערושע-רעכט, — אָט די אלע מאָסמיטלען און אינסטי-טוטן האָבן זיך אומגינסטיק אָפּגערופן אף דער פאַנאַנדערטיילונג פון די ווירט-שאַפטלעכע אַשירעס. אבער זיי קאָנען דאָ ניט אויסגעפאָרשט ווערן אויספירלעך, ווייל די אויפגאַבע פונם מעכאַבער איז פעסטצושטעלן בלויז די אלגעמיינע פּרינציפּן, וועלכע האָבן אַן אנטשיידנדיקע ווירקונג אפן אייגנטום, און באַשטי-מען זייער ווערט אפן יעסאָד פון גערעכטיקייט-פּרינציפּ.

ווער האָט, לויטן גערעכטיקייט-פּרינציפּ, דאָס רעכט אף וועלכער ניט איז זאך, לעמאָשל, אף א לעבל ברויט: צי יענער, וועמען עס איז מער פון אלץ נויטיק ברויט, אָדער דער, וואָס האט דאס ברויט און באַקומט פון אים דעם גרעסטן רעווער. אָט שטייען פאר אונז זעקס הונגעריקע מענטשן, וואס וואלטן געקאָנט זיך אָנעסן צו זאט מיטן לעבל ברויט. עס קאָן זיין, אז זיי זיינען קינ-דער פון דיזעלבע עלטערן, נאָר לויטן פעאָדאלן בכוירע-רעכט באַקומט דאָס ברויט דער עלטסטער פון זיי. איז דאס יוישערדיק? אן אנדער ביישפּיל. איך האָב הונדערט ברויטן, און איינער פון מיינע שכיינים שטאַרבט פון הונגער. צי דען וואָלט אינם דאזיקן פאל ניט געפאָדערט דער יוישער, אז מע זאָל אים געבן איין ברויט. און דאָך באַאָבאכטן מיר טאָגטעגלעך, ווי זייט בא זייט עקזיסטירן איבערפלוס און דאכקעס, דערביי ווערט ניט געמאכט קיין שום פּרואוו אנצואווענדן די אויסגלייך-גערעכטיקייט...

... יעדער מענטש האָט א רעכט ניט נאָר אף די נויטיקע עקזיסטענץ־מיטלען, נאר אויך אף אן אנגענעם לעבן און ביכלאַל אף פרייע צייט, קעדיי צו האָבן א מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זיינע גייסטיקע פעאיקייטן. וואס אָבער זעען מיר איצט? מיר זעען, אז די ארבעטערקלאַסן, וועלכע שאפן דעם וואויל־שטאנד פון דער מלוכע און ברענגען אריין מיט זייער טעטיקייט די נאַציאָנאַלע האכנאָסע, האָבן וויינִיקער פון אלעמען פרייע צייט און באקומען דעם קלענסטן כיילעק פון דער נאַציאָנאַלער האַכנאָסע, אין דער צייט ווען די גווירים פאַר־שווענדן זייער איבערפלוס אף לוקסוס. ביכלאל זיינען די גרויסע האַכנאָסעס סויסער דעם גערעכטיקייט־פּרינציפּ. אויב עמיצער האָט א מעגלעכקייט אויס־געבן יערלעך בלויז 100 פונט סטערלינג און פארשטייט ריכטיק זיין גליק, איז אים, ניט צו פאַרגלייכן, בעסער, איידער דעם גוויר, וואס פארשווענדעט זיין אי־בערפלוס אף ניט קיין נויטיקע זאכן. אַן איינפאַכער ארט לעבן איז אסאך נו־ציקער פאר אונזער פיזישן און גייסטיקן וואוילזיין, איידער א לוקסוס־לעבן. די אויסגאַבן, וועלכע גייען ווייטער פון באַפרידיקן די נויטיקע לעבנס־היצטאַרכעסן, זיינען ניט מער, ווי א מין גאַדלעס. מיר מאכן זיי בלויז קעדיי נאָכצוגעבן אונ־זער גאַיווע־געפיל, אונזער ליידנשאפט צו פרעמדע שוואָכים, אונזער האָפער־דיקייט. די אַשירעס האָט, אף אזא אויפן, פאטאלע פאלגן פאַרן גייסט פון איר באַזיצער: זי שטערט אים צו זוכן דעם עמעס, צו פארווירקלעכן דעם יוישער, מיט אַנדערע ווערטער — צו דערגרייכן דאס גליק.

די איצטיקע פאנאנדערטיילונג פון די רייכטימער איז, הייסט עס, א שלעכטע. און ניט נאר דאס: דער אויפן, ווי אזוי מע באלוינט פאר ארבעט, וועלכער רעכנט זיך איצט פאר א יוישערדיקן, שטימט אויך ניט מיטן יוישער. דער מענטש, וואס ארבעט אויס מער, איידער דער אנדערער, באקומט א גרעסערע באלוינונג. די געזעלשאפט זאגט: אויב דו וועסט ארבעטן פלייסיק, וועסטו באקומען 100 מאל אזוי פיל מער, ווי דיר איז נויטיק עסנווארג, קליידונג, די־רע און פארגעניגן. איז עס דען יוישערדיק? ווען איך וואלט אפילע געווען דער גרעסטער באַלטויווע פון דער מענטשהייט, צי וואלט עס מיר דען געגעבן דאס רעכט צו נעמען זיך א איבערפלוס, אין דער צייט ווען אסאך אנדערע נויטיקן זיך אינם סאמע נויטיקסטן. ביפראט נאך, אז דער איבערפלוס וואלט מיר נאר געקאנט שאדן, ווייל ער פארטונקלט מיין פארשטאנד, פארפירט און פארדארבט מיך...

... דער מענטש איז א פאליטיש (געזעלשאפטלעך) וועזן, ער איז אָבער אין דערזעלביקער צייט א אינדיווידועל וועזן. דאס צוזאמענלעבן דארף דעריבער זיין אזוי איינגעארדנט, אז דער מענטש זאל קאָנען, דורך דער אינדיווידועלער אנטוויקלונג פון זיינע פעאיקייטן, אפן בעסטן אויפן דינען דעם אלגעמיינעם וואוילזיין. אבער די דייע אין דערדאָזיקער פראגע האט ניט די געזעלשאפט, ניט דאס געזעץ, נאר די אייגענע מיינונג, דער אומאָפּ־העניגיקער געדאנק פונם איינצלנעם מענטשן. די געזעלשאפט איז דאך ניט מער, ווי א צוזאמענעקזיסטענץ פון א ריי איינצלנע פערזענלעכקייטן, וואס יעדערע

פון זיי איז אווטאנאם. די געזעלשאפט איז ניט קיין גרויסע מאשין, וואס די טיילן אירע פארכאפן גלייכמעסיק און געזעצמעסיק איינער דעם אנדערן און פילן אויס ווילנלאז זייער ארבעט. די גערעכטיקייט-סיסטעם האט קיין שום שאַיכעס ניט צום אידעאל פון די עקאנאמיסטן, וועלכע לויבן ביזן הימל אריין די געמיינזאמע טעטיקייט, וואס איז געגרינדעט אף דער ארבעט=צעטיילונג. די ארבעט-צעטיילונג דערנידעריקט דעם מענטשן ביז דער שטופע פון א מעכאניש ווערקצייג. זי איז א פראדוקט פון זשעדניקייט און א פאלג פון לוקסוס. די עקאנאמישע סיסטעם פון דער צוקונפט וועט זיין געגרינדעט אף די ווירקלעכע היצטאַרכעסן פונם איינצלנעם מענטשן. קיין האנדל וועט ניט זיין, ווייל דאָס באדייט, אז דער מענטש שאפט ווירטשאפטלעכע אַשירעס, וועלכע זיינען אים גופע ניט נויטיק".

---

9. דער קאַפּיטאַליסטישער אויפבלי פון ענגלאנד צום סאָף 18-טן יארהונדערט.

(פון דער רעדע פון וו. פ י ט אין געמיינדן-הויז דעם 17=טן פעווראַל 1792 יאָר).

„... ווען מיר זאָלן, באַטראַכטנדיק די פאַרשיידענע האַכנאָסע-פּאַראַגראפן, ווענדן זיך צו אַ מער דירעקטער אויספאָרשונג פון די קוואַלן פון אונזער וואוילשטאַנד, וועלן מיר זיי געפינען אין דעם אַנטשפּרעכיקן וואוקס פון אונ= זער פאַבריק-אינדוסטריע און אונזער האַנדל. די באַריכטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן לויט די דאָקומענטן פון די גרעניץ-צאָלהייזער, צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין פולקומער פּינקטלעכקייט, זיי גיבן אָבער אַ מעגלעכקייט פעסטצו- שטעלן לעפּיערעכדיקע פאַרהעלטענישן אין פאַרשיידענע פעריאָדן. אין 1782-טן יאָר, דעם לעצטן מילכאָמע-יאָר, איז דער אימפּאָרט, לויט דער אָפּשאַצונג פון צאָלהויז, אויסגעוואָקסן ביז 9.174.000 פונט (אַ פונט באַטרעפט אָן ערעך 25 פראַנק). ער איז פון יאָר צו יאָר היפּש געוואקסן און אין 1790-טן יאָר האָט ער דערגרייכט ביז 19.120.000 פונט.

דער עקספּאָרט פון די פּראָדוקטן פון דער ענגלישער פאַבריק-אינדוסטריע גיט אַ מער באַשטימטן און מער וויכטיקן קריטערי אף צו באַשטימען דעם האַנדל-וואוילשטאַנד. די אָפּשאַצונג פון די עקספּאָרט-אַרטיקלען האָט זיך אויס- געדריקט אין 1782-טן יאָר אין 9.919.000 פונט; דעם אַנדער יאָר האָט זי דערגרייכט צו 10.409.000 פונט, אין 1790-טן יאָר איז זי אויסגעוואָקסן ביז 14.921.000 פונט און פאַראַיאָרן (1791-טן יאָר) האָט זי אָנגעטראָפן 16.420.000 פונט. ווען מיר זאָלן נאָך צורעכענען אַהער די אַרויסגעפירטע אויסלענדישע אַרטיקלען, וועט די ציפער פון דעם עקספּאָרט אין 1782-טן יאָר אָנטרעפן 12.232.000 פונט. נאָכן שאָלעם האָט ער זיך אין 1783-טן יאָר אויפגעהויבן ביז 14.741.000 פונט; אין 1790-טן יאָר האָט ער דערגרייכט ביז 20.120.000

פונט. דידאָזיקע דאָקומענטן, אַט אַזוי ווי זיי זעען אויס (און פול קאָנען זיי ניט זיין), האָבן א ווערט נאָר, ווי אַ איבערבליק פון דעם אויסלענדישן האַנדל פון אונזער מעדינע. עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, אז אונזער אינעווייניקסטער האַנדל, וואָס האָט אַלעמאָל געהאַט מער באַטייט פאַר אונזער אַשירעס, איז אויסגעוואַקסן, לעפּאָכעס, אויך אין אַזאַ מאָס. איך האָב ניט די מעגלעכקייט צו געבן דאָ א דעטאַלן פאַרגלייכנדיקן איבערבליק פון אונזער פאַבריק-אינדוסטריע פאַר דעמזועלביקן פעריאָד, אָבער איר שנעלער וואוקס איז געווען א פאקט אַן אָנערקענטער פון אלעמען, און די אָרטיקע יעדיעס פון די דזשענטלמענס פון פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד, וואָס פאַר זיי רייד איך דאָ, מאַכן גאָר איבעריק צו געבן פּראָטים וועגן דערדאָזיקער פראַגע.

נאָכדעם ווי מיר האָבן קאָנסטאַטירט, אף אַזאַ אויפן, די פאַרגרעסערונג פון אונזערע האַכנאָסעס און האבן דערוויזן, אַז מיט איר אינאיינעם גייט מיט א געהעריקער וואוקס פון אונזער פאַבריק-אינדוסטריע, לאָמיר זיך איצטער קלאָר מאַכן די באַדינגונגען, וואָס אדאַנק זיי קומט פאַר אַזא מין ווירקונג.

דער ענטפער, וואָס קומט קוידעמקאָל און פון זיך אליין אַרויף אפן זינען אלע מענטשן אין לאַנד, איז, אז אונזער וואוילשטאַנד איז א פּויעל-יויצע פון דער אינדוסטריע און דער נאַטירלעכער ענערגיע פון דער נאַציע. וואָס זשע אָבער האָט עס געגעבן דערדאָזיקער אינדוסטריע און דער ענערגיע די פעאיקייט צו ווירקן מיט אַזאַ קראַפט און אף אַזוי פיל אריבערצוואָגן די ביישפילן פון די פריערדיקע פעריאָדן? אין אָט דער גינסטיקער ווירקונג האָבן א גוואלדיקע ראָלע אָפגעשפילט די טעכנישע פאַרפולקומונגען אין איטלעכן צווייג פון אינדוסטריע און דער גראד פראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מאַכמעס דער ענדערונג פון דער מאַשין-פראָדוקציע. מיר האָבן, אַכוץ דעם, געזעען אין דעמדאָזיקן פעריאָד, מער איידער אין די פריערדיקע צייטן, די ווירקונג פון נאָך איין זאַך, וואָס האָט מיטגעהאָלפן אונזער לאַנד צו דערגרייכן דאָס ערשטע אָרט אין האַנדל. איך רייד וועגן דעם גראַד קרעדיט, וואָס שאַפט פאַר אונזערע סאָכרים, מיט דער הילף פון א צווייענדיקער אָפעראַציע, פאַרגרינגערטע באַדינגונגען אף צו פאַרברייטערן זייערע אָפעראַציעס אינעווייניק אין לאַנד, און מאַכט מעגלעך צו דערשלאָגן זיך אַ געהעריקע בעסערע לאַגע אף די אויסלענדישע מערק. אָט די מאַילע האָט זיך, דער איקער, ארויסגעוויזן אין דער צווייטער העלפט פון דעם פעריאָד, וועגן וואָסערן איך רייד, און דאָס האָט קעסיידער פאַרגרעסערט דעם וואוילשטאַנד פון דער נאַציע.

אכוץ דעם, האָט דער גייסט פון עקספּלואַטאַציע און אונטערנעמערשאַפט פון אונזערע סאָכרים אַרויסגעוויזן זיך, אדאַנק דער פאַרברייטערונג פון אונזער יאַם-פאָרעריי און פישעריי-געשעפט און אַדאַנק דער דערוואָרבונג פון נייע מערק אין פאַרשיידענע וועלט-טיילן. עס איז קיין סאָפעק ניט, אז צו דידאָזיקע אָנשטרענגונגען האָבן מיטגעהאָלפן די נייע באַציאונגען מיט פראַנקרייך, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורכן האַנדל-אָפּמאך; האַגאם די באדייטונג פון דידאָזיקע באַציאונגען איז געמינערט געוואָרן דורך די אומרועןן, וואָס האָבן

דאַן געהערשט אין פראַנקרייך, דאָך זיינען זיי געווען א סטימול פאַר דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דער טעטיקייט פון אונזער לאַנד.

עס איז פאַראַן אָבער נאָך אַ סיבע, וואָס פאַרענטפערט אַסאַך מער, איידער אלע אַנדערע, וואָרום זי איז אַ באַשטענדיקע און אַ מער דויערנדיקע. דאס איז די שטענדיקע קאַפּיטאַלן-אַנזאמלונג, זייער טענדענץ צו פאַרגרעסערן זיך, אַ טענדענץ... וואָס מוז זיך אַלעמאָל ארויסווייזן און וואַקסן אין אַ לאַנד, וואָס האָט דערגרייכט צו אַ געוויסן גראַד פון האנדל-וואוילשטאַנד.

אָט דאָס זיינען די באַדינגונגען, וואָס, ווי מיר זעט עס אויס, העלפן זיי מיט אונזער איצטיקן וואוילשטאַגד. זיי זיינען פאַרבונדן נאָך מיט אַנדערע, מער וויכטיקע סיבעס...

זיי זיינען באַשיינפערלעך און אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיטן גראַד דויערקייט פון שאָלעם, וואָס זיין פארלענגערונג, צוגעבנדיק רואיקייט און זיכערקייט, מוז ווערן דער הויפּט-פּונקט פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון אונזער לאַנד, און מיט די נאַטירלעכע באַדינגונגען פון אַ פרייער רעגירונג, וואָס איז אָבער אונטערגעוואָרפן אונטער געוויסע קלאָלים. מיר האָבן גענאָסן די מאַילעס פון די געזעצן פון אונזער קאָנסטיטוציע, וואס איז נאָך איינגע-פונדעוועט און איינגעשטעלט געוואָרן דורך די אומפאַרגעסלעכע אומרועןצום סאָף פון דעם פאַרגאנגענעם יאָרהונדערט. אָט דאָס איז די גרויסע און דאָמי-נירנדיקע אורזאַך, וואָס האָט געגעבן גרויס ראַכוועס אויך פאַר די אַנדערע גינסטיקע באַדינגונגען, וועגן וואָסערע איך האָב גערעדט... אָט דאָס איז די לעבנסקראַפט, וואָס מיר דאַרפן שטענדיק אָפּהיטן. אויב אָט די ערשטע באַ-דינגונג וועט אָפּגעהיט ווערן, דאן וועלן די אלע אַנדערע זאַכן זיין אין רע-שוס פון אונזער מאַכט״...

ליטעראטור.

1. **А. Тойнби:** „Промышленный переворот в Англии в 18-м веке“, гл. I—X стр. I—187.
2. **Моносис:** „Промышленный переворот“.
3. **К. Маркс и Ф. Энгельс:** „Куммунистический манифест“, гл. I и примечания Д. Рязанова к гл. I.
4. **ק. מארקס:** „קאַפּיטאַל״, באַנד I, קאַפּ. 24.
5. **Я. М. Захер:** „Промышленный переворот Англии.
6. **Лукин:** „Учебник новейшей истории Зап. Европы“. гл. II.
7. **Ц. Фридлянд:** „Лекции по истории современной Европы“ гл. I.

קאפיטל 2

פראַנקרײַך ערעוו דער גרויסער רעוואָלוציע

דער היסטאָרישער אָרט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די גרויסע בורזשואזע רעוואלוציע אין פראנקרייך האָט באַשאפן די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכע. לויט איר ווערדע נאָך שטייגט זי אַריבער די גרעניצן פון פראַנקרייך אליין: אין אלע לענדער פון אייראָפּע האָט זי מיטגעהאָלפן באָטל צו מאַכן די פעאָדאַלע באַציאונגען אַפן סאָציאַל-עקאָנאָמישן געביט און אויך אפן פּאָליטישן. אָט די אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין דעם 18-טן יאָרהונדערט איז אין די מלוכעס פון דער אַלטער אייראָפּע די פעאָדאַלע ארדענונג אַף העלפט שוין כאָרעוו געוואָרן; די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָט די ליקווידאַציע פאַרענדיקט. דאָך, בעאייס אין איינע לענדער פון אייראָפּע (דייטשלאַנד) האָבן די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן ערשט קוים אָנגעהויבן דורכשפּראָצן, האָט שוין אין די אַנדערע (פראַנקרייך) דער קאַפּיטאַליזם אַ רוק געטאָן זיך אַף אזוי פיל, אַז ער איז שוין געווען בעקויעך צו באַשטימען דעם גאַנג פון דער בורזשואזער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. לאָמיר פאַרגלייכן די צוויי רעוואָלוציעס: די ענגלישע בורזשואזע רעוואלוציע פון 17-טן יאָרהונדערט און די פראַנצויזישע פון סאָף 18-טן יאָרהונד. די ערשטע איז פאָרגעקומען פ אַ ר דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, די צווייטע אין דעם פּראָצעס פון דערדאָזיקער איבערקערעניש. די אַלץ וואַקסנדיקע ראָלע פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע אין פראנקרייך, אין פאַרגלייך מיט דער איבעריקער קאָנטינענטאַלער אייראפּע, איז געווען די סיבע פון דער רעוואָלוציע אין לאַנד. „די פראַנצויזישע פּאָליטישע רעוואָלוציע איז א פולצייטיקע פרוכט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג“. אָבער די אָנווענדונג פון מאַשינעס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אין פראַנקרייך האָט ערשט געהאַלטן אין פּראָצעס פון אַנטוויקלען זיך. זי איז געווען ארומגעוועבט מיט די שווערסטע איבערגעבליבענע רעשטן פון פעאדאליזם, אָט דערפאַר האָט דאָ די רעוואָלוציע, מער ווי אין ענגלאַנד, צעאַקערט דעם געזעלשאַפטלעכן באָדן. די נייע פראַנקרייך האָט ניט געקענט געבאָרן ווערן אַף דער וועלט אָן וויטיקן, וואָרום „צו ווייט איז פאַרגאַנגען די עלטער-שוואכקייט, די אומפעאיקייט פון דער אלטער ארדענונג, צו גרויס זיינען געווען די פיינטלעכע סטירעס, וואָס זיינען אינעווייניק אין איר אָנגעוואקסן“ (קונאָוו). דער קלאסן-קאַמף, אַפן יעסאָד פונם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם, אין דעם פּעריאָד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז דעריבער באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם קאַמף פון די דריי שטאַנדן: דעם אַדל, די גייסטלעכע און דעם „דריטן שטאַנד“, נאָר אויך אין די סאָציאַלע

קאָנפליקטן אינעווייניק אין דעם איינהייטלעכן דריטן שטאַנד גופא. אָבער דידאָזיקע קאָנפליקטן האָבן פונדעסטוועגן ניט ארויסגעשטעלט דעם פּראָלעטאַריאַט ווי א קלאס אנטקעגן דער בורזשואזיע, דעם געדאַנק פון קאָמוניזם אַנטקעגן דעם געדאַנק פון א בורזשואזער מלוכע. פריער האט געדארפט גע־באָרן ווערן די בורזשואזע מלוכע אַף די כורוועס פון דער פעאָדאַלער גע־זעלשאַפט.

די אַלטע „אָרדע־נונג" און די הויפּט־סיבֿע פאַרוואס זי איז געפאַלן.

די בורזשואזע אָרדענונג איז געוואַקסן אינע־ווייניק אין דער „אַלטער אָרדענונג"—וואָס איז דאָס אזוינס די „אַלטע אָרדענונג"? אָפט רופט מען אזוי אָן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פון פראַנקרייך און גאנץ איירָאָפּע ביז דעם יאָר 1789. אזא פאַר־שטעלונג אָבער איז ניט ריכטיק, מאַכמעס זי איז צו אלגעמיין. שוין פון 14-טן יאָרהונדערט אָן האָט די פעאָדאַלע אָרדענונג אין פראַנקרייך אָנגעהויבן אונטערגיין. אָבער די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס האָט זיך איינגע־שטעלט אין פראַנקרייך צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט, שיידט זיך אָפּ שטאַרק פון דער געזעלשאַפט אין אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט. אַזוי, הייסט עס, מיינט די „אַלטע אָרדענונג" פארשיידענע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך. דעריבער איז ווען מיר ריידן וועגן דער אַל־טער אָרדענונג ערעוו דער רעוואָלוציע, מיינען מיר פראַנקרייך אין דעם פּע־ריאָד פון 1774—1789 יאָר.

דאָס איז געווען די צייט, ווען אין פראַנקרייך האָבן זיך צוזאַמענגע־שטויסן, שאַרפער ווי ערגעץ אנדערש וואו, די אינטערעסן פון דער זיגנדיקער בורזשואזער אָרדענונג און דער אָפּגעלעבטער פעאָדאַלער אָרדענונג. אונטער דער „אלטער אָרדענונג" פארשטייען מיר ניט נאָר די פּאָליטישע אָרדענונג פון פראַנקרייך, נאר אויך די עקאָנאָמישע ארדענונג אירע ביז דער רעוואָלו־ציע. טאקע אין דער עקאָנאָמיק פון לאנד האט זיך עס קוידעמקאָל ארויס־געוויזן דער קאָנפליקט צווישן דער אנטוויקלונג פון קאפּיטאַליזם און די עק־זיסטירנדיקע פעאָדאַלע באַציאונגען. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אנטקעגן דער אַלטער אָרדענונג איז אַף אזא אופן געווען א סאָציאַלע רעוואלוציע פון דער בורזשואזיע אנטקעגן די פעאָדאַלע קלאַסן, אזוי ווי אונזער רעוואלוציע איז א סאָציאַלע רעוואָלוציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אנטקעגן די קאפּיטא־ליסטישע קלאסן. אָט די רעוואלוציאָנערע פּראָבלעמען פון דער פראַנצויזי־שער בורזשואזיע האָבן פארשטאנען אויך איינציקע פון אירע אידעאָלאָגן פון סאָף 18-טן יאָרהונד. איינער פון זיי ב א ר נ א וו איז זיין „אריינפיר אין דער פראַנצויזישער רעוואלוציע" מאכט דעם ערשטן פרוּאוו פון א מאטעריאליסטי־שער דערקלערונג פון דער געשיכטע. ער פארשטייט, אז די פראַנצויזישע רע־וואלוציע דאַרף אומענדערן די פּאָליטישע אָרדענונג אין לאנד אין צוזאמען־האנג מיט דער ענדערונג אין דעם כאראקטער פון אייגנטום, וואָס איז דער יעסאָד פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן. פאר אים איז די פראַנצויזישע רע־

וואלוציע א רעזולטאט פון דער פריערדיקער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג. „דאָרט, וואו ערד איז דער איינציקער קוואל פון האכנאָסע,—שרייבט ער,—מוזן די גרויסע נאכלעס ביסלעכווייז איינשלינגען די קליינע; בעאייס דאָרט, וואו אינדוסטריע און האנדל זיינען די קוואלן פון האכנאָסע", דאָרט וועלן די לעצטע באשטימען אויך די אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט. „א נייע פאנאנ־דערטיילונג פון אשירעס, זאָגט ווייטער בארנאוו, רופט ארויס א נייע פאנאנ־דערטיילונג פון מאכט. פונקט אזוי ווי אייגנטום אף ערד האָט אויסגעהאָדעוועט די אריסטאָקראטיע, אזוי פירט דאָס אינדוסטריעלע אייגנטום צו פאָלקס-הער־שאפט"... עמעס, בארנאוו ווי א פאָרויסגייער פון היסטאָרישן מאטעריאליזם איז אן אויסנאם. נאָר די אידעאָלאָגן פון דער אויפשטייגנדיקער בורזשואזיע, ביכלאל גערעדט, האָבן פארשטאנען דעם צוזאמענבונד צווישן דער אָנקומענ־דיקער פאָליטישער רעוואלוציע און דער עקאָנאָמישער מאכט פון דער בור־זשואזיע. אין דעם קאָנפליקט צווישן דער אנטוויקלונג פון די נייע עקאָנאָמישע קויכעס און דער אָפגעלעבטער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג וועלן מיר זוכן די לעצטע סיבע פון דער רעוואלוציע.

האנדל, אינדוסט־ריע און לאנדווירט־שאפט אין פראנק־רייך ערעוו דער רעוואָלוציע.

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז ניט צו געפינען קיין געשעענישן, גרעסערע און מער צוגעגרייטע, ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע (טאָק־וויל).

אָבער פארשטיין די סיבעס אירע—מיינט אויס־שטודירן קוידעמקאָל דעם עקאָנאָמישן געבוי פון דער אָלטער אָרדענונג. קלאָר מאַכן די פאָר-האַנאָכעס פון דער רעוואָלוציע—הייסט קלאָר מאַכן די הויפט קלאַסן-גרופירונגען אין לאַנד. קעדיי צו פארשטיין די באַוועגנדיקע קויכעס פון דער רעוואָלוציע, מוז מען, ענדלעך, באקענען זיך מיט דער אידעאָלאָגיע פון דידאָזיקע קלאַסן.

די באַפעלקערונג פון פראַנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע איז פעסטגע־שטעלט דורך דער אָפיציעלער סטאָטיסטיק אין 26.373.000 נעפאָשעס, דערביי איז אויסגעקומען אָפן כיילעך פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג ביז 2.000.000 מענטשן. די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט אויסגעמאכט די איבערוועגנדיקע מערהייט אין לאַנד. גרויסע שטעט איז געווען ווייניק: פאַריז און ליאָן. פאַריז האָט געציילט 600.000 איינוואוינער און ליאָן—135.000. פראַנקרייך איז געווען אַ מעדינע, דער איקער, א לאַנדווירטשאַפטלעכע. דער דאָרף האָט געהאַט די איבערהאַנט איבערן שטאָט, אָבער נאָר אין קאַמעס. דער קאַפּיטאַליזם איז אַריינגעדרונגען אויך אינם פראַנצויזישן דאָרף. דער הערשנדיקער טיפּ קאַפּי־טאַל אין פראַנקרייך פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט איז געווען דער האַנדלס-קאַ־פּיטאַל. אָבער אָט דער קאַפּיטאַל, ווי מיר וועלן עס ווייטער זעען, האָט אָר־גאַניזירט אויך די נאַציאָנאַלע אינדוסטריע. די וויכטיקסטע האַנדלס-צענטרען פון לאַנד זיינען צו דערזעלביקער צייט געווען אויך אירע אינדוסטריעלע צענ־

טרען. און די אומגעהויערע דאָזיקע באַפעלקערונג איז געווען ניט נאָר אַ פאַרברויכער, נאָר אויך אַ פּראָדוצירער פון מאַנופאַקטור-סכוירעס.

וועגן אַן איבערהערשאַפט פון נאַטוראַל-ווירטשאַפט אין פראַנקרייך פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט קען גאָר קיין רייד ניט זיין. די צעכן אַפן געביט פון אינדוסטריע, ווי אויך די מאָנאָפּאָליעס אַפן געביט פון האַנדל און דאָס לייב-אייגנטום אין דאָרף האָבן געהאַלטן אין צעפאַלן. די רעשטן זייערע זיינען געווען מעניעס פאַר דער ווייטערדיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אָט פאַרוואָס, ניט קוקנדיק אַף דער קאָמעסדיקער איבערהערשאַפט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך סאָף 18-טן יאָרהונדערט, דאַרף מען זוכן דעם שליסל צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון איר דאָרף-ווירטשאַפט אין דער אַנטוויקלונג פון איר האַנדל און אינדוסטריע. אָבער דערביי טאָר מען פאַר קיין פאַל ניט פאַרגעסן די רעשטן פון פעאָדאַליזם אין לאַנד.

דער אויסלענדישער האַנדל. דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַליזם, פונקט אַזוי ווי דער ענגלישער, האָט אויך געהאַט זיין פעריאָד פון אורשפּרינגלעכער אָנזאַמלונג. באַשיצונג פון אינדוסטריע און האַנדל מיצאַד דער מלוכע איז אין פראַנקרייך געווען אַנטוויקלט מער ווי ערגעץ אַנדערש וואו. אין דער צייט פון קאָלבערס מיניסטעריום (17-טער יאָרה.) איז די רעגלאַמענטירונג פון אינדוסטריע און די פּאָליטיק פון שוץ-טאַריפן געוואָרן אַ סיסטעם. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אויסגעהאַלטן די אינדוסטריע און האָט צוגעגעבן כיישעק דעם האַנדל.

די עפּאָכע פון קאָלבערן קומט אויס גראָד צו דער צייט פון פראַנקרייכס קאָלאָניאַלער אויסשפּרייטונג. נאָך אין די 20-ער און 30-ער יאָרן פון 17-טן יאָרהונדערט שטייגט אריבער דער האַנדל פון די פראַנצויזישע סאָכרים אין צווייען דעם האַנדל פון די ענגלענדער און ווענעציאַנער. עמעס, פון דעם 18-טן יאָרהונדערט אָן שטויסט ענגלאַנד אַרויס פראַנקרייך אַפן וועלט-מאַרק, פונדעסטוועגן וואַקסט דער פראַנצויזישער מיסכער דערהויפּט פון דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט (ז. מאַט. און דאָק. נומער 1). דאָס איז קענטיק פון אָט די ציפערן: אין 1716 יאָר האָט זיך דער מיסכער פון פראַנקרייך געשאַצט אין 214,8 מיליאָן ליוור, און אין 1787 אין 1.011,6 מיליאָן ליוור. וועגן פראַנקרייכס האַנדלס-מאַכט האָט לאָרד טשעסטערפילד געשריבן צו זיין זון: „די פראַנצויזן פירן אַ ברייטן האַנדל מיט אָסט-אינדיע און וועסט-אינדיע; זיי האָבן אונז (ענגלענדער) קימאַט אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן פונם האַנדל מיט לעוואַנט”. די שטעט מאַרסעל, באָרדאָ, נאַנט זיינען געווען צענטרען פון וועלט-האַנדל. אין מאַרסעל פלעגן זיך צונויפאָרן מענטשן פון פיר וועלט-טיילן צו האַנדלען דאָרט. דאָס האָט גוירעם געווען, אז עס זאָל זיך דאָרט ברייט אַנטוויקלען שיפבויעריי: אין 1778 יאָר האָט מען אַראָפּגעלאָזן אַפן וואַסער 7 שיפן, און 1784 יאָר—33. מיט וואָס זשע פאַר אַן אַרטיקלען האָט פראַנקרייך געפירט איר אויסלענדישן מיסכער? זי פלעגט אַרויספירן דער איקער פּראָדוקטן פון לאַנדווירטשאַפט, און פלעגט אריינפירן שניט-סכוירעס, באַקאַליי, פעדים-

סכוירע. צווישן די פאַבריקאַטן פון פראַנצויזישן עקספּאָרט האָט פּודרע און פּאַרפּיומעריע און לוקסוס-זאַכן באַטראָפן ניט ווינציקער ווי די וואָל-סכוירעס. דער אויסלענדישער האַנדל פראַנקרייכס האָט אָבער געליטן פון דעם, וואָס עס האָט אים געפעלט די נויטיקע פרייהייט. אַ ריי פאַרבאָטן, די טאַריף-פּאָליטיק אין אַ איניען, ווי, לעמאָשל, דער ברויט-האַנדל, האָבן געשטערט דער אנט-וויקלונג זיינער. דער איקער אָבער האָט דער אויסלענדישער האַנדל געליטן איבער דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע. אָט פאַר-וואָס, ווען אין 1786 יאָר איז געשלאָסן געוואָרן אַן ענגליש-פראַנצויזישער האַנדל-אָפּמאַך, וואָס אין יעסאָד זיינעם איז געשטעלט געוואָרן דער פּרינציפּ פון פרייען האַנדל, האָט פראַנקרייך ניט געקענט ביישטיין אין קאַמף מיטן ענגלישן קאַפּיטאַל. דער כורבן פון דער פראַנצויזישער מלוכע האָט געגעבן ענגלאַנד אַ מעגלעכקייט, אין לאַנגע מילכאָמעס, צו פאַרכאַפּן אירע קאָלאָ-ניעס, ארויסשטויסן זי אָף די מערק, און ווערן דער קאַפּיטאַליסטישער באַלע-באָס פון דער וועלט.

דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט געשטערט פראַנקרייך צו מאַכן גרויסע ער-פאָלגן אפן קאַפּיטאַליסטישן וועג. וועגן דעם זאָגט איידעס פאָלגנדיקע טאַבעלע:

דער עקספּאָרט פון פראַנקרייך.

	1716	1789
פּראָדוקטן פון דער ערד	36 מיליאָן פונט	93 מיליאָן פונט
„ „ פראַנצויזישער אינדוסטריע	45 „ „	133 „ „
קאָלאָניאַלע סכוירעס פון אַמעריקע . .	15 „ „	152 „ „
טראַנזיט-סכוירעס פון אינדיע . . .	2,6 „ „	4,1 „ „
אויסלענדישע טראַנזיט-סכוירעס . . .	6 „ „	46 „ „

דער אינעווייניק-סטער האַנדל און דער ברויט-האַנדל.

דער אינעווייניקסטער האַנדל האָט גאָר באַ-זונדער געליטן פון די נעגישעס פון דער „אַלטער אָרדענונג" (ז. מאַט. און דאָק. נומער 2). פראַנקרייך פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט איז נאָך באַשטאַנען פון אַ ריי געגנטן, צעשיידטע דורך אָפּצאָל-גרעניצן. אָט די טיילן — די „פּראָווינציעס פון די פינף גרויסע דיסטריקטן", — וואו סכוירע האָט געקענט צירקולירן אָן אָפּצאָלן, אָבער באַם אַריינפירן און אַרויספירן פון איינעם פון אָט די קאַנטן אין דעם אַנדערן פלעגט מען צאָלן גרעניץ-שטייער; „די פּראָ-ווינציעס, געגליכן צו עמעס אויסלענדישע", זיינען געוועזן פאַר פראַנקרייך ווי אַ פרעמדע מעדינע; און, לעסאָף, „די פּראָווינציעס, וואָס זיינען אָנערקענט ווי אויסלענדישע", וואָס זיינען געוועזן אָפּגעטיילט פון די „פּראָ-ווינציעס פון די פינף דיסטריקטן" דורך אַ צאָל-גרעניץ.

אַזאַ פאַרדרייעניש אין די אינעווייניקסטע האַנדל-באַציאונגען האָט, עמעס, געדינט די פינאַנץ-אינטערעסן פון דער מלוכע און איינצלנע סעניאָרן,

דאָס האָט אָבער בעפּיירעש געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דעם מיסכער אין לאַנד. פאַר פראַנקרייכס אינעווייניקסטן האנדל אין יענער צייט איז באזונדער כאַראַקטעריסטיש, וואָס עס איז ניט געווען קיין איינהייטלעכע סיסטעם פון מאָס און וואָג, זייער אויסערגעווייגלעכע פאַרשיידנאַרטיקייט. נאָך גרעסערע מעניעס און נעגישעס פון די מלוכישע מאָסמיטלען האָט געהאַט אויסצושטיין דער ברויט-מיסכער. דאָ האָט געהערשט אַ שטרענגסטער רעגלאַמענט. „דער ערדאַרבעטער, איינזאַמלענדיק די גערעטעניש, האָט געצאָלט מאַיסער, שטייערן דער מלוכע און צינז דעם סעניאָר. דאָס איבערגעבליבענע ברויט איז געווען זיך צום געברויך און צום פאַרקויף". ער האָט אָבער ניט געקענט פריי קערן זיך מיטן רעשט פון זיין ברויט, וואָרום עס איז געווען פּינקטלעך באַשטימט וואו און ווען צו פאַרקויפן עס. ער איז געווען מעכויעוו צושטעלן ברויט אָפן מאַרק לויט אַ פּאָרויס באַשטימטן מעקעך און ד. גל. אַכטונג געבן אַף אָט די אלע און נאָך אַסאַך אַנדערע קלאָלים האָט געדאַרפט די שטאָטישע האנדל-פּאָליציי און ספּעציעלע באַאַמטע. אויסהאַלטן זיי פלעגט מען פון די מאַרק-שטייערן, וואָס פלעגן פאלן אף די ערדאַרבעטער. נאָך אַ ריי אנדערע מאַרק-שטייערן (וואָג-געלט, פאַר אַראָפּשיטן די טוואָרע), און אויך די פּעאַזשן אָדער שלאַמבאָן-געלט פלעגן אַראָפּשלאָגן דעם גאַנצן ברויט-מיסכער. דערדאָזיקער מין האַנדל האָט זיך גערעכנט אין לאנד עפּעס ווי אַ פאַרברעך, איבער די סאָכרים איז געהאנגען אַ שטרענגער קאָנטראָל. אַרויספירן ברויט אין אַנדערע לענדער איז געווען פאַרבאָטן. מיטן אריינדרינגען אָבער פון געלט-ווירטשאַפט אין דארף, מיט דער ווייטערדיקער פאַנאַנדערשיידונג צווישן אינדוסטריע און ערדאַרבעט, האָט דער ברויט-מיסכער אָנגעהויבן שפּילן אלץ אַ גרעסערע ראָלע. די מעניעס אָבער צום פרייען פאַרקויף פון ברויט האָבן געפירט נאָר צו ספּעקולאַציע אַף הונגער. עמעס, די „אַלטע אָרדענונג" האָט געפּרוּווט גרינגער מאכן די באַדינגונגען פון דעם ברויט-מיסכער, אָבער אָן ערפאָלג. דידאָזיקע שטערונגען האָט באַטל געמאכט נאָר די רעוואָלוציע.

די אינדוסטריע: מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פון האנדל אין לאַנד איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון איר אינדוסטריע. „מאַרסעל איז געווען ני אַ האַנדלס-צענטער ני אַ גרויסער אינדוסטריע-צענטער: עס איז ניט מעגלעך אָפּצוטיילן זיין מיסכער פון זיין אינדוסטריע". דאָס אייגענע איז אויך בענוגייע די איבעריקע האַנדל-שטעט. אָפט איז דער קאַפּיטאַל פון די איינוואוינער פון דידאָזיקע שטעט (נאַנט, באָרדאָ) געשאפן געוואָרן פון האנדל מיט שקלאפן; ער איז אָבער געגאנגען אויך אף די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון לאַנד. און דער וואוקס פון דעם האנדל-און אינדוסטריע-קאַפּיטאַל (לעמאָשל, אין נאַנט) האָט מיטגעהאָלפן דעם אינדוסטריעלן אויפבלי פון דעם קאַנט אַרום (ברעטאַן). אין 1758 יאָר איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ציץ-מאַנופאַקטור אין נאַנט, און אין 7 יאָר ארום האָט מען שוין דאָרט אויסגעאַרבעט 5.000 שטיק ציץ. דאָרט איז געווען אויך אַ פאַבריק פון שטריק און 2 קאַנאַט-זאַוואָדן, געווען

דאָרט 500 וועבשטולן. אַף די פאַבריקן פון באוולנע דרוק-געוועבן האָבן גע-
ארבעט 4.500 מענטשן. נאָר אכוץ דידאָזיקע צענטרען פון האנדל און אינדוסטריע
איניינעם זיינען געווען נאָך ריין אינדוסטריעלע צענטרען. אַזוי האָט די באַפעל=
קערונג פון ליאָן געאַרבעט דער איקער זיידענע סכוירעס, היט, ציץ, געוואנט,
געפארבט שניט-סכוירעס. אין ליאָן האָבן 14.177 וועבשטולן געארבעט אַף זייד=
אַרטיקלען, מיט אַ פערסאָנאַל אַרבעטער פון 58.500 מאַן. פונדעסטוועגן איז די
אינדוסטריעלע טעטיקייט אין פראַנקרייך געווען פארשפרייט דער איקער אין
די דערפער, און ניט קאָנצענטרירט אין די שטעט. לויט דער צאָל אַרטיקלען
פון דער דאָרפישער אינדוסטריע גייט צום ערשטן די אויסאַרבעטונגען פון
פלאַקס און ליין, נאָכדעם די וואָל-און זייד-אינדוסטריע. די באוול-אינדוסטריע
איז געווען די יונגסטע פון אלע צווייגן אין דער טעקסטיל-פראָדוקציע. אַזאַ
ברייטע אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלן לעבן פון לאנד אין דאָרף איז מעגלעך
געווען אדאנק דער אויסערגעוויינלעכער אָרימקייט פון די פויערים. אָט זיינען
אייניקע ציפערן: דער אלגעמיינער סכום פון דער פראָדוקציע פון אינדוסטריע-
ארטיקלען צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט איז אויסגעוואקסן אין 5 מאָל אין
פאַרגלייך מיט קאָלבערס צייטן. פאר דער רעוואָלוציע האָט די פראָדוקציע
פון וואָל-געוועבן באשעפטיקט 5.524 מענטשן, וואָס פלעגן אַף 68.500 וועב-
שטולן אויסארבעטן 2.607.000 שטיק שטאָף. ווי זשע איז אָבער געווען די
אָרגאניזאציע פון דער אינדוסטריע אין פראַנקרייך אין יענער צייט? די הער-
שנדיקע פאָרם איז געווען די דאָרפישע, דאָס הייסט, די הויז-אינדוסטריע. די
מעלאָכע אין דער קליין-פראָדוקציע איז נאָך בעשום אויפן ניט געווען ארויס-
געשטויסן. אַזוי איז אין פאריז אין 1721 יאָר אַף 500.000 איינוואוינער געווען
757 בעקער. אין 1737 יאָר איז אין דער שטאָט סאם אַף 6,500 איינוואוינער
געווען 21 באקאליי=קרעמער, 11 געוואנט-סאָכרים, 24 סטאָלערס, 25 שוסטערס.
אין דערזעלביקער שטאָט איז אין אָנהויב פון דעם 20=טן יאָרהונדערט אַף
11.000 איינוואוינער געווען בעסאַכאַקל 14 קליינע הענדלער, 8 סטאָלערס און
12 שוסטערס. דאָס באווייזט, וואָס פאַר א ראָלע מעלאָכע האָט געשפילט אין
פראנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע. וואָס איז שאיעך דער הויז-אינדוסטריע,
איז זי אין פראנקרייך געווען פון גאנץ פארשיידענע טיפּן. צוגלייך מיט דער
איינפאכסטער פאָרם פון פראָדוקציע לויט דער באשטעלונג דירעקט פארן גע-
ברויכער טרעפן מיר: 1) אַרבעט פון דעם פראָדוצירער פארן מארק, 2) אַזאַ
פאָרם, וואו צווישן דעם פראָדוצירער און דעם מארק איז געווען א פארמיטלער,
אָבער דער באלעבאָס פונם רוי=מאטעריאל איז געווען דער פויער, 3) וואו דער
רוימאטעריאל איז געווען שאיעך צום סויכער דעם אונטערנעמער און 4) וואו
די פראָדוציר-געצייג איז אויך דעם סויכערס.

אין דער פראנצויזישער הויז-אינדוסטריע איז צומערסטן געווען פאר-
שפרייט דער צווייטער און דער דריטער טיפּ. וועגן דער פארשפרייטקייט פון
דער דאָרפישער אינדוסטריע גיט א באגריף אויך אָט די גוויעס-איידעס פון אַ
היסטאָריקער: „געשפינט האָט מען, שרייבט ער, קימאט אין אלע דערפער;
איטלעכע פאסטעך-מיידל האָט געהאט איר שפינדל, אין יעדעס הייזל איז

געוועזן א שפּינראַד". דאָך, האָט אָט די פּרימיטיווע פאָרם פון אינדוסטריע געגעבן פּראָדוקטן פאַר פראַנקרייכס ברייטן האַנדל. אין פראַנקרייך איז געוועזן שוין אויך א שטאַרקע מאַנופאַקטור-אינדוסטריע. אַזוי איז אין פּיקאַרדיע, וואו דער אַלגעמיינער ווערט פון דער פּראָדוקציע פון וואָלענע שטאָפן האָט זיך געשאַצט אין אומגעפער 18.500.000 ליוור, איז די ווייכטיקסטע צענטרען אירע געוועזן אַבעוויל מיט דער באַרימטער קיניגלעכער מאַנופאַקטור וואַן-ראָבע און נאָך עטלעכע אַנדערע. נאָר ווען מע זאָגט, אַז די און די מאַנופאַקטור כאַפּט אַרום עטלעכע הונדערט צי אַפילע טויזנט אַרבעטער, הייסט עס נאָך ניט, אַז די אַלע אַרבעטער אַרבעטן אונטער איין דאַך: אין גרעסטן טייל מיינט עס, אַז דער און דער אונטערנעמער טיילט פאַנאַנדער רוימאַטעריאַל און האָט אַזוי פיל און אַזוי פיל פּראָדוצירער, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער געגנט אַרום.

אַכוץ אָט דעם מין מעלאָכע און הויז-אינדוסטריע אין לאַנד האָט פראַנקרייך געוואוסט אויך פון גרויס-אינדוסטריע, עמעס, ווי אַן אויסנאַם. שוואַך איז געוועזן אַנטוויקלט די מעטאַלורגישע אינדוסטריע, נאָר דער פאַרבראַוך פון האָלץ פאַר דערדאָזיקער אינדוסטריע פלעגט אָפּט אַנוואַרפן אַ שרעק אַף די איינוואוינער פון די אַרומיקע דערפער, און זיי בעטן אין זייערע אינסטרוקציעס, מע זאָל פאַרווערן צו פאַרניצן די וועלדער אַף הייץ-מאַטעריאַל פאַר די מעטאַלורגישע זאַוואָדן. די גרויס-אינדוסטריע איז נאָך ניט געוואָרן קיין אַלגעמיינער הערשנדיקער טיפּ פון אינדוסטריע אַפילע אין דער טעקסטיל-פּראָדוקציע, וואו עס פלעגן זיך אָפּטער טרעפן גרויסע אונטערנעמונגען. נאָר דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַר דער פראַנצויזישער אינדוסטריע באַ איר שטאַרקער אַנטוויקלונג—איז דאָס, וואָס עס עקזיסטירן איינצייטיק צוזאַמען פאַרשיידענע אינדוסטריעלע סיסטעמען: ערשט דאַמף און די מאַשין האָבן אין דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט געגעבן דער גרויס-אינדוסטריע אַן ענדגילטיקן ניצאָכן.

די פראַנצויזישע אינדוסטריע האָט ניט געוואוסט אויך פון קיין גרויסער קאָנצענטראַציע פון אַרבעטער. אין איינער פון די סאַמע אַנטוויקלטע צווייגן פון דער פּראָדוקציע אין מאַרסעל—אין דער זייף-פּראָדוקציע האָבן די אונטערנעמונגען געציילט אין דורכשניט ניט מער פון 15-10 מענטשן. אַזאַ מין צושטאַנד פון דער פראַנצויזישער פּראָדוקציע איז געוועזן פאַרבונדן מיט דער טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט. ערשט פון די 60-ער יאָרן פון דעם 18-טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעמערקט אַ טעכנישע רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט דער צייט פאַרביטן די מאַנופאַקטור אַף דער פאַבריק (קאַאוטסקי). אין זיין באַריכט פאַר דער קאָמיסיע פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע האָט דער הויפּט-אינטענדאַנט פון האַנדל געשריבן: „דאָס פאַרשפּרייטסטע געצייג אין שפּינערײַ איז די פּאַרצייטיקע שפּינראַד. וואָס איז שאַיעך דער מאַשין „דזשעני", איז אין גאַנץ פראַנקרייך פאַראַן אַזעלכע 900 שטיק אַף 28 אָדער 48 שפּינדלעך, בעאייס אין ענגלאַנד איז פאַראַן 20.970 שטיק אַף 810 שפּינדלעך; אַרקרייטס מאַשינעס איז אין פראַנקרייך פאַראַן 8,

און אין ענגלאַנד—143 ; „מיול-דזשעני" איז אין פראַנקרייך פאַראַן סאַכאַקל איינע, אי דאָס אַ צעבראָכענע, און אין ענגלאַנד איז אין דעמזעלביקן יאָר פאַראַן 550 שטיק. דידאָזיקע טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע איז די סיבע פון איר האַנדל-שוואַכקייט אין קאַמף מיט ענגלאַנד". דידאָזיקע עקאָנאָמישע שוואַכקייט פראַנקרייכס ווערט נאָך פאַרמערט דורך די נעגישעס, וואָס איר אינדוסטריעלע טעטיקייט האָט אויסצושטיין פון דער אַלטער אָרדענונג" (ז. מאט. און דאָק. נומער 3).

אָפן געביט פון מעלאָכע האָבן זיך באַזונדער געלאָזט פילן די אָפּגעלעבטע רעשטן פון דער צעכן-אָרגאַניזאַציע. די רעגלאַמענטירונג פון דער אינדוסטריעלער טעטיקייט איז געווען גאָר באַזונדער שווער צו ליידן. „וואָסער אַדמיניסטראַטאָר,—האָט געשריבן איינער אַ פאַבריק-אינספעקטאָר צום מיניסטער אין 1788 יאָר,—וואָלט עס געפונען צייט אָף איבערצושרייבן אַלע קלאָלים מיט אַלע פּראָטים פון די באַשטימונגען וועגן אינדוסטריע און ווער וואָלט עס געווען בעקויעך צו באַנעמען זיי". דידאָזיקע באַגרעניצונגען האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע. עמעס. אין די נייע צווייגן פון אינדוסטריע האָט מען זיי קימאַט ניט געפילט: די פאבריק, די מאנופאקטור האָבן זיך אנטוויקלט מיכוץ די צעך-קלאָלים, ווי אויך די דאָרפישע אינדוסטריע. נאָר דער „קונץ" צוניפּצונעמען די ארבעטער אין פאבריק איז אין פראנקרייך געווען נאָך שוואך אנטוויקלט, האגאם אלע האנאָכעס פאר דער אנטוויקלונג פון דער פאבריק-סיסטעם און דעם ניצאָכן פון דער מאַשין זיינען שוין געווען. דערווייַלע אָבער איז נאָך אָפּט געווען שווער פאנאנדערצושיידן די באגריפן „פאבריקאנט" און „ארבעטער".

דאָס ערד-אייגנטום.

אויב אין שטאָטישן לעבן, אין האנדל און אינדוסטריע זיינען נאָך שטארק געווען די רעשטן פון פעאָדאליזם, איז אין לאנדווירטשאפט די ערד געווען ארומגעוועבט מיט דער פארפלאָנטערטער סיסטעם פון סעניאָרן-רעכט. ביכלאל גערעדט, איז ביז דער סאמע רעוואָלוציע פארבליבן דער צוגעפּעסטיקטער צושטאנד פון דער פראנצויזישער ערד. פערזענלעך איז דער פויער באפרייט געוואָרן נאָך אין 14-טן יאָרהונדערט, אָבער די ערד זיינע איז געווען אונטער דער האנט פון דעם סעניאָר, זיין האר און זיין פּאָריץ. דעם פויערס צווייענדיקע אָפּהענגיקייט פון דעם סעניאָר האָט געהאט א זינען, ווען דער פּאָריץ פלעגט נאָך אויספילן נוצלעכע געזעלשאפטלעכע פונקציעס: אָפּהיטן דעם שאָלעם און די אָרדענונג. דידאָזיקע לאגע איז שוין אָבער לאנג פארשוואונדן. אָנשטאָט דעם איז געקומען פּאָשעט די עקספּלואטאציע פון דעם פויערס ערד און זיין ארבעט-קראפט. די פויערים האָבן אָנגעטראָפן 80% פון דער באפעלקערונג אין פראנקרייך. זיי זיינען געווען ענג פארבונדן מיט דער ערד, האָבן געלעבט פון אירע פּרוכט. ווי גרויס איז געווען דאָס פויערשע ערד-אייגנטום? די געשיכטע-וויסנשאפט גיט נאָך דערווייַלע ניט קיין גענויען

ענטפער אף דערדאָזיקער פראגע. קעדיי צו ענטפערן דערויף לאָמיר קוידעם-קאָל קלאָר מאכן דעם כאראקטער פון ערד-אייגנטום אין פראנקרייך צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט.

דאָס סעניאָרן-רעכט באשטייט אין לעצטן סאכאקל דערינען, וואָס עס שטעלט איין א יעראַרכיע פון באַלעבאטים אף ערד: איינער איז אָפּהענגיק פונם אנדערן, א העכערן פון זיך, און די ערד איז, ווי אן אלגעמיינער קלאל, ניט פריי. דערביי איז די סעניאָרן-אָפּהענגיקייט פון דער ערד אזוי פארפלאָנטערט, אז עס איז שווער אָפּצושילדערן זי בעקיצער. מיר ווייסן פון דריי מינים ערד-אייגנטום: אלאָד, פעאָד און צענזיווע. אלאָד הייסט פולע אייגנטום אף די ערד. דער אייגנטימער פון אזעלכע ערד האָט געקענט פריי שאפן איבער איר, דאָס איז אָבער געווען אן אויסנאם אין לאנד. פעאָד—איז ערד, וואָס איז אָפּהענגיק פון אן אנדער אייגנטימער. דעם פעאָד זיינען אונטערטעניק די ערד פון די ראָטוריערן, די ניט אדעליקע. די טיפּישסטע פאָרם פון ראָטוריערישע ערד זיינען די צענזיטארע ערדן. דער צענזיטאריער צאָלט דעם סעניאָר צינז פאר דער ערד, וואָס ער האלט. אָפט פארדינגט דער צענזיטאריער ערד פון זיך. אזוי קומט אויס, אז אף איין נאכלע זיצן צוויי אָדער דריי באלעבאטים. אזא מין אָפּהענגיקייט פון דער ערד פון א סעניאָר האָט אָנגענומען א כאראקטער לויט דער פאָרמול: „ניטאָ קיין ערד אָן א הארץ". מיר טרעפן נאָך אין פראנקרייך ערד פון דער „טויטער האנט". דאָס איז די ערד פון די סערוון (שקלאפן)—פויערים לייב-קנעכט. דער, וואָס באזעצט זיך אף אזעלכע ערד, ווערט א לייב-קנעכט, א סערוו. דידאָזיקע ערד קען ניט פארקויפט ווערן, זי איז פולשטענדיק אין רעשוס פון דעם סעניאָר, און צו אים גייט זי אריבער נאָכן טויט פון דעם באלעבאָס. די רעכטן פון דעם סעניאָר אפן פויערס ערד דריקט זיך אויס אויך אין דעם, וואָס דער צענזיטאריער, ווען ער איז מעקאבל קיניען אף דער ערד, שווערט ער טרייהייט, אָנערקענענדיק דערמיט זיין אָפּהענגיקייט פון דעם סעניאָר, און צאָלט א שטייער פאר „קאבאָלעס קיניען". דער סעניאָר קען קאָנפיסקירן די ערד פון דעם צענזיטאריער פאר ניט פּינקטלעכע צאָלונגען און נאָכדעם ווידער פארדינגען זי. מיטן צינז צאָלן איז פארבונדן נאָך א ריי צאָלונגען און פליכטן. דאָס שווערסטע פון זיי—איז שאַמפּאַר, ד. ה. א נאטור-אָפּצאָל ביז א $1/4$ פון דער גאנצער גערעטעניש.

דער סעניאָר האָט אין געוויסע פאַלן אויך אַ רעכט צו מישפּטן זיינע פויערים. און ווי מע האָט ניט פאַרשמעלערט אָט דאָס רעכט צום סאָף פון דער אַלטער אָרדנונג, האָט עס דאָך געגעבן דעם פּאָריץ א מעגלעכקייט צו דריקן זיינע ערדאַרבעטער. נאָר דאָס וויכטיקסטע אין דעם צושטאַנד פון ערד-אייגנטום ערעוו דער רעוואָלוציע איז געווען דאָס, וואָס די סעניאָרן-רעכט זיינען געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, „לופטיק". דעם סעניאָרס ערד-אייגנטום האָט מער ניט געשטימט מיט זיין סעניאָרן-רעכט, מיט זיין סעניאָריע. אָפט האָט דער סעניאָר ניט פאַרמאָגט קיין פּיצל ערד, און האָט דאָך געהאַט אַ רעכט צו זאַמלען געלט און קריגן נאַטור-אָפּצאָל פון דעם ערדאַרבעטער. אָט דאָ האָט זיך

באַזונדער געלאָזט פילן, אז די פעאָדאַלע אָרדענונג ברענגט ניט קיין ברעקל נוצן (לוטשיצקי).

אונטער דער ווירקונג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און דעם אַריינדרינגען פון געלט-ווירטשאַפט אין דאָרף איז פאָרגעקומען אויך אַ איבערטיילונג פון ערד-אייגנטום. דאָס פריצישע ערד-אייגנטום צעפאַלט זיך אַף צוויי ערליי אויפאַנים: פון איין זייט נויטיקן זיך די פריצים אין געלט און פאַרקויפן זייערע ערד קליינע כאַלאָקימווייז. אַ טייל פון אָט די ערד פלעגט אַריינפאַלן צו די פויערים אין די הענט. נאָר אַפילו לאָזנדיק פאָרמעל די ערד פאַר זיך, פלעגט דער פאָריץ אַליין אַוועקפאָרן צום קיניגלעכן הויף, און די פאַרוואַלטונג מיט די ערד איבערגעבן א פאַרוואַלטער, אָפרייסנדיק זיך אַליין פון דער ערד. אַמאָל פלעגט די ערד אַריינפאַלן אין די הענט פון די פאָרשטייער פון האַנדלס-קאַפיטאל. אָט דער פראָצעס פון צעשטויבונג פון דעם פריצישן ערד-אייגנטום איז געווען נאָר איין זייט פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפיטאַליזם און לאַנדווירטשאַפט. די אַנדערע זייט זיינע איז געווען דער פראָצעס פון קאָנצענטרירונג פון דער ערד אין די הענט פון ניט פילע אייגנטימער. דער באַגער צו באַקומען מאַקסימום האַכנאָסע פון ערד-אייגנטום פלעגט צווינגען די פראַנצויזישע פריצים צו ליקווידירן די קאָהאלשע גיטער, אַרומצאַמען די פאַשעפעלדער. וועגן דעם דערציילן אונז אַסאַך דאָרפישע אָנזאָגן. „די סעניאָרן, לייענען מיר אין איינעם אַזאַ אָנזאָג, האבן פאַרכאַפט די קאָהאלשע ערדן פון די פאראפיעס, זיי נעמען אָפּ באַ די פויערים איינע פון די וויכטיקסטע האַכנאָסעס זייערע, נעמען באַ זיי אָפּ די מעגלעכקייט צו האַלטן די פי, וואָס איז נויטיק פאַר זייער ווירטשאַפט, באַמיסטיקן און באַאַרבעטן די ערד״. מלוכע מיט איר געזעץ וועגן טריאַזש, ד. ה. אויסטיילן אַ דריטכיילעק קאָהאלשע ערד לעטויוועס די אייגנטימער, איז אַנטקעגנגעגאַנגען די רייכע ערד-אייגנטימער. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די אויסערגעוויינלעכע צעוואָרפנקייט פון דער ערד איז געווען א שטענדיקע דערשיינונג אין דעם גרויס-ערדאייגנטום (אומגעהויערע נאַכלאָעס פלעגן אָפּט באַשטיין פון 7—10 כאַלאָקים), זיינען ערעוו דער רעוואָלוציע „געווען ניט קיין זעלטנקייט אייגנטימער פון טויזנט, צוויי און מער טויזנט, אַפילו פון צען טויזנט אַקער ערד״. אונטער דער ווירקונג פון דעם אַריינדרינגען פון קאַפיטאַליזם אין לאַנדווירטשאַפט בילדעט זיך אויס אַ נייע פאָרם פון ערד-אייגנטום, — דאָס איז גרויסע פערמעס. אָבער אין אַלגעמיין גענומען בלייבט דאָס ערד-אייגנטום פון פראַנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע א פעאָדאַל אייגנטום.

אָבער וואָס האט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס ערד-אייגנטום פון די פויערים? דער פויער איז געווען, ווי מיר האָבן געזעען, געוויינלעך א צענזיטאַריער, ד. ה. אַן אייגנטימער פון אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקן, לאַכלוטן ניט גענוגנדיקן שטיקל ערד. עס זיינען געווען אי פויערים אי סכיר-יאָמס, באַטראַקעס — ערדלאָזיקע. נאָר דער פאַרשפרייטסטער טיפּ פון אַ פויער אַן ערד-אייגנטימער איז געווען דער פויער פון העלפט (זיין אַרענדע צאָלט ער מיט אַ העלפט פון גערעטעניש). די פאָרם פון פויערשן ערד-אייגנטום, וואָס טרעפט

זיך אָפּטער פון אַלץ, איז דאָס העלפּט-פּויערשע. מיקויעך דער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און דער פאַרשפּרייטקייט פון פּויערשן ערד-אייגנטום איז פאַראַן אין דער וויסנשאַפט צוויי מיינונגען — איינע דעם פּראָפעסאָר לוטשיצקיס און די צווייטע פּראָפ. מ. קאָוואַלעווסקיס (רוסלאַנד). דער ערשטער האַלט, אַז דאָס פּויערשע קליין-אייגנטום איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין פראַנקרייך, האָט פאַרנומען דעם גרעסטן טייל פון דער פראַנצויזישער טעריטאָריע, און האָט פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק ראַק אויסגעברייטערט זיך. דער צווייטער האַלט פאַרקערט, אַז דאָס ערד-אייגנטום פון די פּויערים האָט געהאַלטן אין קלענער ווערן צו דער צייט פון דער רעוואָלוציע, און איז ניט געווען אַזוי גרויס, ווי עס מיינט לוטשיצקי. פאַר א מאַרקסיסט קען די פראַגע געלייזט ווערן אָפּהענגיק פון דעם, אַף וויפל איז געווען שטאַרק די מאַכט פון קאַפּיטאַליזם אין דער פראַנצויזישער לאַנדווירטשאַפט. פאַר פּראָפ. לוטשיצקי איז „פראַנקרייך נאָך ערעוו דער רעוואָלוציע ניט אַרויס פון אונטער דער הערשאַפט פון נאַטוראַל-ווירטשאַפט, און דעריבער פון אַן ערד-ארבעטערשער ווירטשאַפט, וואָס איז אויסגערעכנט צו באַפרידיקן נאָר די אָרטיקע באַדערפעניש, וואָס איז אין איר ריין לאַנדווירטשאַפטלעכער טעטיקייט ניט אָנגערירט דורך דעם צווישנפעלקערלעכן אויסטויש", און דעריבער איז פאַר אים באַשיינפערלעך די מיינונג וועגן אַ שטאַרקער אַנטוויקלונג פון קליינעם פּויערשן ערד-אייגנטום. מיר אָבער וויסן, אַז פראַנקרייך איז ערעוו דעם 18-טן יאָרהונדערט אַרויפגעטראָטן און האָט געמאַכט ערנסטע שריט אַפן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. מיר קענען דעריבער ניט מסכים זיין דורכויס מיט דער מיינונג פון לוטשיצקי. פונדעסטוועגן קען מען ניט אָנעמען אויך דעם צווייטן שטאַנדפּונקט. די אייגנאַרטיקייט פון דער פראַנצויזישער עקאָנאָמישער אָרדענונג, לעהייפעך פון ענגלאַנד, באַשטייט אין דעם, וואָס די לאַנדווירטשאַפט האָט דאָ ניט איבערגעלעבט קיין אַגראַרע רעוואָלוציע, וואָס דאָס אַריינדרינגען פון קאַפּיטאַל אין דאָרף איז דאָ געווען אַסאַך לאַנגזאַמער איידער אין ענגלאַנד. פאַר אונז דאַרף זיין וויכטיק ניט אַזוי די פראַגע וועגן דער צאָל ערד-אייגנטימער, ווי די פראַגע וועגן דער גרויס פון דעם אייגנטום פון איטלעכן פּויער. „עס איז שווער צו זאָגן, שרייבט קאַרעיעוו, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג זאָל האָבן געהאַט כאָטש אַ גאָרטן, וואָס טראָגט אַריין צוויי סו האַכנאָסע. אָפט באַגעגענען מיר אַזעלכע, וואָס האָבן גאָר קיין ערד ניט". אויב דאָס פּויערשע אייגנטום אַף ערד איז אַפילע געוואַקסן, איז לעפיערעך אין אַ נישטיקער מאָס. דער גאַנצער שטעטך פּויערשע ערד האָט בעכאַל-אויפן ניט דערגרייכט קיין $3/4$ פון דער גאַנצער ערד, וואָס טויג צו באַאַרבעטן, ווי עס מיינט פּראָפ. לוטשיצקי, מע קען אים אָבער אויך ניט אַראָפּוואַרפן ביז $1/3$. קיין גענויע ציפערן האָבן מיר ניט, מע קען אָבער רעכענען, אַז די ערד אין פראַנקרייך איז בא דער „אַלטער אָרדענונג" געווען פאַנאַנדערגעטיילט ווייט ניט גלייכמאָסיק צווישן די דריי שטאַנדן, און אַז 80% פּראָצענט פון פראַנקרייכס באַפעלקערונג (די פּויערשאַפט) האָט פאַרמאָגט ווייניקער פון אַ העלפט פון דער גאַנצער אַקער-ערד (ז. מאַט. און דאָק. נומער 4).

דאָס ארײַנדרינגען פון קאַפּיטאַליזם אין לאַנדווירט־שאַפט.

דער בורזשואַזער קאַפּיטאַל איז ביסלעכווייז ארײַנגעדרונגען אין דאָרף. נאָר אויב מע זאָל פאַרגלייכן די קאַפּיטאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט פון ענגלאַנד מיט פראַנקרייך, איז די לעצטע געשטאַנען אַסאַך נידעריקער פון דער ערשטער. א היפּשער קיילעק פון דעם ערד-שעטעך פון דעם קיניגרייך פלעגט בלייבן ניט באַאַרבעט. אנדערע מיינען אַפילע, אז א דריטכיילעך ערד, וואָס טויג צום באַאַרבעטן, פלעגט בלייבן וויסט. די פאַרהעלטעניש פון דער גערעטעניש פון דער ערד אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך איז 8 צו 3. נאָר ביכלאַל איז די ערדאַרבעט אין פראַנקרייך שוין ארײַנגעצויגן געוואָרן אין דעם סכירע-פאַרקער. שטאַרק אָפּהענגיק פון קאַפּיטאַל איז געווען די ווײַן-פּראָדוקציע. אין די אָנזאָגן לייענען מיר אָפט, אַז די פּויערים „קוקן מיט צאָרן אַף די גרויסע סאָכרים און אײַגנטימער, וואָס נעמען פאַר זיך צו אלעמענס פּידיען". קאַפּיטאַל פירט צו דער קאָנצענטרירונג פון ערד, צו דער באַשאַפונג פון א נייער פאָרם ערד-אייגנטום: עס וואַקסן פערמעס. די פאַראַפּיע באַליע קלאָגט זיך און פאָדערט, אַז יעדער רייכער באַלעבאָס זאָל דינגען איין פערמע, און ניט צוויי, דריי אָדער פיר, „ווי דאָס טוען איצטער אַסאַך. זיי דינגען באַטראַקעס, און אַליין אַרבעטן זיי ניט". אויסבעסערונגען דרינגען ארײַן אין דער ערדאַרבעט לאַנגזאַם, האַגאַם די האַכנאָסע פון לאַנדווירטשאַפט איז פאַר די לעצטע 20 יאָר אויסגעוואָקסן אין צווייען, נאָר דער דרוק פון די שטײַערן און די סעניאָר-פליכטן שטערן דער אַנטוויקלונג פון ערד-אַרבעט. און אין דער לאַנדווירטשאַפט, מער איידער ערגעץ אַנדערשוואו, ווײַזט זיך ארויס די גרונט-סטירע פון פראַנקרייכס עקאָנאָמישער אָרדענונג. „די ערדאַרבעטער זײַנען דערצאָרנט קעגן דער אַלטער אָרדענונג ניט מאַכמעס עם פאַלט די ערדאַרבעט, נאָר דערפאַר וואָס די אַלטע אַרדענונג טאָרמאָזירט די ערפאָלגן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן" (זשאָרעס).

אזוי, הייסט עס, האָט דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס פון דער מעדינע געטראָפן שטערונגען אין די רעשטן פונעם פעאָדאַליזם. פאַרניכטן זיי איז געוואָרן די הויפּט-פּראָבלעם פון דעם מאָמענט.

די הויפּט-קלאַסן אין פראַנקרייך ערעוו רעוואָלוציע.

דער גרונט-שטריך פון דעם געזעלשאַפטלעכן געבוי באַ דער אַלטער אָרדענונג — איז דער שטאַנדן-מאַלבוש, אונטער וואָסערן עס טרעטן ארויס די קלאַסן. דער אדל, די גייסטלעכע און דער „דריטער שטאַנד" — דאָס זײַנען די דריי הויפּט-שטאַנדן. דער קלאַס ערד-אייגנטימער, דער אַדל און די גייסטלעכע, האָבן אַל-פּי געזעץ געהאַט אלע רעכטן און קימאַט קיינע פליכטן. דידאָזיקע צוויי שטאַנדן זײַנען געווען דער אָנהאַלט פונם טראָן. זיי זײַנען געווען מער אָדער ווייניקער פאַרבונדן מיט דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער סיסטעם פון פעאָדאַליזם און האָבן זי אונטערגעהאלטן. זיי פלעגן ארויסטרעטן ווי א רעאַקציאָנערער קויעך קעגן יעדער בורזשואזער רעפאָרם. די הויפּט-מאַסע פון דעם „דריטן שטאַנד" איז באַשטאַנען פון די פּויערים, דער

בורזשואזיע אין אלע אירע גרופּירונגען, די באַלמעלאָכעס און אַרבעטער פון די שטעט. אזוי, הייסט עס, זיינען אינעווייניק אין דעם „דריטן שטאַנד" געווען פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס. צווישן די פּויערים מיט דער שטאָטישער, און אויך מיט דער דאָרפישער בורזשואזיע פלעגן אָפּט טרעפן זיך קאָנפליקטן. ניט זעלטן פלעגן זיך טרעפן צוזאַמענשטויסן צווישן די אונטערנעמער און די אַר-בעטער. נאָר דאָס געמיינשאַפטלעכע, וואָס האָט פאַראייניקט דעם דריטן שטאַנד, איז 1) זייער סינע צום פעאָדאַליזם, 2) די קלאַסן-באַוואוסטזיניקייט פון דער בורזשואזיע אין קאַמף קעגן פעאָדאַליזם, וואו די בורזשואזיע איז געווען די אָנפירערין פון די פאָלקס-מאַסן. אָט פאַרוואָס די קאָנפליקטן צווישן „דריטן" און „פערטן" שטאַנד אין דאָרף און אין שטאָט האָבן זיך אַרויסגעוויזן ערשט אין דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע גופא, נאָכדעם ווי עס איז שוין געלייזט געוואָרן די פּראָבלעם פון פאַרניכטן די מער שווער דריקנדיקע פאָרמען פון דעם פעאָדאַלן רעזשים.

דער אדל

ערעוו דער רעוואָלוציע האָט זיך דער אַדל געטיילט אויף הויף-אדל, פעאָדאַלן-אדל און מאַנטל-אדל. דער הערשנדיקער שטאַנד איז געווען זייער קליין אין צאָל. די מעכטיק-סטע גרופּע צווישן זיי איז געווען דער הויף-אדל. דער יעסאָד פון זיין עקזיס-טענץ איז געווען דאָס צעשלעפּן פון דער מלוכישער קאַסע. אַ פינפטל-טייל פון דער מלוכע-האַכנאָסע איז געגאַנגען אויף אויסצוהאַלטן זיי. 31 מיליאָן ליוור, באַשטימט אויף אויסצוצאָלן פּענסיע, איז געגאַנגען אויף אויסצוהאַלטן דעם אַדל; 25 מיליאָן ליוור, באַשטימט אויף אויסצוהאַלטן דעם קיניגלעכן שטאַט, פלעגט אַריינפאַלן אין דיזעלביקע קעשענעס. 12 טויזנט אָפיצערן פלעגן קריגן 46 מי-ליאָן ליוור, בעאַייס 135 טויזנט סאָלדאַטן פלעגן קאָסטן דער מלוכע-קאַסע סאַ-כאַקל 44 מיליאָן ליוור. דער הויפישער אַדל האָט דעריבער גאָר באַזונדער גע-שעצט זיין לאַגע באַם הויף, אין דער אַרמיי און אין דער רעגירונג. דידאָזיקע גרופּע פלעגט אָפּט טרעפן א סוינע אין דער גרופּע פעאָדאַלן אַדל. דאָס זיינען געווען פּריצים פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענע טיילן פון פראַנקרייך, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ערד, מיט זייערע פּויערים. זיי האָבן געפּילט א סינע צו דער אויסבראַנגערײַ פון די הויפליַיט. זיי זיינען מער, ווי יעדער אַנדער גרו-פּע, געווען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַלער סיסטעם פון דעם פעאָדאַליזם. לע-סאָף, דער מאַנטל-אַדל, אזוי האָט מען גערופן די אַדל-לייט, וואָס האָבן פאַרנומען אַמטלעכע שטעלעס אין דער מלוכע, לויט דעם מאַלבוש, וואָס זיי פלעגן אָנ-טאָן באַם אויספירן די פליכטן פון זייער אַמט. פון זיי איז באַשטאַנען דער גאַנצער אָנפירנדיקער אַפּאַראַט, טשינאָווניקעס פון דער מלוכע. דעם מאַנטל-אַדל פלעגט מען אָפּט נעמען פון פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע: פינאַנסיסטן, און די לעצטע פלעגן אָפּט, קריגנדיק דעם טיטול סעניאָרן, דערווערבן זיך ערד. זייערע הויכע שטעלעס זיינען געווען פאַרבונדן מיט פּריווילעגיעס אין שטייערן און אַנדערע. זיי האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די געריכט-אַדמיניסטראַטיווע אינ-סטיטוציעס פון דער מלוכע (אין די פּאַרלאַמענטן) און פלעגן אָפּט פירן א קאַמף מיט דער קיניגלעכער מאַכט פאַר די רעכטן פון זייער שטאַנד.

ניט קוקנדיק אָבער אַף די אַלע גרופּעס, פון וואָסערע דער אַדל איז באשטאַנען, האָבן זיי, איינגאַנצן גענומען, געשטיצט די יעסוידעס פון דער הערשנדיקער פעאָדאַלער אָרדענונג. די בורזשואַזיע פלעגט זיי אָפּט פאַרבייטן אַף אַסאַך שטעלעס פון דעם מלוכישן לייטער. דער אַדל פלעגט אַריינפאַלן אין אָרימקייט און אין געלט-אָפּהענגיקייט פון דער בורזשואַזיע. ער פלעגט אָבער פּרואוון אָפּשיידן זיך מיט אַן אייזערנער וואַנט פון די איבעריקע שטאַנדן. דאָס פלעגט זיך אים ניט איינגעבן: די בורזשואַזיע פלעגט אַריינדרינגען אין די רייען פון דעם אַדל, מיט דער הילף פון „פאַראיידעלן" זיך פאַר געלט אָדער פאַר געוויסע פאַרדינסטן. צום פּאַראַזיטיזם פון דעם אַדל איז נאָך צוגעקומען זיין כוצפּעדיקע גאַיווע. די מלוכע פלעגט אונטערהאַלטן דעם קאַסטע-גייסט פון דעם איידעלן שטאַנד. ניט אומזיסט קלאָגט זיך איינער אַ זשורנאַליסט פון יענער צייט, אַז געהערן צום דריטן שטאַנד איז געוואָרן עפּעס אַ מין כעט. דער אַדלמאַן האַלט פאַר אַן אומקאָוועד די דערנעענטערונג פון אַ פּלעביי. (זע מאַט. און דאָק. נומ. 5, א).

די גייסטלעכע האָבן זיך באַזונדער געטיילט אַף פאַרשיידענע גרופּעס. „צווישן די גרויסע אַרצבישאָפן און די אָרימע גאַלאָכים איז געלעגן אַ טיפער טהאָם". די העכערע קירכלייט האָבן געשטאַמט פון דעם מעיוכעסדיקן אַדל. איינער אַן אַווטאָר האָט דאַן געשריבן, אַז די בישאָפן פון פראַנקרייך וואָלטן זיך געפילט דערנידעריקט, ווען מע זאָל אַריינעמען אין זייער סוויווע איינעם מיטן אַפּאָסטל פּאַוול אויך דעם פּראָסטן פישערמאַן מאַטיאַס. די אַשירעס פון דער קירך צום יאָר 1789 האָט זיך געשאַצט אין 2 מיליאַרד 992 מיליאָן 538 טויזנט ליוור; נאָר דידאָזיקע אַשירעס איז געווען איינגעטיילט ווייט ניט אין אַ גלייכער מאָס: איין עפּאַרכיע פלעגט אַריינטראָגן 400 טויזנט ליוור אַ יאָר, און אַנדערע פלעגן געבן זייערע „אָפּגעריסענע בישאָפן" קוים 7 טויזנט. די העכערע קירכלייט זיינען לויט זייערע אינטערעסן געווען פאַרבונדן מיטן אַדל, און עס זיינען זיי געווען פרעמד די אידייען פון פרייהייט, פון באַפרייען דעם געדאַנק, וואָס עס טראָגט מיט זיך די רעוואָלוציע.

דריטער שטאנד

לאָמיר אריבערגיין צום אַנאַליז פון דעם דריטן שטאנד (זעט מאַט. און דאָק. 5, ב). קוידעמקאָל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אַף דער לאַגע פון דער פּויערשאַפט (זע מאַט. און דאָק. נומ. 5, ג). אַף דער עקספּלואַטאַציע פון דעם פּויערס אַרבעט האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע פראַנצויזישע געזעלשאַפט. אין איינעם אַן אָנזאָג לייענען מיר: „אָט דער וואַלד איז גרויס, ער געהערט דעם סעניאָר; אָט די ערד איז פרוכטיק — איז זי שאַיעך צום בורזשואַ; אָט איז אָרימע ערד — דאָס איז מיינע, און איך ליב זי; אָבער נאָך מיין גאַנצער האָרעוואַניע נעמט מען בא מיר צו, פאַר שטייער, די בעסטע גאַרבן".

מיר האָבן שוין פריער געזעען די לאַגע פון דעם פּויער, ווי אַן ערד-אייגנטימער. איצטער לאָמיר זען, ווי איז געווען זיין לאַגע, ווי אַן ערדאַרבעטער. מיר לאָזן דאָ דורך יענעם טייל פּויערים, סערוון, האַלב שקלאפן, וואָס האָבן

געוואוינט דער איקער אַף די ערדן פון דער קירך און וואָס זיינען ביכלאַל גע-
וועזן ניט פיל. אַ גוואַלדיקע מאַסע פעאָדאַלע רעכטן זיינען ערעוו דער רעוואָ-
לוציע שוין געווען פאַרשוואונדן, נאָר די פעאָדאַלע רעאַקציע פונם לעצטן
פערטל 18-טן יאָרהונדערט האָט געפּרואווט אַלץ ווידער אויפצושטעלן. בעכאַל-
אויפן קען מען ניט מאַסקים זיין מיט די, וואָס באַהויפּטן, אַז „די פעאָדאַלע
אָרדענונג איז פאַרן יאָר 1789 געווען אין אַ צושטאַנד פון לעצטער צעפאַלונג,
און די פאַרניכטונג פון דעם פעאָדאַלן רעזשים וואָלט געקענט פאָרקומען פון
זיך אַליין, אומבאַמערקטערהייט" (קאַרייעוו). איינער פון די טיפסטע היסטאָרי-
קער פון דער רעוואָלוציע, טאָקוויל, באַשרייבט אזוי די לאַגע פון די פּוי-
ערים ערעוו דעם 89-טן יאָר: „... די שפורן פון פאַנשטשינע
ווערן שוין אומעטום קימאַט אַף העלפט פאַרשוואונדן. דער גרעסטער טייל
געלט-זאַמלונגען ווערט פאַרקלענערט אָדער איינגאַנצן באָטל; דאָך טרעפט מען
זיי נאָך אין די מערסטע פּראָווינצן אין אַ היפשער צאָל. אומעטום נעמען די
פּריצים יאַריד-און מאַרק-שטייערן. עס איז באַוואוסט, אַז איבער גאַנץ פראַנק-
רייך האָבן זיי דאָס אויסשליסלעכע רעכט אַף געיעג. ביכלאַל האַלטן זיי די
איינציקע טויבן-שלאַקן און טויבן. קימאַט אומעטום צווינגען זיי די איינוואוי-
נער צו מאַלן טוואוע אין דער פּריצישער מיל און טרעטן וויינטרויבן אַפן
פּריצישן פּרעס. אומעטום באַגעגענען מיר זייער אַ שווערן אָפּצאָל פון נאָכלאָ-
עס-פאַרקויף.... לעסאָף, אומעטום איז די ערד אונטערן יאָך פון צינז, ערד-
רענטעס, געלט-היסכאַיוועסן און נאַטור-היסכאַיוועסן, וואס דער אייגנטימער
ליידט לעטויוועס דעם פּאָריץ, ניט האָבנדיק קיין רעכט אויסצוקויפן זיך פון
זיי... די אַלע שטייערן און פליכטן זיינען מער אָדער ווייניקער פאַרבונדן מיט
דער ערד אדער מיט אירע פּראָדוקטן. זיי אַלע פאַלן אַף דעם, וואָס באַארבעט זי".
צווישן די היסכאַיוועסן פון דעם פויער צום סעניאר מוז מען אויסטיילן דעם מאַיסער,
אַ שטייער לעטויוועס דער קירך. דאָס פלעגט אַריינטראָגן דער קירך 80 מיליאָן
ליוור אַ יאָר האַכנאָסע. מיט איין וואָרט, „דער פויער האָט ניט געקענט אַרויסגיין
אַפן וועג, אריבערגיין אַ טייכל איבער אַ צעשאָקלטן הילצערנעם בריקל, קויפן
זיך אַפן דאָרפישן מאַרק אַן אַרשין געוואַנט צי אַ פּאָר הילצערנע פאַנטאָפל,
ניט אָנשטויסנדיק זיך דערביי אַף שריט און טריט אַף די רויבערישע פעאָ-
דאַלן". און איז ער שוין פּאָטער געוואָרן פון זיי, איז ער ערשט אַריינגעפאַלן
אין די לאַפּעס פון די געריכט-באַאמטע, כוצפּעדיקע געריכט-שרייבער,
זשעדנע מאַשגיכים, וואָס פלעגן באַ אים צונעמען די לעצטע רעשטן פון
זיין גערעטעניש. די שטייערן-מאַשין פון דער מלוכע פלעגט פאַרענדיקן דאָס,
וואָס דער וועלטלעכער און קירכלעכער אַדל פלעגט איבערלאָזן. מלוכע שטיי-
ערן זיינען געווען דירעקטע און אומדירעקטע. דער הויפּטשטייער פון די
דירעקטע (טאַיאַזש) פלעגט פאלן אויסשליסלעך אַף די פויערים, קאָפּ-שטייער
פלעגן דאַרפן צאָלן קלוימערשט אַלע, נאָר אין נעקערס צייטן האָט דאָס
פּאָלק געצאָלט 2/3 פון דעמדאָזיקן שטייער, און דער „האַלב-מאַיסער" (צוואַנ-
ציקסטל שטייער) פלעגט אַמאָל דערגרייכן ביז 3/20 פון דער האַכנאָסע. צו
דערצו פלעגן נאָך די שטאָטישע שטייערן הויבן די מעקאָכים אַף די געברויך-

אַרטיקלען פון דעם פויער אין 5—10 מאָל. פון די אומדירעקטע שטייערן פלעגט מער פון אַלץ בעדאַלעס שטעלן דער אפּצאל אַף זאַלץ: צאָלן אים האָבן געדארפט נאָר די פויערים. „יאָר איין יאָר אויס קאָנפיסקירט מען, מע שרייבט אָפּ און מע פאַרקויפט, פאר זאַלץ קויפן, דעם פאַרמעגן פון אָרימעלייט, וואָס האָבן קיין ברויט ניט. מיר ווייסן פון 50 מינים אומדירעקטע שטייערן. אַקציז איז אַרויפגעלייגט אַף טאַבאַק, סעליטרע, אַף סידר — דעם פאָלק-געטראנק א. א. וו. פאר 60 יאָר (1715—1775) זיינען די שטייערן אויסגעוואקסן אין צווייען. די פעאָדאַלע רעכטן פון די פריצים פלעגן ברענגען די פויערים גוואַלדיקע העזייקעס: דאָס איינע רעכט אַף געיעג פלעגט אָפּקאָסטן די ערדאַרבעטער 10 מיליאָן ליוור אַ יאָר.

די פויערים האָבן ניט געהאַט קיין שום פּאָליטישע רעכטן, זיי האָבן ניט געהאט קיין מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אנטקעגן דעם געוואלט. נאָר די פויערשע מאסע איז אָפּט געווען פיינטלעך אויך דער שטאָט, וואָס איז געווען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע, איז געווען פריי פון שטייערן. דעריבער פלעגט די פויערשאַפט אָפּט צונויפשטויסן זיך אויך מיטן בורזשואַזן קאַפּיטאַל, דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן און האַנדלס-קאַפּיטאל, וואָס איז אריינגעדרונגען אין דער ערדאַרבעט. די סאָציאַלע קאָנפליקטן צווישן די פויערים און די פעאָדאַלן, פון איין זייט, און דעם בורזשואַ, פון דער צווייטער, פלעגן אין דאָרף אָפּט זיין שאַרפער איידער אין שטאָט.

אין פראַנקרייך האָט דאָס פויערטום אויסגעטיילט פון זיך, ניט אַזוי ווי אין ענגלאנד, אַ גאַנץ קליינעם שיכט פערמערס, האַגאַם ביכלאַל האָט זיך די לאַגע פון אַ טייל פויערים, מיט דער דערנעענטערונג פון דער רעוואָלוציע, אומבאַמערקט געהאלטן זיך אין פאַרבעסערן. זיי האָבן פאַרמאָגט גענוג קויכעס ניט נאָר צום הונגערן, נאָר אויך צו שטעלן זיך אַנטקעגן דער אונטערדריקונג. (ז. מאט. און דאק. 5 ג).

די בורזשואַזיע.

דער כוטהאַשעדרע פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט ערעוו דער רעוואָלוציע איז געווען די פראנצויזישע בורזשואַזיע. זי האָט, ניט אזוי ווי אַלע איבעריקע קלאַסן, גראָד פארשטאַנען די אייגענע אינטערעסן און, אין דער פערזאָן פון אירע אידעאָלאָגן — די וועגן, וואָס פירן צו איר באַפרייאונג. זי איז ניט געווען קיין איינארטיקער קלאַס לויטן צוזאמענשטעל. די העכערע גרופּן פון דער בורזשואַזיע — די פינאַנסיסטן זיינען געווען אַ „סאָציאַלער מישלינג" (ублюдок), ווי עס זאָגט זשאָרעס. דאָס איז געווען יענע גרופּע פון דער בורזשואזיע, וואָס האָט געלעבט אַפן כעשבן פון דער צערואינירונג פון דער מלוכע, וואָס די פעאָדאַלע מאַכט האָט גוירעם געווען. דער יאָך פון די שטייערן, די מאָנאָפּאָליעס אַף האַנדל און אינדוסטריע זיינען אָפּט געווען פאַר זיי אַ טויווע. זיי האָבן געליטן פון דער גאַדלעס פון די הערשנדיקע שטאַנדן, זיי האָבן אָבער ניט געשטרעבט צו ראַדיקאַלע ענדערונגען. די לעפּיערעכדיקע וואָג זייערע אין פראַנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע איז געווען א היפּשע. צו אָט דער גרופּע איז

אָנגעשלאָסן די ברייטע מאַסע קרעדיטאָרן פון דער מלוכע, ראַנטיע, וואָס לעבן פון די האַכנאָסעס פון די מלוכע-כויוועס. דערדאָזיקער שיכט פון דער בור-זשואַזיע איז געווען פאַרינטערעסירט צו באַשאַפן אַ פעסטע רעגירונג און איינ-שטעלן אן אייגענעם קאָנטראָל איבער די פינאַנצן. ערעוו דער רעוואָלוציע, אין דער עפּאָכע פון דעם פינאַנציעלן באנקראָט פון דער מלוכע, זיינען זיי געווען שטאַרק אָפּאָזיציאָנעל.

נאָכדעם גייט די אינדוסטריעלע און האַנדלס-בורזשואַזיע. ווען מע זאָל ניט רעכענען יענע גרופּן אירע, וואָס זיינען געווען פארבונדן מיט מאָנאָ-פּאָליעס, איז די הויפּט-מאַסע פון דידאָזיקע קלאסן, די אזוי גערופענע גע-שעפט-בורזשואַזיע, געווען דער סאמע רעוואָלוציאָנערער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט. די עקאָנאָמישע מאכט פון לאנד האָט געהאלטן אין אריבערגיין אין די הענט פון אָט דעם שיכט פון דער בורזשואַזיע. די פאראָרימונג פון דעם אַדל האָט זיך באַזונדער אָנגעזעען אַפן פאָן פון דער באַרייכערונג פון דעם אָנפירער פון דריטן שטאַנד. אַזוי איז אין ליאָן אין די הענט פון 400 סאָכרים-פאַבריקאַנטן געווען אָנגעזאַמלט העכער ווי אַף 60 מיליאָן ליוור באַ-וועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער. אַלע האַנדלס-צענטערן פון פראַנקרייך זיינען געווען פול מיט רייכע נעגאָציאַנטן, סאָכרים און אונטערנעמער. אין פּאַריז האָט דידאָזיקע בורזשואזיע געגעבן דעם טאָן. און אַזוי ווי אין דער פּראָווינץ פלעגט דער אַדל אָפּט צוהערן זיך צו דער מיינונג פון די גווירים, אַזוי פלעגט אויך אין פּאַריז די שטאָט באַשטימען איצטער די שטימונג און די געוויינהייטן פון הויף. פּאַריז האָט, מאַכמעס דעם עקאָנאָמישן וואוקס זיינעם און וואָס ער איז געווען דער צענטער פון דער רעגירונג אין דער מעדינע, גע-שפּילט גאָר אַן אויסשליסלעכע ראָלע אין פראַנקרייך. דאָ שטרעבט די געשעפט-בורזשואַזיע, אייגנטלעך, דער דריטער שטאַנד, צו אַ רעוואָלוציאָנערער, וואָס מער אנטשיידנדיקסטער איבערקערעניש, אין נאָמען פון בורזשואַזן אייגנטום אַנטקעגן דעם פעאָדאַלן אייגנטום.

לעסאָף, די קליין-בורזשואַזיע—דער באַדייטנדיקסטער שיכט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך. אין פּאַריז האָבן געוואוינט אַ מאַסע קליינע באַלמעלאָכעס, קרעמער א. אז. וו. דער צוזאַמענשטעל פון דער קליין-בורזשואַזיע איז געווען גאַנץ פאַרשיידנאַרטיק. צווישן זיי זיינען געווען גרו-פּעס, פאַרבונדענע מיט דער צעכן-אינדוסטריע, מיט דער פּראָדוקציע פון לוק-סוס-ארטיקלען, וואָס אַרבעט אַף צו באַפרידיקן די קאַפּריזן פון די ייכעס-לייט. זיי זיינען אָפּט געווען רעאקציאָנער, האַגאַם זיי האָבן אויך געליטן פון דעם פעאָדאַלן רעזשים און דעם כורבן פון לאַנד. א טייל פון דער קליין-בורזשואַזיע האָט אַף די אייגענע פלייצעס געליטן דעם וואוקס פון דער אינ-דוסטריע, וואָס פאַרניכט די צעכן און די קליין-מעלאָכע.

דידאָזיקע גרופּן זיינען געווען סאָנים דעם גרויס-קאַפּיטאַל. נאָר פונדעסטוועגן, אין אַלגעמיין גענומען, פאַרהיט די פראַנצויזישע קליין-בור-זשואַזיע איר סאָציאַלע שטאַנדהאַפטיקייט און, ליידנדיק פון דעם צעפאַלנדיקן פעאָדאַלן רעזשים, טרעט זי אַרויס ווי אַן אַנטשיידענער רעוואָלוציאָנערער

קויעך. איר רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויקייט דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פאַר דער קליין-בורזשואַזיע, פּונקט אַזוי ווי פאַר די פּויערים, שפּילן די הויפּט-ראָלע ניט אַזוי פּאָליטישע פראַגן, ווי סאָציאַל-עקאָנאָמישע. די פּויערים טרוימען וועגן פרייען קליין-אייגנטום אַף ערד, און דער שטאָטישער קליין-בורזשוא, שטרעבנ-דיק אָפּצוהאַלטן די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, איז דאָך ניט פעאיק אַוועק-צושטעלן און לייזן די פראַגע וועגן אינגאַנצן פאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון פּראָדוקציע. דעריבער איז זיין אידעאָלאָגיע אָפט אַ געמיש פון רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען מיט רעאַקציאָנערע אוטאָפּיעס.

אַביסל אָפּגעזונדערט שטייט די אינטעליגענץ, אַ סאָציאַלער שיכט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם. ער געפינט נאָך ניט קיין אָנווענדונג פאַר זיינע קויכעס באַ די באַדינגונגען פון דער אַלטער אָר-דענונג. די ניט געזיכערטקייט פון דער עקזיסטענץ פון אַן אומגעהויערן טייל אינטעליגענץ דערנעענטערט זי מיט די נידעריקע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. זי קוקט אָבער אַף זיך ווי אַף דאָס אויבערשטע פון שטויסל. איר פּראָלעטאַרישער טייל וועט זיין אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע קעגן יעדער מאַכט, וואָס וויל איינשטעלן עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין. די-דאָזיקע אינטעליגענץ איז אָפט אַנאַרכיסטיש לויט איר וועלטקוק. באַ די באַ-דינגונגען פון אַ ניט גענוג אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם שטעלט זי זיך אַרויס ווי אַ גרופּע, וואָס איז קלוימערשט איבער די קלאַסן. אָבער דער געדאַנק וועגן אייגנטום, ווי דעם יעסאָד פון דער געזעלשאַפט, פאַרייניקט אַלע גרופּן פון דער אינטעליגענץ מיט דער בורזשואַזיע. די אינטעליגענץ אַזוי ווי די בורזשואַזיע וועלן שטרעבן וואָס מער ראַדיקאַל צו פאַרניכטן נאָר דאָס פעאָ-דאַלע אייגנטום. זי וועט טרוימען צו, פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון דער אויפ-קלערונגס-עפּאָכע.

באַ די באַדינגונגען פון דער שטייגנדיקער אינדוסטריע און וואַקסנדי-קער בורזשואַזיע קען מען זיך ניט פאָרשטעלן, אז פראַנקרייך זאָל גאָר ניט האָבן געוואוסט פון קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. פּראָלעטאַריער זיינען געווען, נאָר קיין פּראָלעטאַריאַט, ווי א קלאַס, וואָס איז לויט זיינע צוועקן א הייפּעך צו דער בורזשואַזיע, איז ניט געווען. דער אַרבעטער-קלאַס איז באַשטאַנען פון געזעלן, באַלמעלאָכעס, אַרבעטער פון די מאַנופאַקטורן און פּראָלעטאַריער פון די ניט פילע פאַבריקן און זאַוואָדן. מיר רעכענען דאָ ניט די פּויערים פּראָדוצירער, ווי אויך די מאַסן אַרבעטלאָזיקע און לומפּן-פּראָלע-טאַריער. וועגן דער לאַגע פון אָט די נידעריקסטע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג דערציילט איינער אַ מיטצייטלער: „מיליאָנען פראַנצויזן לעבן אין ערגערע באַדינגונגען פון די, וואָס זיינען פאַרשיקט אַף די גאַלערעס: דאָרט איז כאָטש זייער לעבן באַזאָרגט”. אָן עפּעס אַ זעלבשטענדיקער אידעאָ-לאָגיע, אָן יעדער אָרגאַניזאַציע טרעפט, עמעס, אז זיי שטרייקן (די שטרייקן אין ליאָן) אָדער מאַכן בונטן און פּאָגראָמען אַף פאַבריקן (דער פּאָגראָם פון רעוועליענס פאַבריק אין פּאַריז אין 1789 יאָר), אָבער ווייטער פון דעם גייט עס ניט. דער קאַמף גייט אָפט „איבער צוויי סו”, ער האָט אָבער ניט אין

אויג קיין שום סאָציאַל-פּאָליטישע פּאָדערונגען. צום 1789 יאָר ווערט אָט דער קאַמף פון די אַרבעטער קלוימערשט איינגעשטילט. די פּראָלעטאַריער אין די שטעט, אזוי ווי די האָרעפּאַשנע מאַסע ביכלאַל, ווערן די פיזישע מאַכט פון די סאַמע שטורעמדיקע טעג פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע. אָבער זייענדיק דער באַוועגנדיקער קויעך פון דער רעוואָלוציע, בלייבן זיי ניט מער ווי אַ צוגאָב, עמעס, אַן אקטיווער צוגאָב צום קלאַס בורזשואַזיע (ז. מאט. און דאק. № 5, ד).

די מלוכע-אָרדענונג פון פראנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע.

די פעאָדאַלע סטירעס אַפן וועג פונם קאַפּיטאליזם זיינען געווען ניט עקאָנאָמישע אַליין, נאָר אויך סאָציאַל-פּאָליטישע. דאָס האָט באַשטימט דעם פאַרביטערטן קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך. אַף אָט דעם פונדאַמענט פון סטירעסדיקע טענדענצן אין דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג און די סאָציאַלע גרופּירונגען איז געשטאַנען אין דער הויך די קיניגלעכע אַבסאָלוטע מאַכט. אויפגעקומען אין קאַמף מיטן פעאָדאַליזם באַ דער שטיצע פון דער בורזשואַזיע, איז זי צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס אי מיט די פעאָדאַלן אי מיט דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג. די קיניגלעכע מאַכט איז געוואָרן די שווערסטע מעניע פאר דערדאָזיקער אַנטוויקלונג. די קיניגלעכע מאכט האָט געשטרעבט איינצושטעלן א צענטראַליזאַציע אין דער פאַרוואלטונג פון לאַנד. דאָס האָט זיך איר אָבער איינגעגעבן אין אַ גאַנץ קנאַפּער מאָס. מע קען זאָגן, אַז פראַנקרייך האָט געפעלט איינהייטלעכקייט: איטלעכע פּראָווינץ, וואָס איז אַריין אין איר צוזאַמענשטעל, האָט איינגעהאַלטן אַ געוויסע זעלבשטענדיקייט. ווי מיראַבאָ האָט געזאָגט, האָט פראנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע מיט זיך פאָרגעשטעלט ניט מער ווי א ניט אָרגאַניזירטע פאַרייניקונג פון פעלקערשאַפטן, פרעמדע איינע צו דער אַנדערער, (די „ברעטאַנישע נאַציע", „פּראָוואַנסאַלישע נאַציע"). איינהייטלעכקייט האָט געפעלט ניט נאָר אין דעםווירטשאַפטלעכן לעבן, נאָר אויך אַפן געביט פון פינאַנצן און אַדמיניסטראַציע. עס איז ניט געווען קיין צענטראַליזאַציע אויך אין דער געזעצגעבונג.

„מע קאָן זאָגן, שרייבט פּראָפ. ארדאַשעוו, אַז באַ דער אַלטער אָרדענונג איז עפּשער געווען מער אנשטאַלטן, וואָס האָבן ניט געהאַלטן פאַר זייער כיווּו אַכטונג צו געבן, עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די געזעצן און די פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג, איידער אזעלכע, וואָס זאָלן יאָ אַכטונג געבן, מע זאָל זיי אָפּהיטן". דער גאַנצער אַפּאַראַט פון דער מלוכע-מאַכט, מיטן דעם קיניג אין דער שפּיץ, איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער ריי שטאַנדן-אינסטיטוציעס, וואָס זיינען דערנאָכדעם געוואָרן שטיק-פונקטן פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן אין קאַמף מיטן אַבסאָלוטיזם און זיינע אַגענטן (די אינטענדאַנטן) אין צענטער און אויך אַף די ערטער. דידאָזיקע שטאַנדן-אינסטיטוציעס זיינען געווען אויך געריכטלעך-אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען, וואָס פלעגן זיך אריינמישן אין פאַרשיידענע זייטן פון דעם מלוכישן לעבן. זיי האָבן געהאַט

דאָס רעכט צו רעגיסטרירן די קיניגלעכע עדיקטן און זיינען געווען די צענ־טרען פון קאַמף מיט יעדער בורזשואַזער רעפאָרם. די מאַכט פון די טשי־באָווניקעס אַדל-לייט איז געווען נאָר אַ קוואַל פון האַכנאָסע. אַ ריי אַמטן, ווי גענעראַל-גובערנאַטאָרן פון פראָווינצן אָדער גובערנאַטאָרן, זיינען געווען נאָר נאָמינאַלע שטעלעס. אין דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונד. האָט מען צווישן די גענעראַל-גובערנאַטאָרן געקאָנט טרעפן 13-יאָריקע אינגלעך. דער, וואָס האָט געקראָגן אַזא שטעלע, פלעגט זיך אפילע ניט ווייזן אין דער פראָ־ווינץ, דערפאַר פלעגט ער אָבער קריגן גרויסע געהאַלטן: זיינע האַכנאָסעס פלעגן דערגרייכן ביז 150 טויזנט ליוור א יאָר.

דאָס קויפן און פאַרקויפן מלוכע-שטעלעס איז געווען אַ קוואַל פון האַכ־נאָסעס און... פון צאָרעס פאַר דער מלוכע. דערהויפּט דאַרף מען פאַרצייכענען די שטייערן-פּאָליטיק פון דער אַלטער אָרדענונג. די מלוכע פלעגט דאָ אַרויס־טרעטן ווי אַן עקספּלואַטאַטאָר פון די מאַסן. עס האָט שווער געדריקט ניט דאָס אליין, וואָס די הערשנדיקע שטאַנדן זיינען געווען באַפרייט פון שטייערן, נאָר אויך דאָס, וואָס די שטייערן זיינען געווען ניט גלייכמאָסיק פאַנאַנדער־געלייגט, וואָס זיי זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיק, און עס איז ניט געווען קיין באַשטימטע סיסטעם פון איינמאָנען זיי. אַן איינוואוינער, לאָמיר זאָגן, פון אַרטואַ האָט געטראָגן נאָר אַ העלפט פון דער שטייערן-לאַסט אין פאַרגלייך מיט זיין שאָכן, וואָס האָט געוואוינט אין פּיקאַרדיע. א צוגאָב צו אָט דער שטייערן-רויבעריי איז נאָך געווען די סיסטעם פון פאַכטעריי. דער פאַכטער פלעגט אָפּט איינמאָנען צוויי מאָל אזוי פיל שטייערן, ווי די מלוכע פלעגט איינשטעלן. דער קיניג פלעגט אַרויסטרעטן ווי אַן אויסברענגער פונם פאָלקס־פאַרמעגן. ער איז געווען דער ערשטער פאַריץ אין לאַנד און האָט פאַרמאָגט געוואַלטיקע ערד-נאַכלאָעס. זיין ציוויל-ליסט (דאָס „קיניגלעכע געהאַלט”), די צעטיילונג פון פענסיעס און מאַטאָנעס די אַדל-לייט, זיין אויסברענגעריי אף פאַרשיידענע קאַפּריזן פלעגט אָפּנעמען א היפּשן טייל פונם פאָלקס-פאַרמעגן. דאָס אלץ האָט געבראַכט צום שווערסטן פינאַנץ-קריזיס פון דער מלוכע. פון 1778 ביז 1781-טן יאָר האָט דער קיניג צעשענקט פאַרשיידענע מענטשן אף 2.600.000 ליוור אַוואַנסן פענסיעס. צום יאָר 1781-טן האָט דער דעפיציט פון דער מלוכע אָנגעטראָפן 150.000.000 ליוור. נעקערס נאָכפאָלגער, פאַר־עפנטלעכנדיק צום ערשטן מאָל יעדיעס וועגן דעם מלוכע-ביודזשעט, האָבן אָנגעווענדט אַן אנטשיידענעם מיטל קעדיי אָפּצוהאלטן דעם פינאַנציעלן באַנק־ראָט פון דער מלוכע. זיי האָבן אָבער גאָר ניט געפּרוּווט אפילע צו מאַכן א סאָף מיט דער מעשוגענער אויסברענגעריי פון דעם קיניג און מיט די שטיי־ערן-פּריווילעגיעס פון די פּריצים און די גייסטלעכע; פאַרקערט, זיי האָבן עס נאָך פאַרגרעסערט. די קיניגין קויפט אין 1785-טן יאָר דעם מאַיאָנטעק סען־קלו פאַר 6.000.000 ליוור; דער קיניג — דעם מאַיאָנטעק ראַמבוליע פאַר 18.000.000 ליוור. אָבער וואו נעמט מען געלט? דער מיניסטער קאַלאָן באַרגט אָן קיין שום כעשבן, ביז וואַנען ער האָט דערפירט די מלוכע צו באַנקראָט.

פאַר דריי יאָר האָט ער אָנגעבאָרגט 486 מיליאָן ליוור. דאַן האָט מען באַשלאָסן צוטרעטן צונויפצורופן די נאָטאַבלען.

דער דורכפאַל פון דערדאָזיקער פאַרטרעטערשאַפט פון די איידעלע שטאַנדן האָט ארויסגערוקט די פראַגע וועגן צונויפרופן די גענעראַל-שטאַטן. דער וואָרצל פון דעם דעפיציט פון דער מלוכע איז געווען אין איר צעפוילטקייט, אין דעם באַנקראָט פון דער גאַנצער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער סיסטעם. דער קיניג האָט זיך געניויטיקט אין געלט, און האָט געמוזט דעריבער אַנטקעגן גיין דער בורזשואַזיע. דער צוועק פון די רעפאָרמעס פון טיורגאָס מיניסטעריום איז געווען—צוצופאַסן די מלוכע-אָרדענונג פון פראַנקרייך צו די אינטערעסן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. מע האָט אָפּגעשאפט די צעכן, פראַנארבעט (פאַנשטשינע), מע האָט דערקלערט פרייהייט פון אינעווייניקסטן ברויט-האַנדל, מע איז צוגעטראָטן צו א מוניציפּאַלער רעפאָרם און מע האָט אפילע גערעכנט צונויפרופן אַן אַלמלוכישע בּאַראַטונגס-אינסטיטוציע, עמעס, אָן קיין שום פּאָליטישע רעכטן. אָבער די אָפּאָזיציע פון די הערשנדיקע שטאַנדן (פון פּאַרלאַמענט) האָט גוירעם געווען דעם דורכפאַל פון דידאָזיקע רעפאָרמען. טיורגאָ איז אַראָפּ פון שטעלע און אַלע זיינע מאָסמיטלען האָט מען אָפּגעשאַפט. אָט דער דורכפאַל פון די בורזשואַזע רעפאָרמען האָט פאַרפאָלגט פראַנקרייך דעם גאַנצן 18-טן יאָרהונד. אַזוי האָט מען דאָס געזעץ וועגן פרייען ברויט-האַנדל אָפּגעשאַפט ביז 4 מאָל. די וואַקלונג פון דער מלוכע צווישן פעאָדאַליזם און דער בורזשואַזיע האָט געבראַכט צו א וואוקס פון דער פעאָדאַלער רעאַקציע אין סאָף 18-טן יאָרהונד. די פּריצים האָבן מיט דער הילף פון די אַזוי גערופענע פעוודיסטן, קענער פון פעאָדאַלן רעכט, געשטרעבט צוריק אויפצושטעלן די פאַרלאָרענע סעניאָרע רעכטן. מע שטעלט אויף צוריק די צעכן, מע הויבט אָן אונטערצודריקן דאָס פּרייע וואָרט און אז. וו. אזוי איז דורך דעם טאַליענס האַנט פאַרבּרענט געוואָרן, לויטן באַשלוס פון פאַרלאַמענט, די בראָשור פון באָנסערף, וואס איז געווען געווענדעט קעגן די פעאָדאלע רעכטן. די פאַרלאַמענטן זיינען געוואָרן צענטרען פון אָפּאָזיציע פון די הערשנדיקע שטאַנדן ניט נאָר קעגן די בורזשואַזע מאָסמיטלען פון דעם קיניג, נאָר אפילע קעגן דעם קיניג גופע, און אַלץ לעטויוועס די שטאַנדן-רעכטן און פּריווילעגיעס. דאָס האָט זיי, אף אַ גאַנץ קורצער צייט, געמאַכט פאַר א צענטר פון דער פּאָלקס-אויפרעגונג. אָבער אף דער פאַרזאמלונג פון די נאָטאַבלען, ווען די פאָרשטייער פון די איידעלע שטאַנדן האָבן אָנגעווענדעט זייער גאַנצע ענערגיע אף צו פאַרטיידיקן זייערע סעניאָרע רעכטן, דאַן האָט זיך דער פאָלקס-פּראָטעסט אויסגעגאָסן אי קעגן קיניג אי קעגן די פּאַרלאַמענטן. אזוי האָט זיך די קיניגלעכע מאַכט אָפּגעריסן פון דעם פּריוויישן קלאַס, איז ניט אריבער אַפן צאַד פון דער בורזשואַזיע, און, זייענדיק אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט דער סאָציאַלער סיסטעם פון דעם פעאָדאַליזם, איז זי געבליבן הענגען אין דער לופטן. דער רעוואָלוציע איז ניט שווער געווען צו מאַכן מיט איר א סאָף.

די אידעאָלאָגיע פון דער אויפשטייגנ־דיקער בורזשואַזיע.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע „האָט געהאַט פאַר איר ציל ניט נאָר איבערבייטן די אַלטע רעגי־רונג, נאָר אויך פאַרניכטן די אַלטע געזעלשאַפט, דעריבער האָט זי אין דערזעלביקער צייט געמוזט אָנפאַלן אויך אַף אַלע איינגעשטעלטע הערשאַפטן, כאָרעוו מאַכן אַלע אָנער־קענטע איינפלוסן, באַטל מאַכן די טראַדיציעס, באַנייען די מידעס און מינהאָ־גים, אָפּרייניקן די מויכעס פון אַלע געדאַנקען, אַף וואָסערע עס האָט זיך ביז דאַן געשטיצט דאָס דערכערעץ האָבן און די פאָלגעוודיקייט" (טאָקוויל).

די פראַנצויזישע בורזשואַזיע, די אָנפירערין פון דעם דריטן שטאַנד, וואָס עקאָנאָמיש איז זי געוועזן אַלץ און האָט אָבער ניט פאַרמאָגט קיין שום פּאָלי־טישע מאַכט, האָט אין דעם מעשעך פון 18־טן יאָרה. אויסגעאַרבעט איר אי־דעאָלאָגיע לעהייפעך צו דעם וועלטקוק פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. די אידעאָלאָגיע פון דער אויפשטייגנדיקער בור־זשואַזיע—דאָס איז די אויפקלערונג פון דעם 18־טן יאָרהונד. די גלענצנדיקע פאָרשטייער פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע—וואָלטער, מאָנטעסקיע, די פיזיאָ־קראַטן, רוסא, די ענציקלאָפּעדיסטן (דידראָ) און די מאַטעריאַליסטן (העלוועצי, האָלבאַך) האָבן פאָרמולירט פאַרשיידענע זייטן פון דעם בורזשואַזן וועלטקוק. די פילאָזאָפיע פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע האָט איבערגעווידירט אַלע זייטן פון דער פעאָדאַלער אידעאָלאָגיע, און האָט אַנטקעגן איר אַרויסגעשטעלט דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און פילאָזאָפישן וועלטקוק פון דער בורזשואַזיע. די ערשטע צייט זיינען די מעכטיקע קלעפּ פון דער אויפקלערונג געווען געווענדעט קעגן דער הערשאַפט פון די רעליגיעזע פאַרורטיילן (וואָלטער) (ז. דאק. און מאט. נומער 6), אָבער דערנאָך טראָגט זיך אַריבער דער צענטר פון דער אויפמערקזאַמקייט פון די פילאָזאָפן פון 18-טן יאָרהונדערט אַף דער זייט פון דער געזעלשאַפטלעכער איינאָרדענונג. „דער אויפגעקלערטער מענטש" פונם 18־טן יאָרהונד. איז געווען דער נאָווי פון דער נייער בורזשואזער געזעלשאפט. ער איז פול מיט גלויבן אין זיין צייט, דער צייט פון פארנונפט און פילאָזאָ־פיע. פאר אים איז אלץ, וואָס ס'איז געוועזן ביז דער אויפקלערונגס־עפּאָכע ניט מער ווי א הערשאפט פון בארבאריזם און אמאראצעס. ער רייסט אראפּ דעם מאנטל פון דער רעליגיע. דער סייכל שפּילט בא אים דיזעלביקע ראָלע, וואָס פריער—גאָט. דער סייכל ווערט דער איינציקער אווטאָריטעט, וואָס דער כאָכעם אנערקענט אים. די פילאזאפיע פון דער אויפקלערונג איז פול מיט ביטאָכן אף דער נאָענטסטער צוקונפט. זי ווארט אף א רעוואלוציע, וואס וועט אָנ־שטאט דער אלטער ארדענונג ברענגען א נייע ארדענונג. דידאָזיקע רעוואלו־ציע פארשטייט זי אבער ניט ווי אן אקט פון די פאָלקסמאסן. זי שטעלט זיך פאר א רעוואלוציע „פון אויבן", געמאכט דורכן קיניג מיט די פילאזאפן. דער אויפגעקלערטער מענטש פון 18-טן יארהונדערט גלויבט אין דעם נאטירלעכן רעכט פון מענטשן. ער דרינגט עס ארויס מיט דער הילף פון זיין סייכל, ווי א רעכט פון די מענטשן פון פאר דער פעאדאלער עפּאָכע. אט דאס נאטיר־לעכע רעכט איז פאר אים ניט נאר א מעטאד אף אויסצופארשן די סיבעס

פון די אומגערעכטיקייטן פון דער אלטער ארדענונג, נאר אויך א אידעאל פאר דער קומענדיקער צייט. פארשיידענע אידעאלאגן פון 18=טן יארהונדערט טייטשן פארשיידן דעם באגריף „נאטירלעכע רעכט", אבער פאר זיי אלעמען איז פרייהייט, גלייכהייט און אייגנטום דער יעסאד פון א גליקלעכן געזעלשאפטלעכן לעבן. דער אויפגעקלערטער מענטש איז א סוינע פון פריווילעגיעס, ער האט ראכמאנעס אף די שוואכע און באליידיקטע. פאר אים איז כאראקטעריסטיש ליבע צום מענטשן אויסער נאציאנאלע גרעניצן: פרייהייט, זאָגט ער, איז דעם מענטשנס א פארמעג, וואס קען ניט אפגענומען ווערן. דער מענטש איז פריי בענאטור. די פרייהייט געהערט אים ווי א נאטירלעכע רעכט. דער אויפקלערונגס=מענטש האט דעריבער ליב צו פריידיקן די אלגעמיינע פרינציפן, ווי אזוי איבערצובויען די געזעלשאפט. ער איז אן אנהענגער פון גלייכהייט און גלויבנס-טאלעראנץ. אט די גלייכהייט אבער איז בא אים ניט אן עקאנאמישע, נאר א גלייכהייט פארן בורזשואזן געזעץ. דער אויפגעקלערטער מענטש פון 18=טן יארהונדערט איז ניט קיין אונטערטאן, נאר א בירגער און א פאטריאט. ער שטעלט אלעמאל ארויס די אינטערעסן פון דער נאציע אנטקעגן די אינטערעסן פונם קיניג. די אלע אנגעוויזענע זייטן פון דער אויפקלערונגס-פילאזאפיע באווייזן, אז מיר האבן דא צו טאן אנשטאט דער אלטער אידעאלאגיע פון שטאנדן=כילוקים, מיט א לערע וועגן פערזענלעכער פרייהייט און גלייכהייט פארן געזעץ פון דער קומענדיקער בורזשואזער געזעלשאפט.

לאָמיר פרואוון אין קורצן כאַראַקטעריזירן די באַזונדערע שולן פון דער עפּאָכע פון האַסקאָלע אין 18-טן יאָרהונדערט. אין דער עקאָנאָמיק זיינען, ווי אידעאָלאָגן פון דער בורזשואזער פרייהייט, ארויסגעטראָטן די פ י ז י אָ-ק ר אַ ט ן. דער צענטראַלער פונקט פון זייער טוירע איז דער געדאַנק, אַז ערד איז דער יעסאָד פון רייכטום. „ערדאַרבעט איז די ערשטע פון אַלע פּאַרנאָסעס, נאָר זי אַליין גיט דעם מענטשן מיטלען צום לעבן". די פיזיאָקראַטן זיינען אידעאָלאָגן פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קאַפּיטאַל. זיי שטעלן ארויס דעם פּרינציפּ פון פולשטענדיקן ניט אריינמישן זיך אין דעם גאַנג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. די לערע פון די פיזיאָקראַטן און די אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיי גיבן אָפּ דער ערדאַרבעט, שפּיגלט אָפּ די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון פראַנקרייך אין פארגלייך מיט ענגלאַנד, וואו אין דער לערע פון אַדאַם סמיט האָבן געפונען זייער אויסדרוק די אינטערעסן פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, וואָס האָט געהאַלטן אין אנטוויקלען זיך. די לערע פון די פיזיאָקראַטן האָט באגייסטערט טיורגאָ און האָט אָנגעפירט מיט זיינע רעפאָרמעס. אַזוי האָט די אידעאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע געפּראוווט, פריער פון דער טעאָריע פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, ווענדן די אַבסאָלוטע מאַכט פון דעם קיניג לטובת די אינטערעסן פון דער בורזשואַזער אַנטוויקלונג, איידער זי האָט זיך געשטעלט פאר אַ ציל צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאכט.

די לערע פון מאָנטעסקיע (ז. מאַט. און דאָק. נומער 7) וועגן דער פאַנאַנדערטיילונג פון די מאַכטן האט זיך גענומען לייזן די פראַגע, ווי אַזוי

צו באַשאַפן אַ בורזשואַזע מלוכע אָנשטאָט דעם דעספּאָטישן אַבסאָלוטיזם. דער אַבסאָלוטיזם פון פראַנקרייך האָט ניט געוואוסט פון קיין צעטיילונג פון דער מאַכט. דער קיניג און זיינע באַאַמטע האָבן אין זייערע הענט פאַרייניקט אי די געזעצגעבערישע מאַכט אי די עקזעקוטיווע. מאָנטעסקיע שטרעבט צו באַוואָרענען פאַר דער געזעלשאַפט דעם קאָנטראָל איבער דער מלוכע-מאַכט. אין יענער צייט איז ענגלאַנד מיט איר געזעלשאַפטלעכער איינאָרדענונג געווען דער אידעאַל פאר דער פראנצויזישער בורזשואַזער געזעלשאפט.

אַכוץ די ריין בורזשואזע לערעס האָט פראַנקרייך פון 18-טן יאָרהונדערט געוואוסט נאָך פון דער לערע פון די אידעאָלאָגן פון דער קליין-בורזשואַזיע. אין זשאַן זשאק רוסאָ האָבן מיר א פרואוו פעסטצושטעלן די סיבעס פון סאָציאַלער אומגלייכהייט אין דער געזעלשאפט (ז. דאק. און מאט. נומער 9), פאָרמולירן דעם געדאַנק פון אַ דעמאָקראַטישער גערעכטיקער מלוכע. רוסאָ, ווי אַ אידעאָלאָג פון דער קליין בורזשואַזיע, לייקנט אָפּ די נויטווענדיקייט פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ער אידעאַליזירט די גילדערנע צייט אין דער פאַרגאַנגענהייט פון דער מענטשהייט. ער רופט צוריק צו דער נאטור, צו יענער גליקלעכער צייט, ווען מענטשן האָבן ניט געוואוסט פון קיין אומגלייכהייט. ער טרעט אַרויס קעגן דער הייגטיקער שטאָטישער קולטור און אידעאַליזירט דעם דאָרפישן שטייגער. אין דער לערע פון דער קליין-בורזשואזיע גיסן זיך צונויף רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען מיט אוטאָפּישע און רעאַקציאָנערע. ווענדנדיק זיינע קלעפּ קעגן דעם פעאָדאַלן און גרויס-אייגנטום, שטעלט זיך פונדעסטוועגן רוסאָ ניט פאָר אין דער צוקונפט אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין געבויט ניט אַף פריוואַט-אייגנטום. ער שטעלט זיך ניט פאָר די פאַרניכטונג פון דער געזעלשאפט פון זיין צייט אַף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן מיטן קויעך פון די פאָלקס-מאַסן. אָבער רוסאָס לערע, אַדאַנק דער מעכטיקייט פון זיין געזעלשאַפטלעכער קריטיק, איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע: ראָבעספּיער, סען-זשיוסט א. אנד. האָבן זיך געהאלטן פאר רוסאָס טאלמידים.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט קיין אייגענע טוירע ניט געהאט. די קאָמוניסטישע געדאנקען פון דעם 18-טן יאָרהונדערט זיינען געווען צופעליק און זעלטן. אין איינצלנע ווערק פון מאַבלי, מעליע איז דאָ אַ קריטיק פון פריוואַט-אייגנטום. אזוי האָט מעליע געהאלטן פאַר זיין אידעאַל דעם קאָמוניזם, אָבער ביז האלב 19-טן יאָרהונדערט זיינען זיינע ווערק ניט געווען פארעפנטלעכט אין גאנצן. דער „נאטור-קאָדעקס” פון מארעלי איז דאָס איינציקע סאָציאַליסטישע ווערק פון יענער צייט. דאָרט זיינען פאַראַן אָט די האַנאָכעס: קיין זאך אין דער געזעלשאַפט קען ניט זיין קיין פערזענלעכע אייגנטום, אַכוץ דאָס, וואָס עס גייט דירעקט צום געברויך; אַלע בירגער ווערן אויסגעהאלטן פון דער געזעלשאפט; איטלעכער באטייליקט זיך לויט זיינע טאַלאַנטן נאָך אין ארבעט. נאָר מאָרעליס „נאטור-קאָדעקס” איז דער איינציקער אידעאָלאָגישער פרואוו פון דעם מין. ביכלאַל, האָט דער פּראָלעטאריאט נאָך ניט פארמאָגט קיין אייגענע אידעאָלאָגיע (ז. מאט. און דאק. № 10).

אַף אַזאַ אויפן איז אינעווייניק אין דער אלטער אָרדענונג געשאפן געוואָרן אלע פאָר-האַנאָכעס אַף צו פארבייטן די פעאָדאַלע געזעלשאַפט מיט א בורזשואַזער. אָבער בעאייס אין ענגלאַנד האָט די מעכטיקע אַנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם און די מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע פון דער מעדינע מעגלעך געמאכט אַ לאַנגזאַמען איבערגאנג ביסלעכווייז פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג צו א קאַפּיטאליסטיש-בורזשואזער, אַפּן יעסאָד פון אַ דערנעענטערונג צווישן די אַגראַרע, סאָכרישע און אינדוסטריעלע קרייזן פון דער בורזשואזיע פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט, האָט אין פראנקרייך די ניט גענוגנדיקע אַנטוויקלונג פון דעם קאפיטאליזם און די זייער שטארקע מעניעס אַפּן וועג פון זיין אַנטוויקלונג נויטיק געמאכט אַ רעוואָלוציע אין לאַנד.

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן

1. דער אויסערן־האַנדל פון פראַנקרייך פאַר די יאָרן 1715—1787.

די זאַכן, מיט וועלכע פראַנקרייך האָט געהאַנדלט מיט אייראָפּע.	1715 אימפּאָרט	1715 עקספּאָרט	1787 אימפּאָרט	1787 עקספּאָרט
	ליוורען *)			
1. ליין, מעטאַלן, סמאָלע, זוימען, שטיינקוילן, שמאַלץ (דאָס לעצטע ווערט נאָר אימפּאָרטירט)	5.910.000	1.051.000	34.210.000	10.324.000
2. ליין, וואקס, פעדערן, זיידנס, בוימוואָל, פלאַקס, לעדער, אייל (דאָס לעצטע ווערט נאָר אימפּאָרטירט)	11.788.000	4.118.000	96.571.000	14.076.000
3. געוועב און פעדים . .	6.436.000	31.482.000	68.991.000	89.044.000
4. די איבעריקע אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען, ריגל - וואַרג, טעפּערשע סכוירעס	3.828.000	6.535.000	21.041.000	33.438.000
5. עסנוואַרג	11.678.000	6.474.000	53.080.000	26.596.000
6. געטראַנקען	938.000	27.108.000	9.249.000	55.699.000
7. בסאָמים	2.455.000	587.000	20.631 000	6.118.000
8. באַקאַליי-סכוירע . . .	2.320.000	848.000	9.408.000	1.090.000
9. פי	2.942.000	1.240.000	12.186.000	8.214.000
10. לאַדונגס-פי	250.000	—	5.622.000	1.476.000
11. טאַבאַק און בלעטער . .	5.117.000	1.425.000	15.640.000	8.675.000
12. פאַרשיידענע סכוירעס .	2.826.000	6.964.000	7.675.000	11.755.000
13. גאָלד און זילבער אין מאַטבייעס	13.015.000	—	79.279.744**	—
14. נעגערס אין די קאָלאָניעס	1.543.000	—	4.884.000	559.000
15. סכוירעס פון אינדיע .	—	2.651.000	—	4 162.000
16. סכוירעס פון די אַמעריקאַנישע אינזלען . . .	—	15.163.000	—	152.206.000
סאַכאַקל . .	71.044.000	105.686.000	379.918.000	424.428.000
דער האַנדל מיט אַזיע, אינדיע און כינע	3.368.000	2.852.000	34.726.000	17.729.000
דער האַנדל מיט אַפריקע — דער האַנדל מיט נעגערס	500.000	650.000	4.252.000	2.283.000
דער האַנדל מיט די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס: פראַנצויזישע קאָלאָניעס — נאַציאָנאַלער פישפאַנג . .	16.711.000	9.164.000	192.007.000	77.913.000
סאַכאַקל . .	96.623.000	118.838.000	610.903.000	542.600.000

*) אַ ליוור האָט געקאָסט $37 \frac{1}{2}$ קאָפּיקעס.

**) אינם סאַכאַקל פיגורירט ניט די דאָזיקע צאָל, ווייל דאָס האָט זיך באַקומען פון די שפּאַנישע גאַליאָנען (שפּאַנישע שיפן).

2. די שטערונגען פאַרן אינעווייניקסטן האַנדל אין פראַנקרייך באַ דער אַלטער אָרדענונג.

„דאָס קעניגרייך איז אין אַלע ריכטונגען געווען דורכגעשניטן מיט אָפּצאָל-גרעניצן אַף אַ מעהאַלעך פון שיר ניט 2.800 מייל. די סכוירע, וואָס מע האָט געשיקט פון ברעטאַן, אָרטוּאַ קיין פּראָוואַנס, האָט געהאַט איבערצוקומען אַכט מעלדונגען און אַכט רעוויזיעס, האָט געדאַרפט זיבן מאָל אָפּצאָלן גרעניץ-שטייערן און צוויי מאָל איבערגעלאָדן ווערן. קימאַט פונקט אַזוי פיל פאָרמאַליטעטן און צאָלונגען האָבן געהאַט אויסצושטיין די סכוירעס, וואָס מע האָט געשיקט פון פּאַריז קיין אָווערן אָדער דאָפינע. די ווייגען, וואָס מע פלעגט אַריבערפירן פון קערסי קיין פּעריגאָר, דאָס אייזנוואַרג, וואָס פלעגט צוגעשטעלט ווערן פון פּעריגאָר קיין קערסי, פלעגן באַלייגט ווערן מיט „שענדלעכע שטייערן". פאַר די סכוירעס, וואָס פלעגן גיין פון נאָרמאַנדיע קיין פּאָנטואַ, אַף אַ מעהאַלעך פון פיר מייל, פלעגט מען דריי מאָל באַצאָלן שטייערן: אין סענט-דעני — אַ בריק-שטייער, אין עדינע — אַן אָפּצאָל פאַרן וועג, אין פראַנקאָנוויל — אַ טראַנזיט-אָפּצאָל. דעם לעצטן פלעגט אָפּנעמען דער סעניאָר, וועלכער פלעגט דעם אָפּצאָל אַמאָל פאַרגרעסערן אין צוויי מאָל אַזוי פיל, האַגאַם ער האָט אין עצעם ניט געהאַט קיין שום רעכט אַפן דאָזיקן שטייער, ווייל די מלוכע האָט אים באַפרייט פון דער זאָרג וועגן אָפּהיטן אין אָרדענונג דעם וועג.

די לאַנדקאַרטע פון לאָטאַרינגיען און פון די „דריי בישאָפאַטן" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אַ פלאָנטער, וואָס האָט געמאַכט אַ טעל פונם האַנדל און דער ערדאַרבעט און האָט טאָרמאָזירט די אַרבעט פון דורכלייגן וועגן און קאַנאַלן... אַדאַנק די ראָגאַטקעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט יעדע שטאָט און יעדן דאָרף, פלעגן די איינוואוינער פון טול, בעאייס זיי פלעגן אַרויסגיין פון שטאָט, באַגעגענען אַף יעדן טריט און שריט אַ קאָרדאָן אָדער אַן אָפּצאָל-גרעניץ, אַזוי אַז די איינוואוינער פון לאָטאַרינגיען, פון די דריי בישאָפאַטן, פון שאַמפּאַן, באַר און עלזאַס האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין פאַרקער צווישן זיך, און די מוירע פאַר פלוצלינגע רעוויזיעס, קאַנצעליאַרישע פאָרמאַליטעטן און קאָנפיסקאַציעס האָט פאַראַליזירט דעם האַנדל. די פּראָווינץ „פראַנש-קאָנטע", וועלכע האָט זיך גערעכנט „אינם כעשבן פון די אויסלענדישע", איז געווען לעגאַמרע אָפּגעשניטן פון אַלע שכיינעסדיקע געגנטן, אַפילע פון „דער ווירקלעך אויסלענדישער פּראָווינץ" — עלזאַס.

אַפילע אַ זייער ניט קיין פולע רעשימע פון די פאַרשיידענע מאָסן און וואָגן, וואָס מע האָט באַנוצט אין פראַנקרייך, וואָלט פאַרנומען זייער אַסאַך אָרט. זיי פלעגן זיך ענדערן אַף יעדער פּאָסט-סטאַנציע. „די אויסערגעוויינלעכע פאַרשיידנאַרטיקייט פון די מאָסן, וועלכע פלעגן באַנוצט ווערן אין די פאַרשיידענע טיילן פון איין און דעמזעלבן באַליאַזש", האָט אַרויסגערופן אַ פאַרוואונדערונג. די קעניגלעכע געזעלשאַפט פאַר ערדאַרבעט האָט אין 1790-טן יאָר קאָנסטאַטירט „באַדייטנדיקע אונטערשיידן אַף דער טעריטאָריע פון איין און דערזעלבער שטאָט, שטעטל און דאָרף".

„אין 1775-טן יאָר האָט די רעגירונג געוואָלט באַקענען זיך גענוי מיט דער גרויס פון די פּעאַזשן אָף דער לואַרע און ווייטער איבער די קאַנאַלן און אָף דער סענע; צוליב דעמדאָזיקן צוועק האָט זי קאָמאַנדירט דעם פּאָליציי-קאָמיסאַר בלאַנשע מיט דער שליכעס איינצוקויפן אין רואַן וויין און פירן עס אין פּאַריז. ער האָט דאָרט געקויפט וויין, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון דאָפינע און רוסיליאָן. און וואָס מע האָט שוין דערפאַר איינגעצאָלט, הייסט עס, גרעניץ-שטייער וואַלאַנער און ליאָנער. אַפן וועג פון רואַן האָט בלאַנשע פאַר-שריבן אַט דידאָזיקע שטייערן:

1) אין אַרטע מאָנט מען סעניאָר-שטייער, 2) נאָך אַזאַ שטייער אין זשיוורדאָן, 3) אין דיגאַיען פּאָרט מען אריין אין די גרעניצן פון די „פינף פאַכטן", און די שטייערן צאָלט מען לויטן טאַריף פון 1664-טן יאָר, 4) אין דעסיז מאָנט מען איין „אָקטרואַ", וואָס דערלאָזט ניט קיין פרייען טראַנזיט, 5) אין נעווער פאָדערט מען פינף פּעאַזשן: א) לעטויוועס דעם מער, ב און ג) לעטויוועס צוויי סעניאָרן, ד) פּאַרן בישאָף און ה) פּאַרן הערצאָג פון נעווער; אַכוץ דעם פאָדערט זיך נאָך אַ שטייער פאַר טראַנזיט, 6) אין פּואַ-דע-פער, 7) אין שאַריט דריי נייע פּעאַזשן און אַכוץ דעם אַ שטייער, 8) אין קאָן צוויי פּעאַזשן: א) לעטויוועס קאָנטי און ב) לעטויוועס די מאָנאַשקעס פון דער „הייליקער בסורע" (בלאַגאָוועשטשעניע). אָט די אַלע פּעאַזשן האָט מען גע-נומען אָף דער לואַרע ביז דעם אריינגאַנג אין דעם בריאַרער קאַנאַל; ווייטער גייען: 9) דער פּעאַזש אין נעמור (אַפן טייך לואַנגע און אַפן קאַנאַל נעמט מען צוויי פּעאַזשן: א) לעטויוועס דעם הערצאָג פון אָרלעאַן און ב) לעטויוועס די קאַנאָניקעס פון דער אָרלעאַנער קירך), 10) אין מאָרע צוויי פּעאַזשן: א) לע-טויוועס די סעניאָרן און ב) לעטויוועס דער קירך פון דער הייליקער מוטער אין מאָרע און לעסאָף 11) אין מעלען (אָף דער סענע) דריי מאָל „אָקטרואַ", פון מעלען, מאָרע און נעמור, וואָס דאָ מאָנט מען איין פאַר זיי אַלעמען, און, אַכוץ דעם, פּעאַזש לעטויוועס דעם הערצאָג ווילליע. בלאַנשע האט געפונען, אַז דידאָזיקע דערפאַרונג איז שוין גאַנץ גענוג, האָט ווייטער די וויין ניט געפירט און האָט עס פאַרקויפט אין מעלען"...

(ע. שאמפּיאָן. „פראנקרייך אין 1789-טן יאָר".
אַפאנאסיעוו: די באדינגונגען פון ברויט-האנדל אין פראַנקרייך
אין 18-טן יאָרהונדערט").

---

3. די שטערונגען פאַר דער אינדוסטריעלער טעטיקייט.

„אין 18-טן יאָרהונדערט, פונקט אזוי ווי אין דער צווייטער העלפט פון 17-טן האָט די אַדמיניסטראַציע אנאויפהערלעך געמוזט באַנייען און פאַרמערן די פאָרשריפטן אַף צו רעגולירן די פּראָדוקציע. קעדיי אָפּצונעמען יעדע מעג-

לעכקייט אַף צו שווינדלען, האָט זי אינגאַנצן אונטערדריקט די פרייהייט און איניציאַטיוו. ווען די מאָדע און דערפינדונגס-פעאיקייט האָבן דאָך גויוער געווען, פלעגט זי אַרויסגעבן א נייע פאָרשריפט. אַף אַזאַ אויפן האָט זיך די געזעצגע-בונג פאַרוויקלט און פאַרפלאָנטערט.

לעמאָשל, די פאָרשריפטן בענוגייע וועבעריי האָבן אַנטהאַלטן אין זיך הונדערטער אַרטיקלען, וואָס אין זיי איז ביז די קלענסטע דעטאַלן פאָרגע-שריבן געוואָרן, די פאָרם פון דער בלאַט און דעם שיך, פון די שאַפטן, פון דער קעטע און די צאָל פעדים אין יעדן שאַפט, עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, פון וואַנען מע האָט באַדאַרפט באַקומען רויוואַרג. ווען מע האָט גענומען באַם אויסאַרבעטן טוך זיך באַנוצן מיט אייזערנע קאַמען, האָבן די פאַבריקאַנטן באַ-געגנט אַ מעניע אין די אינדוסטריעלע באַדינגונגען, וואו עס האָט זיך גערעדט בלויז וועגן קאַמען פון שטעכלקעס. עס איז געווען אַ צייט, ווען די פאַברי-קאַנטן אין ליזיע האָבן גענומען אויסאַרבעטן שטאָף אַף פיר סאָרטן גאַלאָכישע מאַנטלען, און די קוינים זיינען מיט דעם געווען זייער צופרידן. אָבער לויט די טאַקאָנעס זיינען דערלויבט בלויז צוויי סאָרטן. נאָר אַט באַווייזט זיך אַ באַ-פעל, וואָס זאָגט אָן די פאַבריקאַנטן, זיי זאָלן זיך שטרענג האַלטן באַ די טאַ-קאָנעס און אויסאַרבעטן ניט מער ווי 24—25 אַרשין סכוירע, אין קעגנפאַל, וועט די מויסרעס אָפּגעשניטן ווערן און אָפּגעגעבן ווערן די אָרימע באַלמעלאָכעס.

ראלאַן דע פּלאַטיער (דער קינפּטיקער זשיראַנדיסט), דער געוועזענער אינספעקטאָר* אין רואַן, האָט אָנגעוויזן דעם מיניסטער אין אַ מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט אים צוגעשטעלט אין 1778 יאָר אַף די סקאַנדאַליעזע מיסברוי-כונגען, וואָס צו זיי האָט געבראַכט די רעגלאַמענטאַציע: „איך האָב געזעען", — האָט ער געשריבן, — ווי אין אַ פרימאָרגן האָט מען צעשניטן אַף שטיקער 80, 90, 100 שטיקער טוך. איך פלעג זעען דידאָזיקע סצענע אַלע וואָך אין מעשעך פון עטלעכע יאָר. איך פלעג זעען, ווי אין דיזעלבע טעג פלעגט מען קאָנפיס-קירן אַ גרעסערע אָדער קלענערע צאָל שטיקער טוך מיט מער אָדער ווי-ניקער הויכע שטראָפן. איך האָב געזעען, ווי מע פלעגט זיי צובינדן צום שאַנדרינג, אנשרייבן דעם נאָמען פונם פאַבריקאַנט, און מע פלעגט דראָען אים אַליין צו בינדן אינם פאַל, אויב דער פאַרברעכן וועט איבערגעכאַזערט ווערן. איך האָב דאָס אַלץ געזעען אין רואן, און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אַפן גרונט פון די רעגלאַמענטן אָדער לויטן באַפעל פונם מיניסטער. און פאַר וואָס? בלויז דערפאַר, וואָס דער שטאָף איז געווען ניט גלייך אָדער דאָס געוועב איז געווען ניט פינקטלעך. איך האָב געזעען, ווי אַגענטן מיט אַ גאַנצע מענגע גע-הילפן האָבן געמאַכט אונטערזוכונגען באַ די פאַבריקאַנטן, האָבן איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ די וואַרשטאַטן, ביז צום טויט אָנגעשראָקן זייערע פאַמיליעס און צעשניטן די דראָטן אַף די מאַשינעס.

*) לעוואַסער: „דאָס אינדוסטריעלע פראַנקרייך אין 1789 יאָר".

4. דער ערד-באַזיץ אין פראנקרייך.

„עס זיינען פאַראַן פינף באַדינגונגען, אויפאַנים פונם ערד-באַזיץ אין פראַנקרייך. זיי ווערן אויספירלעך איבערגעגעבן אין די צאָלרייכע נאָטיצן, וואָס איך האָב געמאַכט אין אלע פּראָווינצן. נאָר עס וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען, ווען איך זאָל זיי דאָ אַלע ברענגען.

1) די קליינע פּויערשע נאַכלעס, 2) די געלט-אַרענדע, פּונקט אַזוי ווי אין ענגלאַנד, 3) דער פעאָדאַלער באַזיץ, 4) דער מאָנאָפּאָל פון די ערד, וועלכע ווערן ארענדירט אַנגראָ פאַר געלט און ווערן דערנאָך איבערגעגעבן די פויערים אין ארענדע, 5) די פערמערס באַאַרבעטן די ערד פאַר אַ העלפט אָדער דריטל פון דער געוועקסניש.

I. די פּויערים האָבן אומעטום קליינע נאַכלעס, אזוינע קליינע, וואָס אין ענגלאַנד האָבן מיר וועגן זיי קיין האַסאָגע ניט. מע זעט זיי אין אלע טיילן פונם קעניגרייך, אפילו אין די פּראָווינצן, וואו עס דאָמינירן אנדערע באַזיץ-פאָרמען. נאָר דידאָזיקע פאָרם איז זייער פאַרשפּרייט אין קערם, אין לאַנגעדאָק, אין די פּירענייען, איווערן, האַסקאָן, אין א טייל גיופען, אין עלזאַס, פלאַנדריען און אין לאָטאַרינגיען. אין פלאַנדריען, אין עלזאַס אף די ברעגעס פונם טייך גאַראָנאַ און אין בערן האָב איך באַגעגנט אַסאַך פאַרמעגלעכע איינוואוינער, וועלכע מע קען גיכער אָנרופן קליינע פערמערס איידער אייגנ-טימער. און אין נידער-ברעטאַן באַגעגענען זיך אפילו רייכע, אָבער דאָסראָוו זיינען זיי אָרים און אומגליקלעך. דאָס איז א רעזולטאַט פון דעם, וואָס די קליינע פערמעס ווערן צופיל צעטיילט צווישן אלע זייערע קינדער.

אין לאָטאַרינגיען און אין דעם טייל שאַמפּאַן, וועלכער געפינט זיך בע-שכיינעס פון לאָטאַרינגיען, זיינען זיי אומגליקלעך. איך האָב ניט איינמאָל געזעען אָט די נאכלעס, וואָס זיינען צומאָל געווען אזוי קליין, אז אַ פּאָשע-טער אויבס-בוים און צוויי הונדערט פוס ערד האָבן באַטראָפן די פערמע און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון דער פאַמיליע.

II. די געלט-אַרענדע באַגעגנט זיך געוויינלעך אין פּיקאַרדיע, אַרטואַ, אין א טייל פלאַנדריען, אין נאָרמאַנדיע (אַכוץ דער געגנט קאָ), איל-דע-פראַנס און אין באסע. דידאָזיקע פאָרם ווערט אפילו פּראַקטיצירט אין די פּראָווינצן, וואו עס דאָמינירן אנדערע פאָרמען, נאָר לויט א מעסיקן כעשבן עקזיסטירט ניט דידאָזיקע פאָרם אפילו אין א זעקסטכיילעך און א זיבעטכיי-לעך פונם קעניגרייך.

III. די פעאָדאַלע גיטער — דאָס זיינען לענאַס, וואָס די פּריצים פון דער פאַראַפיע פלעגן צעטיילן און דערפאַר פלעגן זיי זיך איבערלאָזן די רעשטן, צאָלן ערד-צינזען, סערוויטוטן און ווען אָט די היסכאַיועסן פלעגן ניט אויסגעפילט ווערן, האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צוריק אָפּנעמען די גיטער. די-דאָזיקע פאָרם איז זייער פאַרשפּרייט אין לימוזען, בערי, לאַ-מאַרשע, ברעטאַן א. אז. וו., וואו מע באַגעגנט זי אין גאַנצן לאַנד. איבעריקנס באַגעגנט מען זי אין אלע טיילן פון קעניגרייך, אין די געגנטן פון ווערדאַן, וואַטאַן א. אז. וו.

אין בערי פלעגט מען זיך שטאַרק קלאָגן אף די באַלעסטיקונגען. דער אויפן, ווי אַזוי מע מאַנט זיי אויף איז אַפּאָנים די הויפּט-צאָרע. אַדאַנק אָט דער סיבע זיינען זיי אומעטום נאָך שווערער, ווי דאָס וואָלט זיך געקאָנט אויסדוכטן. מע באַהויפּטעט, אַז די באַשלוסן פונם געריכט זיינען זייער שטרענגע צום ארענדאַטאָר לעטויוועס דעם פּאַריץ.

IV. מ אָ נ אָ פּ אָ ל — דערדאָזיקער מעטאָד ווערט פּראַקטיצירט געווייגלעך אין פאַרשיידענע פּראָווינצן, וואו עס זיינען פאַראַן פערמעס. רייכע מענטשן נעמען אין ארענדע גרויסע שטעכן ערד און אָט דידאָזיקע ערד פאַרדינגען זיי די פערמערס צו קליינע שטיקער. די פערמערס גיבן זיי דערפאַר אַ העלפט פון דער גערעטעניש. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָב איך גע-הערט אסאך קלאַגעס אין לא-מאַרשע, בערי, פּואַטו און אַנגולוא. די איבעריקע פּראָווינצן זיינען אויך ניט קיין אויסנאַם פון דערדאָזיקער פּראַקטיק. עס איז קלאָר, אַז זי נעמט זיך פון די שוועריקייטן, וועלכע זיינען אייגנטימלעך דער פערמערשער סיסטעם פון ערד-באַאַרבעטונג. דאָס איז אַן עקלהאַפטער מעטאָד, וואָס איז גוט באַקאַנט אין אירלאַנד, פון וואַנען מע האָט אָט די פאַרמיטלער קימאַט אַלע ארויסגעטריבן.

V. ד י פ ע ר מ ע ר ס — דאָס אַרענדירן פערמעסוויז נעמט ארום עפּשער זיבן אַכטל ערד פון פראַנקרייך. זי כאַפּט אַרום קימאַט גאַנץ סאָלאָן, בערי, מאַרש, לימוזען, בורגונדיע, בורבאָן, ניווערנואַ, אָווערן א. אז. וו. זי באַגעגנט זיך אַפילע אין ברעטאַן, מענע, פּראָוואַנס און אין אַלע דאָרעם-פּראָווינצן. אין שאַמפּאַן איז פאַראַן אַסאַך ערד, וואָס איז פאַרדונגען á tiers franc, דאָס הייסט פאר א דריטכיילעך פּראָדוקטן; נאָר געוויינלעך פאַרדינגט מען זי פאַר אַ העלפט. דער אייגנטימער גיט געוויינלעך די פּי און א העלפט זריע, און דער פערמער גיט זיין ארבעט, די געצייג און צאָלט שטייערן. נאָר אין איי-ניקע קאַנטאָנען גיט דער אייגנטימער א טייל פון דערדאָזיקער הויצאָע. אין בערי זיינען פאַראַן פערמערס, וואָס דינגען ערד פאר א העלפט, אייניקע דינ-גען פאַר אַ דריטכיילעך און אפילע פאַר א פערטכיילעך פון דער גערעטעניש. אין רוסילזשען, פון אקסא ביז פליראַנס, צאָלן אייניקע אייגנטימער אַלע שטייערן. נעבן עגיליאָן, אַפּן טייך גאַראָנאַ, גיבן די פערמערס א העלפט פּי. נעבן פאַלעז און נאָרמאַנדיע האָב איך געזעען פערמערס אין אזוינע ערטער, וואו עס איז שווער געוועהן זיך פאָרשטעלן זיי אף די פערמעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין רעשוס פון אזעלכע אייגנטימער. דער רעזולטאַט דערפון איז, וואָס די פערמעס פון אָט די אייגנטימער זיינען באַאַרבעט ערגער פון אַלע אַרומיקע פערמעס.

דערדאָזיקער שענדלעכער אומשטאַנד נויטיקט זיך ניט אין קיין פּיירושים. אין נאַנזשי, אין איל-דע-פראַנס האָב איך געזעען אַן אָפּמאַך, אין וועלכן דער אייגנטימער האָט זיך מיסכאַיעוו געווען צוצושטעלן פּי, געשפאַן, געצייג און צאָלן שטייערן; דער פערמער האָט געגעבן זיין אַרבעט און האָט געצאָלט שטייער פאַר יעדן נעפעש. דער אייגנטימער איז געווען מעכויעוו צו רעמאָנ-טירן דאָס הויז און די טירן, דער פערמער — די פענסטער. דער אייגנטימער

האָט געגעבן זריע דעם ערשטן יאָר, דער פערמער — דעם לעצטן יאָר. אין די יאָרן צווישן אָט די צוויי פּלעגן זיי געבן די זריע אַף דער העלפט. די גרעניצעניש, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר געלט, האָבן זיי געטיילט צווישן זיך. פאַר די פוטער און קעז, מיט וועלכע דעם פערמערס הויזגעזינד האָט זיך באַנוצט אָן באַגרעניצונג, האָט מען געצאָלט צו זעקס פראַנק פון יעדער קו. אין בורבאן גיט דער אייגנטימער אַלע מינים פי, און ניט געקוקט פונדעסטוועגן אַף דעם, פאַרקויפט דער פערמער, בייט אויס און קויפט לויט זיין אייגענעם איינזען. דערביי פאַרצייכנט דער פאַרוואַלטער דידאָזיקע אַלע ענדערונגען, ווייל דער אייגנטימער באַקומט אַ העלפט פון דעם, וואָס מע האָט אַרויסגעקומען פון דאָס פאַרקויפטע, און צאָלט אַ העלפט הויצאָעס אַף די איינקויפונגען. דעם אַרענדאַטאָרס פורן דאַרפן צושטעלן אַ העלפט טוואוע אין די שפייכלערס פונם שלאָס און נאָכדעם קומען נאָכאַמאָל אַהינצו נאָך די שטרוי. די רעזולטאַטן פון אָט דער אומזיניקער סיסטעם זיינען איבעראַשנדיקע. די ערד, וועלכע מע וואָלט אין ענגלאַנד פאַרדונגען פאַר 12 ליוורען *), קאָסט דאָ ניט מער פון דריי ליוורען, אַריינגערעכנט די פי.

פון אויבן-אויף דאַכט זיך, אַז מער פון אַלעמען ליידן די אייגנטימער פון דער פערמערשער באַאַרבעטונגס-סיסטעם. אָבער ווען מיר באַקענען זיך בעענטער, דערזעען מיר, אַז די אַרענדאַטאָרן ליידן גרויס דאַקעס, אייניקע זיינען אפילע אָרימעלייט. אין וואַטאַן, אין געריי האָט מען מיך פאַרזיכערט, אַז די פערמערס זיינען קימאַט יעדן טאָג געצוואונגען צו לייען ברויט באַ די פּריצים ביז דער נייער גרעטעניש. בעעצעם לוינט ניט צו לייען דאָסדאָזיקע ברויט, ווייל דאָס איז אַ געמיש פון קאָרן מיט גערשטן. איך פלעג אים פאַרזוכן און דעריבער האָב איך מיטן גאַנצן האַרצן מיטלייד מיט דידאָזיקע אומגליקלעכע אָרימעלייט. אָבער די פאַשעטע מענטשן עסן דאָ ניט קיין ווייצענעם ברויט. באַ אַזאַ נויט פון די פערמערס קאָן מען אורטיילן וועגן דער לאַגע פונם פאָריץ לויט דער רענטע, וואָס ער באַקומט. אין סאַלבורי, אין סאַלאָן באַקומט דער אייגנטימער אַן ערעך 800 ליוורען אַף זיין ביילעק פאַרן שעטעך ערד, אַף וועלכן עס פיטערן זיך 700 שעפסן, און פאַר נאָך 200 ענגלישע אַקער ערד. די גאַנצע רענט פאַר די ערד און פי שטייגט אַף אַזאַ אויפן ניט איבער קיין 24 סו פון יעדער שעפּס. אין לומאַזען קוקט מען אַף די פערמערס, ווי אַף דינסטן, וואָס מע קאָן זיי אָפּזאָגן אין יעדער צייט און וואָס זיינען געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט אַלע קאַפּריזן פון זייערע הערן. מע רעכנט, אַז אַ העלפט אַרענדאַטאָרן זיינען פאַרשולדיקט באַם אייגנטימער, אזוי אַז ער איז אָפט געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיי און פאַרלירן דידאָזיקע כויועס, ווייל אַניט וועט די ערד בלייבן ניט קיין באַאַרבעטע.

פון אַלע פאָרמען פון אַרענדירן ערד איז די ערגסטע די פאָרם פון קליינע פערמעס. דאָסראָוו באַגעגנט מען זיי אין פיקאַרדיע, אָבער דאָס איז

---

*) דאָס איז געווען אַ מאַטבייע, וואָס איז מיט אַ צייט שפּעטער פאַרביטן געוואָרן מיטן פראַנק.

ניט די אַלגעמיינע פאָרם אין די אָפּגעשטאַנענע טיילן פונם קעניגרייך. די צע-טיילונג פון די פערמעס און פון דער באַפעלקערונג איז דאָרט אַזוי גרויס, אַז די דאַכקעס, וואָס נעמט זיך דערפון אין אייניקע ערטער, דערגרייכט די העכסטע שטופע. ווען מע זאָל זיך אַריינכאַפּן אין אַ וועלכער ניט איז שטאָט אין אַ מאַרקטאָג, ווערט מען איבעראַשט פון דעם, ווי דער אוילעם גייט אַרום פוסט-און-פּאַס. מע באַגעגנט גאַנצע גרופּן פויערים. אין לאַנדיוויזיא, אין ברעטאַן, האָב איך באַגעגנט אַ מאַנאַך, וואָס איז דורכגעגאַנגען דריטהאַלבן מייל, קעדיי צו ברענגען אָפּן מאַרק א פּאָר הינדלעך, וועלכע, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, זיינען ניט ווערט קיין 24 סו. אין אַווראַנט האָב איך באַגעגנט מענטשן, וועלכע האָבן געפירט יעדערער צו פיר מאָס יאַם-גראָז אַף אַ פערד. נעבן איזעהיים, אין עלזאַס האָב איך געזעען פרויען אין שניט-צייט, ווען זייער אַרבעט האָט זיך געשאַצט צוגלייך מיט דער אַרבעט פון די מענער, און האָבן נעבן דעם שליאַך געקליבן גראָז פאַר זייערע קי".

(אַרטור יונג. „אַ נעסיע אין פראַנקרייך אין די יאָרן 1787—1790")

5. די קלאַסן אין פראַנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע.

א. דער אדל.

פונם מעמאראנדום פונם פּאַריזער פּאַרלאַמענט קעגן דעם עדיקט וועגן דער וועג-פליכט.

2—4 מאַרט 1776 יאָר.

„די פראַנצויזישע מאנארכיע באשטייט לויט איר אָרדענונג פון עטלעכע פארשיידענע און גאַנץ באזונדערע שטאנדן. דער פערזענלעכער דינסט פון די גייסטלעכע באשטייט אין אויספילן אלע פונקציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אויפקלערונג, אפריכטן טפילעס און פאַרלייכטערן מיט נעדאוועס דעם שיקזאַל פון די פארוואַרלאזטע. דער אַדל באשיצט מיט זיין בלוט די מלוכע און העלפט דעם קייסער מיט אייצעס. דער נידעריקערער קלאַס פון דער נאַציע, וואָס איז ניט בעקוועך צו ברענגען דער מלוכע אזוינע טייערע נוצן, צאָלט איר אויס זיין כויוו אין דער פאָרם פון צינזען, אינדוסטריעלער טעטיקייט און פיזישער אַרבעט.

מיטן באפרייען דעם נידעריקערן קלאַס בירגער פון פראנארבעט[1], וואָס צו דעם איז ער ביז איצט געווען פארפליכטעט, טראָגט דער עדיקט אריבער דידאָזיקע פליכט אַף די צוויי שטאנדן פון דער מלוכע, וועלכע זיינען קיינ-

1) נאטורעלע וועג-פליכט, ד. ה. די פויערים זיינען געווען מעכויעוו צוזאַמען מיט זייערע פורן צו פאַריכטן אומזיסט די שליאַכן.

מאָל דערצו ניט געווען פארפליכטעט. אף אַזאַ אופן איז מער ניטאָ קיין כי-לעק צווישן אייערע אונטערטאנען: דער אדל, דער גאלעך ווערן פארפליכטעט צו מלוכישער פראנארבעט אָדער, וואָס דאָס איז איינס און דאָסזעלבע, זיי ווערן שטייערן-צאלער, וואָס דאַרף פאַרבייטן מיט זיך דידאָזיקע פליכט.

עס האַנדלט זיך דאָ, קייסער, ניט וועגן דעם קאמף פון די רייכע קעגן די אָרימע, ווי מע האָט זיך עס געפּרואווט אייך איבערצייגן [1].

דאָס איז אַ מלוכישע פראַגע, דערצו איינע פון די וויכטיקסטע, ווייל עס האנדלט זיך וועגן דעם, צי אייערע אונטערטאַנען קאָנען און דאַרפן זיין צו-בויפגעמישט אין איין מאַסע,—צי דאַרף מען אויפהערן צו מאכן אן אונטער-שייד צווישן די פאַרשיידענע פארמעגנשטאנדן, ראנגען, טיטולן און בכוירעס. ארויפליייגן אַפן אדל אַ שטייער אף אויסצוקויפן זיך פון דער פאַרשולדיקטער פליכט, ניט געקוקט אַפן געזעץ, אז דער וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן דעם טאליע, דער איז פּאַטער פון פראנארבעט,—איז אַלץ איינס, ווי פארוואנדלען זיי אין אזעלכע, וואָס זיינען פארפליכטעט צו פראנארבעט. און ווי באלד עס ווערט דערלאָזט אזא פרינציפ, וואָלט מען זיי געקאָנט צווינגען, זיי זאָלן פער-זענלעך דינען, ווי נאָר די פראנארבעט וואָלט צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן.

מיר זיינען טיף איבערצייגט, קייסער, אַז מע האָט ניט געוואגט צו דער-לאנגען אייער מאַיעסטעט אזוינע פּראָיעקטן אין זייערע גאַנצער ברייט. אייער גערעכטיקייט, אייער וויזהייט וואָלטן קיינמאָל ניט דערלאזט צו פארווירק-לעכן זיי״.

ב. וואס איז אזוינס דער דריטער שטאנד?

„... 1) וואָס איז אזוינס דער דריטער שטאנד?—אַלץ.

2) וואָס איז ער געווען ביז איצט אינם פּאָליטישן פראט?—גארניט.

3) וואָס וויל ער זיין?—עפּעס.

...וואָס פאדערט זיך פאַר דער עקזיסטענץ און אויפבליאונג פון דער נאַציע? פ ר י ו ו אַ ט ע אַרבעט און ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע טעטיקייט.

אַלע מינים פריוואַטע אַרבעט טיילן זיך איין אין פיר קאַטעגאָריעס:

1) אזוי ווי די ערד און דאָס וואַסער שטעלן צו אַלע עלעמענטאַרע פּראָדוקטן אף צו באפרידיקן די מענטשלעכע באדערפעניש, איז צו דער ער-שטער קאטעגאָריע געהערט די לאנדווירטשאַפטלעכע ארבעט.

2) צווישן דעם באקומען די רויע פּראָדוקטן און דעם געברויכן אדער אנווענדן זיי קומט די אַרבעט פון צורעכטמאכן, די פארשיידנארטיקע באאר-בעטונג, וועלכע איז מויסעף צו זיי אַ מער אדער ווייניקער קאמפליצירטע צוגאב-ווערט. די מענטשלעכע קונסט בעסערט אויס די געשאנקען פון דער נאַטור, פאר'גרעסערט דעם ווערט פונם רוּוואַרג אין צען מאָל און אין הונ-דערט מאָל. דערין באשטייט די ארבעט פון דער צווייטער קאטעגאריע.

---

[1] א רעמעז אף טיורגאס רעפליק, אין וועלכער עס ווערט אגעוו געזאָגט, אז אין דער פראגע וועגן די צינזען-פריווילעגיעס איז „די זאך פון די פריווילעגירטע—אַ זאך פון די רייכע קעגן די ארימעלייט״.

3) צווישן דער פראָדוקציע און דעם געברויך און אויך צווישן די פאַר־שיידענע סטאַדיעס פון דער פראָדוקציע געפינט זיך אַ גרופּע אַגענטן־פאַר־מיטלער, וואָס זיינען נוצלעך סאַי פאַר די פּראָדוצירער און סאַי פאַר די גע־ברויכער. דאָס זיינען די סאַכרים, וואָס באַפרידיקן דעם נאָכפרעג אויף סכוי־רעס, וועלכער אַנטשטייט אין פאַרשיידענע ערטער און אין אַ פאַרשיידענער צייט, ספּעקולירן אויפן רעוועך פון היטן און אריבערפירן די סכוירעס, פאַר־נעמען זיך מיט זייער אָפּזאַץ אין הורט און לאַאַכאַדים. דאָס איז דער דריטער מין נוצלעכע טעטיקייט.

4) כוץ די אויסגערעכנטע דריי קאַטעגאָריעס אַרבעטנדיקע און נוצלעכע בירגער, וואָס זיינען פאַרנומען מיט צוגרייטן די זאַכן פון געברויך און באַנוץ, עקזיסטירן נאָך אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַסאַך אַנדערע מינים אַרבעט, וואָס זיינען אומדירעקט נוצלעך און אַנגענעם. דידאָזיקע קאַטעגאָריע נעמט אַרום די געלערנטע און פרייע פּראָפעסיעס, אָנהויבנדיק פון די סאַמע בעקאַוועדיקע און ענדיקנדיק מיט די הויז־דינסטן.

דאָס זיינען די פיר קאַטעגאָריעס פּריוואַטע אַרבעט, וואָס אויף זיי האַלט זיך די געזעלשאַפט. ווער שטעלט זיי צו? דער דריטער שטאַנד...

הייסט עס, וואָס איז אַזוינס דער דריטער שטאַנד? די גאַנצע נאַציע, אָבער אַ נאַציע אין קייטן און אונטערן דרוק. וואָס וואָלט זי געווען אָן די פּריווילעגירטע? אַ גאַנצע נאַציע, נאָר אַ פרייע און בליענדיקע נאַציע. עס איז ניטאָ קיין מלוכע־לעבן אָן דעם דריטן שטאַנד, און אַלץ וואָלט געווען אַסאַך בעסער אָן די איבעריקע שטאַנדן. עס איז ניט גענוג צו באַווייזן, אַז ניט נאָר ברענגען ניט די פּריווילעגירטע קיין נוצן דעם פאָלק, נאָר זיי שוואַכן אים אָפּ און ברענגען אים שאָדן. עס איז נויטיק צו דערווייזן, אַז די אַריסטאָקראַטיע גייט כּלל ניט אַריין אינעם באַשטאַנד פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע און אַז זי קאָן בלויז זיין אַ לאַסט פאַר דער נאַציע.

קוידעמקאָל לאָמיר באַמערקן, אַז מע קאָן ניט געפינען קיין אָרט פאַר דער קאַסטע אַריסטאָקראַטיע צווישן די באַשטאַנדטיילן פון דער נאַציע. פאַר־שטייט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן אויך איינצלנע מענטשן, וואָס קראַנקהייט, אויסערגעוויינלעכע באַגרענעצטקייט, אומאויסהיילבאַרע פוילקייט און שלעכטע טעווע מאַכט זיי אומפעאיק צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אויסנאַמען און מיס־ברויכונגען זיינען שטענדיק מעגלעך, באַזונדערס אין אַ גרויסער מלוכע. אָבער יעדערער וועט מאַסקים זיין, אַז וואָס ווייניקער עס זיינען אַזעלכע מיסברוי־כונגען, אַלץ בעסער איז איינגעאָרדנט די מלוכע. צום ערגסטן איינגעאָרדנטן דאַרף מען רעכענען יענע לאַנד, וואו ניט בלויז איינצלנע פּערזאָנען, נאָר אויך אַ גאַנצער קלאַס בירגער זעען זייער גרויסקייט דערין, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן אומטעטיק צווישן דער אַלגעמיינער באַוועגונג און זאָלן באַקומען אַ בעסערן כיילעק פון דער געדערעטעניש, ניט העלפנדיק מיט קיין זאַך איר אויסוואַקסן. די פּאַראַזיטישקייט פון אָט דעם קלאַס פון דער געזעלשאַפט מאַכט אים פרעמד

צו דער איבעריקער נאַציע. דער אַריסטאָקראַטישער שטאַנד איז אונז ניט וויניקער פרעמד מיט זיינע בירגערלעכע און געזעלשאַפטלעכע פּריווילעגיעס״...

(פון דער בראָשור פונם אַבאַט סיעס: „וואָס איז אַזוינס דער דריטער שטאַנד?״ 1789 יאָר).

ג. די טאַינעס פון די פּויערים.

„מיר פאַרלאַנגען זייער, אַז פון די פיל שטייערן, וואָס דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן, זאָלן קוידעמקאָל באָטל ווערן יענע, וואָס פאַלן אַף אַזעלכע זאַכן, וואָס אַלע גלייך דאַרפן זיי האָבן, אָרימע אַזוי ווי רייכע, לעמאָשל, דער שטייער אַף זאַלץ. עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ שטייער, וואָס זאָל זיין פאַנאַנדערגעטיילט אַף אַזוי פיל שלעכט, אומגעלומפּערט און אומגערעכט. אַפּאָנים, די, וואָס האָבן אים צוגעטראַכט, האָבן געהאַט אין זינען אַזעלכע סוואָרעס: מע דאַרף געפינען אַ מיטל צו צווינגען די אָרימע לייט, זיי זאָלן צאָלן אַף צו דעקן די הויצאָעס פון דער מלוכע פונקט אַזוי פיל, וויפל עס צאָלן די רייכע; אַזוי אָבער ווי מיר קענען אַף זיי ניט אַרויפלייגן קיין טאַיאַזש, מיט קיין הויסאָפעס צו דעם, ניט קיין פאַרנאָסע-שטייער, קיין נאַטוראַלע היסכאַיוועס, קיין קאָפּ-שטייער, קיין פינף-פּראָצענטיקן אָפּצאָל, וואָרום זיי וואָלטן דידאָזיקע שטייערן סאַי ווי ניט געצאָלט, און אויפמאָנען עס פון זיי קען מען ניט, איז דאַרף מען איינשטעלן אַ הויכן אָפּצאָל אַף זאַלץ: אָן זאַלץ קענען זיי דאָך ניט אויסקומען פונקט אַזוי ווי די רייכע, דעריבער וועלן זייערע הויצאָעס אַף קויפן זאַלץ אין אַ געוויסער מאָס מעמאַלע זיין פאַר די שטייערן, וואָס מיר קענען אַף זיי ניט אַרויפלייגן; אָט אַזוי אומענטשלעך האָבן געמוזט טראַכטן די פיסקאַלן, וואָס האָבן צוגעטראַכט דעמדאָזיקן הימלשרייענדיקן שטייער.

אינדערמעסן, אַף זיך פילן מיר די ריכטיקייט פון דעם, וואָס מיר האָבן ערשט געזאָגט וועגן דעם געברויך פון דערדאָזיקער סכוירע.

איינע זייער אָרימע געזינד, וואָס וואוינט בא אונז אין דאָרף, באַשטייט פון אַ מאַן מיט אַ ווייב, אַן אַכצן יאָריק מיידל און אַ אינגל פון אַ יאָר צען-צוועלף, פאַרניצן זיי 78 פונט זאַלץ אַ יאָר.

נאָך אַ געזינד, פונקט אַזאַ אָרימע, באַשטייט פון דריי נעפאָשעס, דעריבער צוויי דרעשערס, פאַרניצן זיי לעפּאָכעס 60 פונט אַ יאָר, אין דער צייט וואָס אין אַ בורזשואַזער געזינד, אויך פון דריי נעפאָשעס, פאַרניצט מען, ווי מיר וויסן, ניט מער פון 25 פונט אַ יאָר. הייסט עס, אונזער טאַינע, אַז דערדאָזיקער שטייער איז פאַנאַנדערגעטיילט ניט אַלפּי יושער, האָט אַ יעסאָד...

מיר פאָדערן עס זאָ־ן אָפּגעשאַפט ווערן די קיניגלעכע געיעגן... וואָרום זיי זיינען זייער שעדלעך פאַר דער מעדינע מאַכמעס דעם גוואַלטיקן העזיק, וואָס זיי טוען אָן דער לאַנדווירטשאַפט... עס איז פאַר אונז קיין סאָד ניט, אַז מאַכמעס דעם הייַנטיקן לוקסוס פון די גווירים און דער גרויסער צאָל מאַנו-

פאַקטורעס, וואָס מע האָט געגרינדעט אין דער אומגעגנט פון פּאַריז, ווערט פאַרנוצט אַ מאַסע האָלץ, און דאָס איז גוירעס, ס'זאָל ווערן ווינציקער וואַלד; אָבער די ווילדפרעט. וואָס פרוכפּערט זיך אין די גרעניצן פון די קיניגלעכע געיעגן, פאַרניכט נאָך מער וואַלד, וואָרום זי לאָזט אים גאָרניט וואַקסן; קוים באַווייזן זיך יונגע שפּראָצן, אַזוי פרעסט זיי די ווילדפרעט גלייך אויף...

היינט וויפל געזינדן אין די דערפער זיינען דערגאַנגען ביזן לעצטן שטאַפּל פון דאַלעס, מאַכמעס די שטראָפן, וואָס מע מאָנט אויף, אָן טאַינעס און מאַינעס, פון די אומגליקלעכע קאָרבאָנעס פון דערדאָזיקער מאַגייפע (ווילדגנייווע), און אָפּט אַפילע פון אומשולדיקע, וואָס צאָלן אַמאָל אַפילע מיטן לעבן פאַר אַ קליינעם כעט, וואָס זיי באַגייען מאַכמעס אומפאָרזיכט אָדער מאַכמעס זיי ווייסן ניט די געזעצן וועגן די קיניגלעכע געיעגן.

אין סאַגלי וועט מען קיינמאָל ניט פאַרגעסן וועגן דער רעציכע פון אַן אומגליקלעכער פרוי, וואָס דער פאַרהאַסטער אויפזעער איבערן געיעג דעליאָן האָט דערשאָסן בעשאַס זי האָט געקליבן פּאָזימקעס, און וועגן דער רעציכע פון דעם אומגליקלעכן באָכער קואַ, וואָס איז פּונקט אַף אַזאַ אויפן דערהאַרגעט געוואָרן דורכן אויפזעער איבערן געיעג אָרסע פאַר צוויי יאָרן, בעשאַס ער האָט געקליבן טרוקענע צווייגן אין וואלד אַרום שאַנטילי. מע וואָלט געקענט דערמאָנען נאָך וועגן אַנדערע אַזעלכע טראַגישע פאַקטן; אָבער צי קען מען גאָר גלויבן, אַז די, וואָס זיינען באַגאַנגען אַזעלכע הימלשרייענדיקע אוולעס, האָט מען נאָר אַריבערגעפירט אין אַנדערע ערטער און מע האָט זיי נאָך געגעבן העכערע שטעלעס.

מיר פאָדערן, אַז איטלעכער זאָל האָבן דאָס אַזוי נאַטירלעכע רעכט צו פאַרטיליקן אַף זיינע ערד די ווילדפרעט, וואָס פאַרניכט די גערעטעניש, ניט פאַרמעסטנדיק זיך אַפן רעכט, וואָס געהערט די סעניאָרן, ווי זיי באַהויפּטן, צו טרייבן געיעג איבער דער גאַנצער לענג פון זייערע לענס, זיי זאָלן נאָר קיינעם ניט אָנטאָן קיין שאָדן, האַגאָם מיר ווייסן אפילע זייער גוט, אַז דאָס-דאָזיקע רעכט איז ניט מער ווי אַן אוזורפּאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, בעשאַס דער אנטוואָפענונג פון די פּויערים.

אָבער פאַרוואָס זיינען מיר, פּויערים, ניט האָבנדיק קיין מיטלען אַף צו האַלטן טויבנשלאַקן, מעכויעוו צו ליפערן שפּייז פאַר די טויבן, וואָס געהערן די סעניאָרן און גרויסע ערד-אייגנטימער. ניט שוין זשע דערפאַר, וואָס מיר קענען זיין אַף אַזוי פיל אומגליקלעך, אַז דער ווינט זאָל צעלייגן דאָס ביסל טוואַוע, וואָס וואַקסט אַף אונזערע פעלדער, דאַרפן מיר נאָך, צום שלימאַזל, דערלאָזן, אַז אָט די באַשעפענישן, וואָס פאַלן אָן זשעדנע אַף דידאָזיקע טוואַוע, קעדיי צו פאַרניכטן עס, זאָלן אונז שוין גאָר בעדאַלעס שטעלן?

פּונקט אַזאַ מאַראָכע הענגט אויך איבער די גריקע און אַנדערע טוואַועס, וואָס אונז קומט אויס אָפּצוהיטן זיי אַ מעשעך פון דריי וואָכן קעסיידער

קעדיי צו פארמיידן די פארוויסטעניש, וואָס די טויבן מאכן אָן, אזוי אז מיר זיינען געצוואונגען צו שפייזן ניט נאָר דעם סעניאָרס קראָליקעס, זיינע האָזן, פאזאנעס, קוראָפּאטקעס, אינדן, הירשן, ווילדע כאזיירים, נאר אויך אלע זיינע טויבן, און, עפשער, אויך אלע זיינע הויז-באלעבאטים, ווען ס׳זאָל זיך אים נאָר פארגלוסטן.

און קומט אונז דען ניט אויס אכוץ דאָס אלץ נאָך צו צאלן רענטע די ערדאייגנטימער און איינצאלן א מאסע שטייערן, וואס שטעלן אונז בעדאלעס, און וואס האבן גאר געדארפט פאלן אף זיי.

און ווי ס׳זאל ניט זיין אומגלויבלעך, טרעפן זיך דאך אזעלכע סעניארן, וואָס שעמען זיך ניט צו זאגן, ווען עמיצער קלאגט זיך דערויף: אַז דו וועסט בעדאלעס ווערן, וועל איך דיר געבן ברויט. גאטעניו גערעכטיקער, ניט שוין זיינען פראנצויזן באשאפן געווארן, קעדיי צו ווערן א נאציע פון קאבצאנים, וואס לעבן פון קיצווע, וואס זיי קריגן פון עטלעכע גווירים?

מיר רעכענען, אז עס וואלט געווען גאר צוועקמעסיק איינצוצאמען די זשעדנעקייט פון די רייכע ערדאייגנטימער, וואס דאס ראָוו שטרעבן זיי נאר צו פארברייטערן זייערע נאכלאָעס אפן כעשבן פון דעם ארימאנס האב און גוטס. פונקט אזוי ווי אין 1749 יאר האט מען די לייט, וואס זייער אייגנטום קען ניט אריבערגיין אין אנדערע הענט, פארווערט, און מיט רעכט, צו פארברייטערן זייערע מאיאנטקעס, פונקט אזוי אויך איצטער קען, דאכט זיך, קיין זאך ניט שטערן איינצושטעלן א געוויסע גרויס, וואס די מאיאנטקעס טארן ניט אריבערשטייגן, דערביי דארפן די נאַכלאעס פון די סעניאָרן באטרעפן ניט מער פון אַ פערטכיילעך צי א פינפטכיילעך פון די גאַנצע ערד אין דער פאראפיע, און יעדער אַנדער יאָכיד טאָר ניט פאַרמאָגן מער פון אַ זעקסטל צי אַ זיבעטל.

ווען מע לייענט די דאָקומענטן, וואָס זיינען שאַיעך צו די גרויסע נאַכלאָעס, ווייזט זיך אַרויס, אז דאָס ראָוו האָבן זיי זיך אויסגעבילדעט פון קליינע ערד-כאַלאָקים, וואָס מע האָט פאַרכאַפּט מיט קאָלערליי מיטלען.

אַ פויער, וואָס געפינט זיך אין אַ געדריקטער לאַגע, פאַרנאַרט מען דערמיט, וואָס מע לייגט אים פאָר מעזומען געלט, מע דערוועקט אין אים אַ דאָרשט נאָך דעם און, אָן אַ פונק מענטשלעכקייט, גיט מען אים האַלוואָעס אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער פאַרלירט יעדע מעגלעכקייט אומצוקערן די געבאָרגטע געלט; דערנאָכדעם פאַרקויפט מען זיין האָב און גוטס פאַר אַ גראָשן לעטויווס דעם מאַלווע, מע טשעפּעט זיך צו אים מיט אַ מאַסע קליינלעכקייטן, מע שרעקט אים אָן מיט אַ פּראָצעס, וואָס וועט אים בעדאַלעס שטעלן, און אף אַזא אויפן צווינגט מען אים מאַקריוו צו זיין זיין קליין אייגנס, וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ציען כעיונע פאַר זיין הויזגעזינד.

די זשעדנעקייט פון די רייכע שטויסט זיי אויסצוגעפינען קאַלערליי מיט-לען ווי אַזוי צו פאַרברייטערן זייערע מאַיאָנטקעס, און דערינען ליגט איינע פון די הויפּטסיבעס פון דער אָרימקייט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג...

מיר דערקלערן, אז עס וואָלט געווען, ניט געקוקט אף דער מיינונג פון די היינטיקע אַגראָנאָמען, העכסט נוצלעך אייגצופירן, אף ווי ווייט עס איז מעגלעך, אין איטלעכן דאָרף קאָהאָלשע פאַשע-פעלדער, און אויך צווינגען די לייט, וואָס האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק צוגענומען אומגעזעצלעך דידאָזיקע פאַשע-פעלדער און די פעלדער, וואָס האָבן געפּוסטעוועט, אומצוקערן זיי צוריק און אויפשטעלן ווי געווען די דאָרף-וועגן.

אָט די ערדן און די וועגן, וואָס געוויסע סעניאָרן און סטאַם מענטשן האָבן געכאַפּט און געמאַכט דערפון לאָנקעס, זיינען געווען פאַשע-פעלדער פאַר קי, און דאָס, וואָס די פּויערים קומט אויס צו באַגיין זיך אָן זיי, איז איינע פון די סיבעס פון דער געענגטער לאַגע פון דער נויטבאַדערפטיקער דאָרפישער באַפעלקערונג. נאָר אלץ האָט זיך דאָך געטאָן צוליב די רייכע און קיין זאַך איז ניט געטאָן געוואָרן לטובת די אָרימע".

(פון דעם אנזאָג פון די פּאָסער פּויערים).

ד. פון די טאַקאָנעס פון געזעלן-פאַריין (צווייטע העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט).

אינם נאָמען פונם פאָטער און זון און דעם הייליקן גייסט, אָמיין. יעזוס, מאַריע, יאָסיף, יאָאַכים, אַנאַ.

מיר, אַלע געזעלן-סטאָליאַרעס, האָבנדיק זיך פאַרזאַמלט באַם פאָטער אין הויז, קעדיי אונטערצושטיצן די גוטע מידעס, וואָס זיינען אונז געבליבן בעצאַוואָע פון אונזערע עלטערן, סאַי לעטויוועס די באַלעבאַטים און סאַי לעטויוועס די געזעלן, האָבן באַשטימט, ווי אונטן פאָלגט:

אַרט. 1. אויב אין שטאָט וועט קומען אַ וועלכער ניט איז געזעלן, וואָס וויל אַרבעטן, און וועט זיך וועגדן אינם ערשטן וואַרשטאַט, וואו עס אַרבעט עמי-צער פון די געזעלן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין דערדאָזיקער רעשימע, דאַרף איינער פון זיי אים צופירן צו דעם, וואָס היט די רעשימע, און דער היטער פון דער רעשימע דאַרף אים צופירן צום עלטסטן אף אַ פאַר-פאַרהער. די, וואָס זיינען דאָס ניט מעקאַיעם, באַצאָלן צען סו שטראָף-געלט.

אַרט. 2. אויב אין שטאָט וועט קומען אַ וואָסער ניט איז געזעלן, וואָס וויל אַרבעטן, און דער היטער פון דער רעשימע וועט פאַר אים ניט געפינען קיין שום אַרבעט, דאַרף דער לעצטער אים צופירן צום עלטסטן און צו פיר עלטערע געזעלן, וועלכע זיינען פאַרשריבן אין דערדאָזיקער רעשימע, צו געזע-געגען זיך מיט זיי. אינם פאַל, אויב ער וועט קיין געלט ניט האָבן, נעמט דער

עלטסטער און די פיר עלטערע געזעלן און גיבן אים די געהעריקע מיטלען, קעדיי אים איבערשיקן אין דער נאָענטסטער שטאָט, און דער היטער פון דער רעשימע איז מעכויעוו אים אָפּצופירן אַף זיין כעשבן. נאָכדעם גיט ער איבער די רעשימע אַ צווייטן כאַווער. די, וואָס זיינען דאָס ניט מעקאַיעם, באַצאָלן צען סו שטראָף-געלט.

אַרט. 8. די געזעלן זיינען מעכויעוו צו באַשטעלן אין די טעג פון דער הייליקער אַנע און פון אונזער פּאַטראָן הייליקע מעסעס מיט גרויס פייערלעכ-קייט, ווי דער מינהעג איז, און אויך אין די פיר יערלעכע יאָנטויווים און אינם יאָנטעוו פון גאָטס מוטער און אין די ערשטע זונטיקן פון יעדן כוידעש דאַרפן זיי באַשטעלן מעסעס אָן געזאַנג און צעטיילן דאָס געהייליקטע ברויט. פאַר איוועער זיין דאָס באַצאָלט מען קנאַס צען סו.

אַרט. 9. דער היטער פון דער רעשימע איז מעכויעוו מאַסרע צו זיין אַלע געזעלן, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין דערדאָזיקער רעשימע, און פאַרלייגן זיי צו באזוכן די אויבן-אָנגעוויזענע טפילעס, — אין קעגנפאַל באַצאָלן זיי צען סו קנאַס-געלט.

אַרט. 10. אויב דער געזעלן, וואָס מע האָט אים וועגן דעם מאַסרע גע-ווען, וועט ניט קומען צו דער טפילע אָן אַן ערנסטער סיבע, באַצאָלט ער פינף סו קנאַס.

אַרט. 12. אויב עמיצער פון די געזעלן נויטיקט זיך אין וואָס עס איז אָדער ווערט קראַנק און איז געצוואונגען צו לייגן זיך אין שפיטאָל, זיינען די איבעריקע געזעלן מעכויעוו צו מעוואַקערכוילע זיין לויט דער ריי און ברענגען פאַר פינף סו עפּעס אזוינס, וואָס אים וועט זיך פאַרגלוסטן. די, וואָס זיינען דאָס ניט מעקאַיעם, באַצאָלן צען סו קנאַס.

אַרט. 13. אויב גאָט וועט רופן עמיצן פון די געזעלן פון דער וועלט אַף יענער, בעסערער וועלט, זיינען די כאַווירים מעכויעוו אים מעקאַבער צו זיין און זיין באַ דער לעוואַיע, באַשטעלן אַ האַזקאָרע און אויך שרייבן וועגן דעם אין אַנדערע שטעט, קעדיי מע זאָל דאָרט מיספּאַלעל זיין פאַר אים. די, וואָס האָבן דאָס ניט מעקאַיעם געווען, באַצאָלן צען סו קנאַס.

אַרט. 15. אויב צו עמיצן פון די געזעלן וועט אַריינפאַלן עפּעס אַ בריוו אָדער עפּעס אַנדערעס, וואָס איז נויגייע די איניאָנים פון די געזעלן, איז ער מעכויעוו דאָס איבערצוגעבן דעם עלטסטן און די פיר עלטערע געזעלן, — אין קעגנפאַל באַצאָלט ער צען סו קנאַס.

אַרט. 16. אויב עמיצער פון די געזעלן וועט מאַכן אַ געשלעג באַם פאַ-טער אָדער באַם באַלעבאָס, אָדער וועט אַרויסרופן אַף אַ געשלעג, אָדער אויב עמיצער וועט זיך אנטרינקען אזוי פיל ביז עס וועט גיין צוריק, אדער אויב עמיצער וועט זיך שווערן אינם נאָמען פון גאָט אין דער אָנוועזנהייט פון די כאַווירים, יענער באַצאָלט פאַר יעדן פון אָט די פאַלן צען סו.

אַרט. 17. אויב עמיצער וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַן אונטערכאַנפענער, וואָס עס ברענגט אָפּט שאָדן די געזעלן, איז יענער, וואָס וועט זיך אין דעם איבערצייגן, מעכויעוו צו לאָזן וויסן דעם עלטסטן און די פיר געזעלן,

וואָס זיינען פאַרצייכנט אין דערדאָזיקער רעשימע. אין קעגנפאַל צאָלט ער צען סו קנאַס.

אַרט. 19. ווער פון די געזעלן עס וועט אַוועקגיין, גאַרניט זאָגנדיק די כאַוויירים, אָדער ער וועט, ווי אַ רענעגאַט, אַרויסגיין פונם אַרטעל און וועט ווידעראַמאָל זיך אומקערן, דאַרף באַצאָלן צוויי און דרייסיק סו קנאַס.

אַרט. 20. ווער פון די געזעלן עס וועט איבערגעבן דעם באַלעבאָס, אָדער וועמען עס זאָל ניט זיין, וועגן די איניאָנים פון די געזעלן, וועט ער זיין מעכויעוו צו באַצאָלן קנאַס לויט דעם איינזעען פון די כאַוויירים, און וועט אויסגעשלאָסן ווערן פונם אַרטעל ביז אַ נייער באשטימונג.

אַרט. 21. ווער פון די געזעלן עס וועט אריבערגיין צו אַ נייעם באַלע-באָס איידער ער וועט זיך אויסרעכענען מיטן אַלטן, באַצאָלט צען סו קנאַס.

אַרט. 22. ווער פון די געזעלן עס וועט אריבערגיין צו א נייעם באַלע-באָס אָדער אין אַ נייעם וואַרשטאַט אָן דער האַסקאָמע פונם רעשימע-היטער, באַצאָלט צען סו קנאַס.

אַרט. 26. אויב עמיצער פון די געזעלן וועט וועלן אוועקגיין, זאָל ער לאָזן וויסן וועגן דעם דעם רעשימע-היטער, וועלכער איז מעכויעוו צוזיפצו-קלייבן זיין זאַק, נאָכפרעגן זיך באם באַלעבאָס, צי איז ער מיט אים צופרידן, דערנאָך ברענגען אים צום פאָטער און לאָזן וויסן פאָרויס דעם עלטסטן, קעדיי דער, וואָס גייט אוועק, זאָל זיך געזעגענען מיט אים און מיט אַלע כאַוויי-רים. די, וואָס האָבן דאָס ניט מעקאַיעם געווען, באַצאָלן צען סו קנאַס.

אַרט. 27. ווער עס וועט זיך וועלן באטייליקן אין דער באגלייטונג פון די כאַוויירים, וואָס גייען אוועק, צאָלן איין זייער כיילעק, אכוץ דעם, וואָס עס ווערט באַצאָלט פון דער ארטעל-קאַסע.

אַרט. 32. דעם ערשטן טאָסט באַ דער באגלייטונג האַלט מען פאַרן געזונט פון די אוועקגייענדיקע כאַוויירים, ניט פארגעסנדיק יענע, וואָס ארבעטן אין שטאָט, און דער אוועקגייענדיקער האַלט אַ טאָסט פארן געזונט פון די כאַוויירים, וואָס אַרבעטן אין שטאָט, ניט פארגעסנדיק יענע, וואָס גייען אַוועק.

אַרט. 33. דער צווייטער טאָסט ווערט געהאַלטן פאַרן געזונט פון די געזעלן פון יענעם אָרט, וואוהין עס לאָזן זיך די אוועקגייענדיקע, ניט פאַר-געסנדיק די כאַוויירים פונם אָרט, פון וואַנען זיי גייען אוועק,—און דער, וואָס גייט אוועק, האַלט א טאָסט פארן געזונט פון די כאַוויירים פון דעם אָרט, פון וואַנען ער גייט אוועק, ניט פאַרגעסנדיק יענע, וואוהין ער גייט.

אַרט. 34. דעם דריטן טאָסט וועלן אויסטרינקען דער עלטסטער און דער כאַוועד, וואָס גייט אוועק, ארויסרוקנדיק פאָרויס דעם רעכטן פוס און ארויפ-לייגנדיק איינער דעם אַנדערן די רעכטע האַנט ווי אַ קרייץ. זיי זאָלן זאָגן אַ טאָסט פאַר אונזער געזונט: „פאַר אונזער אַלעמענס געזונט, פאַר אונזער געזונט, מיינע לאנדסלייט!" און יעדער כאַוועד באַזונדער זאָל זאָגן דאָס-זעלביקע.

אַרט. 35. ווען די טאָסטן וועלן זיך ענדיקן, וועט דער דעזשורנער נע-מען דעם, וואָס גייט אַוועק, און וועט אים אוועקשטעלן פאַרן עלטסטן. דער,

וואָס גייט אוועק, וועט זאָגן: „לאַנדסמאַן, וואָס ווינשט איר די כאַוויירים פון דעם אָרט, וואוהין איך גיי?" דער עלטסטער וועט זאָגן: „א גרוס דעם פאַטערל און מוטערל און די כאַוויירים סאַי דאָ, און סאַי דאָרט". און דער דעזשורנער וועט צוזאַמען מיט דעם, וואָס גייט אוועק, ארומגיין דעם קרייז פון אלע כאַוויירים און אלע וועלן זאָגן דאָסזעלביקע.

אַרט. 36. ווען מע וועט דאָס ענדיקן, וועט דער עלטסטער ארויסגיין פונם קרייז צוזאַמען מיט דעם, וואָס גייט אוועק. דער עלטסטער וועט אים ווייזן אַ שטעקן און וועט פרעגן: „לאַנדסמאַן, ווי אזוי דערקענט איר אייער שטעקן?" דער אוועקגייענדיקער וועט זאָגן: „איך דערקען אים מיט דער ריע און ליכט, וואָס גאָט האט מיר געגעבן,—דאָס הענטל געהער דעם קעניג, דער שנור איז מיינער, און דער עק איז פאַר שווינדלער און געמיינע לייט". דער עלטסטער און דער אוועקגייענדיקער וועלן אוועקשטעלן די שפיצן פונם רעכטן פוס איינער קעגן דעם אנדערן, און דער עלטסטער וועט נעמען דעם שטעקן פארן הענטל און וועט אים אויסציען פון דער זייט פון שטאָט, און דער אוועקגייענדיקער וועט אים נעמען און וועט דורכלאָזן אונטערן פוס פון דער זייט, וואוהין ער גייט, און דער עלטסטער וועט אים צונעמען און דורכלאָזן אונטערן פוס פון דער זייט, פון וואנען דער אוועקגייענדיקער גייט אוועק.

אַרט. 37. ווייזנדיק אים דעם זאַק, וועט דער עלטסטער פרעגן: „לאַנדס-מאַן, ווי אזוי דערקענט איר אייער זאַק?" און דער אוועקגייענדיקער וועט זאָגן: „איך דערקען אים מיט דער ריע און ליכט, וואָס גאָט האט מיר גע-געבן,—לויט דערברייט פון מיינע אקסלען,—ער איז אין די הענט פון גוטע כאַוויירים, זיי וועלן זיך מיט אים באגיין, ווי זיי ווילן". אָפּזאָגנדיק דידאזיקע ווערטער, וועט דער אוועקגייענדיקער זיך שטעלן אפן לינקן קני און דער עלטסטער וועט אים זאָגן: „מיט וועלכער האנט נעמט איר צו אייער זאַק, לאַנדסמאַן?" דער אוועקגייענדיקער וועט זאָגן: „מיט דער רעכטער האנט, קעדיי איבערצוגעבן אים דער לינקער האנט, וואָס איז נעענטער צום הארצן".

אַרט. 38. ווען דאָס וועט זיך ענדיקן, וועלן דער עלטסטער און דער אוועקגייענדיקער ארויסטרעטן אף פיר טריט פאָרויס, און דער עלטסטער וועט זאָגן דעם אוועקגייענדיקן, אומקערנדיק זיך צו דער שטאָט: „אָט איז א שיי-נע שטאָט מיט אן אַנגענעם אויסזעען. וועגן וואָס באַדויערט איר, לאַנדסמאַן, בעשאָס איר פאַרלאָזט זי?" און דער אוועקגייענדיקער וועט ענטפערן: „איך באדויער וועגן די גוטע כאַוויירים, וועגן דעם פאָטערל און מוטערל און וועגן דעם גוטן ווייַן פון דערדאָזיקער שטאָט". און דער עלטסטער וועט זאָגן אַפן קאָל: „לאַנדסלייט, זייט וויסן, אז דערדאזיקער כאַווער באדויערט וועגן די גוטע כאַוויירים, וועגן דעם פאָטערל און מוטערל און וועגן דעם גוטן ווייַן פון דערדאָזיקער שטאָט". דעמאָלט וועלן אלע כאַוויירים אויסשרייען: „מע דאַרף אים געבן אויסטרינקען דעמדאָזיקן גוטן ווייַן!"

6. פרייהייט פון געוויסן.

(פ. מ. א. וואָלטער)

„דער אויפזועער איבער דער נעדאָוועס-טיילונג, אינם לאַנד פונם דייטשישן פּרינץ, וועלכער איז געוועזן פון רוימיש-קאַטוילישער עמונע, האָט געדראָט דעם אנאבאַפּטיסט 1) ארויסצוטרייבן אים פונם לאנד פונם פּרינץ. ער האָט געזאָגט: אזוי ווי אין דער גאַנצער אימפּעריע זיינען פאַראַן דריי עמונעס, איז דעריבער ער, דער אנאבאפּטיסט, ניט ווערט צו לעבן אף דער ערד פון זיין ליכטיקייט, און אַזוי ווי דערדאָזיקער שמועס האָט צעהיצט דעם מאָנאַך, האָט ער געדראָט דעם אנאבאַפּטיסט מיט דער טליע.

— גאָט מיינער, אויב אזוי וועט נאָך ערגער זיין פאַר זיין ליכטיקייט, האָט געענטפערט דער אנאבאפּטיסט. איך האַלט דאָ אויס אָנגעזעענע פאַבריקן, האָב בא זיך ביז 200 ארבעטער און שטעל צו מיט מיינע געשעפטן דעם אָרטיקן פּרינץ 200.000 טאַלער (1 1/2 רובל) יערלעכע האַכנאָסע, און אויב איך וועל זיך מיט מיין גאַנצער פאַמיליע איבערקלייבן אין אנדער לאנד, וועט אונזער פּרינץ אסאך פאַרלירן.

— ווי איז אָבער, אז זיין ליכטיקייט וועט הייסן אויפהענגען אלע דיינע 200 אַרבעטער, דערצו נאָך דיך אליין מיט דיין גאַנצער מישפּאָכע, האָט געזאָגט דער נעדאָוועס-אויפזועער, און דיינע פאַבריקן וועט ער אָפּגעבן אנדערע גוטע קאטאָליקן אף אויסצוהאַלטן?

— דאָס קאָן ניט זיין, האָט געזאָגט דער אלטער אנאבאפּטיסט, ווייל פאַבריקן ווערן ניט אָפּגעגעבן אזוי ווי אַלע אנדערע פארמעגנס: עס איז אומעגלעך צו געבן אזוינעם, וואָס קאָן ניט קיין קונסט-אַרבעט און האַנט-אַרבעט.

זיין ליכטיקייט וואָלט קנאַפּ וואָס געוואונען דערפון, ווען איך וואָלט אפילע אריבער אין קאַטאליציזם, פאַר אים איז אסאך נוצלעכער, אז איך זאָל זיינע אונטערטאַנען געבן מיטלען אף צו פאַרדינען און איך זאָל מיט מיין מי פאַרמערן זיינע האַכנאָסעס. איך באַמי זיך צו זיין אן ערלעכער מענטש. ווען איך וואָלט כאָלילע ניט געווען אַזאַ, וואָלט מיך מיין פאַרנאָסע געבראַכט דערצו. אין האַנדלס-פאַרקער איז (ניט אזוי ווי אינם הויפישן לעבן) אָן ערלעכקייט ניטאָ קיין שום ערפאָלג. וואָס אַרט דאָס דיך, באַ וואָס פאַר עמונע איך האַלט זיך? ווען דו וואָלסט מיט דיינע גוטע פּרינציפּן געהאַט א גרויסע מאכט און א מעמשאָלע, וואָלסטו בליסאָפעק דורכגעגאַנגען די גאַנצע וועלט פון איין עק ביזן צווייטן און דו וואָלסט צוליב דיין פאַרגעניגן געהייסן אויסהעגגען אַלע גריכן, וועלכע אנערקענען ניט, אז דער הייליקער גייסט שטאַמט פונם פאָטער און זון, אלע ענגלענדער, אלע האָלענדער, דענער, שוועדן, פּרייסן, האַנאָווער,

*) די אנאבאפּטיסטן האָבן געשאפן א רעליגיעזע סעקטע (איבערטויפער) אין 16-טן יאָרהונדערט אין דייטשלאנד, שווייץ. זיי האָבן געגלויבט אינם „רואך האקוידעש", אינם גיכן אָנקומען פון קריסטוסעס טויזנטיאָריקער מעמשאָלע אף דער ערד. דעם נאָמען איבערטויפער האָבן באקומען די קומענדיקע דוירעס דערפאר, ווייל זיי האָבן געפאָדערט צו טויפן זיך א צווייטן מאָל בעשאַס זייער באוואוסטזיניקן עלטער, מאכמעס זיי האָבן אנערקענט, אז א קינד קאָן ניט מאַסיג זיין די גרויסע סוידעס פונם טויפן.

זאַקסענער, העסענער, בערנער, וועלכע האַלטן ניט דעם פּויבסט פאַר א מענטשן, וואָס איז ריין פון זינד, אלע מאכמעדאַנער, וועלכע גלויבן נאָר אינם איינציקן גאָט און האַלטן ניט פון גאָטס זון, אלע אינדיער, וואָס זייער עמונע איז על-טער פון דער אידישער, און אלע ווייזע כינעזער, וואָס דינען אין מעשעך פון 5.000 יאָר דעם איין איינציקן גאָט און זייגען פריי סאַי פון ווילדקייטן און סאַי פון אַבערגלויבנס. אָט וואָס דו וואָלסט אויפגעטאָן, ווען דו וואָלסט גע-ווען אליין א מוישעל.

— פאַרשטייט זיך, אז אַזוי, האָט געענטפערט דער מאָנאַך, איך ברען דאָך מיט א פייער פון קינע און האַסמאָדע צו גאָטס הויז.

— אָ, וואונדערבאַרער אבערגלויבן אדער, בעסער געזאָגט, געהענעמשע רישעס, האָט אויסגעשריען דער גוטער אנאבאַפּטיסט, וואָס איז דאָם פאַר אן עמונע, וואָס וואָלט זיך געקאָנט אויפהאלטן דורך ראָצכים און טאַליאָנים און וואָס מיט דער באליידיקונג פון גאָטס אלמעכטיקייט וואָלט מען געזאָגט צו גאָט: „דו ביזט ניט אזוי אלמעכטיק, קעדיי אליין אונטערצושטיצן דאָס, וואָס מיר רופן אָן עמעסן גאָטסדינסט, נאָר עס איז נויטיק, מיר זאָלן דיר העלפן אין דעם. אן אונז קאָנסטו גאָרניט טאָן, און מיר קאָנען אָן פייער און שווערד גאָרניט אויפטאָן?

— זיי מויכל, זאָג מיר, בלוטדאָרשטיקער מאָנאַך, האָט אים געפרעגט דער אנאבאפּטיסט: ביזטו א דאָמיניקאַנער, א יעזואיט, אָדער א טייוול.

— איך בין א יעזואיט, האָט געענטפערט דער נעדאָוועס-אויפזעער.

— הייסט עס, פּריינט מיינער, האָט געזאָגט דער אנאבאַפּטיסט, אויב דו ביזט ניט קיין טייוול, טאָ צו וואָס רעדסטו וועגן אזעלכע טייוולאָנישע מאַיסים?

— דער גערעכטיקער פּאָטער רעקטאָר האָט דאָס מיר באפעלן צו זאָגן.

— און ווער האָט דעמדאָזיקן נידערטרעכטיקן אַבסורד אָנגעזאָגט דעם גע-רעכטיקן פּאָטער רעקטאָר?

— דער פּראָווינציעלער אויבערפּריסטער.

— און אָט דער אויבערפּריסטער פון וועמען האָט ער באַקומען דעמדאָ-זיקן באַפעל?

— פון אונזער קלויסטער-פאַרשטייער. און דאָס אַלץ ווערט געטאָן צו דער געפעליקייט פונם הייליקסטן פּויבסט.

ענדלעך האָט דער ארימער אנאבאַפּטיסט אויסגעשריען: אָ, הייליקע פּאָ-טערס פּויבסטן, וואָס זיצן אין רוים, אפן צעזארשן טראָן, ארצבישאפן, בישאפן, אַבאַטן, וואָס איר זיינט געוואָרן געוועלטיקער. איך אַכט אייך, אָבער אנטלויף פון אייער געזיכט. אויב איר אליין פילט אין אייערע הערצער, אז אייער אשי-רעס און מעמשאָלע נעמען זיך ניט פון קיין אנדער זאַך, אכוץ פון דער אומ-ווּיסנהייט און ווילדקייט פון אונזערע אור-עלטערן, איז געניסט דערפון לעפּאָ-כעס מיטאמאָל. מיר ווילן בא אייך ניט אָפּנעמען אייערע בישאָפלעכע טראָ-נען. אָבער דערשטיקט אונז ניט מיט אייערע פיס, געניסט פון אַלדאָס גוטס פון דער וועלט, אָבער לאָזט צורו. אינם קעגנפאַל היט זיך, אז אייע-רע אונטערטעניקע פעלקער זאָלן ניט פאַרלירן זייער גאַנצן געדולד און צו-

ליב אייער גליקזעליקייט אויך אייך ניט ברענגען צום פּאַרציטיקן צושטאַנד פון די הייליקע אַפּאָסטאָלס, וואָס איר רופט זיך אָן זייערע יאָרשים.

— אָך, אומגליקלעכער, דו ווינשט, אַז דער הייליקער פּויבסט און דער בישאָף פון ווירצבורג זאָלן באקומען דאָס הימלשע קעניגרייך דורך עוואַנגעלשער אָרימקייט?

— אָך, גערעכטיקער פאָטער, און דו ווילסט, אַז איך זאָל ווערן אויפגעהאָנגען?"

7. מאָנטעסקיע. „וועגן דער צעטיילונג פון די מאַכטן".

„אין איטלעכער מלוכע זיינען פאַראַן דרייערליי מאַכטן: 1) די געזעצגעבערישע מאַכט, 2) די עקזעקוטיווע מאַכט בענויגייע איניאַנים, וואָס זיינען שאַיעך צו צווישנפעלקערלעכן רעכט און 3) די עקזעקוטיווע מאַכט בענויגייע איניאַנים, וואָס זיינען שאַיעך צו ציוויל-רעכט. מיטן קויעך פון דער ערשטער שאַפט דער מיילעך צי דער רעגירער געזעצן, צייטווייליקע אָדער שטענדיקע, בעסערט אויס אָדער שאַפט אָפּ די פאַראַנענע געזעצן. מיטן קויעך פון דער צווייטער דערקלערט ער מילכאָמע אָדער שליסט פרידן, שיקט אָפּ און נעמט אָן אַמבאַסאַדאָרן (געזאַנדטע), היט אָפּ די זיכערקייט (פון דער מלוכע), פאַרמיידט אָנפאַלן. מיטן קויעך פון דער דריטער באַשטראָפט ער פאַרברעכן און אַנטשיידט צוזאַמענשטויסן פון פריוואַט-לייט. די לעצטע רופט מען אויך גערישטלעכע מאַכט, און די ערשטע רופט זיך פּאַשעט עקזעקוטיווע מאַכט פון דער מלוכע.

אויב די געזעצגעבנדיקע מאַכט און די עקזעקוטיווע מאַכט וועלן זיין פאַראייניקט אין איין פערזאָן אָדער אין איין אינסטיטוציע, וועט דאַן קיין פרייהייט ניט זיין, ווייל מע קען מוירע האָבן, אַז דער מאָנאַרך צי דער סענאַט, וואָס וועט זיי פאַרמאָגן, וועט נעמען שאַפן טיראַנישע געזעצן, קעדיי נאָכדעם אָנצואווענדן זיי אויך אַף א טיראַנישן אופן. עס וועט ניט זיין קיין פרייהייט אויך אין דעם פאַל, אויב די גערישטלעכע מאַכט וועט ניט זיין אָפּגעטיילט פון דער געזעצגעבנדיקער און דער עקזעקוטיווער. איז זי פאַראייניקט מיט דער געזעצגעבנדיקער מאַכט, וועט דאַן דאָס לעבן און די פרייהייט פון די בירגער אַריינפאַלן אין רעשוס פון ווילקיר, מאַכמעס דער געזעצגעבער וועט דאַך זיין אויך דער ריכטער. וועט זי זיין פאַראייניקט מיט דער עקזעקוטיווער מאַכט, דאַן קריגט דער ריכטער אַ מעגלעכקייט צו ווערן אַן אונטערדריקער. אַף אַלץ וואָלט קומען אַן אונטערגאַנג, ווען אין איין פערזאָן אָדער איין אינסטיטוציע וואָלטן פאַראייניקט געוואָרן אָט די דריי מאַכטן: אַרויסגעבן געזעצן, אויספירן די אַלגעמיין אָבליגאַטאָרישע באַשלוסן און מישפּטן די פאַרברעכן אָדער די מישפּאָטים פון פריוואַט-לייט צווישן זיך".

8. פון רוסאָס טראַקטאַט. „וועגן דעם געזעלשאַפט-לעכן אָפּמאַך".

„איך מאַך אַזאַ מין האַשאָרע: די מענטשן האָבן דערגרייכט צו דער סטאַדיע, ווען די פאַקטאָרן, וואָס שטערן זיי אייננצוהאַלטן דעם נאַטירלעכן צושטאַנד, זיינען גוויוער יעגע קויכעס, וואָס איטלעכער יאָכיד פאַרמאָגט קע-דיי אייננצוהאַלטן זיך אין דעמדאָזיקן צושטאַנד. ווי באַלד עס איז דערגאַנגען אַף אַזוי ווייט, קען שוין דער פרימיטיווער צושטאַנד מער ניט אָנהאַלטן, און דער מין מענטש וואָלט אונטערגעגאַנגען, ווען ער בייט ניט אום זיין לעבנס-שטייגער.

אַזוי ווי מענטשן קענען פון זיך גופע קיין נייע קרעפטן ניט באַשאַפן, זיי קענען נאָר פאַרייניקן די קויכעס, וואָס זיינען זיי אייגנטימלעך, און געבן זיי אַזאַ צי אַן אנדער ריכטונג, איז בלייבט זיי ניט קיין אנדער אויסוועג קעדיי אייננצוהאַלטן זיך, סאידן אויסבילדנדיק דורך אַ בעשוטפעסער פאַרייני-קונג אַ סכום קויכעס, וואָס זאָל זיין גענוג אַף בייצוקומען דעם ווידערשטאַנד, לאָזן דידאָזיקע קויכעס אין גאַנג מיט דער הילף פון איינעם אַ באַוועגער און צווינגען זיי צו ווירקן בעכאַוורוסע.

אַזאַ מין סכום קויכעס קען געבאָרן ווערן ניט אַנדערש ווי פון דער בעשוטפעסער טעטיקייט פון אַסאַך יעכידים. אַזוי אָבער ווי די קראַפט און די פרייהייט פון איטלעכן מענטשן זיינען די ערשטע געצייג פון זיין זעלבסט-פאַרהיטונג, טאָ ווי אַזוי זשע, פרעגט זיך, קען ער זיי בינדן, ניט ברענגענדיק זיך קיין שאָדן, ניט זינדיקנדיק קעגן די היסכאַיוועסן צו זיך אַליין? פון דעם שטאַנדפונקט פון אונזער איניען קען מען אָט די קאַשע אויסדריקן בעזעהאַלאָשן: „געפינען אַזאַ פאָרם פון אַ פאַרבאַנד, וואָס זאָל פאַרווערן און אָפּהיטן מיטן גאַנצן סכום פון דער אלגעמיינער קראַפט די פערזאָן און אייגנטום פון איט-לעכן מיטגליד, אָבער וואו איטלעכער, וואָס טרעט אריין אין אַ בונד מיטן קלאַל, זאָל פונדעסטוועגן פאָלגן נאָר זיך אַליין, און זאָל בלייבן פונקט אַזוי פריי ווי פריער.

דאָס איז די גרונט-פראָבלעם, וואָס דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך גיט אַף איר אַן ענטפער.

די פונקטן פון דעמדאָזיקן אָפּמאַך זיינען אַף אזוי פיל בעפּיירעש געוועג-דעט אַן דער נאַטור פון דעם אַקט גופע, אז די קלענסטע ענדערונג אין זיי וואָלט באַ זיי אָפּגענומען זייער גאַנצן באַטייט און קראַפט. אָט פאַרוואָס, האַ-גאַם זיי זיינען עפשער קיינמאָל ניט פאָרמולירט געוואָרן, בלייבן זיי דאָך אומעטום דיזעלביקע, זיי ווערן אומעטום שווייגעדיקערהייט דערלאָזט און אָנ-דערקענט אַזוי לאַנג ביז וואַנען דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך ווערט ניט פאַרלעצט: דאַן טרעט איטלעכער ווידער אַריין אין זיינע רעכטן פון לעכאַט-כילע און נעמט זיך צוריק יענע נאַטירלעכע פרייהייט, פון וואָסערער ער האָט זיך געוועזן אָפּגעזאָגט לעטויוועס דער אָפּגעמאַכטער פרייהייט.

אָט די פּונקטן באַשטייען אין לעצטן סאַכאַקל אייגנטלעך פון איין איינ־ציקן פּונקט, דעהאַינע: איטלעכער פון די אָנטיילנעמער אין דעם פאַרבאַנד ווערט אינגאַנצן איבערגעגעבן, איבערגעגעבן אינגאַנצן אייגנעם מיט אַלע זיינע רעכטן לעטויוועס דער גאַנצער קעהילע. אינדערעמעסן, אַזוי ווי, ערשטנס, גיט איטלעכער אָפּ זיך אַליין אינגאַנצן, איז דאָך דער טנאַי פאַר אַלעמען א גלייכער, און אַזוי ווי דער טנאַי איז פאַר אַלעמען א גלייכער, טאָ האָט קיינער קיין אינטערעס ניט צו מאַכן אים שווע־רער פאַר די אַנדערע.

אַכוץ דעם, אַזוי ווי די איבערגעבונג קומט פאָר אָן קיין שום טערו־צים, איז די אייניקונג בעמיילע די פולסטע, וואָס עס קען נאָר געבן, און קיין איינער פון די אָנטיילנעמער פון דעם פאַרבאַנד האָט קיין רעכט ניט אַרויס־צושטעלן עפּעס פּרעטענזיעס. אינדערעמעסן, אויב בּאַ באַזונדערע יעכידים וואָלט בלייבן נאָך עפּעס רעכטן, איז אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין אַלגעמיינער ראָש, וואָס זאָל קענען לייזן א קאָנפליקט צווישן זיי און דער געזעלשאַפט, טאָ וואָלט איטלעכער, זייענדיק אין עפּעס א שאַיכעס זיין אייגענער ריכטער, וועלן זיין דאָסזעלביקע אויך אין אַלץ; דאַן וואָלט דער נאַטירלעכער צושטאַנד נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן, און דער פאַרבאַנד וואָלט אומפאַרמיידלעך געוואָרן אָדער א טיראַנישער, אָדער א קלוימערשטיקער.

לעסאָף, אַזוי ווי יעדערער גיט זיך איבער אַלעמען אייגנעם און קיינעם ניט באַזונדער, און אַזוי ווי עס איז ניט פאַראַן קיין איין אָנטיילנעמער אין פאַרבאַנד, וואָס זאָל אַליין ניט זיין קיין אָביעקט פון דעמזעלביקן רעכט, וואָס ער טרעט אָפּ דעם קלאַל, טאָ געווינט מען דערביי אָן עקוויוואַלענט פון דעם, וואָס מע פאַרלירט, שוין ניט רעכענענדיק, וואָס מע געווינט דערביי מער קראַפט אַף אויפצוהאַלטן דאָס, וואָס מע פאַרמאָגט.

ווען מע זאָל, הייסט עס, באַזייטיקן פון דעם געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך דאָס אַלץ, וואָס האָט קיין שאַיכעס ניט צו זיין מעהוס, דאַן וועט ער זיך אויס־דריקן אייגנטלעך אין אַזא פאָרמול: איטלעכער פון אונז גיט אָפּ אין קאָהאָלשן פאַרמעג זיין פּערזענלעכקייט און זיין גאַנ־צע מעכטיקייט אונטער דער אויבערשטער פאַרוואַלטונג פון דעם קאָהאָלשן ווילן, און אַלע אייגנעם, ווי א קער־פּערשאַפט, קריגן מיט איטלעכן מיטגליד, ווי א ניט צע־שיידלעכן טייל פון דעם גאַנצן.

אַנשטאַט דער באַזונדערער פּערזענלעכקייט פון איטלעכן אַנטיילנעמער אין דעם אָפּמאַך, ווערט דורך דעמדאָזיקן אַקט פון בונד, פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער ווערט געשלאָסן, געמאַכט אָן אָנהויב צו א מאָראַלן קאָלעקטיוו, וואָס באַ־שטייט פון אַזוי פיל מיטגלידער, וויפל שטימען עס פאַרמאָגט זייער פאַרזאַמלונג; דערדאָזיקער קאָלעקטיוו קריגט פון אָט דעם אַקט זיין אייגנהייטלעכקייט, זיין קלאַלישן „איך”, זיין לעבן און זיין ווילן. אָט די קלאַלישע פּערזענלעכקייט, וואָס באַקומט זיך אַף אַזא אויפן דורך דער אייניקונג פון אַלע אינדיווידועלע פּערזענלעכקייטן, האָט זיך גערופן פאַרצייטן ציווילע געמיינדע (cite);

איצט רופט מען עס רעפובליקן אדער פּאָליטישער קאָרפּוס, וואָס די מיטגלידער זיינע רופן עס מלוכע. דערדאָזיקער קאָרפּוס רופט זיך מלו־כע, אַף וויפל ער איז פּאַסיוו, הערשער (סואווערען), אַף וויפל ער איז אַקטיוו, — מעמשאָלע, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ענלעכע צו אים. וואָס איז שאַיעך די מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד, איז רופן זיי זיך אַלע אינאיינעם גענומען — פאָלק, און איטלעכער באַזונדער — בירגער, אַף וויפל ער באַטייליקט זיך אין דער העכסטער מאַכט, און אונטערטאַן — אַף וויפל ער וואַרפט זיך אונטער די געזעצן פון דער מלוכע".

---

9. די אפּשטאַמונג פון אומגלייכהייט.

„דער ערשטער, וואָס איז געפאַלן אַפן געדאַנק צו זאָגן, אָפּצאַמענדיק אַ שטיקל ערד: „דאָס איז מיינס", און האָט געפונען גענוג נאַאיווע מענטשן, וואָס זאָלן אין דעם גלויבן, איז געווען דער ווירקלעכער גרינדער פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. פון וויפל פאַרברעכנס, מילכאָמעס און רעציכעס, פון וויפל אומגליקן און שרעק וואָלט מאַצל געווען דעם מענטשלעכן מין יענער, וואָס וואָלט אַרויסגעריסן די פּלעקער (פונם צאַם), וואָלט פאַרשאַטן דעם גרע־ביץ־גראָבן און וואָלט אויסגעשריען צו זיינע נאָענטע: הערט ניט דעמדאָזיקן שווינדלער. איר זייט פאַרפאַלענע, אויב איר זייט מעסוגל צו פאַרגעסן, אַז די פּרוכטן פון דער ערד געהערן אַלעמען. די ערד אָבער געהער קיינעם ניט".

קאַלומאַן די מענטשן האָבן זיך באַנוגנט מיט דאָרפּישע הייזלעך, האָבן זיך געניייט מיט בוימער־נאָדלען אָדער פישביין קליידער פון די פעל פון כאַ־כאַיעס, זיך אויסגעפּוצט מיט פעדערן אָדער מוירקעפּ, אויסגעמאָלט זייערע קערפּער אין קאָלערליי פאַרבן, אויסגעבעסערט, באַפּוצט זייער פייל און בויגן, אויסגעאַרבעט מיט פאַרשאַרפטע שטיינער פּרימיטיווע פישער־שיפלעך, אָדער מיט דיזעלבע שטיינער האָבן זיי אויסגעאַרבעט גראָבע מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן, — מיט איין וואָרט, קאַלומאַן זיי פלעגן אויספילן בלויז אַזוינע אַרבעט, וואָס איין מענטש איז זיי געווען בעקויעך צו מאַכן, פלעגן אַנטוויקלען בלויז אַזוינע קונסט-מעלאָכעס, וועלכע האָבן ניט געפאָדערט די מיטאַרבעטערשאַפט פון אַסאַך מענטשן, — אַזוי לאַנג האָבן זיי געלעבט פרייע, געזונטע, גוטע און גליקלעכע, אַף וויפיל זיי האָבן געקאָנט זיין אַזוינע לויט זייער נאַטור, און האָבן געהאַלטן אין איין געניסן פון דער גאַנצער שיינקייט פון די אומאָפּהענ־גיקע באַציאונגען. נאָר פון יענער רעגע, ווען איין מענטש האָט זיך אָנגעהויבן צו נויטיקן אין דער הילף פונם צווייטן, — פון יענער רעגע, ווען מענטשן האָבן באַמערקט, אַז פאַר איינעם איז נוצלעך צו האָבן אַ פאַרגרייט פון עסנוואַרג, וואָס זאָל זיין גענוג פאַר צווייען, איז די גלייכהייט פאַרשוואונדן געוואָרן, איז אַנטשטאַנען דאָס אייגנטום, איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך די אַרבעט, און די גרויסע וועלדער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בליענדיקע פעלדער,

וואָס האָבן געפּאָדערט, מע זאָל זיי באַגיסן מיט מענטשלעכן שווייס: אָט אַף זיי זיינען איינגיכן אויפגעגאַנגען און, צוזאַמען מיט דער גערעטעניש, האָבן זיך צעבליט די קנעכטשאַפט און אָרימקייט.

די דאָזיקע גרויסע איבערקערעניש איז געמאַכט געוואָרן אַדאַנק דער דערפינדונג פון צוויי קונסטן: די מעטאַלורגיע און ערדאַרבעט.

גאָלד און זילבער האָבן, אין די אויגן פונם פּאָעט, און אייזן און ברויט, אין די אויגן פונם פילאָזאָף, ציוויליזירט די מענטשן און אומגעבראַכט דעם מענטשלעכן מין. ניט דאָס, ניט יענס איז ניט געווען באַוואוסט די ווילדע מענטשן פון אַמעריקע, וועלכע זיינען טאַקע דעריבער געבליבן אַף אייביק ווילד. די איבעריקע פעלקער האָבן זיך אַפּאָנים געפונען אין אַ צושטאַנד פון באַרבאַריי קאָלזמאַן זיי זיינען באַקאַנט געווען בלויז מיט איינער פון אָט די קונסטן. און איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס, פאַרוואָס אין אייראָפּע האָט זיך באַפעסטיקט, אויב ניט אַ פריערדיקע, איז לעפּאָכעס אַ העכערע און אַ פעסטערע ציווילאַזיציע, איידער אין די אַנדערע טיילן וועלט, איז דאָס, וואָס זי איז אַזוי רייך מיט אייזן און פאַרמעגט אַזעלכע גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַקערבוי.

באַ אַזאַ זאַכלאַגע וואָלט די גלייכהייט געקאָנט פאַרבלייבן נאָר אין אַזאַ פאַל, ווען די מענטשן וואָלטן באַזעסן גלייכע פעאיקייטן און ווען, לעמאַשל, דער אייזן-געברויך וואָלט זיך געפונען אין פולער גלייכגעוויכט מיטן ברויטגעברויך.

אָבער די גלייכמעסיקייט, וואָס איז מיט גאָרניט אונטערשטיצט געוואָרן, איז גיך צעשטערט געוואָרן. דער שטאַרקערער האָט געאַרבעט ערפאָלגרייכער. דער שנעלערער האָט אַרויסבאַקומען מער נוצן פון זיין אַרבעט. דער, וואָס איז געווען מער דערפינדונגספעאיק, האָט אויסגעפונען אַ מיטל אַף צו פאַרקירצן זיין אַרבעט. דער ערדאַרבעטער האָט זיך מער געקאָנט נויטיקן אין אייזן, איידער דער שמיד אין ברויט, און פאַרקערט. און באַ אַ גלייכער מאָס אַרבעט האָט איינער באַקומען מער האַכנאָסע, בעת דער אַנדערער איז קוים קוים דורכגעקומען. אַף אַזאַ אויפן איז די נאַטירלעכע אומגלייכהייט אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט דער אומגלייכהייט אין די לעבנס-באַדינגונגען, און די פאַרשיידנקייטן צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרגרעסערט אַדאַנק די פאַרשיידנקייטן פון די אויסערלעכע באַדינגונגען, זיינען געוואָרן מער פילבאַר און מער באַשטענדיק אין זייער ווירקונג".

(פון רוסאָס געדאַנקען „וועגן די סיבעס פון דער אומגלייכהייט צווישן די מענטשן און וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן").

10. מאבלי וועגן דאָס ערד-אייגנטום אלס דעם מאָקער פון שלעכטס.

„ווי נאָר איך זע, אז עס איז איינגעשטעלט געוואָרן ערד-אייגנטום, זע איך די אומגלייכע פאַרמעגנס. צי דאַרפן דען ניט ארויסקומען פון אָט די ניט גלייכמעסיקע פאַרמעגנס קיין פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע אינטערעסן, אלע פאַרדאָרבנקייטן פון רייכקייט, אלע פאַרדאָרבנקייטן פון אָרימקייט, דער כאַיעשער צושטאַנד פון די מויכעס, די אויסגעלאַסנקייט פון די בירגערלעכע מידעס, אט די אלע פאָרורטיילן און אָט די אַלע טאַיוועס, וועלכע וועלן אייביק אונטערדריקן די באשיינפערלעכע עמעסן, וואָס אף זיי לייגן פונדעסטוועגן אונזערע פילאזאפן זייער לעצטע האָפענונג? ווענדעט זיך צו דער געשיכטע און איר וועט זעען, ווי אָט די אומגלייכקייט פון די פאַרמעגנס פייניקט אלע פעלקער. די בירגער, וואָס זיינען שטאָלץ מיט זייער רייכקייט, שעמען זיך צו באַטראַכטן פאַר זייער גלייכן די מענטשן, וועלכע זיינען פארורטיילט צו לעבן אין ארבעט. איר וועט זעען, ווי אף די פעלדער ווערן געבוירן אומגערעכטע און טיראַנישע רעגירונגען, טענדענציעזע און אונטערדריקנדיקע געזעצן, און, קעדיי אויסצודריקן אלץ מיט איין וואָרט, אָט די אָנזאַמלונג מיט צאָרעס, וואָס אונטער זיי קרעכצן די פעלקער.

אָט דאָס איז דאָס בילד, וואָס עס שטעלט פאָר די געשיכטע פון אַלע נאַציעס. איך גיי אין געוועט, אַז ווען איר וועט זיך אויפהויבן צום אורקוואַל פון אָט דער אומאָרדענונג, וועט איר אים געפינען אינם ערד-אייגנטום. פאַרוואָס האָט מען אונז ניט איבערגעלאָזט בלויז מיט דער פערזענלעכער פרייהייט, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די וואוילטעטיקע הענט פון דער נאַטור? די נאַטור האָט אונז באַשטימט צו זיין גלייכע, ווייל קיין איין מענטש קאָן ניט פאָדערן פונם צווייטן קיין היסכאַיוועסן, וועלכע ער אליין פון זיין זייט דאַרף ניט אויספילן בענוגייע צו יענעם. זי האָט אונז אַלעמען געגעבן גלייכע היצטאָרכעסן, קעדיי אָנאויפהערלעך צו לאָזן אונז וויסן וועגן אונזער גלייכקייט. זי האָט אונז פאַרייניקט דורך סאָציאַלע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אונז געגעבן גליק און וועלכע זיינען אין דערזעלביקער מאָס געוואָרן כאַיעשע און ווילדע טאַיוועס פון דעם מאָמענט, ווי עס האָבן זיך באוויזן רייכע און ארימע. מיר זיינען גוט באשטראָפט דערפאַר, וואָס מיר האָבן געזוכט גליק דאָרט, וואו עס האָט אים ניט אַוועקגעלייגט דער, וואָס איז שולדיק אין אונזער עקזיסטענץ.

ווי נאָר מיר האָבן דערלאָזט דאָס אומגליק מיט דעם, וואָס מיר האָבן איינגעפירט ערד-אייגנטום און די פאַרמעגנס-פאַרשיידנהייט, אזוי גיך האָבן זיך צו אונז אין די הערצער אריינגעקליבן קאַרגשאַפט, גאַיווע, גאַדלעס, קינע און קאָנקורענץ-געפיל, קעדיי אונז צו פייניקן, און האָבן פאַרכאַפּט די פירונג איבער דער מלוכע, קעדיי זי צו טיראַניזירן. שטעלט איין קאהאלשע פאַרמעגנס—און נאָכדעם וועט ניט זיין קיין גרינגערע זאַך, ווי איינצושטעלן די גלייכקייט פון די צושטאַנדן און אף דעם דאָפּלטן יעסאָד פאַרפעסטיקן דאָס גליק פון די מענטשן.

די פיזישע און מאָראַלישע אייגנשאַפטן זיינען ניט גליך באַ אַלע יעכי־דים, און איך וויס, באַנוצנדיק דעם אויסדרוק פון אונזער מעכאַבער, אַז, זיי־ענדיק אוועקגעטראָגן מיטן וויכער פון די צופעליקייטן, באַגעגענען זיך אָט די אייגנשאַפטן באַ מער אָדער ווייניקער גליקלעכע אומשטענדן, און אַז ווען מע זאָל זיי איבערלאָזן אליין פאַר זיך, וואָלט די גלייכקייט געדאַרפט אינגיכן צע־שטערט ווערן. אָבער צי איז דען ניט דער כויוו פון דער פּאָליטיק צו דער־שטיקן דעם עמבריאָן פונם שלעכטס און ניט דערלאָזן אים אַנטוויקלען זיך? צי דאַרף זיך דען דער קאַפּיטאַן אפּגעבן דעם שטורעם אָנשטאָט זיך קעגנשטעלן די אנשטרענגונגען פון די כוואַליעס און ווינטן? אונזערע פאָטערס האָבן ניט געזעען די סאַקאָנע, וואָס האָט זיי געדראָט. זיי זיינען געווען וויט פון ניט צו דערלאזן דאָס, וואָס פאַר זיי האט געגרייט די פאַרמעגנס־אומגלייכ־הייט, און, מיטן איינשטעלן אייגנטום, האָבן זיי עס נאָך אליין מיטגעווירקט. זייער אומוויסנהייט איז פאַר זיי אַן אנטשולדיקונג. אָבער אף וויפל די געזעלשאַפט האָט געזעען, אז די אומאָרדענונגען פאַרמערן זיך און־טערן שוץ פונם אייגנטום און אף וויפל די פאַרמעגנס, וועלכע זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אלץ מער אומגלייך, האָבן צוגעגעבן א נייעם קויעך די טאַי־וועס, צי איז דען די פּאָליטיק ניט געווען מעכויעוו אויפצוהויבן זיך צום מאָ־קער פונם שלעכטס און פאַרשטעלן מיט אַ גרעבלע דעם שטראָם, וואָס איז גרייט ארויסצוגיין פון די ברעגעס? צי האָט מען דען ניט געדאַרפט, פונקט אזוי ווי ליקורג, איינשטעלן קאהאָלשע אייגנטום, אָדער לעפּאָכעס אזוי ווי די רוימער, זיך ווענדן צו דער הילף פון די אַגראַר־געזעצן? די פּאָליטיק האָט דאָס ניט געטאָן, ווייל די אינטערעסן פון די רייכע און קאָוועד־זוכער האָבן זי באַזייטיקט פון איר זאַך, און זי איז געוואָרן בלויז א ווערקצייג פון זייע־רע טאַיוועס. אָבער פאַרוואָס שטרעבן איצט ניט אונזערע פילאָזאָפן דערצו? זייער כויוו איז צו מאַסרע זיין וועגן אונזערע פעלערן, זיי אָבער גיבן ארויס די פאַרבלענדניש פון אונזערע טאַיוועס אלס די געזעצן פון דער נאַטור. „צי דאַרף מען פארלייגן, — זאָגט אונזער מעכאַבער, — אז מע זאָל איינשטעלן גלייכקייט פון די פאַרמעגנס? ניין? דאָס איז אויך מיין מיינונג. דאָס שלעכטס איז צו אַלט געוואָרן, אז מע זאָל האָפן אויסצוהיילן עס. אָבער ווען ער איז מויסיף, אז קעדיי מע זאָל דערין האָבן ערפאָלג — „וואָלט מען געדאַרפט צע־שטערן יעדע אייגנטום און, הייסט עס, די געזעלשאַפט”, קאָן איך ניט בעטן באַ אייך קיין דערקלערונג, ווייל איך זע קלאָל ניט קיין נויט צו צעשטערן דערביי די פערזענלעכע פרייהייט, וועלכע עקזיסטירט אויסגעצייכנט אָן ערד־אייגנטום און וועלכע איז פונדעסטוועגן גאנץ גענוג אף צו דינען אלס דער יעסאָד פון דער געזעלשאַפט, ד. ה. אף צו צווינגען אונז איינצושטעלן און אָפּ־היטן זי”.

ליטעראַטור.

1. **Сборник:** „Англия и Франция на исходе 18-го в.“.
2. **Каутский:** „Классовые противоречия во Франции накануне Великой Революции“.
3. **Кунов:** „Борьба классов и партий в 1789—1794 г.“ стр. 8—50.
4. **Жорес:** „История Великой Фр. Революции т. I, гл. I и II.
5. **Н. Лукин:** „Учебник новейшей истории“ гл. I и II, IV.
6. **Ц. Фридлянд:** „Лекции по истории Западной Европы“ гл. I.

קאפיטל 3

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

די גרינדונג־פארזאמלונג (קאָנסטיטואנטע) און די געזעצגעבערשע פארזאמלונג (לעגיסלאטיווע).

די הויפט־עטאַפּן פון דער רעוואָלו־ציע.

אין דעם צווייטן קאַפּיטל האָבן מיר פעסטגעשטעלט די אַלגעמיינע סיבעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. מיר האָבן געזעען, ווי אַזוי די סטירעס צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציר-קויכעס און דער עקזיסטירנדיקער פּאָליטישער אָרדענונג האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע פאַר אומפאַרמיידלעך. די איינגעשפּאַרטקייט פון די פעאָדאַלע קלאַסן און די טיפקייט פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש האָבן גורעם געווען, אַז דער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס זאָל זיך פאַרציען. פאַר דעם פּעריאָד פון 1789 ביז 1799 יאָר קענען מיר פעסטשטעלן צוויי הויפּט-עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע: פון דעם טאָג ווען עס האָבן זיך געעפנט די גענעראַל-שטאַטן (5 מאַי 1789 יאָר) ביז דעם פאַלן פון ראָבעספּיערן (9 טערמידאָר 27 יולי 1794 יאָר), און פון 1795 יאָר (עפּאָכע פון דער דירעקטאָריע) ביז דעם 18-טן בריומער (נאָיאַבר) 1799 יאָר — דעם טאָג, וואָס עס איז דערקלערט געוואָרן די קאָנסול-מאַכט פון נאַפּאָלעאָנען. אין דעם ערשטן פּעריאָד האָט די רעוואָלוציע געהאַלטן אין שטייגן, אין דעם צווייטן פּעריאָד — אין פאַלן. פאַר דערדאָזיקער צייט, אין דעם פּראָצעס פון אַקשאַנעסדיקן און פאַרצויגענעם קאַמף, זיינען פאַרשיידענע קלאַסן-גרופּירונגען, פון דער גרויסער און געשעפט-בורזשואַזיע ביז דער קליינער (די ברייטע פאָלקסמאַסן), איינע נאָך דער אַנדערער געקומען צו דער מאַכט, ביז וואַנען די מאַכט האָט זיך צום סאָף, נאָך דעם 9-טן טערמידאָר 1794 יאָר, ווידער אומגעקערט צו דער בורזשואַזיע אין די הענט: עס איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון בורזשואַזער רעפּובליק. די אַלע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע זיינען, פאַרשטייט זיך, ענג צונויפגעבונדן איינער מיטן אַנדערן. שטודירן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אַף אַזאַ אופן, הייסט צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון דעם קלאַסנקאַמף אין דעם פּראָצעס פון זיין אַנטוויקלונג. דערביי טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געווען ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלע דערשיינונג, נאָר אויך אַן אַלוועלטלעכע: זי האָט מיט די וואָרצלען געריסן די פעאָדאַלע אָרדענונגען איבער גאַנץ אייראָפּע.

לאָמיר זיך איצטער אָפּשטעלן אַף דעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, אַף דער געשיכטע פון דער בורזשואַזער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע און אירע רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציעס: די גענעראַל-שטאַטן, דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג (קאָנסטיטואַנטע) און דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג.

די צונויפרופונג פון די גענעראַל שטאַטן.

די הויפּט-סיבעס פון דער רעוואָלוציע האָבן זייערע וואָרצלען אין די סטירעס פון דער געזעל-שאַפטלעכער אָרדענונג אין פראַנקרייך. די געלעגנהייט, וואָס האָט זי דירעקט אַרויסגערופן, איז געווען דער פינאַנציעלער באַנקראָט פון דער רעגירונג. דער פינאַנציעלער באַנקראָט פון דער אַלטער אָרדענונג איז געווען א פויליויצע פון דעם, וואָס די הויפּט-מאַסע פון די שטייערן-צאָלער — די פויערים זיינען פאַראָרימט און פאַרעלנט געוואָרן און וואָס די אינדוסטריע פון לאַנד איז געווען אַן אָפּגעשטאַנענע. דערביי האָט די אויסברענגעריי פון דעם קיניג און די פּריווילעגירטע שטאַנדן נאָך פאַרגיכערט די באַנקראָטירונג. קעדיי אויסצוגעפינען די נויטיקע מיטלען און פאַרגרינגערן דעם פינאַנציעלן קריזיס האָט דער קיניג צונויפגערופן די נאָטאַבלען. צוויי מאָל צונויפגעקליבן זיך, האָבן זיי אָבער ניט געוואָלט אָפּ-זאָגן זיך פון זייערע שטייערן-פּריווילעגיעס, און דערמיט גופא האָבן זיי גע-צוואונגען די קיניגלעכע מאַכט צו ווענדן זיך נאָך שטיצע צום דריטן שטאַנד. דאָס, וואָס דער קיניג האָט זיך געווענדעט צום דריטן שטאַנד, איז געווען אַ פויליויצע אויך פון דער אָפּאָזיציע, וואָס דער אַדל פלעגט אַרויסווייזן אַנטקעגן דעם קיניג אין די פּאַרלאַמענטן. די קיניגלעכע מאַכט איז איצטער אַנטקעגנגע-גאַנגען דעם דריטן שטאַנד, קעדיי צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם אַדל. דאָס האָט דיקטירט דעם קיניג א גאַנצע ריי האַנאָכעס לעטויוועס דעם דריטן שטאַנד. דער נאָכגיביקייט פון דער רעגירונג האָט מיטגעהאָלפן אויך די פּאָלקס-באַוועגונג, וואָס האָט ניט אויפגעהערט זינט לויִדאָוויק דער 16-טער איז אַרויף אַפן טראָן. אויב זי איז אַביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין די יאָרן 1777-1778, האָט זי פון דעם יאָר 1783 זיך איבעראַנייס פאַרשטאַרקט און איז אָנגעגאַנגען ביז דער סאַמע רעוואָלוציע. באַזונדער שטורעמדיק איז די באַוועגונג געווען אין די דערפער. דאָרט האָט זי זיך פאַרשפּרייט אונטער דער ווירקונג פון דעם הונגער און דעם שרעקלעכן ווינטער פון 1788 יאָר. ניט נאָר די דערפער, נאָר אויך די שטעט פון פראַנקרייך זיינען געוואָרן צענטרען פון אָפּאָזיציע צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. אַפילע די ניט אָרגאַניזירטע, צעשטויבטע פּראָלע-טאַריער האָבן אויך געבונטעוועט. אַזוי האָט דער בונט פון די הונגעריקע אַר-בעטער אין פּאַריז, ערעוו דער סאַמע עפענונג פון די גענעראַל-שטאַטן, געוויזן, אַז די אַטמאָספער איז גענוג אָנגעהיצט. צווישן די ארבעטער פון פּאַריז האָט זיך אין אַפּרעל 1789 יאָר פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער פאַבריקאַנט ראַווי-ליאָן האָט פאָרגעלייגט צו פאַרקלענערן די סכירעס פון די ארבעטער. די פּראָלעטאַריער פון דער פאָרשטאָט סען-אַנטואַן זיינען דאַן אנגעפאַלן אָף זיין פאַבריק. קיין שרעקלעכע קראַפט זיינען אָבער די פּראָלעטאַריער ניט געווען. נאָר די מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דאָרף און די אָפּאָזיציע פון די בורזשואַזע גרופּעס אין די שטעט זיינען געווען אַ געפאַר פאַר דער אַלטער אָרדענונג. אין אייניקע שטעט האָט דער קאַמף צווישן דעם פּאַרלאַמענט און דעם קיניג, ערעוו דער סאַמע רעוואָלוציע, אָנגענומען אַ בלוטיקן כאַראַקטער (אין ברעטאַן, דאָפין, דערהויפּט אין גרענאָבל א. אז. וו.). די פּאָלקס-באַוועגונג

איז געווען דער גרונט פאר דעם „גרויסן שרעק", וואָס האט אָנגעכאפט די פארמעגלעכע קלאסן פון פראנקרייך אין די ערשטע כאדאָשים פון דער רע- וואָלוציע. אונטער דער ווירקונג פון דער שווערער פינאנציעלער לאגע און דער מעכטיקער רעוואלוציאָנערער כוואליע האָט דער קיניג באשלאָסן צונויפ- צורופן די גענעראל-שטאטן, קעדיי דאָרט צו קריגן שטיצע בא דעם דריטן שטאנד אָנטקעגן די פּרעטענזיעס פון די פּריווילעגירטע, און דערמיט גופע צו לייזן די פינאנציעלע לאגע פון דער מלוכע. דערביי האָט דער קיניג געוואָלט לאָזן אינגאַנצן אומבארירט די אלטע אָרדענונג. דעם 24 יאנוואר 1789 יאָר האָט די קיניגלעכע מאכט געלאָזט וויסן איבערן לאנד דורך א ספּעציעלער צונויפ- רוף-כארטע וועגן דעם סיידער פון די וואלן אין די גענעראל-שטאטן.

די וואלן און אָנ- זאָגן.

וואס איז דאָס אזוינס די גענעראַל-שטאַטן? דעם לעצטן מאָל האט מען זיי צונויפגערופן אין פראַנקרייך אין יאר 1614. דאָס איז געווען א פאר- טרעטערשאפט פון די שטאנדן אין לאנד, וואָס דער קיניג פלעגט זיך ווענדן צו זיי פון צייט צו צייט, קעדיי אויסצוהערן מיינונגען וועגן באזונדערע וויכ- טיקע מלוכע-איניאָנים, דערהויפּט פינאַנציעלע. איטלעכער שטאנד האט געהאט א גלייכע צאל דעפּוטאַטן, זיצונגען פלעגן זיי האָבן באזונדער, דערביי פלעגן די באשלוסן פון די ערשטע צוויי שטאנדן—דעם אַדל און די גייסטלעכע—האָבן א באשליסנדיקן כאראקטער. די צונויפרוף-כארטע האט געלאָזן דידאָזיקע אינ- סטיטוציע פונקט אזוי, ווי זי איז געווען מיט הונדערטער יארן צוריק. די פראַגע וועגן אן אויסערשטאנדן-פארטרעטערשאַפט איז פאר דער קיניגלעכער מאכט אפילע ניט אויפגעקומען. אזוי אבער ווי דער קיניג האט געגארט די שטיצע פון דעם 3-טן שטאנד, איז באשלאָסן געווארן צו געבן אים א דאָפּלטע פארטרע- טערשאפט: דער דריטער שטאנד האט געדארפט שיקן אין די גענעראל-שטאטן אזוי פיל דעפּוטאַטן, וויפל די ערשטע צוויי איניינעם. וואלרעכט האָט מען גע- געבן פראַנצויזן, וואָס האָבן דערגרייכט א 25-יאריקן עלטער, האָבן א שטענ- דיקן וואוינאָרט און זיינען פארשריבן אין די רעשימעס פון שטייער-צאלער. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן דער פּרינציפּ פון צווייגראדיקע וואלן, נאר די פּריווילעגירטע האבן דירעקט געקליבן זייערע דעפּוטאַטן. אָט ווי דער אבאט ס י ע ס כאראקטעריזירט די וואל-סיסטעם: „די ערשטע ווילער פון דעם 3-טן שטאנד האבן ארויסגעוויזן זייער ווירקונג ערשט איבער צוויי אָדער דריי שטאפלען, בעאייס דער אדלמאן און די מערהייט גייסטלעכע האבן דירעקט געווירקט, פלעגן גלייך ארייגטרעטן אין קאַמער און האָבן אליין געקענט בא- נוצן זיך מיט א סכום פּאָליטישע רעכטן, וועלכע עס האָבן געקענט דערגרייכן עטלעכע הונדערט מיטגלידער פון דריטן שטאנד". סאַכאַקל האָט מען געדארפט אויסקלייבן 1.200 דעפּוטאטן (300+300+600). אין דעם צוזאַמענשטעל פון די גענעראל-שטאטן איז צווישן די גייסטלעכע געווען די מערהייט פּאראפיע- גאַלאָכים, צווישן דעם 3-טן שטאַנד—אדוואָקאטן, עס זיינען אבער געווען אויך גייסטלעכע און פריצים. צווישן די לעצטע—דער בארימטער מ י ר אַ ב אָ. די

דעפוטאטן פון די׳ גענעראל-שטאַטן האָבן געקראָגן פון זייערע ווילער אנזאגן, וואונשן און אנקלאגן פון דער באַפעלקערונג פון פראַנקרייך. אזעלכע אנזאָגן ציילט מען ביז 60.000. דאס איז איינער פון די אינטערעסאנטע היסטאָרישע דאקומענטן פון פראַנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע. אין די אנזאגן האָט זיך אפגעשפיגלט די גאנצע פארשיידנארטיקייט פון די נויטן פון באזונדערע סאָ-ציאלע גרופעס. מע טאָר אבער אויך ניט ארויסלאָזן פון אויג, אז די פויערשע אנזאגן פלעגן אפט שרייבן פארשטייער פון דער שטאָטישער בורזשואזיע און דער אינטעליגענץ. אזוי לייענען מיר אין איינעם א דאָרפישן אנזאג: „מיר זיינען געווען אין דער צאָל פון 32 דארפישע קעהילעס, און ניט קוקנדיק אף דער פולער איינשטימיקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן אונז, האבן די שטאָ-טישע דעפוטאטן פארכאפט דאָס רעכט צו רעדאקטירן דעם אנזאג... אינם אנ-זאג פון דארף זיינען געווען וויכטיקע פונקטן, וואָס זיינען פארניכט געוואָרן”...
וואָס פאר א פאָדערונג האבן די שטאנדן ארויסגעשטעלט אין די אנזאגן? דער אדל און די גייסטלעכע „האבן געשטרעבט צו פארהיטן גאנצערהייט און אומ-באַרירט די יעסוידעס פון דער אלטער ארדענונג”. וואָס איז שאַיעך דעם קאָפּ און פירער פון דעם 3-טן שטאנד, דער בורזשואזיע, האט זי ארויסגעשטעלט דורכויס פאָליטישע פאָדערונגען, אי דאס גאנץ מעסיקע. די בורזשואזיע האט געשטרעבט צו א קאָנסטיטוציע; זי האט אויסגעדריקט דעם וואונש איינצושטעלן אַ שטענדיקן קאָנטראל איבער די פינאַנצן פון דער מלוכע, האט געוואָלט א רעפרעזענטאטיווע רעגירונג. די בורזשואזיע האט פארלאנגט, עס זאָלן באָטל ווערן די שטאנדן-פריווילעגיעס און אלע זאָלן זיין גלייך פארן געזעץ. וואָס איז שאַיעך דעם סעניאָרן-רעכט, האָט די בורזשואזיע אין אירע אנזאָגן גאנץ פאָרזיכטיק באצויגן זיך צו דער פראגע וועגן אפשאפן עס. אפן עקאָנאָמישן געביט האפט זי, עס זאָלן באָטל ווערן די באגרעניצונגען פון האנדל און אינ-דוסטריע (ז. מאט. און דאק. № 1). אבער די פויערשע אנזאגן פאָדערן קוי-דעמקאָל, עס זאלן באטל ווערן די פעאָדאלע צינזן און די ערד זאל ווערן פריי (ז. מאט. און דאק. נומ. 2). אזוי האבן זיך שוין אין די אָנזאָגן אָנגעמערקט די הויפט-קרעפטן פון דעם ערשטן פעריאָד פון דער רעוואלוציע: דער פרי-ווילעגירטער שטאנד — א סוינע פון יעדער רעפאָרם; די בורזשואזיע, וואָס שטרעבט צו פאָליטישע ענדערונגען, און די פויערשע מאַסע, וואָס טרוימט וועגן א פולשטענדיקער פארניכטונג פון דעם פעאָדאלן רעזשים.

פון די גענעראל־שטאטן צו דער גרינדונגס-פארזאמלונג.

די גענעראַל-שטאַטן האָבן זיך געעפנט דעם 5-טן מאַי 1789-טן יאָר. אין דער טראָן-רעדע האָט דער קיניג פאַרשוויגן די פראַגע וועגן באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די שטאַנדן. דער ערשטער צו-זאַמענשטויס אין די גענעראַל-שטאַטן איז ארויסגע-רופן געוואָרן איבער דער פראַגע וועגן שטימען פערזענלעך אָדער שטאַנדנ-ווייז, ציי ווערט מען די מאַנדאַטן פון די דעפוטאַטן איבערקוקן באַזונדער ציי אינייעם. דער טאָך פון דער מאַכלויקעס איז באשטאַנען אין דעם, ציי די גע-

נעראַל-שטאַטן זאָלן זיין אַ שטאַנדן-פאַרטרעטערשאַפט אָדער א פאַרטרעטער-שאפט פון דער נאַציע. דער 3-טער שטאַנד, באַשטייענדיק אַפן פרינציפּ פון פערזענלעכן שטימען, האָט געשטרעבט באָטל צו מאַכן די שטאַנדן-אָרדענונג. בא א פערזענלעכער אָפּשטימונג וואָלט דער דריטער שטאַנד געהאַט אויך אַ מערהייט אין צאָל. אָבער דער אַדל און די גייסטלעכע זיינען געווען קעגן פערזענלעכער אָפּשטימונג, וואָרום זיי האָבן מוירע געהאַט פאר זייערע קעפּ, ווי עס האָט געשריבן ק. דעמולען. דעם 12-טן יוני, אַזוי ווי די ערשטע צוויי שטאַנדן האָבן זיך אָפּגעזאָגט איניינעם איבערצוקוקן די פולמאַכטן פון די דע-פּוטאַטן, באַשליסט דער 3-טער שטאַנד זעלבשטענדיק איבערקוקן די פול-מאכטן. דעם 17-טן יוני, נאָכדעם ווי אַ טייל דעפּוטאַטן פון דעם אַדל און פון די גייסטלעכע איז אַריבערגעגאַנגען אפן צאַד פון דעם 3-טן שטאַנד, דער-קלערט ער זיך פאַר אַ נ א צ י אָ נ א ל ע ר פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג און באַשליסט, אז פון ווייטער אָן קאָן מען ניט זאַמלען קיין שום שטייערן אָן דעם ווילן פון דער פאָלקס-פארטרעטערשאפט (ז. מאט. און דאָק. נומער 3).

דער 3-טער שטאַנד איז פון אָט דעם מאָמענט ארויס אַפן וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף: דאָס האָט פארייניקט אַלע רעאקציאָנערע קויכעס ארום דעם קיניג. „אלע, וואָס רינגלען אַרום דעם קיניג, האָבן פארלאָזן דעם געדאַנק וועגן קאַמף מיט די פריווילעגירטע און האָבן זיך געשטעלט אַפן צאַד פון דעם אַדל און די גייסטלעכע״. די נאָענטסטע כאדאָשים האָט דער קיניג און די פריווילעגירטע שטאנדן פארייניקטערהייט געקעמפט קעגן דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געהאלטן אין פאַנאַנדערוויקלען זיך. דער קיניג האָט באשטימט א געמיינזאמע זיצונג פון די שטאנדן אין זיין אָנוועזנהייט אף דעם 23-טן יוני. אַז דער 3-טער שטאנד האָט דעם 20-טן יוני געפּרואווט פאָרזעצן די ארבעט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די וואוינונג, וואו ס'קומען פאָר זיינע זיצונגען, איז געשלאָסן. אין רעוואָלוציאָנערער אָרדענונג האָבן זיך די דעפּוטאַטן פון 3-טן שטאַנד צונויפגעקליבן אין דעם זאַל פון „שפּיל אין פּילקע״, און דאָ האָבן די פארטרעטער פון פאָלק געגעבן אַ שוואוע: „קיינמאָל ניט פאַנאנדערגיין זיך און צונויפקלייבן זיך קעסיידער, ביז וואנען די קאָנסטיטוציע וועט ניט איינ-געשטעלט ווערן און פארפעסטיקט ווערן אַף א פעסטן פונדאַמענט״. דעם קיניגס פרואוו צו מאַכן אַ ווירקונג אַף די שטאנדן בעאייס דער זיצונג פון די גענעראל-שטאטן דעם 23-טן יוני איז דערמיט גופע שוין לעכאטכילע גע-ווען פארורטיילט אף אַ דורכפאַל. און ווען דער צערעמאָנימאיסטער האָט א פאדער געטאָן, מע זאל זיך פאַנאנדערגיין, האָט מיראַבאָ, דער לידער פון דעם 3-טן שטאנד, דערקלערט: „מיין הער, זאָגט אייער האַר, אז נאָר באַגנעטן קאָנען אונז צווינגען אוועקצוגיין פון דאַנען״. די קיניגלעכע מאַכט האָט זיך ניט געקאָנט פארלאָזן אף דער אַרמיי און האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם ווילן פון דעם 3-טן שטאַנד. דעם 27-טן יוני האָבן די שטאַנדן געהאַט אַ זיצונג שוין איניינעם, און דעם 9-טן יולי האָט די נ אַ צ י אָ נ א ל ע פ אַ ר-ז א מ ל ו נ ג זיך דערקלערט פאַר א ג ר י נ ד ו נ ג ס-פ א ר ז אַ מ ל ו נ ג. איר אויפגאַבע

איז געווען איבערצובויען די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג לויט דעם געשטאַלט און דעם גלייכן פון דער בורזשואַזיע.

דער קאַמף פון דעם פאָלק מיט דער פעאָדאַלער אָרדענונג און דער קיניגלעכער מאכט (14־טער יולי, 4-ער אווגוסט, 5—6 אָקט.).

דאָס, וואָס דער קיניג האָט זיך אונטערגעגעבן דעם פאָלקס-ווילן, איז געווען נאָר אַף צוקלוימערשטן. דער הויף האָט זיך געגרייט פאַנאַנדערצוטרייבן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. אַן אַרמיי פון 30,000 מאַן האָט מען צונויפגעצויגן צו דער הויפּטשטאָט. ווערסאַל, די רעזידענץ פון דעם קיניג, איז געווען ארומגערינגלט מיט סאָלדאַטן, דער קיניג האָט געשראָקן אַריבערצופירן די פאַרזאַמלונג אין דער פּראָווינץ, און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דערקלערונגען דער פאַרזאַמלונג, פאַרוואָס מע האָט אָנגעזאַמלט די סאָלדאַטן. דעם 11-טן יולי איז נעקערס מיניסטעריום אַרויס אין דימיסיע, און מע האָט עס פאַרביטן אַף אַ מיניסטעריום פון רעאַקציאָנערן. מע האָט געמוזט ראַטעווען דאָס, וואָס מע האָט אויסגעקעמפט אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע. געלייזט דעם איניען האָט אַ זיגרייכער פאָלקס-אויפשטאַנד. די סיבעס פון אים דאַרף מען זוכן אין דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון די פאָלקסמאַסן אין פאַריז אין די טעג פון יוני און יולי 1798-טן יאָר. אין יענער צייט, בעאייס אין ווערסאַל איז ווייס ברויט געווען לעראָווו. און אין די מאָנאַסטירן האָט מען געהאַלטן געוואלדיקע מאַסן לאַגערן מעל, האָט פאַריז געהונגערט. די נאַציאָנאַלע פאַרזאמלונג האָט ניט אָנגענומען קיין מיטלען צו קעמפן מיטן הונגער. דעם 12-טן און 13-טן יולי האָבן זיך די פּאַריזער מאַסן קוידעםקאָל אַ לאָז געטאָן אַף די בעקערייען און די מאָנאַסטירן. די צוזאמענשטויסן, וואָס זיינען ניט איינמאָל פאָרגעקומען צווישן דעם פאָלק און די קיניגלעכע סאָלדאַטן, האָבן דעזאָרגאַניזירט די סאָלדאַטן און האָבן צוגעוויינט דאָס פאָלק צום קאַמף. דעם 12-טן יולי איז באַם פאָלק אין די הענט געווען 50,000 שפּיזן און 30,000 ביקסן, וואָס מע האָט געפונען אין די קעלערן פון דעם אינוואַלידן-הויז. באַוואָפנטערהייט איז מען אָנגעפאַלן אַף דער פינסטערער טורמע באַסטיליע און נאָך אַ פאַרביטערטן געפעכט האָט דאָס פאָלק פאַרנומען דידאָזיקע פעסטונג פון דער אַלטער אָרדענונג. באַסטיליע איז געווען ניט נאָר אַ סימוואָל פון דעם ווילקיר פון דעם אַלטן רעזשים, זי איז געווען אויך אַן ערנסטער שטיצפונקט פאַר אַ מעגלעכן קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן אָנפאַל אַף פאַריז. דאָס איינעמען פון באסטיליע דעם 14-טן יולי איז געווען דער ערשטער אנטשיידענער אַרויסטרעט פון די מאסן, צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. פון דעם מאָמענט אָן באַשטימט די פאָלקס-באַוועגונג דעם גורל פון דער מעדינע. דעם 14-טן יולי איז געפאַלן ניט נאָר באַסטיליע, נאָר אויך דער דעספּאָטיזם; די קיניגלעכע מאכט האָט ניט געקאָנט ביישטיין אַנטקעגן דעם אָנגריף פון די מאַסן. דאָך האָט זיך שוין אין די געשעענישן פון 14-טן יולי אָנגעמערקט געוויסע כלוקע-דייעס צווישן די אונטערשטע שיכטן פון פאָלק און דער פאַרזאמלונג, וואָס האָט פאַרטראָטן די פאַרמעגלעכע קלאַסן פון

לאנד. אין די טעג פון 12—14 יולי האָט די פאַרזאמלונג ניט אָנגענומען קיין מיטלען צו פאַרגרינגערן די נויטן פון די מאַסן, וואָרום זי האָט ניט געוואָלט באַלעסטיקן די פארמעגלעכע בורזשואַ מיט אַ קאָפּ-שטייער אָפּילע פון צוויי סו. אין די טעג פון 12—14-טן יולי, ווען די אַלטע אָרדענונג האָט געהאַלטן אין פאַלן, און קיין נייע איז נאָך ניט באשאפן געוואָרן, האט די בורזשואַזיע מוירע געהאט ניט נאָר פאר דער קיניגלעכער מאכט, נאָר אויך פאר דער פאָלקס-באוועגונג. די פאָלקס-מאסן האָבן עס אָבער נאָך ניט באנומען מיטן באוואוסטזיין.

פונם 14-טן יולי הויבט זיך אָן דער נייער פעריאָד פון דער רעוואָלוציע: „באַ דער רעוואָלוציע, וואָס ביז איצט איז באַ איר געווען בלויז איין פאָקוס, איין צענטער — די פארזאמלונג, — איז פון איצט אָן צוויי פאָקוסן — די פארזאמלונג און די פאַריזער באפעלקערונג“ . . . „צווישן די דערהארגעטע באַם נעמען באַסטיליע זיינען ניט געווען קיין גרויסע בורזשוא. אַלס אָנפירער פונם קאַמף זיינען אַרויסגעטראָטן מיליטער-לייט, אָפיצערן, באַשיידענע אינדוסטריעלער, קליינע בורזשואַ און אומבאקאנטע פראָלעטאריער. דעם קלאַפּ האָבן דערלאנגט דער קיניגלעכער מאַכט אין דעמדאָזיקן טאָג די מיטעלע און קליינע בורזשואַ, די געריכטלעכע שרייבער, די באַלמעלאָכעס און פראָלעטאַריער“ (זשאָרעס).

דער 14-טער יולי האט פריי געלאָזן די רעוואָלוציאָנערע סטיכיע אין דער פראָווינץ. נאָך דעם 14-טן יולי הויבט זיך אָן איבערן לאַנד אַ ברייטע שטאָטישע, מוניציפּאַלע און פויערשע באוועגונג. אין די שטעט איילט זיך די בורזשואַזיע צו שאַפן אַ זעלבסטפארוואלטונג, אַריינגיסנדיק אירע אייגענע פארטרעטער אין די פאראנענע שטאָטישע אינסטיטוציעס, אָדער פארבייטנדיק זיי מיט נייע, און דערמיט פארניכטן זי די מאכט פון די קיניגלעכע טשינאָווניקעס. אומעטום פאָרמירט זיך אַ נאציאָנאַלע בורזשואַזע גוואַרדיע. נאָר דער איקער איז גרויס די באַדייטונג פון דער פויערשער באוועגונג. די פויערים אין אַלע דערפער נעמען זיך צו פארניכטן זייערע אייגענע באַסטיליעס, די פריצישע מאַיאָנטקעס. די מעכטיקע פויערשע באוועגונג שפייזט זיך דערמיט, וואָס פון דעם 5-טן מאי ביז אַווגוסט האָט דער 3-טער שטאנד גאָרניט ניט אויפגעטאָן, איז ניט גרייט געווען צו לייזן די פראגע וועגן דעם סעניאָרן-רעכט, און אין אָנהויב אווגוסט איילט ער צו באוואָרענען דאָס אייגנטום פון אַ כורבן. דעם 3-טן אַווגוסט נעמט אָן די פארזאמלונג אַ באשלוס: „אז די אומרוען זיינען אַ סטירע צו די יעסוידעס פון עפנטלעכן רעכט“, און דערקלערט, אז „זי איז גרייט אונטערצודריקן די אומרוען אין די דערפער“. נאָך דעם 4-טן אווגוסט האט איינער פון די מיטגלידער פון פארזאמלונג, דער אדלמאן דע-נואַיל אָנגעוויזן די דעפּוטאַטן אַף דער סאקאָנע פון דער אַגראַר-באוועגונג און האָט פאָרגעלייגט טייקעף באָטל צו מאכן אַ טייל פון די פעאָדאלע רעכטן און דערמיט גופע ליקווידירן די באוועגונג אין די דערפער. דידאָזיקע וואָרענונג האָט געווירקט. אסאך דעפּוטאַטן פון די פּריווילעגירטע שטאנדן האָבן זיך טייקעף אָפּגעזאָגט פון אַ טייל רעכטן, וועלכע האָבן פאר זיי דעם קלענסטן אינטערעס דערביי האָבן די פריצים אָפּט אָפּגעזאגט זיך אַפּן כעשבן פון די גייסטלעכע

און די גייסטלעטע אפן כעשבן פון די פריצים. די האנאָכעס, וואס זיינען גע-מאכט געוואָרן לעטויוועס די פויערים, זיינען געוועזן נישטיקע. עמעס, דער דעקרעט פון 11-טן אווגוסט (זע מאט. און דאָק. נומ. 4) שאַפט אָפּ פייערלעך די פעאָדאלע אָרדענונג, אָבער טאַקע דאָ גופע באשטימט ער, אַז די סעניאָרע היסכאיוועסן פון די פויערים דארפן זיין איינגעטיילט אין צוויי גרופעס: אזעל-כע, וואס דארפן אויסגעקויפט ווערן, און פרייע פון אויסקויף. פראַקטיש פאנאנ-דערצוארבעטן די ווייטערדיקע מיטלען ווערט איבערגעגעבן א באזונדער „פע-אָדאלן קאָמיטעט״, און ביז זיינע באשלוסן דארף אַלץ בלייבן ווי געוועזן. נאָר אפילע אָט די באשיידענע באשלוסן פון דער פארזאמלונג האט דער קיניג ניט געוואָלט סאנקציאָנירן.

„איך וועל קיינמאָל ניט מאסקים זיין, האָט ער דערקלערט, צו בארויבן מיין אָדל און די גייסטלעכע״. די פּריווילעגירטע און דער קיניג האָבן ווידער גענומען זיך אקטיוו צוצוגרייטן א קאָנטער-רעוואָלוציע. אין ווערסאל ציט מען צונויף מיליטער. דעם 1-טן אָקטיאבער האט מען דאָרט געמאכט א קאָנטער-רע-וואָלוציאָנערע דעמאָנסטראציע. די פארזאמלונג האָט געוואָלט צווינגען דעם קיניג, ער זאָל סאנקציאָנירן די אָנגענומענע געזעצן און צעטרייבן די סאָל-דאטן, און זי ווענדט זיך ווידער צום פאָלק נאָך הילף. דעם 5-טן אָקטיאבער איז אַן אומגעהויערער האמוין, דער איקער פרויען, ארויס פון פאַריז אין ווער-סאָל, קעדיי צו ברענגען אין דער הויפּשטאָט אריין, ווי מע האט דאן געזאגט צווישן דעם פאָלק, „דעם ערשטן בעקער און די ערשטע בעקערין״. דעם קי-ניג האט מען אריבערגעפירט אין פאריז. די נאציאָנאלע פארזאמלונג איז אויך אריבערגעפאָרן אין הויפטשטאָט. דער קיניג און די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָבן זיך איצטער געפונען אונטער דעם וואכזאמען אויג פון דעם רעוואָלו-ציאָנערן פאָלק. פונקט ווי אין די טעג פון 14-טן יולי, אזוי האט די בורזשו-אַזיע אויך אין די טעג פון 5—6 אָקטיאבער געוואָלט נאָר אויסנוצן די פאָלקס-באוועגונג. לאַפאַיעט, דער פירער פון דער נאציאָנאלער גווארדיע, „האָט פארטיידיקט דעם קיניג קעגן דעם פאָלק״. אבער נאר דאָס פאָלק האט געקאָנט פארטיידיקן די רעוואָלוציע קעגן דעם קיניג. אזוי האט דער אָנגריף פון די רע-וואָלוציאָנערע מאסן, בא די באדינגונגען פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס, צעבראָכן אין 1789-טן יאָר די פעאָדאלע אָרדענונג. אָבער אין די יאָרן 1790 און 1791 האָט א געוויסער עקאָנאָמישער אויפשטייג פארשטארקט די פאָליטישע רעאק-ציע. אין אָט די יאָרן האט זיך אין פראנקרייך איינגעשטעלט א נייע אָרדע-נונג, די אָרדענונג פון דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע. איידער מיר וועלן אריבערגיין צו דער כאראקטעריסטיק פון דעם מלוכע-סיידער, וואָס די גרינ-דונגס-פארזאמלונג האָט איינגעשטעלט, לאָמיר זיך פריער אָפּשטעלן אף דער כאראקטעריסטיק פון איר פאָליטישער און סאָציאַל-עקאָנאָמישער טעטיקייט.

די דעקלאַראַציע פון די רעכטן פון מענטש און ביר־גער.

צוטרעטנדיק צו דער מלוכע-אַרבעט, האָט די
פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג אויסגעאַרבעט די באַוואוסטע דעקלאַ־
ראַציע וועגן „די רעכט פון מענטש און בירגער" (ז. מאַט.
און דאָק. № 8), דעם מאַניפעסט פון דער בורזשואזער
וועלט. דאָס איז געווען די דעקלאראציע פון דער
סאָציאַלער רעוואָלוציע פון דער בורזשואַזיע. די „דעק-
לאַראַציע פון די רעכטן" איז דערנאָכדעם פאַרדאָרבן געוואָרן דורך דער ג ר י נ ־
ד ו נ ג ס-פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג גופע, אָבער לויט ווי זי איז פאַרטראַכט געוואָרן און
לויט איר טאָך, האָט זי געדאַרפט זיין דער רעוואָלוציאָנערער מאַניפעסט פון
דער נייער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. „אַלע מענטשן ווערן געבאָרן גלייכע",
זאָגט די דעקלאַראַציע. „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט" זיינען די
גרונט-פּרינציפּן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אייגנטום, ווי אויך די פריי-
הייט פון דעם יאָכיד איז הייליק און אומבאַרירלעך. די מאַכט געהערט דער
נאַציע, דער קיניג איז איר אָנפאַרטרויטע פערזאָן. דאָס זיינען די פּרינציפּן פון
דער נייער מלוכע־איינאָרדענונג. די דעקלאַראַציע איז געטריי די גרונט-פּרינ-
ציפּן פון דער פילאָזאָפיע פון דעם 18-טן יאָרהונד. זי איז געווענדעט קעגן דעם
פעאָדאַלן אייגנטום און דעם סאָציאַלן סיידער, וואָס איז געבויט אַף פּריווי-
לעגיעס און אומגלייכהייט פארן געזעץ. דאָס בורזשואַזע אייגנטום ווערט דער־
קלערט פאַרן יעסאָד פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, גלייכהייט פאַרן גע־
זעץ פאַרדעקט די עקאָנאָמישע אומגלייכהייט. דער מאַניפעסט פון דער בורזשו־
אַזער וועלט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין א צייט, ווען אנטקעגן דער בור-
זשואַזיע איז נאָך ניט ארויסגעטראָטן דער פּראָלעטאַריאַט, ווי איר באַגרעבער.
דעריבער לייענען מיר אין דער דעקלאַראַציע: „דאָס פאָלק האָט דאָס רעכט
צו שטעלן זיך אַנטקעגן אונטערדריקונג". אָט דאָס מאַכט די דעקלאַראַציע פאַר
אַן אומשטערבלעכן דענקמאָל אויך פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פון דעם
פּראָלעטאַריאַט, וואָס רופט אויס זיין אייגענע דעקלאַראציע פון די ארבעטנדי-
קע קעגן דער בורזשואזער אָרדענונג. אָבער ווי אַזוי זיינען דורכגעפירט גע-
וואָרן אין לעבן די פּרינציפּן פון דער דעקלאַראציע? דאָס ווילן מיר זיך קע-
נען קלאָר מאַכן, ווען מיר ווילן זיך באקענען מיט דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער
טעטיקייט פון דער ג ר י נ ד ו נ ג ס-פ אַ ר ז א מ ל ו נ ג.

די סאָציאַל-עקאָ־נאָמישע טעטיקייט פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג.

דעם 4־טן אַווגוסט 1789 יאָר איז דערקלערט
געוואָרן די אָפּשאַפונג פון דער פעאָדאַלער אָרדע-
נונג. אָבער ערשט דעם 15-טן מאַרט און 3—9 מאַי
1790 איז געלייזט געוואָרן די פויערים-פראַגע. דאָס
געזעץ פון דעם 15-טן מאַרט האָט אָפּגעשאַפט אָן
אויסקויף נאָר יענע סעניאָר-רעכטן, וואָס האָבן שוין פאַקטיש אויפגעהערט צו
עקזיסטירן, אלע איבעריקע האָבן געדאַרפט אויסגעקויפט ווערן. דער ערשטער
אַרטיקל פונם געזעץ לויטעט: „אלע נוצלעכע רעכטן, וואָס בלייבן עקזיסטירן
ביז דעם אויסקויף, ווערן צוגעגליכן צו פּאָשעטע רענטעס און צו היסכאיוועסן

פון ערד". דאָס גענעץ גופע וועגן דעם אויסקויף האָט פאַר די פויערים זייער ניט געלוינט. קוידעמקאָל האָט זיך צוליב דעם אויסקויף געפאָדערט א העסקעם פון ביידע צדאָדים; קיין פערזענלעכער אויסקויף איז ניט געווען דערלויבט; די פויערים האָבן געדאַרפט אויסקויפן אלע פליכטן מיטאַמאָל. דערביי „פלעגט די אויסקויף-סומע דערגרייכן צו אזא גרויס, אז פאַר דער מערהייט באַפעל=קערונג פלעגט דער אויסקויף ווערן אן אומעגלעכע זאַך". לעסאָף, פלעגט דער פויער מוזן דאָקומענטאַל דערווייזן זיין רעכט אף צו באַפרייען זיך פון א פליכט. די ארכיוון אָבער זיינען געבליבן באַ די פריצים אין די הענט.

אין די אינטערעסן פון די פריצים האָט די פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג געלייזט אויך די פראַגע וועגן די קאָהאָלשע ערדן: די פויערים האָט מען דידאָזיקע ערד ניט אומגעקערט. ביז דעם 1792 יאָר האָט מען אין די דערפער פון פראַנקרייך געקענט טרעפן די שרעקלעכסטע איבערבלייבענישן פון דעם פעאָדאַלן רעכט. די בורזשואַזיע און די פריצים פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָבן אין פעווראַל און יוני 1790 יאָר אָנגענומען א ריי דעקרעטן, געווענדעט קעגן דעם פויערטום: די דערקלערונג פון קריגס-צושטאַנד קעגן די פויערשע פאַרזאַמלונגען, די פליכט צו צאָלן שטייערן א. א. וו. (ז. מאַט. און דאָק. № 5).

אין דער אַרבעטער=פראַגע האָט זיך דער בורזשואַזער מעהוס פון דער פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג ארויסגעוויזן ניט ווינציקער ווי אין דער פויערשער. אין 1789 יאָר האָט דער קריזיס ארויסגערופן א געוואַלדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, און אין די יאָרן 1790—1791 איז דער עקאָנאָמישער אויפשטייג געווען באַגלייט דורך א וואוקס פון דער שטרייק-באַוועגונג (ז. מאַט. און דאָק. № 6). זומער 1791 יאָר האָבן אין פאַריז געשטרייקט די בויער און טיפּאָגראַפן. די נ אַ צ י אָ נ א ל ע פ אַ ר ז א מ ל ו נ ג האָט באַשלאָסן ארייננצומישן זיך. די נויט אין אַרבעטער-הענט איז געווען גרויס, האָט די פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג באַשטימט צו פאַרמאכן די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן און אָפּשטעלן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, קעדיי צו פאַרמינערן דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער. איניינעם דערמיט האָט די פאַרזאַמלונג דעם 14=טן יוני 1791 יאָר באַשטימט, לויטן פאָרטראַג פון לע-שאַפּעליע וועגן אַרבעטער-פאַריינען און שטרייקן, צו פאַרווערן ארבעטער שליסן יאַדאַכעס און שטרייקן אונטער דער מוירע פון שטראָף (ז. מאַט. און דאָק. № 7). ניט קוקנדיק דערוף, וואָס דאָס געזעץ האָט פאַרווערט צו פאַרייניקן זיך אויך די אונטערנעמער, איז ער דאָך, אין גרונט, געווען געווענדעט נאָר קעגן די ארבעטער. די פאַרזאַמלונג האָט דערקלערט די פולע פרייהייט פון אָפּמאַך צווישן איטלעכן אַרבעטער און דעם באַלעבאָס. דערביי האָט זי זיך געשטיצט אף די פרינציפּן, וואָס זיינען דערקלערט געוואָרן אין דער דעקלאַראַציע וועגן די רעכטן פון מענטש און בירגער. פאַריינען און שטרייקן האָט מען פאַרווערט דערפאַר, וואָס מע האָט באַטל געמאַכט אלע קאָרפּאָראַציעס און צעכן, און דערפאַר, וואָס, ווי דער פאָרטרעגער האָט געזאָגט, אַז עס זאָלן ארויסטרעטן, לעמאָשל, 100 אַרבעטער אנטקעגן 10 אונטערנעמער, וועט עס פאַרשווערכן דעם פרינציפּ פון גלייכהייט צווישן יעכידים.

אין אָט די יאָרן, די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, אין די באַדינ-גונגען פונם עקאָנאָמישן אויפשטייג האָט די שטרייק-כוואַליע אוועקגעשטעלט אין טאָג-סיידער די אַרבעטער-פראַגע. די פראַגע וועגן ארבעטסלוין, וועגן דעם דעכט פון די ארבעטער אף פאַריינען זייער לעבהאַפט באהאנדלט גע-וואָרן. צומאָלס פלעגן די אַרבעטער ארויסווייזן באוואוסטזיניקייט און באַנעמונג פון זייערע אינטערעסן, אָבער אין אלגעמיין און גאנצן גענומען קאָנען זיי ניט פאַרגליכן ווערן צו דער בורזשואַזיע סײַ אינם זין פון זייער אָרגאַניזירטקייט און סײַ אינם זין פון אַ קלאָרער פאָרשטעלונג פון די קלאַסן-אינטערעסן. אינם בעסטן פאַל האָט זיך דער פּראָלעטאַריאַט נאָכגעשלעפּט נאָך דער קליינבור-זשואַזיע.

א קלאַסן-פּאָליטיק האָט די פאַרזאַמלונג געפירט אויך אין דער שטייערן-פראַגע. ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס מע האָט אָפּגעשאַפט די אומגלייכהייט אין דער פאַנאַנדערטיילונג פון די דירעקטע שטייערן און מע האָט באַטל געמאַכט די אומדירעקטע, איז דאָך דער גרעסטער טייל שטייערן ארויפגעלייגט געוואָרן אף די פּויערים.

די עקאָנאָמישע געזעצגעבונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געווען אין טאָך א בורזשואַזע. אין די קלאַסן-אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע איז געווען — צו קעמפן מיט די הערשנדיקע שטאַנדן — דעם אַדל און די גייסט-לעכע. טרעפנדיק אַ ווידערשטאַנד, פלעגט די בורזשואַזיע ווענדן זיך צו די מאַסן, זי פלעגט עס אָבער טאָן אזוי, אַז זי זאָל בינדן די רעוואָלוציאָנערע סטיכיע. פאַרניכטנדיק די יְעסוידעס פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג, האָט די פאַרזאַמלונג דערמיט גופע אונטערגעגראָבן די מאַכט פון די הערשנדיקע שטאַנדן. דעם 12-טן אַווגוסט 1789 יאָר האָט מען אָפּגעשאַפט דעם מאַיסער, דערמיט האָט מען געבראַכט אַ גרויסן מאַטעריעלן העזעק די גייסטלעכע. די מלוכע האָט אָפּגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס פון אַמט און שטאַנד, זי האָט אָפּגעשאַפט די קאָרפּאָראַציעס און האָט באַשלאָסן באַטל צו מאַכן די קירך „אַלס אַ מלוכע אין אַ מלוכע". דעם 12-טן יולי 1790 יאָר האָט מען אָנגענומען דאָס געזעץ וועגן דער ציווילער איינאָרדענונג פון די גייסטלעכע. דער טאָך דערפון איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אָנשטאָט די אַלטע קירך-דיסטריקטן זיינען איצטער געשאַפן געוואָרן נייע, וואָס האָבן געשטימט מיט די גרעניצן פון די מלוכע-דעפּאַרטאַמענטן, מע האָט אָפּגעשאַפט די קירך-טיטולן, און די שטעלעס פון בישאָפן און אויך גאַלאָכים פון די קעהילעס זיינען געוואָרן געווײַלטע. דער דעקרעט פון דעם 27-טן נאָיאַבר 1790 יאָר האָט באַשטימט, אַז די גייסטלעכע דאַרפן שווערן טרייהייט דער קאָנסטיטוציע, איינצייטיק דערמיט האָט די פאַר-זאַמלונג באַשלאָסן איינצופירן אַן איינהייטלעכקייט אין דער פאַרוואַלטונג פון לאַנד. גאַנץ פראַנקרייך איז איינגעטיילט געוואָרן אַף 83 דעפּאַרטאַמענטן. אָט דאָס זיינען געווען די בורזשואַזע, אָבער אויך, פאַר איר צייט, רעוואָלוציאָנערע מיטלען פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס זיינען געווען געווענדעט קעגן דער אַלטער אָרדענונג.

מיר ווייסן, אז די מעכטיקייט פון די גייסטלעכע, ווי אַ שטאַנד, איז

באַשטאַנען אין דעם ערד-אייגנטום. די גרינדונגס=פאַרזאמלונג האָט געשטרעבט אַרויסצוציען די מלוכע פון דעם פינאַנציעלן קריזיס און האָט גע- ווענדעט איר אויפמערקזאַמקייט אַף די ערדן פון די גייסטלעכע. דער דויכעק אין געלט איז געווען אַ גוואַלטיקער, און דעם 2=טן נאָיאַבר 1789 יאָר איז אָנגענומען געוואָרן אַ דעקרעט וועגן „דעם איבערגאַנג פון די קירך-פאַרמעגנס אין רעשוס פון דער נאַציע". פון די קירך=ערדן, און דערנאָכדעם אויך פון די ערד פון די עמיגראנטן-פריצים, איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד פון נאַציאָ- נאַלן פאַרמעגן. דערדאָזיקער דעקרעט האָט געצילט, פון איין זייט, אונטערצו= רייסן די סאָציאַלע מאַכט פון די הערשנדיקע שטאנדן, אָבער אינײנעם דערמיט אויך באַשאַפן אַ פונדאַמענט פאַר די פינאַנצן. אין דעם פעריאָד פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט דער אלגעמיינער ווערט פון די ערד אָנגעטראָפן 3.000.000.000 ליוור: דאָס האט געדינט ווי א פארזיכערונג פאַר די אַרויסגעלאָזענע אַסיגנאַציעס, וואָס פריער זיינען דאָס געווען האַלוואָע- אָבליגאַציעס פון דער מלוכע, און דערנאָכדעם פאַפיר-געלט מיט אַן אָבליגאַ= טאָרישן קורס. די ערד האָט מען געלאָזט אין פאַרקויף, מיטלען אָבער האָט פאַרמאָגט די בורזשואַזיע, און די ערד=נאַכלעס זיינען קוידעמקאָל אַריינגעפאַלן צו איר אין די הענט. אויב די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט טיילוויַז באַפרייט די פויערשע ערד, האָט אָבער דער אויספאַרקויף פון די נאציאָנאלע פאַרמעגנס לעגאמרע ניט געהאט בעדייע צו מאכן דעם פויער פאר אַן ערד-אייגנטימער. די עקספּראָפּריאירונג פון דער קירך און פון די פריצים האָט פאַרניכט זייער שטאנדן-מאכט, און דער אויספאַרקויף פון דידאָזיקע ערד האָט דאָך באשאפן אַ נייעם סאָציאלן שיכט, וואָס איז געווען מאטעריעל פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע.

די קאָנסטיטוציע פון 1791 יאָר.

אַלע רעפאָרמעס פון דער גרינדונגס-פאַר= זאַמלונג זיינען צונויפגענומען געוואָרן אינײנעם אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאמען „די קאָנסטיטוציע פון 1791 יאָר". דידאָזיקע קאָנסטיטוציע (דער אידעאַל פון דער פראנצויזישער גרויס=בורזשואזיע) האָט געהאט פאר אַ ציל צו פאַר- ניכטן די אלטע אָרדענונג, אָבער אין דערזעלביקער צייט האָט זי אויך פאַר- פעסטיקט דעם רעזשים פון דער בורזשואזער אַריסטאָקראַטיע. די פאַרשיידנ- אַרטיקייט אין דער פאַרוואַלטונג פון לאנד איז באַטל געוואָרן. פראַנקרייך איז איינגעטיילט געוואָרן אַף 83 דעפּאַרטאַמענטן, וואָס אין דער שפּיץ פון זיי זיינען געווען אויסגעוויילטע רעגירער. אויך דאָס געריכט איז געווען געוויילט. די קאָנסטיטוציע האָט אָפּגעשאפט די מעכיצעס צווישן שטאנדן און האָט גע- מאכט די נאציע פארן באַלעבאָס און הערשער פון לאַנד. דער קיניג איז גע= שטעלט געווארן אין אָפּהענגיקייט פון דעם פאַרלאַמענט, מע האָט אים אָבער געגעבן גענוג ברייטע פולמאכטן אַף צו באַטל מאַכן באַצייטנס אַזעלכע מיטלען, וואָס לוינען ניט דער בורזשואַזיע. די קאָנסטיטוציע האָט געזיכערט די פריי- הייט פון פערזאָן, האָט דערקלערט די פרייהייט פון וואָרט און האָט געמאכט

אַלע בירגער פאַרמעל גלייך. די ווײלער אָבער האט זי איינגעטיילט אַף
אַקטיווע און פאַסיווע. די אקטיווע בירגער (2.298.360 אַף 26 מיליאָן איינוואוי-
נער פון לאנד)—דאָס זיינען ניט די, וואָס האָבן זיך באטייליקט באַם איינעמען
באַסטיליע, נאָר די, וואָס פאַרמאָגן אייגנטום (ק. דעמולען). אַ רעכט צו זיין אַ
ווײלער האָט געהאט יעדער בירגער, וואָס צאָלט שטייערן אין א סכום פון אַ
דריי-טאָגיקן אַרטיקן פארדינסט. אָבער קעדיי אויסגעוויילט צו ווערן אין דער
מוניציפּאַלער אדער דעפּאַרטאַמענט-פארוואלטונג האָט זיך געפאָדערט צו צאָלן
שטייערן אַ סכום פון א צען-טאָגיקן פארדינסט, און אין דער נאציאָנאלער
פארזאמלונג — אַ סכום פון איין זילבערנעם מארק און, אַכוץ דעם, נאָך
זיין א באלעבאָס פון עפּעס אן ערד-אייגנטום. אפן יעסאד פון אָט דעם געזעץ
איז אויסגעוויילט געווארן די ווייטערדיקע, געזעצגעבנדיקע פארזאמלונג.
אין די הענט פון די אקטיווע בירגער איז איבערגעגעבן געווארן די פארוואל-
טונג מיטן לאנד פון אויבן ביז אראָפּ. ווען מע זאָל נאך דערצו צוגעבן, אז
דעם 21 אָקטיאבר 1789 יאָר האָט די פארזאמלונג אָנגענומען דעם אזוי
גערופענעם קריג-געזעץ קעגן אויפשטאנד, דאן ווערט אינגאנצן קלאָר איר
בורזשואזער קלאסן-כאראקטער.

פאַרטייען און קלובן אין דער עפּאָכע פון דער גרינדונגס-פאַרזאמלונג.

אין דער גרינדונגס-פארזאמלונג זיינען ניט גע-
ווען קיין שארף אָפּגעגרעניצטע פארטייען. די דע-
פּוטאטן פלעגן ליב האבן צו דערקלערן, אַז זיי
זיינען ניט קיין מיטגלידער פון קיין פאַרטיי. גרופּירט
האָבן זיי זיך אַרום קלובן. אין דער גרינדונגס-פאַר-
זאמלונג קען מען פארצייכענען אט די גרופּירונגען: די עקסט רעכטע, מאָנאר-
כיסטן-קאָנסטיטוציאָנאליסטן און א שוואכער דעמאָקראטישער פליגל. די עקסט
רעכטע גרופּע האט אַף אלערליי אויפאנים פארטיידיקט די אלטע אָרדענונג,
די ווערדע פון אָט דער גרופּע איז אָבער געוואָרן אַלץ קלענער. די קאָנסטי-
טוציאָנאַליסטן זיינען געווען די אוטאָרן פון דער קאָנסטיטוציע פון 91 יאָר.
זיי האבן געהאט זייער קלוב — דעם „קלוב פון 1789 יאר". די רעכטע האבן
פארגעשטעלט די אינטערעסן פון פעאָדאלן ערד-אייגנטום, די קאנסטיטוציאָנאַ-
ליסטן אָבער, די „לייט פון 1789 יאָר" זיינען געווען פארשטייער פון דער
גרויס-בורזשואזיע. די עקסט לינקע גרופּע פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג איז
צו יענער צייט ניט געווען רעפּובליקאניש, דאס זיינען געווען דעמאָקראַטיש
געשטימטע מענטשן: ראָבעספּיער, פּעטיאָן א. אז. וו. אָט די גרופּע האָט נאָך
דעם קיניגס אנטלויפן אין יוני 1791 יאר אנגעהויבן צו פארשטארקן זיך. די
קלובן, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, האבן אין דער עפּאכע פון דער רעווא-
לוציע געשפּילט דיזעלביקע ראלע, וואס אין אונזער צייט פארטייען. זיי זיינען
געווארן צענטרען פון דער רעוואלוציאָנערער באוועגונג. אַ באזונדער באַדייטונג
האָט געקראגן דער יאקאָבינער קלוב. די „געזעלשאפט פון די יאקאָבינער",
פריינט פון פרייהייט און גלייכהייט, האט זיך געגרינדעט דעם 8-טן פּעווראל
1790 יאר. שוין אין יוני פון 91 יאָר האט דער קלוב געציילט 406 אָפּטיילן

אין דער פּראווינץ. ביזן סאָף 91 יאר האט ער פאררייניקט אי די מעסיקע אי די עקסטע דעמאקראטן, און ערשט נאָך דעם 17-טן יולי 1791 יאר (זע ווייטער האבן זיך פון אים אפּגעטיילט די מעסיקע, די פעליאנער, וואס האבן געשאפן אן אייגענעם קלוב. אַכוץ דעם איז אין פּאריז געווען א קלוב פון קאָרדיליערן, וואס האט פאררייניקט די עקסטע עלעמענטן פון דער הויפּטשטאט. אין דער עפּאכע פון דער גרינדונגס-פאַרזאמלונג האט אבער דער קלוב קיין ווי‍כטיקע ראלע ניט געשפּילט.

נייע פּרוּוון פון קאָנטער - רעוואָלוציע.

אין 1791-טן יאָר ווערט שטאַרקער דער אָנגריף פון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קויכעס. דער קיניג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו סאַנקציאָנירן די געזעצן קעגן די גייסטלעכע, שטיצנדיק זיך אין זיין קאַמף מיט דער רעוואָלוציע אָף דער פּריצישער עמיגראַציע און די באַוואָפנטע קויכעס פון די אייראָפּעאישע מלוכעס. די עמיגראַציע פון דעם אַדל און די מיטגלידער פון דער קיניגלעכער מישפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך זינט די געשעענישן פון 14-טן יולי און 5—6 אָקטיאַבר. די פּריצים האָבן זייער צענטר געמאַכט ניט ווייט פון דער פראַנצויזישער גרעניץ (קאָבלענץ) און דאָרט האָבן זיי געזאַמלט זייערע קויכעס קעגן פראַנקרייך. דער קיניג האָט זיך געפּרואווט אָרגאניזירן אַ פּלייטע פאר זיך, קעדיי אָנצופאַלן אָף דער רעוואָלוציע אין דער שפּיץ פון אן אַרמיי, וואָס איז אים טריי. דעם 20-טן יוני באַנאַכט 1791-טן יאָר איז ער אַנטלאָפן אין וואַרען, מע האָט אים אָבער געכאפּט און אומגעקערט צוריק אין פּאַריז. די אָפּאָזיציאָנעל געשטימטע פארזאַמלונג האָט אָבער, מוירעהאָבנדיק פאַר דער רעפּובליקאַנישער באוועגונג, אינגיכן אָנגעהויבן וואוילגעניגט צו באַציען זיך צום קיניג. זי האָט דערקלערט, אז דעם קיניג האָט מען עס אָרויסגעגאַנוועט. די רעפּובליקאַנישע עלעמענטן האָבן פון זייער זייט געגרייט א מאַרש קעגן דער קיניגלעכער מאַכט. דעם 17-טן יולי 1791-טן יאר איז לויט דער איניציאַטיוו פון דעם קלוב פון די קאָרדיליערן פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע אָפן מאַרס-פעלד, וואו די בירגער האָבן געכאַסמעט אַ פּעטיציע מיט אַ פאָדערונג אַראָפּצואווארפן דעם קיניג. דאָ האָט די בורזשואזיע צום ערשטן מאָל באַנוצט דאָס קריג-געזעץ קעגן פאָלק. לאַפאַיעט, דער פירער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, האָט צעוויקלט די רויטע פאָן, אַ צייכן, אַז עס איז דערקלערט געוואָרן קריגס-צושטאַנד, און די בורזשואזע גוואַרדיע האָט צעשאָסן דעם האַמוין פון פאָלק.

צום ערשטן מאָל האָט דער צוזאַמענשטויס צווישן דער בורזשואזיע מיטן פאָלק אָנגענומען א באַוואָפנטן כאַראקטער. דער 17-טער יולי איז אָף אזא אויפן דער ערשטער אָנזאָג פון דעם קומענדיקן בירגער-קריג. דידאָזיקע מילכאָמע וועט זיך אָנצינדן און פאַרטיפן זיך, דער איקער מאַכמעס דער סאַקאָנע פון אויסן. אין אַווגוסט 1791-טן יאָר האָבן עסטרייך און פּרייסן פארעפנטלעכט דעם אזוי גערופענעם פּילניצער מאַניפעסט: זיי האָבן געפאָדערט, מע זאָל אום-

קערן דעם קיניג די פרייהייט און באַטל מאַכן די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע.

די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט: זי האָט אָרגאַניזירט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, וואו די מאַכט האָט געהערט דער גרויס-בורזשואַזיע. געמיינט האָט מען, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט, נאָר זי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן (ז. מאַט. און דאָק. נומ. 11).

דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג.

דעם 1-טן אָקטיאַבר 1791 יאָר האָט זיך געעפנט די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג. זי איז אויסגעקליבן געוואָרן אַפן יעסאָד פון דעם געזעץ וועגן אַקטיווע און פאַסיווע בירגער. לויט אַ ספּעציעלן באַשלוס פון דער גרינדונגס-פאַרזאמלונג האָט קיין איין פאַסיוועד בירגער ניט געקאָנט זיין קיין דעפּוטאַט פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג. די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג האָט עס געדאַרפט פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פון דער קאָנסטיטוציע פון 91-טן יאָר. זי האָט אָבער ניט פאַרווירקלעכט דידאָזיקע פּרינציפּן. פאַרקערט, זי האָט געמאכט צו נישט אַלע ארבעטן פון דער פריערדיקער פאַרזאַמלונג. די געזעצגעבערשע פאַרזאַמלונג האָט באַשאַפן די פּאָר-האַנאַכעס פאר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק. אונטער דער ווירקונג פון צוויי אַנטשיידנדיקע געשעענישן האָט מען געקליבן די דעפּוטאַטן פון דער נייער פאַרזאמלונג: דעם קיניגס אנטלויפן און דער שיסערייַ אַפן מאַרס-פעלד. דאָס איז שוין געווען ניט די פרידלעכע סוויווע פון דער טריאומפירנדיקער רעוואָלוציע, נאָר די ערשטע דונערן פון דעם אָנוואַקסנדיקן בירגער-קריג. דער גרעסטער טייל דעפּוטאַטן פון דער געזעצגעבערשער פארזאַמלונג איז באַשטאַנען פון אדוואָקאַטן און שרייבער: דאָס זיינען געווען טאַלמידים פון די גרויסע לערער, אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע. זייער אויפירונג איז באַשטימט געוואָרן דורך די געשעענישן, וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַנאַנדערוויקלען זיך. די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון דעם אדל, די גייסטלעכע און דעם קיניג, די מילכאָמע-געפאַר און די פארטיפערונג פון דעם עקאָנאָמישן כורבן, — דאָס זיינען געווען די באַדינגונגען, בא וואָסערע דער געזעצגעבערשער פארזאמלונג איז אויסגעקומען צו אַרבעטן. מע דארף דערביי ניט פאַרגעסן, אז די גרינדונגס-פארזאַמלונג האט נאך ניט געלייזט די פויערים-פראַגע, אזוי אז דער געזעצגעבערשער פארזאמלונג איז בא די שווערסטע באדינגונגען פון בירגער-קריג אויסגעקומען צו לייזן פראָבלעמען פון דער גרעסטער וויכטיקייט. נאָר די אַקטיווקייט פון די פאָלקסמאַסן, ווי אין די טעג פון 14-טן יולי און 5—6 אָקטיאַבר, האָט געקאָנט העלפן דער געזעצגעבערשער פארזאַמלונג. אָבער דער בורזשואַזער צוזאַמענשטעל פון דער פארזאַמלונג האָט ניט געקאָנט שאָלעם מאכן מיט דער איניציאטיוו און דער אַקטיווקייט פון די מאַסן. פון דערפון נעמט זיך די ניט

שטאַנדהאפטיקייט פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאמלונג. „די געזעצגעבערשע פארזאמלונג, שרייבט אָלאַר, האָט די גאנצע צייט אויסגעזעען, ווי זי וואָלט זיך אונטערגעגעבן אונטערן רוישעם פון מאָמענט אמאָל איינער, אמאָל דער אַנדערער פון די צוויי טענדענצן, וואָס איינע פון זיי וואָלט מען געקאָנט אָנעמען ווי א דעמאָקראטישע, א רעפובליקאנישע, און די צווייטע ווי אַ בורזשואזע, א מעסיקע. ביזן סאמע 10-טן אווגוסט 1792-טן יאָר האט די מערהייט פון דער פאַרזאַמלונג געבויגן זיך אמאָל לינקס, אמאָל רעכטס. אין דערעמעסן, קאָלזמאַן דער טראָן איז געשטאנען אף זיין אָרט, איז בא דער פארזאמלונג אף קיין איין מאָמענט ניט אויפגעקומען דער פארלאַנג צו מאַכן עפעס אַ האַנאָכע לעטויוועס דער דעמאָקראטיע אָדער אַ רעפובליק. אירע קאַוואָנעס זיינען געווען דורכויס מאָנאַרכיסטישע“. אף האַנאָכעס איז זי געגאנגען נאָר אונטערן דרוק פון דער טריבונע און דער גאַס. אָט די ניט שטאנדהאַפטיקייט פון דער געזעצגעבערשער פאַרזאמלונג דאַרף מען זוכן אין דעם בירגער־קריג, וואס האָט געהאלטן אין פאַנאַנדערוויקלען זיך אפן יעסאָד פון דעם אלץ וואַקסנדיקן עקאָנאָמישן קריזיס, בעאיס די מערהייט אירע וויל ניט ווענדן זיך צו דער הילף פון די מאַסן. וועגן דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין דער עפּאָכע פון דער געזעצגעבערשער פארזאַמלונג זאָגן איידעס אָט די ציפערן: אין יאנוואַר 1791-טן יאָר האָט דער קורס פון פאַפיר־געלט אָנגעטראָפן 91% פון מעטאל־געלט, צו דער צייט ווען עס האָבן זיך געענדיקט די ארבעטן פון דער גרינדונגס־פארזאַמלונג איז דער ווערט פון פאַפיר־געלט געפאלן ביז 82%, צום סאָף 1792-טן יאָר (צום 10-טן אווגוסט)—ביז 51%. דאס פאַלן פון דעם ווערט פון געלט האָט געשטארקט דעם יאקרעס אף ברויט. הונגער איז געווען די סיבע פון דעם סטיכישן רעוואָלוציאָנערן פראָטעסט פון די מאַסן אין די יאָרן 1792—1794.

די פאַרטייען פון דער געזעצגעבער־שער פאַרזאמלונג.

בא די באַדינגונגען פון בירגער־קריג ווייזט זיך ארויס אין דער געזעצגעבערשער פאַרזאַמלונג אלץ שאַרפער דער טהאָם צווישן די באַזונדערע שטרעמונגען. אפן רעכטן פליגל געפינען זיך די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיסטן, די פעליאַנער, בעסאַכאַקל 160 מאַן. נאָר מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן דרוק פון די מאַסן האָבן זיי צו זיך צוגעצויגן אסאך דעפוטאַטן פון צענטר. זיי זיינען געווען אָנהענגער פון די פרינציפן פון 89-טן יאָר. דער צענטר האָט געציילט ביז 300 דעפוטאַטן. זיי האָבן ליב געהאַט צו רופן זיך אומאָפהענגיקע פאַרטיי, נאָר אָפט פלעגן זיי נויטע זיין אפן צאַד פון די פעליאַנער. דידאָזיקע גרופעס האָבן פאַרטראָטן די אינטערעסן פון די רייכע פינאַנסיסטן, פון די מלוכע־מאָנאָפּאָליעס, גרויסע ליפעראַנטן פון הויף און פון דער מלוכע, ספעקוליאַנטן פון ברויט און שפייז־פראָדוקטן. אף דער לינקער זייט זיינען געזעסן די יאַקאָבינער. אזוי האָט מען פון אָנהויב גערופן אלע לינקע: די זשיראָנדיסטן און מאָנטאניארן. די יאַקאָבינער האָבן זיך געהאַלטן בא איין פּאָליטיק: זיי האָבן אַכטונג געגעבן אף דער

קיניגלעכער מאכט און האָבן געשטרעבט איינצוהאַלטן זי אין אן אונטערטעניקן צושטאַנד; אָבער די יאַקאָבינער זיינען ניט געווען קיין איינהייטלעכע גרופּע. שאַרפע כלוקע-דייעס צווישן די יאַקאָבינער האָבן זיך ארויסגעוויזן שפּעטער אין דער פראגע וועגן מילכאָמע, און דאַן איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג. אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן פון 20-טן יוני און 10-טן אווגוסט זיינען די יאַקאָבינער צעפאַלן זיך אף צוויי פייגטלעכע גרופּעס — זשיראָנדיסטן, פאַרטרעטער פון דער געשעפט-בורזשואזיע, און מאָנטאַניאַרן — פאַרטרעטער פון דער קליין-בורזשואזיע. נאָר די מאַכלויקעס צווישן דידאָזיקע גרופּן איז ערשט געלייזט געוואָרן שפּעטער מיט דער הילף פון געווער אין דער עפּאָכע פון קאָנווענט. אין דער עפּאָכע פון דער געזעצגעבערשער פאַרזאַמלונג פלעגן זיך די סטירעס צווישן די פאַרשיידענע גרופּן פון די יאַקאָבינער ארויסווייזן דער איקער אין פּאָליטישע פראַגן: די באַציאונג צו דער קיניגלעכער מאַכט און צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון פאָלק. די זשיראָנדיסטן זיינען געווען פאַרטראָטן דורך א גרויסער צאָל גלענצנדיקע אָראַטאָרן, זשורנאַליסטן און שרייבער: בריסאָ, ווערניאָ, קאָנדאָרסיע, ראָלאַן. דאָס איז געווען אַ פּאַרטיי פון „מלוכע-לייט“. דער לינקער פליגל פון די יאַקאָבינער איז געווען שוואַך פאַרטראָטן אין דער פאַרזאַמלונג; זייער צענטער איז געווען אין פּאריז. אין דעם יאַקאָבינער קלוב — ראָבעספּיער, אין דעם קלוב פון די קאָרדיליערן — דאַנטאָן, און, לעסאָף, מאַראַט — אָט ווער עס זיינען געווען די פאַרטרעטער פון די עקסט לינקע אידייען אין דער הויפּטשטאָט.

די געזעצן קעגן אַדל און די קירכלייט.

אַן ערנסטן ניסאָיען האָט די געזעצגעבערשע פאַרזאַמלונג געטראָפן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע וועגן די גייסטלעכע און דעם אַדל. די עמיגראַציע פון דעם אַדל האָט זיך אַלץ געשטאַרקט. אומעטום האָבן זיי גערייט א מילכאָמע קעגן פראַנקרייך. אינעווייניק אין לאַנד האָבן זיי מיטגעהאָלפן דער קאָנטר-רעוואָלוציע. אין דער שפּיץ פון די עמיגראַנטן זיינען געשטאַנען דעם קיניגס ברידער. מיט דער הילף פון די עמיגראַנטן האָט דער קיניג אויפגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט די דעספּאָטן פון אייראָפּע. אף אַזאַ אויפן איז דער קאַמף מיט די עמיגראַנטן געווען פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דער סאַקאָנע פון אויסן און קעגן די מאַכינאַציעס פון קיניג. דער דעקרעט פון דעם 9-טן נאָיאבר 1791 יאָר, וועלכן די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען, האָט דערקלערט די פראַנצויזן, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אף יענער זייט גרעניץ, אונטערן כשאַד, אז זיי מאַכן א פאַרשווערונג קעגן דעם פאָטערלאַנד. די פאַרזאַמלונג האָט געמאָלדן, אז אויב צום 1-טן יאַנוואַר 92-טן יאָר וועט זיך די צונויפקומעניש פון די עמיגראנטן ניט צעשפּרייטן, וועט די פאַרברעכער קומען טויט-שטראָף און זייער אייגנטום וועט מען קאָנפיסקירן. ניט ווייניקער וויכטיק איז געווען די פראַגע וועגן די גייסטלעכע. די גאַלאָכים, וואָס האָבן ניט געשוואָרן, האָבן געשטרעבט אויפצוהויבן אן אויפשטאַנד אין לאַנד. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער אומצופרידנקייט פון א טייל פויערים, וואָס האָבן

פון דער רעוואָלוציע דערווײַלע נאָך גאָרנישט באַקומען, און מיט זייער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, קעדיי אָנצורייצן די פינסטערע און אומווויסנדיקע מאַסע פון די מער אָפּגעשטאַנענע קאַנטן פון פראַנקרייך (וואַנדייע) קעגן דער רעוואָלוציע. אַ געלעגנהייט דערצו האָט זיי געגעבן דאָס געזעץ וועגן דער ציווילער איינאָרדענונג פון דער קירך. אף אזאַ אויפן האָט מען קעגן די גייסטלעכע, פונקט אזוי ווי קעגן דעם אַדל, געמוזט אָנעמען אנטשיידענע מיטלען. דעם 29-טן נאָיאַבר 91-טן יאָר האָט די פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג באַשטימט, אַז די גייסטלעכע, וואָס האָבן ניט געשוואָרן, זאָל מען ארעסטירן און אריינזעצן אין טורמע, און דאָס געזעץ פון דעם 27-טן מאַי 92-טן יאָר האָט געפאָדערט, אז די גאַלאָכים, וואָס האָבן ניט געשוואָרן, זאָל מען פאַרשיקן. דידאָזיקע דעקרעטן האָט דער קיניג ניט באַשטעטיקט, און די פאַרזאַמלונג האָט זיך אף אַזאַ אויפן געטראָפן פאָנים-על-פאָנים מיט דער פראַגע וועגן דער קיניגלעכער מאַכט. די אלע פראַגן זיינען געווען גאָר ענג פארבונדן מיט דער פראַגע וועגן דער סאַקאָנע פון אויסן.

אייראָפּע און די רעוואָלוציע.

צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט איז אין די אייראָפּעאישע מלוכעס די פעאָדאַלע אָרדענונג אף העלפט שוין צעפאַלן (וועגן רוסלאַנד רעדט זיך דאָ ניט). געוויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין עסטרייך און פרייסן האָבן זיך שוין געלאָזט זייער גרינג באַאיינפלוסן פון די אידייען פון 89-טן יאָר. אָבער בעאייס ענגלאַנד האָט זיך ניט געניויטיקט אין קיין פּאָליטישער רעוואָלוציע צוליב דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, האָבן די אייראָפּעאישע מלוכעס נאָך ניט געקענט ארויסטרעטן אף דעם וועג: אין עסטרייך און פרייסן זיינען נאָך ניט געווען גרייט די נויטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאָר-האַנאָכעס פאַר אַ בורזשואזער איבערקערעניש. עמעס, איינציקע מענטשן און גרופּעס אין דידאָזיקע לענדער האָבן מיטגעפילט דער רעוואָלוציע, אָבער די פויערשע מאַסע איז געווען צו פאַסיוו, זי זאָל אויפשטיין קעגן די אונטערדריקער. אָט פאַרוואָס אין דעם ערשטן מאָמענט פון דער רעוואָלוציע האָבן די אייראָפּעאישע מלוכעס באַצויגן זיך צו איר איינגעהאַלטן און האָבן באַטראַכט, אף וויפל זי איז נוצלעך אָדער שעדלעך פאַר זייערע רויבערישע אינטערעסן; דערנאָך אָבער איז דידאָזיקע נייטראַליטעט פאַרשוואונדן. לעכאַטכילע זיינען אלע מלוכעס געווען צופרידן דערמיט, וואָס פראַנקרייך ווערט אָפּגעשוואַכט, וואָס זי וועט מער קיינעם ניט שטיין אין וועג. רוסלאַנד, עסטרייך און פרייסן האָבן געטרוימט צו באַראַבעווען פוילן און טערקיי. ענגלאַנד האָט זיך באַנוצט מיט דער רעוואָלוציע קעדיי צו פאַרכאַפּן די פראַנצויזישע קאָלאָניעס. אָבער וואָס מער די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך פאַרטיפט, אלץ מער אָנשטעקנדיק איז געוואָרן דער ביישפּיל אירער פאַר אנדערע פעלקער, אלץ פיינטלעכער האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו באַציען צו דער רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט מיט איר דעקרעט פון 4-טן אַווגוסט אָנגערירט די אינטערעסן פון אייניקע פעאָדאַלע פירשטן פון דער דייטשישער

אימפעריע, און די נייע רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג האָט זיך אף אזאַ אויפן צוזאַמענגעשטויסן אויך מיט די אינטערעסן פון די אייראָפּעאישע פעאָדאַלן.

אינעווייניק אין פראנקרייך האט דער ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע ביס-לעכווייז גענומען צוריק אויפשטעלן די מעכטיקייט פון לאנד. די אייראָפּעאישע הערשאפטן האבן געמוזט איינזען, אז אן אויפגעלעבטע דורך דער רעוואָלו-ציע, איינהייטלעכע און פרייע פראנצויזישע נאציע איז אסאך שטארקער איי-דער זייערע צעבראָקלטע און אונטערגעיאָכטע פעלקער. פראנקרייך איז געוואָרן פאר זיי א סאקאָנע. זי האט צעריסן דעם עסטרייך-פראנצויזישן אָפּמאך פון 1756-טן יאָר, וואס האט גוירעם געווען צו פראנקרייכס שוואכקייט אין דעם מעשעך פון דער צווייטער העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט; זי האָט געטרוימט צו צערייסן אויך דעם ענגליש-פראנצויזישן אָפּמאך פון 1786-טן יאָר. איצטער האט די רעוואָלוציאָנערע פראנקרייך געפאָדערט, מע זאל צעטרייבן די עמי-גראנטן, וואס האבן זיך געפונען א מאָקעם-מיקלעט אין די שכיינישע מלוכעס. א מילכאָמע האט זיך אָנגערוקט אלץ נעענטער. אָבער ווען דארף שלאָגן די שאָ אירע? ווענגן דעם איז אין דער געזעצגעבערשער פארזאמלונג ניט געווען קיין איינשטימיקייט. דער קיניג האט געכאָלעמט וועגן א באוואָפנטן קאָנגרעס פון די אייראָפּעאישע מלוכעס, וואָס זאָל צווינגען פראנקרייך צו האָבן דערעכערעך פאר זיינע רעכטן. די פעליאנער האָבן געוואָלט א „באגרעניצטע מילכאָמע“, ד. ה. אזא מילכאָמע, וואָס דער קיניג זאל זי פירן און אומקערן זיך צוריק זיין פארלאָרענע פּאָפּולאריטעט. נאָר באזונדערס שטארק זיינען געווען די כלו-קע-דייעס צווישן די יאַקאָבינער. די זשיראָנדיסטן האבן געוואָלט א מילכאָמע טייקעף און עס מעג זיך זיין וואס עס וויל; די מאָנטאַניאַרן, ראָבעספּיער, האבן געקעמפט קעגן אן אומפארמיידלעכער מילכאָמע. פאר די זשיראָנדיסטן איז די מילכאָמע געווען א מיטל צו קומען צו דער מאכט, אונטערוואַרפנדיק אונ-טער זיך דעם קיניג. אָבער ווי אזוי צווינגט מען דעם קיניג, ער זאל זיך ווענדן נאָך הילף צו דער זשיראָנדע? מע דארף אָנשרעקן דעם קיניג מיט אַן אויסברוך פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, אָבער מאכן דארף מען עס אזוי, אז די פאלקסמאסן, ווענדנדיק זייער קלאפּ קעגן דעם קיניג, זאלן דערביי אויספירן די פלענער פון דער זשיראָנדע. מיט איין וואָרט, זיי האָבן געוואָלט איינשפאנען די פאָלקס-סטיכיע און בעאייס-מאייסע מאכן זיך אונטערטעניק די קיניגלעכע מאכט. פארשטייט זיך, צוליב דעם איז די בעסטע זאך צו ווענדן דעם פאָלקס-צאָרן קעגן די טיראנען פון אויסן, לאָזנדיק צו רו דעם אייגענעם דעספּאָט. איניינעם דערמיט איז פאר דער זשיראָנדע, דער פארטרעטערין פון די אינטערעסן פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, געווען באזונדער וויכטיק אויפצושטעלן דעם צווישנפעלקערלעכן פּרעסטיזש פון דער מעדינע. ראָבעס-פּיער איז געווען קעגן אַן אויסלענדישער מילכאָמע. ער האט געוואָלט א פאָלקס-מילכאָמע נאך א ניצאָכן איבער דעם קיניג פון די פראנצויזן.

דעם 3-טן דעקאבער 1791-טן יאָר האט דער קיניג געשריבן געהיים צום פּרייסישן קיניג, אז פאר אים איז מער פון אלץ געוואונשן א באוואָפנטער קאָנגרעס קעדיי אויפצושטעלן א בעסערע אָרדענונג. די עמיגראנטן אָבער זיי-

בען געגאנגען ווייטער. זיי האבן געשטרעבט אויפצוהויבן א קרייץ-צוג קעגן דער רעוואָלוציע. אזוי איז דער קאמף מיטן קיניג און מיט דעם אַדל געוואָרן א מוז קעדיי צו באשיצן די רעוואָלוציע פון אויסן און פון אינעווייניק. דעם 20-טן אפרעל 92-טן יאָר האט די פ א ר ז א מ ל ו נ ג, לויט דער אויפ-פאָדערונג פון דער זשיראָנדע, דערקלערט א מילכאָמע עסטרייך. פראנקרייך האט ניט געהאט קיין גענוג שטאַרקע דיסציפּלינירטע ארמיי. די מיליטערישע טיילן פון דער אלטער ארמיי, די אזוי גערופענע לינייאישע מיליטער זיינען געווען דעזאָרגאניזירט, די פּריווילּיקע פון 91—92-טן יאָר זיינען נאָך ניט געוואָרן קיין רעגולערע רעוואָלוציאָנערע טיילן. די אָפיצערן האבן אין דער געוואלדיקער מערהייט זייערער עמיגרירט, און פראנקרייך האט אין אָנהויב פון דער קאמפּאניע געליטן איין מאפּאָלע נאָך דער אנדערער.

„די רעוואלוציע און דאס פאטער-לאנד אין געפאר".

א מוירעדיקע סאקאנע האט געדראָט דעם לאנד און דער רעוואָלוציע. דעם 11-טן יולי 1792-טן יאר האט די געזעצגעבערשע פארזאמלונג דערקלערט: „דאָס פאטערלאנד איז אין געפאר". גאנץ פראנקרייך איז אויפגערודערט געוואָרן ביז די טיפסטע שיכטן פון דער דאָרפישער מאַסע. דורך א דעקרעט פון דעם 25-טן יולי 1792-טן יאר איז דערקלערט געוואָרן, אז די זיצונגען פון אלע אָרגאנען פון דער פאריזער זעלבסטפארוואלטונג, פון די 48 סעקציעס זיינע, קומען פאָר קעסיידער אָן אן איבערייס. דעם 1-טן אווגוסט האט די פ א ר ז א מ ל ו נ ג דערלויבט די מוניציפּאליטעטן צעטיילן געווער אלע בירגער, די אקטיווע און פאסיווע. זי האט דערקלערט, אז יעדער בירגער, „וואס וועט מילכאָמע האלטן פאר דער פרייהייט", וועט אריבערגעפירט ווערן אין דער קאטעגאָריע אקטיווע בירגער. „אָט אף אַזאַ אויפן האט די מאָנארכיסטישע בורזשואזע פארזאמלונג, אונטערן דרוק פון דער נויט צו פארטיידיקן דאס פאָטערלאנד, צוגעגרייט די מאפּאלע פון דער מאָנארכיע און דער בורזשואזיע". דער קיניג האט זיך ווידער אָפּגעזאָגט צו סאנקציאָנירן דעם דעקרעט וועגן אויפשטעלן א מיליטערישן לאגער פון 25.000 מענטשן ארום פאריז צו פארטיידיקן די רעוואָלוציע. ער האט אראפּגעוואָרפן ראָלאנס זשיראָנדיסטישע מיניסטעריום, וואס ער האט באשטימט דעם 12-טן מארט 1791-טן יאָר, אין די טעג פון אויפרעגונג און רעוואלוציאָנערער אויפרודערונג. ער האט ווידער אנגעהויבן צו פירן אקטיווע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אָפּעראציעס. גענעראל לאפאיעט, דער קאָמאנדיר פון דער צענטראלער ארמיי, האָט געשטיצט דעם קיניג. דאָס רעוואלוציאָנערע פאָלק האט איצטער געהאט צו קעמפן ניט נאָר מיטן קיניג און די פּריווילעגירטע שטאנדן, נאָר אויך מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער בורזשואזיע. ווער וועט זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער נייער רעוואָלוציע: די זשיראָנדיסטן צי די יאקאָבינער? די-דאָזיקע פראגע איז געלייזט געווארן אין די טעג פון דעם 20-טן יוני און 10-טן אווגוסט.

די דעמאָנסטראַציע פון דעם 20־טן יוני.

דעם 20־טן יוני האָבן די זשיראָנדיסטן גע־פרואווט אויסנוצן די פאָלקס־באַוועגונג, קעדיי צו צווינגען דעם קיניג צו סאַנקציאָנירן די דעקרעטן. די דעמאָנסטראַציע פון דעם 20-טן יוני האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן, וואָרום די זשיראָנדיסטן האָבן געוואָלט נאָר אינסצענירן אַ פאָלקס־באַוועגונג. פון דעם מאָמענט פון אָנהויב דעמאָנסטראַציע ביזן סאָף יאָר האָבן זיי מער פון אַלץ מוירע געהאַט פאַר אַ פאָלקס-באַוועגונג. „אין דער דעמאָנסטראַציע פון דעם 20-טן יוני, שרייבט קונאוו, איז געווען עפּעס אַ קאָמישע זאַך", אַף די פּלאַקאַטן זיינען מערסטנס געווען מעסיקע פאָדערונגען. און ווען דאָס פאָלק האָט זיך אַריינגעריסן אין פּאַלאַץ צום קיניג און האט געפאָדערט, ער זאָל באַשטעטיקן די דעקרעטן, „האָבן ווערניע, אינסאַר און אַנדערע דעפּוטאַטן פון דער זשי־ראָנדע געשטעלט זיך נעבן דעם קיניג און האבן באַשלאָסן אָפּצוהיטן אים". אין די טעג פון דעם 20-טן יוני זיינען אָבער די נידעריקע פאָלקס-שיכטן פון פּאַריז אַרויסגעטראָטן „ניט ווי אַ צעבונטעוועטער קויעך, ווי אין די אָקטיאַבער־טעג פון 89-טן יאָר, נאָר ווי אַ רואיקע מאַסע, וואָס איז צופרידן מיט איר קראַפט און איז פעאיק צו אָרגאַניזירן זיך. דאָס האט געמאַכט ציטערן די בורזשואַזיע". נאָך דעם 20-טן יוני האט זיך דעריבער אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַר־קונג פון דער רעאַקציע. בא די בורזשואַזע מאַסן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייער שטראָם ראָיאַליסטישע געפילן. לאַפאַיעט איז געקומען דעם 28-טן יוני אין דער פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג מיט אַ פאָדערונג צו „פאַרניכטן די סעקטעס, וואָס רייסן זיך אַריין אין די אַלערהעכסטע רעכטן פון דער נאַציע". ער האָט געפאָדערט, מע זאָל פאַרפאָלגן די אָנפירער פון דעם 20־טן יוני. אין דער געזעצגעבער־שער פאַרזאַמלונג זיינען פאָרגעקומען רירנדיקע סצענעס פון שאָלעם שליסן צווישן די בורזשואַזע גרופּעס. אַף איין פאַרזאַמלונג אַזאַ איז באַשלאָסן גע־וואָרן אַרויפלייגן אַ קלאָלע אַף איטלעכן, וואס וועט פּרוּוון ווידער אויפ־שטעלן דעם דעספּאָטיזם אָדער גרינדן אַ רעפּובליק. דער רעוואָלוציע איז אויסגעקומען, אַף אַזאַ אויפן, אַרויסצוטרעטן אַנטקעגן דער געזעצגעבערשער פאַרזאַמלונג אויך. נאָר די געשעענישן פון דעם 10-טן אַווגוסט זיינען צוגע־גרייט געוואָרן דורך נאָך אַ פיינטלעכן אַקט פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע. דעם 25-טן יולי האט דער הערצאָג פון בראַונשווייג פאַרעפנטלעכט אַ מאַניפעסט, וואו ער האט געשראָקן צו פאַרטיליקן דאס לאַנד, די רעוואָלוציע און פּאַריז.

(ז. מאט. און דאָק. № 9).

די רעוואלוציע פון 10־טן אווגוסט.

צום סאָף האָבן די מאַפּאַלעס אַפן פראָנט און דער געדאַנק, וואס איז געווען קלאָר פאַרן פאָלק, אַז אין אַלע צאָרעס איז שולדיק די קיניגליכע מאַכט, געבראַכט צו אַן ענדע פון דער זאַך. דעם 10-טן אַווגוסט 1792 יאָר האָט מען פאַרניכט די מאָנאַרכיע, אַראָפּגעוואָרפן די אָרדענונג פון דער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע און געמאַכט אַן אָנהויב פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק. ווער האָט געמאַכט די רעוואָלוציע פון דעם 10-טן אַווגוסט? די עקסטע דע־

מאָקראַטישע עלעמענטן האָבן זיך געפונען ניט אין דער פאַרזאַמלונג, זיי
האָבן זיך גרופירט אַרום דער פאַריזער קאָמונע, ריכטיקער, אַרום אירע סעק-
ציעס. אין דעם גרעסטן טייל פאַריזער סעקציעס זיינען געשאַפן געוואָרן קאָ-
מיטעטן פון אינסורגענטן אַף צוצוגרייטן אַן אויפשטאַנד. דידאָזיקע קאָמיטעטן
האָבן אויסגעטיילט באַפולמעכטיקטע, וואָס האָבן געזאָלט פאַרבייטן די פאַריזער
קאָמונע, וואָס איז געווען אין די הענט פון די מעסיקע, און באשאַפן ארום
דער געזעצגעבערשער פאַרזאַמלונג אַן אָרגאַן פון דער פאָלקס-באַוועגונג. די
פאַריזער סעקציעס האָבן שוין פון אָנהייב אַווגוסט אָן צוגעטראָטן צו אַקטי-
ווער טעטיקייט. איינע פון דידאָזיקע סעקציעס האָט דערקלערט: „דער קאָפ פון
דער עקזעקוטיווער מאַכט — איז דער ערשטער רינג אין דער אנטירעוואָלוציאָ-
נערער קייט" (ז. מאט. און דאק. № 10). צווישן די פאַריזער סעקציעס האָבן
אַ באַזונדער אַקטיווקייט אַרויסגעוויזן די סעקציעס פון די אַרבעטער-פאָרשטעט
פון דער הויפטשטאָט. פונדעסטוועגן, איז די רעוואָלוציע פון 10-טן אַווגוסט
ניט געווען דורכויס אַ פאַריזער געשעעניש, ניט קוקנדיק אַף דער געוואַלדיקער
ראָלע פון דער הויפטשטאָט אין דערדאָזיקער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אַ
נאַציאָנאַלע איבערקערעניש; די ברייטסטע מאַסן פון פראַנקרייך זיינען געווען
פאַר איר. אין איינער פון די פראָווינציעלע פעטיציעס זאָגט זיך אַזוי: „אַזוי
ווי אַ פאָליטישער קערפער, וואו דער קאָפ טראַכט איין זאַך, און די הענט
טוען פונקט פאַרקערט, איז בעעמעס עפעס אַ ווילדע זאַך, דעריבער מוז די
באַזייטיקונג פון דעם קיניג טייקעף דורכגעפירט ווערן". פראַנקרייך האָט אויס-
געטיילט אויך באַוואָפנטע מאַכנעס פאַר דער איבערקערעניש. מאַרסעל, באָרדאָ
און אַנדערע דאָרעם-שטעט האָבן געגעבן די אַזוי גערופענע „פעדעראַטן". די
פעדעראַטן — פרייוויליקע, דער איקער פון די דאָרעם-שטעט פון פראַנקרייך,
האָבן געשטראָמט אין דער הויפטשטאָט אַריין אַפן יעסאָד פון דעם דעקרעט
פון 9-טן יולי וועגן אויפשטעלן אַ באַוואָפנטן לאַגער אַרום פאַריז. די פרייווי-
ליקע פון מאַרסעל האָבן געאיילט קיין פאַריז אונטער די קלאַנגען פון דער
מאַרסעליעזע, דעם ליד פון ניצאָכן און קאַמף פון דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק.
די פעדעראַטן אין אַ צאָל פון 3.000 מאַן זיינען עס געווען די באַוואָפנטע
קראַפט פון דער איבערקערעניש. די פאַריזער קאָמונע און די פעדעראַטן האָבן
דעם 10-טן אַווגוסט געשאַפן די דעמאָקראַטישע רעפובליק. פונדעסטוועגן, ניט
קוקנדיק אַף דעם אָנטייל פון די פאַריזער פראָלעטאַריער אין דער איבערקע-
רעניש, דאַרף מען דאָך ניט מיינען, אַז די רעוואָלוציע פון דעם 10-טן אַוו-
גוסט איז געווען אַ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, האַגאַם דערנאָך האָט זי
געדינט לעטויוועס די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די פויערים און אַרבעטער
(ז. מאט. און דאק. № 12).

ווי האָבן זיך באַצויגן די זשיראָנדיסטן און די געזעצגעבערשע פאַר-
זאַמלונג ביכלאַל צו דער איבערקערעניש פון דעם 10-טן אווגוסט? ווערניאָ
און אייניקע אנדערע זשיראָנדיסטן האבן נאָך פאר דעם 10-טן אַווגוסט געהאט
פאַרבונדן זיך געהיים מיטן קיניג און האָבן אים פאָרגעלייגט, ער זאָל רופן
צוריק צו דער מאַכט דאָס אַלטע זשיראָנדיסטישע מיניסטעריום. אָבער די גע-

זעצגעבערשע פאַרזאַמלונג, אינגאַנצן גענומען, האָט זיך געוואַקלט, ביז וואַנען עס איז ניט קלאָר געוואָרן דער רעזולטאַט פונם קאַמף. אָבער נאָך דעם 10-טן אַווגוסט האָבן זיי מאַסקים געווען נאָר, אז דער קיניג זאָל זיך אָפּזאָגן, אָבער ניט עס זאָל באָטל ווערן די קיניגלעכע מאַכט. דעם קיניג האָט פאַרביטן אַ צייטווייליקער עקזעקוטיווער ראַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו־נויפצורופן א קאָנווענט, א נאַציאָנאַלע פאַרזאמלונג, אויסגעוויילט אַפן יע־סאַד פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט. אזוי זיינען אָפּגעווישט געוואָרן אַלע מעניעס פאַר דער גרינדונג פון אַ רעפובליק און דער איינשטעלונג פון א דעמאָקראַ־טישער אָרדענונג. דער קאָנווענט האָט פאַרענדיקט די זאַך פון דעם 10-טן אַווגוסט.

דאקומענטן און מאטעריאלן

1. אנזאג פון פאריזער באצירק.

(א ו י ס צ ו ג ן).

„די מעכטיקסטע נאַציע פון אייראָפּע גרייט זיך אויסצואַרבעטן פאַר זיך אַ קאָנסטיטוציע, ד. ה. איינשטעלן אַ פעסטע אָרדענונג, וואָס באַ איר זאָלן ווערן אומעגלעך די מיסברויכונגען פון דער מאַכט.

דידאָזיקע גרויסע אַרבעט וועט זיין ניט קיין שווערע, אויב עס וועט דערגרייכט ווערן אכדעס און אויב די באַראַטונגען וועלן זיין פרייע.

קעדיי פרייהייט און אכדעס זאָלן הערשן אף די פאַרזאַמלונגען, איז נויטיק, אז זייער מעמשאָלע זאָל זיך אָנהויבן אַף די ערשט-שטאַפלדיקע פאַר-זאַמלונגען.

דעריבער פראָטעסטירן מיר סאַי פערזענלעך און סאַי אינם נאָמען פון דער גאַנצער נאַציע קעגן דעם, ווי אַזוי עס זיינען פאָרגעקומען די פאַרזאַמ-לונגען פון די וויילער.

מיר פראָטעסטירן מיקויעך דעם, וואָס, נאכדעם ווי זיי זיינען צונויפ-גערופן און געעפנט געוואָרן דורך די באאמטע, זיינען די לעצטע נאך אויך געווען פאָרזיצערס אַף זיי, אין דער צייט ווען די פרייהייט האָט געפאָדערט, אז די פאַרזאַמלונגען זאָלן אליין, גלייך נאָך זייער עפענען, אויסוויילן זייערע פאָרזיצערס.

מיקויעך דעם, וואָס די פאַרזאַמלונגען פון די וויילער זיינען געווען אונטערגעוואָרפן דער אויפזיכט פון די קרייזריכטער, האַגאַם די פרייהייט וואלט געפאָדערט, אַז איבער זייער אָרדענונג זאָלן אכטונג געבן די פאָרזיצערס, וואָס זיי וויילן אויס, און אַז די פראַגן זאָלן אַף זיי געלייזט ווערן מיט אַ מער-הייט שטימען.

מיקויעך דעם, וואָס די פאַרזאַמלונגען זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרקלענערן די צאָל אנטיילנעמער זייערע, האַגאַם די פרייהייט וואָלט גע-פאָדערט, אַז די בירגער זאָלן זיין אַף זיי פארטראָטן דורך אַלע דעפּוטאַטן, וואָס זיי האָבן אויסגעווײלט.

מיקויעך דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע פאָרשטייערשאַפט איז געשאַפן גע-וואָרן אַף אַן אומגעזעצלעכן אויפן: די גאַלאָכים און דער אדל האָבן אומיטל-באר באַשטימט זייערע פאָרשטייער, בעאייס די פאָרשטייער פונם דריטן שטאַנד פלעגן באשטימט ווערן: אין די קעהילעס, וואָס גייען אַריין אינם באַשטאַנד פון די קלענערע באַליאַזשן—דורך די פאַרזאַמלונגען פון די וויילער, און אין געמיינדעס, וואָס גייען אַריין אינם באשטאַנד פון די גרויסע באליאַזשן—ערשטנס,

דורך די ערשטשטאפלדיקע וויילער-פאַרזאַמלונגען און, צווייטנס, דורך נאָך אַ פאַרזאַמלונג פון אַ באגרעניצטער צאָל ווילער. אין די שטעט—דורך דער דריישטאַפלדיקער סיסטעם: די קארפאראציעס ווילן אויס דעפוטאַטן, נאכדעם ווערט אַ טייל פון אָט די דעפוטאַטן אויסגעוויילט אף די פאַרזאַמלונגען אין די שטאָט-ראַטן און, לעסאָף, ווערט אַ קלענערער טייל פון אט די דעפוטאַטן אויסגעוויילט אף די פאַרזאַמלונגען פון די באַליאַזשן.

מיקויעך דעם, וואָס די גייסטלעכע פערזאָנען און דער אַדל האָבן געהאַט די פריווילעגיע איבערצוגעבן זייער שטים צו זייערע באפולמעכטיקטע אין אייניקע באַליאַזשן, אין דער צייט ווען די פערזאָנען, וואָס געהערן צום דריטן שטאַנד, האָבן דאָסדאָזיקע רעכט ניט געהאַט. און ווירקלעך, איין מענטשן קאָן מען בשום אויפן ניט רעכענען פאַר צוויי.

מיקויעך דעם, וואָס די אויבנדערמאָנטע פריווילעגיע איבערצוגעבן די שטים די באַפולמעכטיקטע רופט אַרויס נאָך אַ מיסברויך, דעהאינע—די, ווען די שטים ווערט אפגעגעבן, האָבן אַן איינפלוס, אדאנק דעם, וואָס זיי באַזיצן אייניקע שטימען.

ענדלעך, מיקויעך דעם, וואָס אומעטום האָט מען איגנארירט דעם הויפט-פרינציפ, דעהאינע—נאָכן עפענען די פאַרזאַמלונגען און אָפּגעבן די שוואוע דאַרף די אויספיר-מאַכט בעשום אויפן ניט, ניט אומיטלבאר און ניט דורך זייערע באַאמטע, אנפירן די וואַל-פאַרזאמלונגען: זייער אריינמישן זיך דריקט שטענדיק די פרייהייט און האָט אָפט אַף די וואַלן אַ ווירקונג, וועלכע איז נאָך געפערלעכער מיט דעם, וואָס זי קאָן בלייבן אומבאמערקט.

דאָך, נעמענדיק אין אַכט די עקסטרעמע ערנסטקייט פון דער זאַכלאַגע און די גרויסקייט פון די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, וועלכע טרייבן אונז אלעמען צו דער נאציאָנאַלער פארזאַמלונג, ווען מיר צוטרעטן צום צונויפשטעלן אונזערע אנזאגן, איבערלאָזנדיק פאר די גענעראַל-שטאַטן צו אורטיילן וועגן אונזערע פראָטעסטן".

„די מיטגלידער פון די גענעראַל-שטאַטן ווערן דערקלערט אַלס אומבארירלעכע פערזאָנען פונם טאָג, ווען מע ווילט זיי אויס.

זיי קאָנען בעשום אויפן ניט און אין קיין שום עפּאָכע ניט צוגעצויגן ווערן דורך וועלכער ניט איז געריכטלעכער אדער אנדערער מאַכט, אכוץ די גענעראַל-שטאַטן גופע, צו פאראנטווארטלעכקייט פאַר זייערע מאַיסים, פארשלאגן און רעדעס אין די גענעראַל-שטאַטן.

קיין שום מיליטערישער אָפּטייל האָט ניט קיין רעכט צוצוגיין צו יענעם אָרט, וואו עס קומען פאר זיצונגען פון די גענעראַל-שטאַטן, נעענטער ווי אף צען מייל, מיטן אויסנאם פון די פאַלן, ווען די גענעראַל-שטאַטן וועלן דערויף געבן זייער האסקאָמע אָדער זיי וועלן דאָס פאָדערן.

די אָפשאַפונג פון קאלערליי צינזן-אויסנאַמען, וואָס פון זיי זיינען מערוצע אפצוזאָגן זיך די גאַלאָכים און דער אדל פון דער פרעוואָטשאַפט און

וויקאנטשאפט, אין וועמעס באשטאַנד עס גייט אַריין דער פאַריזער באצירק, וועט ווערן אין די גענעראַל-שטאַטן אַ נאַציאָנאַל געזעץ.

ווייטער, וועט ווערן איינגעשטעלט אן איינארטיקייט פון די באשטראַפונגען פאַר די בירגער פון אַלע שטאַנדן, זיי וועלן אַלע גלייך צוגעלאָזט ווערן צו אַמטן, אַרבעטן און אויסצייכענונגען. דער האנדל און אינדוסטריע דאַרפן אויפהערן צו זיין באשעפטיקונגען, וועלכע פאַסן זיך ניט פאַר דער כשיוועס פונם אַדל. יעדע פערזענלעכע פראנארבעט דאַרף אָפגעשאַפט ווערן.

ווי באַלד עס וועלן דורכגיין דידאָזיקע מאסמיטלען, ווינשן מיר, אז די גענעראַל-שטאַטן זאָלן וואטירן אַלע אָן אויסנאַם. אין דעם פאַל אָבער, אויב די פארווירקלעכונג פונם דאזיקן וואונש וואָלט זיך די ערשטע צייטן ארויסגעוויזן שווער, ווינשן מיר, אַז לעכאלאפאָכעס אין יענע פאלן, ווען די שטאַנדן וואָלטן, בארואטנדיק זיך באזונדער, ניט געקומען צו קיין איינפארשטענ־יעניש, זאָלן זיי זיך צונויפקלייבן צוזאַמען אַף אַ געמיינזאַמער ענדגילטיקער באַראַטונג.

אַלע שטייערן, וואָס ווערן אויפגעמאָנט פון דער נאַציע, וועלן דער־קלערט ווערן אַלס אומגעזעצלעכע. פונדעסטוועגן וועט צייטווייליק דערלויבט ־וערן אויפצומאָנען זיי, אָבער בלויז ביזן לעצטן טאָג פון די זיצונגען פון די גע־־עראַל-שטאַטן.

... מיר ווינשן, אַז אַלע פאָרשלאַגן, מיינונגען און באשטימונגען זאָלן ־ועכנטלעך פארעפנטלעכט ווערן דורך אפדרוקן זיי.

די גענעראַל-שטאַטן וועלן אויסדריקן דעם קיניג, אין זייערע ווענדונ־־ען און רעדעס, די טיפסטע אכטונג צו דער הייליקער פערזאָן, אָבער פאַר ־יינעם פון די מיטגלידער קאָן ניט ווערן אבליגאַטאָריש אפצוהיטן די פאָרמען, ־אָס זאָלן דערנידעריקן די מענטשלעכע כשיוועס און זאָלן באליידיקן די ־ויסקייט פון דער נאַציע.

מיר האלטן פאַר צוועקמעסיק, אַז די גענעראַל-שטאַטן זאָלן זיך צו־־יילן דערקלערן, אַז ווי נאָר עס וועט אויסגעארבעט ווערן די קאנסטיטוציע, ־ל דער קיניגלעכער כויוו פארוואנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַלן כויוו.

די גענעראַל-שטאַטן וועלן ווענדן א באזונדערע אויפמערקזאַמקייט אַף ־ם אויסערלעכן ברויט-יאַקרעס און וועלן זיך זאָרגן וועגן מאַכן אַ סאָף דערצו.

זיי וועלן דרינגענד פאָדערן צו באַפרייען אַלע בירגער, וואָס זיינען ־עסטירט געוואָרן פאַר אויווער זיין—אדער אונטערן אויסרייד פון אויוועד ־ן—די באשטימונגען וועגן געיעג".

„יעדע אייגנטום איז אומבאַרירלעך, אזוי אַז קיינער קאָן ניט פאַרלירן ־ן אייגנטום אַפילע אין די אינטערעסן פונם געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין, ־ידן מיטן טנאַי, אַז מע וועט געבן אַ פאר-באלוינונג. דערביי וועט דערדאָזי־־ר פרינציפּ אויך זיין גילטיק לעטויוועס די אייגנטימער, וואָס האָבן ניט ־קומען קיין קאמפענסאַציע באַם עקספּראָפּריאירן זייער פארמעגנס.

די אַלע רעכט, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן מיט זיך דאָס אייגנטום אַלס אַ צעשטערונג פונם נאַטירלעכן רעכט, און אויך יענע רעכט, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס אייגנטום, נאָר האבן געדאַרפט אויפהערן פארצושטעלן דאָס מיט זיך, ווייל עס איז פארשוואונדן געוואָרן די סיבע, וואָס מיט איר זיינען זיי געווען פאַרבונדן,—דארפן אפגעשאַפט ווערן.

אזוי ווי אַלע, אַפילע אויך די העכסטע, געזעלשאפטלעכע אַמטן ווערן איבערגעגעבן די פערזאָנען, וואָס פאַרנעמען זיי בלויז אין די אינטערעסן פון דער נאַציע, קאָנען זיי ניט ניט ווערן קיין אייגנטום, ניט דינען פאַר די באאמטע, וואָס פאַרנעמען זיי, אַלס מאקער פון וועלכע ניט איז רעכט, וועלכע מע וואָלט געקאָנט אנטקעגנשטעלן די ענדערונגען און פארבעסערונגען פון די געזעלשאַפטלעכע ארגאניזאַציעס, וואָס זיינען אנערקענט געוואָרן אַלס נויטיקע פאַר דער נאַציע.

(עס איז קלאָר, אַז מיטן דאָזיקן פונקט האָט מען אין זינען די, וואָס האָבן גערעכטלעכע אמטן און פאַרלאַמענטישע ערטער, און כוץ דעם האָט מען בעליסאָפעק געהאַט אין זינען, אין פארזיכטיקע אויסדריקן, אויך די קלייקוידעש, וואָס אַף זיי האָט די רעוואָלוציע געקוקט, לויט מיראבאָס אויסדרוק, ווי אַף די „דינער פון מאָראַל").

וואָס איז שאַיעך דעם אייגנטום, וואָס איז זיך סוימעך אַף אַ דאָקומענט, איז ווי נאָר דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר שעדלעך פאַרן געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין, דאַרף מען אויסקויפן.

יעדער אייגנטימער אָדער ערדארבעטער איז פריי צו פארניכטן אף זיין ערד קאלערליי ווילדע באלעכאים, וועלכע ברענגען שאָדן זיין אייגנטום.

די נאטורעלע פליכטן דאַרפן איינמאָל פאַר אַלע מאָל פארניכטעט ווערן און פאַרביטן ווערן מיט אַ געלט-שטייער, וועלכער ווערט אויפגעמאָנט פון אַלע שטאנדן.

די טייכן, אף וועלכע עס קאָנען גיין שיפן, און די גרויסע וועגן דאַרפן געהערן, אַף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן באַנוצן זיי, דער נאַציע, און אַף וויפל עס האנדלט זיך וועגן אייגנטום, דאַרפן זיי קיינעם ניט געהערן.

אַלע בירגער האָבן רעכט צונויפצוקלייבן זיך, צוזאמענשטעלן פעטיציעס און באַשטימען דעלעגאַטן אַף קלאָר צו מאַכן די באציאונג צו דידאָזיקע פעטיציעס סאַי מיצאד די גענעראַל-שטאַטן און סאַי מיצאד דער אויספיר-מאַכט".

---

2. אנזאג פון דער דארפישער קעהילע נאזע אין שאמפאַן.

„מיר בעטן:

1. עס זאָל זיין נאָר איין איינציקער שטייער — פון ערד, וואָס אלע שטאנדן פון דער מלוכע אן אונטערשייד זאָלן אים צאָלן.

2. עס זאָל באשטימט ווערן א באזונדער שטייער אף אינדוסטריע, און ביז וואַנען די מלוכע-כויוועס וועלן אויסגעצאָלט ווערן—נאָך אַן אנדער שטייער אַזאַ, וואָס די גענעראַל-שטאטן וועלן באוויליקן איינצושטעלן.

3. אז די סעניאָרע פראָנארבעט, די פריצישע מאַנאָפּאָליעס און אַנדערע סעניארע פליכטן זאָלן אפגעשאַפט ווערן, אויב מע דאַרף, איז „מיט באלוינונג".

4. אז אַלע פעאָדאַלע און צינז-צאָלונגען זאָלן פאַרגרינגערט ווערן,— אז מע זאָל עס פאָדערן ניט אַנדערש, סאַידן אפן גרונט פון ריכטיקע דאָקומענטן, און מע זאָל זיי קאָנען אויסקויפן.

5. אז די סעניארע יוסטיץ זאָל באָטל ווערן.

6. אז די מיליציע און די שמירע פון די פערד-האָדאָוולעס זאָלן אָפּגעשאפט ווערן.

7. עס זאָלן פון דאָס ניי אויפגעשטעלט ווערן די רעגלאמענטן וועגן טראָגן געווער, דער איקער בענויגייע די וואלד-שאָמרים, און דידאָזיקע רעגלאַמענטן זאָלן אפגעהיט ווערן.

8. עס זאָל צונויפגעשטעלט ווערן א נייער קאָדעקס א ציווילער און א קרימינעלער.

9. די מיניסטאָרן זאָלן פאר זייער פאַרוואַלטן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קיניג און די גענעראַל-שטאטן.

10. איבערן גאַנצן קיניגרייך זאל פאַרווערט ווערן בעטלעריי.

11. עס זאָלן איינגעשטעלט ווערן פינקטלעכע טערמינען ווען מע רופט צונויף די גענעראַל-שטאַטן.

12. קיין שטייער זאָל ניט גענומען ווערן אָן דעם הסכם פון די גענעראַל-שטאטן.

13. די פראווינציעלע פארזאַמלונגען, וואָס פאַרבייטן זיי, זאָלן זיין אָרגאַניזירט לויטן מוסטער פון די דערמאָנטע שטאַטן.

14. די (דאָרפישע) קעהילעס זאָל מען אומקערן די גיטער, וואָס מע האָט בא זיי פאַרכאַפּט, און די שרייבער (פון די געריכט-ערטער) זאָלן זיין מעכויעוו ארויסצוגעבן די קעהילעס, ווען זיי דערלאַנגען וועגן דעם א באקאשע לויט דער געזעצלעכער פאָרם, קאָלערליי דאָקומענטן און אינפאָרמאַציעס, וואָס זיי קענען נויטיק האָבן, אונטער דער מוירע פון פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אלע אָנווערן און העזייקעס, וואָס זיי וועלן גורעם זיין אדער ליידן.

15. עס זאָלן באזייטיקט ווערן (אין די דערפער) די מאנופאקטורעס און די מעכאַנישע פראָדוקציע, וואָס זיינען אַזוי שעדלעך פאר דער לאנדווירטשאַפט.

16. עס זאָל זיין פאַרבאָטן צו האַלטן טויבן, אָדער זאָל מען זיי האַלטן פאַרשפאַרט, לויטן געזעץ נאָך.

17. די שטאַטן זאָלן אָנעמען מיטלען קעגן דעם געוואַלדיקן העזעק, וואָס די האָזן און קראָליקעס טוען אָן די דערפער.

18. די צאָל-גרעניצן פון די פּראָווינצן זאָלן איבערגערוקט ווערן צו דער מלוכע-גרעניץ.

19. די אָקציז-שטייערן און זאלץ-מאָנאָפּאָליע זאָלן אָפּגעשאפט ווערן.

20. דער ראַיאָן, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דעם פּאַריזער פּאַרלאַמענט, זאָל פּאַרקלענערט ווערן, און עס זאָלן געגרינדעט ווערן באַיאַזש-געריכטן אָדער העכערע טריבונאלן אין די גרעסערע שטעט.

21. די דאָרפישע גאלאַכים זאָלן אָנגענומען ווערן אף געהאַלט, אָדער מע זאָל זיי אומקערן דעם מאיסער פון זייערע קעהילעס אָן קיין שום כאלוקעס אָדער אראָפּרעכענונגען.

22. קאָלערליי אָפּצאָלן פאר ריטואל-דינסט זאָלן זיין פאַרווערט און אָפּגעשאַפט.

23. אלע מאנאַסטיר-געמיינדעס, וואו עס וועט ניט זיין קיין גענוגנדיקע צאָל מאָנאַכן אַף אויסצופילן די טאַקאַנעס, זאָלן אפגעשאַפט ווערן, און זייערע גיטער זאָל מען פארווענדן אָדער אף רעמאָנט פון די (פאראפיעשע) קלויסטערס, אָדער אף סובסידיעס די קלויסטער-פאַרוואלטונגען פון די אָרימע דערפער.

צונויפגעשטעלט און באשטימט דורך אונז, מענטשן פון דריטן שטאנד, אין דער געביידע פון דעם קלויסטער-הויז אין דער דערמאָנטער פאראפיע נ אָ ז ע דעם 16-טן מאַרט 1789 יאָר".

---

3. די באשטימונג פון 17-טן יוני 1789 יאר.

„די פארזאַמלונג באשטימט, אַז די אָנוועזנדיקע דעפוטאַטן קענען און דארפן טייקעף צוטרעטן צו דעם אלגעמיינעם איניען פון נאציאָנאַלער איבערבויאונג און אז זיי דארפן ארבעטן דערינען אומויפהערלעך און אומגעשטערט.

דער נאָמען „נאַציאָנאלע פארזאמלונג" איז דער איינציקער, וואָס אנטשפרעכט דער פארזאמלונג בא די איצטיקע אומשטאנדן—ערשטנס, מאכמעס די דעפוטאַטן, וואָס גייען אריין אין איר צוזאַמענשטעל, זיינען די איינציקע אלגעמיין באקאַנטע און געזעצלעך באשטעטיקטע פארטרעטער; צווייטנס, מאַכמעס זיי זיינען געשיקט דירעקט קימאַט פון דער גאַנצער נאַציע; צום סאָף, דערפאַר, וואָס אזוי ווי די פארטרעטערשאפט איז איינס און אומצעטיילבאר, איז קיין איין דעפוטאַט, פון וואָס פאַר א קלאס אָדער שטאנד ער זאָל ניט זיין אויסגעקליבן, האָט קיין רעכט ניט ארויסצוטרעטן באזונדער פון אָט דער פ א ר ז אַ מ ל ו נ ג.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג באשטימט איינשטימיק, אַז אלע שטייערן און אפּצאָלן, מעגן זיי אַפילע זיין איינגעשטעלט און געמאָנט אף אַן אומגעזעצלעכן אויפן, דאַרפן אויך ווייטער געזאַמלט ווערן אין דעמזעלביקן סיידער, אבער נאָר ביז דעם טאָג, ווען אָט די פאַרזאַמלונג וועט צום ערשטן מאָל פאַ-

נאַנדערגעלאָזט ווערן, איבער וואָס פאַר א סיבע דאָס פאַנאַנדערלאָזן זאָל ניט פאָרקומען.

נאָך אָט דעם טאָג דאַרף דאָס איינמאָנען קאַלעדליי שטייערן און אפצאָלן, וואָס וועלן בעפיירעש, פארמעל און פריי ניט באַשטעטיקט ווערן דורך דער פאַרזאַמלונג, דורכויס אָפגעשטעלט ווערן אין אַלע טיילן פון דעם קיניגרייך, וואָס פאר א פאָרם פון רעגירונג דאָרט זאָל ניט זיין.

די פאַרזאַמלונג איילט צו דערקלערן, אַז ווי נאָר זי וועט, איינינעם מיטן קיניג, איינשטעלן די יעסוידעס פון דער נאַציאָנאַלער איבערבויאונג, וועט זי זיך פאַרנעמען מיטן איבערקוקן און פאַרזיכערן דעם מלוכע-כויוו; די פאַר-זאַמלונג דערקלערט, אז זי גאַראַנטירט פאַר דעם כויוו די קרעדיטאָרן פון דער מלוכע מיטן ערנגעפיל פון דער פראַנצויזישער נאַציע".

---

4. פון דעם דעקרעט פון דער נאציאָנאַלער פאַר-זאמלונג וועגן באָטל מאַכן די פריווילעגיעס און פעאָדאַלע רעכטן, דעם 11-טן אווגוסט 1789 יאָר.

I. די נאַציאָנאַלע פארזאַמלונג שאפט אָפּ לעגאַמרע די פעאָדאַלע אָר-דענונג. זי באשטימט, אַז פון די רעכטן און היסכאַיוועסן, פעאָדאלע און צינז-ארטיקע, איז די, וואָס זיינען שאיעך צום פערזענלעכן און זאכן רעכט פון לייבאייגנטום, ווערן אפגעשאַפט אָן באלוינונג; וועגן אלע איבעריקע ווערט דערקלערט, אז זיי דאַרפן אויסגעקויפט ווערן; די גרויס און דער אויפן פון דעם אויסקויף וועלן באשטימט ווערן דורך דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. יענע פון די דערמאָנטע היסכאַיוועסן, וואָס ווערן ניט באָטל דורך אָט דעם דעקרעט, וועלן אויפגעמאָנט ווערן אויך ווייטער ביזן אויסקויף.

II. דאָס אויסשליסלעכע רעכט (פון די סעניאָרן) צו האבן קליינע און גרויסע טויבנשלאַקן ווערט באָטל. די טויבן זאָלן זיין פאַרשלאָסן אין די טויבנשלאַקן דעם מעשעך צייט, וואָס די קעהילעס וועלן באשטימען; אין אָט דער צייט וועט מען זיי באטראכטן ווי ווילדפרעט (дичь), און איטלעכער וועט האָבן רעכט צו טויטן זיי אָף זיינע ערד.

III. דאס אויסשליסלעכע רעכט (פון די סעניאָרן) אף גייעג און האָדע-ווען קראָליקעס ווערט אויך באָטל, און איטלעכער אייגנטימער (פון ערד) האט רעכט צו פארניכטן, אָבער נאר אף זיין נאַכלע, יעדער מין ווילדפרעט, צו-פאַסנדיק זיך צו די פאליצייאישע פארשריפטן, וואס קענען געמאכט ווערן צו-ליב געזעלשאפטלעכער זיכערקייט.

IV. אַלע סעניאָרע יוסטיציעס ווערן אָפגעשאפט אָן באלוינונג; דאָך וועלן די באַאַמטע פון דידאזיקע יוסטיציעס אָפּריכטן זייערע פליכטן, ביז וואַ-נען די נאציאָנאלע פארזאמלונג וועט ניט באזארגן איינצושטעלן א נייעם סיי-דער פון געריכט.

V. אַלערליי מאַיסערס און צינזן, וואָס פאַרבייטן זיי, ווערן אָפּגעשאַפט, מיטן טנאַי צו באַשליסן דערנאָכדעם ווי אַזוי אַנדערש צו באַפרידיקן די באַדערפעניששן פון גאָטעסדינסט, פון אויסהאַלטן די באַדינער פון דעם טראָן, פון הילף אָרימעלייט, רעמאָנט און איבערבוי פון קלויסטערס און קלויסטער-הייזער און אַלע אַנשטאַלטן, סעמינאַריעס, שולן, קאָלעגיעס, שפּיטאָלן, געמיינדעס א. אַז. וו., וואָס אַף אויסצוהאַלטן זיי זיינען איצטער דידאַזיקע מאַיסערס באַשטימט. דאָך, קאַלזמאַן דידאַזיקע מיטלען וועלן ניט אַנגענומען ווערן, און די פריערדיקע באַלעבאַטים פון די מאַיסערס וועלן ניט קריגן אין זייער רעשוס דעם פאַרבייט פון זיי, באַפעלט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, אַז די אָנגערופענע מאַיסערס זאָלן נאָך ווייטער איינגעמאָנט ווערן בעהעסקעם מיט די געזעצן און אָפּן געוויינלעכן שטייגער.

וואָס איז שאַיעך די איבעריקע מאַיסערס, פון קאָלאָמינים, וועלן זיי אויסגעקויפט ווערן לויט דעם אויפן, וואָס די פאַרזאַמלונג וועט באַשטימען; ביז דעם באַשלוס וועגן אָט דעם איניען באַפעלט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, מע זאָל זיי נאָך דערווייַלע איינמאָנען.

VI. אַלע אייביקע ערד רענטעס, נאַטורעלע און געלטיקע, פון יעדער מין און אָפּשטאַמונג, ווענען זיי זאָלן ניט געהערן, דאַרפן אויסגעקויפט ווערן; פעלדער-צינז *) פון יעדער אַרט און נאָמען וועלן אויך דאַרפן אויסגעקויפט ווערן לויט א טאַקסע, וואָס די פ א ר ז א מ ל ו נ ג וועט איינשטעלן.

VII. דאָס פאַרקויפלעכקייט פון אַמטן, געריכטלעכע און מוניציפּאַלע ווערט אָפּגעשאַפט טייקעף. מישפּאָטים וועלן אָפּגעריכט ווערן אָן געצאָלט. דאָך, די באַאַמטע, וואָס פאַרנעמען דידאַזיקע שטעלעס, וועלן נאָך פאַרזעצן אָפּצוריכטן זייערע פליכטן און וועלן קריגן זייערע האָכנאָסעס פון דידאַזיקע שטעלעס, ביז וואַנען די פ א ר ז א מ ל ו נ ג וועט ניט באַזאָרגן קיין מיטלען אַף אויסצוקויפן זיי.

VIII. געצאָלט פאַר ריטואַל-דינסט די דאָרפישע גאַלאָכים וועט באָטל ווערן און וועט ניט געצאַלט ווערן, ווי נאָר ס'וועט דורכגעפירט ווערן אַ פאַרגרעסערונג פון געהאַלט די דאָרפישע גאַלאָכים און פּענסיעס זייערע געהילפן; עס וועט דורכגעפירט ווערן א באַשטימונג וועגן באַזאָרגן די שטאָטישע גאַלאָכים.

IX. אָפּן געביט פון שטייערן וועלן אַף אַלעמאָל באָטל ווערן פּערזענלעכע, ערד-און געלט-פּריווילעגיעס. שטייערן וועט מען מאָנען פון אַלע בירגער און אַלע גיטער אַף איין אויפן און אין איין פאָרם.

X. די נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע און געזעלשאַפטלעכע פרייהייט לוינען זיך מער פאַר דער פּראָווינץ, איידער די פּריווילעגיעס, וואָס אַנדערע פון זיי האָבן געהאַט און וואָסערע עס איז נויטיק מאַקריוו צו זיין צוליב דעם ענגן צוזאַמענבונד פון אַלע טיילן פון דער אימפּעריע **); דעריבער איז באַשלאָסן

*) א טייל פון דער גערעטעניש, וואָס איטלעכער צינז-צאָלער איז אַלע יאָר געווען מעכויעוו אָפּגעבן דעם סעניאָר.

**) דעם נאָמען א י מ פּ ע ר י ע פלעגט מען יענע צייטן נוצן אַף צו באַצייכענען דעם גאַנצן סכום פון די פראַנצויזישע לענדער (די קאָלאָניעס אַריינגערעכנט).

געוואָרן, אז די פּריוואטע פּריווילעגיעס פון פּראווינצן, סעניאריעס, געגנטן, שטעט און קעהילעס, סאַי אין געלט, סאַי אלע אנדערע ווערן באָטל איינמאָל פאר אלעמאָל.

XI. אלע בירגער, אָן אונטערשייד פון אָפּשטאַמונג, קענען צוגעלאזט ווערן צו אלע אַמטן און בארופן קירכלעכע, ציווילע און מיליטערישע, און קיין שום ניצלעכע פּראפעסיע וועט ניט גוירעם זיין, מע זאל בא איינעם אָפּ-נעמען זיין אדעליקייט *).

XV. בענויגייע דעם באריכט, וואס וועט צוגעשטעלט ווערן דער נאַציאָנאלער פאַרזאמלונג וועגן דעם צושטאנד פון די פּענסיעס, גענאָדן און גע-האלטן, וועט זי, אין העסקעם מיטן קיניג, פארנעמען זיך מיט באָטל מאכן די, וואָס זיינען געווען ניט פארדינט, און פארקירצן די איבערמאָסיקע, און אף ווייטער באשטימען א סומע, וואס דער קיניג וועט זיך קענען מיט איר שאפן אף דעמדאזיקן איניען.

XVI. די נאַציאָנאלע פאַרזאַמלונג באשטימט, אז צום אנדענק פון די גרויסע און וויכטיקע באראטונגען, וואס זיינען ערשט פארגעקומען צוליב דעם גליק פון פראנקרייך, זאל מען אויסשלאגן א מעדאַל און אָפּריכטן דאַנק-גאָ-טעסדינסטן אין אלע פאראפיעס און קלויסטערס פון דעם קיניגרייך.

XVII. די נאַציאָנאלע פאַרזאמלונג פּראקלאמירט פייערלעך דעם קיניג לודאָוויק דעם 16-טן פאר דעם „אויפשטעלער פון דער פראנצויזישער פרייהייט".

---

5. די נאַציאָנאלע פאַרזאמלונג און דאָס פּויערטום.

(דעקרעט פון 18 יוני 1790 יאָר).

„אפן גרונט פונם פּאָרטראַג, וואָס עס האָט פאר איר געלייענט די קאָ-מיסיע וועגן דעם מאיסער און אַפן גרונט פון די פיל פּעטיציעס וועגן דעם, אַז די צאָלער זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט האַיאָר צו באַצאָלן אים מיט געלט, און ניט מיט נאַטור, און דערוויסנדיק זיך, אַז אין אייניקע ערטער האָט די גרעסטע צאָל פון אָט די צאָלער, בליסאָפּעק אונטערן איינפלוס פון בייזוויליקע מענטשן, בעדייע אָפּצוזאָגן זיך פון צאָלן און ווייזט ארויס אַ ווידערשטאַנד באַם אויפמאָנען דעם שטייער, דערוויסנדיק זיך אויך, אַז אייניקע באַזיצערס פון די בענעפיציעס, קירכלעכע געזעלשאַפטן אָדער קאָמונעס האָבן גאָר ניט בעדייע אויפצומאָנען זיי און ווענדן ניט אָן די אלע נויטיקע אָנשטרענגונגען אַף צו פאַרוואַלטן מיט די פאַרמעגנס, וואָס מע האָט זיי איבערגעגעבן אַף צו פאַרוואַלטן, האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג דעקרעטירט און דעקרעטירט איצט פאָלגנדיקעס:

---

*) לויט דער אלטער אָרדענונג, פלעגט אַן אדלמאַן פארלירן זיין אדעליקייט, אויב ער פלעגט זיך באשעפטיקן, לעמאשל, מיט האנדל.

„אַרט. 1. אַלע, וואָס צאָלן סאַי דעם קלויסטערשן און סאַי דעם געשענקטן מאַיסער, זיינען מעכויעוו לויטן אַרטיקל III פון די דעקרעטן פון 14 און 20 אַפּרעל ד. י. איינצאָלן אים בלויז האַיאָר דעם, וועמען ער געהער לויטן רעכט, אַף אַ געוויינלעכן אויפן, ד. ה. מיט נאַטור און אין דער געוויינלעכער מאָס, כוץ דעם, וואָס זיי דאַרפן אויספילן די היסכאַיוועסן פון די געלט-אַרענדעס, וועלכע זיינען באַשטעטיקט דורך דאָקומענטן און באַשלאָסן געוואָרן פריייוויליק.

„II. די צאָלער פונם פעלד-צינז, שאַמפּאַר, טעראַזש און אַנדערע פליכטן, וואָס ווערן געוויינלעך אָפּגעצאָלט מיט נאַטור, וועלכע זיינען ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן אָן אויסקויף, זיינען מעכויעוו אָפּצוצאָלן זיי האַיאָר און אין די קינ־פטיקע יאָרן ביזן אויסקויף אַפן געוויינלעכן אויפן, ד. ה. מיט נאַטור, און אין דער געוויינלעכער מאָס, כוץ דעם, וואס זיי דאַרפן אויספילן די היסכאַיוועסן פון די געלט־אַרענדעס, וועלכע זיינען באַשטעטיקט דורך דאָקומענטן און גע-שלאָסן געוואָרן פריייוויליק, בעהעסקעם מיט די דעקרעטן, וואָס זיינען ארויס-געגעבן מיקויעך די פעאָדאַלע ערד דעם 3 און 4 מאַרט ד. י.

„III. קיינער קאָן ניט, אונטערן אויסרייד, אַז ער פירט אַ פּראָצעס, אָפּזאָגן זיך פון צאָלן דעם געוויינלעך געצאָלטן מאַיסער, שאַמפּאַר און אויך די געוויינלעך געצאָלטע שטייערן פון די וויינגערטנער און אַנדערע אזוינע צינשן, וואס זיינען אויסגערעכנט אינם אַרטיקל III פונם II קאַפּיטל פונם דעקרעט פון 15 מאַרט, כוץ יענע פּערזאָנען, וועלכע באַשטרייטן דאָס רעכט צו פאַרפירן קעגן זיי אַ טוויע. דאָס קאָנען זיי טאָן בלויז בענויגייע צו די מאַיסערס און צו די שאַמ-פּאַרן אין ווידערשפּרוך דעם פּראָקוראָר סינדיק פונם קרייז. און אויב עס וועט באַשלאָסן ווערן, אַז זיי האבן ניט געדאַרפט איינצאָלן די שטייערן, וועלכע זיי האָבן אָפּגעצאָלט, וועט מען זיי עס צוריק אָפּגעבן.

„IV. דאָס פאַרמעגנס פון די, וואָס האָבן ניט איינגעצאָלט דעם פעלד־שטייער, וואָס קומט פון זיי פאַרן לעצטן יאָר, קאָן פאַרקויפט ווערן אַף אַן עפנטלעכן אויספאַרקויף (אקציאָן), האַגאם האַיאָר איז צו זיי קיין פאָדערונג ניט ארויסגעשטעלט געווארן.

„V. עס ווערט פאַרווערט וועמען עס זאָל ניט זיין ארויסצורופן אומרוען באַם אויפמאָנען דעם מאַיסער, פעלד־שטייער א. אז. וו. סאַי דורך פלוג־בלעט-לעך און סאַי דורך רעדעס, דראָאונגען אונטער מוירע צו באַשטראָפט ווערן פאַר שטערן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. אינם פאַל, ווען מע קלייבט זיך צונויף קעדיי צו שטערן דאס אויפמאָנען די אַנגעוויזענע שטייערן, דאַרף מען אויס-פילן די אַרטיקלען III, IV און V פונם דעקרעט פון 23 פעווראַל ד. י. וועגן דער אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָנען, אייגנטום און וועגן דעם אויפמאָנען פון די שטייערן. דערביי דאַרפן די מוניציפּאַליטעטן אויספילן די היסכאַיוועסן, וועלכע זיי פילן אויס דורך די אַנגעוויזענע אַרטיקלען. אין קעגנפאַל ווערן קעגן זיי אַנגעווענ-דעט די באַשטראָפונגען, וועלכע זיינען דאָרט אָנגעוויזן.

„VI. די מוניציפּאַליטעטן זיינען מעכויעוו אַכטונג צו געבן יעדערער אין זיין ראַיאָן סאַי אַפן אויפמאָנען דעם מאַיסער און סאַי אַף דעם, ווי אַזוי עס ווערן באַנוצט די נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס. הייסט עס, אַז אין די פאַלן, ווען

די באַזיצער פון די בענעפיציעס, די געזעלשאַפטן אָדער קאָמונעס וועלן ניט זיין בעקויעך צו עקספּלואַטירן די מאיסערס אָדער אַנדערע פאַרמעגנס, וועלכע זיינען ניט אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אויסקויף-געלט, אָדער זיי וועלן פאַרנאַכלע-סיקן דאָס אויפמאַנען זיי, זיינען זיי מעכויעוו מיט זיי צו פאַרוואַלטן אָדער פאַרדינגען זיי אַף אַ קאָנטראַקט אַפן איצטיקן יאָר און אָפּגעבן דינוועכעשבן דעם קרייז-ראַט וועגן דער האכנאָסע. פונדעסטוועגן קאָנען זיי דאָך ניט שטערן דער אויספירונג פונם אַרענדע-אָפּמאַך אונטערן אויסרייד, אַז ער טרעט אַריין אין קראַפט ערשט פונם איצטיקן יאָר.

„VII. אינם פאַל, אויב מע נעמט אָפּ די רעכטן און מע קאָנפיסקירט די באַוועגלעכע גיטער, די פּי און דאָס עסנוואַרג, זיינען די מוניציפּאַליטעטן מעכויעוו צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל און לאָזן וויסן וועגן דעם דעם קרייז-ראַט, קעדיי צו פאַרפירן דעם נויטיקן פּראָצעס.

„VIII. קיין שום באַזיצער פון בענעפיציעס, קאָרפּאָראַציעס, קאָמונעס, פאַבריקן, שפּיטעלער, וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן, קאָלעדזשן און אַנדערע געזעל-שאַפטלעכע אינסטיטוציעס קאָנען אונטער קיין שום אויסרייד זיך ניט אָפּזאָגן פון צו מאַכן די דעקלאַראַציעס, וועלכע זיינען אָנגעוויזן אינם דעקרעט פון 13 נאָיאַבער 1789 יאָר, אָדער זיך קעגנשטעלן באַם אויספילן דעם אַרטיקל XII פונם דעקרעט פון 14 און 20 אַפּרעל ה. י., וועלכער פאָדערט, אַז מע זאָל צונויפשטעלן אַ אינווענטאַר פון די באַוועגלעכע גיטער. אינם פאַל, אויב די אַדמיניסטראַציע פונם קרייז איז נאָך ניט אָרגאַניזירט, האָבן די מוניציפּאַליטעטן רעכט צוצוטרעטן דערצו. בלויז איין מאַלטישער אָרגאַן וואַרפט זיך ניט אונטער די טאַקאָנעס וועגן אינווענטאַר. אָבער יעדער מיטגליד פונם דאָזיקן אָרדער איז מעכויעוו צו מאַכן אַ דעקלאַראַציע מיקויעך דעם פאַרמעגנס, וועלכן ער באַזיצט אין פראַנקרייך.

„IX. דעררדאָזיקער דעקרעט דאַרף אומאָפּלייגבאַר צוגעשטעלט ווערן דעם קיניג אַף באַשטעטיקונג, און דער פאָרזיצער איז באַפולמעכטיקט צו מעלדן זיך פאַר זיין מאַיעסטעט און בעטן אים אַרויסגעבן אַ באַפעל וועגן דעם שנעלן אויספירן אים. דער פאָרטראַג פון דער קאָמיסיע וועגן דעם מאַיסער-שטייער וועט אָפּגעדרוקט ווערן, און די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג ווערט פאָרגעלייגט אוועקצושיקן אים טייקעף זייערע פולמאַכטגעבער צוזאַמען מיטן דאָזיקן דעקרעט".

---

6. א בריוו פון די אַרבעטער צו מאַראַטן.

„דעם פאָלקס-פריינט. טייערער נאַווי, עמעסער באַשיצער פונם קלאַס פון די אומפאַרמעגלעכע, דערלויבט די אַרבעטער אויפצודעקן פאַר אייך אַלע יענע נעגישעס און געמיינהייטן, וועלכע עס טראַכטן אויס אונזערע פאַדראַ-טשיקעס-בויער, קעדיי אונדז אויפצורעגן און ברענגען צו פאַרצווייפלונג. אַט

די זשעדנע אונטערדריקער, וואָס האבן איינער מיטן אנדערן געמאכט יאד־אכאס, באנוגענען זיך ניט מיט דעם, וואס זיי האבן אנגעזאמלט קאָלאָסאַלע פארמעגנס אפן כעשבן פון די ארימע אַרבעטער, זיי פארשפרייטן נאָך וועגן אונז געמיינע רעכילעס, קעדיי אָפּצונעמען בא אונז די ארבעט (די אַרבעטער האבן זיך ארגאניזירט מיט די נייע אונטערנעמער, וועלכע האָבן אָנגענומען זייערע באדינגונגען). זייער אומענטשלעכקייט איז דערגאנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך געווענדעט צום גענצגעבער מיטן צוועק אויסצופויעלן בא אים, ער זאָל אַרויסגעבן קעגן אונז א באַרבאַרישן דעקרעט, וואָס פאַרמישפּעט אונז אף הונגער-טויט.

אָט די געמיינע מענטשן, וואס גייען ארום פוסט און פּאַס און פרעסן אויף די פרוכטן פון דעם אַרבעטערס שווערער פראצע און ברענגען קיין מאל ניט קיין שום נוצן דער נאציע, האָבן זיך דעם 12, 13 און 14 יולי באַהאלטן אין די קעלערן. ווען זיי האבן דערזעען, אז דער קלאס פון די אומפּאַרמעגלעכע האט איינער אַליין געמאכט די רעוואלוציע, זיינען זיי ארויס פון די נאָרעס, קעדיי צו טרעטירן אונז, ווי מערדער. נאכדעם, אז זיי האבן דערזעען, אַז קיין געפאר איז שוין מער ניטאָ, האבן זיי אנגעהויבן צו אינטריגירן אין די דיסטריקטן, קעדיי זיך צו באזאָרגן מיט ערטערלעך. זיי האבן זיך אויסגעפּוצט אין מונדירן און עפּאָלעטן. איצט האלטן זיי זיך פאר די שטארקערע און זיי וואָלטן אונז געוואלט אָפן אכזאָרישסטן אויפן אונטערדריקן. זיי דריקן אונז אָן ראכמאָנעס און פילן ניט קיין שום גריזשאָטע.

אָט זיינען, טייערער פאלקס-פריינט, אייניקע פון יענע אומויסנדיקע, זשעדנע און אומדערזעטלעכע אונטערדריקער, וואס אף זיי וויזן אונז אן די סען-זשענעווער ארבעטער:

פּ אָ נ ס ע, דער בויער פונם נייעם קלויסטער „סענט-זשענעוויעוו", ער איז א געבירטיקער פון שקלאן, וואס אפן טייך סענאַ, אַ באַלאַגאָלע לויט זיין פראפעסיע, פארשטייט גאר ניט אין אַרכיטעקטור, נאר ער קאן אזוי די קונסט פון ראבירן, אז ער האט זיך אנגעלעבט 90.000 ליוורען האכנאסע אַפן כעשבן פון זיינע ארבעטער.

ק א מ פּ י אָ ן, א געבירטיקער פון קוטאַנס, געווען פריער אַן אַרבעטער אין פאריז און איצט איז ער געווארן, ניט געקוקט אף זיין אומגעהויערער אמא-ראַצעס, דער בויער פונם „קלויסטער דערלייזער", האָט זיך דורך שווינדל דערווארבן דעם האָטעל „טאבארען" און באקומט בא הייגטיקן טאג 90.000 ליוורען .האכנאסע.

ק י ל י אָ, האט כאסענע געהאט מיט א גאסן-פרוי און איז עפּעס אַף אַן אומפארשטענדלעכן אויפן געווארן א בויער און באקומט איצט 50.000 ליוורען האכנאסע.

ב י ע וו ר, געבוירן אין ארזשאַנטאן, אן אנגעשטעלטער בא די הערן ראָלאנד און קאָמפּאניע, ווען ער האט רואינירט מיט זיינע אומגעלומפּערטע פאדריאדן באם אויסבויען די האנדלס-פּאַלאַטע, אבער אליין האט ער אנגע-לעבט 30.000 ליוורען האכנאסע.

מאנטינאי, געבוירן אין ארזשאנטאן, אים האט מען איבערגעגעבן איבערצובויען דעם שפיטאל פאר בלינדע אין סענט-אנטואנער פארשטאט. אים געהערן דריי פרעכטיקע הייזער אין פאַריז.

שאוואניאק, פון לימוזען, ער איז אנגעקומען אין פאַריז אין הילצערנע שיך, און איצט באקומט ער מער פון 40.000 ליוורען האכנאסע.

קאָנעף, אן ערשטקלאסיקער שווינדלער, וועמען מע האָט ניט לאנג באאויפטראגט ארויסצוגעבן סכירעס די ארבעטער-שטיינהאקער. אים איז אונטערגעוואָרפן די ארומפאר-קאָמאַנדע. ער האט באגאנוועט די מלוכע מער ווי אַף צוויי מיליאָן. ער האט זיך אויסגעבויט גלענצנדיקע מאַגאַזינען אין קורטיל. ער האט שטענדיק שלעכט באהאנדלט די אַרבעטער און פלעגט זיי באשווינדלען.

דעלאַבערי, א זון פון א וואָפנע-הענדלער אין לימאזש. ער האט אנגעהויבן צו ספעקולירן באם אויסבויען די איטאליענישע קאמעדיע. איצט באקומט ער מער פון 40.000 ליוורען האכנאסע.

גאבער, אן אַמארעך, א גראבער יונג און אומפעאיקער, האט אפגעגאנוועט מער פון 200.000 ליוורען באם אויסבויען הייזער און נאכדעם האט ער זיך אויסגעבויט אפן בולוואר הייזער, וואס קאסטן מער פון 500.000 ליוורען.

פערא, אן ארבעטער פון בורגונדיע. אים האבן פראטעזשירט די אַדמיניסטראטארן פון שפיטאל דערפאר, וואס ער האט כאסענע געהאט מיט דער אומגעזעצלעכער טאכטער פונם פאַרשטארבענעם באַמאָן — דעם פאַריזער אַרצבישאף. ער האט אקארשט אויפגעהערט צו פארנעמען זיך מיט זיינע געשעפטן און האט זיך אנגעלעבט 200.000 ליוורען האכנאסע.

רוזשעויען, אן אַרבעטער פון שאמפאן, וואס איז געווארן א פאדריאטשיק מיט פינף יאר צוריק און באקומט שוין 50.000 ליוורען האכנאסע.

אט דאס זיינען די קוועלן, פון וואַנען אונזערע וואמפירן זיינען אַף אַ סקאַנדאַליעזן אויפן ניסאשער געווארן. צי וועט איר גלויבן, אז ניט געקוקט אף זייערע אַשירעס, זיינען זיי אַף אזוי פיל זשעדנע, אַז זיי באמיען זיך פאַרקלענערן אונזער טעגלעכע סכירעס, וואס די אדמיניסטראציע האט איינגעשטעלט און וואס באַטרעפט 48 סו. זיי ווילן ניט נעמען אין אכט, אז מיר האבן אַרבעט העכסטנס אין מעשעך פון 6 כאדאשים אין יאר, אזוי אז אונזער פארדינסט איז ניט מער פון 24 סו א טאג. דערביי דארפן מיר אף דערדאזיקער נישטיקער סומע זיך דערנערן, צאלן דירע געלט, קליידן און אויסהאלטן אונזערע פאמיליעס, אויב זיי זיינען פאראן בא אונז. אדאנק דעם, נאכדעם, ווי מיר האבן אויסגעצערט אונזערע קרעפטן מיטן דינען דער מלוכע, אויסגעליטן זיך פון דער שלעכטער באַהאַנדלונג מיצאד אונזערע שעפן, אָפגעשוואכט געווארן פון הונגער און אויסגעמאטערט געווארן, בלייבט פאר אונז אפט קיין אנדער אויסגאנג ניט, ווי פארענדיקן די איבערגעבליבענע טעג אין ביסעטר, בעאייס אונזערע בלוטזויגער וואוינען אין פאלאצן, טרינקען די טייערסטע וויינען, שלאפן אף פוכענע בעטגעוואנט, פארן ארום אין באגאלדעטע קארעטעס, האָבן

פּאַרגעניגן, פּארגעסן אינם לוקסוס, וואס רינגלט זיי אַרום, וועגן אונזערע צאָרעס און אָפּטמאל זאָגן זיי זיך אפּ צו באצאלן דעם טאג=לוין דער פאמיליע פון אן אַרבעטער, וואס איז פּאַרוואונדעט אדער דערהארגעט געווארן איינמיטן טאג.

נעמט זשע צו אונזערע קלאגעס, טייערער פאלקס=פריינט, און שטיצט אונטער אונזערע גערעכטע פאדערונגען אין אט די מינוטן פון פאַרצווייפלונג, ווען מיר זעען, אז אונזערע האפענונגען זיינען אפּגענאַרט: מיר האבן זיך דאך באַרואיקט מיט דער האפענונג, אַז אין די געווינסן, וואס האבן זיך באקומען פון דער נייער ארדענונג, וועלן מיר אויך האבן אַ כיילעק, און אונזער שיקזאַל וועט ווערן גרינגער...

אונטערגעשריבן דורך אלע ארבעטער פונם נייעם קלויסטער „סען-זשע-נעוויעווּ", 500 אין צאל.

פּאריז 8 יוני 1791 יאָר.

7. דאָס געזעץ פון לע-שאַפּעליע.

„אַרטיקל I. אזוי ווי די אָפּשאַפונג פון קאָלערליי קאָרפּאָראַציעס אין איין פּראָפעסיאָנעלן שטאַנד איז איינער פון די הויפּט-יעסוידעס פון דער פראנצויזישער קאָנסטיטוציע, דעריבער איז פּארווערט איבעראנייס צו באשאַפן אונטער וואָסער עס איז אויסרייד און אין וואָסערע עס איז פּאָרמען אזעלכע קאָרפּאָראַציעס.

אַרטיקל II. בירגער פון איין פּראָפעסיע אָדער מעלאָכע, אונטערנעמער און אייגנטימער פון געשעפטן, אַרבעטער און געזעלן פון עפּעס א מעלאָכע האָבן קיין רעכט ניט, אַף פּאַרזאַמלונגען, אויסצוקלייבן פּאָרזיצערס, סעקרעטאַרן און געשעפט-פירערס, פירן לייסטערס, איינאָרדענען באַראַטונגען, אָנעמען באשלוסן און ארויסגעבן וואָסערע עס איז פּאַראָרדענונגען, וואָס האָבן א שאַיכעס צו זייערע קלוימערשטע אלגעמיינע אינטערעסן.

אַרטיקל III. אלע מאַכט-פּאָרשטייער און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס איז פּאַרווערט אָנצונעמען מעמאָראנדומס אָדער פּעטיציעס, וואָס מע דערלאַנגט אין נאָמען פון עפּעס אַ שטאַנד (א פּראָפעסיאָנעלער גרופּע) אָדער מעלאָכע און געבן דערויף אַן ענטפער. פּאַרקערט, עס ווערט זיי פּאָרגעשריבן צו דערקלערן, אז אלע באַראַטונגען פון אָט דעם מין האָבן קיין קראפט ניט, און זאָרגפעלטיק אַכטונג צו געבן, אז די באַשלוסן זייערע זאָל מען ניט פּאָלגן און ניט אויספירן.

אַרטיקל IV. אויב בירגער פון איין פּראָפעסיע אָדער פון איין קונסט אדער מעלאָכע מאַכן צווישן זיך א באַראטונג און שליסן אָפּמאַכן, וואָס באַשטייען אין לעצטן סאַכאַקל דערינען, וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ אלע איינייגעם צו ארבעטן אין זייער צווייג פון אינדוסטריע אָדער ארבעט און זיינען מאַסקים יאָ צו אַרבעטן נאָר פּאַר באַשטימטע סכירעס, וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט, איז

אַלע אזעלכע באַראַטונגען און יאַדאַכאַסן, סאַי זיי ווערן געמאַכט געהיים סאַי ניט, דאַרפן דערקלערט ווערן פאַר פּײנטלעך צו דער קאָנסטיטוציע און אוויירעס קעגן דער פריייהייט און רעכטן פון דעם מענטשן. וואָס איז שײַעך די איניציאַטאָרן, רעדלפירערס און אונטערהעצערס, וואָס האָבן פאָרגעלייגט צו מאַכן אזא מין יאַדאַכאַס, האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט אָדער זײַנען געווען פאָרזיצערס אף די באַראַטונגען, דאַרף מען זיי לויט א פאָרשלאָג פון דעם קאָמונאַלן פּראָקוראָר איבערגעבן צום פּאָליציי-געריכט און אָפּמישפּעטן צו א געלט שטראָף פון 500 ליוור, און אויך אָפּנעמען בײַ זיי אף א יאָר צײַט אַלע רעכטן פון אַקטיוון בירגער און די רעכטן צו באַטייליקן זיך אין די ערשט-שטאַפּלדיקע וואַל-פאַרזאַמלונגען.

אַרטיקל V. עס ווערט פאַרווערט אַלע אדמיניסטראַטיווע און מוניציפּאַלע מאַכט-אָרגאַנען, אף זייער פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו דערלאָזן אנעמען אף אמט און געבן אַרבעט, דערהויפּט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, און די אונטערנעמער ווערט פאַרווערט צו געבן אַרבעט געזעלן, וועלכע וועלן פאַרשפּרייטן און אונטערשרייבן די אויבנאָנגעוויזענע באַשטימונגען, אכוץ דעם פאַל, ווען זיי וועלן לויט זייער אייגענעם וואונש זיך מעלדן אין פּאָליציי-צירקל, קעדיי זיי צו ענדערן אָדער אָפּוואַרפן.

VI. אויב אף פאַרזאַמלונגען און צוזאַמענקומענישן וועט מען מאַכן דראָאונגען קעגן אזעלכע זייטיקע אונטערנעמערס, קינסטלער, אַרבעטער אָדער געזעלן, וואָס וועלן נעמען אַרבעט אין דעם געגעבענעם אָרט אָדער וועלן איינגיין צו באַפרידיקן זיך מיט א נידעריקערן אַרבעטס-לוין, אָדער אויב אזעלכע דראָאונגען וועלן ווערן פאַרשפּרייט דורך פאַנאַנדערקלעפּן בלעטלעך און בריוו, ווערן די איניציאַטאָרן, אויפטוערס און די, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אונטער אזעלכע דאָקומענטן, באַשטראָפט מיט א געלט-שטראָף פון 1000 ליוור און מיט טפיסע אַף דריי כאַדאָשים.

אַרטיקל VII. די, וואָס וועלן מיסברויכן מיט דראָאונגען און געוואַלט איבער אַרבעטער, אויסנוצנדיק די פריייהייט, וואָס עס גיבן די געזעצן פון דער קאָנסטיטוציע, וועלן פאַרפאָלגט ווערן אין קרימינאַל-אָרדענונג און באַשטראָפט ווערן לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון די געזעצן, אלס צעשטערער פון דער געזעלשאַפטלעכער רואיקייט.

אַרטיקל VIII. אַלע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון קינסטלער, באַל-מעלאָכעס, געזעלן און אַרבעטער, וואָס זײַנען געווענדעט קעגן דער פריייהייט פון באַשעפטיקונג אין א געוויסער אינדוסטריע אָדער מעלאָכע, וואָס די קאָנסטיטוציע גיט, קעגן די אָפּגעמאַכטע טנאָים פון קאָלערליי מינים אַרבעט, קעגן די מיטלען, וואָס די פּאָליציי נעמט אָן, און אויך קעגן אויספירן פּסאַקדינים פון געריכט וועגן איניאָנים פון דעמזעלביקן מין, דאַרף מען באַטראַכטן ווי מענגעס בונטאָווטשיקעס און, ווי אזעלכע, דאַרף מען געריכטלעך זיי פאַרפאָלגן. די איניציאַטאָרן, פירערס און אונטערהעצערס פון

אַזעלכע מענגעס און, דערהויפּט, די, וואָס האָבן אָפּגעטאָן געוואַלט־זאַכן, קומט א שטראָף לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון די געזעצן"...

8. דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטש און בירגער (דעם 27-טן אויגוסט 1789 יאָר).

פאָרוואָרט.

„די פאָרטרעטער פון דעם פראַנצויזישן פאָלק, וואָס שטעלן צונויף די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, האַלטן, אַז דאָס ניט וויסן, פאַרגעסן און פאַראַכטן די רעכט פון דעם מענטשן זיינען די איינציקע אורזאַכן פון די געזעלשאַפטלעכע צאָרעס און פון דעם קאַליע ווערן פון די רעגירונגען, און האָבן דעריבער באַשטימט אויסצורעכענען אין א פייערלעכער דעקלאַראַציע די נאַטירלעכע, ניט אָפּנעמבאַרע און הייליקע רעכטן פונם מענטשן, קעדיי אַז דידאָזיקע דעקלאַראַציע, וואָס וועט שטענדיק זיין אף די אויגן פון אַלע מיטגלידער פון דעם געזעלשאַפטלעכן קערפּער, זאָל קעסיידער דערמאָנען וועגן זייערע רעכטן און פליכטן, — אַז די מאַיסים פון דער געזעצגעבערשער און עקזעקוטיווער מאַכט, וואָס וועלן איטלעכע ווײַלע פאַרגליכן ווערן מיטן צוועק פון יעדער פּאָליטישער אינסטיטוציע, זאָלן דורכדעם מער געאַכטעט ווערן, — אַז די פאָדערונגען פון די בירגער, וואָס זיינען פון איצטער אָן באַגרינדעט אף פּאָשעטע ניט אָפּגעפרעגטע פּרינציפּן, זאָלן זיין שטענדיק געווענדעט אף אויפצוהאַלטן די קאָנסטיטוציע און דעם אלגעמיינעם גליק.

ארויסגייענדיק פון דערפון, אָנדערקענט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג און פּראָקלאַמירט פאַר דעם אָנגעזיכט און אונטערן שוץ פון דעם אַלערהעכסטן וועזן אָט די רעכטן פון מענטש און בירגער:

I. מענטשן ווערן געבאָרן און פאַרבלייבן פרייע און גלייכע אין רעכטן: סאָציאַלע אונטערשיידן קענען זיין איינגעשטעלט נאָר אפן גרונט פון טויוועס־האַקלאַל.

II. דער צוועק פון יעדן פּאָליטישן פאַרבאַנד איז אָפּצוהיטן די נאַטירלעכע, ניט אָפּנעמבאַרע רעכטן פון דעם מענטשן; דידאָזיקע רעכטן זיינען: פרייהייט, אייגנטום, געזיכערטקייט און ווידערשטאַנד קעגן אונטערדריקונג.

III. דער פּרינציפּ פון דער גאַנצער העכסטער מאַכט האַלט זיך אויף אַלפּי מעהוס אין דער נאַציע; קיין אינסטיטוציע, קיין פּערזאָן קען ניט פאַרווירקלעכן קיין מאַכט, וואָס זאָל ניט שטאַמען דירעקט פון דער נאַציע.

IV. פרייהייט באַשטייט אין דעם רעכט צו טאָן אלץ, וואָס עס שאַדט ניט דעם אנדערן; הייסט עס, דאָס אויסניצן פון זיינע נאַטירלעכע רעכטן מיצאַד איטלעכן מענטשן האָט ניט קיין אנדערע גרעניצן, אַכוץ די, וואָס פאַרזיכערן פאַר די איבעריקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט דאָס אויסניצן פון דיזעלביקע רעכטן; דידאָזיקע גרעניצן קענען באַשטימט ווערן נאָר דורכן געזעץ.

V. דאָס געזעץ קען פאַרווערן נאָר אזעלכע מאיסים, וואָס זיינען שעד-לעך פאַר דער געזעלשאַפט; אלץ, וואָס איז אלפי געזעץ ניט פאַרווערט, איז דערלויבט, און קיינעם קען מען ניט צווינגען צו טאָן דאָס, וואָס דאָס געזעץ האָט ניט פאָרגעשריבן.

VI. דאָס געזעץ איז אַן אויסדרוק פון דעם אלגעמיינעם ווילן; אלע בירגער האָבן רעכט פערזענלעך אָדער דורך פאַרטרעטער צו באַטייליקן זיך אין דעם ארויסגעבן געזעצן; דאָס געזעץ דאַרף זיין גלייך פאַר אלעמען, אלציינס צי זיין צוועק איז צו באַשיצן אָדער צו באַשטראָפן. אזוי ווי אלע בירגער זיינען פאַר אים גלייך, דארפן זיי אַלע גלייך צוגעלאָזן ווערן צו אלע באַרופן, שטעלעס און געזעלשאַפטלעכע אמטן לויט זייערע פעאיקייטן נאָך און אָן קיין שום אנדערע אונטערשיידן, אכוץ די, וואָס זיינען פאַראַן אין זייערע מידעס און טאַלאַנטן.

VII. מע קען קיינעם ניט באַשולדיקן, פאַרהאַלטן אָדער אַריינזעצן, סאַידן אין די פאַלן, וואָס דאָס געזעץ באַשטימט און לויט די פאָרמען, וואָס זיינען דורך אים פאָרגעשריבן; די, וואָס פאָדערן אַרויס, גיבן ארויס, פירן אויס אָדער צווינגען אויסצופירן ווילקירלעכע באַפעלן, קומט זיי באַשטראָפט צו ווערן; אָבער יעדער בירגער, וואָס מע האָט אים אַרויסגערופן אָדער אריינגעזעצט אַלפי געזעץ, מוז טייקעף פאָלגן: שטעלט ער זיך אַנטקעגן, דאַן ווערט ער א שולדיקער.

VIII. דאָס געזעץ דאַרף איינשטעלן שטראָפן נאָר וואָס זיינען שטרענג און באַשיינפערלעך נויטיק, און קיינער קען ניט באַשטראָפט ווערן, סאַידן אלפי געזעץ, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן פריער פאַר דעם פאַרברעך און איז געזעצלעך אָנגעווענדעט געוואָרן.

IX. איטלעכער מענטש, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, איז אומשולדיק, קאָלזמאַן מע האָט אים ניט דערקלערט פאַר שולדיק אין געריכט; דעריבער איז אין פאַל, ווען ס'איז נויטיק צו אַרעסטירן אים, מוז יעדע שטרענגקייט, וואָס איז איבעריק קעדיי צו באַוואָרענען זיין פערזענלעכקייט פאַרן געריכט, שטרענג אונטערגעדריקט ווערן דורכן געזעץ.

X. קיינעם טאָר מען ניט באַאומרואיקן איבער זיינע מיינונגען, מעג דאָס זיין אַפילו רעליגיעזע, אויב נאָר דאָס אַרויסברענגען זיי שטערט ניט די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז איינגעשטעלט דורכן געזעץ.

XI. די פרייהייט איבערצוגעבן די געדאנקען און מיינונגען איז איינס פון די טייערסטע רעכטן פון דעם מענטשן; הייסט עס, אז איטלעכער בירגער קען פריי ריידן, שרייבן, דרוקן, מיטן תנאַי ער זאָל זיין פאַראנטוואָרטלעך פאַר מיסברויכן מיט דערדאָזיקער פרייהייט אין די פאַלן, וואָס דאָס געזעץ באַשטימט.

XII. קעדיי צו פאַרזיכערן די רעכטן פון מענטשן און בירגער איז נויטיק אַן עפנטלעכע קראַפט; הייסט עס, דידאָזיקע קראַפט איז איינגעשטעלט אין די אינטערעסן פון אַלעמען, און ניט צוליב דער פריוואַטער טויווע פון די, אין וועמעס הענט זי איז אָנגעטרויט.

XIII. קעדיי אויסצוהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע קראַפט און צוליב די הויצאָעס פון דער אַדמיניסטראַציע איז נויטיק אַן אַלגעמיינע באַשטייערונג; די שטייערן דארפן זיין פאַנאַנדערגעטיילט גלייכמעסיק צווישן די בירגער לויט זייערע מיטלען.

XIV. אַלע בירגער האָבן רעכט פערזענלעך אָדער דורך זייערע פאַר־טרעטער צו באַשטימען די נויטיקייט פון געזעלשאַפטלעכע שטייערן, פריי מאַס־קים צו זיין אף זיי, אַכטונג געבן ווי אַזוי זיי ווערן פאַרנוצט, באַשטימען די גרויס זייערע, דעם פרינציפ פון פאַנאַנדערטיילן זיי, דעם אופן פון איינמאָנען זיי און דעם טערמין.

XV. די געזעלשאַפט האָט א רעכט צו פאָדערן א דינוועכעשבן פון איט־לעכן עפנטלעכן אַגענט פון איר אַדמיניסטראַציע.

XVI. איטלעכע געזעלשאַפט, וואו עס איז ניט באַוואָרנט די גאַראַנטיע פון די רעכטן און עס איז ניט אַיינגעשטעלט קיין צעטיילונג פון די מאַכטן, האָט ניט קיין קאָנסטיטוציע.

XVII. אַזוי ווי אייגנטום איז אן אומצעשטערבאַרע געהייליקטע רעכט, קען מען עס באַ קיינעם ניט אָפּנעמען, אכוץ די פאַלן, ווען דאָס פאָדערט באַ־שיינפערלעך א געזעצלעך באַשטעטיקטע געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקייט, אי דאָס — מיטן תנאַי פון א פריערדיקער באַלוינונג אַלפּי יושער".

---

9. פון דעם מאַניפעסט פון דעם הערצאָג פון ברוינשווייג.

(25 יולי 1792 יאָר)

„האָבנדיק פאַרניכט ווילקירלעך די רעכטן און דעם באזיץ פון די דייטשי־שע מעלאָכים אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע, האָבנדיק אויפגערודערט און אראָפּ־געשליידערט די אינעווייניקסטע אָרדענונג און די געזעצלעכע רעגירונג, מאַכנ־דיק קעגן דער געהייליקטער פערזאָן פון דעם קיניג און זיין מאַיעסטעטישער פאַמיליע אַטענטאַטן און געוואַלט, וואָס ווערן מיט יעדן טאָג אלץ עפּטער און כאַזערן זיך איבער איבעראַנייס, — האָבן אָט די, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די ליי־צעס פון דער רעגירונג, פאַרפולט די מאָס פון אומגעזעצלעכקייטן, דערקלערנ־דיק אן אומגערעכטע מילכאָמע זיין מאַיעסטעט דעם אימפעראַטאָר.

זיין מאַיעסטעט, דער קיניג פון פרייסן, וואָס איז פאַרקניפּט מיט זיין אימפעראַטאָרישער מאַיעסטעט דורך די פעדים פון אן ענגן פאַרטיידיקונגס־פאַרבאַנד און איז אן איינפלוסרייכער מיטגליד פון דעם דייטשישן פאַרבאַנד, האָט געמוזט קומען צו הילף זיין פאַרבינדעטן.

צו אָט די גרויסע אינטערעסן קומט נאָך צו אויך אַזאַ וויכטיקער צוועק, וואָס באַאומרואיקט די הערצער פון די ביידע מעלאָכים: זיי האָבן בעדייע אָפּ־צושטעלן די אַנאַרכיע אינעווייניק אין פראַנקרייך, מאַכן אן עק צו די אָנפאַלן

אַפן טראָן און קירך, אויפשטעלן צוריק די געזעצלעכע מאַכט, אומקערן דעם קיניג די זיכערקייט און פרייהייט, וואָס מע האָט בא אים אָפגענומען, און געבן אים א מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די געזעצלעכע מאַכט, וואָס געהערט אים.

זייענדיק איבערצייגט, אז בא דעם געזונטן טייל פון דער פראַנצויזישער נאַציע רופן ארויס אן עקל די עקסצעסן פון דער פאַרטיי, וואָס דריקט זי, און אַז די מערהייט איינוואוינער וואַרט מיט אומגעדולד אף דעם מאָמענט פון הילף, קעדיי אָפן ארויסצוטרעטן קעגן די פאַרהאַסטע אַטענטאַטן פון אירע אונטער-דריקער, רופן צו זיי זיין מאַיעסטעט דער אימפעראטאר און זיין מאַיעסטעט דער קיניג פון פרייסן און לאַדן זיי איין טייקעף אָפקערן זיך אַפן וועג פון פאַרשטאַנד, גערעכטיקייט, אָרדענונג און פרידן.

אַרויסגייענדיק פון דאָס אַלץ, דערקלער איך, דער אונטן געחאַסמעטער גענעראַל הויפט קאָמאַנדיר פון ביידע אַרמייען, אַז זייער מאַיעסטעט האָבן ניט בעקאַוואָנע ארייננצומישן זיך אין דער אינעוויי־ניקסטער פאַרוואַלטונג פון פראַנק-רייך, די איינציקע זאַך, וואָס זיי ווילן נאָר, איז צו באַפרייען דעם קיניג, די קיניגן און די קיניגלעכע פאַמיליע פון זייער געפאַנגענשאַפט און צו באַוואָרע-נען פאַר זיין העכסט קריסטלעכער מאַיעסטעט די נויטיקע געזיכערטקייט, קע-דיי ער זאָל קענען אין זיכערקייט און אומגעשטערט צונויפרופן פאַרזאַמלונגען, ווי ער וועט געפינען פאר נויטיק, און אַרבעטן איבער דער פאַרפעסטיקונג פון דעם גליק פון זיינע אונטערטאַנען, בעהעסקעם מיט זיינע פאַרשפּרעכן און אף וויפל דאָס וועט זיך ווענדן אן אים...

די שטאָט פאַריז און אלע אירע איינוואוינער אן אויסנאַם וועלן זיין מע-כויעוו טייקעף אונטערצוואַרפן זיך דעם קיניג, געבן דעמדאָזיקן מיילעך די פולע פרייהייט און פאַרזיכערן פאַר אים און אלע קיניגלעכע פערזאָנען אומ-באַרירלעכקייט און רעספּעקט, ווי אונטערטאַנען זיינען עס מעכויעוו ‚בענויגייע זייערע מעלאָכים אַלפּי נאַטירלעכן און מענטשלעכן רעכט.

זייערע מאַיעסטעטן דערקלערן, אכוץ דעם, באַוואָרענענדיק עס מיטן אימפעראַטאָרישן און קיניגלעכן וואָרט, אז אויב דער פאַלאַץ טיולערי וועט ליידן פון געוואַלט און אָנפאַל, אויב עס וועט געשעען דאָס קלענסטע געוואלט אָדער באַליידיקונג פון זייערע מאַיעסטעטן דעם קיניג, דער קיניגן און דער קיניג-לעכער פאַמיליע, אויב מע וועט טייקעף ניט באַזאָרגן זייער פרייהייט, בעזוי-כערטקייט און שמירע, — וועלן זיי זיך נוקעם זיין אף אן אויפן, וואָס וועט דינען פאַר א ביישפּיל און וועט אייביק ניט פאַרגעסן ווערן, מאַכנדיק אין דער שטאָט פאַריז א מיליטערישע עקזעקוציע און איבערגעבנדיק זי אינגאַנצן צו צעשטערונג, און די מורידים, וואָס זיינען שולדיק אין די אַטענטאַטן, צו אַ פאַר-דינטער טויט-שטראָף.

ארויסגייענדיק פון אט די האַנאָכעס, בעט איך און דרייד מיט דער גאַנ-צער קראַפט און פעסטקייט צו אלע איינוואוינער פון דעם קיניגרייך, זיי זאָלן ניט

שטערן דעם מאַרש און די אפעראַציעס פון די כּאַיאַלעס, וואָס איך פיר אָן, נאָר גיכער געבן זיי אומעטום אַ פרייען צוטריט, ארויסווייזן גוטהארציקייט און הילף, ווי די אומשטאנדן קאָנען עס פאַדערן".

ארויסגעגעבן אין דער הויפט-קוואַרטיר אין קאָבלענץ 25 יולי 1792 יאָר.

---

10. דער קיניג און די קאָנטער-רעוואָלוציע.

(פון ווערניעס רעדע דעם 3 מאַי 1792 יאָר)

„די פראַנצויזישע פרינצן האָבן זיך געפרואווט אויפהויבן אַלע אייראָפּעאישע הויפן קעגן דער פראַנצויזישער נאַציע, האַנדלענדיק אין נאָמען פונם קיניג. דער פּילניצער אָפּמאַך און דער אויסטערלישער בונד צווישן דעם ווינער און בערלינער הויף זיינען געשלאָסן געוואָרן מיטן צוועק אָפּצורעכענען זיך פאַר דער כּשיוועס פונם קיניג. די געוועזענע ראָטעס לייבגוואַרדייער האָבן זיך צונויפגעצויגן אין דייטשלאַנד אונטער דער פאָן פון מערידע אף צו באַשיצן דעם קיניג. די עמיגראַנטן בעטן זיך און ווערן אָנגענומען אף דינסט אינם עסטרייכישן מיליטער און גרייטן זיך פונדערווייטנס צו פייניקן זייער היימאַט אויך צוליב דעם, קעדיי צו געבן היקף דעם קיניג. בלויז צוליב דעם קעדיי צוצושטיין צו די אריסטאָקראַטישע קאָוואַלערן פון דער קיניגלעכער פּרעראָגאַטיוו, פאַרלאָזן זיי דעם סוינע אין די אויגן זייערע פאָסטנס. די איבעריקע אריסטאָקראַטישע לייט, וועלכע זיינען איבערפולט מיט רעספּעקט און ראַפינירטקייט פון געפיל, פעלשן אין דער שוואוע, באַגאַנווענען די קאַסעס, פליסן זיך אונטערקויפן די סאלדאַטן און, אף אזאַ אויפן, ווייזן זיי ארויס זייער העלדישקייט און געמיינהייטן אין אויוועך זיין שוואועס, אין אויוועך זיין די סובאָרדינאַציע (אונטערגעוואָרפנקייט), אין גנייווע און רציכעס (אַפּלאַדיסמענטן). דער קיניג פון באָהעמען און אונגאַרן, וואָס האָלט מילכאָמע מיט אונז, און דער פרייסישער קיניג, וואָס מאַרשירט צו אונזערע גרעניצן, האנדלען אויסשליסלעך נאָר קעגן אונזער נאַציע אָדער דער נאַציאָנאַלער פארזאַמלונג און אף אָפּצוהיטן דעם גלאַנץ פון דעם טראָן. מע מאַכט אָנפאַלן אף דער פרייהייט אינם נאָמען פון קיניג, און ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן זי צו פאַרניכטן, וואָלט מען טאַקע אין זיין נאָמען צעפליקט דאָס קיניגרייך, קעדיי צו קאָמפּענסירן די קאָאַליציע-מלוכעס פאר זייערע הויצאָעס, ווייל די פאזראָנעס פון די מלאָכים איז באַוואוסט. מיר ווייסן מיט וואָס פאַר אן אומאייגנוציקייט זיי שיקן זייערע ארמייען אף כּאָרעוו מאַכן אן אויסלענדישע מעדינע און אף וויפל מע קאָן גלויבן אין דעם, אז זיי וואָלטן זיך גענומען אויסליידיקן זייער מלוכע-קאָסע אף צו אונטערשטיצן א מילכאָמע, וואָס וואָלט ניט געוועזן קיין לוינבאָרע פאַר זיי. מיט איין וואָרט, דער אויסרייד אָדער די סיבע פון אַלע אומגליקן, וועלכע זיי באַמיען זיך ארויפשליידערן אף אונזער קאָפּ, פון די אומגליקן, וואָס פאַר זיי דאַרפן מיר אין דער צוקונפט מוירע האָבן, איז בלויז דער נאָמען פונם קיניג"...

---

11. באַקאָשע צו די פּאָטערס-סענאַטאָרן אָדער גרינט-לעכע פאָדערונגען פון די, וואָס האָבן גאָרניט, צו די, וואָס האָבן אלץ.

„פּאָטערס-סענאַטאָרן!

די נאַציע באַשטייט פון 25 מיליאָן מענטשן. מיר אליין באַטרעפן מער פון צוויי דריטל פון אָט דער צאָל. און מיט אונז רעכנט מען זיך לאַכלוטן ניט אין דער מלוכע, אָדער אויב אין אייערע הויכע דעקרעטן רעדט זיך יאָ וועגן אונז, איז נאָר צוליב דעם, קעדיי אונז צו דערנידעריקן, פייניקן און אונטער-דריקן.

באַ דער אלטער אָרדענונג וואָלט אזאַ נאַכלעסיקייט, אזאַ באַגיין זיך פון אייער זייט ניט אויסגעזעען פאַר אונז זייער מאָדנע. מיר האָבן געלעבט אונטער האַרן, וואָס פאַר זיי האָט די נאַציע איינגאַנצן געגומען זיך אנטהאַלטן אין זייער האַרץ. אין זייערע אויגן זיינען מיר גאָרניט געווען, און זיי האָבן באַוויליקט צו דערמאָנען זיך אָן אונז בלויז צוליב דעם, קעדיי ארויסצורייסן באַ אונז די פרוכטן פון אונזער ארבעט אָדער איינשפּאַנען אונז אין זייער וואָגן.

עס זיינען פאַרביי יענע צייטן. אָבער וואָס האָבן מיר דערפון געוואונען! אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט אלעמען אזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, וואָס האָט ארויסגערופן אזוינע פרייד-געשרייען, וואָס האָט גע-צוואונגען אָפּצוריכטן אזוי פיל גאָטעסדינסטן, — דערדאָזיקער רעוואָלוציע, וואָס אזוי פיל פּעדערס האָבן זי געלויבט ביז אין הימל אריין, וואָס מע האָט זי אזוי פיל מאָל געפייערט און וואָס אף איר כידעשן זיך נאָך ביז איצט אזוי פיל נאַראָנים, אין די ערשטע טעג אירע האבן זיך אונזערע הערצער אף אַ רעגע געעפנט פאַר פרייד. מיר האָבן זיך איינגעוויינט מיט דער האָפענונג, אז אונזערע צאָרעס האָבן זיך געענדיקט, אז אונזער שיקזאַל האט זיך געענדערט.

ווי געלונגען עס זאָלן ניט זיין די שינויאים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער מלוכע, זיינען זיי אלע בלויז פאַר די רייכע. פאַרן אָרימאַן זיינען די הימלען שטענדיק געווען און וועלן שטענדיק פאַרבלייבן קאָרגע.

פּאָטערס-סענאַטאָרן! איר רופט זיך אָן פאָלקס-דעפּוטאַטן, איר פאַרזי-כערט, אז איר האָט געזאָרגט וועגן זיינע אינטערעסן, געזיכערט זיינע רעכט. נו, אָבער וואָס האָט איר אויפגעטאָן פאַר אונז? איר וועט, פאַרשטייט זיך, זאָגן, אז איר האָט געהאָרעוועט אף צו באַפרייען די נאַציע? גוט, אָבער וואָס פאַראַ באַטייט האָט די פּאָליטישע פרייהייט פאַר אונז, וואָס האָבן קיינמאָל פון איר ניט געוואוסט און וועלן קיינמאָל פון איר ניט וויסן. זי האָט א ווערט בלויז אין די אויגן פונם דענקער, וואָס וויל אָנפירן מיט די מענטשן, פונם פּובלי-ציסט, וואָס וויל קוינע שעם זיין, און פון די בירגער, וואָס ווילן איבער זיך ניט קיין שום האַר: אָבער באַ אונז אָרימע לייט, פאַרוואָרלאָזטע, איז גאָר

קיין צייט ניטאָ אַף צו דענקען *). מיר מישן זיך זעלטן אריין אין די מלוכישע איניאָנים, און ווען דאָס פּאַסירט יאמיט אונז, קאָן אונזער אָנטייל בלויז זיין אזאַ, ווי דער אָנטייל פון די צושויער אין דער טעאַטראַלער פּיעסע אָדער פון די שוישפּילער אין דער אָפּערע.

וואָס איז שאַיעך דער בירגערלעכער פרייהייט, האָבן מיר קיינמאָל פון איר ניט געוואסן ווי עס געהער צו זיין און מיר ווען פון איר קיינמאָל ניט געניסן אין א פולער מאָס. צו וואָס זאָלן מיר זיך אָפּנארן? באַ דער איצטיקער קלוימערשטער הערשאַפט פון פרייהייט לעבט זיך אונז אסאַך ערגער, ווי באַ דער הערשאַפט פון דער קנעכטשאַפט. מיר ליידן הונדערט מאָל מער באַליידיקונגען פון די נידערטרעכטיקע מיטהעלפער פון אונזערע קליינע טיראַנען, איידער מיר האָבן געליטן פון די אָנגריפן פונם דעספּאָטס מעשאָרסים, — און מיר ווייסן ניט פאַר וועמען זיך צום קלאָגן, באַ וועמען צו בעטן שוץ. די קאָמיסאַרן פון אונזערע דעפּאַרטאַמענטן, אונזערע פרידנס-ריכטער, אונזערע מוניציפּאַלע באַאַמטע האָבן בלויז איבערגעביטן דעם נאָמען: דאָס זיינען דיזעלביקע קוואַרטאַל-קאָמיסאַרן, דיזעלביקע פריערדיקע קאַנצעלאַריסטן, דיזעלביקע פריערדיקע קיניגלעכע טשינאָווניקעס. אין דער נייער אדמיניסטראַציע געפינט מען דאָסראָוו פערזאָנען, וואָס זיינען אריין אינם באַשטאַנד פון דער פריערדיקער, אָדער אַנדערע אינטריגאַנער, אַנדערע קאָוועד-זוכער, אנדערע שווינדלער, וואָס זיינען נאָך ערגער פון די פריערדיקע און זיינען פונקט אזוינע מעשאָרסים פון דער אלטער אָרדענונג, וועלכע שינדן, ראַבירן אונז, שטיקן און דריקן וויפל זייער האַרץ גלוסט, רייסן זיך אריין אינמיטן העלן טאָג אין אונזערע הייזער און אונטערן שלייער פון דער מאַכט רייסן זיי אונז מיט געוואלט אָפּ פון אונזערע היימען. אונזערע פּאָליצייאישע געריכטן און דעפּאַרטאַמענטס-געריכטן זיינען צוזאַמענגעשטעלט פונקט אזוי שלעכט, ווי אונזערע פריערדיקע אויעזדישע און גענטלעכע געריכטן. און נאָך א זאך! פריער זיינען באַ אונז געווען פינף הונדערט טויזנט קליינע טיראַנען, איצט זיינען פאַראַן א מיליאָן אונטערדריקער. פּאָטערס-סענאַטאָרן, איר גיט אונז, שוצלאָזע, איבער אינגאַנצן אין זייערע הענט און לויט דעם, ווי ווייניק איר האָט געזאָרגט וועגן אונזער זיכערקייט, וועגן אונזער רואיקייט, זעען מיר דורך אלע פאַלשע האַנאָכעס וועגן פרייהייט, דורך אלע גרויסע ווערטער וועגן גלייכהייט פון די ראַנגען און שטאַנדן, זעען מיר אויסגעצייכנט, אז אין אייערע אויגן זיינען מ״ר געבליבן פונקט אזוינע אויסוואורפן, ווי מיר זיינען געווען.

ענדלעך, וואָס איז שאַיעך דער שטוביקער פרייהייט, קאָן זי דאָך ניט זיין פאַר יענעם, וואָס פאַרמאָגט גאָרניט, — הייסט עס, דער גוירל, וואָס דערוואַרט אונז, איז אייביקע קנעכטשאפט. מיר, באַלמעלאָכעס און דינער, וואָס זיינען אַף אַזאַ אויפן צוגעשמידט א גאַנצן טאָג צו אונזער ארבעט, זיינען בלויז א ווערקצייג אין די הענט פונם שטרענגן און מעכטיקן האר.

*) וואָס וואָלט געוואָרן פון די נאַציעס, ווען די אָרימעלייט וואָלטן זיך דורכגעדרונגען מיט זייערע רעכט, ווי אונזערע פילאָזאָפן, און ווען דאָס דענקען וואָלט צעפלאַקערט אין זיי דאָס באַ וואוסטזיין פון זייער שרעקלעכער לאַגע (באמערקונג פון מאראַט).

איר ווייסט, אז אָט דאָס גליק פון דער פרייהייט, פון וועלכן איר קלייבט זיך צו געניסן, איז ניט פאר אונז געשאַפן געוואָרן. אינם דאָזיקן פּראַט זיינען מיר פרעמד דער רעוואָלוציע פונקט אזוי, ווי מיר וואָלטן קלאַל ניט אריין אינם באַשטאַנד פון דער מלוכע.

איר האָט אָפּגעגעבן אַסאך אויפמערקזאַמקייט דעם אייגנטום, וואָס איר האָט אוועקגעשטעלט אונטערן שוץ פון די געזעצן. אָבער ווי קליין איז דער ווערט פון אָט די אָרדענונגען פארן מענטשן, ווען עס קומט ניט אויס צו פירן קיין געשעפטן, ווען עס קומט ניט אויס צו באַשיצן די אינטערעסן. און וואָס פאַר א באַטייט קאָן האָבן פאַרן אומפאַרמעגלעכן דאָס אייגנטום גופע?

איר האָט צעשטערט די יערושע-פּריווילעגיעס, איר האָט אריינגעבראַכט מער גלייכהייט אין די בירגערלעכע שטאַנדן פון די ערשטע קאַטעגאָריעס בירגער, מער גלייכמעסיקייט אינם פאַנאַנדערטיילן די שטייערן. אָט די אלע פאָרמען, וואָס לוינען פאר אייך, זיינען פונקט אף אזוי פיל פרעמד פאר אונז. פאַנאַנדערטיילנדיק אף א בעסערן אויפן די שטייערן אף די שטאַנדן, האָט איר די גאַנצע לאַסט זייערע איינגעהאַלטן פארן אָרימאַן. דאָס ברויט, וואָס ער עסט, דאָס ווייַן, וואָס ער טרינקט, דאָס שטאָף, אין וועלכן ער באַקליידט זיך, זיינען באַליגט מיט שווערע שטייערן. ווי אזוי זשע האָט איר עס ניט דערפילט, אז די גערעכטיקייט האָט געפאָדערט אויסצושליסן פון די שטייערן יענע, וואָס באַ זיי איז גאָרניט ניטאָ? ווי אזוי זשע האָט איר עס ניט דערפילט, אז אַנשטאָט אויפצומאָנען שטייערן, דאַרף מען אדראַבע ארויסגעבן מיטלען! יענעם, וועמען די נויט האָט אוועקגעשטעלט נידעריקער פונם ניוואָ פון די פיזישע היצטארכעסן *).

אַנשטאָט קומען אונז צו הילף, האָט איר אונז אַכזאָריעסדיק באַגאַזלט. דאָס קלויסטערשע פארמעגנס, וואָס איז אריבער אין רעשוס פון די אָרימע, האָט איר באַ זיי צוגענומען אף די ווילדע פלענער פון דער רעגירונג, פאר די מיניסטאָרן אף פארשווענדן, פאר די פארוואלטער אף צעשלעפּן, אפן סקאַנדעליעזן לוקסוס פונם הויף, אף דער אויסבערענגערײַ, שווינדל און גזיילע פון די מלוכישע וואַמפּירן. איר האָט געהאַט בעדייע צו באַזייטיקן די מיס-ברויכונגען פון די גייסטלעכע, און דאָך האָבן פונם פארמעגנס, וואָס געהער אונז, די סצעפּטערטרעגער און מיטרעטרעגער צוגענומען פאַר זיך א גרויסן ביילעק: דערביי זיינען זיי אויסגעשלאָסן פון דער פליכט אויסצוטיילן אונז זאָל זיין אפילע דעם קלענסטן טייל פונם דאָזיקן פאַרמעגנס. זיי באַזיצן עס אף די רעכט פון אייגנטום, אונטער דער פאָרם פון געהאַלט, אף צו פאר-שאַפן זיך די אלע לעבנס-באַקוועמלעכקייטן, וואָס צו זיי זיינען זיי צוגעוויינט. אָבער, וואָס איז נאָך ערגער, איר האָט באַ זייער דעמיסיע איינגעהאַלטן פאר זיי דיזעלביקע קאָלאָסאַלע געהאַלטן אינם פאַל, אויב זיי וועט נימעס ווערן אויסצופילן די פליכטן פון זייער הייליקער דינסט.

*) דידאָזיקע ארגומענטן האָט ארויסגעשטעלט דער בירגער שאַפעליע באַם באַגרינדן דעם דעקרעט (באַמערקונג פון מ אַ ר אַ ט).

ווען מע לייענט אייערע דעקרעטן וועגן די פערזאָנען, וואס פאַרנעמען קירכלעכע אַמטן, וועגן די בישאָפן און אַרצבישאָפן, וואָס אין פאַרשיידענע פאַלן ווערט פאַר זיי אָפּגעהיט דער גאַנצער געהאַלט און עס ווערט צוגעלייגט אָדער אַראָפּגערעכנט א פערטל, א דריטל, אָדער אַ העלפט פונם געהאַלט, באַקומט זיך אַ פאָרשטעלונג, אַז מיר זיינען עפעס ראַבאָנים, וואס ברענגען אין אָרדענונג די פראַצענט-כעשבוינעס.

ענדלעך, פון דעמזעלבן קירכלעכן פאַרמעגן, וואָס מע האט אָפּגענומען באַ די אָרימע אונטערן אויסרייד פון באַצאָלן די מלוכע-כויוועס, האָט מען באַ אונז אָפּגעריסן פופצן מיליאָן פאַר די הונגערנדיקע פונם גאַנצן קיניגרייך. באַ אַן אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין די וואוילטעטיקע וואַרשטאַטן וועט אויסקומען צו פינף און דרייסיק סו אַף אַ נעפעש, וועלכע מע צאָלט אויס אינגאַנצן איין מאָל. אין דער צייט, ווען איר האָט דאָך אַסיגנירט פון זיך צוואַנציק מיליאָן אַף אָפּצוצאָלן ענדגילטיק די כויוועס פונם אויסוואורף, וואס שטייט נאָענט צום טראָן, פונם סקאַנדאַליעזן אויסברענגער, וועמעס שמוציקע אויסגעלאַסנהייט איז ווייט ניט דער גרעסטער פאַרברעכן, דעם סוינע פונם פאַטערלאַנד, וואָס איז סאָפּקאָלסאַף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א נידערטרעכטיקן פאַרשווערער *).

וואָס איז דער אויספיר? די אלע פריווילעגיעס, וואָס די גווירים געפינען אין זייערע גיטער אונטערן שוץ פון אונזער געזעצגעבונג, עקזיסטירן ניט פאַר אונז. און אויך אינם דאָזיקן פראַט בלייבן מיר פרעמד דער רעוואָלוציע, פונקט ווי מיר וואָלטן גאָרניט אַריין אינם באַשטאַנד פון דער מלוכע.

ביז איצט גייט די נייע אָרדענונג אינגאַנצן לעטויוועס די רייכע און אינטריגאַנער. אָבער דאָס איז בלויז איין טייל פון זייערע פריווילעגיעס. פאַטערס-סענאַטאָרן, איר האָט קלוימערשט געדאַיגעט מיט אַ באַזונדערן זאָרג וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע בירגער אינם באַנוצן זיך מיט די גע-זעלשאַפטלעכע גיטער. באַם פאַרנעמען אַמטן, שטעלעס און באַרופן האט איר באַשטימט צו רעכענען זיך בלויז מיט די פעאיקייטן און מאָראַלישע מאַילעס פון די פערזאָנען. דאָס וואס וואלט געקאָנט אויסזעען פראַכטפול, ווען איר וואָלט זיך ניט צוגעאיילט צו צעשטערן אייער אייגענע זאַך. דורך מיטלען פון קונצנמאַכער האט מען זייער גיך באַוויזן אויסצונאַרן באַ אייך אָט די אלע האנאָכעס. אקאָרשט האָט איר באַוויזן צו אנערקענען, אז אלע מענטשן, וואָס זיינען גלייך לויט זייער נאַטור, דאַרפן אָן אונטערשייד גערופן ווערן אַף די אַמטן, וועלכע זיי זיינען פעאיק אַף א ווירדיקן אויפן אויסצופילן, ווי איר האָט שוין צוגעגעבן: אָבער אויב זיי באַצאָלן ניט קיין זילבער-מאַרק דירעקטן שטייער, קאָנען זיי ניט זיין קיין פאָרשטייער פון דער נאַציע, אויב זיי באַצאָלן ניט קיין צען ליוורען דירעקטן שטייער, קאָנען זיי ניט זיין קיין ווילער, אויב זיי באַצאָלן ניט קיין דריי ליוו-רען דירעקטן שטייער, קאָנען זיי ניט זיין קיין אַקטיווע בירגער. אזוי האָט איר, מיט דער הילף פון אָט די אויסריידן, געפונען א קונציקן מיטל צו

*) גראף ד'ארטוא (באַמערקונג פון מאַראַט).

פאַרמאַכן פאַר אונז די טירן פון דער געזעצגעבערשער פאַרזאַמלונג, פון די געריכטן, דירעקטאָריעס, מוניציפּאַליטעטן. אינם נאָמען פון געזעץ דערקלערט איר אונז אלס אומפעאיקע אויסצופילן וועלכן ניט איז פון די אַמטן, וואָס צו זיי האט איר אונז גערופען אינם נאָמען פון די נאַטירלעכע רעכט. און אלס האשלאַמע צו דער אומגערעכטיקייט דערגייט איר אַזוי ווייט, אז איר דער־קלערט אונז פאַר אומפעאיק צו באַשטימען יענע, וואָס דאַרפן אויספילן דידאַ־זיקע אַמטן. ענדלעך, באַרויבט איר אונז פּאַשעט פונם סאַמע בירגערלעכן באַרוף. אייער בארימטע דעקלאַראַציע פון די רעכט איז, הייסט עס, נאָר געווען א בלויזער צוציאונגס־מיטל אַף צו פאַרווײלן טיפּשים, קאָלומאַן איר האָט מוירע געהאט פאר זייער אויפרעגונג, אָבער אין אונטערשטן סאַכאַקל באשטייט זי אין איבערגעבן אין די הענט פון די רייכע אַלע פּריווילעגיעס, אלע ערע־צייכנס פון דער נייער אָרדענונג. הייסט עס, אַז די רומפולע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען לעטויוועס בלויז יעכידע סגולע.

אויב ניט דער באַרימטער דעקרעט, וועלכער פאָדערט ניט קיין אַנדער ציינז אַף צו פארנעמען אמטן, אכוץ פעאיקייטן און מאָראַלישע מאַילעס,—וואָלט ניט באַוויזן צו פאַרוואנדלט ווערן אין א שפּאַס, וואָלט ער דאָך קיין שום אָנווענדונג צו אונז ניט געהאַט. אָפּקומענדיק אַ לעבן פון דאַכקעס און נויט, קאָנען מיר דינען דעם פאָטערלאַנד בלויז מיט די הענט, ווי מיר האָבן אים שטענדיק געדינט. אַף אזא אויפן וועלן מיר, אין דער צייט ווען איר אַליין וועט געניסן פונם גליק צו באַפעלן אנדערע, שטענדיק גערופן ווערן בלויז צו פאָלגן זיך, אָפּצוגעבן דער מלוכע אונזער האָרעוואַניע, ליידן און יעסורים. פאַר אונז באַשטייען די מאַילעס פון דער קאָנסטיטוציע אין איבערלאָזן אונז אין נויט און שמוץ.

מ אַ ר אַ ט".

12. מאַראַט וועגן 10-טן אווגוסט.

„10 אווגוסט 1792 יאָר. א בריוו פונם פאָלקס־פריינט צו די פראַנצוי־זישע פּאַטריאָטן.

מיינע טייערע מיטבירגער. דער מענטש, וואָס איז צוליב אייער טויווע וועגן אַריינגעלייגט געוואָרן אין כיירעם, גייט היינט אַרויס פון אונטער דער ערד, קעדיי צו פאַרפעסטיקן אייער ניצאָכן.

שטרעבנדיק צו דערוויזן, אַז ער איז ווערט אייער צוטרוי, דערמאָנט ער אייך, אז ער געפינט זיך נאָך אונטערן שווערד פון דער טיראַניע דערפאַר, וואָס ער האט אייך געעפנט די אויגן אַף די שרעקלעכע מאכינאַציעס פון אייערע אַכזאָריעסדיקע סאָנים.

ער האט אייך פאָרויסגעזאָגט, אז אייערע אַרמייען וועט מען דורך פּאַ־רעטערישע גענעראַלן פירן צו דער שכיטע, און ווירקלעך—דריי שענדלעכע מאַפּאָלעס האָבן געלאָזט וויסן וועגן דעם אָנהויב פון דער קאמפּאַניע. ער

האָט אייך פּאָרויסגעזאָגט, אַז די גרעניצן פון דער מלוכע וועלן איבערגעענט-פערט ווערן אין די הענט פון די סאָנים — און אט דעראָבערט שוין דער סוינע צום צווייטן מאָל די שטאָט באַוועי. ער האָט אייך פּאָרויסגעזאָגט, אַז די צע-פאַלענע מערהייט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וועט אייביק פאַרקויפן די היימאַט — און דער פאַראט, וואָס האָט מיט זיינע לעצטע צווי דעקרעטן איבערפילט דעם בעכער פונם געזעלשאַפטלעכן צאָרן, האָט געבראַכט, ענדלעך, צו די אַכזאָריעסדיקע, אָבער אַזוי נויטיקע, געשעענישן פונם היינטיקן טאָג.

ער האָט אייך פּאָרויסגעזאָגט, אַז אייביק וועלן אייך פאַרקויפן די טשינאָווניקעס, אייערע אומגעטרייע דינער, קאָלומאַן איר וועט ניט פאַרגיסן זייער בלוט, קעדיי צו ראַטעווען דאס פאָטערלאַנד, — און איר האט אָקאָרשט אָוועקגעלייגט די כסימע אַף דעם טרויעריקן עמעס.

מיינע טייערע מיטבירגער, גלויבט זשע דעם מענטשן, וועלכער ווייס אַלע אינטריגעס פון די פאַרשווערער און וועלכער האָט אין מעשעך פון דריי יאָר אַף א רעגע ניט אויפגעהערט צו שטיין א וואכזאמער אף דער וואַך פון אייער רעטונג.

דער באַרימטער טאָג פונם 10 אויגוסט פון 1792 יאָר קאָן זיין אן אַנט-שיידענער פאַר דעם ענדגילטיקן ניצאָכן פון דער פרייהייט, אויב איר וועט נאָר זיין בעקויעך אויסצונוצן זיך מיט אייערע דערגרייכונגען. א גרויסע צאָל פונם דעספּאָטס סאַטעליטן לעקן איצט דעם שטויב. אייערע פאַרביסענע סאָנים זעען אויס ווי אַ גרויל וואָלט זיי אָנגענומען, זיי וועלן ווערן שרעקלעכער, ווי ווען עס איז ביז איצט. דערמאָנט זיך דעם שאַטעלע-פראָצעס אין צוזאַ-מענהאַנג מיט די געשעענישן פון 5—6 אָקטיאַבר. היט זיך ניט נאָכצוגעבן דעם געפיל פון פאַלשער ראַכמאָנעס. נאָכדעם ווי איר האָט פאַרגאָסן אייער בלוט, קעדיי ארויסצושלעפן די היימאַט פונם אָפּגרונט, היט זיך ניט צו ווערן קיין קאָרבן פון זייערע פינסטערע פלענער. היט זיך, אייך זאָל די גראָבע זעלנעריי ניט אַראָפּשלעפן באַנאַכט פון אייערע געלעגערס, קעדיי אַריינצושליידערן אייך אין טפיסע, וואו אייך וועט בלויז איבערבלייבן אריינצופאַלן אין פאַרצווייפלונג און וואַרטן דעם אונטערגאַנג אַפן עשאַפאָט.

איך כאַזער איבער, היט זיך פאר דער רעאַקציע. אייערע סאָנים וועלן אייך ניט שאַנעווען, אויב זיי וועט אָפּגליקן. אַזוי, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו שאַנעווען. איר זייט פאַרפאַלענע, אויב איר וועט זיך ניט צוויילן אָפּהאַקן די קעפּ פון די פאַרפלוכטע מיטגלידער פונם מוניציפּאַליטעט, פון דעפּאַרטאמענט, פון אלע אַנטיפּאַטריאָטישע פרידנס-ריכטער, ווייל זיי זיינען די סאַמע האנגרע-יאזע גלידער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. איך רייד וועגן דער נאַציאָ-נאַלער פאַרזאַמלונג. אָך, צוליב וואָס פאר א פאָרורטייל, צוליב וואָס פאר אַ פאטאַלן רעספּעקט צו איר שאַנעווען מען זיי. מע הערט ניט אויף צו דערציילן אייך, אַז, ניט געקוקט אַף אַל דאָס בייז, וואָס איז אין איר פאַראַן, דאַרף מען זיך פאַרייניקן אַרום איר, דאָס הייסט, פאָרלייגן צונויפזאַמלען זיך איבער אַן אָפּע-נעם אָפּגרונט אונטער אייערע פיס און לאָזן זיך זאָרגן וועגן אייער שיקזאַל האט זיי אָוועקגעשטעלט אַף צו רואינירן אייך אינגאַנצן.

זייט וויסן, אַז די פאַרזאַמלונג איז אייער פאַרביסנסטער סוינע: קאַלזמאַן זי וועט זיך האַלטן אַף די פיס, וועט זי זיך נויקעם זיין אַן אייך, וועט זי אייך פאַר־שיטן מיט פאַלשע האַפּטאַכעס. זי וועט פון הינטן־אַרום בויען פאַרשיידענע מאַכינאַציעס, קעדיי צו פאַראַליזירן אייערע אָנשטרענגונגען. און ווען זי וועט דערגרייכן דעם ציל, וועט זי אייך איבערגעבן צום שווערד פון אירע פאַר־קויפטע סאַטעליטן. דערמאָנט זיך אָן דעם מאַרס־פעלד.

קיינעם עקלט ניט אַזוי שטאַרק בלוט-פאַרגיסונג ווי מיך. אָבער קעדיי ניט צו דערלאָזן, אַז זי זאָל זיך גיסן טייכנוויז, אייל איך אייך צו פאַרגיסן בלויז עטלעכע טראָפּנס בלוט. קעדיי צו ברענגען אין העסקעם די מענטשלעכ־קייט מיט דער זאָרג וועגן דער געזעלשאַפטלעכער אומבאַרירלעכקייט, לייג איך אייך פאָר צו פאַרניכטן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע מיטגלידער פונם מוני־ציפּאַליטעט, פון די פרידנס-געריכטן, דעפּאַרטאַמענטן און פון דער נאַציאָנאַ-לער פאַרזאַמלונג. אויב איר וועט אָפּטרעטן, זייט וויסן, אַז דאָס בלוט, וואָס איר האָט היינט פאַרגאָסן, איז אומזיסט, און אַז איר האָט נאָך גאָרניט געטאָן פאַר דער פרייהייט.

אָבער, וואָס איז וויכטיקער פון אַלץ, האַלט דעם קיניג, זיין פרוי און זון אַלס אַרעוווניקעס, און קאַלזמאַן עס וועט ניט אַרויסגעטראָגן ווערן דער ענד־גילטיקער אורטייל, זאָל מען אים ווייזן דעם פאָלק פיר מאָל אין טאָג, און אַזוי ווי פון אים העגנגט אָפּ צו דערוויטערן אַף אייביק אונזערע סאָנים, דער־קלערט אים, אַז אויב אין צוויי וואָכן אַרום וועלן די עסטרייכער און פריסן ניט אָפּגיין אַף 20 ליאָ פון אונזערע גרעניצן, קעדיי מער זיך ניט צו באַ-ווייזן ארום זיי, וועט זיך זיין קאָפּ אַראָפּקייקלען צו זיינע פיס. פאָדערט, אַז ער זאָל מיט זיין אייגענער האַנט אונטערשרייבן זיין אייגענעם שרעקלעכן אורטייל און ער זאָל אים איבערגעבן זיינע געקרוינטע פאַרבינדעטע. ער מוז אייך באַפרייען פון זיי.

כאַפּט אויך די עקס-מיניסטאָרן און האַלט זיי אין קייטן.

אַלע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן פון די רעגירונגס-אַנשטאַלטן פון פאַריז דאַרפן געקעפּט ווערן, די אָפיצערן, אַגיטאַטאָרן דאַרפן אַרויסגעטריבן ווערן פון די באַטאַליאָנען. אנטוואָפנט די צעפאַלענע באַטאַליאָנען: סען־ראָש, סען־טאָם, נאָטר-דאָם, סען-זשאַק, אַן-גרעוו, אַנפאַן-רוזש. אַלע ערלעכע פּאַטריאָטן דאַרפן ווערן באַוואָפנט און אויסגעשטאַט.

ענדלעך, צווינגט אָפּצושאַפן דעם דעקרעט, וואָס באַרעכטיקט דעם פאַרע־טערשן מ א ט י ע. פאָדערט צונויפרופן דעם קאָנווענט אַף צו מאַכן א מישפּעט איבערן קיניג און אַף צו ענדערן די קאָנסטיטוציע. זיינע מיטגלידער דאַרפן אויסגעוויילט ווערן דורך די ערשט־שטאַפלדיקע פאַרזאַמלונגען, און ניט דורכן וואַל-קאָרפוס. צווינגט טייקעף אַרויסצושיקן אַלע אויסלענדישע און שווייצאַ-רישע מיליטער. וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס סאָנים פון דער רע־וואָלוציע.

ענדלעך, צווינגט די פאַרזאמלונג אָפּצושאַצן די קעפּ פון די אנטלאָפענע קאַפּטן=פארעטער און מוירדים.

היט זיך, ציטערט דורכצולאָזן די איינציקע געלעגנהייט, וועלכע עס האָט אייך געגעבן פראַנקרייכס גוטער מאַלעך — ארויסצוגיין פונם אָפּגרונט און פאַר־פעסטיקן די פרייהייט".

קאפיטל 4

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

דער קאָנוועגט.

די הויפט־עטאפן אין דער געשיכטע פון דעם קאנווענט.

די רעוואָלוציע פון דעם 10־טן אַווגוסט 1792 יאָר האָט אַראָפּגעוואָרפן די קיניגלעכע מאכט און די בורזשואַז-אַריסטאָקראַטישע אָרדענונג. דער קאָנווענט, וואָס איז געקומען אָנשטאָט דער געזעצגעבערישער פּאַרזאַמלונג, האָט געשאַפן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק. צווישן דעם 10-טן אַווגוסט און דעם 22-טן סעפּטעמבער, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די וואלן אין קאָנ-ווענט, איז פראנקרייך קיין רעפּובליק נאָך ניט געוואָרן, אָבער קיין מאָנאַרכיע איז זי שוין אויך מער ניט געווען. איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו דער גערימטער געשיכטע פון דעם קאָנווענט, לאָמיר אין אַלגעמיינע שטריכן אָנ-מערקן די הויפּט־עטאַפּן אירע און קלאָר מאַכן די אַלגעמיינע באַדינגונגען, בא וואָסערע זיין טעטיקייט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט.

די געשיכטע פון דעם קאָנווענט קען מען איינטיילן אַף צוויי פעריאָדן: ביז דעם 9 - טן טערמידאָר, דעם טאָג, וואָס ראָבעספּיער איז געפאַלן, און נאָך דעם 9־טן טערמידאָר, ווען דער קאָנווענט האָט צוגעגרייט דעם באָדן אַף צו פאַרבייטן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק פון דער קליין-בורזשואַזיע אַף דער בורזשואַזער רעפּובליק פון די יאָרן 1795 — 1799. מיר וועלן זיך דער איקער פאַרנעמען מיט דעם ערשטן פעריאָד פון דער געשיכטע פון דעם קאָנווענט. אים קען מען אויך איינטיילן אַף צוויי טיילן. די גרעניץ צווישן זיי וועט זיין די רעוואָלוציע פון דעם 31-טן מאַי—2-טן יוני, ווען מע האָט פון קאָנווענט פאַר-טריבן די זשיראָנדיסטן. אין דעם יאָר 1798 האָט דער „דריטער שטאַנד", אַן איינהייטלעכער און אונטערגעדריקטער, איינגעוואָרפן דעם אלטן רעזשים; אין דער רעוואָלוציע פון דעם 10-טן אַווגוסט איז דאָס פאָלק אַרויסגעטראָטן קעגן דער קיניגלעכער מאַכט און דעם רעזשים פון דער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע, און אין די טעג פון דעם 31-טן מאַי—2־טן יוני 93־טן יאָר איז דאָסזעלביקע פאָלק אָנגעפאַלן אַף די פאַרטרעטער פון דער געשעפט - בורזשואַזיע, די זשי־ראָנדיסטן, און די מאַכט איז אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער ברייטער פאָלקס־מאַסע מיט דער קליין-בורזשואַזיע אין דער שפיץ. נאָר שטיצנדיק זיך אַפן פויערטום, דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע און דער אינטעליגענץ, און אויך אַף די אַרבעטער, איז דער קאָנווענט געווען ביעכוילעס מענאַצייעך צו זיין די גרויסע צאָל סאָנים זיינע. אָבער אין דעם גאנג גופא פון דער רעוואָ־לוציע האָבן אָט די פאַרשיידענע גרופּעס, וואָס דער קאָנווענט האָט זיך אַף זיי געשטיצט פון אָנהויב, און זיינען געווען פאַראייניקט דורך אַ בעשוטפעסדיקער סינע צו דער פעאָדאַלער און בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע, געמוזט צונויפ-שטויסן זיך צווישן זיך אפן באָדן פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דער

נייער געזעלשאַפט. אין דעם קאַמף פאַר און קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום האָבן זיך צעפלאַקערט שלאַכטן. דאָס, וואָס די זשיראָנדיסטן האָבן אָפּגעהיט דאָס אייגנטום, איז געווען די סיבע פון זייער מאַפּאַלע. די פראַגע וועגן אייגנטום איז געווען אויך די סיבע פון די צוזאַמענשטויסן צווישן די מאָנטאַניאַרן: די ראָבעספיעריסטן און דאַנטאָניסטן פון איין זייט, און די העבערטיסטן און די „ווילדע" פון דער אַנדערער. אַף אַזאַ אופן איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קעגן דעם פעאָדאַליזם אין איר אַנטוויקלונג געוואָרן אַ פאָלקס-רעוואָלוציע און איז סאָף-קאָל-סאָף געקומען צו דער נויטווענדיקייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. פאַרשטייט זיך, אַז צום סאָף 18-טן יאָרהונדערט, ווען די צוקונפט האָט געהערט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, האָט די דאָזיקע פּראָבלעם ניט געקאָנט געלייזט ווערן און אַפילו ווי געהעריק אַוועקגעשטעלט ווערן. דאָס איז געווען די סיבע פון דעם 9-טן טערמידאָר און פון דעם איבערגאַנג פון דער מאַכט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. אָבער, ניט קוקנדיק אַף די אַלע ווייטערדיקע וואַקלונגען פון דער רעוואָלוציע, איז דער קאָנווענט דאָך געווען בעקויעך צו פאַרזיכערן דעם ניצחון פון דער בורזשואַזער אָרדענונג.

הייסט עס, בא דער אויספאָרשונג פון דער עפּאָכע פון קאָנווענט דאַרפן אונז באַזונדער אינטערעסירן צוויי פראַגן: ערשטנס, ווי אַזוי האָט זיך אַ פראַנקרייך געקאָנט אויסבילדן אין סאָף 18-טן יאָרהונדערט אַ רעגירונג פון די נידעריקע פאָלקס-שיכטן, און, צווייטנס, פאַרוואָס האָט די רעגירונג לאַנג ניט געקענט עקזיסטירן און איינשטעלן אַ פאַקטישע גלייכהייט. אינייִנעם דערמיט ווילן מיר אויך קלאָר מאַכן, ווי אַזוי האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג געאַרבעט, איר באַדייטונג אין דער געשיכטע פון קלאַסנקאַמף. אָבער צוליב דעם איז קודעמקאָל נויטיק קלאָר צו מאַכן זיך, בא וואָסערע באַדינגונגען האָט דער קאָנווענט געאַרבעט און געקעמפט.

די באַדינגונגען פון דער טעטיקייט פון קאָנווענט.

אין די יאָרן 1793 און 1794 איז פראַנקרייך געווען אַ באַלאַגערטע פעסטונג, (זע מאַט. און דאָק. № 1). דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע האָט מען געדאַרפט פאַרטיידיקן פון דער סאַקאָנע פון אויסן און פון אינעווייניק. ווען מיר ריידן וועגן דער סאַקאָנע פון אויסן, מיינען מיר די פאַרטיידיקונג פון לאַנד און פון דער רעוואָלוציע קעגן דער אייראָפּעאישער קאָאַליציע. אויב פון אָנהויב האָבן עסטרייך מיט פּרייסן, בא דער אונטערשטיצונג פון רוסלאַנד, מילכאָמע געהאַלטן מיט פראַנקרייך, איז פון אָנהויב 93-טן יאָר זיינען צו דער קאָאַליציע צוגעשטאַנען אַלע איבעריקע לענדער פון אייראָפּע. פראַנקרייך האָט זיך געווערט איינע אַנטקעגן אַלעמען. אינעווייניק אין לאַנד האָט זיך געפונען אין אָנהויב פון דעם קאָנווענטס אַרבעט דער קיניג און אַ טראָן, וואָס איז געווען אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט די סאָנים פון אויסן, און די רעשטן פון די פּריווילעגירטע שטאַנדן זיינען נאָך ניט געווען פאַרניכטעט. וואַנדייע איז געוואָרן דער צענטער פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער געפאַר, די עמיגראַנטן אויסער די גרעניצן פון פראַנקרייך

האָבן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט. דער קאַמף מיט דער קאָנטער-רעוואָלוציע איז געוועז גאַרניט קיין גרינג שטיקל אַרבעט. ער האָט דערגרייכט געוויסע רעזולטאַטן ערשט צו זומער 1794-טן יאָר. אונטער דער קאָנטער-רעוואָלוציע האָבן מיר פריער פאַרשטאַנען דעם קיניג, דעם אַדל און די גייסטלעכע און שפּעטער די פּעליאַנער, דערנאָך אָבער זיינען ווי דער אַוואַנגאַרד פון דער-דאָזיקער קאָנטער-רעוואָלוציע אַרויסגעטראָטן די זשיראָנדיסטן, — מיט איין וואָרט, אַלע די, „וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ". דאָך, אַכוץ אַט דער פּאָליטישער סאַקאָנע דאַרף מען האָבן אין זינען די מאַטעריעלע לאַ-גע פון די מאַסן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ערגער ווערן. ניט די גרינדונג-פאַרזאַמלונג, ניט די גזעצגעבערשע פאַרזאַמלונג האָבן דעם פּראָנצויזישן פּוי-ער ניט געמאַכט פאַר קיין פרייען באַלעבאָס פון דער ערד. זיי האָבן גאַנץ ווייניק וואָס געטאָן צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון די שטאָטישע אַרבעטנ-דיקע מאַסן. און דיווירטשאַפט פון פראַנקרייך איז וואָס ווייטער אַלץ מער כאָרעוו געוואָרן. די סיבע דערפון איז געוועזן די מילכאָמע פון אויסן און אי-נעווייניק. דער בירגער-קריג האָט געבראַכט צו אַ חורבן פון דער ווירטשאַפט, און די כאָרעוו געוואָרענע ווירטשאַפט האָט פאַרטיפט דעם בירגער-קריג. קעדיי צו לייזן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָבלעם, וואָלט מען געדאַרפט ניט נאָר מיטן וואָרצל אויסרייסן דעם פעאָדאַליזם, נאָר מיט דער הילף פון שטייערן און דעם פרייען אויספאַרקויף פון די נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס, דורך אַ טאַקסע אויף די נויטיקסטע געברויך-אַרטיקלען און אַן אומבאַרעכמאָנעסדיקן קאַמף קעגן די ספּעקוליאַנטן — אויך באַגרעניצן די פרייהייט צו באַלעבאַטעווען מיטן קאַ-פּיטאַליסטישן אייגנטום. נאָר דורך מאַטעריעלע האַנאָכעס איז מעגלעך געוועזן צוציען די ברייטסטע מאַסן אָפן צאַד פון דער רעוואָלוציע. ווער אָבער האָט געקענט נעמען אויף זיך לייזן די-דאָזיקע פּראָבלעם? די פּעליאַנער, די פּאַרטרע-טער פון דער פינאַנץ-בורזשואַזיע, צי די זשיראָנדיסטן, וואָס אייגנטום איז בא זיי, ווי בא פאַרטרעטער פון דער געשעפט-בורזשואַזיע, געוועזן הייליק? ניין, דאָס האָט געקענט טאָן נאָר די פּאַרטיי פון די פּאָלקס-מאַסן, די פּאַרטיי פון דער קליין-בורזשואַזיע, די מאָנטאַניאַרן, וואָס קעדיי צו פאַרזיכערן פאַר זיך אַ ניצאָכן איבער דער קאָנטער-רעוואָלוציע פון אויסן און פון אינעווייניק, וועלן זיי ניט שאַנעווען אויך דעם גוויר, אַבי נאָר ראַטעווען פראַנקרייך. אָבער ווי ווייט קען אָט די בורזשואַזיע פאַרגיין און אויוועך זיין אָפן רעכט פון פּריוואַט-אייגנטום? צי וועט זי סאָפּקאָלסאָף ניט ווערן דער אָנהאַלט פון אָט דעם אייגנטום אַנטקעגן דעם קאָמוניזם? די אַלע פראַגן וועלן מיר קלאָר מאַכן ווייטער?

די וואַלן אין קאָנ-וועגט.

די רעוואָלוציאָנערע קאָמונע פון פּאַריז האָט מיט דער הילף פון די פעדעראַטן געמאַכט די רעוואָלוציע פונם 10-טן אַווגוסט. אָט פאַרוואָס פּאַריז איז ביז דער עפענונג פון קאָנווענט געוועזן אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן, און די זשיראָנדיסטן און מעסיקע זיינען געבליבן אין שאָטן. אין דער פּראָווינץ

אָבער זיינען די סטירעס צווישן די זשיראָנדיסטן און די מאָנטאַניאַרן ניט גע-ווען אזוי שטאַרק, און אין אַסאַך דעפּאַרטאַמענטן האבן די מעסיקע רעוואָ-לוציאָנערן געהאט אן איבערוואג איבער די עקסט-לינקע. פראַנקרייך איז אין דער צייט פון די וואַלן געווען אין אַן אויסערגעוויינלעך-שווערער לאַגע. לאַ-פאַיעט האָט געפּרואווט ווירקן קעגן דער רעוואָלוציע פון 10-טן אַווגוסט, נאָר אָן ערפאָלג. דערווייל איז די סאַקאַנע פון אויסן אויסגעוואקסן. דעם 9-טן אַווגוסט איז דער סוינע אריין אין די גרעניצן פון פראַנקרייך; דעם 20-טן האט ער באַלאַגערט די פעסטונג לאָנגווי, און דעם 30-טן — ווערדען. דעם 2-טן סענטיאבער איז ווערדען געפאלן: דער וועג פון פאַריז איז געווען אָפן. דאס פאלק פון פאריז איז דערפירט געווארן ביז פארצווייפלונג. די רעוואלוציע איז געווען אין א סאַקאנע אונטערצוגיין. אבער דער פּאַטריאָטיזם, געבראכט צו דער מאַדרייגע פון פארצווייפלונג, האט געבארן אנטשלאסנקייט. אַ מעכטיקער אויפשטייג פון רעוואלוציאנערער ענערגיע האט געראטעוועט פראַנקרייך. דעם 2-טן סענטיאבער האָט זיך אין פאַריז פארשפרייט א קלאַנג וועגן א קאנטר-רעוואלוציאנערער פארשווערונג אין די טורמעס. דאס פאלק האט זיך א לאָז געטאָן אהין, און עס האט זיך אנגעהויבן די גרויסע אויסשלאכטונג פון קאנטר-רעוואלוציאנערן, די אזוי גערופענע „סענטיאבער-שכיטע". ווער האט אָנגע-פירט מיט אָט דער האריגע? קיינער ניט. אבער קיינער האט איר אויך ניט געשטערט. מאראט האט זי באגריסט; דאנטאָן, דער פירער פון דער קאמונע דעם 10 אווגוסט, און ראָבעספיער האבן פארשטאנען איר אומפארמיידלעכקייט, און די זשיראנדיסטן האבן זיך קעגן דער שכיטע ניט אנטקעגנגעשטעלט. די סענטיאבער-טעג אין פאַריז און אין דער פראווינץ זיינען געווען א סטיכישע באוועגונג פון די מאסן: די באוואפנטע פראנצויזן זיינען געגאנגען צום פראָנט און האבן געשטרעבט צו פארזיכערן זיך פון הינטן. אין אָט די טעג איז בא-שלאסן געווארן אויך די פראגע וועגן דער קיניגלעכער מאַכט. דעם 26-טן אווגוסט זיינען די ערשטשטאַפלדיקע פאַרזאַמלונגען צוגעטראָטן צו די וואַלן פון די דעפּארטאמענטישע וואַל-פארזאמלונגען, און דעם 2-טן סענטיאבער האבן אָט די לעצטע געדארפט אָנמערקן דעפוטאטן אין קאָנווענט. עמעס, דעם קאָנ-ווענט האט מען געקליבן אפן יעסאָד פון צווײשטאַפּלדיקע וואַלן, אָבער ווי מיר זעען, איז דאס פארגעקומען אין אַן אויסערגעוויינלעך-רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספער. אָט פּאַרוואָס אין קאָנווענט איז ניט אריין קיין איין ראָיאַליסט. די וואלן האָבן, פונדעסטוועגן, ניט געגעבן קיין אַנטשיידענעם-איבערוואָג די עקסטע רעוואלוציאנערן. רעפּובליקאנער האט מען אויסגעקליבן נאר אין פאַריז. די דעפּאַרטאַמענטן האבן געגעבן זשיראנדיסטן און נאך מעסיקערע דעפּוטאַטן. צווישן די אויסגעקליבענע איז געווען ווייניק סאָכרים, פאבריקאַנטן, ערד אייגנטימער, אבער דערפאר פיל ליטעראטן, אדוואָקאטן... די גאנצע מאַסע דעפּוטאטן קען מען איינטיילן אף דריי פּאליטישע גרופּעס; „זשיראנ-דע", די „באַרג" און די „בלאָטע". די זשיראָנדע איז געווען דער רעכטער פליגל פון דעם קאָנווענט, די מאָנטאַניאַרן (פון „באַרג") — זיין לינקער פליגל, די „בלאָטע" (אזוי האט מען גערופן די גרופּע מעסיקע און וואַקלדיקע

דעפּוטאַטן) איז געווען דער צענטר. אין קאָנווענט איז די איבערוואָג די ערש-
טע צייט געווען אַפן צאַד פון די זשיראָנדיסטן און דער „בלאָטע".

די ערשטע שריט פון דעם קאָנווענט.

דעם 20-טן סעפּטעמבער 1792-טן יאָר האָט זיך געעפנט די ערשטע זיצונג פון דעם קאָנווענט. דעם 21-טן סעפּטעמבער האָט דער קאָנווענט באַשלאָסן, אַז „די קיניגלעכע מאַכט ווערט אָפּגעשאַפט אין פראַנקרייך", און דעם 22-טן סעפּטעמבער האָט מען באַשלאָסן, אַז פון היינט אָן פאַרצייכנט די רעגירונג אירע אַקטן מיטן ערשטן יאָר פון דער רעפּובליק. דעם 21-טן סעפּטעמבער 1792-טן יאָר נעמט אָן די זשיראָנדיסטישע מערהייט פון דעם קאָנווענט אַ באַשלוס, אַז „די זיכערקייט פון פּערזאָן און אייגנטום געפינט זיך אונטערן שוץ פון דער נאַציע". שוין די ערשטע טעג האָט די מעסיקע מערהייט פון קאָנווענט באַשלאָסן צו פאַרניכטן די קאָמונע פון 10-טן אויגוסט. די ערשטע כלוקע-דייעס צווישן די זשיראָנדיסטן און די מאָנטאַניאַרן האָבן זיך אָנגעהויבן מי-קויעך דער פראַגע וועגן דער פּ אַ ר י ז ע ר ק אָ מ ו נ ע. די זשיראָנדיסטן, די פאַרטרעטער פון דער אינדוסטריעלער און האַנדלס-בורזשואַזיע פון פראַנקרייך, האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם רעוואָלוציאָנערן דרוק פון פּאַריז, זיי האָבן אים געוואָלט פאַרוואַנדלען אין איין דריי-און-אַכציקסטל פון פראַנקרייך, ד. ה. אַוועקשטעלן אים אין דער ראָלע פון אַ געוויינלעכן דעפּאַרטאַמענט אין דער מדינה; און אַז די ראָלע פון פּאַריז איז, מאַכמעס די מאַפּאָלעס אָפן פּראָנט און דעם אַלץ שטאַרקערן דויכעק אין שפּיז, געוואָרן נאָך גרעסער, האָט די זשיראָנדע דורכן מויל פון איר פאָרשטייער אינסאַר, דעם פאָרזיצער אין קאָנווענט, דערקלערט (דעם 25-טן מאַי 1793-טן יאָר): „אויב אט די בונטן, וואָס מע מאַכט אָן אויפהער, וועלן ברענגען דערצו, אַז מע וועט זיך פאַר-מעסטן אַף דער אומבאַרירלעכקייט פון די פאָלקס-פאַרטרעטער, — דערקלער איך אייך אין נאָמען פון גאַנץ פראַנקרייך, אַז אינגיכן וועט מען אַף די ברעגן פון דער ס ע נ ע דאַרפן זוכן די שפּורן פון פּאַריז". אַזוי האָט די זשיראָנדע, וועלנדיק באַגרעניצן די רעוואָלוציע, קוידעמקאָל געוואָלט פאַרניכטן די פּאַ-ריזער קאָמונע פון 10-טן אויגוסט. אין אָקטיאַבער 1792-טן יאָר איז די קאָמונע, לויטן באַשלוס פון קאָנווענט, פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן. נאָר סאָפּקאָלסאָף האָבן די וואָלן געגעבן אַ צוזאַמענשטעל, נאָך אַ מער ניט געוואונשענעם פאַר די זשיראָנדיסטן, און דער קאַמף מיט דער פּאַריזער קאָמונע איז געוואָרן דער טאָך פון דער זשיראָנדיסטישער פּאָליטיק אין קאָנווענט.

די פראַגע וועגן דער ראָלע פון דער פּאַריזער קאָמונע האָט ניט צופעליק ארויסגערופן אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס צווישן די זשיראָנדיסטן און מאָנטאַנ-יאַרן: דאָס איז געווען אַ שטרייט צווישן דעם קליינבירגערלעכן פּאַריז מיט די האַנדלס-אינדוסטריעלע שטעט, וואָס האָבן געשיקט אינם קאָנווענט זשי-ראָנדיסטישע דעפּוטאַטן. פּאַריז איז נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן נאָך מער קליינבירגערלעך. אויך ביז דער רעוואָלוציע איז ער ניט געווען קיין אינ-דוסטריעלער צענטר, און איצט האָט די ווירטשאַפטלעכע יערידע אין לאַנד,

די עמיגראַציע פון די פארמעגלעכע קלאסן, געמאכט פאריז פאר דער קליינ־בירגערלעכער פעסטונג פון פראנקרייך. די בורזשואזיע און איר אינטעליגענץ פון די רייכע אינדוסטריעלע און האנדלס-שטעט פון פראנקרייך האָבן ניט געקאָנט שאָלעם מאכן מיט דער מאכט פון פאריז און האָבןליידנשאפטלעך געהאסט די פעסטונג פונם „באַרג״.

דער מישפּעט איבערן קיניג.

צווישן די פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פארן קאָנווענט אין דער ערשטער צייט פון זיין עקזיסטענץ, האָט די פראגע וועגן דעם קיניג געהאט א גרויסן באטייט. אין יענער צייט האָט מען אין טיוליערי אין אַן „אייזערנעם שראנק״ געפונען פּאַפּירן, וואָס האָבן איידעס געזאָגט וועגן דעם קיניגס פאר־בינדונגען מיט די אויסלענדישע הויפן און וועגן אונטערקויפן דעפּוטאטן. דער קאָנווענט האָט אויסגעקליבן א קאָמיסיע אַף אויסצופאָרשן דעם קיניגס פאַר־ברעכנס, און דעם 3־טן דעקאבער איז באשלאָסן געווארן איבערצוגעבן אים אַפּן מישפּעט פון קאָנווענט. ראָבעספּיער, מאַראַט, סען־זשיוסט האָבן געפאדערט, מע זאל מישפּעטן דעם קיניג ניט ווי א בירגער, נאָר ווי א פאַרעטער. דעם 15-טן יאַנוואַר האט דער קאנווענט ארויסגעטראָגן זיין אורטייל, אַז דער קיניג איז שולדיק „אין א פארשווערונג קעגן דער געזעלשאפטלעכער פרייהייט און אין א פאַרמעסטונג קעגן דער זיכערקייט פון דער מלוכע״. דער אורטייל איבער לואי קאַפּעט דארף ניט איבערגעגעבן ווערן דעם פאלק אַף באשטעטי־קונג. טויטשטראָף אָן קיין שום נידכע — איז די גערעכטע באשטראָפונג פאר זיין פארברעכן. דעם 21-טן יאַנוואר 93-טן יאָר האט מען לודוויק דעם 16-טן גיליאָטינירט. זיין קעפּונג איז פון דעם פאלק באגעגנט געוואָרן מיט פרייד. אבער נאך דעם 10-טן אוגוסט האָט דעם קיניגס קעפּונג אויפגעהויבן קעגן פראנקרייך גאנץ אייראפּע. אין דער פראגע וועגן דעם קיניגס קעפּונג איז אין קאנווענט ניט געווען קיין איינהייט. פאר טויטשטראָף האָבן געשטימט 387 דעפּוטאטן קעגן 334. די זשיראָנדע האט זיך געוואקלט. די פירער אירע האבן געשטימט פארשיידן, אבער אין דער מערהייט זייערער האָבן די זשיראנדיסטן געשטערעבט אָדער איבערגעבן די פראגע דעם פאלק אַף צו באטראכטן אָדער דערשלאָגן זיך, מע זאל די קעפּונג אפּלייגן. דער דרוק פון די פאריזער פאלקס-מאסן האט אבער באשטימט דעם איניען. די זשיראנדיסטן, מוירע האבנדיק צו פארלירן דעם איינפלוס אַף די מאסן, זיינען געווען געצוואונגען (לעפּאָכעס א טייל פון זיי) אנשליסן זיך מיט זייערע שטימען צום טויט-אורטייל. פאר די זשיראנדיסטן איז דאס געווען די לעצטע גרעניץ פון רעוואלוציאנערע מיטלען, די גרעניץ פון דער רעוואלוציע. דער בירגער-קריג אבער האָט זיך ערשט אנגעהויבן.

די שפּייז-פראגע אין קאָנווענט. דער קאַמף אין קאָנווענט איז באַזונדערס פאַר־שאַרפט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַ-האַנדלונג פון די מיטלען צו לייזן די שפּייז־פראַגע.

אויב אין די יאָרן 1790—1791 און אַפילע 1792 (די ערשטע העלפט) האָט פראַנקרייך איבערגעלעבט אַ געוויסע עקאָנאָמישע אויפלעבונג, איז אָבער פון דעם סאָף 92־טן יאָר די ווירטשאַפט פון פראַנקרייך לעגאמרע געפאַלן. דער יאקרעס אף ברויט איז געוואָרן גרעסער, מאכמעס עס איז געפאַלן דער ווערט פון אסיגנאַציעס. אַזוי איז צום סאָף פון דער גיזעצגעבער־שער פארזאמלונג דער באטרעף פון דעם פאַפירענעם רובל געווען 72% (אין פאַרגלייך מיט מעטאַל-געלט), און שוין צום אָנהויב פון דער אַרבעט פון קאָנווענט איז ער געפאַלן ביז 51%, אין 94-טן יאָר איז דער באטרעף פון פאַפיר-געלט געווען 34%, און אין 95-טן יאָר—בעסאכאקל 18%. פון 1756 יאָר ביז 1790 איז דער מעקעך פון הונדערט קילאָ (אַ קילאָ איז 2½ פונט) ברויט געווען 20 פראַנק, איצטער אָבער איז דער דורכשניטלעכער מעקעך דערפון געווען 37 ליוור. אין פארגלייך מיט סכירעס פאַר ארבעט איז ברויט טייערער געוואָרן אין פירן. די אינדוסטריע און האַנדל האָבן איבערגעלעבט אַ טיפן קריזיס. פון 1793-טן יאָר אָן איז ניט געווען קיין נאָכפרעג אף סכוירע, עס האָט ניט געסטאַיעט קיין רוי־מאַטעריאַל, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנ־גער פעריאָד פון צעפאַלונג און פאַראָרימונג פון דער באַאַרבעטנדיקער אינ-דוסטריע, דערפון האָט זיך גענומען ארבעטסלאָזיקייט און הונגער. די קאָמונע פון פאַריז האָט געוואָלט צווינגען דעם קאָנווענט אָנצונעמען מיטלען קעגן ספּעקולאציע און יאַקרעס. אפן טאָג-סיידער האָט מען געשטעלט די פראגע וועגן „מאַקסימום״, וועגן פעסטע פרייזן אף ברויט. די זשיראָנדיסטן, טאלמי־דים פון די פיזיאָקראטן, האָבן געקעמפט קעגן דידאָזיקע פּראָיעקטן, זיי האָבן פארורטיילט יעדן פרואוו פון די מאַסן צו באשטראָפן די אויפקויפער־ספּעקו-לאנטן. און ווען אַ דעפּוטאַציע פון די פאריזער סעקציעס האָט זיך געווענדעט צום קאָנווענט מיט א מעלדונג: „עס איז דאָ נאָך אנדערע אריסטאָקראטן, ווע-מען דער קאָנווענט האָט ניט אָנגערירט—דאָס זיינען אלע גרויסע סאָכרים, אַלע אויפקויפער... באנקירן... מע דארף אָפּרייניקן פון זיי די ערד פון דאָס פאָטערלאנד״, האָבן די זשיראָנדיסטן געענטפערט: איינפירן אַ מאקסימום הייסט באַטל מאכן אייגנטום. דעם 4-טן מאַי 1793 יאָר האָט דער קאָנווענט, אונ־טערן דרוק פון דעם פאָלק פון פאַריז, ארויסגעגעבן א דעקרעט וועגן טאַק־סירן ברויט אין דער רעפּובליק. מיט אָט דעם דעקרעט האָט מען געמאַכט עפּעס אָן אָפּהאַלט דעם אומאויפהערלעכן וואוקס פון דעם יאַקרעס אף ברויט. נאָך באַזונדער האָט זיך ארויסגעוויזן דער קלאַסן-מעהוס פון דער זשיראָנ-דיסטישער פּאָליטיק, ווען מע האָט באהאנדלט די שטייערן-פראגע. די זשי-ראָנדיסטן האָבן געקעמפט קעגן שטייער אף פארנאָסעס און דעם פּראָגרעסיוון אָפּצאָל פון האכנאָסעס, וואָרום, לויט דער מיינונג פון דעם זשיראָנדיסט ווער־ניאָ, „בלייבט די פּראָגרעסיע אלעמאָל אַ ווילקירלעכע און איז דערמיט אַ סאַ-

קאָנע פארן אייגנטום". און אז דעם 2-טן מאי 93-טן יאָר האָט דער גענעראל-ראָט פון פאריז באשלאָסן צו מאכן א צוואנגס-האלוואָע פון 12 מיליאָן ליוור צוליבן קאמף מיט וואנדייע און האָט דעם אָפּצאָל ארויפגעלייגט אף די איי-גנטימער פון האכנאָסעס פון איבער 1.000 ליוור, זיינען די זשיראָנדיסטן אָנ-געפאַלן אף דער „אנארכיע און די ראָצכים" פון פאַריז. אזוי איז די זשיראָנדע געקומען צו אַ צוזאמענשטויס מיטן ווילן פון פאָלק.

דער קאמף צווישן די זשיראנדיסטן און די פארשטייער פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, די יאקאָבינער, האָט געגומען זיין מאקער אין די קלאַסן-אינטע-רעסן פון דער אינדוסטריעלער און קליין-בורזשואזיע פון פראנקרייך. קעדיי צו איבערצייגן זיך דערין אן איבעריק מאָל, דארף מען אויפמערקזאַם איבערליי-ענען און פארגלייכן דעם פראָיעקט פון דער דעקלאראציע פון די רעכט פון מענטשן און בירגער, וואָס עס האָבן פאָרגעלייגט די זשיראנדיסטן (קאנדאר-סיע) און די יאקאָבינער (ראבעספיער) (מאט. און דאק. נומ. 3). דער הויפט-אונטערשייד איז אין דער פראגע וועגן אייגנטום. אין דער צייט, ווען די יא-קאבינער ווארפן זיך אונטער די אינטערעסן פון די נידעריקסטע פאלקס-שיכטן, שטעלן די פראַגע וועגן באגרעניצן די אייגנטום-רעכט און וועגן בא-שיצן די מאטעריעלע אינטערעסן פון די אומפארמעגלעכע, באשטייען די זשי-ראנדיסטן אפן פולשטענדיקן און אומבאגרעניצטן אייגנטום-רעכט. סאי אינם גע-ביט פון טעאָריע און סאי אינם פראקטישן קאמף האט די זשיראנדע אומפאר-מיידלעך געמוזט זיך צוזאמענשטויסן מיטן „בארג", די אינדוסטריעלע בורזשואזיע מיט דער קליינבורזשואזיע און די נידעריקע פאָלקס-שיכטן.

די אָרגאניזאַציע פונם אויסערגע-וויינלעכן קרימי-נעלן טריבונאל, דעם קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג און געזעל-שאפטלעכער זי-כערקייט.

די מאפּאָלעס אפן פראָנט, וואנדייע,—דאָס אלץ האָט געצווּאונגען די זשיראָנדיסטן צו מאכן קעגן זייער ווילן אנטשיידענע פּאָליטישע האנאָכעס דעם פאָלק. דעם 9-טן און 10-טן מאַרט איז געשאפן גע-וואָרן, לויט דאנטאָנס פּאָרשלאָג, אן „אויסערגעוויינ-לעך קרימינאל געריכט, וואָס האָט געדארפט האָבן צו טאָן מיט אנטי-רעוואָלוציאָנערע כאַטאָאים". אָט דאָס געריכט האָט מען שפּעטער א נאָמען געגעבן רעוואָלוציאָנערער טריבונאל. די מיטגלי-דער פון דעם געריכט פלעגן באשטימט ווערן פון דעם קאָנווענט, אף זיינע אורטיילן האָט מען ניט געקענט אפּעלירן, ניט קאסירן זיי. די נויט צו צענטראליזירן די מאכט האָט געצוואונגען דעם קאָנווענט צו שאפן דעם 6-טן אפּרעל א קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג פון 9 מענטשן, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו קאָנטראָלירן די טעטיקייט פון דער רעגירונג און אָנעמען מיטלען אף צו פארטיידיקן די רעוואָלוציע. מע האָט געשאַפן אויך א קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכער זיכערקייט, אן אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער מלוכע-פּאָליציי אף צו קעמפן מיט דער אינעווייניקסטער קאָנטער-רעוואלוציע.

אזוי זיינען אין דער עפּאָכע פונם קאמף מיט דער זשיראָנדע געשאפן געוואָרן אלע טיילן פון דער רעוואָלוציאנערער רעגירונג, וואָס איז נאָך דעם פארטרייבן פון דער זשיראָנדע געווארן די רעגירונג פון פראנקרייך. נאָר איידער מיר גייען אריבער צו די געשעענישן פון 31-טן מאי און 2=טן יוני, וועלן מיר בעקיצער דערציילן וועגן דעם גאנג פונם קאמף פון פראנקרייך מיט אייראָפּע.

אייראָפּע און דער קאָנווענט.

אין אווגוסט און סענטיאבר פון 92=טן יאָר איז דער סוינע אריינגעדרונגען אף דער טעריטאָריע פון פראנקרייך; די סאקאָנע האט ארויסגערופן אן אויסברוך פון ענטוזיאזם, פרייוויליקע האבן זיך מאַסנווייז א לאָז געטאָן צו די גרעניצן פון פאָטערלאנד. די ארמיי פון פראנקרייך איז נאָך געווען שוואַך, נאָר די כלוקיי=דייעס בא די פאַרייניקטע סאָנים האט געראַטעוועט די רעוואָלוציע. פרייסן האט מיט סינע געקוקט אַף עסטרייך. זי איז איטלעכע מינוט געווען גרייט צו וואַרפן דעם איניען פון דעם קיניג פון פראנקרייך, קעדיי ניט אנצואווערן די רויב אין דער נאָענטער צעטיילונג פון פוילן. אָט פאַרוואָס די סאָנים האבן געמאכט דעם אָנפאַל אף פראנקרייך ניט איינהאַרציק, און די סאָלדאטן פון פראנקרייך, באגייסטערט דורך דער פרייהייט, האט זיך דעם 20-טן סענטיאַבר איינגעגעבן אָפּצושלאָגן בא וואַלמי, אונטער דער אָנפירונג פון דעם גענעראַל דיומוריע, דעם אָנגריף פון די פרייסן, און דעם 6-טן נאיאַבר 1792 יאָר האבן זיי בא זשעמאפּ צעקלאפּט די עסטרייכער. די פראנצויזן האבן ניט נאָר אָפּגעשלאָגן דעם אָנגריף פון דעם סוינע, נאָר זיי האבן אליין גענומען מאַכן אן אָנגריף. דער שלאכט בא וואַלמי, זאָגט געטע, וואס איז געווען מיט דער פרייסישער ארמיי, האט באטייט אַ נייע ערע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אייראָפּע האט זיך שוין געמוזט רעכענען מיט דער רעוואָלוציע. די אונטערגעדריקטע פעלקער האבן אָנגעהויבן ארויסקוקן אף פראנקרייך מיט האָפענונג. די ווייטערדיקע ניצחוינעס פון פראנקרייך דערקלערן זיך מער דורך דעם מיטגעפיל פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וואס אין זייערע לענדער איז אריינגעטראָטן די רעוואלוציאנערע ארמיי, איידער מיטן קויעך פון דער ארמיי גופע. בעלגיע איז פארנומען געוואָרן דורך די פראנצויזן. דער גענעראַל קיוסטין איז אריין אין דער טעריטאָריע פון די מעלוכעס, וואס אפּן לינקן ברעג ריין. דעם 21=טן סענטיאבר האט גענעראַל מאָנטעסקיע פארנומען סאַוואָיע, ניצע האט מען אויך איינגענומען. קיוסטין, דיומוריע זיינען צוגעטראָטן צו רעוואָלוציאנערע רעפאָרמעס אין די איינגענומענע לענדער. אין קאָנווענט האבן דעלעגאציעס פון די אייראפּעאישע פעלקער, פון ענגלאנד אויך בעסויכאָם אויסגעדריקט זייערע היספּאַילעס און דערעכערעץ פאר דער רעוואלוציע. זיי האבן פארשפּראכן נאָכפאָלגן זייער ביישפּיל. דעם 19-טן נאָיאבר באשליסט דער קאָנווענט: „אז ער וועט געבן ברידערלעכע הילף און שטיצע איטלעך פאָלק, וואָס וועט נאָר וועלן דערווערבן זיך פרייהייט" (ז. מאט. און דאָק. נומ. 2, א). דעם 15-טן דעקאבר איז דער

קאָנווענט געגאנגען נאָך ווייטער. ער האט מעכאַיעוו געוועזן די פראַנצויזישע מיליטערישע קאמאנדירן, ווען זיי טרעטן אריין אין די גרעניצן פון דעם סוי-נעס א לאנד, איינשטעלן דארט א דעמאָקראטישע אָרדענונג. די רעוואָלוציאָ-נערע פארטיידיקונגס-מילכאָמע נעמט אָן, אָף אזא אויפן, א כאראקטער פון א רעוואָלוציאנער-אָנגרייפנדיקער (ז. מאַט און דאָק. נומ׳ 2, ב). די מיניסטאָרן פון ענגלאנד טאַינען: „עס איז שווערער צו טרעפן וואו עס קען זיך אָפּשטעלן אַ פאָלק, איידער וואו עס וועט זיך וועלן אָפּשטעלן א קיניג". ענגלאנד וויל ניט דערלאזן, אז האָלאנד זאָל איינגענומען ווערן, זי שרעקט פראנקרייך מיט א מילכאָמע. נאָך דעם 1-טן פעווראל 1793 יאָר פארכאפט דער קאָנווענט דעם וועג און דערקלערט ענגלאנד א מילכאָמע. אזוי טרעט ארויס פראנקרייך אין אַפּריל 93-טן יאָר איינע אליין אנטקעגן אלע מלוכעס פון אייראָפּע. דער רע-וואָלוציאָנערער אָנגריף ווערט ברייטער. דיומוריע טרעט אַריין אין האָלאַנד.

אין קאָנווענט שטייען איצטער איינע אנטקעגן דער אַנדערער צוויי פראַ-גראמען — פון א זשיראָנדיסטישער מילכאָמע און א מאָנטאַניארישער. די זשי-ראנדיסטן זיינען גרייט צו פירן מילכאָמע פאַר דער פאַרשפרייטונג פון די רעוואָלוציאָנערע אידייען; פאר זיי איז וויכטיק ווי ראָלאַן האָט געזאגט, אוועקצושיקן די סאָלדאטן וואס ווייטער פון פראנקרייך; די זשיראנדיסטן ווילן אַרומרינגלען די רעפובליק מיט אַ קייט פון פרייגנטלעכע מלוכעס, און, דער איקער, צונעמען דעם לינקן ברעג ריין. די זשיראנדע וויל פארנעמען האָלאנד, קעדיי נאָכדעם אנצופאלן אף ענגלאנד און צווינגען זי אונטערצושרייבן אַ גינסטיקן פאר זיך שאלעם, זי איז אבער גרייט צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט באזונדערע מלוכעס פון דער קאָאַליציע. זי היט אָפּ די פארמעגלעכע אין די איינגענומענע לענדער, ווי זי טוט עס אין פראנקרייך גופע.

די מאנטאַניארן ווילן ניט הערן אפילע פון קיין שום אונטערהאנדלונגען. זיי פירן די מילכאָמע אונטערן לאָזונג: „א טויט די טיראַנען"; „שאלעם די שטיבלעך, א מילכאמע די פאלאצן" — דאס איז זייער דעוויז. דאָך, איז דער ערשטער אָנגריף פון דער רעוואָלוציע אף אייראפּע געוועזן ניט אף א לאנגער צייט. אין די איינגענומענע מלוכעס איז נאָר א קנאפּער שיכט פון דער באַ-פעלקערונג אַקטיוו צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציע. די פויערשע מאסע איז געוועזן צופרידן, וואס עס איז אָפּגעשאפט געווארן די פעאָדאלע אָרדענונג, אבער זי איז געוועזן צו פאַסיוו. די רעקוויזיציעס, וואס זיינען ארויסגערופן געווארן דורך די מילכאָמע-באַדינגונגען, האבן אויפגערייצט די פארמעגלעכע. באלד הויבט אָן די פראנצויזישע ארמיי צו ליידן מאפּאלעס. אין מארט האבן די פראנצויזן געקראגן א קלאַפּ אין האלאנד (באַ נעערווינדען), און אין אפּריל האבן געטראָפן אומגליקן אויך דער אַרמיי פון דעם גענעראל קיוסטין אין דייטשלאנד. אין אפּריל 93-טן יאָר האט דער פאראט פון דעם גענעראל דיו-מוריע, דעם פירער פון דער ארמיי בא וואַלמי, איגנאנצן דערשלאגן די קאמ-פּאניע. דיומוריע איז געוועזן דער זשיראנדעס א מענטש. ער האָט געוואלט אויסניצן די ארמיי צוליב דעם קאמף מיט פאַריז. זיין מיין איז געגאנגען ווייטער, איידער די צילן פון דער זשיראנדע. ער האט געוואלט ניט נאר

פארניכטן די אולטרא-רעוואלוציאנערן, נאר מיט דער הילף פון דעם סויגע צוריק אויפשטעלן א מאָנאַרכיע אין פראנקרייך. דער פאראט פון דיומוריע איז געווען אן אנטשליסנדיקער אַרגומענט פאר דעם פאלק פון פאַריז אין זיין קאמף מיט דער זשיראָנדע.

די רעוואלוציע פון דעם 31־טן מאי—2=טן יוני.

די זשיראָנדיסטן האבן אָנגעהויבן אן אָפענעם קריג מיט דער קאָמונע. זיי האָבן זיך געפרואווט שאפן א גוואַרדיע פון די דעפּארטאַמענטן צוליב דעם קאמף מיט פאריז, האבן געוואלט איבערגעבן צום געריכט מאַראַטן, דעם פירער פון פאָלק אין קאמף מיט דער זשיראָנדע. נאר די אלע פּרואוון האבן זיך ניט איינגעגעבן. דער קאָנווענט האט אונטער דער ווירקונג פון דער זשיראָנדע באשלאָסן צו באשאַפן א קאָמיסיע פון 12 אף אויסצופארשן די טעטיקייט פון דער קאָמונע. די קאמונע האט זיך דערקלערט אין רעוואלוציאָנערן צושטאנד. זי איז ניט געזעסן צונויפגעלייגטערהייט די הענט. פּונקט ווי דעם 10-טן אווגוסט, זיינען די סעקציעס צוגעטראטן צו פאר-מירן אן אינסורגענטישע קאָמונע, און דעם 31=טן מאי האבן זיי געצוואונגען דעם קאנווענט פאנאנדערצולאָזן די קאמיסיע פון 12. אבער אט דער באשלוס פון דעם קאנווענט האט ניט אפגעשטעלט די פאלקס-באַוועגונג. די קאמונע האט איצטער געפאדערט, מע זאל אַרעסטירן 22 זשיראנדיסטישע דעפּוטאטן. מאראט אַליין האט אויפגעהויבן דעם אלאַרם, און דעם 2-טן יוני האט דער קאנווענט אונטערן דרוק פון דעם פאלק פון פאַריז באשטימט איבערגעבן צום געריכט 29 דעפּוטאטן פון דער זשיראנדע. דורך דער רעוואלוציע פון דעם 31-טן מאי—2-טן יוני איז באַטל געווארן דער זשיראנדיסטישער איינפלוס אין קאנווענט. דערמיט איז אבער נאך ניט געלייזט געוואָרן די פראגע וועגן דעם ווידערשטאנד פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע אין לאנד. די זשיראָנדיס=טישע דעפּוטאטן האבן אויפגעהויבן אין די דארעם-דעפּארטאמענטן פון פראנק-רייך אן אויפשטאנד קעגן פאריז, דער אזוי גערופענער פעדעראליסטישער אויפשטאנד. אין ליאָן האט דער זשיראנדיסטישער בונט אָנגעהויבן זיך שוין דעם 29-טן מאי. דאָרט האט מען פארמישפּעט צום טויט דעם פירער פון דער קאמונע, דעם רעוואלוציאנער און דעמאקראַט שאַליע. אין טולאָן, אין מארסעל און אַנדערע שטעט האט מען אראפּגעוואָרפן די מאכט פון קאנווענט. אבער באלד איז אט די זשיראנדיסטישע סאקאָנע פארוואנדלט געווארן אין א ראָיא-ליסטישער. טולאָן האָט מען איבערגעגעבן די ענגלענדער. אין ליאָן, מארסעל איז די אָנפירונג מיט דער באוועגונג אריבער אין די הענט פון גענעראלן ראָיאליסטן. די זשיראנדיסטן זיינען אזוי געווארן דער אוואנגארד פון דער קאנטער=רעוואלוציאָנערער סאקאָנע.

וואַנדייע.

ניט קיין קלענערע ווערדע פאַר דער רעוואָלו-ציע האָט געהאַט דער אויפשטאַנד אין וואַנדייע, צו דאָרעם פון דער טייך לואַרע, און דער אזוי גערופענער שואנער בונט פון די

פויערים אין צאָפּן-זייט פון דערדאָזיקער טייך. דערדאָזיקער אויפשטאַנד פון די פויערים האָט זיך אָנגעהויבן אין פאַרבינדונג מיט דער רעקרוטירונג פון 300.000 מאַן אין דער אַרמיי, וואָס איז געמאָלדן געוואָרן דעם 24-טן פעווראַל 1793-טן יאָר. די רעקרוטירונג איז אָבער געווען נאָר א געלעגנהייט פאַר דעם אויפשטאַנד. די סיבעס זיינע זיינען געווען טיפער: אין דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט פון וואַנדייע, וואו די פעאָדאַלע אָרדענונג האָט זיך אויפגעהאַלטן לענגער, איידער ערגעץ וואו אנדערש אין פראַנקרייך. דער אויפשטאַנד פון די פויערים האָט באלד אָנגענומען א פּאָליטישן כאַראַקטער. זיי האָבן געשאַפן א קאַטוליש-קיניגלעכע אַרמיי מיט פּריצים אין דער שפּיץ און האָבן אָנגעהויבן טאָן אין נאָמען פון דעם קיניג לודאוויק דעם 17-טן. וואַנדייע איז געוואָרן א קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער צענטער. געוואַקסן איז אויך די סאַקאָנע פון אויסן. די צוועקן פון דער קאָאַליציע האָבן זיך אַלץ מער אויסגעפּאָרמירט און זיינען קלער געוואָרן. ענגלאַנד האָט געהאַט בעדייע צו „פאַרוואַנדלען פראַנקרייך בעפויעל מאַמעש אין א פּאָליטישן נול”, די פאַרבינדעטע מלוכעס האָבן געוואָלט ניט נאָר צוריק אויפשטעלן דעם קיניג, נאָר אויך צעגלידערן די מעדינע. דערצו איז נאָך די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד געוואָרן אַלץ ערגער. בא אָט די באַדינגונגען האָט זיך עס געשאַפן די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון פראַנקרייך, די דיקטאַטור פון דער קליין-בורזשואַזיע. אָנשטאָט דער קאָנסטיטוציע פון 91-טן יאָר איז געקומען די קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר.

די קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר. מיר ווייסן, אַז אין 1789-טן יאָר איז אין דער דעקלאַראַציע פון די רעכטן פון מענטש און בירגער געווען אויסגעדריקט די פּרינציפּן פון דעם נייעם געזעלשאַפטלעכן סיידער, וואָס איז נאָכדעם צעשעדיקט געוואָרן דורך דער קאָנסטיטוציע פון 91-טן יאָר. די קאָנסטיטוציע פון דעם 24-טן יוני 1793 יאָר איז די סאַמע דעמאָקראַטישע פון אַלע קאָנסטיטוציעס פון פראַנקרייך. אַלגעמיינע וואַל-רעכט איז דער יעסאָד אירער. ניט נאָר זי גיט דעם פאָלק דאָס רעכט אויסצוקלייבן א געזעצגעבערשן קאָרפּוס, זי שטעלט אויך אונטער זיין קאָנטראָל אַלע אַגענטן פון דער רעגירונג. די קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר האָט אָפּגעשאַפט די צוויי-גראַדיקע וואַלן. זי האָט איינגעשטעלט א רעפערענדום, וואָס האָט געדאַרפט סאַנקציאָנירן די קאָנסטיטוציע, און אַפילע איטלעכעס געזעץ פון דער קומענדיקער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אָן א רעפערענדום האָט מען געקענט ארויסגעבן נאָר דעקרעטן, צייטווייליקע באַפעלן. דאָס מיניסטעריום, דעם עקזעקוטיוון ראַט האָט אויך דאָס פאָלק געקליבן. די מיניסטאָרן און אויך דעם געזעצגעבנדיקן קאָרפּוס האָט מען אלע יאר געדאַרפט איבערוויילן. פריער פאַר דער קאָנסטיטוציע איז געגאַנגען א נייע דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטשן. זי האָט זיך אונטערגעשיידט פון דער דעקלאַראַציע פון 89-טן יאָר מיט איר מער אויסגעלייכנדיקן כאַראַקטער און האָט געמאַכט די טויווע פון דעם קלאַל פאַרן צוועק פון דער מלוכישער פּאָליטיק. אָט דאָס גרונט-געזעץ פון דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק איז אָנגענומען געוואָרן נאָכדעם ווי מע האָט פאַר-

טריבן די זשיראָנדיסטן. ביז דער רעוואָלוציע פון 2-טן יוני איז געגאַנגען א
קאַמף צווישן צוויי פראָיעקטן פון א זשיראָנדיסטישער און א מאָנטאַניאַרישער
דעקלאַראַציע. עס איז גענוג צו פאַרגלייכן דעם ערשטן פונקט פון דער ערשטער
און דער צווייטער, קעדיי קלאָר צו מאַכן דעם קלאַסן-מעהוס פון די קעמפנ-
דיקע גרופּעס. די דעקלאַראַציע פון די מאָנטאַניאַרן (ראָבעספּיערס) זאָגט: „...דאָס
רעכט פון אייגנטום, ווי אלע אנדערע רעכטן, ווערט באַגרעניצט מיט דעם כיעוו
דערעכערעך צו האָבן פאַר דעם אנדערנס רעכטן", און די דעקלאַראַציע פון
די זשיראָנדיסטן (קאָנדאָרסיעס) זאָגט: „... דאָס רעכט פון אייגנטום באַשטייט
אין דעם, וואָס איטלעכער מעג זיך שאַפן ווי ער וויל מיט זיין פאַרמעגן, זיי-
נע קאַפּיטאַלן און די פּראָדוקטן פון זיין פאַרנאָסע". אזוי איז דער אידעאַל פון
די זשיראָנדיסטן — פרייע אייגנטום. די מאנטאניאַרן, ביכלאַל גערעדט, לייקע-
נען ניט אָפּ דאָס פריוואַטע אייגנטום, אָבער זיי מאַכן עס אונטערגעווארפן דער
טויוועס=האקלאל. זיי דערקלערן, אז „די געזעלשאַפט איז מעכויעוו צו זארגן
וועגן שפייזן אלע אירע מיטגלידער", זיי האַלטן, אַז העלפן די אומפאַרמעגלע=
כע איז א הייליקער כויוו פון דעם רייכן בענויגייע דעם ארימען. אט דאס זיי-
נען די פאדערונגען פון דער געשעפטס=בורזשואַזיע און דער קליין-בורזשואַזיע.
און האַגאַם דער פאַרענדיקטער טעקסט פון דער דעקלאַראַציע פון דעם קאָנווענט
שטימט ניט מיט זיין לעכאַטכילעדיקן פראיעקט, שיידט זיך אבער אפּ דידאזי-
קע דעקלאַראַציע פון דעם ערשטן בורזשואַזן מאַניפעסט דערמיט, וואס זי דער-
קלערט ניט נאר פרייהייט, נאר זי זארגט אויך וועגן גלייכהייט און טויוועס-
האקלאל (דאק. און מאט. № 5). לעסאף, בענויגייע די צווישנפעלקערלעכע
באַציאונגען דערקלערט די קאנסטיטוציע פון 93=טן יאר: „די מענטשן פון אלע
לענדער זיינען ברידער, און ווער עס דריקט כאטש איין נאציע, יענער איז א
סוינע פון אלע פעלקער". די קאנסטיטוציע פון 93-טן יאר שטרייכט דערביי
אונטער שאַרף די ראלע פון דער רעוואלוציאנערער מינדערהייט. פונדעסטוועגן,
איז דידאזיקע קאנסטיטוציע געווען באשטימט ערשט פאר דער צוקונפט. נאך
דעם ווי אין אווגוסט 93-טן יאר האָבן 1.787.377 פראנצויזן ארויסגעזאגט זיך
פאר דער קאנסטיטוציע און נאר 11.531 קעגן, האט זיך געשטעלט די פראגע
— צי איז מעגלעך טייקעף און אין דער פולטער מאס אנווענדן די קאנסטיטוציע
פון 10=טן אקטיאבר 93=טן יאר. דער קאנווענט האט באשטימט איינצושטעלן
א צייטווייליקע רעוואָלוציאנערע רעגירונג ביז שאלעם שליסן און אפלייגן דאס
אנווענדן די קאנסטיטוציע.

די רעוואלוציאנע־רע רעגירונג.

די אויפגאַבן פון דערדאָזיקער רעגירונג זיינען פאָר.
מולירט געוואָרן אַזוי: באַשיצן די רעפּובליק פון די
סאָנים פון אויסן און אינעווייניק (זע מאַט. און דאָק.
נום. 4). זי איז געווען אַ צייטווייליקע און אויסערגעוויינלעכע — אַ רעגירונג
פון בירגער-קריג. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו
באַנוצן אַנטשיידענע מיטלען אין דעם קאַמף מיט די סאָנים, איינשליסנדיק
אויך טעראָר. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, פלעגט זאָגן ראָבעספּיער, אונטער-

שיידט זיך שאַרף פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג דערפאַר, וואָס דאָס איז אַ רעגירונג פון בירגער-קריג. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג ווענדעט ניט אָן דעם פּרינציפּ פון צעטיילן די מאַכט, נאָר, פאַרקערט, זי שטרעבט צו קאָנצענטרירן די מאַכט אין ניט פילע הענט. לאָמיר איצטער זען, פון וואָסערע טיילן איז באַשטאַנען די דאָזיקע רעגירונג? דער קאָנוועגט איז געווען דער צענטער פון דער רעגירונג, אָבער די מאַכט זיינע האָט ער פאַרווירקלעכט מיט דער הילף פון דעם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג און דעם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט. דעם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג איז געווען אונטערגעוואָרפן אויך דער עקזעקוטיווער ראַט, אַף וואָסערן עס זיינען נאָר פאָרמעל געווען אַרויפגעלייגט די פונקציעס פון עקזעקוטיווער מאַכט. אין אַפּריל 94-טן יאָר האָט מען דעמדאָזיקן ראַט פאַרביטן מיט 12 עקזעקוטיווע קאָמיסיעס. אויך אַזוי אונטערגעוואָרפן איז געווען דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט. די אויפגאַבע פון דעם קאָמ. פון געזעלש. רעטונג זיינען באַשטימט געוואָרן דורכן דעקרעט פון 10-טן אָקטיאַבער 93-טן יאָר: „דער צייטווייליקער עקזעקוטיווער ראַט, די מיניסטאָרן, גענעראַלן און אַלע מלוכע-אינסטיטוציעס דאַרפן זיין אונטער דער אויפזיכט פון דעם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט, וואָס דאַרף אַלע וואָך געבן וועגן זיי באַריכטן דעם קאָנוועגט". ווי אַגענטן פון דער צענטראַלער מאַכט אַף די ערטער אין די דעפּאַרטאַמענטן און אַרמייען זיינען געווען דעפּוטאַטן פון קאָנוועגט — קאָמיסאַרן. זיי האָבן צונויפגעשמידט פראַנקרייך אין איין איינהייטלעכע גאַנצע און זיינען געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון די ניצחונעס פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. אין דער רעפּובליק, אָט דער באַלאַגערטער שטאָט, האָט דער קאָמיטעט און זיינע קאָמיסאַרן אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע ענערגיע. די קלובן און רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן אַף די ערטער זיינען אויך געווען אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. די פאָלקס-קלובן פון יאַקאָבינער, אויסגערייניקטע פון די מעסיקע עלעמענטן, זיינען געוואָרן „העל-ברענענדיקע פייערן פון דעמאָקראַטיע". די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן באַ די קאָמונעס און סעקציעס האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן אַף די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן אַרומגענומען פראַנקרייך ווי מיט אַ נעץ, און אַדאַנק זיי האָט זיך איינגעגעבן פון וואָרצל אָן איבערהאַקן יעדן פּרוּוו פון אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט געאַרבעט מיט דער הילף פון טעראָר. אונטערן טעראָר פאַרשטייען מיר דעם סכום מיטלען, וואָס מע האָט אָנגענומען קעגן די סאָנים פון דער רעוואָלוציע. דער טעראָר איז ניט געווען קיין סיסטעם — דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער לאַגע". דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק פון פראַנקרייך איז געווען געצוואונגען צו כאַפּן זיך פאַר דעריף, קעדיי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע און דאָס לאַנד. זומער 93-טן יאָר, ווען די זשיראָנדיסטישע באַוועגונג איז נאָך ניט געווען דערשטיקט, ווען וואַנדייע האָט אויפגעהויבן די ווייסע קיניגלעכע פאָן, און אַף פראַנקרייך איז מען אָנגעפאַלן פון צאָפן, אין עלזאַס און אין די פּירענייען, האָט דאָס פאָלק פון פּאַריז „געפאָדערט, מע זאָל אַפּן

טאָג-סיידער אַוועקשטעלן טעראָר״. דער טעראָר האָט געמאַכט צו נישט יע־דע פּערזענלעכע פרייהייט: די געזעצן וועגן פאַרדעכטיקע, וועגן די מישפּאָ־כעס און קרויווים פון די פּריצים־עמיגראַנטן, געזעצן קעגן גייסטלעכע, וואָס האָבן געשוואָרן און ניט געשוואָרן, האָבן געמאַכט צו נישט אַלע בורזשואַזע פרייהייטן. מע האָט אָפּגעשאַפט די פרייהייט פון וואָרט און פרעסע, טויט־שטראָף האָט געקומט יעדערן, וואָס איז שריפטלעך אָדער מונדלעך אַרויסגע־טראָטן קעגן דער רעוואָלוציע און איר רעגירונג. טויט-שטראָף, גיליאָטינירן איז געווען די אָפטסטע באַשטראָפונג פאַר די סאָנים פון דער רעוואָלוציע (זע מאַט. און דאָקומענטן נומ. 6, א, ב, ג, ד). דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל איז געווען דער דורכפירער פון דעם טעראָר, ער האָט געמישפּעט, רעכענענדיק זיך מיטן רעוואָלוציאָנערן געוויסן, און איז געווען געצוואונגען ביסלעכווייז פּאַשע־טער צו מאַכן דעם פּראָצעס פון מישפּעטן און געריכט פירן. דאַס געזעץ פון 22-טן פּרעריאַל 93-טן יאָר האָט אָפּגענומען באַ די באַשולדיקטע די פאַרטיידיקער און האָט אָפּגעשאַפט איידעס. די באַשולדיקטע פלעגט מען פאַרמישפּעטן נאָר צום טויט.

דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אין 1793—1794-טן יאָר איז אויסגעקו־מען צו אַרבעטן באַ די באַדינגונגען פון ווירטשאַפטלעכער צעפאַלונג. דער הונ־גער פון די מאַסן האָט גיך דערגרייכט צו אַן אומגלויבלעכער מאָס. נאָר די רוסישע אַרבעטער קענען זיך עס קלאָר פאָרשטעלן. די סאָנים פון דער רעוואָלוציע האָבן געטאָן אַלץ, אבי נאָר טיפער מאַכן דעם קריזיס: זיי האָבן געמאַכט פאַלשע אַסיגנאַציעס און פאַרפלייצט דערמיט פראַנקרייך; אַזשיאָטאַזש, ספּע־קוליאַציע האבן זיך געוואַלדיק פאַרשפּרייט. אין קאַמף מיט אָט די דערשיינונ־גען האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אָנגעווענדעט טעראָר. טויט-שטראָף האָט געקומט די אויפקויפער; די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי פון פּאַריז פלעגט מיט געווער אין די הענט קריגן אין די דערפער פון פראַנקרייך די נויטיקע שפּייז פאַרן פאָלק. פונדעסטוועגן האָט ניט דער טעראָר אליין געראטעוועט פראנק־רייך. די מאַכט פון דעם קאָנווענט איז געווען אין זיין סאָציאַל-עקאָנאָמישער טעטיקייט.

די סאָציאַל־עקאָנאָ־מישע טעטיקייט פון דעם קאָנווענט.

דער קאָנווענט האָט קודעמקאָל ענדגילטיק געלייזט די פראַגע וועגן דעם פּיוערטום. אויב די געזעצגעבערשע פאַרזאַמלונג האָט נאָכן 10-טן אוי־גוסט געמאַכט נאָר איין שריט פאָרויס און האָט פאַרברייטערט דעם סכום רעכטן, וואָס קענען אָפּגעשאַפט ווערן אָן אויסקויף, האָט דער דעקרעט פון 17-טן יולי 93-טן יאָר אָפּגעשאַפט די סעניאָר־רעכטן „פאַקטיש און יורידיש״ (ז. מאַט. און דאָק. № 8). דער קאָנווענט האָט אָנער־קענט פאַר די פּאַראַפּיעס דאַס אייגנטום־רעכט אַף די קאָהאַלשע ערדן, דערביי שטעלט איין דער דעקרעט פון 11־טן יולי 1793 יאָר, אַז עס איז ניט דאַפקע קיין מוז, דידאָזיקע ערדן זאָלן פאַנאַנדערגעטיילט ווערן. דער קאָנווענט האָט אויך איינגעשטעלט געוויסע פּריווילעגיעס באַם אויספאַרקויף פון די

נאַציאָנאַלע גיטער. די ערד האָט מען איצטער געטיילט אַף קליינע נאַכלעס, „קעדיי צו פאַרגרעסערן די צאָל קליין-אייגנטימער”. אַזוי האָט דער קאָנווענט ניט נאָר באַפרייט דאָס פויערשע אייגנטום, נאָר ער האט אויך מיטגעהאָלפן צו פאַרוואַנדלען די ערדלאָזיקע פויערים און די, וואָס האָבן געהאט קנאַפּ ערד — אין אייגנטימער. אָט דאָס איז געווען די פאָליטיק פון דעם קאָנווענט אין דער פויערים-פראַגע.

אין סענטיאַבער 1793 יאָר איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ „מאַקסימום” אַף די נויטיקסטע געברויך-אַרטיקלען (ז. מאַט. און דאָק. № 7). דאָס רעכט אַף רעקוויזיציע האָט דערגאַנצט דעמדאָזיקן דעקרעט און האָט געגעבן דער רעגירונג די נויטיקע פּראָדוקטן אַף צו שפּייזן די אַרמיי און דאָס פאָלק אין הויפּטשטאָט. די שטייערן-פּאָליטיק פון דעם קאָנווענט איז דורכויס געווען אויסגערעכנט אַף צו באַשטייערן די רייכע: ער האָט באַשטימט אַ גרעניץ צו דער אָשירעס פון איינצלנע מענטשן, אַ גרעניץ דער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל. אַזוי שטעלט אײַן דער דעקרעט פון 3-טן סענטיאַבער 1793 יאָר, אַז אַף אַ האַכנאָסע פון הג בירגער, וואָס שטייגט אריבער 1.000 ליוור, איז כאַל אָן אָבליגאַטאָרישע האַלוואָע אין דער מאָס פון $^{1}/_{10}$ באַ א רעשט פון 1 ביז 1000 ליוור, פון $^{9}/_{10}$ באַ א רעשט פון 8.000 ביז 9.000, און באַ א רעשט העכער פון 9.000 ליוור דאַרף אים אינגאַנצן איינשליגען אַ שטייער. דער קאָנווענט האָט געקעמפט אויך מיט אַרבעטסלאָזיקייט. ער האט געוואָלט פאַרניכטן אָרים-קייט. דעם 28 יוני 1793 יאר איז אָנגענומען געוואָרן אַ דעקרעט וועגן אָרי-מעלייט, וואָס באַשליסט: „אַז יעדער הויפּט פון אַ פאַמיליע, אַ מאַן צי אַ פרוי, אויב זיין פאַרדינסט קלעקט ניט אַף צו קריגן די נויטיקע לעבנסמיטל, האָט אַ רעכט אַף מלוכע-שטיצע”. דער קאָנווענט זאָגט צו אַ געלט-שטיצע פאַר ניט פאַרמעגלעכע און אַרבעטסלאָזיקע. ער זאָרגט אויך אַכטונג צו געבן אַף מוטערשאַפט. קעדיי צו רעגולירן די פראַגע וועגן אַרבעטסלאזיקע לייגט דער דעקרעט פאַר די קאָמונעס קלאָר צו מאַכן זייער צאָל און איינאָרדענען פאַר זיי געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. אַף אַזאַ אופן איז די גאַנצע פּאָליטיק פון דעם קאָנווענט אָפּן סאָציאַל עקאָנאָמישן געביט אין לעצטן סאַכאַקל באַשטאַנען אין „אָפּנעמען באַ די רייכע דאס איבעריקע, וואס זיי פארמעגן, און אָפּגעבן עס די אָרימע, קעדיי צו דערגרייכן אַ מין אויסגלייכונג פון פאַרמעגן”. די אלע מיטלען האבן אבער בעשום אופן ניט געהאט בעדייע צו פארניכטן די קלאַסן-געזעלשאפט, וואָס איז געבויט אַף פּריוואט-אייגנטום. די מאָנטאַניאַרן און זייער פירער ראָבעספּיער אָנערקענען די הייליקייט פון אייגנטום, ווי דעם יעסאָד פון געזעלשאפט: זיי שטייען נאָר פאַר קליין-אייגנטום קעגן דעם גרויס-אייגנטום. דאָס געזעץ וועגן מאקסימום און וועגן רעכט אַף רעקוויזיציע באַ-שטימט אויך א מאקסימום פאַר ארבעטס-לוין און דאס רעכט צו רעקוויזירן אַרבעטס-קראפט. יעדער פרואוו צו שטרייקן פלעגט די רעגירונג שטרענג אונטערדריקן. אין דעקאבער 1794 יאָר, ווען מע האט איינגעאָרדנט ווארשטאטן אַף צו פּראָדוצירן געווער, האָט דער קאנווענט אנגענומען א שטרענגע טאקסע.

„יעדער קאאליציע, לייענען מיר דארט, אָדער אַ פאַרזאַמלונג פון די ארבעטער אין פארווערטס״.

דאָך, אויב דער קאָנווענט און די אנפירנדיקע גרופעס אין אים האבן געשטרעבט צו פארניכטן נאר דאס פעאדאלע אייגנטום און אָפצורעכענען זיך מיטן גוויר דעם קאָנטר-רעוואלוציאנער, האט אָבער פארן רעוואלוציאָנער פון פאָלק, דעם סאנקיולאט „דער מאנטאַניארישער רעפובליקאניזם באַטייט אַ קריגס-דערקלערונג ניט נאר די ראיאליסטן און זשיראנדיסטן, נאר אויך דעם גאנצן בורזשואזן גייסט״.

צום סאָף לאמיר אנווייזן נאָך אַף צוויי מיטלען פון דעם קאָנווענט אין זיינע געזעלשאַפטלעכע רעפארמען. דער קאנווענט האט דערקלערט אלגעמיינע, גלייכע און אָבליגאטארישע בילדונג פאר אלעמען. ער האט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגן אויסהאלטן די קינדער אין די שולן אַף קאהאלשן כעשבן. קעדיי צו קעמפן מיט דער רעליגיע, קעדיי אויסצואוואָרצלען די רעליגיעזע פאָרורטיילן האט דער קאנווענט אפגעשאפט די אלטע צייט-רעכענונג און דעם לואך: דער ערשטער יאר פון דער ר ע פ ו ב ל י ק האט פון איצטער אן גע-דארפט באצייכענען דעם ערשטן יאר זינט עס עקזיסטירט אַ פרייע מענטשהייט. די טעג און די כאדאשים האבן אין רעוואלוציאנערן לואָך, אָנשטאָט די אַלטע, געקראגן נייע פּאָעטישע נעמען לויט די פראדוקטן פון ארבעט און דערשיי-נונגען פון דער נאטור. „די מיטגלידער פון דעם קאָנווענט, זאגט דער היסטא ריקער אָלאַר, זיינען געווען די צוגרייטער פון דער צוקונפטיקער געזעלשאפט, וואָס האבן געקעמפט מיט אייראָפּע, האַלטנדיק דעם גראבאייזן אין איין האַנט און דעם שווערד אין דער אַנדערער״.

דער קאמף צווישן די אָנהענגער פון ראָבעספּיערן, די דאַנטאָניסטן און העבערטיסטן.

די טעטיקייט פון דער רעוואלוציאָנערער רע-גירונג איז ניט געווען קיין רעזולטאַט פון איינ-שטימיקע באַשלוסן פון אלע גרופעס אין קאָנווענט אָפילע נאָכדעם, ווי די זשיראָנדיסטן זיינען שוין פאַרטריבן געוואָרן. אויב די רעוואָלוציע פון 2-טן יוני איז געווען די אַרבעט פון דער פאַריזער קאָמונע און דעם „באַרג״, האָבן זיך אָבער דערנאָך אָנגעמערקט כלוקע-דייעס אי צווישן די מאָנטאניאַרן אין קאָנווענט גופע אי צווישן דעם קאָנווענט און דער פאַריזער קאָמונע. די הויפּט-גרופּירונגען, וואָס צווישן זיי האט זיך צעוויקלט דער קאַמף אין קאָנווענט, זיינען געווען: ד אַ נ ט אָ ן און זיינע אָנהענגער, דער רעכטער פליגל פון די מאָנטאניאַרן; די ראבעספּיעריסטן, וואָס האָבן געוועלטיקט אין קאָנווענט און האָבן פאָרגעשטעלט דעם רעכטן פליגל אין דער קאָמונע און, לעסאָף, די העבערטיסטן — די אָנהענגער פון דעם רעדאַק-טאָר פון דער פאָלקס-צייטונג „פאָטער דיושען״, דעם פירער פון דער קאָמונע. די עקסטע רעוואָלוציאָנערן — די „ווילדע״ זיינען ניט געווען קיין איינהייט-לעכע גרופּע. די העבערטיסטן האָבן זיך אָפּט געקריגט מיט ש אָ מ ע ט ן, איינעם פון די פירער פון דער קאָמונע, אין די סעקציעס האָבן געארבעט

עקסטע קאָמוניסטישע עלעמענטן. די פירער פון די קאָמוניסטן, זשאַק רו און וואַרלע, האָבן אַרויסגערוקט פאַר די מאַסן אַ נייע פראַגע וועגן אַ רעוואָלוציע קעגן די רייכע. מיר וועלן שפּעטער זעען, אין וואָס באַשטייט דער מעהוס פון דעמדאָזיקן קאָמוניזם, דערווייליע וועלן מיר זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן אָנווייזן, אַז אַזאַ גרופּע איז געווען.

די קאָמונע האָט אַ גאַנץ לאַנגע צייט געמאַכט אַ דרוק אויפן קאָנווענט. אין דעם פּראַט האָט זי אויסגעפּילט די אָנווייזונגען פון דעם „פריינט פון פאָלק" מאַראַטן, וואָס איז דערהאַרגעט געוואָרן אין יולי 1793 יאָר דורך שאַרלאָטע קאָרדע, וואָס האָט זיך נויקעם געוועזן פאַר די זשיראָנדיסטן און מעסיקע. מאַראַט איז ניט געווען קיין קאָמוניסט, ער איז אָבער געווען אַ פריינט פון די אָרימע און האָט זיי גערופן צום קאַמף מיט די ראָיאַליסטן, פעליאַנער, זשיראָנדיסטן און אַלע גווירים פון פראַנקרייך. ער האָט געוואָלט אויסוואָרצלען די קאָנטער-רעוואָלוציע, און צו דערצו האָט ער געוואוסט נאָר פון איין מיטל: פּאַריז מוז שטענדיק זיין אַף דער וואַך און שטענדיק גרייט זיין צו א נייעם אַרויסטרעט צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע.

מיר האָבן געזעען אינם קאַפּיטל וועגן דער קאָנסטיטואַנטע און דער גע-זעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג, אַז מאַראַט האָט, אַלס הויפּט פון די רעוואָלוציאָ-נערן פון פּאַריז, אומדערמידלעך גערופן אינם קאַמף מיט די פאַרמעגלעכע, איז געווען דער איניציאַטאָר פון די רעוואָלוציאָנערע טעג. ניט קלענער איז געווען זיין באַדייטונג אויך אין די יאָרן פונם קאָנווענט. ער איז געווען דער לידער פון דער רעוואָלוציע פון 31 מאַי — 2 יוני. מאַראַט איז ניט געווען קיין קאָ-מוניסט. ער איז אַכזאָריעסדיק אַנגעפאַלן אַף זשאַק רו פאַר זיין „ווילדע" אַגי-טאַציע. ער איז געווען א סוינע פונם קאָמוניזם און פונם „אַגראַר-געזעץ". ער איז געווען א טיפּישער פאָרשטייער פון דער קליינבורזשואַזיע, פון די באַלמעלאכעס און אַרבעטער, פון דער שטאָטישער אָרימקייט פון פראַנקרייך פון 18-טן יאָרהונדערט. מאַראַט האָט זיך אונטערשיידט פון אַנדערע מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דינווּעכעשבן וועגן דעם קלאַסנקאַמף אין דער רעוואָלוציע, וועגן דעם קאַמף אין דער סוויווע פונם „דריטן שטאַנד" צווישן די פאַרמעגלעכע און אומפאַרמעגלעכע. אין זיינע פּראָיעקטן צו לייזן די אַרבעטער-פראַגע גייט ער אָבער ניט ווייטער פונם פאָרשלאַג וועגן אָרגאַניזירן מיט דער הילף פון דער מלוכע אַרבעטער-אַרטעלן. אין זיינע פּראָיעקטן געפינען מיר אויך רעאַקציאָנערע שטריכן פונם באַלמעלאָכע, וואָס קעמפט מיט דער גרויסער פּראָדוקציע. מיר געפינען דאָס אויך אין זיינע אַגראַרע פּראָיעקטן: ניט קיין קאָמוניזם, נאָר באַטיילן מיט ערד די גרויסע מאַסע בירגער. אָבער ניט געקוקט אַף דעם אַלעס, איז מאַראַט, אַדאַנק זיין רעוואָלוציאָנערן אינסטינקט, געווען אַ גענױאַלער פירער פון דער גרויסער רעוואָלוציע (זע מאַט. און דאָק. № 9).

מאַראַט איז אָבער דערהאַרגעט געוואָרן, און די קאָמונע האָט איצטער אָן אים געדאַרפט פאַרזעצן אירע אַנטשיידענע מאַיסים. די קאָמונע איז פאַר-בליבן ווי אַן אַנטשיידנדיקער קויעך פון דער רעוואָלוציע נאָר ביז מאַרט

1794 יאָר, ווען ראָבעספיער האָט אראָפּגענומען די קעפּ באַ אירע פירער. נאָך
דעם האָט זיך דער קאַמף אריבערגעטראָגן אין קאָנווענט. דער אנטשיידנדי-
קער קויעך דאָרט ווערן איצטער די דעפּוטאַטן פון צענטר, די „בלאָטע". אַף
זיי פּרואווט זיך שטיצן ראָבעספּיער אין קאַמף מיט די עקסטרעמיסטן פון רעכטס
און פון לינקס, און זייער פּאַראַט וועט נאָכדעם זיין די סיבע פון זיין טויט.
לאָמיר איצטער א קוק טאָן, ווי אזוי האָט זיך צעוויקלט דער קאַמף צווישן אָט
די באַזונדערע גרופּן און וועמעס אינטערעסן האָבן דידאָזיקע גרופּירונגען
פאָרגעשטעלט. די דאַנטאָניסטן זיינען געווען פאָרשטייער פון דער פראַנצויזי-
שער אינטעליגענץ, פון דעם סאַמע פילצאָליקן שיכט אירן, אַדוואָקאַטן, זשור-
נאַליסטן, שרייבער. דידאָזיקע גרופּע איז געווען גרייט צו גיין מיט דער רע-
וואָלוציע ביז דער איינשטעלונג פון א דעמאָקראַטישער רעפּובליק. זיי זיינען
געווען אפן צאַד פון דער רעוואָלוציע פון 2-טן יוני, אַף וויפל זיי האָבן גע-
זען אין די זשיראָנדיסטן א סאַקאָנע פאַר אָט דער רעפּובליק. אָבער דער 2-טער
יוני „איז פאַר זיי געווען די לעצטע גרעניץ פון רעוואָלוציע. זיי זיינען געווען
באַזונדער פיינטלעך קעגן די מיטלען פון קאָנווענט, וואָס זיינען געווען געווענדעט
קעגן די רייכע". זייער פירער דאַנטאָן האָט געזאָגט: „יעדער אַרט פאַרמעגן
דאַרף אף אייביקע יאָרן בלייבן אומבאַרירט". ביסלעכווייז זיינען די דאַנטאָ-
ניסטן געוואָרן אלץ מער מעסיקע פּאָליטיקער. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן,
מע זאָל אָפּשטעלן דעם טעראָר, האָבן גערופן צו ראַכמאָנעס און דערמיט גופע
אָפּגעשוואַכט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. די דאַנטאָניסטן האָבן אָנגעהויבן
ווערן איצטער דער אוואַנגאַרד פון קאָנטר-רעוואָלוציע, און דער קאַמף מיט
זיי האָט זיך געשטעלט אפן טאָג-סיידער (מאַט. און דאָק. № 10). ראָבעספּיער,
דער קאָפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, פּרואווט זיך, אָנהויבנדיק פון יולי
93-טן יאָר, פריער איידער אָנצופאַלן אף די מעסיקע, פאַרניכטן מיט זייער
הילף די עקסטרעמיסטן, די פירער פון דער קאָמונע פון פּאַריז. מיר האָבן שוין
אָנגעוויזן, אַז די עקסטרעמיסטן זיינען געווען א בלאָק פון פאַרשיידענע גרו-
פּעס. צווישן זיי האָבן די העבערטיסטן פאָרגעשטעלט די פּראָלעטאַרישע שיכטן
פון דער אינטעליגענץ. זיי זיינען ניט געווען קיין קאָמוניסטן, גיכער
זיינען זיי, לויט זייערע מיינונגען נאָך, געווען „אַנאַרכיסטן-אינדיווידואַליסטן".
די העבערטיסטן האָבן געפאָדערט צו פאַרשטאַרקן דעם טעראָר, און האָבן גע-
קעמפט מיט דער רעגירונגס-מאַכט, אלס אזעלכע. בענויגייע רעליגיע זיינען זיי
געווען אַטעאיסטן. וואָס איז שאַיעך די קאָמוניסטן, ווי זשאַק רו און וואַרלע,
האָבן זיי דעם שווערפּונקט פון זייער אגיטאַציע אריבערגעטראָגן פנן פּאָליטישן
געביט אפן סאָציאַל-עקאָנאָמישן. בעשאַס דער קאָנווענט האָט אָנגענומען די
קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר, האָט זשאַק רו באַ דער גראַטע געפאָדערט, מע
זאָל אָנעמען אנטשיידענע מיטלען אנטקעגן די רייכע. אין אָט דער נעגאַטיווער
אגיטאַציע איז אייגנטלעך געווען דער קויעך פון די „קאָמוניסטן", די „ווילדע".
וואָס איז שאַיעך זייער פּאָזיטיווער פּראָגראַם, האָט זי געהאַט בעדייע צו באַ-
טיילן אלע אָרימע מיט ערד (דאָס „אַגראַר-געזעץ"), מוניציפּאַליזירן דעם האנדל,
שטרענג אכטונג צו געבן, אז מע זאָל אויספילן דעם מאַקסימום. די היסטאָרי-

שע באַטייטונג פון דער קאָמוניסטישער אַגיטאַציע אין דער עפּאָכע פון רעוואָ-לוציע איז אין דער אוועקשטעלונג גופא פון דער פראַגע וועגן אייגנטום (ז. מאַט. און דאָק. № 11).

פאַר ראָבעספּיערן איז דער קאַמף מיט די דאַנטאָניסטן נאָך דער קע-פונג פון די פירער פון דער קאָמונע געוואָרן א נויטווענדיקייט. אויב מיט דער הילף פון די דאַנטאָניסטן האָט זיך ראָבעספּיער אין מאַרט 1794 יאָר ארויפגע-וואָרפן אף דער קאָמונע, איז אָבער דעם 1-טן אַפּרעל פון דעמזעלביקן יאָר האָט ער אויך געמאַכט אן עק מיט דאַנטאָנען און זיינע אָנהענגער.

דער 9-טער טער-מידאָר 1794 יאָר.

אזוי איז אין אָנהויב 1794 יאָר אין דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג געשטאַנען ראָ-בעספּיער, וואָס האָט איצטער געוועלטיקט איינער אליין. ער וויל אָפּשטעלן די רעוואָלוציע, אָבער דערביי אויך ניט צולאָזן צו דער מאַכט די מעסיקע. אף וועמען קען ער זיך אָנשפּאַרן אין זיין ווייטערדי-קער טעטיקייט? אויסשליסלעך אפן צענטער פון קאָנווענט און דער פעסטער קליין- און מיטל-בורזשואַזיע פון פּאַריז. זיין אָנהאַלט זיינען איצטער די, וואָס ווילן אָרדענונג און אָפּשטעלן דעם טעראָר. ראָבעספּיער טוט אַלץ, קעדיי אנ-צואווערן די שטיצע פון די עקסטע עלעמענטן. קאַרג וואָס ער האָט גיליאָטי-נירט די פירער פון דער קאָמונע, פּרואווט ער נאָך מיט דער הילף פון די רע-וואָלוציאָנערע קאָמיטעטן בא די סעקציעס פון דער קאָמונע אָפּצושוואַכן די באַ-טייטונג פון די סעקציעס גופא און דערמיט אנטוואָפענען די עקסטע רעוואָלו-ציאָנערן. ראָבעספּיער האָט אליין אנטוואָפנט די רעוואָלוציע. א פאָרשטייער פון דער קליין-בורזשואַזיע, איז ער געווען א סוינע פון יענער ברייטער אנ-טירעליגיעזער באַוועגונג, וואָס האָט זיך שוין אין 93-טן יאָר אנגעהויבן אין לאַנד. „ווען קיין גאָט וואָלט ניט געווען, האָט ער געזאָגט דעם 21 סענט-יאַבר 93-טן יאר — וואָלט מען אים געדאַרפט אויסטראַכטן". פאַר ראָבעספּיערן איז רעליגיע געווען א סאָציאַלע סיסטעם, א גלויבן אין א נייער גאָטהייט, אן אלערהעכסטן וועזן, האָט געדאַרפט באַרעכטיקן די סאָציאַלע אומגלייכהייט. דעם 18-טן פלאָריאַל פון דעם 2-טן יאָר האָט דער קאָנווענט, לויט זיין פאָרשלאַג, איינגעשטעלט דעם קולט פון אלער-העכסטן וועזן (מאַט. און דאָק. № 12). ראבעספּיער איז אנטקעגנגעגאַנגען דעם פאָלק אין זיין סינע צו די קאַטוילישע גאַלאכים, אבער דערביי האט ער גע-פּרואווט צו פאַרבייטן די אלטע רעליגיע אף א נייער, אבי ניט צו גיין אפן וועג פון ווייטערדיקע סאציאלע אומענדערונגען. אזוי איז ראבעספּיער, אפן פּאָ-ליטישן פעלד און אויך אפן סאציאלן, פון א פירער פון דער רעוואלוציע געווארן איר טארמאז. ראבעספּיער האט אויסגעפּילט אלע אויפגאַבן פון דער רעוואלוציע. ווי א פארשטייער פון דער קליין-בורשזואַזיע, איז ער ניט געווען בעקויעך א רוק צו טאן זי ווייטער.

די באַטייטונג פון דער יאַקאָבינישער דיקטאטור.

די רעוואלוציאנערע רעגירונג פון די מאנטא-
ניארן האט זיך ארויסגעוויזן בעקויעך ניט נאר צו
פארטיידיקן דאס לאנד, וואס איז געגליכן געווען צו
א „באלעגערטער שטאט״, זי האט פארטריבן דעם
סוינע פון דער טעריטאריע פון פראנקרייך און האט געגעבן די רעוואלוציאנע-
רע ארמייען א מעגלעכקייט איבעראנייס פאנאנדערצוטראגן איבער אייראפע די
פרינציפן פון פרייהייט. די מאַפּאָלעס אַפן פראָנט האָבן פאַרפאָלגט פראנקרייך
קימאַט דעם גאַנצן 93-טן יאָר. דאָך האט זיך אין סענטיאַבר-אָקטיאַבר פון דעם
יאָר שוין אָנגעמערקט א איבערבראָך. די קאמפּאניע פון 94-טן יאָר האָט ניט
געהאַט קיין גלייכן אין די כראָניקעס פון דער געשיכטע. אין יוני 1794 יאָר,
אין אן אנטשיידענעם שלאַכט באַ פלעריוס, איז דאָס לאַנד אפגערייניקט גע-
וואָרן פון דעם סוינע. די פראַנצויזישע אַרמייען האָבן ווידער גוירעם געווען,
אַז ענגלאַנד זאָל זיין געצוואונגען צו פאַרטיידיקן האָלאַנד, בעלגיע איז געווען
בא די פראַנצויזן אין די הענט. ניט מיט קיין קלענערן ערפאָלג האָט זיך אויס-
געלאָזן דער קאַמף מיט דער אינעווייניקסטער קאָנטער-רעוואָלוציע: די פעדעראַ-
ליסטן און וואַנדייע. טולאָן, ליאָן און די איבעריקע דאָרעם-שטעט, וואָס זיי-
נען אויפגעשטאַנען, האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם קאָנווענט. אין 1794 יאָר איז
וואַנדייע דערשטיקט געוואָרן. די רעוואָלוציע האָט אין דערזעלביקער צייט גע-
לייזט אויך אירע פונדאַמענטאַלע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָבלעמען: זי האָט
באפרייט די פויערים, האָט אויסגעוואָרצלט די פעאָדאַלע אָרדענונג, האָט באַ-
וואָרנט פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פאַר דער מעדינע און די רעוואָלוצי-
אָנערע עראָבערונגען. אין דעם באַשטייט דער היסטאָרישער זינען פון דער
דיקטאַטור פון די יאַקאָבינער. די קליין-בורזשואַזיע, איר פירער ראָבעספיער,
האָט אָפּגערייניקט דעם וועג און האָט באשאפן די גאַראַנטיעס פאַר א בורזשו-
אַזער אָרדענונג, זי האָט אָבער ניט געקענט גיין ווייטער מיטן וועג פון סאָ-
ציאַלער רעוואָלוציע (מאַט. און דאָק. № 13 א, ב,). אָט פאַרוואָס נאָכן שלאַכט
בא פלעריוס, וואָס האָט ענדגילטיק פאַרפעסטיקט דעם ניצאָכן פון דער רע-
וואָלוציע, איז ראָבעספּיערס מאַפּאָלע געוואָרן אומפאַרמיידלעך. אנטקעגן אים
זיינען ארויסגעטראָטן אי די מעסיקע, אי די עקסטרעמיסטן. זיין אומאנטשלאסנ-
קייט און די פאַסיווקייט פון דער קאמונע פון פאַריז האבן אנטשיידן דעם אינ-
יען. עס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, אז צווישן די סעקציעס פון פאַריז, וואס
זיינען קעגן אים ארויסגעטראטן, איז געווען די סעקציע פון זשאַק רו. אין
קאנווענט צווישן די מעסיקע האט ער קיין שטיצע ניט געפונען. ראבעספיערן
האט מען געקעפּט דעם 10-טן טערמידאר. נאך זיין טויט הויבט אן די רעוואַ-
לוציע ביסלעכווייז איינצולעשן זיך: די רעוואלוציאנערע דיקטאַטור טרעט אפּ
דעם ארט דער בורזשואזער רעפּובליק.

די רעוואלוציע נאכן 9־טן טערמידאר.

פון דעם 9-טן טערמידאר (27 יולי 1794 יאָר) ביז דעם 4-טן ברױמער 4-טן יאָר (26 אָקטיאבער 1794 יאר) האָט דער קאָנווענט נאָך אַלץ געהאַט זיצונגען. צודעקנדיק זיך מיט די פּרינציפּן פון דער רעוואלוציאָנערער רעגירונג, האָבן די, וואס האבן גוירעם געווען ראבעספּיערס מאַפּאלע (די „טערמידאָריאַנער“), אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן די רעפּובליקאנער. ווייסער טעראָר איז געקומען אנטקעגן דעם רויטן טעראָר. מע האָט באָטל גע-מאַכט אַלע דעקרעטן פון דעם קאָנווענט, וואס האָבן געשטערט דער קאפּי-טאליסטישער אָנזאַמלונג. אזוי האָט מען אין דעקאַבר 1794-טן יאר באָטל גע-מאכט דעם מאַקסימום: ספּעקולאַציע, אַזשיאָטאזש האבן דערגרייכט צו אַן אומגלויבלעכער מאָס. דער הונגער איז געווארן שטאַרקער, דער איקער מאכ-מעס דעם פאַלן פון אַסיגנאַציעס. די מאַנופאַקטורעס האָבן זיך קעסיידער גע-שלאסן, און די אַרבעטלאָזיקייט איז געוואקסן. דער קאנווענט האָט אונטער-געדריקט יעדן פּרואוו פון אַ דעמאקראטישן אויפשטאנד. אַזוי איז עס גע-שעען מיטן אויפשטאנד פון דעם 1-טן אַפּריל 1795 יאר (12 זשערמינאל) און דעם 26-טן מאַי פון דעמזעלביקן יאָר (דער אויפשטאנד פון דעם 1-טן פּרע-ריאל). די מאַסן זיינען אויפגעשטאנען מיט דער פאדערונג: „ברויט און די קאנסטיטוציע פון 93-טן יאר“. אָט די ניט געלונגענע פּרואוון פון א דעמאָ-קראַטישער איבערקערעניש האָבן מיט זיך געבראכט אַ פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע. דער קאָנווענט האט פאַרמאכט דעם יאַקאבינישן קלוב, האט פא-נאַנדערגעלאָזן די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן און, לעסאף, האָט ער אפּגע-שאַפט די קאנסטיטוציע פון 93-טן יאָר. מע האט איינגעשטעלט א נייע קאנ-סטיטוציע, די אַזוי גערופענע „קאָנסטיטוציע פון דעם 3-טן יאר“. זי האָט אפּגעשאַפט דאָס אלגעמיינע וואלרעכט און האָט איינגעשטעלט א סיסטעם פון צענז-וואַלן. עס איז געשאַפן געוואָרן א בורזשואַזע רעפּובליק: די מאכט פון דעם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג האט מען פאַרביטן מיט דער מאַכט פון א דירעקטאָריע. אין נאָיאַבער 1799-טן יאָר האט מען די דירעק-טאָריע אַראָפּגעווארפן און איינגעשטעלט די קאָנסול-מאַכט פון נאַפּאָלעאָנען. צום סאף, אין 1804-טן יאר, האט נאפּאָלעאָן דערקלערט זיך פאר אימפּערא-טאָר, און נאָך זיין מאפּאָלע אין 1815-טן יאָר איז איבערגאנייס אויפגעשטעלט געוואָרן אין פראנקרייך די מאַכט פון די בורבאָנען. און ערשט אין דעם יאר 1830, נאָך א נייער רעוואָלוציע, איז סאפקאָלסאף באַשאַפן געווארן די בור-זשואזע מלוכע.

קעדיי צו פארשטיין די סיבעס פון די אלע פּעריפּעטיעס פון דער רע-וואָלוציע נאך דעם 9-טן טערמידאר, קעדיי קלאָר צו מאַכן זיך, פאַרוואָס די רעוואָלוציע אין פראנקרייך, ניט קוקנדיק וואס זי איז אפּגעהאַלטן געוואָרן, האָט דאָך ניט געקאנט פאַרניכטעט ווערן, דארף מען זיך באקענען מיט דער קאלאָסאלער סאָציאל-עקאנאָמישער איבערקערעניש, וואס איז געקומען ווי א פּועל-יוצא פון פינף יאר קאַמף אין לאנד. פראַנקרייך פון די יאָרן 95, 99 אונטערשיידט זיך שארף פון פראַנקרייך פון דער אַלטער אָרדענונג. איצ-

טער זיינען בא דער מאַכט געשטאַנען נייע קלאַסן, נייע סאציאַלע באַציאונגען זיינען געשאַפן געוואָרן אַפן יעסאָד פון דער איבערטיילונג פון אייגנטום. די רעוואָלוציע האָט אונטערגעגראָבן די מאַכט פון די ערד-אייגנטימער, די פּריצים. די פּריצים זיינען געוואָרן „די אומגליקלעכסטע מענטשן אין דער וועלט". אָבער דער פייער פון פראַנקרייך, זשאַק.דער טאַם, וואָס איז ביז דעם 89-טן יאָר געווען צוגעבונדן צו דער ערד מיט טויזנטער פעדים, וואָס האָבן אים אַרומגעפּענטעט, האָט זיך איצטער אויסגעגלייכט די ביינער. דער ריז האָט זיך אויפגעהויבן, איז אויפגעשטאַנען. דער פּויער איז געוואָרן אַ פרייער באַלעבאָס פון דער ערד. ער איז געווען אַ סוינע פון יעדער קאָנטער-רעוואָלוציע און איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון אָרדענונג אַנטקעגן איטלעכן, פון רעכטס צי פון לינקס, וואָס שטעלט אין סאַקאָנע זיין קליין פריי אייגנטום.

דער פראַנצויזישער פּויער איז איצטער געוואָרן ניט נאָר פּאַסיוו, נאָר אויך קאָנסערוואַטיוו. ער הויבט זיך אויף נאָר דאַן, ווען עס שטייט אים פאָר די סאַקאָנע, אַז די פּריצים וועלן זיך אומקערן. און אין די שטעט איז די אַלטע בורזשואַזיע געוואָרן געבראָכן, אַנשטאָט איר איז געקומען אַ נייע. בא דעם רעזשים פון דער בורזשואַזער רעפּובליק האָט, פונדעסטוועגן, גיך אויפגעלעבט אויך די אַלטע בורזשואַזיע. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט כאָרעוו געמאַכט די צעכן און מאָנאָפּאָליעס, זי האָט באַשאַפן אַ פּילצאָליקע אַרמיי פון קליינע אייגנטימער. „זיי האַלטן זיך, שרייבט איינער אַ היסטאָריקער, בא זייער געלט-קרוג, און וועלן אים שוין ניט שטעלן אין קאָן, באַטייליקנדיק זיך אין גאַסן-אויפשטאַנדן". זיי טרוימען וועגן אַ שטאַרקער מאַכט, וועגן אָרדענונג, וועגן אַ רעזשים, וואָס באַוואָרנט די רעוואָלוציע קעגן די פּריצים און די „ווילדע". אַזוי איז אין די שטעט באַשאַפן געוואָרן אַ נייע קאָנסערוואַטיווע מאַכט. קאָנסערוואַטיוו איז געווען אויך יענער טייל פון דער נייער בורזשואַזיע (די „נואַוואָרישן"), וואָס איז רייך געוואָרן אָף פּאָדריאַדן, ספּעקוליאַציע מיט נאַציאָנאַלע גיטער א. א. וו., ווי אויך די גאַנצע מאַסע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אַפן כעשבן פון דער רעוואָלוציע. אָט די נייע שיכטן זיינען געווען קעגן רעאַקציע, אָבער אויך קעגן רעוואָלוציע. די אַרבעטער אין די שטעט, די אָרימעלייט פון פּאַריז, ליאָן און אַנדערע אינדוסטריעלע און האַנדלס-צענטרען פון פראַנקרייך האָבן, לעהייפעך צו אַלע אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, ניט פאַרבעסערט זייער לאַגע. זיי האָט זיך בא דער בורזשואַזער רעפּובליק געלעבט ערגער, איידער אין דער עפּאָכע פון טעראָר. פּאָליטישע אַפּאַטיע — אָט ווי מע קאָן כאַראַקטעריזירן די נידעריקע שיכטן האָרעפּאַשניקעס פון שטאָט נאָך דעם 9-טן טערמידאָר. עמעס, ווען-ניט-ווען, ווי אין די טעג פון פּרעריאַל און זשערמינאַל, פלעגן די דאָזיקע מאַסן אָרויסטרעטן מיט דער פאָדערונג פון „ברויט און דער קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר". דאָס זיינען אָבער געווען אָפּגעזונדערטע אויפלאַקערונגען. דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט שוין מער ניט געשפּילט די ראָלע, וואָס אין די טעג פון 10-טן אַווגוסט און 31-טן מאַי — 2-טן יוני. אַפן יעסאָד פון דער איבערפּאַרטיילונג פון אייגנטום האָבן די נייע הערשנדיקע קלאַסן געפּראַוועט אויסבילדן די מלוכע-מאַכט אין זייערע

אינטערעסן. די מילכאָמע האט ניט אויפגעהערט: פון אַ פארטיידיקונגס-מילכאָ-
מע איז זי פארוואנדלט געוואָרן אין אַ דעראָבערנדיקע. אינעווייניק אין לאַנד
פלעגן אויפלאקערן ראָיאַליסטישע אויפשטאנדן. וואַנדייע האָט ווידער אויפגע-
הויבן די קיניגלעכע פאָן. די יאַקאָבינער פון פאַריז האָבן געכאָלעמט וועגן
דער קאָנסטיטוציע פון 93=טן יאָר. באַ אָט די באדינגונגען האט זיך אויסגע-
בילדעט יענע וואַקלדיקע מלוכע-מאכט, וואס האט אין דער געשיכטע געקראָגן
דעם נאָמען „הוידע=סיסטעם": די מאכט האָט זיך געהוידעט צווישן די ראָיא-
ליסטן און דעמאָקראטיע. אַן אנטשיידנדיקע ראָלע האט איצטער געקראָגן די
אַרמיי, אירע פירער. צו זייער הילף פלעגט זיך שטענדיק ווענדן די דירעקטאָ=
ריע, ווען מע פלעגט דארפן דערשטיקן א ראָיאליסטישן צי א דעמאָקראטישן
אויפשטאנד. צום סאָף, דעם 18-טן בריומער 1799=טן יאָר האט דער גענעראל
נאפאָלעאָן באָנאפארט געמאכט אַ איבערקערעניש, קעדיי צו באשאפן א פעס=
טע בורזשואזע מאכט, וואס זאל גאראנטירן די דעראָבערונגען פון 89-טן יאָר
אנטקעגן דער ראָיאליסטישער און דעמאָקראטישער סאַקאָנע.

דער אויפשטאַנד פון באַבעפן.

איידער מיר וועלן פאַרענדיקן מיט דער גע-
שיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, וועלן
מיר זיך בעקיצער אָפּשטעלן אַף דער געשיכטע פון
איינעם א פּרואוו צו מאַכן אַ רעוואָלוציאָנער=דעמאָקראַטישע איבערקערעניש
אין פּאַריז אין מאי 1796 יאָר אונטער דער פירערשאַפט פון באַבעפן. אייגנט=
לעך איז די פּאַרשווערונג אויפגעדעקט געוואָרן איבער דער שולד פון אַ
פּראָוואָקאַטאָר נאָך איידער זי איז אויסגעפירט געוואָרן, אָבער די היסטאָרישע
ווערדע פון אָט דעם פּרואוו איז אַ געוואַלדיקע.

באַבעף — דער רעדאקטאָר פון דער צייטונג „פאָלקס-טריבון" האט אין
טורמע נאָך דעם 9=טן טערמידאָר איניינעם מיט נאָך עטלעכע אַנדערע יאַקאָ=
בינער (דאַרטע, בואָנאַראָטי) געמאַכט אַ פּלאַן ווי אַזוי אַראָפּצוואַרפן די די-
רעקטאָריע אין נאָמען פון דער קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר. דער לאָזונג
„ברויט און די קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר" איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן
די מאַסן פון דער הויפּט-שטאָט. דאָך האט באַבעפס דעמאָקראטישע פאַרשווע-
רונג אונטערגעשיידט זיך פון די אנדערע יאַקאָבינישע פּרואוון דערמיט, וואָס
דאָס איז געווען א פאַרשווערונג פון רעוואָלוציאָנערן=קאָמוניסטן. די אָנהענ-
גער פון באַבעפן (די „באַבואוויסטן") האבן פארשטאנען, אז „עס קען ניט גע-
מאָלט זיין קיין פרייהייט, קאָלזמאַן ס'איז ניטאָ קיין גלייכהייט, ד. ה. קאָל-
זמאַן ס'עקזיסטירט פריוואַט-אייגנטום". זיי האבן געשטרעבט באָטל צו מאַכן
עס. ווי אַזוי אָבער מאַכט מען אַ נייע רעוואָלוציע? באַבעף האט געשטרעבט
צו פארבינדן זיין אגיטאַציע מיט די באדערפענישן פון די מאַסן, און די רע-
וואָלוציע קעגן אייגנטום האט ער אָנגעהויבן ווי אַ קאַמף קעגן דער קאָנסטי=
טוציע פון 3=טן יאָר און דער רעגירונג פון דער דירעקטאָריע. ער האָט גע=
פאָדערט געזעצן קעגן ספעקולאַציע, אַ מאַקסימום הילף פאַר די אָרימעלייט
מיצאַד דער מלוכע. דער אויפשטאַנד האט געדארפט צוגעגרייט ווערן דורך

אַ געהיימער דירעקטאָריע, און ווען די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט וועט פאַרכאַפּן די מאַכט, וועט דאָס פאָלק, לויט דער אָנווייזונג פון דער געהיימער דירעקטאָריע, אויסקלייבן אַ נייעם קאָנווענט און וועט זיך נעמען באַטל צו מאַכן אייגנטום. דאָס איז געווען באַבעפס פּאָליטישע פּראָגראַם. אַפּן סאָציאַלן געביט זיינען די פּאָזיטיווע פאָדערונגען פאָרמולירט געוואָרן ניט אַזוי קלאָר. די באַבואוויסטן זיינען געווען קעגנער פון דעם אגראר=געזעץ. זיי האָבן געשטרעבט צו קאָלעקטיוון אייגנטום אַף ערד. „אַראָפּ דאָס פּריוואַט-אייגנטום אַף ערד", — שטייט אין דעם „מאַניפעסט פון די גלייכע", — „די ערד איז קיינעמס ניט" (ז. מאַט. און דאָק. נומר 14). באַבעף איז געווען קעגן יערושערעכט, ער האט געשטרעבט צו פאַרניכטן די גרויסע פאַרמעגנס און האָט געטאַינעט, אז איטלעכער דאַרף האָבן די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן. א מענטש דאַרף באַלוינט ווערן ניט לויט דער מאָס פון דעם, וואָס ער גיט דער געזעלשאַפט, וואָרום איינער איז שטאַרקער, דער אנדערער שוואַכער, נאָר לויט דער מאָס, וואָס עס איז נויטיק פאַר זיין עקזיסטענץ. דאָך איז אין דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם פון די באַבואוויסטן געווען גיט גענוג קלאָרקייט. אזוי לייענען מיר אין די פּראָקלאַמאַציעס זייערע צום פאָלק: „פאַרלייגן די רייכע, זיי זאָלן מיטן גוטן ווילן נאָכגעבן דער מעכטיקער פאָדערונג פון גערעכטיקייט... און גרויסמוטיק אָפּגעבן דעם פאָלק זייערע מויסרעס". זיי מיינען, אז „דער געזעצגעבער דאַרף זיך פירן אזוי, אז ער זאָל סאפּקאָלסאָף איבערצייגן דאָס גאנצע פאָלק אין דער נויטווענדיקייט באַטל צו מאַכן דאָס אייגנטום טאַקע צוליב דער טויווע און דעם נוצן פון דעם פאָלק גופע". אָט דאָס איז די נייע דאָקטרינע פון די רעוואָלוציאָנערן פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט (ז. מאַט. און דאָק. נומ' 15). באַבעפס אויפשטאַנד האט זיך ניט איינגעגעבן. באַבעפן און דארטע האט מען געקעפּט. זייער היסטאָרישע באַדייטונג אָבער איז א גוואַלדיקע. דורך באַבעפן פאַרבינדט זיך די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג פון אונזער צייט מיט דער עפּאָכע פון דער דיקטאַטור פון דעם קאָנווענט. צו דערזעלביקער צייט איז די אידעאָלאָגיע פון דעם באַבואוויזם אויך אין דעם געביט פון קאָמוניזם אַ שריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט די אידייען פון זשאַק רו, וואַרלע. באַבעף ווייסט, אז סאָציאַלע גלייכהייט פאַלט ניט צונויף מיט פאָרמעלער גלייכהייט לויטן געזעץ, און דערביי האַלט ער אויך, אז דאָס ערשטע קאָן דערגרייכט ווערן נאָר נאָך דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט. דער אויפשטאַנד פון באַבעפן האט זיך ניט איינגעגעבן, וואָרום דער פּראָלעטאַריאַט פון פראַנקרייך אין 96-טן יאָר איז נאָך ניט געווען קיין קלאַס אין דעם היינטיקן זינען פונם וואָרט, דאָך האט שוין באַבעפס אויפשטאַנד דערוויזן, אז ווייטער איז יעדער דעמאָקראַטישע באַוועגונג ענג פאַרבונדן מיטן סאָציאַלן קאַמף.

די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האט כאָרעוו געמאַכט די אַלטע אָרדענונג פון דעם פעאָדאַליזם, זיין סאָציאלע סיסטעם און מלוכע-אָרדענונג. זי האָט באַפרייט דעם פויער און זיין ערד און דערמיט גופע האט זי פריי געמאַכט די אַרבעט. די רעוואָלוציע האט געשאַפן ברייטע מעגלעכקייטן פאַר דער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל, פאר דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. אנשטאט דער שטאנדן-אָרדענונג איז געקומען אַן אויסער שטאַנדן-אָרדענונג. עס איז פאַרשוואונדן די אומגלייכהייט אַלפּי געזעץ, אָבער די עקאָנאָמישע אומגלייכהייט איז טיפער געוואָרן. די בורזשואזיע האט זיך געשטעלט באַ דער מאַכט. אַנטקעגן איר שטייט איצטער דער פּראָלעטאריאט, פונקט ווי פריער איז דער דריטער שטאַנד געשטאַנען אנטקעגן דעם אַדל. די פראנצויזישע רעוואָלוציע האט אָנגעמערקט די וועגן פון דער אַנטוויקלונג פון די אייראָפּעאישע מלוכעס. זי האט מיטגעהאָלפן דעם געבורט פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט אין אייראָפּע מיטן קויעך פון איר ביישפיל און מיטן געווער פון אירע אַרמייען. איניינעם דערמיט, פארשטאַרקנדיק די בורזשואזע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, האט די סאָציאַלע רעוואָלוציע פון דער בורזשואזיע אָנגעוויזן אויך די וועגן פאַר דעם ניצאָכן פון דעם פּראָלעטאריאַט: דורך דער דיקטאַטור פון דעם קלאַס צו דער סאָציאַלער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט.

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן

1. מאראט וועגן די אויפגאַבן פון דער רעוואלוציע.

„זאָלן באַקומען זייער באלוינונג אי די וואנזיניקייט פונם ראַט אין טיולערי, אי די פאַרעטערישע מאיסים פון דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און פונם שווייצארישן גענעראַל-שטאַב, די אומפעאיקייט און טעמפקייט פון לודאוויק קאפעטא, אי דער פאַראַט פון די זשאנדארמען, אי די מסירעסנעפעשדיקע העלדישקייט פונם פאָלק, אי די ראָלע פון די פעדעראַטן און די פאַריזער סאנקיולאטישע אפטיילן. דער ניצאָכן האָט געבראַכט די גערעכטע זאַך. ער האָט אראָפגעוואָרפן דעם דעספאָט מיט זיינע אָנהענגער, אַרויפגעיאָגט אַן איימע אַף דער אונטערגעפוילטער מערהייט פונם סענאַט *), געמאַכט אַ סאָף צו זיינע כוצפעדיקע אינטריגעס, צוגעגעבן אַנטשלאָסנקייט די פאַטריאָטישע דעפוטאַטן פון דער קאָמונע, סאַנקציאָנירט זייער מאַכט, פאַרניכטעט די מאַכט פונם דעפארטאמענט, טריבונאַלן און פרידנס-ריכטער, וואָס זיינען אויסגעלאַסן געוואָרן דורכן הויף, האט געמאַכט אַ טעל פונם גענעראַל-שטאַב פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, האט אָנגעיאגט אַ פאַכאַד אַף די סאָנים פון דער רעוואָלוציע, האט אומגעקערט די פרייהייט די בירגער און האָט גענעבן דעם פאָלק די מעגלעכקייט צו פארפעסטיקן זיין מאַכט דערמיט, וואָס ער האָט געצוואונגען צו פאַלן אונטער די קלעפ פון שווערט די יעניקע, וואָס האָבן געבוויט בייזע פלענער. אָבער די פרוכטן פון אָט דעם גלענצנדיקן ניצאָכן וואָלטן גיך פאַרלאָרן געגאנגען, ווען די פאַטריאָטישע דעפוטאַטן פון דער קאָמונע וואָלטן ניט געבליבן אַף זייערע ערטער, און ווען זיי וואָלטן ניט אַנטוויקלט זייער גאַנצע ענערגיע קאָלזמאַן די פרייהייט האָט זיך ניט באַפעסטיקט.

לודאוויק קאפעטא מיט זיין פאמיליע איז אַן אָרעווניק. מע זאָל ניט דערלויבן קיינעם פון זיינע קרעאטארן דערנעענטערן זיך צו אים. מע זאָל פון אים קיין אויג ניט אראפלאָזן—אָט וואס עס איז א ווירקלעך מיטל אף איבערצושניידן די פעדים פון אלע קאָנטר-רעוואלוציאָנערע פאַרשווערונגען.

דורך א דעקרעט זאָל מען דערקלערן א פרעמיע פאַר די קעפ פון אָלע אַנטלאָפענע קאַפעטאס, פאַרעטער און מוירדים. צוזאָגן 6 מיליאָן פאַר יעדן—וואָלט געווען דאָס זיכערסטע מיטל פאָטער ווערן פון זייערע פאַרשווערונגען, צווינגען די פיינטלעכע פאָלקן מיט זייער גאַנצן געווער און באגאזש צו מאַכן די פלייטע, ראַטעווען דאס נאַציאַנאלע פאַרמעגנס, מע זאָל עס ניט צעטראָגן, און אויסמיידן די בלוטפאַרגיסונג פון די פאַטריאָטן. עס איז ניטאָ קיין ווירק-

*) אונטער סענאַט ווערט דאָ פארשטאנען די געזעצגעבערשע פארזאמלונג.

זאמערער מיטל פון דעם, אויב איר ווילט געבן דער מלוכע פרייהייט, שׂאָלעם און גליק.

פֿאָדערט דאָסדאָזיקע מאָסמיטל, פריינט פונם פֿאָטערלאַנד, פֿאָדערט דאָס פֿאַר יעדן פרייז. און זייט זיכער, אז דאָס וועט ניט בלייבן אָן רעזולטאַטן, ווייל איצט גייען אונזערע פֿאָרשטייער, וואוהין מע שטופּט זיי. אָן אַנדער מאָסמיטל—א ניט ווייניקער דרינגענדיק,—דאָס איז דעקרעטירן צו עפענען די אַרסענאַלן, קעדיי טייקעף צו באַוואָפענען אַלע בירגער־פריינט פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז דעם קריגסמיניסטערס זאך צו פֿאָדערן דעם אַנטשפּרעכנדיקן דעקרעט. אינגיכן וועלן מיר זעען, צי איז ער א ווירקלעכער פּאַטריאָט: אין א כוידעש ארום דאַרף ניט זיין אין דער מלוכע קיין איין נאַציאָנאַל־גווארדייער, וואָס זאָל ניט זיין באַוואָפנט.

זאָל די קאָמונע באַוואָפענען אַלע גוטע בירגער פון דער הויפּטשטאָט און זאָל זיי צווינגען צו לערנען זיך געברויכן געווער. פּאַריז דאַרף געבראַכט ווערן אין א צושטאַנד פון זיין גרייט אָפּצושלאָגן אַלע קלעפּ פון די שוין אַנטמוטיקטע סאָנים, אויב זיי וועלן ווערן אַזוי דרייסט, אז זיי וועלן א לאָז טאָן אין וועג די רעשטן פון זייערע קרעפטן.

די קאָמונע דאַרף אויך איילק אָרגאַניזירן א לאַגער בא די טויערן פון פּאַריז און צווינגען צו פֿאַרנעמען וואָס גיכער אַלע ארומיקע הויכע פּונקטן—א מאָסמיטל, וואָס איך האָב פֿאָרגעלייגט מיט א יאָר צוריק.

די קאָמונע דאַרף גיכער מאַכן דעם געריכט איבער די פֿאַרעטער, אַרעסטאַנטן, וואָס געפינען זיך אין דער אַבאַטשאַפּט און פֿאַרהיטן, מע זאָל ניט ארויסרייסן פון אונטערן שווערט פון דער גערעכטיקייט דעם גענעראַל־שטאַב פון דער שווייצארישער גוואַרדיע אונטערן אויסרייד, אז מע האָט מוירע צו צעקריגן זיך מיט די 13 שווייצארישע קאַנטאָנען, אויב מע וועט זיי אָפּזאָגן אומצוקערן די געפאַנגענע.

די קאָמונע דאַרף ניט דערלאָזן, אז דער דעקרעט, וואָס שטעלט איין דאָס פֿאַרקויפן די מאַיאָנטקעס פון די עמיגראַנטן, זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין א ביטערן כויזעק. זי דאַרף צווינגען איילק צו פֿאַרקויפן די גיטער, וואָס געפינען זיך אין דער הויפּטשטאָט, צווישן זיי דעם פּאַלאַץ פון די בורבאָנער און אַלע פּאַלאַצלעך, וואָס זיי האָבן אין פּאַריז. מע דאַרף באַשטיין אף דעם, אז דער לוקסעמבורגער פּאַלאַץ זאָל אריבערגיין אינם רעשוס פון דער נאַציע און פֿאָדערן א העלפט האַכנאָסע פון דידאָזיקע גיטער מיטן צוועק צו צעטיילן דאָס געלט צווישן די אָרימע לייט פון דער הויפּטשטאָט, וועלכע האָבן זיך גוואַלדיק אויסגעצייכנט באַם נעמען דעם שלאָס טיולערי (דעם 10 אווגוסט), און אף אזא אויפן פֿאַרפעסטיקן דעם ניצאָכן פונם פֿאָטערלאַנד.

זאָל יעדער גוטער בירגער פירן אָן אַגיטאַציע צווישן דעם ליניאישן מיליטער פֿאַר פֿאָדערן דאָס רעכט אויסצוקלייבן אָפיצערן,—דאָס רעכט, וואָס מע האָט אקאָרשט געגעבן דער נאַציאָנאַלער זשאַנדאַרמעריע. איך פון מיין זייט שטעל ווידער ארויס דעמדאָזיקן לאָזונג.

די זאַך פון דער פּאַריזער קאָמונע איז צו וואַרפן ליכט אויף דערנע-רונגס-אנשטאַלט, אָנעמען מאָסמיטלען אַף צו באַזאָרגן מיט גענוג עסנוואַרג די הויפּטשטאָט און דערקלערן א מילכאָמע די געוויסנלאָזע ספּעקולאַנטן...

די היימאָט איז אקאַרשט אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פונם אָפּגרונט דורך פאַרגיסן דאָס בלוט פון די סאָנים פון דער רעוואָלוציע — א מיטל, וואָס איך האָב ניט אויפגעהערט צו רעקאָמענדירן, אלס דאָס איינציק ווירקזאַמע. אויב דער שווערט פון דער גערעכטיקייט וועט ענדלעך דער-לאַנגען א טויט-קלאַפּ די אינטריגאַנער און פאַררעטער, וועט מען מיר קיינמאָל מער ניט הערן ריידן וועגן עפנטלעכע קעפּונגען, וועגן אָט דעם אכזאַרישן מיטל, וועלכן נאָר דאָס נויטיקייט-געזעץ קאָן אליין דיקטירן דעם פאָלק, וואָס איז געבראַכט געוואָרן צו פאַרצווייפלונג און וועל-כער האָט שטענדיק א באַרעכטיקונג אין דער בעקיוונדי-קער אומטעטיקייט פון די געזעצן.

אין דער פּראַקטיק האָבן שוין די קאָמיסאַרן פון דער קאָמונע איינגע-פירט אסאַך פון יענע מאָסמיטלען, וועלכע איך האָב רעקאָמענדירט, אלס די נויטיקע מיטלען פאַר דער פרייהייט (דאָס פאַרהאַלטן אַלס אָרעווניקעס די קאַ-פּעטאַ-פאַמיליע, דאָס פאַרווערן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פּרעסע, די אַכזאָ-ריעסדיקע פאַרפאָלגונג פון די געזעלשאַפטלעכע סאָנים, די פּראָסקריפּציע קעגן די ספּעקולאַנטן און געלט-הענדלער) און האָבן זיך פאַררעקאָמענדירט אויך מיט אנדערע אויסגעצייכנטע שטריכן פון בירגערשאַפט. זיי אַרבעטן אויס-געצייכנט. אויב זיי וועלן אַרויסווייזן דיזעלבע ענערגיע, קאָלזמאַן דער נאַציאָנאַלער קאָנווענט וועט ניט ענדערן די קאָנסטיטוציע, אויב אַלע מיניסטאָרן וועלן זיך אויפירן ווי פּאַטריאָטן און דאָס פאָלק וועט אַף זיי שטרענג אכ-טונג געבן, — וועל איך האַלטן די געזעלשאַפטלעכע רע-טונג פאַר געזיכערט, וועל איך שלאָפן רואיק און וועל נעמען די פּען בלויז אַף צו פאַרנעמען זיך מיט איבער-אַרבעטן די קאָנסטיטוציע.

סאָפּקאָלסאָף לאָמיר מוידע האָבן איינצושלאָפן, לאָמיר געדענקען, אז די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן זאַמלען צונויף זייערע קרעפטן. לאָמיר שטיין אַף דער וואַך, זאָל ניט אמאָל מאָטיע (לאַפּאיעט) א לאָזטאָן זיין אַרמיי קעגן אונז. לאָ-מיר זיך היטן, עס זאָלן ניט אַמאָל אַלע דייטשישע און שווייצאַרישע ראַיאַלי-סטישע פאָלקן קומען אונז בלאָקירן. טייקעף וואָלט די פּאַריזער נאַציאָנאַלע גוואַרדיע געדאַרפט פאַרנעמען די הויכע פּונקטן, וואָס דאָמינירן איבער דער שטאָט! די מוניציפּאַליטעטן פונם לאַנד וואָלטן באַדאַרפט באַקומען א באַפעל צו שיקן קורירן מיט א מיטיילונג וועגן אַלע איבערגרופּירונגען פונם מילי-טער, וואָס קאָן זיך אמאָל לאָזן צו דער הויפּטשטאָט. עס איז שוין צייט אָפּ-נעמען די פּולמאַכטן בא דער גאַנצער אדמיניסטראַציע, — בא אַט דער הויפּישער זוינע-זעקס מיניסטאָרן וואָלטן זיך שוין געדאַרפט געפינען אין קייטן. עס איז שוין

צייט צו ארעסטירן אויך די קאָנטר־רעוואלוציאָנערע מיטגלידער פון דער פאר־זאמלונג: אָט די לאמעטן, דיומא, וואָבלאן, פאסטארע, דיובאע וואלטן טייקעף געדארפט ארעסטירט ווערן. לאָמיר האָפן, אז אונזערע פאריזער קאָמיסארן וועלן ניט אנמשלאָפן ווערן״...

(„פאלקספריינט״, 16 אווגוסט 1792 יאר).

---

2. א. דעקרעט פון 19 נאיאבר 1792 יאר.

„דער נאַציאָנאַלער קאנווענט מעלדעט, אַז ער וועט געבן אַ ברידערלעכע הילף אַלע פעלקער, וועלכע וועלן ווינשן אומקערן זיך די פרייהייט, און איז מעכאיעוו די עקזעקוטיווע מאַכט אָפצוגעבן אַ באפעל די קאמאנדירן פון די פראַנצויזישע אַרמייען, זיי זאָלן קומען צוהילף די בירגער, וואָס וואָלטן גע־האט אויסצושטיין נעגישעס פאר דער פרייהייטס-זאַך.

דער נאַציאָנאלער קאנווענט באפעלט די קאמאנדירן פון די פראנצויזישע אַרמייען אפצודרוקן און פארעפנטלעכן דעמדאָזיקן דעקרעט אין אַלע ערטער, וואוהין זיי וועלן ברענגען דאָס געווער פון דער רעפובליק״.

ב. דעקרעט פון 16 דעקאבר 1792 יאָר.

„ארט. I. אין די לענדער, וואָס זיינען שוין פארנומען אדער וועלן פאר־נומען ווערן דורכן מיליטער פון דער פראנצויזישער רעפובליק, פראקלאמירן טייקעף די גענעראַלן אינם נאָמען פונם פראנצויזישן פאָלק די אפשאפונג פון די עקזיסטירנדיקע שטייערן, מאיסער, פעאדאלע רעכט, די שטענדיקע, איינ־צייטיקע, רעאַלע און פערזענלעכע פליכטן, די אויסשליסלעכע רעכט פונם אדל אף געיעג און ביכלאַל אַלע פריווילעגיעס. זיי מעלדן דעם פאָלק, אז זיי ברענ־גען אים שאָלעם, הילף, ברידערלעכקייט און גלייכהייט.

II. זיי פראָקלאמירן די סואווערעניטעט פונם פאָלק און די אראָפ־וואַרפונג פון אַלע עקזיסטירנדיקע מאַכט-אָרגאַנען. נאָכדעם וועלן זיי צונויפרופן דאָס פאָלק אין די ערשט-שטאָפלדיקע אדער געמיינדע־פאַרזאַמלונגען, קעדיי צו שאַפן און אָרגאַניזירן די צייטווייליקע פאַרוואלטונג. זיי פארעפנטלעכן און פארשפרייטן א פראקלאמאציע, וואָס איז אָנגעשריבן אף דער שפראך אדער דיאַלעקט פונם געגעבענעם לאנד און וואָס איז בייגעלייגט צום דאָזיקן דעקרעט.

III. אַלע אנגעשטעלטע און באאמטע פון דער פריערדיקער רעגירונג, און אויך די פערזאָנען פון די געוועזענע נאבעלע שטאנדן אדער די מיטגלי־דער פון וועלכע ניט איז געוועזענע פריווילעגירטע קארפאראציעס, ווערן ניט צוגעלאָזט,—אבער בלויז בא די ערשטע וואלן,—אף די ערטער פון די צייט־ווייליקע אדמיניסטראַטיווע אָדער געריכטלעכע אָרגאַנען.

IV. נאכדעם דערקלערן די גענעראלן, אז אַלע באוועגלעכע און אומ־

באוועגלעכע גיטער, וואָס האָבן געהערט דער מלוכע, דעם קייסער, זיינע מיטהעלפער, אָנהענגער און פּריווילִיקע גאַכפּאַלגער, געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, וועלטלעכע און רעליגיעזע קאָרפּאָראַציעס און געזעלשאַפטן,—געפינען זיך אונטער דער שמירע און שוץ פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק. זיי דאַרפן זעען טייקעף צונויפשטעלן גענויע רעשימעס, אפשיקן זיי דעם עקזעקוטיוון ראַט און אָנעמען אַלע מאָסמיטלען, וואָס זיינען פאַר זיי צוטרעטלעך אַף אָפּצוהיטן דידאָזיקע גיטער.

V. אַף דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונג, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעוויילט, ווערט ארויפגעלייגט די היסכאַיוועס צו פאַרוואַלטן מיט די גיטער, וואָס געפינען זיך אונטער דער שמירע און שוץ פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, זי דאַרף אויך האָבן א האַשגאָכע איבער זיי. זי דאַרף זיך זאָרגן וועגן אויספּילן דאָס געזעץ, וואָס איז נויגייע די געריכט-פירונג פון די בירגערלעכע און קרימינעלע איניאָנים, הילף און די געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט. זי איז מעכויעוו איינצושטעלן די אָרטיקע האַכנאָסעס און די הויצאָעס, וואָס זיינען נויטיק פאַרן געזעלשאַפטלעכן שוץ און זאָרגן וועגן דעקן דידאָזיקע הויצאָעס. זי קען איינפירן שטייערן, ביטנאַי אַבער, אז זיי זאָלן ניט פאַלן צו לאַסט אַף די אומפאַרמעגלעכע און דעם אַרבעטנדיקן טייל פונם פאָלק.

VI. ווען די צייטווייליקע פאַרוואַלטונג וועט אָרגאַניזירט ווערן, וועט דער נאַציאָנאַלער קאָנוועגט באַשטימען פון זיין באַשטאַנד קאָמיסאַרן, קעדיי אַזוי אַרום מיט זיי ברידערלעך זיך צו פאַרבינדן.

VII. דער אויספיר-ראַט וועט אויך באַשטימען נאַציאָנאַלע קאָמיסאַרן, וואָס וועלן טייקעף זיך לאָזן אַף די ערטער קעדיי צו קומען צו אַן איינפאַרשטייעניש מיט דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונג, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעוויילט, מיקויעף די מאָסמיטלען, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער געזעלשאַפטלעכער פאַרטיידיקונג און אַף צו באַזאָרגן דאָס מיליטער פון דער רעפּובליק מיט אוניפאַרמירונג און דערנערונג, און אַף צו דעקן די הויצאָעס, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אָדער וואָס וועלן אַרויסגערופן ווערן פון דעם, וואָס דאָס מיליטער געפינט זיך אַף דער געגעבענער טעריטאָריע.

VIII. די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַרן, וואָס זיינען באַשטימט דורך דער צייטווייליקער עקזעקוטיווער מאַכט, וועלן איר צושטעלן יעדע צוויי וואָכן א באַריכט וועגן זייערע מאַיסים צוזאַמען מיט זייערע באַמערקונגען. נאָכדעם, ווי דער עקזעקוטיווער ראַט וועט זיי באַוויליקן אָדער אָפּוואַרפן, וועט אָפּגעגעבן ווערן א באַריכט דעם קאָנוועגט.

IX. די צייטווייליקע פאַרוואַלטונג, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעוויילט, און די פונקציעס פון די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַרן ווערן אויפגעהערט טייקעף, ווי נאָר די איינוואוינער וועלן, נאָכן פּראָקלאַמירן די סואווערעניטעט פונם פאָלק, די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, אָרגאַניזירן אַ פרייע און פאָלקסטימלעכע פאַרוואַלטונגס-פאָרם".

קאמבאן לייענט די פראָקלאַמאַציע צו די באפרייטע פעלקער, וועלכע עס דארפן פארעפנטלעכן די פראנצויזישע גענעראַלן.

דער קאנווענט באוויליקט זי; אָט איז זי:

דאָס פראנצויזישע פאָלק צום פאָלק...

„ברידער און פריינט, מיר האָבן דעראָבערט די פרייהייט און מיר וועלן זי איינהאלטן: דערין איז אונזער ארוועס אונזער אכדעס און אונזער מאַכט. מיר לייגן אייך פאָר צו טיילן מיט אונז די געניסן פון אָט דעם אומשאצבארן אויצער, וואָס איז מיקאדמוינים געווען אויך אייערער און וואָס אייערע אונ-טערדריקער האָבן באַ אייך געקאנט אפנעמען נאָר אף אַ פארברעכערשן אויפן. מיר זיינען געקומען, קעדיי ארויסצוטרייבן אייערע טיראַנען. זיי זיינען אנט-לאָפן. באוויזט, אז איר זייט ווערט די פרייהייט, און מיר וועלן אייך אָפּהיטן פון זייער אומקערן זיך, פון זייער נעקאָמע און בייזע פלענער.

פונם איצטיקן מאָמענט פראקלאמירט די פראנצויזישע רעפובליק פאר ארָאָפּגעוואָרפן אַלע אייערע ציווילע און מיליטערישע באאמטע, אלע מאכט-אָרגאנען, וואָס פארוואלטן איבער אייך. זי דערקלערט פאר אָפּגעשאַפט אין אייער לאנד אלע שטייערן, וואָס באלעסטיקן אייך אונטער וואָס פאַר א פאָרם זיי זאָלן ניט האָבן עקזיסטירט—פון פעאדאַלע רעכט, שטייערן אף זאלץ, וועג-שטייערן אף עסנווארג, אף ארייַנצופאָרן און ארויסצופאָרן, מאיסער, אויס-שליסלעכע רעכט אף געיעג און פישפאנג, פראָנארבעט, אדל און ביכלאל אלע צינזן און קאָלערליי פליכטן, וואָס עס האָבן אף אייך ארויפגעלייגט אייערע אונטערדריקער.

„זי פארניכטעט אויך אלע אדלשע, גאלאכימשע און אנדערע קאָרפּאָראַ-ציעס, אַלע בכוירעס און פריווילעגיעס, וואָס זיינען לעהייפעך צו גלייכהייט. פון דער איצטיקער מינוט, ברידער און פריינט, זייט איר אלע בירגער, אַלע גלייכע אין די רעכט, אַלע גלייך בארופן צו באשיצן אייער היימאט, פאר-וואלטן מיט איר און דינען איר.

„שטעלט צונויף טייקעף געמיינדע-פאַרזאַמלונגען. איילט זיך צו ארגא-ניזירן אלע צייטווייליקע פארוואלטונגען. די קאמיסאַרן פון דער פראַנצויזישער רעפובליק וועלן קומען צו אן איינפארשטייעניש מיט זיי, קעדיי צו זיכערן אייער וואוילזיין און ברידערלעכקייט, וואָס דאַרף פון איצט אָן הערשן צווישן אייך”.

3. די זשיראָנדיסטן און יאַקאָבינער.

די דאָקטרינע פון ראָבעספּיער און פון די יאַקאָבינער.

דער צוועק פון יעדער פּאָליטישער אַסאָציאַציע איז אונטערצושטיצן די נאַטירלעכע און אומאָפּנעמבאַרע רעכט פונם מענטשן און די אַנטוויקלונג פון אַלע זיינע פעאיקייטן.

די הויפּט-רעכט פונם מענטשן זיינען: דאָס רעכט צו זאָרגן וועגן דער אויפהאַלטונג פון דער אייגענער עקזיסטענץ און דאָס רעכט אַף פרייהייט.

דידאָזיקע רעכט געהערן אַלע מענטשן גלייך, וואָס פאַר אַן אונטערשייד עס זאָל ניט זיין אין זייערע פיזישע און מאָראַלישע קרעפטן.

די גלייכהייט פון די רעכט איז איינגעשטעלט דורך דער נאַטור: די געזעלשאַפט איז ניט נאָר זי צעשטערט זי ניט, נאָר זי גאַראַנטירט איר קעגן דעם קויעך, וואָס פאַרוואַנדלט זי אין אַ אילוזיע.

די פרייהייט—דאָס איז די איינגעבוירענע מאַכט אינם מענטשן אַרויסצוברענגען זיינע פעאיקייטן לויט זיין אייגענעם איינזעען. אַלס איר וועגווייזער דינט די גערעכטיקייט. אַלס די גרעניצן דינען די רעכט פון אַנ-

די דאָקטרינע פון קאָנדאָרסיע און פון די זשיראָנדיסטן.

אַזוי ווי דער צוועק פון יעדער פאַרייניקונג פון די מענטשן אין אַ געזעלשאַפט איז אונטערצושטיצן זייערע נאַטירלעכע, בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט, דאַרפן דידאָזיקע רעכט זיין דער יעסאָד פונם געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך: זייער אָנערקענונג און פּראָקלאַמירונג דאַרף קומען פריער פון דער קאָנסטיטוציע, וועלכע דינט פאַר זיי אַלס אַ זיכערונג.

די נאַטירלעכע, בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט פון די מענטשן זיינען: פרייהייט, גלייכהייט, אומבאַרירלעכקייט, אייגנטום, סאָציאַלע גאַראַנטיע און דאָס ווידערשטעלן זיך דער אונטערדריקונג.

די גלייכהייט באַשטייט אין דעם, אַז יעדערער זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט גלייכע רעכט.

די פרייהייט באַשטייט אין דער מעגלעכקייט צו טאָן אַלץ, וואָס איז ניט קעגן די רעכט פון אַנדערע. אַזוי דינען אַלס גרעניצן באַם פאַרווירקלעכן מיצאַד יעדן מענטשן זיינע נאַטירלעכע רעכט בלויז יענע גרעניצן, וועלכע זיכערן פאַר

די דאָקטרינע פון ראָבעספיער און פון די יאַ־קאָבינער.

דערע, און אַלס שוץ — דאָס געזעץ.

אייגנטום איז דאָס רעכט, וואָס געהערט יעדן בירגער צו באַנוצן זיך און שאַפן מיטן טייל פאַרמעגנס, וואָס איז אים געזיכערט.

דאָס אייגנטום־רעכט איז, פונקט ווי אַלע אַנדערע רעכט, באַגרעניצט מיט דער פליכט צו אַכטן יענעמס רעכט.

דאָסדאָזיקע רעכט קאָן ניט דינען אַף צו שאַדן ניט דער אומבאַרירלעכ־קייט, ניט דער פרייהייט, ניט דער עק־זיסטענץ, ניט דעם אייגנטום פון די, וואָס זיינען ענלעך צו אונז.

יעדער באַזיץ, יעדער אָפּמאַך, וואָס זיינען איוועער דעמדאָזיקן פרינציפּ, זיינען אומגעזעצלעך און אומאָראַליש.

די געזעלשאַפט דאַרף זאָרגן וועגן דערנערונג פאַר אַלע אירע מיטגלידער, געבנדיק זיי אַרבעט, אָדער זיכערן עק־זיסטענץ־מיטלען פאַר די יעניקע, וואָס זיינען ניט בעקויעך צו אַרבעטן.

געבן די נויטיקע הילף די אומפאַר־

די דאָקטרינע פון קאָנדאָרסיע און פון די זשי־ראָנדיכטן.

די איבעריקע מיטגלידער פון דער גע־זעלשאַפט דאָס באַנוצן זיך מיט דיזעלבע רעכט.

דאָס אייגנטום־רעכט באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער מענטש איז פריי צו טאָן, וואָס ער וויל מיט זיין פאַמעגן, מיט זיינע קאַפּיטאַלן און מיט די פראָ־דוקטן פון זיין אַרבעט.

דעם מענטשן קאָן מען ניט פאַר־ווערן קיין שום מין אַרבעט, האַנדל און קולטור. ער מעג אויסאַרבעטן, פאַר־קויפן און פאַנאַנדערפירן די זאַכן פון יעדער מין פראָדוקציע.

יעדער מענטש מעג פאַרדינגען זיין אַרבעט, זיין צייט, אָבער ער קאָן ניט פאַרקויפן זיך אַליין; זיין פערזענלעכקייט איז ניט קיין אָפּנעמבאַר אייגנטום.

בא קיינעם קאָן מען ניט אָפּנעמען דעם קלענסטן טייל פון זיין אייגנטום אָן זיין האַסקאָמע, אויב נאָר עס איז ניט אויגנשיינלעך, אַז דאָס פאָדערט די גע־זעלשאַפטלעכע נויטיקייט. אָבער אַפילע אינם דאָזיקן פאַל קאָן מען אָפּנעמען ביטנאַי, אַז מע זאָל אַף אַ יוישערדיקן אויפן אָפריער קאָמפּענסירן.

די געזעלשאַפטלעכע הילף איז דער

די דאָקטרינע פון ראָבעספּיער און פון די יאַקאָבינער.

מעגלעכע איז דער הייליקער כויוו פונם גוויר בענויגייע צום אָרימאַן. דאָס באַשטימען דעם אויפן, ווי אזוי דערדאָזיער כויוו דאַרף אויסגעפילט ווערן, געהערט דעם געזעץ.

די בירגער, וואָס זייערע האַכנאָסעס שטייגן ניט איבער די סומע, וועלכע איז נויטיק פאַר זייער כאַיונע, ווערן באַפרייט פון צאָלונגען אַף די קאַהאַלשע הויצאָעס. די איבעריקע דאַרפן מאַכן דידאָזיקע צאָלונגען אַף אַ פּראָגרעסיוון אויפן, בעהעסקעם מיט דער גרויס פון זייערע פאַרמעגנס.

די געזעלשאַפט דאַרף מיט אַלע קויכעס אירע מיטהעלפן די ערפאָלגן פונם געזעלשאַפטלעכן פאַרנונפט און מאַכן די בילדונג צוגענגלעך פאַר אַלע בירגער.

אַלע בירגער דאַרפן צוגעלאָזט ווערן צו פאַרנעמען יעדע געזעלשאַפטלעכע שטעלע, אָן שום אַנדער אונטערשייד, אַכוץ דעם אונטערשייד פון די גוטע מידעס און פעאיקייטן, און אָן שום אַנדערע רעכט, אַכוץ דעם פאָלקס-צוטרוי.

דאָס פאָלק איז דער העכסטער רעגירער: די רעגירונג איז זיין שאַפונג און זיין אייגנטום, די געזעלשאַפטלעכע אַמט-פערזאָנען—זיינע אָנגעשטעלטע.

קעדיי דידאָזיקע רעכט זאָלן ניט זיין קיין קלוימערשטיקע, און די גלייכהייט קיין כימערישע, דאַרף די געזעלשאַפט זיכערן די געזעלשאַפטלעכע אַמט-פערזאָנען מיט געהאַלט און איינאָרדענונגען אַזוי, אַז די בירגער, וואָס לעבן פון זייער אַרבעט, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט בייצוזיין אַף די געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואָס צו

די דאָקטרינע פון קאָנדאָרסיע און פון די זשיראָנדיסטן.

הייליקער כויוו פון דער געזעלשאַפט, די גרויס פון דער הילף און איר אָנווענדונג דאַרף דאָס געזעץ באַשטימען.

עס קאָן ניט איינגעשטעלט ווערן קיין איין שטייער, סאַידן מיטן צוועק פון טויווּעס האַקלאַל און אַף צו דעקן די געזעלשאַפטלעכע נויטן. אַלע בירגער האָבן רעכט מיטצואווירקן, פערזענלעך אָדער דורך זייערע פאָרשטייער, אַז עס זאָלן איינגעשטעלט ווערן געזעלשאַפטלעכע שטייערן.

בילדונג איז אַלעמענס באַדערפעניש און די געזעלשאַפט איז מעכוייעוו צו געבן זי אַלע אירע מיטגלידער.

אַלע בירגער דאַרפן צוגעלאָזט ווערן צו פאַרנעמען יעדע געזעלשאַפטלעכע שטעלע, באַשעפטיקונג אָדער אַמט. פרייע פעלקער קאָנען ניט אַנערקענען קיין אַנדערע סיבעס אַף אָפּצוגעבן די בכוירע אַכוץ די פעאיקייטן און די גוטע מידעס.

אַלס גאַראַנטיע פון דידאָזיקע רעכט דינט די אויבערמאַכט פון דער נאַציע.

די דאָקטרינע פון ראָבעספיער און פון די יאַקאָבינער.

באַטייליקן זיך אין זיי רופט זיי דאָס געזעץ, אַזוי אַז דערפון זאָלן ניט ליידן ניט זייער אייגענע עקזיסטענץ און ניט די עקזיסטענץ פון זייערע פאַמיליעס.

דאָס פאָלק קאָן בייטן זיין רעגירונג, ווען אים ווילט זיך, און אָפרופן זיינע באַפולמעכטיקטע.

דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך דער אונטערדריקונג איז אַ פויעל-יויצע פון אַלע אַנדערע רעכט פונם מענטשן און בירגער.

ווען אַפילע בלויז איין מיטגליד פון דער געזעלשאַפט האָט אויסצושטיין אונטערדריקונג, איז דאָס אַן אונטערדריקונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט איינגאַנצן גענומען.

ווען די געזעלשאַפט איינגאַנצן גענומען ווערט אונטערדריקט, איז דאָס אַן אונטערדריקונג פון יעדן מיטגליד אירן.

ווען די רעגירונג איז אויוועער די רעכט פונם פאָלק, איז דער הייליקסטער כוויוו — דאָס אויפשטיין פונם גאַנצן פאָלק און פון יעדן טייל זיינעם.

ווען דעם בירגער ווערט ניט געגעבן קיין סאָציאַלע גאַראַנטיע, האָט ער דאָס נאַטירלעכע רעכט אַליין צו באַשיצן אַלע זיינע רעכט.

די דאָקטרינע פון קאָנדאָרסיע און פון די זשיראָנדיסטן.

דאָס פאָלק האט שטענדיק רעכט איבערצוגעבן, איבערבויען און ענדערן זיין קאָנסטיטוציע. איין דאָר קאָן ניט פאַרקנעכטן די קינפטיקע דוירעס און יעדער מין יאַרשענען אַמטן איז אומגעלומפערט און טיראַניש.

אונטערדריקונג הייסט דאָס, ווען עס ווערן פאַרגוואַלטיקט די נאַטירלעכע, בירגערלעכע און פאָליטישע רעכט, וועלכע וועלן דאַרפן גאַראַנטירט ווערן דורכן געזעץ.

אונטערדריקונג הייסט דאָס, ווען די געזעלשאַפטלעכע אַמט-פערזאָנען זיינען אויוועער דאָס געזעץ באַם אָנווענדן אים צו אינדיווידועלע פאַקטן.

אונטערדריקונג הייסט דאָס, ווען מע איז אויוועער מיט ווילקירלעכע מאַיסים די רעכט פון די בירגער לעהייפעך צום זין פונם געזעץ.

קיין סאָציאַלע גאַראַנטיע קאָן ניט עקזיסטירן דאָרט, וואו עס זיינען ניט באַשטימט קלאָר די גרעניצן פון די געזעלשאַפטלעכע אַמטן, אָדער וואו עס איז ניט געזיכערט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַלע געזעלשאַפטלעכע

די דאָקטרינע פון ראָבעספּיער און פון די יאַקאָבינער.

אין דעם און אין יענעם פאַל איז די אונטערוואַרפונג אונטער לעגאַלע פאָרמען דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך דער אונטערדריקונג — א ביזן העכסטן גראַד ראַפינערטער מין טיראַניע.

יעדע אינסטיטוציע, וואָס האַלט ניט, אַז דאָס פאָלק איז גוט און די אַמט-פּערזאָן קאָן זיין אַ פאַרקויפטע, טויג ניט.

די מענטשן פון אַלע לענדער זיינען ברידער, און די פאַרשיידענע פעלקער דאַרפן, לויט זייערע קרעפטן, העלפן איינס דעם אַנדערן, ווי בירגער פון איין און דערזעלבער מלוכע.

דער, וואָס אונטערדריקט איין נאַציע, דערקלערט ער זיך מיט דעם גופא אַלס סוינע פון אַלע נאַציעס.

די מענטשן, וואָס פירן מיט וועלכן ניט איז פאָלק אַ מילכאָמע, קעדיי צו פאַרהאַלטן די ערפאָלגן פון דער פרייהייט און מעוואַטל מאַכן די רעכט פונם מענטשן, דאַרפן ווערן דורך אַלעמען פאַרפאָלגט, ניט אַלס געוויינלעכע סאָנים, נאָר אַלס מערדער און מוירדישע ראָצכים.

די קייסאָרים, אַריסטאָקראַטן און טיראַנען, וואָסערע זיי זאָלן ניט זיין, זיינען קנעכט, וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דעם העכסטן מוישל פון דער ערד — דעם מענטשלעכן מין, און קעגן דעם געזעצגעבער פון אוניווערסום — דער נאַטור.

די דאָקטרינע פון קאָנדאָרסיע און פון די זשיראָנדיסטן.

אַמט-פּערזאָנען.

אַלע בירגער זיינען מעכויעוו מיטצואווירקן דערדאָזיקער גאַראַנטיע און אונטערשטיצן די קראַפט פונם געזעץ, ווען זיי ווערן דערצו גערופן אין זיין נאָמען.

די מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט אין אַ געזעלשאַפט, דאַרפן האָבן לעגאַלע מיטלען דערצו, קעדיי אַרויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד דער אונטערדריקונג.

4. וועגן די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן רעגירן.

(פאָרטראָג פון מ. ראָבעספּיער דעם 25/XII 1793 יאָר)

„די טעאָריע פון רעוואָלוציאָנערן רעגירן איז פּונקט אַזוי ניי, ווי די רעוואָלוציע, וואָס האָט זי באַשאַפן. זוכן דידאָזיקע טעאָריע דאַרף מען ניט אין די ביכער פון פּאָליטישע שרייבערס, וואָס האָבן אַזאַ מין רעוואָלוציע ניט פאָרויסגעזען, און ניט אין די געזעצן פון טיראַנען: זיי שטרעבן צו מיסברויכן מיט זייער מאַכט און זאָרגן ווייניק וועגן באַרעכטיקן זי. עס איז נויטיק צו דערקלערן דידאָזיקע טעאָריע און ארומזאַמלען ארום די פּרינציפּן פון טויוועס האַקלאַל אלע גוטע בירגער...

די אויפגאבן פון קאָנסטיטוציאָנעלן רעגירן — איז צו ווענדן דאָס לעבן פון דער רעפּובליק, די אויפגאַבן פון רעוואָלוציאָנערן רעגירן — איז צו באַשאַפן עס. רעוואָלוציע — דאָס איז די מילכאָמע פון דער פרייהייט קעגן אירע סאָנים; קאָנסטיטוציע — דאָס איז דער רעזשים פון דער טריאומפירנדיקער און זיכערער פרייהייט.

אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג מוז זיין העכסט אַקטיוו, טאָקע דערפאַר, וואָס זי איז אַ רעגירונג פון קריג. די קלאָלים, וואָס זי איז אונטערגעוואָרפן, זיינען ניט אזוי באַשטימט און ניט אזוי שטרענג, מאַכמעס די אומשטאנדן, אין וואָסערע זי געפינט זיך, זיינען העכסט שטורמיש, פאַרענדערלעך, און דער איקער דערפאַר, וואָס זי איז געצוואונגען אָנצואווענדן קעסיידער נייע און שנעלע מיטלען אַנטקעגן די אַלץ נייע און נייע סאַקאָנעס.

א קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג דארף זאָרגן דערהויפּט וועגן דער פרייהייט פון דעם יאָכיד, די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג — וועגן דער פרייהייט פון דעם קלאַל. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פאַרטיידיקט די גוטע בירגער, זי ווייס נאָר פון איין שטראָף — טויט פאר די סאָנים פון פאָלק.

אָט די באַמערקונגען זיינען גענוג, קעדיי צו דערקלערן די אָפּשטאַמונג און די נאטור פון די געזעצן, וואָס מיר רופן רעוואָלוציאָנערע.

די, וואָס רופן דידאָזיקע געזעצן טיראַנישע — זיינען נאַרישע סאָפיסטן אָדער פאַרדאָרבענע מענטשן, וואָס ווילן צעמישן די באַגריפן: זיי ווילן פאַרייניקן צוזאַמען פרידן און קריג, געזונט און קראַנקהייט. סאָפקאָלסאָף ווילן זיי נאָר די ווידעראויפלעבונג פון דער טיראַניע און דעם טויט פון דעם פאָטערלאַנד. ווען זיי רופן אויסצופילן בוכשטעבלעך די קאָנסטיטוציאָנעלע קלאָלים, טוען זיי עס ניט אַנדערש, ווי מיטן צוועק אומבאַשטראָפטערהייט צו פאַרמעסטן זיך אף דער קאָנסטיטוציע און דערשטיקן די רעפּובליק אין איר וויגעלע...

די שיף פון דער קאָנסטיטוציע איז אויסגעבויט געוואָרן ניט קעדיי אייביק צו בלייבן אין ווערף (שיפּבוי-הויף); אָבער צי דארף מען עס לאָזן אין יאַם אריין דעם שטורעם און די פיינטלעכע ווינטן אנטקעגן? אָט דאָס ווילן די טיראַנען און די סאָנים פון דער קאָנסטיטוציע. דאָס פראנצויזישע פאָלק אָבער הייסט

אייך וואַרטן ביז עס וועלן זיך אומקערן רואיקע צייטן קעדיי דאַן אָנצואווענדן
זי. די פאַרלאַנגען פון דעם פאָלק זיינען איינהאַרציק, זיי פאַרהילכן די גוואלט-
געשרייען פון די אַריסטאָקראַטן און פעדעראַליסטן, מיר זיינען מעכויעוו קוי-
דעמקאָל צו באפרייען דאָס פאָטערלאַנד פון סאָנים...

אויב די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג דאַרף זיין מער אנטשלאָסן און מער
געוואַגט אין אירע מאַיסים, איידער אַ געוויינלעכע רעגירונג, איז זי דען דע-
ריבער ווייניקער גערעכטיק און געזעצלעך? ניין, זי שטיצט זיך אפן הייליקסטן
פון אלע געזעצן: ראַטעווען דאָס פאָלק; אף דער אומדערווידערלעכסטער
פון אלע פאָדערונגען: נויטווענדיקייט...

די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט גאָרנישט געמיינזאַמעס ניט מיט
אַנאַרכיע, ניט מיט אומאָרדענונג; איר אויפגאַבע איז, פאַרקערט, איינצוצאַ-
מען די אומאָרדענונג, קעדיי צו פאַרפעסטיקן די הערשאפט פון געזעץ; זי
האָט ניט קיין שום שאיכעס צו דעספּאָטיע: ניט די ליידנשאפטן פון איינצלנע
מענטשן, נאָר געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פירן מיט איר אָן...

דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג קומט אויס צו ארבעטן צווישן צוויי
אונטערוואַסער-שטיינער: מעסיקייט און עקסטרעמקייט... אָט דערפאַר טאַקע
מוז די רעגירונג זיין פאָרזיכטיק, וואָרום די סאָנים פון פרייהייט ווילן אָנ-
ווענדן קעגן איר ניט נאָר אירע פעלערן, נאָר אפילע די קליגסטע מיטלען
אירע...

וואָס זשע דאַרף מען טאָן אין אַזאַ פאַל? פאַרפאָלגן די פאַרעטער מיט
זייערע פאלשע סיסטעמען, דערמוטיקן דעם פאַטריאָטיזם, ניט געקוקט אף זיי-
נע טאָעסן, אויפקלערן די פאַטריאָטן און מאַכן דאָס פאָלק עס זאָל ווערט זיין
זיינע רעכטן און זיין מאַזל...

בעשאַס מיר האָבן באַטראַכט די פליכטן פון דער רעוואָלוציאָנערער
רעגירונג, האָבן מיר אָנגעוויזן די אונטערוואסער-שטיינער, אף וואָסערע זי
שטויסט זיך אָן. וואָס גרעסער איר מאַכט איז, וואס מער פריי און אנטשלאָסן
עס דאַרפן זיין אירע מאיסים, אלץ מער געוויסנהאפטע לייט מוזן זיין די, וואָס
פירן זיי אָן. דער טאָג ווען זי וועט אריינפאלן אין אומריינע אָדער פאַרעטע-
רישע הענט, וועט זיין דער לעצטער טאָג פון דער פרייהייט. דאָס רעוואָלו-
ציאָנערע רעגירן וועט דאַן ווערן אַן אויסרייד פאר די ערפאָלגן פון דער
קאָנטער-רעוואָלוציע; איר ענערגיע וועט ווערן א סאם פאַרן פאָלק. דער צוטרוי
פונם פראנצויזישן פאָלק צו אייך איז ארויסגערופן געוואָרן גיכער דורך דער
אַקטיוויקייט פון דעם קאָנווענט, איידער דורך דער אינסטיטוציע גופע. אָפּגעבנ-
דיק די גאנצע מאַכט אין אייערע הענט, האָפט דאָס פאלק, אז אייער רעגירן
וועט זיין נוצלעך פאר די פאטריאָטן און שרעקלעך פאַר די סאָנים פון פאָ-
טערלאנד. אף אונז איז ארויפגעלייגט דער כויוו אָנצואווענדן אלע נויטיקע
אנטשלאסענע פּאָליטישע מיטלען, קעדיי צו דערשטיקן די סאָנים פון דער רע-
וואלוציע און קוידעמקאָל איינהאַלטן צווישן זיך די איינהייטלעכקייט, וואָס איז
אייך נויטיק, קעדיי אויסצופירן אייער גרויסע שליכעס.

איינשטעלן א פראנצויזישע רעפובליק איז ניט קיין קינדער-שפיל, דאָס

קען ניט זיין קיין זאך פון קאפריז אָדער זארגלאזיקייט, אויך ניט קיין רעזול-טאַט פון א צופעליקן שטויס. אויב די רעוואלוציאָנערע רעגירונג וועט ניט אונטערגעשטיצט ווערן דורך דער ענערגיע, אויפגעקלערטקייט, פּאַטריאָטיזם און געוויסנהאַפטיקייט פון אלע דעפּוטאטן, טאָ ווי אזוי זשע וועלן מיר פאַר-מאָגן געגנוג מאכט, וואס זאל זיך פארגלייכן מיטן ווידערשטאנד פון אייראָפּע און אלע סאנים פון פרייהייט, וואס אַטאקירן אונז און דריקן פראנקרייך פון אלע זייטן!"...

---

5. דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטש און ביר-גער פון 1793 יאר.

דאָס פראנצויזישע פאָלק, זייענדיק איבערגעצייגט אין דעם, אז דאָס פאַרגעסן און פאַראכטן די נאַטירלעכע רעכטן פון דעם מענטשן זיינען די איינציקע סיבעס פון אַלע צאָרעס, האָט באשלאָסן אויסצורעכענען אין א פּיי-ערלעכער דעקלאַראַציע די הייליקע רעכטן, וואָס קענען ניט אָפּגענומען ווערן, קעדיי די בירגער זאָלן האָבן א מעגלעכקייט קעסיידער צו פארגלייכן די אקטן פון דער רעגירונג מיטן ציל פון יעדער געזעלשאפטלעכער אינסטיטוציע און קיינ-מאָל ניט דערלאָזן, אז די טיראַניע זאָל זיי דריקן און דערנידעריקן; קעדיי דאָס פאָלק זאָל שטענדיק האָבן פאר זיינע אויגן די יעסוידעס פון זיין פריי-הייט, פון זיין גליק, דער מאגיסטראט — זיינע פליכטן, דער געזעצגעבער די זאַך פון זיינע פולמאכטן.

דעריבער דערקלערט ער פאַרן אנגעזיכט פון דעם העכסטן וועזן די-דאָזיקע דעקלאַראַציע פון די רעכטן פון מענטש און בירגער.

אַרט. 1. דאָס ציל פון דער געזעלשאַפט איז דער וואוילשטאַנד פון אלעמען. די רעגירונג איז איינגעשטעלט קעדיי צו פארזיכערן פאַרן מענטשן ער זאָל זיך קענען באנוצן מיט די נאַטירלעכע רעכטן, וואָס געהערן אים און קענען פון אים ניט אָפּגענומען ווערן.

אַרט. 2. די־דאָזיקע רעכטן זיינען: גלייכהייט, פרייהייט, זיכערקייט, אייגנטום.

אַרט. 3. אלע מענטשן זיינען גלייך אַלפּי נאטור און פאַרן געזעץ.

אַרט. 4. דאָס געזעץ איז א פרייער און פייערלעכער אויסדרוק פון דעם אלגעמיינעם ווילן; אלציינס צי ער שיצט צי ער שטראָפט,—איז ער דער-זעלביקער פאַר אלעמען; ער באפוילט נאָר דאָס, וואָס איז גערעכט און נוצ-לעך פאַר דער געזעלשאפט, פאַרווערט נאָר דאָס, וואָס איז פאַרדערבלעך.

אַרט. 5. אלע בירגער גלייך ווערן דערלאָזן אפצוריכטן געזעלשאפט-לעכע אמטן. פרייע פעלקער ווייסן ניט בא זייערע וואַלן פון קיין אנדערע מאָ-טיווען אָף בעסער אויסצוקלייבן אַכוץ גוטע מידעס און טאַלאַנטן.

אַרט. 6. פרייהייט הייסט די מעגלעכקייט, וואָס געהערט דעם מענטשן, צו טאָן אַלץ, וואָס עס שאַדט ניט די רעכטן פון דעם אַנדערן; איר פּרינציפּ איז די נאַטור, איר כאָך—די גערעכטיקייט, איר שמירע—דאָס געזעץ; די מאָ־ראַלישע גרענעצן אירע ווערן באַשטימט דורך אַזאַ האַנאָכע: „טו ניט דעם אַנדערן דאָס, וואָס דו ווילסט ניט מע זאָל דיר טאָן".

אַרט. 7. עס קען ניט פאַרווערט ווערן ניט דאָס רעכט אויסצודריקן די אייגענע געדאַנקען און מיינונגען, אַלציינס צי דורך דער פּרעסע צי אַף אַן אַנדער אויפן, ניט דאָס רעכט פון פרידלעכע פאַרזאַמלונגען, ניט פריי אָפּצו־ריכטן די קולטן. די נויטיקייט צו דעקלאַרירן דיזאָזיקע רעכטן נעמט זיך פון דעם, וואָס עס איז פאַראַן דעספּאָטיזם און אַ פרישע געדעכעניש וועגן אים.

אַרט. 8. זיכערקייט באַשטייט אין דעם שוץ, וואָס די געזעלשאַפט גיט איטלעכן פון אירע מיטגלידער אַף אָפּצוהיטן זיין פּערזאָן, זיינע רעכטן און זיין אייגנטום.

אַרט. 9. דאָס געזעץ דאַרף פאַרטיידיקן די געזעלשאַפטלעכע און פּער־זענלעכע פרייהייט קעגן די אונטערדריקונגען מיצאַד די, וואָס רעגירן.

אַרט. 10. מע קען קיינעם ניט באַשולדיקן, פאַרהאַלטן אָדער איינזעצן, סאַידן אין די פאַלן, וואָס דאָס געזעץ באַשטימט, און לויט די פאָרמען, וואָס ער שרייבט פאָר. איטלעכער בירגער, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אָדער פאַרהאַלטן געוואָרן אַלפּי געזעץ, מוז גלייך פאָלגן; ער ווערט שולדיק, אויב ער שטעלט זיך אַנטקעגן.

אַרט. 11. ווילקירלעך און טיראַניש איז יעדער געוואַלט־אַקט, וואָס ווערט אָפּגעטאָן אַ מענטשן ניט אין די פאַלן און ניט אָפּהיטנדיק די פאָרמען, וואָס דאָס געזעץ באַשטימט; דער, אַנטקעגן וועמען מע וואָלט עס וועלן באַנוצן, האָט דאָס רעכט צו שטעלן זיך אַנטקעגן.

אַרט. 12. די, וואָס פאָדערן אויס, גיבן אַרויס, פירן דורך אָדער צווינ־גען דורכצופירן אומגעזעצלעכע באַשטימונגען,—זיינען שולדיק און ס'קומט זיי אַ שטראָף.

אַרט. 13. אַזוי ווי איטלעכער מענטש, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, איז אומשולדיק, קאָלזמאַן מע אָנערקענט אים ניט פאַר שולדיק, דעריבער איז אויב עס איז נויטיק צו אַרעסטירן אים, איז יעטווידער שטרענגקייט, וואָס מע דאַרף זי ניט אַף צו פאַרזיכערן (פאַרן געריכט) זיין פּערזענלעכקייט, מוז שטרענג אונטערגעדריקט ווערן דורכן געזעץ.

אַרט. 14. קיינעם קען מען ניט מישפּעטן אָדער באַשטראָפן, וואו מע האָט אים פריער ניט אויסגעהערט אָדער געזעצלעך אַרויסגערופן און נאָר לויט אַ געזעץ, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איידער דער פאַרברעך איז באַגאַנגען געוואָרן. אַ געזעץ, וואָס וואָלט באַשטראָפן פאַר פאַרברעכן, וואָס מע איז באַגאַנגען, איידער ער איז נאָך געווען, וואָלט געווען אַ טיראַניע: אָנ־ווענדן די ווירקונג פון געזעץ אַף צוריק וואָלט געווען אַ פאַרברעכן.

אַרט. 15. דאָס געזעץ קען ניט באַשטימען קיין שום שטראָפן, אויסער אַזעלכע, וואָס זיינען שטרענג און באַשיינפּערלעך נויטיק; זיי דאַרפן זיין אין

מאָס מיטן כאַראַקטער פון דעם פארברעך און ניצלעך פאַר דער געזעלשאַפט.

אַ ר ט. 16. דאָס רעכט פון אייגנטום איז א רעכט, וואָס געהערט איט־לעכן בירגער צו באַנוצן און שאַפן זיך לויט זיין אייגענעם פאַרלאַנג מיט זיין אייגנטום, זיינע הכנסות, מיט די פרוכט פון זיין ארבעט און זיין גע־ווערב.

ארט. 17. די בירגער קען מען ניט פאַרווערן קיין שום אַרבעט, ווירט־שאפט, האַנדל.

א ר ט. 18. יעדער מענטש קען זיך פארפליכטן בענויגייע זיין באדינונג און פרייער צייט, ער קען אָבער ניט פאַרקויפן זיך, ניט פאַרקויפט ווערן. זיין פערזענלעכקייט איז ניט אַזאַ אייגנטום, וואָס קען איבערגיין אין אן אַנדער רעשות. דאָס געזעץ אנערקענט ניט קיין שטאַנד פון דינערשאַפט, עס קען נאָר געמאָלט זיין א פאַרפליכטונג פון זאָרגן פאַר יענעמס באַקוועמלעכקייטן און דאַנקבארקייט צווישן דעם מענטשן, וואָס ארבעט, און דעם, וואָס דינגט אים.

א ר ט. 19. באַ קיינעם קען מען ניט אָפנעמען דעם קלענסטן טייל פון זיין אייגנטום אָן זיין הסכמה, אַכוץ די פאַלן, ווען דאָס פאָדערט א געזעצ־לעך פעסטגעשטעלטע געזעלשאַפטלעכע נויטיקייט, און מיטן טנאי ער זאָל פריער גערעכטיק באלוינט ווערן.

אַ ר ט. 20. קיין שטייער קען ניט איינגעשטעלט ווערן, סאַידן לעטוי־וועס הכלל. אלע בירגער האָבן רעכט צו באַטייליקן זיך אין איינשטעלן שטייערן, אַכטונג געבן, ווי זיי ווערן פאַרנוצט און פאָדערן א דין־וואָכעשבן.

א ר ט. 21. געזעלשאַפטלעכע הילף איז א הייליקער כויוו. די געזעל־שאַפט איז מעכויעוו צו געבן מיטלען צום לעבן פאַר אומגליקלעכע בירגער, שאפנדיק פאַר זיי ארבעט אָדער באַזאָרגנדיק מיט כאיונע די, וואָס זיינען ניט בעקויעך צו ארבעטן.

א ר ט. 22. בילדונג איז א באדערפעניש פאַר אלעמען. די געזעלשאפט דאַרף מיט אלע מיטלען מיטהעלפן דעם ערפאָלג פון געזעלשאפטלעכן פאַר־בונפט און מאַכן, אז בילדונג זאָל זיין צוגענגלעך פאַר אלע בירגער.

אַ ר ט. 23. די געזעלשאַפטלעכע גאַראַנטיע באַשטייט אין אַלגעמיינער מיטהילף, אַז פאַר איטלעכן זאָל זיין געזיכערט די באַנוצונג און פאַרהיטונג פון זיינע רעכטן; דידאָזיקע גאַראַנטיע ליגט אין דער נאַציאָנאַלער סאוועריע־ניטעט.

אַ ר ט. 24. זי קען ניט עקזיסטירן, אויב דאָס געזעץ באַשטימט ניט גענוי די גרעניצן פון די געזעלשאַפטלעכע אַמטן, און אויב עס איז ניט געזי־כערט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אלע באַאַמטע.

אַ ר ט. 25. די סאוועריניטעט האלט זיך אויף אין פאָלק. זי איז איינ־הייטלעך און ניט צעטיילבאר, זי קען ניט אָפגעשיידט ווערן און ניט איבערגיין אין א פרעמדן רעשות.

א ר ט. 26. קיין שום טייל פון פאָלק קען זיך ניט באַנוצן מיט דער מאַכט פונם גאַנצן פאָלק; אָבער איטלעכע סעקציע פון דעם סאוועריין, וואָס

האָט צונויפגעשטעלט א פאַרזאַמלונג, דאַרף האָבן א רעכט פולשטענדיק פריי אויסצודריקן איר מיינונג.

אַרט. 27. זאָל טייקף געטויט ווערן דורך די פרייע מענטשן יעדע־רער, וואָס אוזורפירט די סואווערעניטעט.

ארט. 28. דאָס פאָלק האָט אַלעמאָל א רעכט איבערצוקוקן, אויסבע־סערן און ענדערן זיין קאָנסטיטוציע. קיין דאָר קען ניט אונטערוואַרפן אונטער זיינע געזעצן די קומענדיקע דורעס.

ארט. 29. איטלעכער בירגער האָט א גלייכן רעכט מיט אלע אנדערע צו באטייליקן זיך אין צונויפשטעלן דאָס געזעץ און באשטימען זייערע דעפו־טאַטן אָדער אגענטן.

ארט. 30. די געזעלשאַפטלעכע אמטן זיינען אין טאָך צייטווייליקע, זיי קענען ניט באַטראַכט ווערן ניט ווי אויסצייכענונגען, ניט ווי באלוינונגען, נאָר ווי פליכטן.

אַרט. 31. פאַרברעכן פון די פארטרעטער פון פאָלק און זיינע אגענטן טאָרן ניט בלייבן אומבאַשטראָפט. קיינער האָט קיין רעכט ניט צו פרעטענדירן אַף מער אומבארירלעכקייט, איידער די, וואָס אַלע בירגער פאַרמאָגן.

אַרט. 32. עס קען בעשום אויפן ניט פאַרווערט ווערן, ניט אפגעשטעלט ווערן, ניט באַגרעניצט ווערן דאָס רעכט צו דערלאַנגען פעטיציעס די טרעגער פון דער געזעלשאַפטלעכער מאַכט.

אַרט. 33. דאָס רעכט צו שטעלן זיך אנטקעגן אונטערדריקונג איז א רעזולטאט פון די אַנדערע רעכטן פון דעם מענטשן.

אַרט. 34. די אונטערדריקונג פון איין מיטגליד פון דער געזעלשאפט איז שוין גופא אן אונטערדריקונג פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קערפער; די אונטערדריקונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן קערפער איז בעמיילע אן אונטער־דריקונג פון אלע זיינע מיטגלידער.

אַרט. 35. אויב די רעגירונג איז אויווער די רעכטן פון פאָלק, דאַן איז פאַר איטלעכן טייל פון פאָלק אן אויפשטאַנד דאָס הייליקסטע פון אלע רעכטן און די נויטיקסטע פון אלע פליכטן.

---

6. די טעראָריסטישע געזעצן.

א. דער דעקרעט פונם קאָנוועט וועגן די פארדעכטיקע פון 17/IX 1793 יאָר.

„עס ווערן דערקלערט פאַר פאַרדעכטיקע:

1. די, וואָס האָבן מיט זייער אויפירונג, שרייבן אָדער רעדעס זיך אַרויסגעוויזן אַלס אָנהענגער פון דער טיראַניע אָדער פונם פעאָדאַליזם און אַלס סאָנים פונם פאָלק.

2. די, וואָס וועלן ניט דערוויזן, ווי עס איז פאַרגעשריבן אין געזעץ פון 21 מאַרט, פון וואנען זיי לעבן און ווי אזוי זיי פילן אויס די בירגער־לעכע היסכאַיוועסן.

3. די, וואָס מע האָט זיי אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ צייגעניש וועגן ציווילער קאַשרעס.

4. די באַאַמטע, וואָס זיינען דורכן קאָנווענט אָדער דורך זייערע קאָ־מיסאַרן באַזייטיקט געוואָרן פונם אַמט.

5. אַלע יענע פונם אַלטן אַדל (בעסויכעם די מענער, פרויען, פאָטערס, מוטערס, זין און טעכטער, ברידער און שוועסטער און אויך די אגענטן פון די עמיגראַנטן), וואָס האָבן ניט ארויסגעוויזן קיין אומפּאַרענדערלעכע אנהענ־גערשאַפט צו דער רעוואָלוציע.

6. יעדערער, וואָס האָט עמיגרירט אין דער צווישנצייט פונם 1־טן יולי 1789 יאָר ביז וואנען עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דאָס געזעץ פון 1 אַפּריל 1792 יאָר, ווען אפילע ער האָט זיך אומגעקערט אינם טערמין, וואָס איז באַ־שטימט דורכן דאָזיקן געזעץ אָדער פריער".

ב. דאָס געזעץ פונם 22 פּרעריאַל.

„סאָנים פונם פאָלק זיינען די, וואָס שטרעבן צו פאַרניכטן די געזעל־שאַפטלעכע פרייהייט מיט קויעך אָדער כיטרעקייט.

אַלס סאָנים פונם פאָלק ווערן אַנערקענט די, וואָס וועלן אַגיטירן פאַר צוריקאויפשטעלן די קיניגלעכע מאַכט, אדער וועלן שטרעבן צו דערנידעריקן און פאַנאַנדערלאָזן דעם נאַציאָנאַלן קאָנווענט, אָדער די רעוואָלוציאָנערע רעפּובליקאַנישע רעגירונג, וואָס ער איז איר צענטר.

די, וואָס וועלן פאַראַטן דער רעפּובליק בעשאַס זיי האָבן אונטער זייער קאָמאַנדע פעסטונגען אָדער אַרמייען און בעשאַס זיי פילן אויס יעדן אַנדערן מיליטערישן אַמט, וואָס וועלן שטיין אין פאַרבינדונגען מיט די סאָנים פון דער רעפּובליק און וועלן זיך באַמיען אַרויסצורופן אַ דויכעק אין דערנערונג פאַר דער אַרמיי, אָדער אין דער באַפרידיקונג פון אַנדערע באַדערפעניש אירע.

די, וואָס וועלן שטרעבן צו שטעלן מעניעס דער דערנערונג פון פאַריז אָדער ארויסצורופן א הונגער אין דער רעפּובליק.

די, וואָס וועלן העלפן די פּלענער פון פראַנקרייכס סאָנים דורך מיט־העלפן די פאַרשווערער און דער אַריסטאָקראַטיע צו אַנטלויפן און אויסצובאַ־האַלטן זיך, דורכן רוידעפן דעם פּאַטריאָטיזם און טרייבנדיק רכילעס אַף די פּאַטריאָטן, דורך אונטערקויפן די באַאַמטע פונם פאָלק, דורך מיסברויכן מיט די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע, מיט די געזעצן, רעגירונגס־מאָסמיטלען, וועלכע זיי וועלן אַף א פאַרעטערישן אויפן אָנווענדן.

די, וואָס וועלן אָפּנארן דאָס פאָלק אָדער דעם פאָלקס־פאָרשטייער, כדי צו נויגן זיי צו מאַיסים, וואָס זיינען קעגן די אינטערעסן פון דער פרייהייט.

די, וואָס וועלן ארויסרופן אַ מוטלאָזיקייט, קעדיי מיטצוהעלפן די פלענער פון די פאַראייניקטע טיראַנען, וואָס זיינען געווענדעט קעגן דער רעפובליק.

די, וואָס וועלן פאַרשפּרייטן פאַלשע ידיעס, קעדיי אַרויסצורופן מאַב-לויקעס און אומרוען אינם פאָלק.

די, וואָס וועלן זיך באַמיען צו ווענדן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אַף אַ פאַלשן וועג, שטערן דער פאָלקס-אויפקלערונג, פאַרדאַרבן די זיטן און אריינטראָגן פאַרדאָרבנקייט אינם געזעלשאַפטלעכן געוויסן, אָפּשוואַכן די ענערגיע און ריינקייט פון די רעוואָלוציאָנערע און רעפובליקאַנישע פּרינציפּן, אָדער פאַרהאַלטן זייער פראָגרעס דורך אַנטירעוואָלוציאָנערער און פיינטלעכער ליטעראַטור, אָדער דורך פאַרשיידענע אַנדערע מאַכינאַציעס.

די ניטגעוויסנהאַפטע פּאָדראַטשיקעס, וואָס שטעלן אין סאַקאָנע די רע-פובליק, און די פאַרשווענדער פונם געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגנס, כוץ די, וואָס זיינען אויסגערעכנט אינם געזעץ פונם 7-טן פּרימער.

די אַמט-פּערזאָנען, וואָס וועלן מיסברויכן מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס, קעדיי צו העלפן די סאָנים פון דער רעפובליק אויפצורעגן די פּאַטריאָטן און צו אונטערדריקן דאָס פאָלק.

ענדלעך יענע אַלע, וואָס אַף זיי איז אָנגעוויזן אין די ביז איצטיקע געזעצן, וואו עס זיינען פעסטגעשטעלט די שטראָפן פאַר די פאַרשווערער און קעגנער פון דער רעוואָלוציע, און וועלכע וועלן אונטער וואָסערע ניט איז אויסערלעכע פאַרמאַסקירונגען זיך פאַרמעסטן אַף דער פרייהייט, אומבאַריר-לעכקייט פון דער איינהייטלעכקייט פון דער רעפובליק אָדער וועלן שטרעבן צו שטערן איר פאַרפעסטיקונג".

ג. וועגן דער פּרעסע.

(דער דעקרעט פון 29 מאַרט 1793 יאָר).

„דער נאַציאָנאַלער קאָנווענט באַשטימט:

אַרטיקל 1. יעדערער, קעגן וועמען עס וועט אויפגעוויזן ווערן, אַז ער האָט צונויפגעשטעלט אָדער אָפּגעדרוקט ביכער אָדער אַרטיקלען, וועלכע זיינען גוירעם די צעשטערונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרשטייערשאַפט, די אויפ-שטעלונג פונם קיניגרייך, אָדער פון וועלכער ניט איז אַנדער מאַכט, וואָס פאַרמעסט זיך אַף דער סואווערעניטעט פונם פאָלק, וועט איבערגעגעבן ווערן צום געריכט פונם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, פאַרורטיילט און באַשטראָפט ווערן מיטן טויט.

אַרטיקל 2. די פאַרקויפער, צעטיילער און פאַנאַנדערטרעגער פון אָט די ווערק אָדער אַרטיקלען וועלן פאַרורטיילט ווערן צו טפיסע ניט מער, ווי אַף דריי כאָדאָשים, אויב זיי זיינען מודיע די פאַמיליעס פון די מעכאַברים, פונם דרוקער און אַנדערע פּערזאָנען, וואָס פון זיי האָבן זיי עס באַקומען. אויב אָבער זיי וועלן זיך אָפּזאָגן צו געבן די ידיעס, וועלן זיי פאַרורטיילט ווערן אַף צוויי יאָר טפיסע געשמידט אין קייטן".

ד. דער דעקרעט פון 9 יולי 1794 יאָר.

„דער נאַציאָנאַלער קאָנוועגט האָט, אויסהערנדיק דעם באַריכט פון זיינע „קאָמיטעטן פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט און געזעלשאַפטלעכע רעטונג", באַשטימט:

אַרטיקל 1. די ערד-אַרבעטער, טאָג-אַרבעטער, שניטער, האַנטווער-קער און באַלמעלאָכעס פון די דערפער, שטעט און געמיינדעס, וואָס די באַ-פעלקערונג זייערע איז ווייניקער פון 1.200 איינוואוינער, און וועלכע זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אַלס פאַרדעכטיקע, וועלן צייטווייליק באַפרייט ווערן פונם מאָמענט, ווען דער דאָזיקער דעקרעט וועט אַריין אין קראַפט.

אַרטיקל 2. עס קאָנען ניט באַפרייט ווערן די, וועמען מע האָט באַשולדיקט אין באַוואָפנטע אַקציעס קעגן דער רעפובליק, אין מיטהעלפן די סאָנים אַריסטאָקראַטן אַף דער טעריטאָריע און אין אַלע אַנדערע פאַראַט-פאַרברעכנס.

אַרטיקל 3. די אויספילונג פונם דאָזיקן דעקרעט ווערט איבערגעגעבן די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן פון דער הויפּטשטאָט פונם אויעזד, וועלכע דאַרפן זיך צונויפריידן מיט די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן פון די קאָמונעס, וואו עס האָבן געוואוינט די, וואָס מע האָט אַרעסטירט.

אַרטיקל 4. די קאָמיטעטן פון די הויפּטשטעט פונם אויעזד דאַרפן טייקעף-אומיאַד צושטעלן אינם „קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג" אַ באַריכט וועגן די בירגער, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן אַפן גרונט פונם דאָזיקן דעקרעט, און דערביי פאַרצייכענען זייערע נעמען און באַשעפטיקונגען און אויך די סיבעס פון זייער אַרעסט.

אַרטיקל 5. דער נאַציאָנאַלער קאָנוועגט דערלויבט דעם „קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג" און דעם „קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט" צו באַפרייען די פאַרברעכער, וואָס זיינען דורך די קאָנסטיטוצי-אָנעלע מאַכט-אָרגאַנען איבערגעגעבן געוואָרן צו די רעוואָלוציאָנערע געריכטן אַפן גרונט פונם געזעץ פונם 22 פּרעריאַל".

---

7. דאָס געזעץ וועגן מאַקסימום פון 29 סענטיאַבר 1793 יאָר.

(אויסצוגן).

דער נאַציאָנאַלער קאָנוועגט, אויסהערנדיק דעם פּאָרטראַג פון זיין קאָ-מיסיע אַף אויסצואַרבעטן דאָס געזעץ וועגן באַשטימען אַ פּרייזן-מאַקסימום אַף עסנוואַרג און סכוירעס פון דער ערשטער נויטווענדיקייט, דעקרעטירט פאָלגנדיקעס:

ארט. 1. די זאַכן, וואָס זיינען לויט דער מיינונג פונם נאַציאָנאַלן קאָנווענט זאַכן פון דער ערשטער נויטווענדיקייט און וואָס פאַר זיי האַלט ער פאר נויטיק איינצושטעלן א מאקסימום אָדער העכסטע פרייזן, זיינען: פריש פלייש, געזאַלצן פלייש און כאַזער-שמאַלץ, פוטער, מאָן-אייל, לעבעדיקע פי, געזאַלצענע פיש, וויין, בראנפן, עסיק, סידר, ביר, האָלץ, האָלצקוילן, שטיינקוילן, כיילעוונע ליכט, ברען-אייל, זאַלץ, סאָדע, זייף, פאָטאש, צוקער, האָניק, ווייסע פאַפיר, לעדער, אייזן, טשוהון, בלאַי, שטאָל, קופער, פלאקס, ליין, וואָל, שטאָפן, לייוונט, רויע פאַבריק-מאַטעריאַלן, סאַבאָ (הילצערנע שוכווארג), שיך, סורעפּיצע (אזא גראָז), ריבן און טאבאַק.

אָרט. 2. דער מאַקסימאַלער פרייז אפן ערשטן סאָרט האָלץ און אויך אף האלץ-קוילן און שטיינקוילן, איז דער פרייז, וואָס האָט עקזיסטירט אין 1790 יאָר פלוס אַ צוואַנציקסט-כיילעק. דאָס געזעץ פון 19 אָווגוסט וועגן באשטימען דורך די דעפּאַרטאַמענטן די פרייזן אַף הייצווארג, קוילן און טאָרף ווערן אָפּגעשאַפט.

דער מאקסימום אָדער דער העכסטער פרייז אף טאַבאַק-בלעטער איז 20 סו פאַר א פונט, אף טאַבאַק צום רויכערן—10 סו, זאַלץ—2 סו, זייף—25 סו.

ארט. 3. די מאַקסימאַלע פרייזן אף אַלע אנדערע עסנוואַרג און סכוירעס פון ערשטער נויטווענדיקייט, וואָס זיינען אויסגערעכנט אינם ערשטן ארטיקל, וועלן אָף דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער רעפּובליק ביז דעם 1 סענטיאַבר פון קומענדיקן יאָר זיין די פרייזן, וואס האָבן עקזיסטירט אף זיי אין 1790 יאר, לויט די ציפערן פון די מערקוריאַלע רעיעסטערן (פרייז-קוראַנטן, וועלכע מע האָט צונויפגעשטעלט לויט דער פאַראָרדענונג פון די שטאָטישע מאכט-ארגאַנען), אדער פון די דעפּאַרטאמענטישע פרייז-קוראַנטן פלוס א דריט-כיילעק. דערביי ווערן אַראָפּגערעכנט די מלוכישע און אַלע אַנדערע שטייערן, וואָס מע האָט דעמאָלט אף זיי אַרויפגעלייגט, אָן אונטערשייד אונטער וואסער נאמען זיי האָבן עקזיסטירט.

ארט. 4. די טאַבעלעס פון די מאקסימאַלע אדער העכסטע פרייזן אַף אלע עסנווארג, וואָס זיינען אויסגערעכנט אינם ערשטן אַרטיקל, וועלן צונויפגעשטעלט און אויסגעקלעפּט ווערן דורך דער אַדמיניסטראַציע פון יעדן דיסטריקט נאָכן באקומען דאָסדאזיקע געזעץ און וועלן איבערגעשיקט ווערן אינם דעפּאַרטאמענט.

ארט. 7. אַלע יענע פערזאָנען, וואָס וועלן פארקויפן אָדער קויפן די סכוירעס, וואס זיינען אויסגערעכנט אינם 1 אַרטיקל, העכער פונם מאַקסימום, וואס איז איינגעשטעלט און פארעפנטלעכט אין יעדן דעפּארטאַמענט,—באַצאָלן אין אדמיניסטראטיווער אָרדענונג א געלט-שטראָף, וואס באַטרעפט צוויי מאל אזוי פיל, וויפל עס זיינען ווערט די פאַרקויפטע סכוירעס, און דאָס געלט ווערט אפגעגעבן דעם מאָסער. דידאָזיקע פערזאָנען וועלן פאַרשריבן ווערן אינם צעטל פון די פאַרדעכטיקע און פון די, וואָס ווערן אלס אָזעלכע פאַרפאָלגט.

דער קוינע דארף ניט באַצאָלן די אָנגעוויזענע שטראָף, אויב ער וועט

מעלדן וועגן דעם, אז דער פאַרקויפער האָט אויוער געוועזן אפן געזעץ. יעדער סויכער איז מעכויעוו צו האָבן אין זיין קראָם א טאַבעלע מיט די מאַקסימאַלע אדער העכסטע פּרייזן אף זיינע סכוירעס.

ארט. 8. דער מאַקסימום אדער דער העכסטער אַרבעטסלוין, דאס העכסטע געצאָלט פאר שטיקאַרבעט אדער טאָג-ארבעט פאַר דער צייט פונם פאַרעפנטלעכן דאסדאָזיקע געזעץ ביז סענטיאַבר פון קומענדיקן יאָר ווערן אומעטום איינגעשטעלט דורכן גענעראל-ראַט פון די קאָמונעס און אין אַזא מאָס, ווי זיי האבן עקזיסטירט אין 1790 יאָר פלוס א העלפט פונם דאָזיקן פרייז.

ארט. 9. די מוניציפּאַליטעטן קאנען דערקלערן פאַר רעקוויזירט און אינם פאל, ווען עס איז נויטיק, באשטראָפן מיט 3 טעג ארעסט יענע באַלמעלאכעס, ארבעטער און פּאָרשטייער פון קאָלערליי מינים ארבעט, וועלכע וועלן אָן ערנסטע סיבעס זיך אפזאָגן צו פארנעמען מיט זייער געוויינלעכער ארבעט.

ארט. 10. די אדמיניסטראַטיווע מאכט-אָרגאנען זיינען מעכויעוו אכטונג צו געבן, אז דאָס האלץ זאָל רעגלמעסיק צעהאקט און אָפּגעשיקט ווערן.

ארט. 11. די מוניציפּאליטעטן גיבן אכטונג, אז דאָס אַריבערפירן און אָפּמעסטן זאל זיין אין ארדענונג.

ארט. 17. אין משך פון דער מילכאָמע ווערט פאַרווערט ארויסצופירן דורך אלע גרעניצן די נויטיקסטע סכוירעס און עסנווארג אונטער וואסער נאָמען אדער באַדינג עס זאל ניט זיין, מיטן אויסנאַם בלויז פון זאַלץ.

ארט. 18. די זאַכן, וואס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן אינם פאָריקן ארטיקל, אויב זיי זיינען געשיקט געוואָרן קיין אויסלאנד און מע האָט פארכאפּט באם אויוער זיין דאָס געזעץ אף אַ מעהאַלעך פון 2 ליאָ פון דער זייט גרעניץ און דערביי איז ניטא קיין גרעניץ-אָפּצאָל-בילעט פונם מוניציפּאַליטעט פונם באַלעגאָלעס וואוינאָרט, — וועלן קאָנפיסקירט ווערן צוזאמען מיט די פורן, געשפּאַן אָדער מיט די טראנספּאָרט-שיפן און ווערן אָפּגעגעבן די יעניקע, וואס וועלן זיי פארהאַלטן. און די אייגנטימער און באלעגאָלעס, וואס האָבן אויוער געוועזן דאס געזעץ, וועלן באשטראָפט ווערן מיט 10 יאָר קאטאָרגע-ארבעט.

ארט. 19. קעדיי די שיפסמאנשאפטן פון די נייטראלע אָדער פרייע שיפן זאָלן ניט מיסברויכן מיטן רעכט פון גאַסטפריינטלעכקייט און זאלן ניט אוועקפירן מער ווי זיי דארפן פאַר זיך עסנווארג און פראָוויאנט פון די שטעט און פון די שטעטלעך, וואס געפינען זיך נעבן יאם, זיינען זיי מעכויעוו זיך צו ווענדן אין די מוניציפּאליטעטן אף צו באקומען א פאראָרדענונג וועגן ארויסגעבן זיי אלץ, וואס זיי וועט נויטיק זיין.

ארט. 20. דערדאזיקער דעקרעט גייט אריין אין קראפט דורך דעם, וואס ער ווערט מיטגעטיילט אף די ערטער דורך א ספּעציעלן שאליאך.

---

8. דער דעקרעט, וואָס איז מעוואטל אָן קאָמפּענסאַציע אַלע געוועזענע סעניאָראַלע פליכטן, די פעאָדאַ-לע רעכט און די רעכט אַף די ערד-צינשן.

(17—18 יולי 1793 יאָר).

דער קאָנווענט דעקרעטירט:

אַרט. 1. אַלע געוועזענע סעניאָראַלע פליכטן, פעאָדאַלע רעכט און די רעכט אַף די ערד-צינשן, סאַי די שטענדיקע און סאַי די צייטווייליקע, ניט אויסגע-שלאָסן יענע, וואָס זיינען פאַרבליבן לויטן דעקרעט פון 25 פון פאַריקן אווגוסט, — ווערן אָפּגעשאַפט אָן קאָמפּענסאַציע.

אַרט. 2. די ווירקונג פונם פאַריקן אַרטיקל איז ניט כאַל אַף די רענטעס און האַכנאָסעס, וואָס טראָגן ניט קיין פעאָדאַלן כאַראַקטער, נאָר דעם כאַראַק-טער פון אַ ריין ערד-אָפּצאָל.

אַרט. 3. די קרימינעלע און בירגערלעכע פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך אָנ-געהויבן סאַי צוליב די גרונט-סומעס און סאַי צוליב די ניט דערצאָלטע הוי-סאָפע-סומעס, וואָס קומען לויט די רעכט, וועלכע זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן דורכן אַרט. 1, — ווערן אָפּגעשטעלט, און קיינער פון די צדאָדים איז ניט מעכויעוו צו באַצאָלן די געריכט-הויצאָעס.

אַרט. 4. אינם פאַל, ווען די רעכט, וואָס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן לויטן אַרט. 1, זיינען אינגאַנצן אָדער טיילווייז, פּריוויליק אָדער לויטן באַפעל פונם געריכט סעקוועסטרירט געוואָרן, דאַרפן די היטער אומקערן די סעקוועס-טרירטע זאַכן די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיי אָפּגעגעבן.

אַרט. 5. די פּערזאָנען, וואָס האָבן אַף אויקציאָנען זיך איינגעשאַפט נאַ-ציאָנאַלע גיטער, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די רעכט, וואָס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן לויטן אַרט. 1, — קאָנען ניט פאָדערן קיין קאָמפּענסאַציע, זיי קאָנען זיך אָבער אָפּזאָגן פון די גיטער. אין אַזאַ פאַל זיינען זיי מעכויעוו אָנצוגעבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע מעלדונג אין דער דירעקטאָריע פונם קרייז אינם מעשעך פון איין כוידעש פונם טאָג, ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דערדאָזיקער דעקרעט. אין אַזאַ פאַל דאַרף די קרייז-דירעקטאָריע אויסרעכענען סאַי די גרונט-סומעס און סאַי די פּראָצענטן, וואָס דער אייגנטימער האָט אָפּגעצאָלט, און די האַכנאָסעס, וואָס ער האָט באַקומען.

אַרט. 6. די געוועזענע סעניאָרן, פעאָדיסטן, קאָמיסאַרן איבער ערד-דאָקו-מענטן, נאָטאַריוסן און אַנדערע, באַ וועמען עס ווערן געהיט די דאָקומענטן אַף צו באַ-שטעטיקן דאָס אייגנטום-רעכט, אָדער דאָס רעכט אַף אויפצומאָנען אָפּצאָלונגען, וועלכע זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן דורכן איצטיקן און פאַריקע דעקרעטן, וועלכע זיינען אַרויס-געגעבן געוואָרן דורך די פאַריקע פאַרזאַמלונגען, — זיינען מעכויעוו אָפּצוגעבן זיי אין מעשעך פון דריי כאָדאָשים פונם טאָג, ווען עס ווערט פאַרעפנטלעכט דערדאָזיקער דעקרעט, אין דער קאַנצעליאַריע פון די אָרטיקע מוניציפּאַליטעטן.

יענע דאָקומענטן, וואָס וועלן אָפּגעגעבן ווערן ביזן 18-טן פונם קומענדיקן אווגוסט, וועלן אינם דאָזיקן טאָג פאַרברענט ווערן אין דער אָנוועזנהייט פונם גענעראַל-ראַט פון דער געמיינדע און די בירגער. די איבעריקע וועלן פאַרברענט ווערן אין מעשעך פון דריי כאַדאָשים.

אַרט. 7. די פּערזאָנען, וואָס איז באַוויזן געוואָרן קעגן זיי, אַז זיי האָבן באהאלטן, פאַרכאַפּט אָדער פאַרשוויגן, די אָריגינאַלן אָדער באַשטעטיקטע קאָפּיעס, וועלכע דאַרפן לויטן פאָריקן אַרטיקל פאַרברענט ווערן, — וועלן פאַרורטיילט ווערן צו פינף יאָר טפיסע.

אַרט. 8. די ווירקונג פונם אַרט. 6 איז כאַל אף: 1) די אורטיילן און באַשלוסן, וואָס אנטהאלטן די אנערקענונג פון די רעכט, וועלכע זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן דורכן דאָזיקן דעקרעט אָדער אָנווייזונגען אף זיי. 2) די רעעסטרען, וואָס אנטהאַלטן דעקלאַראַציעס פון די פעאָדן-רעכט, וועלכע זיינען פריער אָפּגעשאַפט געוואָרן. 3) די טיטולן פון די נאַציאָנאַלע גיטער, וואָס מע האָט אָפּגעגעבן אין די קרייז-סעקרעטאַריאַטן.

אַרט. 9. די זאַמלער און די רעכענער דאַרפן אין מעשעך פון א כוידעש פונם טאָג, ווען עס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן דערדאָזיקער דעקרעט, אָפּגעבן די רעעסטרען, זאַמל-ליסטן און באַריכט-אַקטן אינם סעקרעטאַריאַט פון זייער קרייז. די רעכענונגען וועלן צונויפגעשטעלט ווערן אין מעשעך פון צוויי כאַדאָשים, פונם טאָג, ווען זיי וועלן אָפּגעגעבן ווערן, נאָכדעם וועלן אויך די רעעסטרען, צעטלען און אַקטן טייקעף עפנטלעך פאַרברענט ווערן. דאָס איז מעכויעוו צו טאָן דער סינדיקאַלער קרייז-פּראָקוראָר.

אַרט. 10. די פלאַנען און דאָקומענטן פון די פעלד-גרעניצן, וואָס קענען געבן אָנווייזונגען וועגן די ערד-גיטער, דאַרפן אָפּגעגעבן ווערן אינם סעקרעטאַריאַט פון דעם קרייז, וואו עס געפינט זיך דער מאַיאָנטעק, — מיטן צוועק צו באקומען, אינם פאַל, ווען מע וועט באדארפן די נויטיקע אינפאָרמאַציעס.

אַרט. 11. דער דעקרעט פון 25 פאָריקן אווגוסט בלייבט אין קראַפט בענויגייע אלץ, וואָס איז ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן דורכן דאָזיקן דעקרעט.

אַרט. 12. דער אינערן-מיניסטער דאַרף זאָרגן וועגן דעם, אַז דערדאזיקער דעקרעט זאָל צוגעשטעלט ווערן אומיטלבאַר די מוניציפּאַליטעטן, וואָס זיינען מעכויעוו דורכצופירן אים אין לעבן אָן דער פאַרמיטלונג פון די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען.

---

9. מאַראַט וועגן דער אַרבעטער-און אַגראַר-פּראַגע.

„וויבאַלד יעדער אַרבעטער קאָן האָרעווען אַף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, הערט ער אויף פאַרלאַנגען צו אַרבעטן אונטער דער האַשגאָכע פון אַנדערע, און דעמאָלט וועלן פאַרשוואונדן ווערן די וואַרשטאַטן, מאַנופאַקטורן און דער האַנדל.

דער ערשטער רעזולטאַט פון אָט די אַלע זינלאָזע דעקרעטן וועט זיין דאס פאַראָרימט ווערן פון דער מלוכע, ווייל זיי וועלן אַרויסרופן אַ יערידע פון די מאַנופאַקטורן און פונם האַנדל. נאָכדעם וועט קומען די רואינירונג פון די געברויכער אַדאַנק די אָנאויפהערלעכע פאַרשווענדונגען און די מלאָכעס גופע וועלן אויך פאַרשוואונדן ווערן. אין יעדן פאַך, וואו ניט די שטרעבונג צו באַרימטקייט שפילט די ראָלע פונם באַוועגנדיקן סטימול, וויבאַלד נאָר באַ די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער פראָפעסיע. בלייבט בלויז דער וואונש צו מאַכן זיך אַ פאַרמעגנס און עס איז ניטאָ באַ אים קיין פאַרלאַנג צו איינשטעלן זיין רעפוטאַציע, — וועט די געוויסנהאַפטיקייט פאַרשוואונדן ווערן. אינגיכן וועט יעדע פראָפעסיע, יעדער האַנדל דעגענערירט ווערן אין אינטריגע און שווינדל. אין אַזאַ פאַל אָבער וועט זיך דאָך האַנדלען נאָר וועגן דעם, אַז מע זאָל אָפזעצן די אויסגעאַרבעטע פראָדוקטן און סכוירעס, און דעריבער וועט זיין גענוג צו געבן זיי אַ געוויסן שיינעם אויסזען און פאַרקויפן זיי פאַר אַ נידעריקן פרייז. דערביי וועט מען זיך ניט זאָרגן וועגן זייער פעסטקייט און גוטער קוואַליטעט. הייסט עס, אַז אַלע פאַכן וועלן בעקאָרעוו דעגענערירט ווערן, און אַזוי ווי אַדאַנק דעם וועלן די פראָדוקטן פאַרלירן זייער פעסטקייט און אַלע מאַילעס, וועלן זיי זיך אַרויסווייזן אַלס רואינירנדיקע פאַר יעדן אָרימען געברויכער, וואס איז געצוואונגען זיך צו באַנוצן מיט זיי, אין דער צייט ווען דער פאַרמעגלעכער געברויכער וועט נעמען קויפן אין אויסלאַנד. צוקוקנדיק זיך צו דער גרעניצלאָזער אַנטוויקלונג פון דער זשעדנעקייט צו אַשירעס אין אַלע קלאַסן פונם פאָלק אין די גרויסע שטעט, וועט איר זיך איבערצייגן אין אָט די טרויעריקע עמעסן.

ווי באַלד נאָר יעדערער וועט באַקומען די מעגלעכקייט איינצואָרדענען זיך זעלבשטענדיק, ניט זייענדיק מעכויעוו צו דערווייזן זיינע פעאיקייטן, וועט ווערן אַ סאַך מיט יעדן סיסטעמאַטישן אויסלערנען זיך אַ מלאָכע. ווי נאָר אַ שילער וועט זיך אויסלערנען צו מאַכן עפעס ווי ניט איז, וועט ער זיך באַמיען אַרויסצונעמען נוצן פון זיין אינדוסטריע, ער וועט טראַכטן בלויז וועגן דעם, ווי אַזוי צו עפענען אַ קרעמל און אָפגעבן זיך מיט שאָפלדיקער כאַנפעריי, קעדיי צו געפינען קוינים...

אַזוי ווי מע וועט דאַרפן ניט אויסאַרבעטן אויסגעצייכנטע סכוירעס, קעדיי צו מאַכן זיך אַ רעפוטאַציע און אַ פאַרמעגנס, נאָר קעדיי צו פאַרבלענדן מיט דער אויסערלעכקייט, וועט דער אַרבעטער, וואָס האט זיך פאַרשוואַרצט דעם פאָנים ערגעץ אין אַ קוואַרטאַל, זיך איבערציען אין אַ צווייטן און אָפט וועט ער פאַרענדיקן זיין קאַריערע, אויסזייענדיק שיר ניט אין אַלע קוואַרטאַלן פון דער גרויסער שטאָט און אומעטום אָפנאַרנדיק זיינע קוינים און זיך אַליין. אָט די דעגענערירונג פון די נוציקע מלאָכעס, אָט די פאַרשווינדונג פון געוויסנהאַפטיקייט, אָט אַזאַ פאַרוואָגלט און אינטריגאַנטיש לעבן פון די אַרבעטער, די אָרימקייט אין אַלע פראָפעסיעס און די געזעלשאַפטלעכע אומגליקן, וועלכע נעמען זיך פונם אונטערגאַנג פונם האַנדל, וועלן זיך מיט אַ באַזונדער קראַפט לאָזן פילן אין די הויפט-שטעט. איך וואָלט זיך ניט גע-

כידעשט, ווען אין אַ יאָר צוואַנציק גרום וואָלט מען אין גאַנץ פּאַריז ניט געקאָנט געפינען קיין איין אַרבעטער, וואָס זאָל זיין בעקויעך צו מאכן אַ הוט אָדער אַ פּאָר שיך.

די יערידע פון קינסט וועט אָנקומען נאָך שנעלער אַדאַנק דעם, וואָס יעדערער וועט האָבן די פרייהייט צו פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע מעלאָכעס און פּראָפעסיעס. און זאל מען ניט זאָגן, אַז דער פרייהייטס-באַגלייטער — די קאָנקורענץ — וועט אַרויסרופן זייער אויפבליאונג. די דערפאַרונג האָט צו אָפּט דערוויזן, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז גראָד קאַפּויר. לעמאָשל, אין יענע פּאַריזער קוואַרטאַלן, וואו עס האבן ניט עקזיסטירט קיין פרייהייטס-באַגרעניצונגען פאר ארבעט, פלעגן די ארבעטער, וואָס האָבן נאָר געזעען זיך זיך סטאַרען צוציען קונים דורך דער ביליקייט, קיין זאַך ניט פאַרענדיקן. וואָס וועט ווערן, ווען אָט די סיסטעם וועט פארווירקלעכט ווערן פאר אַלע אַרבעטער, ווען די באַלמעלאָכעס וועלן ניט זיין בעקויעך אויסצוהאלטן די קאָנקורענץ און ווען עס וועלן פאַרשוואונדן ווערן די סטימולן, וואס רופן ארויס קינע, אייפער צוליב דער קוואַליטעט פון די סכוירעס.

אַ קאָנטראָל-לאָזע פרייהייט דאַרפן באַקומען בלויז די שיינע קונסט און האַנטווערקעריי, וואָס דינען אַף צו באַפרידיקן די באַדערפעניש אין לוקסוס-זאַכן, ווייל וויבאַלד אַלע קאָנען זיך באַגיין אָן אָט דעם מין זאַכן, איז בלויז דאס פארגעניגן, וואָס זיי פאַרשאפן, קאָן אַרויסרופן אַ כיישעק איינצושאַפן זיך מיט זיי... וואָס איז שאַיעך די נוצלעכע קונסט-אַרבעט און האַנטווערקעריי, וואָס זיינען אַף אויסצואַרבעטן זאכן פון דער ערשטער נויטווענדיקייט, דארף דער באלמעלאָכע אומבאַדינגט דערווייזן זיין קענטעניש, ווייל קיינער קאָן זיך ניט באַגיין אָן זייערע, גוטע אָדער שלעכטע, פּראָדוקטן און מעמיילע פאָדערט די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג פונם געזעצגעבער, אַז זי זאָל אָנעמען מאָסמיטלען קעדיי ניט דערלאָזן דעם שווינדל און מאָראלישע אויסגעלאַסנקייט, און אלע אזוינע צאָרעס, וואס נעמען זיך דערפון...

אנשטאָט אַלץ צו צעשטערן, ווי דאס האט געטאָן דער אַמאראַצישער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָמיטעט, וואָלט מען זיך געדארפט באראטן מיקויעך אזוינע זאכן, וואס גייען ניט אריין אין זיין קאָמפּעטענץ, מיט געבילדעטע מענטשן און פארנעמען זיך אויסשליסלעך מיט פאריכטן די מיסברויכונגען.

אין דער ווירקלעכקייט איז געווען אינגאנצן אָפּצושאפן די צעכישע יוריסדיקציע, די אָפּצאָלונגען, וואס מע פלעגט אויפמאָנען באַ די פערזאָנען, וואס פלעגן באקומען דעם באַרוף פון מאַיסטער, און געבן יעדן אנערקענטן מאיסטער דאס רעכט צו פארפאָלגן אַפן געריכטלעכן וועג די ארבעטער פאר אויוועך זיין די געזעצן. קעדיי ארויסצורופן די אויפבליאונג פון דער קונסט, וואלט מען געדארפט איינשטעלן פאר די אַרבעטער אָבליגאטאָרישע לימודים אין מעשעך פון זעקס—זיבן יאָר. קעדיי די ארבעטער זאלן ניט אויסגעריסן ווערן זייער גאנצן לעבן, וואָלט מען געדארפט איינשטעלן אַן אָנשטענדיק געצאָלט פאר זייער ארבעט און צווינגען זיי, זיי זאָלן זיך גוט אויפירן דורך דעם, וואס מע וועט נאכדעם, ווי עס וועלן זיך ענדיקן דריי יאָר, געבן מיט

לען אַף איינצואָרדענען זיך זעלבשטענדיק יענע אלע, וואס האבן זיך אויס־געצייכנט מיט קענטעניש און איבערצייגונג, ביטנאי, אז די פערזאָנען, וואָס האָבן ניט כאַסענע געהאט אינם יאָר, ווען זיי האבן באקומען דעם באַרוף פון מאיסטער, זיינען מעכויעוו אומצוקערן דער געזעלשאפטלעכער קאסע דעם גמילעסכסעד, וואס זיי האבן באקומען.

דער נאטירלעכער וועג ווי אזוי צו ברענגען די געזעלשאפט אין א בליענדיקן צושטאנד באשטייט אין באַלוינען די טאַלאַנטן און די גוטע אויפירונג. די נאטור פארלאנגט, אז די אמאראצים זאלן זיך לאָזן פירן דורך די אָנווייזונגען פון די אויפגעקלערטע מענטשן, און די אומאָראַלישע מענטשן — דורך די אָנווייזונגען פון די ערלעכע. הייסט עס, אז די טויגעניכטסן און די ארבעטער, וואס פירן זיך שלעכט אויף, וועלן קיינמאָל ניט באדארפט ווערן קיין מאַיסטערס. ווען קיין פעאיקייטן זיינען ניטאָ, קאָן מען דערצו גארניט העלפן, מע קאן זיך אָבער אָפּגעוויינען פון שטיפערייען, און פאר שלעכטע מאיסים דארף מען ווערן באשטראָפט. דערביי איז גענוג, אז פאר יעדן רעצי־דיוו זאל מען אף זעקס כאַדאָשים פארהאלטן דאָס אַרויסגעבן די מיטלען אַף איינצואָרדענען זיך".

„עס איז אבסאָלוט נויטיק און אַבסאָלוט יוישערדיק, אז דאסזעלבע גע־זעץ, וואס וואָלט אריינגעבראכט אזוי פיל נוצן די אייגנטימער מיטן אָפּשאפן די צווישנפעלדער־סיסטעם דורך די אויסטוישונגען, וואס זיינען איינגערעגולירט דורכן געזעץ, זאָל צוזאמען מיט דעם זיכערן אויך די דערנערונג פאר אלעמען, און זאל צווינגען יענע אייגנטימער, וועלכע וועלן אליין ניט אוטיליזירן זייער ערד, אָפּגעבן זי אין אַרענדע נאכלעסוויז. איך האב אַ צו גוטע מיינונג וועגן מיינע לאנדסלייט, קעדיי צו טראכטן, אז וויבאלד זיי האבן דערזעען, אַז די הויצאָעס אף צו באַארבעטן די ערד ווערן פארקלענערט און די האַכנאָסעס וואקסן אדאנק דער פארייניקונג פון די נאכלעס, וואס געהערן זיי, — זאָל זיך צווישן זיי געפינען, זאָל זיין אפילע איין מענטש, וואס זאל זיין אַף אזוי פיל אומענטשלעך און זאָל זיך קלאָגן אַף דעם, וואס דאס געזעץ,—וואס זיכערט די גלייכמעסיקערע צעטיילונג פון די ערד־פראָדוקטן דורך דעם, וואס די ערד־באַארבעטונג איז פאנאנדערגעטיילט צווישן א גרעסערער צאָל פאמיליעס,—האט אָפּגענומען באַם ערדבאזיצער דאס רעכט צו שאַפן מיט זיינע נאַכלעס און אָפּ־געבן זיי אין אַרענדע, רעכענענדיק זיך מיט אלע קאַפּריזן. אַלס נויטיקער פאָלג פון אַט דער באַשטימונג וואָלט געווען דאס, וואס דער בירגערלעכער צושטאנד וואָלט זיך דערנעענטערט צו דער נאַטירלעכער, אינם פראָט פון א גרעסערער פריי־הייט פון קולטור, און גלייכמעסיקערער פאנאנדערטיילונג צווישן די פרייזן פון די פראָדוקטן און די סכירעס פאר אַרבעט, און, ענדלעך, וואָלט פארניכ־טעט געווארן יעדע מאָנאָפּאָל אַף די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן. ווייל וואָס ווייניקער עס וועלן זיין ערדארבעטער, אַלץ ווייניקער וועלן זיין באַט־ראַקעס און מעמיילע וועט זייער טאָגלוין אומבאַדינגט געהעכערט ווערן. פון

דער אַנדער זייט, איז וואָס מער עס וועלן זיין ערדאַרבעטער, אַלץ מער וועט וואַקסן די קאָנקורענץ באַם פאַרקויפן די סכוירעס, דערצו נאָך וואָלטן די דאָרפישע איינוואוינער, זייענדיק איבערצייגט, אַז זיי אַליין וועלן האבן פון וואנען צום לעבן, געווען פאַרינטערעסירט, אַז די מויסרעס, וואס בלייבט באַ זיי, זאָל האבן אַ גרעסערן ווערט, אזוי אַז די פרייהייט פון האנדלען מיט ברויט וואָלט זיך פון זיך אַליין איינגעשטעלט"...

„אינגיכן וועלן די באַקוועמלעכקייטן, וואס וועלן זיך באַקומען מיט דער באַזייטיקונג פון דער צווישנפעלדער-סיסטעם, מיט דער גערטנערייַ-פּלאַנצונג, דער געשמאַק צו די ווירקלעכע פאַרגעניגנס, וואס די נאטור פארשאַפט אונז, און דאס שיינע בילד, וואס עס שטעלן מיט זיך פאָר די גליקלעכע דערפער,—אומבאַדינגט צוריקפאַריינברענגען אין זיי אַן איבערפלוס צוזאמען מיט זייערע רייכע באַזיצער. אינגיכן וועלן די אויפגעקלערטע מענטשן ניט האלטן פאר א דערנידעריקונג פאר זיך צו נעמען זיך פאַרן אַקער און, אַדאַנק דער פאַרייניקונג פונם ליכט פון דער טעאָריע מיט די אָנווייזונגען פון דער פראַק-טיק, וועט אין דער ערדארבעט אָנקומען א גרעניצלאָזער פראָגרעס"...

10. דאנטאָן וועגן אייגנטום-רעכט.

קאָנווענט, 21 סענטיאַבר 1792 יאָר.

(טאַליען לעגט פאָר די דעפּוטאַטן צו שווערן זיך, אַז זיי וועלן ניט פאַרלאָזן די זיצונג, ביז זיי וועלן ניט אויסאַרבעטן קיין פראָ-גראַם פון פאַרוואַלטן מיטן לאַנד אַפן גרונט פון גלייכהייט און פרייהייט).

דאַנטאָן. איידער איך וועל אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן דעם, מיט וואָס דארף די נאַציאָנאַלע פארזאמלונג אָנהויבן איר טעטיקייט, בעט איך אַ דערלויבעניש אָפּצוגעבן איר די פולמאַכטן, וואס די געזעצגעבערשע פאַר-זאמלונג האָט מיר אָנגעטרויט. איך האָב זיי באַקומען אונטערן דונער פון די האַרמאַטן, וואס מיט זיי האָבן די איינוואוינער פון דער הויפּשטאָט באַמ-בארדירט דעם דעספּאָטיזם.

איצט, ווען עס איז פאָרגעקומען א פאַרייניקונג פון די אַרמייען, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרייניקונג פון די פאָרשטייער פונם פאָלק, דאַרף איך זיך אָפּזאָגן פון מיינע פריערדיקע פולמאַכטן פון א מיניסטער. איצט בין איך בלויז א באַפולמעכטיקטער פונם פאָלק; און אלס אַזעלכער רייד איך איצט מיט אייך.

מע האט אייך פאָרגעלייגט צו געבן אַ שוואוע. עס איז ווירקלעך נוי-טיק, אַז אינם באַוואוסטזיין פון דער קאָלאָסאַלער פאראנטוואָרטלעכקייט, וואָס איר האט אף זיך גענומען, זאָלט איר מעלדן אין אַ פייערלעכער דעקלאַראַ-

ציע פאַרן פאָלק, וואָסערע זיינען די גע‌פילן און פרינציפּן, וואָס באַ זיי וועט איר זיך האַלטן אין אייער ארבעט. געדענקט, בירגער, ווי עס האָט זיך אויפגעפירט די ערשטע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, די ניט פולקומענהייט פון די געזעצן, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן, איר איינפאַרשטענדעניש מיט דער טיראַניע. עס קאָן ניט עקזיסטירן קיין אַנדער קאָנסטיטוציע, אַכוץ יענער, וואָס וועט טעקסטועל און דורך אַ גאַמענטלעכער אָפּשטימונג אָנגענומען ווערן מיט אַ מערהייט פון די ערשט-שטאָפּלדיקע פאַרזאַמלונגען.

אָט וואָס מיר דאַרפן דערקלערן דעם פאָלק. דעמאָלט וועלן פאַרשוואונדן ווערן אַלע פאַלשע סימאָנים פון דיקטאַטור, די ווילדע קלאַנגען וועגן אַ טריאומוויראַט, אָט דער גאַנצער נאָנסענס, וואָס מע האָט אויסגעטראַכט אַף אַנצושרעקן די מאַסן, ווייל דורכן קאָנסטיטוציאָנעלן געזעץ וועט אַנערקענט ווערן בלויז דאָס, וואָס וועט אָנגענומען ווערן דורכן פאָלק אַליין.

נאָך אַט דער דערקלעראַציע וועט איר דאַרפן אָננעמען אַן אַנדערע, ניט ווייניקער וויכטיקע פאַר דער זאַך פון פרייהייט און געזעלשאַפטלעכער רואיקייט.

ביז איצט האָט מען דאָס פאָלק מיט קאַלערליי מיטלען אַגיטירט, ווייל מע האָט אים געדאַרפט אויפהויבן צום קאַמף מיט די טיראַנען, מע האָט געדאַרפט דעזאָרגאַניזירן דעם דעספּאָטיזם. איצט איז נויטיק, אַז די געזעצן זאָלן אויך זיין אומדערבאַרעמדיק צו יענע, וואָס וועלן וואַגן צו פאַרמעסטן זיך אַף די דעראָבערונגען פונם פאָלק, אַזוי ווי דאָס פאָלק אַליין איז געווען אומדערבאַרעמדיק בעשאַסן פאַרניכטן די טיראַניע.

עס איז נויטיק, אַז דאָס געזעץ זאָל באַשטראָפן אַלע שולדיקע, און דעמאָלט וועט דאָס פאָלק איינגאַנצן ווערן באַפרידיקט (אַפּלאַדיסמענטן).

אַסאַך, אפילע די ערלעכסטע בירגער, האָבן אויסגעדריקט זייער מוירע, אַז די היציקע פריינט פון פרייהייט זיינען מעסוגל צו ברענגען אַן אומפּאַריכטבאַרן שאָדן דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג מיט דעם, וואָס זיי וועלן מאַכן גוזמעדיקע אויספירן פון זייערע פרינציפּן. אלזא, לאָמיר זיך דאָ אַנטשיידן אָפּזאָגן פון יעדע מינים עקסטרעמען, לאָמיר פּראָקלאַמירן, אַז יעדער מין אייגנטום — ערד-אייגנטום, פּערזענלעכע, אינדוסטריעלע — דאַרף אַף אייביקע צייטן פאַרבלייבן אומבאַרירלעך (אַפּלאַדיסמענטן).

לאָמיר זיך ווייטער דערמאָנען, אַז אונז איז נויטיק אַלץ איבערצוקוקן, אַלץ אַרויסגעבן אַף דאָס ניי, אַז אפילע די דעקלאַראַציע פון די רעכט איז אויך ניט איינגאַנצן אָן פעלערן, און אַז זי דאַרף איבערגעקוקט ווערן דורכן ווירקלעך-פרייען פאָלק (נייער שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן).

דאַנטאָנס פאָרשלאַגן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין פאָלגנדיקער רעדאַקציע:

דער נאַציאָנאַלער קאָנווענט באַשטימט:

1. עס דאַרף ניט עקזיסטירן קיין אַנדער קאָנסטיטוציע, אַכוץ יענער, וואָס וועט אָנגענומען ווערן דורכן גאַנצן פאָלק.

2. די פערזענלעכקייט און דאָס אייגנטום געפינען זיך אונטער דער שמירע פונם פראַנצויזישן פאָלק.

דער נאציאָנאלער קאָנוועגט דערקלערט, אז די ניט אָפגעשאַפטע געזעצן בלייבן צייטווייליק אין קראַפט. די פערזאָנען, וואס זיינען ניט אָפגעזאָגט געוואָרן פון זייער אַמט, בלייבן איבער אויסצופילן זייערע פליכטן. די איצט-עקזיסטירנדיקע מלוכע-שטייערן וועלן אויפגעמאָנט ווערן, ווי פריער.

---

11. די רעדע פון זשאַק רו בא דער גראַטע פונם קאנוועגט דעם 25 יוני 1793 יאר.

„באַפולמעכטיקטע פונם פאָלק, איר האָט שוין לאַנג צוגעזאָגט צו מאַכן אַ סאָף מיט די צאָרעס פונם פאָלק, אָבער וואס האָט איר פאַר דעם געטאָן? (שטאַרקע אויפרעגונג) איר האָט אקאָרשט אָנגענומען די קאָנסטיטוציע, וועלכע איר וועט געבן דעם פאָלק אַף באַשטעטיקונג. צי האט איר פאַרורטיילט דעם אַזשיאָטאַזש? ניין! צי האָט איר ארויסגעטראָגן אן אורטייל איבער די ספעקולאנטן און מאָנאָפאָליסטן? ניין! מיר דערקלערן אייך: איר האט געטאָן ניט אַלץ, וואס עס פאָדערט זיך, איר, וואָס געפינט זיך אפן „באַרג", וויר-דיקע סאנקיולאטן, וואָס זשע, וועט איר פאַרבלייבן אומבאוועגלעך אפן שפיץ פון אָט דעם אומשטערבלעכן פעלז?!

היט זיך, די פריינט פון גלייכהייט וועלן ניט זיין קיין נאַראָנים און אונטערוואַרפן זיך די שאַרלאַטאַנעס, ווּעמען עס וועט זיך פאַרוועלן צו דאָקוטשען דעם פאָלק מיט הונגער און גוואַלדטאט מיצאַד די ספעקולאנטן: זייערע שפייכלערס זיינען די נאָרעס פון גאַנאָווים. אָבער ווער ווייס, ווי די לאַגע וועט זיך נאָך אַ דריי טאָן (אַ טומל). אף אַזאַ אויפן פרואווט מען זיך, צוליב מוירע פאַר דער קאָנטר-רעוואָלוציע, אויפהויבן די פרייזן אף עסנוואַרג. אָבער צי ווייסן זיי דען ניט, אַז דאס פאלק וויל פרייהייט אָדער דעם טויט.

דער ציל פון די ספעקולאנטן, וועלכע פאַרכאַפּן די מאַנופאַקטור, דעם האנדל, די פראָדוקטן פון דער ערד, איז אבי נאָר צו ברענגען דאָס פאָלק צו פאַרצווייפלונג, צווינגען אים צו וואַרפן זיך אין די אָרעמס פונם דעספאָטיזם. ביז ווי לאַנג וועט איר דולדן, אז די גווירים-עגאָאיסטן זאלן זיך אָנטרינקען פון באַגאָלדעטע בעכערס מיטן פאָלקס ריינסטן בלוט?

אויב איר זאָרגט ניט וועגן אויסוואָרצלען דעם אַזשיאָטאַזש און די ספעקולאָנטן, איז דאָס א געמיינהייט, וואָס מאַכט אייך שולדיק אין א פאַר-ברעכן קעגן דער נאַציע. עס איז ניטאָ וואס מוירע צו האָבן פארן האַס פון די רייכע, ד. ה. פון די שלעכטע. מע דאַרף מיט אלץ מאַקריוו-זיין פאַרן גליק פונם פאָלק.

איר דאַרפט זאָרגן, אז מע זאל אייך ניט באַשולדיקן אינם אַנטווערטן דאס פאַפיר-געלט, קעדיי אַזוי אַרום צוגרייטן באנקראָט (א טומל אין אַלע טיילן פונם זאַל). פאַרשטייט זיך, אז עס זיינען פאַראן אומגליקן, וואס זיינען אומאפטיילבאר פון די גרויסע רעוואלוציעס, און אונזער קאַוואַנע איז צו ברענגען די נויטיקסטע קאָרבאנעס אף אונטערצושטיצן די פרייהייט, — אָבער דאס פאָלק וועט זיך דערמאָנען, אז שוין צוויי מאָל איז ער אָפּגענאַרט געווארן דורך צוויי געזעצגעבערשע פארזאַמלונגען. עס איז געקומען די צייט, אז די סאנקיולאָטן, וואָס האָבן צעבראָכן די סצעפּטערס פון די טיראַנען, זאָלן מאכן א טעל פון יעדער מין טיראַניע. עס מוז באַנוצט ווערן צו אונזערע שאַרפע קראנקהייטן אַ רעפוע, וואס ווירקט אפן שנעלסטן אויפן.

ווי אַזוי פארלאַנגט איר, געזעצגעבער, אז אַ מענטש, וואס האָט 600 פונט (ליווּרען) האַכנאָסע, זאָל קאנען עקזיסטירן, אויב איר וועט ניט אפשטעלן דעם אזשיאָטאזש דורך אַ קאָנסטיטוציאָנעלן געזעץ, וואָס זאָל ניט קאָנען אָפּגעשאפט ווערן דורך דער געזעצגעבערשער פארזאַמלונג. מעגלעך, אז מיר וועלן האָבן רואיקייט ערשט אין 20 יאר אַרום, די קאָלאָסאַלע מילכאמע-הויצאָעס... (א שטאַרקער טומל פון לינקס). — דעפּוטאטן פונם „באַרג“! בויט אויס די יעסוידעס פארן פאָרשריט פין דער רעפּובליק, ענדיקט ניט אייער קאריערע מיט שאַנד“ (ווידער ווערט א טומל, נאָך א שטאַרקערער).

איינער פון די בירגער פון דער דעפּוטאַציע: „איך דערקלער, אז דאָס איז ניט די פעטיציע, וואס אַף איר האָט געגעבן איר האסקאָמע די גראַוויליאן-סעקציע“.

איניקע מיטגלידער: „ניין, ניין, מע דארף אים אויסהערן“.

דער רעדנער זעצט פאָר: „די אין די דעפּארטאמענטן אונטער-דריקטע סאנקיולאָטן וועלן אָנקומען, מיר וועלן זיי דעמאלט באַווייזן די שפּיזן, וואס מיט זיי איז געגומען געווארן די באַסטיל, יענע שפּיזן, וואס מיט זיי איז צעשטערט געוואָרן די פארשווערונג פון די מלוכע-לייט, יענע שפּיזן, וואס האָבן געמאכט אַ טעל פון דער פאַרפוילטער „צוועלפער-קאמיסיע“, — דעמאָלט וועלן מיר זיי פירן צום אַלטאַר פון די געזעצן, און מיר וועלן זיי באווייזן יענעם צאַד, וואס וויל ראטעווען דעם טיראַן, און דעם צאַד, וואס וועט ארויסטראָגן א טויט-אורטייל איבער אים“.

---

12. דער קולט פון „העכסטן וועזן“.

(דעקרעט פון 18 פלארעאל 2-טן יאָר).

I. דאָס פראַנצויזישע פאָלק אנערקענט די עקזיסטענץ פונם „העכסטן וועזן“ און די אומשטערבלעכקייט פון דער נעשאָמע.

II. ער אָנערקענט, אז דער קולט, וואָס זאָל זיין ראוי דעם „העכסטן וועזן“ באַשטייט אין דעם, וואס דער מענטש פילט אויס זיינע היסכאַיוועסן.

III. פון אט די היסכּאַיוועסן האַלט ער פאַר די סאַמע ערשטע: צו פאַראַכטן די אומערלעכקייט און טיראַניע, באַשטראָפן די טיראַנען און פאַרעטער, העלפן די אומגליקלעכע, אכטן די שוואַכע, פאַרטיידיקן די אונטערדריקטע, ווינשן אנדערע אלדאָס גוטס און צו קיינעם ניט זיין אומגערעכטיק.

IV. קעדיי צו דערמאנען די מענטשן וועגן דער געטלעכקייט און וועגן זייער אייגענער ווירדע, וועלן איינגעפירט ווערן פייערלעכקייטן.

V. זייערע נעמען וועלן גענומען ווערן בא די באַרימטע געשעענישן פון אונזער רעוואלוציע, בא די גוטע מאַסים, וואס זיינען מער פון אלץ טייער און נוצלעך דעם מענטשן, בא די גרויסע וואוילטאַטן פון דער נאַטור.

VI. די פראַנצויזישע רעפובליק וועט יערלעך פייערן די געשעענישן פון 14 יולי 1789 יאָר, פון 10 אַווגוסט 1792 יאר, פון 21 יאַנוואַר 1793 יאר, פון 31 מאַי 1793 יאר.

VII. זי וועט פייערן יעדן צענטן טאג, און אט די יאַנטויווים וועלן האבן פאלגנדיקע נעמען: לעקאוועד דעם „העכסטן וועזן" און דער נאטור, — לעקאוועד דעם מענטשלעכן מין, — לעקאוועד דעם פראנצויזישן פאלק, — לעקאוועד די באלטויוועס פון דער מענטשהייט, — לעקאוועד די פרייהייטס-מאַרטירער, — לעקאוועד דער פרייהייט און גלייכהייט, — לעקאוועד דער רעפובליק, — לעקאוועד דער פרייהייט און שאלעם, — לעקאוועד דער ליבע צו דער מענטשהייט, — לעקאוועד דעם האַס צו די טיראַנען און פאַרעטער, — לעקאוועד דעם עמעס, — לעקאוועד דער גערעכטיקייט, — לעקאוועד דער צניעס, — לעקאוועד דער באַרימטקייט און אומשטערבלעכקייט, — לעקאוועד דער פריינטשאַפט, — לעקאוועד דער איינגעהאַלטנקייט, — לעקאוועד דער מוטיקייט, — לעקאוועד דער געוויסנהאַפטיקייט, — לעקאוועד דער העלדישקייט. — לעקאוועד דער אומאייגנוציקייט, — לעקאוועד דעם סטאָאיציזם, —לעקאוועד דער ליבע, — לעקאוועד דער ליבע פון מאַן-און-ווייב, — לעקאוועד דער עלטערן-ליבע, — לעקאוועד דער מוטערלעכער צערטלעכקייט, — לעקאוועד דעם יראַס-האַקאוועד מיצאַד די קינדער, —לעקאוועד דער קינדהייט, —לעקאוועד דער יוגנט, — לעקאוועד דעם רייפן עלטער, — לעקאוועד דער אלטקייט, — לעקאוועד דעם אומגליק, — לעקאוועד דער ערדאַרבעט, — לעקאוועד דער אינדוסטריע, — לעקאוועד אונזערע אָוועס, — לעקאוועד אונזערע קומענדיקע דוירעס, — לעקאוועד דעם גליק.

VIII. דער קאמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג און פאלקס-אויפקלערונג וועלן דאַרפן צושטעלן א פראיעקט, ווי אזוי צו ארגאניזירן דידאזיקע פייערלעכקייטן.

IX. דער נאציאנאלער קאנווענט רופט אלע טאַלענטן, וואס זיינען ווערט צו דינען דער מענטשהייט, אז זיי זאלן מיטהעלפן איינארדענען דידאזיקע פארזאמלונגען מיט הימנען, פאַטריאַטישע לידער און מיט אלע מיטלען, וואס קאנען מיטהעלפן צו מאכן זיי שענער און נוצלעכער.

X. דער קאנווענט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג וועט אויסקלייבן יענע קינסטלערישע ווערק, וואס וועלן זיך אים אויסווייזן אלס יענע, וועלכע זיינען

מער פון אַלע פעאיק אויסצופילן דידאַקטישע באַשטימונג, און באַלוינען זייערע אוטאָרס.

XI. די פרייהייט פון קולט פאַרבלייבט לויטן דעקרעט פון 18 פרימער.

XII. אַלערליי אַריסטאָקראַטישע פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען קעגן דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וועלן צעטריבן ווערן.

XIII. אינם פאַל פון אומאָרדענונגען, וואָס די סיבע אָדער דער מאָטיוו זייערער איז דער קולט, איז די פּערזאָנען, וואָס וועלן זיי אַרויסרופן דורך פאַנאַטישע דראָשעס אָדער אַנטירעוואָלוציאָנערע אינסינואַציעס, און אויך די פּערזאָנען, וואָס וועלן אַרויסרופן די אומאָרדענונגען דורך אומגערעכטע און ניט נויטיקע גוואַלדטאַטן, וועלן אין אַ גלייכער מאָס באַשטראָפט ווערן לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון די געזעצן.

XIV. עס דאַרף צוגעשטעלט ווערן אַן אָפיציעלער פאָרטראַג וועגן מער אויספירלעכע באַשטימונגען, וואָס זיינען נויטיקע דעמאָקראַטישע דעקרעטן.

XV. דעם 20 פּרעריאַל פונם איצטיקן יאָר וועט איינגעאָרדנט ווערן אַ פייערונג לכבוד דעם העכסטן וועזן. — דאַוויד ווערט באַאויפטראַגט צוצושטעלן אַ פּראָיעקט וועגן אָט דער פייערונג דעם נאַציאָנאַלן קאָנווענט.

---

13. די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער דיקטאַטור פון די יאַקאָבינער.

א) מאַרקס וועגן די יאַקאָבינער.

„אין 1648 יאָר (בעת׳ן דער ענגלישער רעוואָלוציע) איז די בורזשואַזיע מיטן נייעם אַדל געווען קעגן דער קעניגלעכער מאַכט, קעגן דעם פעאָדאַלן אַדל און דער הערשנדיקער קירכע.

אין 1789 יאָר (בעת׳ן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע) איז די בורזשואַזיע געווען אין אַ בונד מיטן פאָלק קעגן דער קעניגלעכער מאַכט, קעגן דעם אַדל און דער הערשנדיקער קירכע.

די רעוואָלוציע פון 1789 יאָר האָט געהאַט אַלס מוסטער (לעכאָל האַפּאָכעס אין אייראָפּע) בלויז די רעוואָלוציע פון 1648 יאָר. די רעוואָלוציע פון 1648 יאָר האָט געהאַט אַלס מוסטער בלויז דעם אויפשטאַנד פון די נידערלענדער קעגן שפּאַניען. ביידע רעוואָלוציעס זיינען ניט נאָר לויט דער צייט, נאָר אויך לויטן אינהאַלט געווען אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט פאָרויס פון זייערע מוסטערן.

אין ביידע רעוואָלוציעס איז די בורזשואַזיע ווירקלעך געווען אַ קלאַס, וואָס איז געשטאַנען בעריש פון דער באַוועגונג. דער פּראָלעטאַריאַט און די פראַקציעס פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָבן ניט געהערט צו דער בורזשואַזיע, איז אָדער זיי האָבן נאָך ניט געהאַט

קיין אינטערעסן, וואס זאלן זיך ניט צונויפפאַלן מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, אָדער זיי האבן נאך ניט געבילדעט קיין שום זעלבשטענדיק-אַנט־וויקלטע קלאַסן אָדער טיילן פון קלאסן.

דעריבער איז דאָרט, וואו זיי טרעטן ארויס קעגן דער בורזשואַזיע, ווי, לעמאָשל, אין פראַנקרייך, פון 1793 יאָר ביזן 1794 יאר, קעמפן זיי בלויז פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, האָגאָם אפילע ניט אַף אַ בורזשואַזן אויפן. דער גאנצער פראַנצויזישער טעראריזם איז געווען אויסשליסלעך א פלעבעאיש מיטל אף צו מאכן א סאָף מיט די סאָנים פון דער בורזשואזיע — מיטן אבסאָלו־טיזם, מיטן פעאָדאליזם און מיט דער קליינבורזשואַזיע".

(מאַרקס. פונם אַרטיקל פון דער „נייער ריינישער צייטונג" 1848 יאָר).

ב) לענין וועגן די יאקאָבינער.

די היסטאָריקער פון דער בורזשואזיע זעען אינם יאקאָבינענטום א יע־רידע („זיך אָראָפּקייקלען"). די היסטאריקער פון דעם פּראָלעטאריאט זעען אינם יאַקאָבינענטום איינע פון די העכסטע אויפשטייגן פונם אונטערדריקטן קלאַס אינם קאמף פאר דער באפרייאונג. די יאקאָבינער אין פראנקרייך זיינען די בעסטע מוסטערן פון דער דעמאָקראטישער רעוואלוציע און פונם ווידערשטאנד פון דער מאָנאַרכן-קאָאַליציע קעגן דער רעפובליק. קיין פולשטענדיקער ניצאָכן איז ניט באשערט געווען די יאקאָבינער אָפּצוהאלטן, הויפטזאכלעך דערפאַר, ווייל פראנקרייך פונם 18-טן יאָרהונדערט איז געווען ארומגערינגלט אָפן קאָנטינענט מיט צופיל אָפּגעשטאַנענע לענדער, און אויך דערפאַר, ווייל אין פראנקרייך גופע זיינען ניט געווען קיין מאַטעריעלע יעסוידעס פאַרן סאָציאליזם, עס זיי־נען ניט געווען קיין בענק, קיין סינדיקאַטן פון די קאַפּיטאליסטן, קיין מאשין-אינדוסטריע, קיין אייזנבאַנען.

דאָס „יאקאָבינענטום" אין אייראָפּע, אף דער גרעניץ פון אייראָפּע און אַזיע, וואָלט אינם 20 יארהונדערט געווען די מעמשאָלע פונם רעוואָלוציאנערן קלאס, פונם פּראָלעטאַריאט, וואס וואָלט, זייענדיק אונטערשטיצט דורכן אָרימסטן פויערטום און אָנשפּאַרנדיק זיך אף די פאַראַנענע מאטעריעלע יעסוי־דעס פאר דער באוועגונג צום סאָציאליזם,—געקאנט געבן ניט בלויז אלץ דאָס גרויסע, אומאויסוואָרצלבאַרע, וואס די יאקאָבינער פונם 18 יאָרהונדערט האבן געגעבן, נאָר אויך ברענגען, אין אלוועלטלעכן מאסשטאב, צום פעסטן ניצאָכן פון די אַרבעטנדיקע.

דער בורזשואזיע איז אייגנטימלעך צו האסן דאָס יאקאָבינענטום. דער קליינבורזשואזיע איז אייגנטימלעך מוירע צו האָבן פאַר אים. די באַוואוסטזי־ניקע ארבעטער און ארבעטנדיקע גלויבן אין דעם אריבערגאַנג פון דער מאַכט צום רעוואָלוציאנערן, אונטערדריקטן קלאס, — ווייל דערין איז דער טאָך פונם יאקאָבינענטום — דער איינציקער אויסגאַנג פונם קריזיס, די רעטונג פון כורבן און פון מילכאָמע.

מע פארופט זיך קעסיידער אַפן העלדישן פּאַטריאָטיזם און אַף די וואונדער פון דער מיליטערישער העלדישקייט פון די פראַנצויזן אין די יאָרן 1792—1793. מע פארגעסט אָבער וועגן די מאַטעריעלע היסטאָריש-עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואס בלויז זיי אליין האבן געמאַכט מעגלעך אָט די וואונדער. דאָס מאכן אף א ווירקלעך רעוואלוציאָנערן אויפן א טעל פונם אָפּגעלעבטן פעאָדאַליזם, דאס איבערגיין פונם גאנצן לאנד, און דערצו נאָך מיט א ווירקלעך רעוואלוציאָנער-דעמאָקראטישער שנעלקייט, אַנטשלאסנקייט, ענערגיע און מעסיראָס-נעפעשדיקייט צו א העכערן פּראָדוציר-מעטאָד, צו א פרייען פּויערשן ערדבאזיץ — אָט דאס זיינען די מאטעריעלע, עקאָנאמישע באדינגונגען, וואס האָבן מיט א „וואונדערבארער" שנעלקייט געראטעוועט פראַנקרייך און אויפגעלעבט און באַנייט איר ווירטשאַפטלעכן באַזיס.

דער ביישפּיל פון פראנקרייך זאגט איין זאַך און בלויז איין זאַך: קעדיי צו מאַכן רוסלאנד שוצפעאיק, קעדיי דערשלאָגן זיך אויך אין איר „וואונדער" פון מאסן-העלדישקייט, דארף מען מיט „יאַקאָבינישער" אומדערבאַרעמדיקייט אויסראָטן אַלץ, וואס איז אַלט, און באנייען און אויפלעבן רוסלאַנד ווירטשאפטלעך. דאס אבער קאָן מען ניט טאָן אין 20-טן יארהונדערט בלויז דורך אראָפּשליידערן דעם צאַריזם. פּראַנקרייך האט מיט 125 יאָר צוריק זיך דערמיט ניט באַגרעניצט. דאָס קאָן מען אפילע ניט טאָן דורך רעוואלוציאָנערן פאַרניכטן בלויז דעם פּריצישן ערדבאזיץ (מיר האָבן אפילע דאס אויך ניט געטאָן, ווייל די עסערן און מענשעוויקעס האָבן פאראטן דעם פּויערטום), בלויז דורך איבערגעבן די ערד דעם פּויערטום. ווייל מיר לעבן אינם 20-טן יאָרהונדערט, די מעמשאָלע איבער דער ערד אָן דער מעמשאָלע איבער די בענק איז ניט בעקויעך אריינצוברענגען קיין איבערגעבורט, קיין באנייאונג אינם לעבן פונם פאָלק.

די מאטעריעלע, פּראָדוציר-באנייאונג פון פראנקרייך אינם סאָף פון 18 יאָרהונדערט איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער און גייסטיקער באַנייאונג, מיט דער דיקטאַטור פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע און פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט (וואס פון אים האט זיך די דעמאָקראַטיע ניט אָפּגעזונדערט און וואָס איז געווען קימאַט צונויפגעגאָסן מיט איר), מיט דער אומדערבאַרעמדיקער מילכאָמע, וואס איז דערקלערט געוואָרן אַלץ, וואס איז רעאַקציאָנער. דאס גאנצע פאָלק און באַזונדערס די מאַסן, ד. ה. די אונטערדריקטע קלאַסן, זיינען געווען אַרומגעכאפּט מיט אַ גרעניצלאָזן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם: די מילכאָמע האָבן אַלע געהאלטן פאר אַ גערעכטע, פאַר אַ פארטיידיקונגס-מילכאָמע, און זי איז אין דער ווירקלעכקייט געווען אַזאַ. דאָס רעוואָלוציאָנערע פּראַנקרייך האט זיך פאַרטיידיקט פון דער רעאקציאָנערמאָנארכיסטישער אייראָפּע. ניט אין די יאָרן 1792—1793, נאָר מיט אסאך יאָרן שפּעטער, נאָכן ניצחאָן פון דער רעאַקציע אין לאַנד גופע, האט נאַפּאָלעאָנס קאָנטר-רעוואלוציאָנערע דיקטאטור פאַרוואנדלט די מילכאָמעס מיצאַד פּראַנקרייך פון פאַרטיידיקונגס אין דעראָבערונגס-מילכאָמעס.

אָט די „שרעקלעכע ווערטלעך״ : „יאַקאָבינעַנטום״ א.ד.גל. דריקן לאַכלוטין גאָרניט ניט אויס, אכוץ אָפּאָרטוניזם. א יאַקאָבינער, וואס איז פעסט צונויפגעבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע פונם פראָלעטאריאט, וועלכער האט באַנומען זיינע קלאַסן-אינטערעסן, דאָס איז אַ רעוואָלוציאנערער סאָציאַל-דעמאָקראַט. דער זשיראָנדיסט, וואס בענקט נאך פראָפעסארן, גימנאַזיסטן, וואס האָט מוירע פאַר דער דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאט, וואס זיפצט נאָך דער אַבסאָלוטער ווערטפולקייט פון די דעמאָקראטישע פאָדערונגען, — דאָס איז אַן אָפּאָרטוניסט. בלויז די אָפּאָרטוניסטן קאָנען נאָך בא היינטיקן טאג זען א סאַקאָנע אין די פאַרשווערערישע אָרגאַניזאציעס, ווען דער געדאַנק וועגן פאַרשמעלערן דעם פּאָליטישן קאַמף ביז א פאַרשווערונג איז אָפּגעווארפן געוואָרן, איז לאַנג דורכן לעבן אָרויסגעשטופּט געוואָרן, ווען די קאַרדינאלע וויכטיקייט פון דער פּאָליטישער מאַסן-אגיטאציע איז קלאָר געווארן און צעקייט געווארן ביז צו נודאָטע. דער רעאַלער גרונט פון דער מוירע פאר פאַרשווערערשאַפט, פאר בלאַנקיזם איז ניט דער אָדער יענער אויפגעדעקטער שטריך פון דער פראַקטישער באַוועגונג (ווי בערנשטיין און קאָמפּ. באַמיען זיך לאַנג און אומזיסט צו באווייזן), נאָר די זשיראָנדיסטישע פּאַכדאָנעס פונם בורזשואַזן אינטעליגענט, וואס זיין פסיכאָלאָגיע רייסט זיך אַזוי אָפט דורך צווישן די מאָדערנע סאציאַל-דעמאָקראטן. עס איז ניטאָ קיין קאָמישערע זאַך, ווי אָט די אָנשטרענגונגען פון דער נייער „איסקראַ״ צו זאָגן א ניי וואָרט, וואָס איז הונדערטער מאָל בעשאַיטוי געזאָגט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ וואָרענונג קעגן דער טאַקטיק פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאנערן-פאַרשווערער פון די פערציקער און זעכציקער יאָרן (נומער 62, לייטאַרטיקל). אינם נאָענטסטן נומער „איסקרא״ וועלן די זשיראָנדיסטן פון דער מאָדערנער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וואַרשיינלעך אונז אָנווייזן אַזאַ גרופּע פראנצויזישע פארשווערער פון די פערציקער יאָרן, וואָס פאר איר איז די באַדייטונג פון פּאָליטישער אגיטאַציע אין די אַרבעטער-מאַסן, די באַדייטונג פון די אַרבעטער-צייטונגען, אַלס דער באַזיס צו ווירקן אַפן קלאַס מיצאַד דער פאַרטיי, — שוין פון לאַנג אן אן אויסגעלערנטער און איבערגעכאַזערטער אַלעפבייס.

---

14. באבעף און די באבואוויסטן.

דער מאניפעסט פון די גלייכע.

„פראַנצויזיש פאָלק !

אין מעשעך פון פופצן יאָרהונדערט האָסטו געלעבט אין קנעכטשאַפט און דו ביזט מעמיילע געוועזן אומגליקלעך. און אָט איז שוין זעקס יאָר, ווי דו כאַפּסט קוים איבער דעם אָטעם, וואַרטנדיק אַף אומאָפּהענגיקייט, גליק און גלייכהייט.

די גלײַכהײט איז די ערשטע פֿאָדערונג פֿון דער נאַטור, די ערשטע באַדערפעניש פֿונם מענטשן און דער גרונט-רינג פֿון יעדער געזעצלעכער געזעלשאַפֿט. פֿראַנצויזיש פֿאָלק, דיר האָט אָפּגעגליקט ניט מער, ווי די איבעריקע פֿעלקער, וואָס ווערן פֿאַרשוואַרצט אַף אָט דעם שלימאַזלדיקן ערדקוגל. שטענדיק און אומעטום האָט דער אומגליקלעכער מענטשלעכער מין, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רעשוס פֿון מער אָדער ווייניקער פֿלינקע מענטשנפֿרעסער, געדינט אַלס שפּילצייג פֿאַר יעדן ערגייץ, אַלס שפּייז פֿאַר יעדער טיראַניע, שטענדיק און אומעטום האָט מען די מענטשן פֿאַרוויגט מיט שיינע ווערטער, אָבער קיינמאָל און אין ערגעץ האָבן זיי ניט באַקומען קיין מאַסים צוזאַמען מיט די ווערטער. פֿון די אוראַלטע צייטן האַלט מען אין איין טאַינען צו אונז צוויעסדיק: „די מענטשן זיינען גלייך", און פֿון די אוראַלטע צייטן דריקט פֿרעך אַפּן מענטשלעכן מין די סאַמע דערנידערנדיקע, די סאַמע אויסטערלישע אומגלייכהייט. זינט עס עקזיסטירט די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט, ווערט פֿאַר איר אומשטרייטבאַר אַנערקענט אָט דאָס שענסטע פֿאַרמעגנס פֿונם מענטשן, אָבער נאָך קיינמאָל האָט עס נאָך ניט געקאָנט פֿאַרווירקלעכט ווערן. אין דער ווירקלעכקייט איז די גלייכהייט געווען ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ שיינע און פֿרוכטלאָזע יורידישע פֿיקציע. און איצט, ווען מיר פֿאָדערן מער אַנטשלאָסן, ענטפֿערט מען אונז: „ווערט אַנטשוויגן, אומגליקלעכע", די פֿאַקטישע גלייכהייט איז בלויז אַ כימעריע, באַנוגנט זיך מיט אַ טנאַי-גלייכהייט: איר זייט אַלע גלייך פֿאַרן געזעץ. האָמוין, וואָס דאַרפֿסטו נאָך?

וואָס דאַרפֿן מיר נאָך? געזעצגעבער, רעגירער, רייכע, אייגנטימער, איצט הערט איר זיך איין.

מיר זיינען אַלע גלייך, ניט אַזוי! דערדאָזיקער פּרינציפּ בלייבט אומבאַשטרייטבאַר, ווייל, אויב מע זאָל ניט זיין געריירט פֿונם זין, קאָן מען ניט ערנסט באַהויפּטן, אַז אַף דרויסן איז נאַכט, בעשאַס עס איז טאָג.

איז אָט, פֿון היינט אָן האָבן מיר בעדייע צו לעבן און שטאַרבן אַלס גלייכע, אַזוינע, ווי מיר זיינען געבוירן געוואָרן. מיר פֿאַרלאַנגען אָדער ווירקלעכע גלייכהייט אַדער דעם טויט, אָט וואָס מיר דאַרפֿן, און מיר וועלן זיך דאָס דערשלאָגן, אָט די ווירקלעכע גלייכהייט, וואָס פֿאַר אַ פּרייז דאָס זאָל אונז ניט קאָסטן. ווי צו יענע, וואָס וועלן אונז פֿאַרצאַמען דעם וועג צו איר, ווי צו יענעם, וואָס וועט זיך נעמען קעגנשטעלן דעם פֿאַרלאַנג, וואָס איז אַף אַזאַ אויפֿן פּראָקלאַמירט געוואָרן.

די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז בלויז דער פֿאָרלויפֿער פֿון אַ גרעסערער און גראַנדיעזערער רעוואָלוציע, וועלכע וועט שוין זיין די לעצטע.

דאָס פֿאָלק האָט דערשטיקט די קיניגן און גאַלאָכים, וואָס האָבן זיך קעגן אים פֿאַראייניקט. דאָס זעלבע וועט אויך זיין מיט די נייע טיראַנען און נייע פּאָליטישע צוואַקעס, וואָס האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַפּן אָרט פֿון די אַלטע. וואָס נאָך דאַרפֿן מיר, אַכוץ דער יורידישער גלייכהייט?

מיר דאַרפֿן אָט די גלייכהייט, ניט נאָר אַ פֿאַרשריבענע אין דער דעק-

לאראַציע פון די רעכט פונם מענטשן און בירגער. מיר ווילן, אַז זי זאָל זיין צווישן אונז, אונטערן דאַך פון אונזערע וואוינונגען.

צוליב איר זיינען מיר אַף אַלץ מערוצע. מיר זיינען גרייט פון אַלץ צו מאַכן אַ טעל, אַבי נאָר זי זאָל בלייבן באַ אונז. אויב מע דאַרף, טאָ זאָל אומקומען די גאַנצע קונסט, אַבי נאָר באַ אונז זאָל בלייבן דיווירקלעכע גלייכהייט.

געזעצגעבער און רעגירער, וואָס איר זייט פונקט אַזוינע טויגעניכטסן ווי געוויסנלאָזע, און רייכע און אַכזאָריעסדיקע אייגנטימער, אומזיסט פּרואווט איר זיך פּאַראַליזירן אונזער הייליקע אונטערנומענע זאַך, זאָגנדיק: „זיי רוקן פּאָשעט ווידער אַרויס אָט דאָס אַגראַרע געזעץ, וואָס האָט זיך שוין ניט איין מאָל געפּאָדערט פון זיי״.

רכילעס-טרייבער, ווערט אַנטשוויגן, איצט הערט אויך איר אויס אין אַ שולדיקן שטילשווייגן אונזערע פּאָדערונגען, וואָס זיינען דיקטירט דורך דער נאַטור און זיינען געגרינדעט אַף דער גערעכטיקייט.

דאָס אַגראַרע געזעץ אָדער דער ערד-איבערטייל איז געווען אַ פּאַרביי-לויפיקער וואונש פון אייניקע פּרינציפּלאָזע סאָלדאַטן, פון אייניקע פעלקער, וועלכע ווערן געטריבן גיכער דורכן אינסטינקט, איידער דורכן פאַרשטאַנד. מיר שטרעבן צו אַ העכערן און גערעכטיקערן ציל, דעהאינע: צום קאָ-לעקטיוון אייגנטום. אַראָפּ דאָס פּריוואַט-אייגנטום אַף ערד, די ערד איז קיינעמס ניט.

מיר פּאָדערן און ווינשן, אַז אַלע זאָלן זיך באַנוצן מיט די פּרוכטן פון דער ערד, דידאָזיקע פּרוכטן געהערן אַלעמען.

מיר דערקלערן, מיר קאָנען ווייטער ניט דולדן, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט מענטשן זאָל האָרעווען, אָפּגיסנדיק זיך מיט שוויים, צוליב די נוצן און פּאַרגעניגנס פון אַן אומבאַדייטנדיקער מינדערהייט.

גענוג לאַנג און אַפילע צו-לאַנג באַלעבאַטעווען ווייניקער פון אַ מיליאָן מענטשן איבער דעם, וואָס געהער מער פון צוואַנציק מיליאָן אַזוינע, וואָס זיינען ענלעך צו זיי, וואָס זיינען גלייך מיט זיי.

זאָל ענדלעך נעמען אַ סאָף צו אָט דער העסלעכקייט, וואָס אונזערע אייניקלעך וועלן ניט וועלן גלויבן אין איר עקזיסטענץ. זאָל ענדלעך פאַר-שוואונדן ווערן די סקאַנדאַליעזע טיילונג אין רייכע און אָרימע, אין כאַשעווע און פּאָשעטע, אין הערן און דינער, אין רעגירנדיקע און רעגירטע.

זאָל ניט זיין קיין אַנדער אונטערשייד צווישן די מענטשן, אַכוץ דעם עלטער און געשלעכט. אַזוי ווי באַ אַלע מענטשן זיינען דיזעלבע באַדערפענישן און דיזעלבע פעאיקייטן, זאָל זשע די דערציאונג און דערנערונג באַ זיי אויך זיין דיזעלבע. זיי באַנוגענען זיך מיט איין זון און מיט איין לופט פאַר אַלעמען: פאַרוואָס זשע זאָל יעדערער פון זיי זיך ניט קאָנען באַפרידיקן מיט אַ גלייכן סכום שפּייז פון איין און דערזעלבער קוואַליטעט?

אָבער די סאָנים פון דער סאַמע נאַטירלעכער אָרדענונג, וואָס מע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, דאַרשענען שוין קעגן אונז.

צעשטערער און בונטן-מאַכער, רופן זיי אונז. איר ווילט נאָר רעציכעס און רויבערייען.

פראַנצויזיש פאָלק!

מיר ווילן ניט פאַרלירן קיין צייט אָף צו ענטפערן זיי, דיר אָבער ווילן מיר זאָגן: די הייליקע זאַך, וואָס מיר אָרגאַניזירן, האָט נאָר איין ציל — מאַכן אַ סאָף מיט דער בירגערלעכער מאַכלויקעס און מיט דער אָרימקייט פונם פאָלק.

קיינמאָל איז ניט אונטערגענומען און פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ בריי-טערער פלאַן.

פון צייט צו צייט נאָר פלעגן איינצלנע געאוינים און כאַכאָמים ריידן וועגן דעם אָף אַ שטילן ציטערנדן קאָל. קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין מוט אַרויסצוזאָגן דעם עמעס ביזן סאָף.

עס איז שוין צייט אַריבערצוגיין צו אַנטשלאָסענע מאָסמיטלען.

דאָס שלעכטס האָט שוין דערגרייכט זיין אַפּאָגיי. דאָס האָט זיך שוין פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד. צופיל יאָרהונדערטער הערשט אָף איר כאַאָס אונטערן נאָמען פון פּאָליטיק. זאָל זשע אַלץ אַריין אין דער אָרדענונג און נאָרמע. זאָלן אָפן רוף פון גלייכהייט זיך אָרגאַניזירן אַלע עלעמענטן, וואָס שטרעבן צו גערעכטיקייט און צו גליק. עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט צו גרינדן די רעפּובליק פון די גלייכע, אָט דאָס הייליקע הויז, וואָס איז אָפן פאַר אַלע מענטשן. עס זיינען אָנגעקומען די טעג פון אַלגעמיינער באַ-נייאונג. קרעכצנדיקע פאַמיליעס, גייט צום אַלגעמיינעם טיש, וואָס די נאַטור האָט געגרייט פאַר אַלע אירע קינדער.

פראַנצויזיש פאָלק!

לויט וואָס פאַר אַ סימען דאַרפסטו פון היינט אָן דערקענען די מאילע פון וועלכער ניט איז קאָנסטיטוציע? בלויז יענע קאָנסטיטוציע, וואָס איז פולשטענדיק געגרינדעט אָף דער פאַקטישער גלייכהייט, קאָן זיין צוגעפּאַסט צו דיר און באַפרידיקן אַלע דיינע ווונשן.

די אַריסטאָקראַטישע כאַרטיעס פון די יאָרן 1791 און 1795 האָבן נאָר פעסטער צוגעשמידט דיינע קייטן, אַנשטאָט זיי צערייסן.

די קאָנסטיטוציע פון 1793 יאָר איז געווען אַ באַדייטנדיקער שריט פאָרויס צו דער ווירקלעכער גלייכהייט. קיינמאָל איז נאָך די מענטשהייט ניט צוגעקומען אַזוי נאָענט צו איר. אָבער אויך אָט יענע קאָנסטיטוציע האָט נאָך ניט דערגרייכט דעם ענדציל און האָט נאָך ניט געגעבן יענעם אַלגעמיינעם גליק, וואָס זיין גרויסן פרינציפּ האָט זי פייערלעך באַשטימט אַלס געזעץ.

פראַנצויזיש פאָלק!

עפן אויף די אויגן און דאָס האַרץ אָף דער פולער גליקזעליקייט, אַנערקען און פראָקלאַמיר צוזאַמען מיט אונז די „רעפּובליק פון די גלייכע".

15. דער טאָך פון באַבעפס דאָקטרינע.

„1. די נאטור האָט געגעבן איטלעכן מענטשן גלייכע רעכט צו באַנוצן זיך מיט קאָלערליי גיטער.

2. דער צוועק פון דער געזעלשאפט איז—צו פאַרטיידיקן אָט די גלייכהייט, וואָס אין נאַטירלעכן צושטאַנד אירן שטייט זי אויס אָנפאַלן פון די שטארקע און בייזע, און אויך צו פאַרגרעסערן מיט דער מיטהילף פון דעם קלאַל דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד.

3. די נאַטור האָט אַרויפגעלייגט אַף איטלעכן מענטשן אַ כויוו צו האָרעווען. קיינער האָט ניט געקענט אויסדרייען זיך פון אַרבעט, ניט באַגייענדיק דערמיט גופע קיין פאַרברעך.

4. אַרבעט און געברויך דאַרפן זיין אַלגעמיין פאַר אַלעמען.

5. אונטערדריקונג קומט פאָר, ווען איינער צערייסט זיך אַרבעטנדיק און ליידט דאַכקעס אין אַלץ, בעאייס דער אַנדערער טוט גאָרנישט און באָדט זיך אין לוקסוס.

6. קיינער קען ניט פאַרכאַפן קיין ערד-אייגנטום אָדער אינדוסטריע-אייגנטום אַלס אויסשליסלעך זיין אייגנס, ניט באַגייענדיק דערמיט גופע קיין פאַרברעך.

7. אין אַן עמעסער געזעלשאַפט דאַרף ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרימע.

8. רייכע, וואָס ווילן זיך ניט אָפּזאָגן פון זייערע מויסרעס לעטוויוועס די ניט פאַרמעגלעכע, זיינען סאָנים פון פאָלק.

9. קיינער האָט קיין רעכט ניט, אָנזאַמלענדיק אַלע מאַטעריעלע מיטלען, איבערלאָזן די אַנדערע אָן אויפקלערונג, וואָס איז נויטיק פאַר זייער גליק; בילדונג דאַרף זיין פאַר אַלעמען.

10. דער ציל פון דער רעוואָלוציע איז צו פאַרניכטן די אומגלייכהייט און אויפשטעלן דאָס אַלגעמיינע גליק.

11. די רעוואָלוציע איז נאך ניט פאַרענדיקט, וואָרום די רייכע פאַרכאַפן אַלע גיטער און האָבן אַ אויסשליסלעכע מאכט בעאייס די אָרימעלייט האָרעווען ווי די קנעכט, גייען אויס אין דאלעס און האָבן אין דער מלוכע קיין שום באַטרעף ניט.

12. די קאָנסטיטוציע פון 1793 יאָר איז פאַר די פראַנצויזן אַף אַן עמעס אַ געזעץ, וואָרום דאָס פאָלק האָט זי פייערלעך באַשטעטיקט; וואָרום דער קאָנווענט האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו ענדערן זי; וואָרום קעדיי צו דערשלאָגן זיך עס, האָט ער געהייסן צעשיסן דאָס פאָלק, וואָס האָט געפאָדערט, מע זאָל זי אָנווענדן; וואָרום ער האָט פאַרטריבן און געטויט די דעפוטאַטן, וואָס האָבן, פאַרטיידיקנדיק זי, געטאָן זייער כויוו; וואָרום דער טעראָר קעגן פאָלק און דער איינפלוס פון די עמיגראַנטן האָבן אָנגעפירט מיט דער צונויפשטעלונג און דער קלוימערשטער באַשטעטיקונג פון דער קאָנסטיטוציע פון 1795 יאָר, וואָס האָט ניט געהאַט אַפילע קיין פערטכיילעך ווילער-שטימען, וואָס

די קאָנסטיטוציע פון 1793 יאָר האָט געקראָגן; וואָרום די קאָנסטיטוציע פון 1793 האָט סאַנקציאָנירט דאָס ניט אָפּנעמבאַרע רעכט פון יעדן בירגער צו געבן זיין האַסקאָמע אַף די געזעצן, צו פאַרווירקלעכן זיינע בירגערלעכע רעכטן, האָבן דאָס רעכט אַף פאַרזאַמלונגען, פאָדערן דאָס, וואָס ער האַלט פאַר נויטיק, און ניט שטאַרבן פון הונגער; דידאָזיקע רעכטן זיינען אָפן און איינגאַנצן צעשטערט געוואָרן דורך דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן אַקט פון 1795 יאָר.

13. די קאָנסטיטוציע פון 1793 יאָר איז מעכאַיעוו איטלעכן בירגער אויפצושטעלן און פאַרטיידיקן דעם ווילן און דאָס גליק פון פאָלק.

14. אַלע מאַכט-אָרגאַנען, וואָס די קלוימערשטע קאָנסטיטוציע פון 1795 יאָר האט איינגעשטעלט, זיינען אומגעזעצלעך און קאָנטר-רעוואָלוציאָנער.

15. די, וואס האבן אויפגעהויבן אַ האַנט אַף דער קאנסטיטוציע פון 1793 יאר, זיינען שולדיק אין פאַרלעצן דעם פאלקס סואווערעניטעט".

ליטעראַטור.

1. **Олар**: „Политическая история французской революции“ (краткая).

2. **קראפּאָטקין**: „די פראַנצויזישע רעוואָלוציע“.

3. **Книга для чтения** по истории нового времени, т. 4.

4. **Блос**: „Французская революция“.

5. **Тарле**: „Рабочий класс и крестьянство во французской революции“ (краткая).

6. **Жбанков**: „История заговора равных“.

7. **Н. Лукин**: „Максимилиан Робеспьер“.

8. **Степанов**: „Жан-Поль Марат“.

9. **Жорес**: „История Великой Фр. Революции“ т. III.

10. **Лукин**: „Учебник новейшей истории“.

11. **Ц. Фридлянд**: „Лекции по истории современной Европы“ ч. I.

אינהאלט.

זייט

האקראָמע 3

קאפיטל I. די אינדוסטריעלע איבערקערעניש (ענגלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון דעם 18-טן יאָרהונדערט). 9

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן:

1. דער נאוויגאציאָנס-אַקט (9 אָקטיאבר 1651 יאָר). 37
2. „די שאָף האָבן אויפגעגעסן די מענטשן". 38
3. די פויערים ווערן באגאזלט אָף אַ פּאַרלאַמענטישן אויפן . 40
4. די „שפּילקעס מאַנופאַקטור" 41
5. די רעוואָלוציאָנערע באדייטונג פון דער מאַשין. דער אַרבעטער און די מאַשין 43
6. דער רעכט-ביל פון 1689 יאָר 47
7. אַדאַם סמיט קעגן באַגרעניצונגען פון אינדוסטריעלער און האַנדל-טעטיקייט 48
8. גאָדווין וועגן אייגנטום און פערזענלעכער פרייהייט . . . 50
9. דער קאַפּיטאַליסטישער אויפבלי פון ענגלאַנד צום סאָף פון 18-טן יאָרהונדערט 52

ליטעראַטור 54

קאפיטל II. פראַנקרייך ערעוו דער גרויסער רעוואָלוציע 57

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן:

1. דער אויסערן-האַנדל פון פראַנקרייך פאַר די יאָרן 1787-1715 85
2. די שטערונגען פאַרן אינעווייניקסטן האַנדל אין פראַנקרייך בא דער אַלטער אָרדענונג 86
3. די שטערונגען פאַר דער אינדוסטריעלער טעטיקייט . . . 87
4. דער ערד-באזיץ אין פראַנקרייך 89
5. די קלאַסן אין פראַנקרייך ערעוו דער רעוואָלוציע . . .
   - א. דער אַדל 92
   - ב. וואָס איז אַזוינס דער דריטער שטאַנד? 93
   - ג. די טאַינעס פון די פויערים 95
   - ד. פון די טאַקאַנעס פון געזעלן-פאַריין (צווייטע העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט) 98
6. פרייהייט פון געוויסן 102
7. מאָנטעסקיע „וועגן דער צעטיילונג פון די מאכטן" . . . 104
8. פון רוסאָס טראַקטאַט. „וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך" . 105
9. די אָפּשטאַמונג פון אומגלייכהייט 107
10. מאַבלי וועגן דאָס ערד-אייגנטום אַלס דעם מאָקער פון שלעכטס . 109

ליטעראַטור 111

קאפיטל III. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע . . . . . .

די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג (קאָנסטיטואַנטע) און די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג (לעגיסלאַטיווע) 115

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן:

1. אָנזאָג פון פּאַריזער באַצירק (אויסצוגן) 141
2. אָנזאָג פון דער דאָרפישער קעהילע נ א ז ע אין שאַמפּאַן . . 144
3. די באַשטימונג פון 17 יוני 1789 יאָר 146

4. פון דעם דעקרעט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וועגן באַטל מאַכן די פּריווילעגיעס און פעאָדאַלע רעכטן דעם 11-טן אויגוסט 1789 יאָר 147
5. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג און דאָס פּויערטום 149
6. אַ בריוו פון די אַרבעטער צו מאַראַטן 151
7. דאָס געזעץ פון לע-שאַפּעליע 154
8. דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטש און בירגער (דעם 27-טן אויגוסט 1789 יאָר) 156
9. פון דעם מאַניפעסט פון דעם הערצאָג פון בראַונשווייג (25 יולי 1792 יאָר) 158
10. דער קיניג און די קאָנטר-רעוואָלוציע (פון ווערניעס רעדע דעם 3-טן מאַי 1792 יאָר) 160
11. באַקאַשע צו די פאָטערס-סענאַטאָרן אָדער גרונטיקע פאָדערונגען פון די, וואָס האָבן גאָרניט, צו די, וואָס האָבן אַלץ . . . 161
12. מאַראַט וועגן 10 אויגוסט 165

קאַפּיטל IV. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע

דער קאָנווענט 171

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן:

1. מאַראַט וועגן די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע 199
2. א. דעקרעט פון 19 נאָיאַבר 1792 202
ב. דעקרעט פון 16 דעקאַבר 1792 יאָר . . . . „
3. די זשיראָנדיסטן און יאַקאָבינער 205
4. וועגן די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן רעגירן (פאַרטראָג פון מ. ראָבעספּיער דעם 25/XII 1793 יאָר) 210
5. דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטש און בירגער פון 1793 יאָר 212
6. די טעראָריסטישע געזעצן . . . .
א. דער דעקרעט פונם קאָנווענט וועגן די פאַרדעכטיקע פון 17/IX 1793 יאָר 215
ב. דאָס געזעץ פון 22 פּרעריאַל 216
ג. וועגן דער פּרעסע (דער דעקרעט פון 29 מאַרס 1793 יאָר) 217
ד. דער דעקרעט פון 9 יולי 1794 יאָר 218
7. דאָס געזעץ וועגן מאַקסימום פון 29 סענטיאַבר 1793 יאָר . 218
8. דער דעקרעט, וואָס איז מעוואַטל אָן קאָמפּענסאַציע אַלע געוועזענע סענייאָראַלע פּליכטן, די פעאָדאַלע רעכט און די רעכט אַף ערד-צינזן (17-18 יולי 1793 יאָר) 221
9. מאַראַט וועגן דער אַרבעטער-און אַגראַר-פראַגע 222
10. דאַנטאָן וועגן אייגנטום-רעכט. קאָנווענט, 21 סענטיאַבר 1792 יאָר 226
11. די רעדע פון זשאַק רו בא דער גראַטע פונם קאָנווענט דעם 25 יוני 1793 יאָר 228
12. דער קולט פון „העכסטן וועזן“ (דעקרעט פון 18 פלאָרעאַל 2-טן יאָר 229
13. די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער דיקטאַטור פון די יאַקאָבינער
א. מאַרקס וועגן די יאַקאָבינער 231
ב. לענין וועגן די יאַקאָבינער 232
14. באַבעף און די באַבואוויסטן. דער מאַניפעסט פון די גלייכע 234
15. דער טאָך פון באַבעפס דאָקטרינע 238
ליטעראַטור 239

צ. פרידלאַנד און א. סלוצקי

געשיכטע
פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג
אין מאירעו-איירא‌פּע
(1923—1789)

לערנבוך און כרעסטאָמאַטיע

צווייטער טייל

(1848—1815)

צענטראַלער פאַרלאַג פאַר די פעלקער פון פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע 1925

PRINTED in U.S.S.R.

Набрано и отпечатано в типографии
„Дер Эмес“, Москва, Покровка 9
в количестве 5.000 экз.
Главлит № 48390.

קאַפּיטל V

דער טשאַרטיזם

ענגלאַנד נאָך די מילכאָמעס מיט נאַפּאָלעאָנען.

די ערשטע העלפט פון דעם 19-טן יאָרהונדערט איז די רייכסטע עפּאָכע אין דער נייסטער געשיכטע פון ענגלאַנד בענוגייע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. די אינדוסטריעלע איבערקערעניש, די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, האָט זיך פאַר-ענדיקט אין לאנד ערשט צו די 50-קער יאָרן, ווען עס האָט זיך ענדגילטיק אויסגעפאָרמירט די הייִנטיקע בורזשואַזע מלוכע. פון סאָף 18-טן יאָרה. האָט זיך געפאָרמירט דאָס „נייע ענגלאַנד". און אויב אין דעם 18=טן יאָרה. האָט די מעדינע ניט געוואוסט פון קיין ערנסטע פּאָליטישע אויפטרייסלונגען, איז אָבער נאָך די ענגליש-פראנצויזישע מילכאָמעס טרעט זי אריין אין אַ פעריאָד פון די סאמע פארביטערטע פּאָליטישע שלאכטן. אַסאַך יאָרן איז ענגלאנד געשטאנען בעראָש פון דער אייראָפּעאישער קאָאַליציע קעגן דער פראנצויזישער רעוואָלו-ציע. זי האָט געשטרעבט צו דער עקאָנאָמישער אויבערהאנט איבער דער וועלט, און סאָפּקאָלסאָף האָט די קאפּיטאַליסטישע מאכט אירע געגעבן איר דעם ני-צאָכן איבער פראנקרייך. דער שאָלעם מיט פראנקרייך האָט איר געגעבן אַ ריי קאָלאָניעס, קיין בארויקונג אין לאנד האָט ער אָבער ניט געבראכט.

אין דער עפּאָכע פון די מילכאָמעס און אומיטלבאַר נאָך נאַפּאָלעאָנס עפּאָכע האָט די ענגלישע רעגירונג, מוירע האָבנדיק פאַר אַ פּאָלקס=באַוועגונג, ניט פאַרגרעסערט די פּאָליטישע פרייהייט, פארקערט, זי האָט נאָך אָפּגעשאפט דאָס ביסל, וואָס איז געשאפן געוואָרן אין די פריערדיקע יאָרן. ענגלאנד האָט נאָך געהאט איבערצולעבן איר רעוואלוציע. אָבער דערוויַיל האָט טריאומפירט די רעאַקציע. דער שאָלעם מיט פראַנקרייך האָט דידאָזיקע רעאקציע פארשטארקט. פאר די רייכע האָט ער געבראכט די אָפּשאפונג פון האכנאָסע-שטייער, און די ערד-אייגנטימער האָט ער געגעבן אַ נייע פרעמיע אין דער פאָרם פון דעם געזעץ וועגן אַ גרעניץ=אָפּצאָל אַף אריינגעפירטן ברויט (1815). דערדאָזיקער געזעץ האָט פארזיכערט פאַר די ערד-אייגנטימער הויכע מעקאָכים אַף ברויט. דער אריינפיר פון אויסלענדישן ברויט אין לאנד איז קימאט פארווערט געוואָרן (די „ברויט-געזעצן"). דער שאָלעם מיט פראנקרייך האָט מיט זיך געבראכט אויך אַן אינדוסטריעלן קריזיס: די ארמיי ארבעטסלאָזע איז געוואקסן. יאָרן פון אומגערעטעניש און די אומגעהויערע לאסט פון שטייערן האָבן די מאָס געמאָכט פאר פול. איינע פראָצענטן אַף כויוועס האָט ענגלאנד געמוזט צאָלן 300 מיליאָן פ. סט. אַ יאָר. די אומצופרידנקייט פון דער בורזשואַזיע מיטן פּאָליטישן

סיידער און די נויט פון די מאסן אַפּן באַדן פון דעם אלץ וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם, דאָס זיינען געווען די סיבעס פון די פאָלקס-באַוועגונגען נאָך דער מילכאָמע. אין די יאָרן 1816 און 1819 האָט זיך דידאַזיקע באַוועגונג אויסגעגאָסן אין אַ באַוואָפנטן צוזאמענשטויס פון די פאָלקס-מאַסן מיטן מיליטער, און די „שלאַכט בא פיטערלאָו" (אין 4 יאָר אַרום נאָכן שלאכט בא וואַטערלאָאָ מיט נאַפּאָלעאָנס ארמייען), ווי מע האָט מיט לעצאָנעס אָנגערופן די צעשיסונג פון אַ פאָלקס-מיטינג אין 1819 יאר, האט די רעאקציע נאר פאַרשטארקט. די „זעקס אַקטן", וואס דער פארלאמענט האט אנגענומען, האבן אפגעשאפט אלע „פרייהייטן" אין ענגלאנד: דאס רעכט פון פאַרזאמלונגען, אומבאַרירלעכקייט פון פערזאָן א. אז. וו. אבער דער פאליטישער קאמף פון די פאלקס-מאַסן מיט דער רעגירונג האט זיך ערשט אנגעהויבן. דער אלגעמיינער כאראקטער פון דעם רעוואלוציאנערן קאמף אין ענגלאנד אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19-טן יארהונדערט וועט אונז ווערן קלאר, ווען מיר וועלן האָבן אין זינען, אז דאס איז געווען די צייט פון דעם ניצאכן פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל און דער בורזשואזער מלוכע. דעריבער איז די קאוואנע פון דעם פאליטישן קאמף געווען, ערשטנס, ענדגילטיק אויסצופארמירן די בורזשואזע מלוכע און, צווייטנס, באפרידיקן די אינטערעסן פון דעם פילצאליקן קלאס פראלעטאריער, וואס דער קאפיטאליזם האט באשאפן. דער קלאסן-קאָמף פון דער בורזשואזיע מיט דער אַריסטאָקראטישער אָרדענונג פון דער אַלטער ענגלאנד גייט דא האנט בא האנט מיטן קאמף פון דעם פראלעטאריאט אנטקעגן דער בורזשואזיע. אין צענטר פון דעם פראָלעטארישן קאמף פאַר דעמאקראטיע, זיין העכסטער פונקט, איז געווען דער טשאַרטיזם. אין דער טשאַרטיסטישער באוועגונג טרעט דער פראלעטאריאט ארויס צום ערשטן מאל, ווי אַ זעלבשטענדיקער פאליטישער קויעך אין דער מלוכע פון דער טריאומפירנדיקער בורזשואזיע.

די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לאַגע פון ענגלאַנד אין דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט.

קעדיי צו פארשטיין דעם גאנג פון דעם פאליטישן קאמף אין ענגלאנד אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19-טן יארהונדערט, דאַרף מען זיך קוידעמקאָל קלאר מאכן די עקאנאמישע לאגע אין לאנד און פעסטשטעלן די הויפט-קלאסן, וואס האבן געקעמפט.

די מאשין אין דער טעקסטיל-פראדוקציע פון ענגלאנד האט זיך באַוויזן נאָך אין סאָף 18 יאָרהונדערט, אָבער ערשט אַרום דעם יאָר 1815 ווערט די אָנווענדונג אירע אין דער וואָל-אינדוסטריע אַ מער אָפטע דערשיינונג. אין די יאָרן 1825—1835 הויבט מען אָן באַנוצן מעכאַנישע וועבשטולן אין דער פראָדוקציע פון וואָל-ארטיקלען. אין דערזעלביקער צייט הויבט זיך אָן אַ ברייטע אָנווענדונג פון דאַמף און טעכנישע אויסבעסערונגען אין אַלע צווייגן פון אינדוסטריע. „אין 1812 יאָר איז אַ שפינער געווען בעקויעך צו פראָדוצירן אין 200 מאָל מער, איידער פריער, פאַר דער דערשיינונג פון דער מאַשין —

„דזשעני”; אַ וועבער, וואָס האָט געאַרבעט אַף אַ מעכאַנישן וועבשטול,
פלעגט איצטער שאַפן אַזויפיל, וויפל 40 געניטע האַנט-וועבער”. אַנאַלאָגישע
רעזולטאַטן זיינען דערגרייכט געוואָרן אויך אין דער מעטאַלורגיע, אַדאַנק די
טעכנישע אויסבײַסערונגען. „בײַ די פריערדיקע פּראָצעסן פון אויסאַרבעטן אייזן
איז נויטיק געווען 3 וואָכן, קעדיי צו באַקומען 10 טאָן טשוגון; נאָכדעם ווי
מע האט אָנגעהויבן אָנווענדן דעם מעטאָד פון פּודלינגירן, איז צוליב דעם גענוג
געווען 3 טעג. דער באַנוץ פון קוילן אנשטאָט האלץ צום הייצן, די פּאַרפּול-
קומטע מיטלען פון גיסן שטאָל, וואַלצן אייזן א. אז. וו. זיינען געווען די סי-
בעס פון פּראָגרעס אין מעטאַלורגיע. עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז דער פּראָ-
צעס פון דער פאַרשפּרייטונג פון מאַשינען אין ענגלאנד איז לעכאַטכילע (ביז
די 20-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט) געווען זייער אַ לאַנגזאַמער, און ערשט
פון דעם צווייטן פערטל 19-טן יאָרהונדערט איז ער געוואָרן אַזאַ שנעלער און
אַלגעמיינער, אַז אינגיכן איז בעפּויעל מאַמעש ניט געבליבן קיין איין מער
אָדער ווייניקער וויכטיקע צווייג פון פּראָדוקציע, וואוהין די מאַשין זאָל
ניט אַריינדרינגען. אַפן געביט פון מאַשין-טעכניק איז ענגלאנד אַ לאַנגע צייט
פאַרבליבן דער מאָנאָפּאָליסט פון אייראָפּע. אַפן קאָנטינענט איז די אַרויסשטוי-
סונג פון האנט-פּראָדוקציע דורך מאַשין-פּראָדוקציע, דער פאַרבייט פון קוסטאַר-
אינדוסטריע און מאַנופאַקטור אַף פאַבריק- און זאַוואָד-אינדוסטריע פאָרגעקומען
אַסאַך שפּעטער, און דער פּראָצעס גופע איז אויך געווען פיל לאנגזאַמער, ווי
אין ענגלאַנד. אַדאַנק די מאַשינען האָט דער האנדל און די אינדוסטריע פון
ענגלאַנד דערגרייכט צו אַ געוואלטיקער מאָס. אין די יאָרן 1811—1820 האָט
דער ווערט פון די פּראָדוקטן פון דעם ענגלישן עקספּאָרט אָנגעטראָפן 35,5
מיליאָן פונט סטערלינג, און אין די יאָרן 1841—1850 האָט ער דערגרייכט ביז
131,8 מיליאָן פונט סטערלינג. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די
ענגלישע סכוירעס זיינען געוואָרן אימגעהויער ביליק. דער וואוקס פון דער
אינדוסטריע האָט באשטימט דעם וואוקס פונם האנדל. אין די יאָרן 1819—1821
איז אין דעם פאַרייניקטן קיניגרייך באַאַרבעט געוואָרן 20 מיליאָן פונט באַוול,
און אין די יאָרן 1844-1846 — 588 מיליאָן פונט. פּונקט אַזאַ וואוקס זעען
מיר אויך אין דער מעטאלורגיע. ענגלאַנד האָט ראַדיקאַל געענדערט איר
אויסזעען: דאָס איז געוואָרן אַ לאַנד פון פאַבריק-קוימענס. דער אינדוסטריע-
לער צאָפן האָט איצטער געהאט די אויבערהאנט איבערן ערדאַרבעטערשן
דאָרעם. „אין אַ מעשעך פון 80 יאָר זיינען, ווי דורכן וואונק פון אַ צויבער-
שטעקעלע, אויסגעוואקסן גוואלדיקע שטעט” (ענגעלס). אַזוי איז די באַפעל-
קערונג פון בירמינגאַם אויסגעוואקסן פון 73 טויזנט אין 1801 יאָר ביז 200
טויזנט אין יאָר 1844. דאָס לאַנד איז איצטער געווען דורכגעשניטן מיט באַ-
קוועמע פּארקער-וועגן. עמעס, אייזנבאַנען האָבן זיך באוויזן ערשט אין די 30-ער
יאָרן, אָבער אפילע אַ נעסיע מיטן דיליזשאנס, וואָס אין 1798 יאָר געדויערט
19 שאָ, האָט מיט 40 יאָר שפּעטער געדויערט נאָר 8 שאָ. די מאַשין און מיט
איר אויך די פאַבריק האָבן געפייערט זייער ניצאָכן אין לאַנד. זי האָט ניט
באָר כאָרעוו געמאכט די מעלאָכע און הויז-אינדוסטריע, זי האָט אַפילע די פאַר-

בליבענע פאָרמען פון האנט-אַרבעט צוגעגעבן אַ קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. באַזונדער קרענקלעך איז געווען די ווירקונג פון דעם מעכאַנישן וועבשטול, דעריקער דערפאַר, וואָס ער איז שפּעטער און לאַנגזאַמער פון דעם מעכאַנישן שפּינראָד אַריינגעדרונגען אין דער פּראָדוקציע. די באַדייטונג פון מאַשינען פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס פון ענגלאַנד קען מען זען כאָטש פון אָט די ציפערן. אין די יאָרן 1819—1821 האָט די צאָל אַרבעטער אַף די פאַבריקן פון דער באַוול-וועב-אינדוסטריע דערגרייכט ביז 100.000, און אין די יאָרן 1859—1861 — ביז 203.000; אָבער די צאָל האנט-וועבער איז פאַר דיזעלביקע יאָרן געפאַלן פון 240.000 מאַן ביז 7.500. דאָ מוז מען באַמערקן, אַז דער ניצאָכן פון דער פאַבריק און פון דער מאַשין איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג קימאַט אין אַלע הויפּט-צווייגן פון דער פּראָדוקציע אין לאַנד. די אַנטוויקלונג פון דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם איז באַגלייט געווען דורך אַ גרויסער צאָל קריזיסן. אויב די קריזיסן פון די יאָרן 1799—1811, 1815 און 1818 זיינען, אין אַ געוויסן זינען, געווען אַ פּועל-יוצא פון מילכאָמע אָדער פון די באַדינגונגען נאָך מילכאָמע, זיינען די קריזיסן פון די יאָרן 1826, 1836 און 1847 געווען אַ רע-זולטאַט פון דעם ניצאָכן פון קאַפּיטאַליזם אין לאַנד. די לעצטע קריזיסן זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרקלענערונג פון ענגלאַנדס מערק אין דעם צווייטן פערטל 19-טן יאָרה.: דאָס לאַנד האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַר-לירן די מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע. פונדעסטוועגן, איז ביז דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרה. ענגלאַנדס עקאָנאָמישע איבערהאַנט אין איראָפּע געווען אויסער סאָפּעק. די אינדוסטריעלע קריזיסן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טיפקייט און דויערקייט. אַנדערע האָבן זיך געצויגן צו עטלעכע יאָר. אָפּטע אומגערע-טענישן און פינאַנציעלע אומאָרדענונגען האָבן זיי פאַרטיפט. דאָך, נאָך יעדן קריזיס פלעגט ווידער קומען אַן אינדוסטריעלער אויפשטייג. אַזוי איז נאָכן קריזיס פון 47-טן יאָר געקומען אַ גאַנץ דויערנדיקער פּעריאָד פון שטאַנדהאַפ-טיקייט אין דער לאַגע פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. די קריזיסן זיינען געווען אָפּהענגיק ניט נאָר פון דער באַגרעניצטקייט פון ענגלאַנדס אויסערלעכן מאַרק, נאָר אויך פון דעם אינעווייניקסטן, מאַכמעס דער אומגעהויערער אָרים-קייט פון די מאַסן. און דאָך זיינען די קריזיסן געווען אַ סימן פון דעם וואוקס, אָבער ניט פון דער יערידע פון קאַפּיטאַליזם אין לאַנד.

דעמדאָזיקן בייטן זיך פון די אויפשטייגן און קריזיסן אין דער ענגלישער אינ-דוסטריע אין דער ערשטער העלפט פון 19 יאָרהונד. האט מאַרקס באַשריבן אַף אַזאַ אויפן: „אין די ערשטע 45 יאָר פון דער ענגלישער באַוול-אינדוסטריע, פונם 1770 ביזן 1815 יאָר, זעען מיר בלויז 5 יאָר קריזיס און שטילשטאַנד, אָבער דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון איר וועלט-מאָנאָפּאָל. דער צווייטער 48-יאָריקער פּעריאָד, פונם 1815 יאָר ביזן 1863 יאָר, ציילט בלויז 20 יאָר אויפלעבונג און אויפבלי אַף 28 יאָר געדריקטער לאַגע און שטילשטאַנד. אין די יאָרן 1815 — 1830 הויבט זיך אָן די קאָנקורענץ מיט דער קאָנטינענטאַלער איראָפּע און די פאַראייניקטע שטאַטן. פונם 1833 יאָר ווערט געשאַפן אַ גוואַלדזאַמע פאַרברייי-טערונג פון די אַזיאַטישע מערק מיט דער הילף פון „כאַרעוו מאַכן אַ מענטש-

לעכע ראַסע". זינט דער אפשאַפונג פון די ברויט-געזעצן, פונם 1843 יאר ביזן 1863 יאר, קומט אויס אַף 8 יאר מיטלמעסיקער אויפלעבונג און אויפבלי 9 יאר געדריקטער צושטאנד און שטילשטאנד".

דער קאַפיטאַליזם איז אריינגעדרונגען אויך אין דער לאַנדווירטשאַפט. פון אנהויב 18-טן יארהונדערט ביז דעם יאר 1805 איז אַרומגעצאַמט געווארן 4.187.056 אַקער-ערד, און פון דעם יאר 1801 ביז 1834 איז פארצאַמט — 3.511.770 אַקער. אויך אין דארף, פונקט אזוי ווי אין שטאט, האבן די אינטערעסן פון קאַפיטאַל געקראגן די אויבערהאנט.

די בורזשואַזע רעפאָרמען אין ענגלאַנד.

ענגלאַנד איז מיט טריאומף געגאַנגען אַפן וועג פון קאַפיטאַליזם. פאַר דער בורזשואַזיע איז געווען באַזונדערס וויכטיק אָפצושאַפן אַלע מעניעס אַף איר וועג סאַי אַפן פאָליטישן, סאַי אַפן עקאָנאָמישן פעלד. אין דעם ערשטן קאַ-פיטל האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, ווי אזוי די אַריסטאָקראַטישע פאַרלאַמענטאַ-רישע אָרדענונג פון דער אַלטער ענגלאַנד האָט זיך אויפגעהיט בעאייס דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש. די מאַכט איז געווען אין די הענט פון דער אַגראַרער און געלט-אַריסטאָקראַטיע. די איבעריקע באַפעלקערונג פון דער מע-דינע האָט ניט געהאַט קיין פאַרטרעטערשאַפט אין פאַרלאַמענט. די פּראָווון פון אַ וואַל-רעפאָרם אין דער עפּאָכע פון דעם קאַמף מיט פראַנקרייך האָבן קיין מאַזל ניט געהאַט. נאָכן שאָלעם האָט זיך די פראַגע וועגן ענדערן די וואַל-גע-זעצן געשטעלט אין צענטר פון דער אויפמערקזאַמקייט. די בורזשואַזיע האָט געשטרעבט צו פאָליטישער מאַכט, קעדיי אַרונטערצורייסן דעם אַריסטאָקראַ-טישן רעזשים. די ראַדיקאַלן, אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע, האבן אַנטקעגן „אַלט-ענגלאַנד" אַרויסגעשטעלט דעם אידעאַל פון א דעמאָקראַטישער מלוכע. דער פאָליטישער סיידער פון דער אַלטער ענגלאַנד איז אין אַסאַך זאַכן געווען אַן אומגעלומפערט שטיק אַלטוואַרג. אין פאַרלאַמענט פלעגן פון 658 דעפּוטאַטן 424 לעכאַטכילע באַשטימט ווערן אָדער דורכן מיניסטעריום, אָדער דורך די לאָרדן, אייגנטימער פון „פוילע שטעטלעך". די לאָרדן פלעגן דיקטירן זייער ווילן די וויילער, בעאייס די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע פאַרטרעטערשאַפט אין פאַרלאַמענט. אַזוי האָט דער הערצאָג פון ניו-קאַסל אין 1829 יאָר אַרויסגעזעצט פון זיין „פוילן שטעטל" 587 איינוואוי-נער דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשטימט קעגן זיין קאַנדידאַט. אַף זייערע טאַינעס האָט ער געענטפערט: „האָב איך דען קיין רעכט ניט צו שאַפן זיך מיט מיין אייגנטום ווי איך וויל אַליין?" אַף דעמזעלביקן יעסאָד האָט זיך געבויט אויך די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג.

פאַקטיש איז אין לאַנד קיין בירגערלעכע פרייהייט ניט געווען. די רע-גירונג פלעגט אָפט אויוועקזיין אַף דער פרייהייט פון פערזאָן און דעם רעכט אַף פאַרזאַמלונגען. אין סאָפעק איז געווען די פרייהייט פון געדרוקטן וואָרט אין לאַנד. „שטעמפּל-געלט", ווי מע האָט עס גערופן, פון צייטונגען האָט גע-

מאַכט, אַז די פּרעסע איז געוואָרן ניט צוגענגלעך פאַר די מאַסן. אין ענגלאַנד איז ניט געווען קיין גלויבן-טאָלעראַנץ, ניט קיין גלייכבאַרעכטיקונג פון נאַציאָנאַליטעטן. די קאַטאָליקן (מערסטנס אירלענדער) האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרנעמען מלוכע-שטעלעס, צו לערנען אין אוניווערסיטעטן א. א. וו. אַפן עקאָנאָמישן געביט זיינען די דריקונגען געווען אויך גאַנץ היפּש. קיין פרייהייט פון האַנדל איז ניט געווען. די בורזשואַזיע האָט געשטרעבט איינצושטעלן א פרייע מלוכע. מע דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דער קאַמף איז דאָ געגאַנגען ניט צווישן קאַפּיטאַליזם און פעאָדאַליזם; אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען האָבן זיך שוין דורכגעשלאָגן א וועג אין לאַנד, איז איצטער געשטאַנען די פראַגע פון קאַמף פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע מיט די פאַראָנדקעס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער און געלט-אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט צום קאַפּיטאַליסטישן ענגלאַנד. אָט פאַרוואָס, ניט קוקנדיק אַף די שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן דידאָזיקע גרופּעס, וועט אונז דאַך אויסקומען צו זען ווייטער, ווי די קאָנסערוואַטאָרן, די פאָרשטייער פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע (געוועזענע טאָרי) און די ליבעראַלן, די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע (געוועזענע וויגס) פלעגן אָפט געפינען א געמיינזאַמען לשון.

אין צענטר פון דער אויפמערקזאַמקייט פון די ענגלישע מאַסן און דער בורזשואַזיע האָט זיך אינגיכן געשטעלט די פראַגע וועגן דער וואַל-רעפאָרם. שוין נאָך דער מילכאָמע האָבן די פאָדערונגען פון א נייעם וואַל-געזעץ אַרויסגערופן אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן דער רעגירונג און דעם פאָלק. נאָך דעם אינדוסטריעלן קריזיס פון 1825 יאָר האָט זיך די באַוועגונג צעוואַקסן. אין דער שפּיץ האָט זיך געשטעלט דער בירמינגאַמער פאַרבאַנד. דער „נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון די אַרבעטער-קלאַסן" האָט מיטגעווירקט אין זיין אַגיטאַציע. די אויפגאַבע פון אָט דעם לעצטן איז געווען צו דערשלאָגן זיך אַלגעמיינע וואַלרעכט און דערמיט גופא פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער. די אַרבעטער-געזעלשאַפטן זיינען געווען גרייט מיטצוהעלפן דער בורזשואַזיע, קעדיי דערנאָכדעם צו דערגרייכן מיט איר הילף אויך א מער ראַדיקאַלע רעפאָרם. „זיי פלעגן עס צושטעלן פאַר די וויגס די נויטיקע מאַסן אַף צו אָרגאַניזירן מאַניפעסטאַציעס, פאַרזאַמלונגען, גראַנדיעזע פּראָצעסיעס אין לאָנדאָן און בירמינגאַם". אָבער די וואַל-רעפאָרם פון 1832 יאָר, ווי דער רעזולטאַט פון א לאַנגן קאַמף פון דעם פאָלק און דער בורזשואַזיע אַנטקעגן דער רעגירונג, איז געווען ניט מער ווי א געשעפטל, אָפּגעמאַכט צווישן די וויגס און די טאָריס. עמעס, דאָסדאָזיקע געזעץ האָט באָטל געמאַכט די סאַמע אומגעלומפּערטע זייטן פון דער אַלטער סיסטעם. דער לעצטער סאַכאַקל פון דער רעפאָרם איז געווען, וואָס מע האָט איבערגעטיילט די דעפּוטאַטן-ערטער, איינטיילנדיק מיט זיי אויך די נייע אינדוסטריעלע צענטרען פון לאַנד, און מע האָט אַביסל פאַרברייטערט די וויילער-קאָלעגיע: די צאָל וויילער האָט מען פאַרגרעסערט ביז 930.000. דאָסדאָזיקע געזעץ איז געווען ניט קיין דעמאָקראַטישע רעפאָרם: מע האָט נאָר פאַרברייטערט די וואַל-רעכט פאַר די פּריווילעגירטע קאָרפּאָראַציעס.

נאָר א לאָך אין דער אלטער אָרדענונג איז דאך דורכגעבראָכן געוואָרן. דער פּאַרלאַמענט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אפן יעסאָד פון דער רעפאָרם פון 32-טן יאָר, האט דורכגעפירט א ריי נויטיקע בורזשואזע רעפאָרמען. נאָך פריער איז אין ענגלאנד באָטל געווארן דער שקלאַפן־האנדל, און אין דעם יאָר 1829 איז איינגעשטעלט געוואָרן גלייכבאַרעכטיקונג פון די קאַטאָליקן. ערשט נאָכן 32־טן יאָר האָט זיך דער איניען פון די בורזשואַזע רעפאָרמען אַנטשיידן א רוק געטאָן פאָרויס. אן אַדמיניסטראַטיווע רעפאָרם, די רעפאָרם פון קרימינעלער געזעצגעבונג אין זינען פון פארמילדערן זי א. א. וו. זיינען געגאנגען איינע נאָך דער אַנדערער. מע האט אויך דורכגעפירט צוויי רעפאָרמען, העכסט וויכטיקע פאר דער בורזשואזיע: די אָפּשאפונג פון גרעניץ-אָפּצאָל אף ברויט און א נײַ געזעץ וועגן אָרימעלייט (1834).

גרעניץ-אָפּצאָלן אף ברויט זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אין 1815 יאָר אין די אינטערעסן פון די ערד-אייגנטימער. אלס פּאַרבאָט-אָפּצאָלן האָבן זיי סויסער געוועזן די פּרינציפּן פון פרייען האַנדל, האָבן געהויבן די פרייזן אף ברויט און דערמיט גופע אויך דעם אַרבעטס-לוין. דעם קאמף מיט זיי האָט איינגיכן אָנגעהויבן די בורזשואזע אָרגאַניזאַציע „ליגע קעגן די ברויט־געזעצן", בעראָש מיט קאָבדענען, דעם אידעאָלאָג פונם פרייען האַנדל. אָפּשאפנדיק די ברויט-געזעצן, איז די ענגלישע רעגירונג אוועק אפן וועג פון פארלייכטערן און אָפּשאפן די פּארבאָט-אפּצאָלן ביכלאל. מע האט אָפּגעשאפט אויך דעם נאַוויגאַציאָנס־אַקט פון 1651 יאָר, וואס האט זיך געהאלטן אין ענגלאנד ביז דעם מיטן פון 19-טן יאָרהונדערט. א היפּשע באדייטונג האט אויך געהאט דאס נייע געזעץ וועגן אָרימעלייט פון 1834 יאָר. אין דער אלטער ענגלאַנד זיינען די פּאַראַפיעס געוועזן מעכויעוו אויסצוהאַלטן די אָרימעלייט. שטיצע פלעגט מען געבן ניט נאָר אינוואלידן, נאר אויך ארבעטסלאָזיקע, אין דערהיים און אויך אין באזונדערע ארבעטס־הייזער. אָרימקייט אין לאנד איז געוואקסן. אין די יאָרן 1831—1833 האָבן די הויצאָעס אַף אויסצוהאַלטן אָרימעלייט דערגרייכט ביז 7 מיליאָן פונט סטערלינג א יאָר. די בורזשואזיע האָט אָפּגעשאַפט דעם אַלטן סיידער פון שטיצע פאר אָרימעלייט. בעטלער און ארבעטסלאָזיקע, אויך אזוי ווי אינוואלידן, האבן איצטער געדאַרפט קריגן שטיצע ניט אין דערהיים, נאָר אין ספּעציעלע ארבעטס-הייזער. די קאוואָנע פון דעם געזעץ פון 1834 יאָר איז געוועזן אפּצוגעוואוינען דעם קאבצן פון צו ווענדן זיך נאך הילף צו דער מלוכע. דאָס ארבעטס-הויז איז געוואָרן א טפיסע. דער אָנבאָט פון ארבעטס-קראפט האט זיך פארגרעסערט, און אדאנק דעם גופע האבן די קאפּיטאליסטן געקראגן א מעגלעכקייט אראָפּצודריקן דעם ארבעטס-לוין. אזוי האט די ליבעראלע בורזשואזיע פון ענגלאנד צום סאָף 40-ער יארן אויסגעשעפּט איר גאנצע פּראָגראם פון רעפאָרמען. מיט דער הילף פון די ארבעטער-מאַסן האָט זי פארניכטעט דאס אלטע ענגלאנד און האט פארענדיקט די אויספאָרמירונג פון דער נייער קאפּיטאליסטישער מלוכע. איצטער לאָמיר זען, ווי אזוי האָט אין דערדאָזיקער מלוכע געלעבט און געקעמפט דער פראלעטאריאט אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19-טן יאָרהונד׳ערט.

די לאגע פון דעם ארבעטער־קלאס.

עס איז ניטאָ קיין מער שוידערלעכע דערשיינונג, ווי די לאגע פון די ארבעטער אין דער עפּאָכע פון טריאומף פון דער בורזשואזער ענגלאנד. אַסאַך גלענצנדיקע זייטלעך, פון קיינעם ניט איבערגעשטיגן, האָבן וועגן דעם אָנגעשריבן מארקס און ענגעלס. דאָ קאנען מיר נאר בעקיצער כאראקטעריזירן דאס לעבן פון די אַרבעטער אין יענער עפּאָכע. קוידעםקאָל דארף מען פארצייכענען די ראָלע פון דער מאשין אין דעם לעבן פון ארבעטער־קלאס. ווי מיר האבן שוין געזאָגט, האָט די פאבריק געמאַכט א טעל פון מעלאָכע און האנט־אַרבעט. באזונדער שווער איז געווען די לאגע פון די וועבער. „זיי ליידן גרויס דאַכקעס", האט געשריבן איינער א פאבריקאנט. דערוואקסענע געזונטע ארבעטער, ארבעטנדיק טאג ווי נאכט, קאנען אָפט ניט פארדינען זייער טעגלעכע כאיונע. די שרעק פון ארבעטסלאָזיקייט — דאָס איז די הויפּט־צאָרע אין דעם לעבן פון דעם ענגלישן ארבעטער. די ניטגעוואונדיקע סכירעס מאכמעס דעם וואקסנדיקן יאקרעס האט נאך ערגער געמאכט די לאַגע, און די ניטגעזיכערטקייט מיט דער ארבעט האט אים מער פון אלץ דערשלאָגן. אף דעם ארבעטער האט שטענדיק געלויערט ארבעטסלאָזיקייט אָדער, נאך ערגער, דאָס ארבעטס־הויז. דאס געזעץ פון 1834 יאָר האט געוואָלט פארוואנדלען דאָס ארבעטס־הויז אין א טפיסע פאר הונגעריקע פּראָלעטאריער. אין דער אינדוסטריעלער ענגלאנד, מיט איר פארפולקומטער טעכניק, פלעגט מען די ארבעטסלאָזיקע צווינגען צו דרייען דאס הענטל פון א מיל, וואס האט געמאָלן שטיינער (זע מאַט. און דאָק. נום. 2). נאָך שרעקלעכער איז געווען די לאגע פון די פרויען און קינדער אף די פאבריקן. די ארבעט פון פרויען און קינדער פלעגט, מאכמעס איר ביליקייט, ארויסשטויסן די דערוואַקסענע ארבעטער, און צו דער עקספּלואטאציע זייערער איז ניט געווען קיין שיר. עס איז פאַקטיש ניט געווען קיין שום ארבעטס־שוץ. אין די שאַכטן האבן געארבעט 4־יאָריקע קינדער. עמעס, אין 1833 יאָר איז אַרויס א געזעץ וועגן פאַבריק־אינספּעקציע, און נאך פריער האט מען פארווערט נאַכט־ארבעט און באגרעניצט דאס רעכט אויסצונוצן קינדער־ארבעט. ענגלאַנד איז די ערשטע ארויף אַפן וועג פון פאַבריק־געזעצגעבונג. אָבער, ווי מיר וועלן ווייטער זען, פלעגט דידאָזיקע געזעצגעבונג אָנגעווענדט ווערן אין זייער און זייער אַ קנאַפּער מאָס. דער אייביק הונגעריקער ארבעטער האָט געלעבט אין דער פרייער ענגלאנד אין דער לאַגע פון „א ווייסן שקלאַף". אין דעם לאַנד פון בליענדיקער בורזשואַזער קולטור האט מען געקאנט טרעפן בילדער פון שרעקלעכער מאָראַלישער און גייסטיקער פארווילדערונג (זע מאט. און דאָק. נום. 2). אין ענגלאַנד איז געווען טיפער, ווי ערגעץ וואו, דער טהאָם צווישן אָרים און רייך. אין לאַנד זיינען שארף ארויסגעטראָטן איינער אַנטקעגן דעם אנדערן צוויי קלאַסן — דער פּראָלעטאַריאט און די בורזשואַזיע. דער דאַלעס פון די מאַסן האט זיך דערקלערט, דעריקער, דורך זייער פּראָלעטאַריזאַציע. א פאראָרימטער באַלמעלאָכע, אַ פויער א פארטריבענער פון דאָרף, א פּראָלעטאריער אָן אַרבעט — אָט פון וועמען עס האט זיך רעקרו-

טירט דער פראָלעטאריאט. דער פראָלעטאריאט פון ענגלאנד איז דעריבער
געווען זייער פארשיידנאַרטיק לויט זיין סאָציאַלן צוזאמענשטעל. דער שפּיץ
זיינער, ספּעציאַליסטן באלמעלאָכעס און קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון די נייע
אינדוסטריע-צווייגן, האבן געלעבט אין אביסל בעסערע באדינגונגען, איידער די
איבעריקע מאסע. פון דער סוויווע פון דער ארבעטער-אינטעליגענץ האבן זיך
ארויסגערוקט איינצלנע מענטשן, וואָס לויט זייער בילדונג און פּאָליטישע טא-
לאנטן האבן זיי זיך געקאנט פארגלייכן מיט די בעסטע טוער פון דער בור-
זשואזיע. אָבער דער קערן פון דעם פאבריק- און זאוואָד-פּראָלעטאריאט איז געווען
פארטרונקען אין א גוואלדיקער מאַסע פראָלעטאריזירטער באפעלקערונג. די-
דאָזיקע מאסע איז געווען קאַפּאַבל אף אקטן פון פארניכטונג, זי האָט נאָך ניט
געקאנט באנעמען איר לאַגע און בויען איר צוקונפט. דער קלאַס פון דער
צוקונפט, דער פראָלעטאַריאַט, האט אין די 30-ער—40-ער יאָרן פון 19-טן
יאָרהונדערט ערשט געפאָרמירט זיך.

די אַרבעטער-באַוועגונג.

די מאַשין איז געוואָרן אַ באַשטימענדיקער און אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר
אין דעם לעבן פון דעם אַרבעטער. דאָס האָבן באַזונדער שאַרף געפילט, ווי
מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, די ענגלישע וועבער. „די אַלוועלטלעכע געשיכטע, —
שרייבט מאַרקס, — גיט ניט קיין שוידערלעכערן ספּעקטאַקל, ווי דער לאַנגזאַמער
אונטערגאַנג פון די ענגלישע באַוול-וועבער, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אַף צענד-
ליקער יאָרן און האָט זיך סאָפּקאָלסאָף פאַרענדיקט אין 1838 יאָר. אַסאַך פון
זיי זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער, אַסאַך האָבן זיך לאנג געמאַטערט מיט
זייערע געזינדן אַף $2\frac{1}{2}$ פענס אַ טאָג". אָבער ניט נאָר די וועבער,—דער גאַנ-
צער ענגלישער פראָלעטאַריאַט האָט געליטן פון דעם ניצאָכן פון דער מאַשין.
„די אַרבעטס-מיטלען האָבן אָנגעהויבן אַוועקטויטן דעם אַרבעטער" (מאַרקס).
די מאַשין איז געוואָרן דעם פּראָלעטאַריאַטס ערגסטער סוינע. „מע וואָלט גע-
קענט,—שרייבט מאַרקס, — אָנשרייבן אַ גאַנצע געשיכטע פון דערפינדונגען פון
1830 יאָר אָן, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן, אויסשליסלעך ווי
אַ קלייזאַיען פון דעם קאַפּיטאַל אַנטקעגן דעם בונט פון די אַרבעטער". די מאַ-
שין האָט, אַף אַזא אויפן, אי פאַרערגערט די לאַגע פון דעם אַרבעטער, אי זי
האָט נאָך דערצו אָפּגענומען באַ אים יעדע האָפענונג צו פאַרבעסערן זיין
לאַגע. אָט פאַרוואָס דער סטיכישער קאַמף פון די ארבעטער האָט זיך קוידעם-
קאָל אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פון אַ קאַמף מיט די מאַשינען. „עס פאָדערט
זיך אַ געוויסע צייט און דערפאַרונג, לייענען מיר באַ מאַרקסן, דער ארבעטער
זאָל זיך אויסלערנען אָפּצושיידן די מאַשין פון איר קאַפּיטאַליסטישער אָנווענ-
דונג, און, ווי אַ רעזולטאַט פון אָט דעם כילעק, אַריבערטראָגן זיינע אָנפאַלן
פון די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען אַף דער געזעלשאַפטלעכער פאָרם
פון עקספּלואַטירן זיי". אָט דער באַוואוסטזיין אָבער איז אַריינגעדרונגען אין
די אַרבעטער-מאַסן ניט מיטאַמאָל. קאַמף מיט מאַשינען, פאַלן פון אונטער-

צינדן פאַבריקן זיינען באַזונדער אָפט אין דעם ערשטן פערטל 19-טן יאָרהונדערט. דאָס האָט אָבער דעם אַרבעטער קיין פאַרלייכטערונג ניט געבראַכט, און ער זוכט זיך אַנדערע וועגן פון קאַמף. ער שטרעבט איצטער צו אָרגאַניזאַציע, פעסט צו פאַראייניקן זיך צוליב דעם קאַמף מיט דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין איר אייגנס די מאַשינען, קעדיי צו באַגרעניצן זייערע רעזולטאַטן, וואָס זיינען פאַר אים שעדלעך. עמעס, פאַריינען און שטרייקן זיינען אין ענגלאַנד ניט געווען קיין נאָווינע, אָבער מאָדערנע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן זיך באַוויזן ערשט מיטן קאַפּיטאַליזם אין דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט. נאָך אין דעם אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט פלעגט זיך די ענגלישע רעגירונג אַריינמישן אין די באַציאונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. עס האָבן נאָך אָנגעהאַלטן די אַלטע געזעצן וועגן אָבליגאַטאָרישער 7-יאָריקער לערע. די פרידנס-ריכטער פלעגן איינשטעלן די נאָרמען פון סכירעס. אָבער שוין אי יאָר 1811 איז דערקלערט געוואָרן, אַז „קיין שום אַריינמישן זיך פון דער עזעצגעבונג אין דער פרייהייט פון אינדוסטריע אָדער אין דער פולער פרייהייט פון יעדער יאָכיד צו שאַפן זיך איבער זיין אייגענער אַרבעט איז ניט דערלאָזבאַר". עס איז געקומען די הערשאַפט פון פרייען אָפּמאַך צווישן אַרבעטער און אונטערנעמער. נאָך אין די יאָרן 1799—1800 האָט די ענגלישע רעגירונג ווידער פאַרווערט צו מאַכן פאַריינען און שטרייקן. אָט דאָס געזעץ איז אַ לאַנגע צייט „געווען, ווי אַ שווערער מילשטיין אַפן האַלז פון די אַרבעטער, וואָס האָט זיי צוגעבויגן צו דער ערד". ווען פאַבריקאַנטן פלעגן אים איבערטרעטן זיין, פלעגט מען באַטראַכטן ווי אַן עוולע, ווען די אַרבעטער פלעגן אים אָבער איבערטרעטן זיין, האָט מען עס באַטראַכט ווי אַ פאַרברעכן. אינגיכן האָט די אינדוסטריעלע אויפלעבונג, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט אַ כוואַליע שטרייקן און אַ האַרטנעקיקע אומלעגאַלע עקזיסטענץ פון פאַריינען, געצוואונגען דעם פאַרלאַמענט אין 1824 יאָר אָפּצושאַפן דאָסדאָזיקע געזעץ. פון איצט אָן האָבן די אַרבעטער אין ענגלאַנד געקראָגן דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אָבער שוין אין 1825 יאָר האָט דער אינדוסטריעלער קריזיס געבראַכט מיט זיך קימאַט די פולע אָפּשאַפונג פונם געזעץ. נאָך דעם 1824 יאָר ביזן יאָר 1829 האָט זיך די שטרייק-באַוועגונג צעגאָסן אין אַ ברייטע כוואַליע איבערן לאַנד. דער דורכפאַל פון דידאָזיקע שטרייקן מאַכמעס דעם אינדוסטריעלן קריזיס און פאַרביטערטע קאָנקורענץ צווישן די פּראָלעטאַריזירטע מאַסן (אַדאַנק די נייע דערפינדונגען) האָט געבראַכט צו אַ פולשטענדיקער צעפאַלונג פון די פאַריינען.

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין די יאָרן 1829—1836 איז געווען אַנדערש, ניט ווי אין דעם פריערדיקן פעריאָד. פריער האָבן די פאַריינען געטראָגן אַן אָפּגעשלאָסענעם אָרטיקן כאַראַקטער, איצטער אָבער זיינען דאָס געוואָרן פאַראייניקונגען פון אַרבעטער פון איין צווייג און אויך פון פאַרשיידענע צווייגן פון אינדוסטריע אין אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. צו אָט דער צייט איז אויך שאַ־ 'עך די אָרגאַניזאַציע פון דעם „אַלגעמיינעם אַרבעטער-פאַרבאַנד" (1833), וואָס האָט פאַראייניקט אַרבעטער פון פאַרשיידענע צווייגן פון אינדוסטריע. זיין

ווירקונג איז געווען אומגעהויער: שוין אין עטלעכע וואָכן האָט ער געציילט א $1/2$ מיליאָן מיטגלידער. די שטרייק-באַוועגונג אין לאַנד איז, אונטער דער ווירקונג פון דעם פאַרבאַנד, געגאַנגען אונטערן לאָזונג פון אַן 8-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג. אָבער דער גרויסער פאַרנעם פון דער באַוועגונג, וואָס האָט ניט געשטימט מיט דער הויך פון דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, האָט געבראַכט צו אַ קראַך. פון דער צווייטער העלפט 30-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט האָט אָט דער טיפּ אַרבעט פון די פאַריינען געמוזט אָפּטרעטן דעם אָרט פאַר אַן אַנדער פאָרם פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַז דער צווייטער פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין ענגלאַנד איז פאַרבונדן מיטן נאָמען אָ א ו ע ן. אָאוּען איז געווען אַ גרויסער סאָציאַליסט-אוטאָפּיסט. זיין טוּרע איז אויסגעוואַקסן באַ די באַדינגונגען פון וואוקס פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, און דער אויסגאַנג-פּונקט פאַר זיין סיסטעם פון רעפאָרמען איז געווען די אינדוסטריעלע אונטערנעמונג. ער האָט געשטרעבט צו דערציִען דעם מענטשן, וויל נאָך זיין מיינונג בילדעט אויס די סוויווע דעם מענטשנס כאַראַקטער, און האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַגרעניצן דעם אַרבעטס-טאָג מיט 10 שאָ, שענקענדיק די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט דער דערציאונג פון די קינדער. קעדיי צו דערווייזן די ריכטיקייט פון זיינע אַנשויאונגען, האָט ער זיך געפּרוּאווט שאַפן אַן אידעאַל-אינדוסטריעל קעמערל באַ זיך אויף דער פאַבריק אין ניו-לאַמאַרק, וואו דאָס הויבן זיך פונם רעוואָך האָט געדאַרפט גיין האַנט אין האַנט מיט דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער. אָאוען האָט געגעבן אַ גענוי אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון מוסטערהאַפטע אַרבעטער-קאָלאָניעס, קערנדלעך פון אַ נייער אָרדענונג. קעדיי באַטל צו מאַכן געלט האָט ער געשטרעבט צו אָרגאַניזירן מערק אויף אויסצובייטן די פּראָדוקטן פון אַרבעט מיט דער הילף פון פאַפּירענע אַרבעטער-געלט. אין דעם האָט ער געזעען אַ וועג אויף באַטל צו מאַכן געלט און סכוירע-פּראָדוקציע. ראָבערט אָאוען איז דער פאָטער פון קאָאָפּעראַציע. ער איז נאָענט צוגעגאַנגען צו די אַרבעטער-מאַסן, זוכנדיק מיטלען אויף צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, ער האָט אָבער ניט געגלויבט אין דער רעוואָלוציאָנערער זעלבסטטעטיקייט פון די מאַסן, און האָט גערעכנט צו פאַרווירקלעכן זיינע אידעאַלן דורך פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. אָאוענס ענדגילטיקער אידעאַל איז געווען צו אָרגאַניזירן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס. אָאוענען איז פרעמד געווען דער געדאַנק פון קלאַסנקאַמף. אָאוענס טוירע, באַ איר גאַנצן באַדייט, ווי אַן אַנטי-קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגיע, האָט ניט געהאַט קיין אַנטשיידענע באַדייטונג פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג און איז געוואָרן די וועלט-אַנשויאונג נאָר פון איינצלנע גרופּעס פון אַרבעטער-קלאַס. „די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן לייגן פאָר, שרייבט ענגעלס, פּראַקטישע מיטלען קעגן נויט, זיי זיינען אָבער אַרויס פון די רייען פון דער בורזשואַזיע און דערפאַר קענען זיי זיך ניט צונויפגיסן מיטן אַרבעטער-קלאַס". אַזוי איז „דער סאָציאַליזם אין ענגלאַנד אין דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט ניט געווען פאַרבונדן מיט קיין פאַ-

ליטישער און עקאָנאָמישער מאסן-באַוועגונג פון דעם ארבעטער-קלאַס, און די ארבעטער-באַוועגונג איז אוועק מיט אן אנדער וועג" (זע מאַט. און דאָק. נומער 4).

וואָס איז שאַיעך דעם אָנטייל פון די ארבעטער אין פּאָליטישן קאַמף, איז דער ארבעטער-קלאַס פון ענגלאנד א לאנגע צייט נאָכגעגאנגען נאָך דער בורזשואזיע. ער האָט איר געהאָלפן אין איר קאַמף פאר דער פּארלאמענטישער רעפאָרם און איז לעסאָף אליין געבליבן מיט גאָרניט. „זעקס יאָר צוריק, האָט אין 1838 יאָר געזאָגט אַ טשארטיסטישער רעדנער ד. ווימעל, האָבן מיר גע-קעמפט פאר דאָס, וואָס מיר האָבן דאן געהאלטן פאר פרייהייט, מיר האָבן זיך פאראייניקט מיט דער בורזשואזיע, וואָס האָט געקעמפט פאר אירע פּאָליטי-שע רעכט, מיר האָבן פאר זיי דערשלאָגן זיך פּאָליטישע פרייהייט און האָבן געגלויבט, אז אויס דאנקבארקייט וועלן זיי אונז העלפן אויסצוקעמפן רעכט פאר די ברייטע מאסן פון דער געזעלשאַפט. אָבער זיי האָבן אונז אָפּגענארט, זיי האָבן אונז פארלאָזן"... דעם ארבעטער-קלאַס איז, הייסט עס, אפן פּאָלי-טישן געביט אויך אויסגעקומען איבערצובייטן זיינע אלטע וועגן, אויסארבעטן אן אייגענע פּאָליטישע פּראָגראַם, פארלאָזנדיק זיך אויסשליסלעך אף די איי-גענע קויכעס. די דורכפאלן פונם עקאָנאָמישן קאַמף האָבן איצטער די אויפ-מערקזאמקייט פון דעם ארבעטער-קלאַס געווענדט אינגאנצן אף א נייער דע-מאָקראטישער וואל-רעפאָרם. אָט די וואל-רעפאָרם האָט דער ארבעטער-קלאַס געמיינט אויסנוצן, קעדיי מיט דער הילף פון מלוכע צו פארבעסערן זיין לאגע. אין די פריערדיקע יאָרן האָט דער פּראָלעטארישער קאַמף, אדאנק דעם דרוק פון די ארבעטער-מאסן אף דער רעגירונג, דערגרייכט געוויסע רעזולטאטן. אדאנק אָט דעם קאַמף איז געמאכט געוואָרן אן אנהויב צו דער אזוי גערופע-נער פאבריק-געזעצגעבונג. דאָס געזעץ פון 1833 יאָר האָט איינגעשטעלט אן 8-שאָעדיקן ארבעטס-טאָג פאר קינדער פון 9 ביז 13 יאָר, א 12-שאָעדיקן — פאר ניטדערוואקסענע פון 13—18 יאָר. האָט זיי פארבאָטן נאכט-ארבעט און האָט איינגעפירט א פאבריק-אינספעקציע. די פאבריק-געזעצגעבונג אין ענג-לאנד איז געשאפן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון צוויי סיבעס: די פאברי-קאנטן גופע זיינען געווען פאראינטערעסירט צו באגרעניצן די עקספּלואטאציע פון דער ארבעטס-קראפט קעדיי צו פארהיטן זי, און די קאָנסערוואטיווע פּאר-טיי האָט אויך געהאט דערביי פּאָליטישע קאוואָנעס, וואָרום זי האָט געוואָלט קריגן בא די ארבעטער-מאסן שטיצע אין קאַמף קעגן דער ליבעראלער בור-זשואזיע. די קאפּיטאליסטן האָבן אָבער אויך ניט געוואָלט אָנווערן דעם איינ-פלוס אף די מאסן אין דעם קאַמף פאר דער אָפּשאפונג פון די ברויט-געזעצן, און דעריבער האָבן זיי לעפּיערעך שוואך זיך קעגנגעשטעלט דער פאבריק-געזעצגעבונג. אזוי האָט די עקאָנאָמישע פאראינטערעסירטקייט, די סטירעסדיקע אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאסן און די קראפט פון דער פאלקס-באַוועגונג אוועקגעשטעלט ענגלאנד אפן געביט פון ארבעט-שוץ בעראָש פון אלע אנדערע אייראָפּעאישע לענדער. דער וואוקס פון קאפּיטאליזם האָט אף אזא אויפן געגעבן די מעגלעכקייט פאר א געוויסער העכערונג פון דעם לעבנס-

ביוואָ פון די מאַסן, און די פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע האָט ווידער טאַקע געדינט ווי אַ סימבאָל פאַר ווייט־ערדיקע טעכנישע אויפטוען און דערמיט אַפּט פאַרן וואוקס פון דער אַרבעטסלאָזיקייט. דאָך האָט די פאַבריק-געזעצגעבונג ערשט צום סאָף 40-ער יאָרן דערלאַנגט אויך די דערוואַקסענע אַרבעטער.

דער אַרבעטער-קלאַס אין ענגלאַנד איז געוואוינט געוואָרן צו זעען אין דער מלוכע-מאַכט אַ קויעך, וואָס אָדער ער העלפט מיט אָדער ער שטערט דער קלאַסן-געזעצגעבונג. אַף זיינע אויגן האָט די בורזשואַזיע איינגענומען די פּאָ-ליטישע מאַכט, און ער האָט געזעען, ווי זי האָט זיך באַנוצט מיט דערדאָזיקער מאַכט אין די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אָט פאַר-וואָס, אָפּגענאַרט אין 32-טן יאָר, האָט ער איצטער געשטרעבט צו דעראָבערן אַלגעמיינע וואַלרעכט, קעדיי צו האָבן אַ דירעקטע מעגלעכקייט צו ווירקן אַף דער מלוכע-מאַכט. אָבער די פּאָליטישע רעפאָרם איז פאַר אים געבליבן נאָר אַ מיטל, דער צוועק איז געווען — פאַרניכטן די נויט. ווייטער וועלן אונז דאָ אינטערעסירן צוויי פראַגן: פאַרוואָס האָט דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט, עקאָנאָמיש פאַרשקלאַפט, אַרויסגערוקט אין דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג נאָר פּאָליטישע פאָדערונגען, און פאַרוואָס איז אָט די באַוועגונג ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישע?

צו וואָס האָבן די אַרבעטער געדאַרפט האָבן דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט האָט אויסגעצייכנט געגעבן צו פאַרשטיין דער אַרבעטער טשאַר-טיסט קאָלינס. ער האָט געזאָגט: „אַלע אינטערעסן האָבן זייערע פאָר-שטייער אין פּאַרלאַמענט, אַן אויסנאַם זיינען נאָר די אינטערעסן פון דעם פּראָסטן פאָלק. די אינטערעסן פון דער קירך, פון געריכט, ערד-אינטערעסן, געלט-אינטערעסן — זיי אַלע בליען, — זייערע פאָרשטייער העלפן איינער דעם אַנדערן. דזשאָן זאָגט טאָמען: „וועט איר מיר העלפן דורכצופירן אָט דאָס געזעץ צו פאַרטיידיקן די ערד-אינטערעסן?" — געוויס, ענטפערט טאָם, אויב איר וועט מיר נאָר העלפן דורכצופירן אַ צווייטן געזעץ לטובֿת די געלט-אינטערעסן... מע טאָר ניט דערלאָזן, אַז אַ וואָלף זאָל אַרויסגעבן געזעצן פאַר שאָף און אַ באַטשאַן פאַר אַ פיש. מע מוז, אַז דער אַרבעטער זאָל האָבן זיינע אייגענע פאַרשטייער אין פּאַרלאַמענט". אַזוי, אַפן באָדן פון די סאָציאַ-לע נויטן, האָט די אַרבעטער-באַוועגונג אין ענגלאַנד אָנגענומען אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, האָט געמאַכט פאַרן לאָזונג פון איר קאַמף — דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט.

דער ערשטער פּעריאָד פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג.

אין יוני 1836 יאָר איז אין לאָנדאָן געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען: „לאָנדאָנער אַרבעטער-אַסאָציאַציע". בראָש פון דער גע-זעלשאַפט איז געשטאַנען אַן אַרבעטער לאָוועט, אָוענס אַ תּלמיד. אין די טאַקאָנעס פון דער געזעלשאַפט איז געשטאַנען: „מע מוז דערשלאָגן זיך דורך געזעצלעכע מיטלען פּאָליטישע און סאָציאַלע רעכט פאַר אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט". זי האָט פאַרייניקט אין אירע רייען די סאַמע אינטעליגענטע

און איינפלוסרייכע אַרבעטער. די געזעלשאַפט האָט געציילט אַ גאַנץ קנאַפּע צאָל מיטגלידער. זי איז געווען אין פאַרבינדונג מיט דעם בירמינגאַמער פאַרבאַנד פון ראַדיקאַלן. דער קריזיס פון 1837 יאָר האָט אויסגעברייטערט די גרעניצן פון דער אַרבעט פון דער אַסאָציאַציע: זי האָט זיך געשטעלט בעראָש פון אַ ברייטער פאָלקס-באַוועגונג. די אַסאָציאַציע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ דעמאָקראַטישער רעפאָרם פון פּאַרלאַמענט. זי האָט צונויפגעשטעלט אַ פּעטיציע צו דעם ענגלישן געמיינדן-הויז, און קעדיי צו באַזאָרגן זיך מיט אַ פאַרטיידיקונג פאַר איר, איז באַשלאָסן געוואָרן צו קריגן די מיטווירקונג פון די דעפּוטאַטן — ראַדיקאַלן פון דעם געמיינדן-הויז. איינער פון זיי, דער באַרימטער אירלענדישער דעפּוטאַט אָ'קאָנעל, האָט אונטערגעשריבן די פּעטיציע און, איבערגעבנדיק זי דעם פירער פון דער אַסאָציאַציע לאָוועטן, האָט ער געזאָגט: „אָט איז דיר דיין טשאַרטער, לאָוועט, אַגיטיר פאַר אים, ניט באַנוגן זיך מיט קיין אַנדערס". אַזוי האָט די פּעטיציע געקראָגן דעם נאָמען כאַרטע (טשאַרטער) צום אָנדענק וועגן דער גרויסער „כאַרטע פון פרייהייטן", וואָס האָט אין 1215 יאָר געשאַפן אין ענגלאַנד דעם פּאַרלאַמענט. די כאַרטע פון דער אַסאָציאַציע איז צונויפגעשטעלט און רעדאַקטירט געוואָרן דורך לאָוועטן צוזאַמען מיט דעם פירער פון די בירמינגאַמער ראַדיקאַלן אַטוואָודן. זי האָט געדאַרפט געבן דעם לאַנד אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג. איינגיכן נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָרגאַניזירט די לאָנדאָנער אַסאָציאַציע און עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּעטיציע, אין צוזאַמענהאַנג מיטן ווילדן אינדוסטריעלן קריזיס, איז די באַוועגונג פאַר דער כאַרטע געוואָרן אַ מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע סטיכיע. דאָס גאַנצע לאַנד איז אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער אַגיטאַציע פון די טשאַרטיסטן. געוואַלדיקע מיטינגען פון 200.000 מענטשן, אַמאָל אויך מער, האָבן געדראָט דער רעגירונג, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן נאָר דורך אַ קנאַפּער מינדערהייט פון פאָלק, אַריבערצוגיין פון ווערטער צו מאַיסים, אויב עס וועלן ניט אָנגענומען ווערן די 6 פּונקטן פון דער כאַרטע מיט דער פאָדערונג פון אַן אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער וואַלסיסטעם, געצאָלט פאַר די דעפּוטאַטן, יערלעכע וואַלן פון פּאַרלאַמענט. די טשאַרטיסטישע באַוועגונג האָט אָנגעשריבן אַף אירע פאָנען: „פּאָליטישע מאַכט איז אונזער מיטל, סאָציאַלער וואוילשטאַנד — אונזער צוועק". די טשאַרטיסטישע באַוועגונג איז אָבער געווען ניט קיין איינאַרטיקע, דאָס איז געווען אַ בלאָק פון פאַרשיידנאַרטיקע דעמאָקראַטישע גרופּן. אָט פאַרוואָס-איידער מיר ריידן וועגן דעם גאַנג פון דעם קאַמף פאַר דער כאַרטע, מוזן מיר זיך פריער פאַנאַנדערקלייבן אין דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג.

קוידעמקאָל איז צום קאַמף פאַר דער כאַרטע צוגעשטאַנען די בירמינגאַמער אָרגאַניזאַציע פון די ראַדיקאַלן בעראָש מיט אַטוואָודן און פלעסן. דאָס איז געווען דער רעכטער פליגל פון דער באַוועגונג. די בירמינגאַמער ראַדיקאַלן זיינען געווען פאַרשטייער פון קליינבירגערטום. בירמינגאַם איז ניט געווען קיין פּראָלעטאַרישער צענטר: „די אַרבעטער-באַוועגונג דאָרט איז

באשטאנען דעריקער פון באלמעלאָכעס, וואָס האָבן געארבעט אף באשטע־לונגען, אָדער פון מייסטערס אַרבעטער"... פאר זיי האָט מער באדייט געהאט דער קאמף קעגן די ברויט־געזעצן, די ניטגלייכמעסיקע פאנאנדערטיילונג פון שטייערן און די פינאנציעלע רעפאָרם, איידער די סאָציאַלע זייט פון דער טשארטיסטישער באוועגונג. דער אידעאָלאָג פון אָט דעם קליינבירגערלעכן פליגל פון דער טשארטיסטישער באוועגונג — פלעס — האָט געהאלטן, אז די אגיטאציע פארן „טשארטער" דארף „לעגאמרע אויסשליסן אלערליי סאָציאַלע פראגן" און, פארשטייט זיך, אז עס קען זיין א רייד נאָר וועגן פרידלעכע מיטלען פון קאמף. נאָענט צו אָט דעם רעכטן פליגל איז געשטאנען די אר־בעטער־אריסטאָקראטיע. זייער צענטער איז אויך געווען בירמינגאם און לאָנדאָן. דאָס זיינען געווען גוט באלוינטע גרופן אַרבעטער. בעראָש פון אָט דער גרופע איז געשטאנען לאָוועט און דער זעצער העטערניקטאָן, די פירער פון דער לאָנדאָנער אַסאָציאַציע. זיי זיינען געווען אין אן ענגן צוזאמענ־בונד מיט די ראדיקאלן. דאָך, דער צענטער פון דער טשארטיסטישער בא־וועגונג איז געווען אן עמעס פראָלעטארישער קערן, די פּראָלעטאריער פון די אינדוסטריעלע שטעט פון ענגלאנד. בעראָש פון אָט דער גרופע זיינען אָבער געשטאנען עלעמענטן, פרעמדע דעם פראָלעטאריאַט. אָפט אזעלכע, וואָס האָבן געשטאמט פון א בורזשואזער און אריסטאָקראטישער סוויווע: אָ'קאנאָר, אָ'בראיען און ערנסט דזשאנס. האגאם די פאבריק־און זאוואָד־ארבעטער זיינען געווען דער לינקער פליגל פון דער טשארטיסטישער באוועגונג, אָבער די פּאָליטישע אידעאָלאָגיע זייערע האָט ניט געהאט קיין קלאָר דורכגעטראכטע סאָציאַלע פּראָגראַם. דער פאבריק־און זאוואָד־פּראָלעטאריאט אין ענגלאנד האָט זיך נאָך ניט אויסגעקאָכט אין דעם פאבריק־קעסל, איז נאָך ניט געוואָרן קיין סאָציאַליסטיש באוואוסטזיניקער קלאס. אכוץ די גרופן, האָבן די טשארטיסטישע באוועגונג אונטערגעשטיצט נאָך ברייטע שיכטן פון דער ענגלישער באפעל־קערונג, וואָס האָט געהאלטן אין פּראָלעטאריזירן זיך: פּאראַרימטע וועבער, באלמעלאָכעס, פויערים און לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער. די ארבעטלאָזיקע מאסע איז געווען אן אקטיווער עלעמענט אין דער באוועגונג. צווישן אָט די מאסן האָבן זיך רעקרוטירט די סאמע עקסטרעמע עלעמענטן פון דעם טשארטיזם. בעראָש פון זיי איז געשטאנען דער געוועזענער גאלעך ס ט י פ ע נ ס (זע מאָט. און דאָק. נומער 6). ער איז געווען א קאָנסערוואטאָר, אן אָנהענגער פון קירך און דער מאָנארכיע, אָבער א סוינע פון דער מאשין און דעם קאפיטאליזם. זיין קויעך איז געווען אין אָט די אידייען פון צעשטערונג. זיין אידעאָלאָגיע איז אין טאָך געווען רעאקציאָנער, נאָר צוגעדעקט מיט רעוואָלו־ציאָנערע פאָרמען. סטיפענס און זיינע אָנהענגער האָבן גערופן די ענגלישע ארבעטער אף צוריק צו דער ערדארבעטערשער ענגלאנד. פאר אים האָט די כארטע קיין גרויסן ווערט ניט באטראָפן, ער האָט אנערקענט נאָר „א גוטע טפילע און א לאנגן שפיז". אָט אזא איז געווען דער פארשיידנארטיקער צו־זאמענשטעל פון דער טשארטיסטישער באוועגונג.

ווען די באוועגונג האָט זיך צעוואקסן און עס איז נויטיק געוואָרן אן

אָרגאַניזאַציע אַף צו קלייבן כסימעס אַף דער פּעטיציע און דערלאַנגען זי אין פּאַרלאַמענט, האָט מען דעם 4 טן פעוורואַל 1839 יאָר צונויפגערופן דעם טשאַרטיסטישן קאָנוועגט, א פּאַרטרעטערשאַפט פון אַלע אַסאָציאַציעס און אַרבעטער-מיטינגען. אין קאָנוועגט זיינען די פּאַרשיידנאַרטיקע שטרעמונגען אין דעם טשאַרטיזם געקומען אין צוזאַמענשטויס צווישנאַנאַנד. מיקויעך די פראַגן וועגן די מיטלען צום קאַמף פאַר דער פּעטיציע האָבן זיך אין קאָנוועגט צעוויקלט פּאַרביטערטע דעבאַטן צווישן די אָנהענגער פון „מאָראַלער און פיזישער קראַפט" (זע מאַט. און דאָק. נומער 6). די קליינבירגערלעכע ראַדיקאַלן און פּאַרשטייער פון דער אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע האָבן אַנערקענט אויסשליסלעך פרידלעכע מיטלען פון קאַמף: מיטינגען און פּעטיציעס אין פּאַרלאַמענט. אָ'קאָנאָר און זיינע אָנהענגער האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט אָנצואווענדן געוואַלט, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז מאָראַלישער קויעך אַליין איז ניט גענוג. דער עקסט לינקער פליגל פון דעם טשאַרטיזם בעראָש מיט האַרני, האָט נאָך אין מאַרט 1838 יאָר געשאַפן אַן אייגענע „דעמאָקראַטישע אַסאָציאַציע", וואו דער קאַמף מיט אַלע מיטלען פאַר דער כאַרטע האָט זיך געפּאָרט מיט דער פאָדערונג „אָפּצושאַפן דאָס געזעץ וועגן אָרימעלייט", איינפירן אַן 8-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג און פאַרברייטערן די פאַבריק-געזעצגעבונג. דער רעכטער פליגל האָט געליטן איין מאַפּאַלע נאָך דער אַנדערער אין קאָנוועגט, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז א טייל פון די בירמינגאַמער ראַדיקאַלן זיינען אַוועק. דעם 12-טן יולי 1839 יאָר האָט מען דערלאַנגט אין געמיינדן-הויז די ערשטע נאַציאָנאַלע פּעטיציע (זע מאַט. און דאָק. נומער 5). אונטער איר זיינען געווען די כסימעס פון 1.250.000 בירגער פון לאַנד. דאָס געמיינדן-הויז האָט אָבער די פּעטיציע ניט אָנגענומען. דער קאָנוועגט איז, מאַכמעס דער שאַרפקייט פון דעם צוזאַמענשטויס פון די שטרעמונגען, ניט געווען בעקויעך צו אָרגאַניזירן א קאַמף פאַר די פּראָלעטאַ-רישע פאָדערונגען. ער האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין לאָנדאָן, א צענטער ווייט ניט קיין פּראָלעטאַרישער, און איז אינגיכן געווען געצוואונגען אַריבער-צוטראָגן די זיצונגען אין אַן אַנדער שטאָט (בירמינגאַם), מיט דער קאַוואָנע, אַז עס וועט זיך איינגעבן, ווי אָ'קאָנאָר האָט געזאָגט, „אַריינבלאָזן אין די איינגעשלאָפענע איינוואוינער זיינע א רעוואָלוציאָנערן ברען". דער קאָנוועגט, איידער ער איז צוגעטראָטן אָנצואווענדן פיזישע קראַפט, האָט ער זיך געווענדט צום לאַנד מיט א באַקאָשע צו באַטראַכטן א ריי רעוואָלוציאָנערע מיטלען, און דערווייל האָט ער זיך פאַרנומען מיט אומפּרוכטבאַרע וויקוכים. אין בירמינגאַם איז פּאָרגעקומען א צוזאַמענשטויס צווישן די טשאַרטיסטן און דער רעגירונג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אַרעסט פון א ריי טשאַרטיסטישע טוער. א ניט געלונגענער פּרואוו פון א שטרייק האָט אינגיכן געצוואונגען דעם קאָנוועגט צו דערקלערן זיך פאַר פאַנאַנדערגעלאָזן. אַזוי האָט זיך גע-ענדיקט דער ערשטער פּרואוו פון אָן אָרגאַניזירטן קאַמף פאַר דער כאַרטע. אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען האָבן זיך א שאָט געטאָן אַף די טוער פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג. דאָך, פאַרניכטן זי האָבן זיי ניט געקענט, וואָרום

די געדאנקען פון טשארטיזם זיינען געווען טיף אריינגעדרונגען און ווייט פאר־שפרייט: „אָנגעהויבן האָט זיך עס ניט פון נעכטן, און וועט זיך ענדיקן געוויס ניט היינט און ניט מאָרגן", ווי עס האָט געשריבן דער ענגלישער שרייבער קארלייל. דער קריזיס פון 1836 יאָר האָט זיך צו אָט דער צייט געענדיקט. דערמיט דערקלערט זיך עס דער שטילשטאנד אין דער ארבעטער־באוועגונג. אָבער דאָך, די באוועגונג גופא האָט ניט אויפגעהערט. די ארבעטסלאָזיקייט און נויט זיינען געוואקסן. דער 1842 יאָר איז געווען דער שווערסטער פאר די ארבעטער, און ער האָט געמאכט א האסקאָלע צום צווייטן פעריאָד פון דער טשארטיסטישער באוועגונג.

דער צווייטער פעריאָד פון דער טשאַרטיסטישער באוועגונג.

יעדיעס וועגן דער שרעקלעכער פאַראָרימונג פון דעם ארבעטער־קלאַס זיינען אָנגעקומען פון אלע אינדוסטריעלע שטעט אין לאַנד. אין אנדערע ער־טער האבן ניט געאַרבעט בא $1/3$ פון דער גאַנצער צאָל דאמף־מאַשינען. אַזוי איז אין סאָמפּאָרט פון 8.218 אַרבעטס פּעאיקע — נאר 1.204 מאַן געווען פאַר־נומען אינגאַנצן, 2.866 — טיילווייז און 4.148 האָבן גארניט געהאט קיין אַרבעט. די אונטערנעמער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּדריקן די סכירעס: א פאַרקלענערונג אַף 25% אין געוויסע צווייגן פון דער וואָל־אינדוסטריע און אפילע אַף 45% איז געווען ניט קיין זעלטנקייט. אָט די שאַרפע נויט האט עס ארויסגערופן א נייע טשאַרטיסטישע כוואַליע. די טשאַרטיסטישע באוועגונג איז איצטער געווען פאַרבונדן מיט א ברייטער שטרייק־באַוועגונג. אין אנדערע ערטער האבן די שטרייקן, ווי אין לאנקאַשיר, אָנגענומען דעם כאראַקטער פון גענעראַלע. אין מאַנטשעסטער איז אַף א פארזאמלונג פון די שטרייקער דעם 2־טן אַווגוסט באשלאָסן געוואָרן: „פאַרבינדן די לאָזונגען פון אלגעמיינעם וואַל־רעכט מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגען און ניט שטעלן זיך צו דער ארבעט, וואו מע וועט זיי ניט באפרידיקן". דערביי איז אויך אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס וועגן אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין דעם קאַמף פאַרן טשאַרטער. מע מוז אָבער אויך באמערקן, אַז דידאָזיקע שטרייקן פלעגן אָפט באוואוסטזיניק ארויסגערופן ווערן דורך די אונטערנעמער, קעדיי צו באנוצן זיך מיט דער פאָלקס־באוועגונג, ווי מיט א קויעך אַף צו ווירקן אַף דער רעגירונג, אז זי זאָל אָפּשאַפן די ברויט־געזעצן. די טשאַרטיסטן זיינען געווען קעגן באטייליקן זיך אינם קאַמף מיט די ברויט־געזעצן. אָ'קאנאָר האָט געזאָגט: „דער איינציקער צוועק פון די אונ־טערנעמער איז צו קויפן ארבעט אַפן וואָלוולסטן מאַרק און פאַרקויפן די פראָ־דוקטן אירע אַפן טייערסטן". דער אַרבעטער־קלאַס פון ענגלאַנד איז איצטער ארויסגעטראָטן קעגן דער בורזשואזיע, גלייך ווי ער וואָלט זיין אַפן צאַד פון די קאָנסערוואַטאָרן. די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו די הערשנדיקע גרופּן האָט זיך באזונדערס שאַרף געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די וואַלן פון 1841 יאָר. אַף וועמעס צאַד וועלן זיין די טשאַרטיסטן? אָ'בראַיען האט פאָרגעלייגט אָפּצוהאַלטן זיך פון שטימען אָדער ארויסשטעלן זעלבשטענדיקע קאנדידאַטורן,

אָ׳קאָנאָר אָבער און מיט אים אויך די מערהייט טשאַרטיסטן, האָבן באַשלאָסן אונטערצושטיצן די קאָנסערוואַטאָרן קעגן די ליבעראַלן. אין די וואַלן פון 41-טן יאָר האָבן די טאָריס געזיגט. דערמיט האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען די טשאַרטיסטן. די לאַגע פון די ארבעטער איז אָבער דערפון ניט בעסער געוואָרן.

אין דעם צווייטן פעריאָד איז די טשאַרטיסטישע באַוועגונג אויסגערייניקט געוואָרן פון איר רעכטן פליגל, פון זייערע רייען זיינען אוועק לאָוועט, אַטוואוד און אַנדערע פאַרשטייער פון די קליינבירגערלעכע און אַרבעטער-אַריסטאָקראַטישע גרופן. דער פון טורמע באַפרייטער לאָוועט און נאָך א פירער פון דעם טשאַרטיזם ווינסענט האָבן אָנגעהויבן אַגיטירן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון שולן, ביבליאָטעקן, פאַר אָפּהאַלטן זיך פון שאַרפע מאַשקאָעס א. א. וו. אָבער די טשאַרטיסטישע באַוועגונג אינגאַנצן גענומען איז ארויסגעטראָטן קעגן דידאַזיקע „גע-לערנטע און ניכטערדיקע טעאָריעס". די כאַרטע איז געבליבן איר צוועק, קעדיי צו קומען צו א ניצאָכן, זיינען די טשאַרטיסטן געווען גרייט אַף די סאַמע אַנטשלאָסענע מיטלען. דער צווייטער פעריאָד פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג שיידט זיך אָפּ פון דעם ערשטן מיט זיין פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. די „נאַציאָנאַלע טשאַרטיסטישע אַסאָציאַציע איז איצטער געווען די פּאָליטישע פּאַרטיי פון דעם אַרבעטער-קלאַס מיט אַן אויס:עקליבענעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, פּעריאָדישע צוזאַמענפאָרן און מיטגלידס-אָפּצאָלן". צום 1842 יאָר האָט די אַסאָציאַציע געציילט 400 אָר-טיקע סעקציעס און ביז 40.000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער. פּונקט אַזוי ווי אין דעם ערשטן פעריאָד, האָט די ברייטע מאַסן-אַגיטאַציע געגעבן גרויסע רעזול-טאַטן. דעם 2-טן מאַי 1842 יאָר האָט מען דערלאַנגט אין פּאַרלאַמענט א צווייטע פּעטיציע מיט 3.315.752 כסימעס. פונדעסטוועגן האָבן אין פּאַרלאַמענט נאָר 49 דעפּוטאַטן געשטימט דערפאַר, מע זאָל דערלאָזן די דערלאַנגער פון דער פּעטיציע מונדלעך צו דערקלערן זייערע טאַינעס. די צווייטע פּעטיציע האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון דער ערשטער (זע מאַט. און דאָק. נומער 7). די 5 פּונקטן פון פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען געווען נאָר א טייל פון דער פּעטיציע. זי האָט געפאָדערט אָפּצושאַפן דאָס געזעץ וועגן אָרימע לייט פון 34-טן יאָר, א 10 שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג, א מילדערע שטייערן-פּאָליטיק. דער דורכפאַל פון דעם צווייטן פעריאָד פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג דערקלערט זיך דורך דיזעלביקע סיבעס, וואָס אין דער ערשטער עפּאָכע אירער. אין 1843 יאָר האָט זיך אין לאַנד אנגעהויבן א אינדוסטריעלע אויפלעבונג. די שטרייק-באַוועגונג איז שוואַכער געוואָרן, און דערמיט גופע האָט די טשאַר-טיסטישע באַוועגונג אָנגעוואָרן דעם באָדן פון אונטער די פיס.

אין די יאָרן פון אינדוסטריעלן אויפשטייג (1843—1846) זיינען אָ׳קאָנאָר און אָ׳בראַיען צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן סאָציאַלע פּראָגראַמען. אָט דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן אַף וויפל דער אַרבעטער-קלאַס פון ענגלאַנד אין יענער עפּאָכע איז נאָך געווען ניט רייף. אָ׳בראַיען און אָ׳קאָנאָר זיינען ארויסגעטראָטן ווי סאָנים פון קאַפּיטאַליזם. זיי האָבן גערופן די ארבעטער צוריק, צום אָוואַר. ווען יעדערער זאָל האָבן זיין אייגענע שפּיזאַרנע, האָט דערקלערט אָ׳קאָנאָר,

זיין כיילעק ערד, זיין שייער, זיין שומער-ביידל און זיין ביקס, וואָלט קיין אויסערלעכער און קיין אינערלעכער טיראַן זיך ניט דערוועגן אריינצורייסן זיך. אין זיין דירע אָדער פאַרמעסטן זיך אף די רעכט פון דעם פרייען מענטשן". אָ'בראַיען, וואָס איז געווען נעענטער צום קאָמוניזם, האָט געשריבן: „די סיס- טעם, וואָס קענען איר קעמף איך און וואָלט געוואָלט איר זאָלט אויך קעמפן, איז די, וואָס דורך איר האָבן די אונטערדריקער פאַרוואַנדלט אייך פון ערד- אייגנטימער אין פאַבריק-אַרבעטער"... אָ'קאָנאָר איז א קעגנער פון קאָמוניזם. „איך שטיי, זאָגט ער, פאַר די פרינציפּן: מיינס און דיינס". ביידע האָבן זיי נאָכן 42-טן יאָר פאָרגעלייגט א קאָנקרעטע פראָגראַם פון סאָציאַלע רעפאָרמען. אָ'קאָנאָר האט אויסגעאַרבעט א פּראָיעקט פון אן ארבעטער-געזעלשאַפט אף איי-צוקויפן ערד. „צוליב דעם צוועק, האט ער געשריבן, איז נויטיק צונויפ- קלייבן אף א ליסט 2 טויזנט פונט סטערלינג, און דערנאָך צעטיילן די ערד- כאַלאָקים. וואס מע וועט איינקויפן פארן געלט, צווישן די אנטיילנעמער". אזוי האט אָ'קאָנאָר גערעכנט צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע. אָ'בראַיען האט פאַר- לאַנגט נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד. אָבער אי דער, אי יענער האבן די פאַב- ריק קעגנגעשטעלט דער ערד-אַרבעט און האבן געוואונשן, אז מענאַצייעך זיין זאָל די לעצטע (זע מאַט. און דאָק. נומער 8).

דער דריטער פעריאָד פון טשאַרטיזם.

דער אינדוסטריעלער אויפשטייג פון 1846 יאָר האט זיך געענדיקט. אין דעם 47-טן יאָר איז ווידער געקומען א בייזער קריזיס. עס האט זיך אויפגע- הויבן א נייע כוואַליע פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג, איצטער שוין אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. דער דריטער פעריאָד פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג האט זיך אנטוויקלט בּאַ דעם קראַך פון אָ'קאָנאָרס ערד-פּראָיעקטן און אונטער דער ווירקונג פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אפן קאָנטינענט און האָט אָנגענומען א פּאָלי- טיש-רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. דאָך האט זיך דער דריטער פּרוּוו צו דער- לאַנגען א פעטיציע אין פּאַרלאַמענט, איצטער שוין מיט 5 מיליאָן אונטער- שריפטן, ווידער ניט איינגעגעבן. דעם 10-טן אַפּרעל 1848 יאר האָט די טשארטיסטישע מאַסע גערעכנט דורך א דראָענדיקער אימפּאָזאַנטער דעמאָנ- סטראַציע מאכן א דרוק אפן פּאַרלאַמענט, קעדיי צו צווינגען אים אָנצונעמען די פעטיציע. אָבער אף אנטשיידענע מאיסים האט בא איר קיין קויעך ניט געסטאַיעט. און אָ'קאָנאָר, דער פירער פון די טשאַרטיסטן, האט אויך ארויס- געוויזן אומאנטשלאָסנקייט.

אין דער עפּאָכע פון אויפבלי פון דעם קאַפּיטאַליזם אין ענגלאַנד, ווען די בורזשואזע מלוכע האָט זיך ענדגילטיק פאַרפעסטיקט, און דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך נאָך ניט אויסגעפאָרמירט ווי אַ קלאַס, איז ניט געווען קיין באָדן פאַר אַ נייער רעוואָלוציע. פון דעם יאָר 1850 הויבט זיך אָן אין לאַנד אַן אַנטשיידענער עקאָנאָמישער אויפשטייג, און דער טשאַרטיזם קריגט אן אַנט-

שיידענע מאַפּאַלע. דערביי מוז מען האָבן אין זינען, אז אין די יאָרן 1843—1846 האָט דער פּאַרלאַמענט דורכגעפירט אַ ריי רעפאָרמען, אָפּשוואַכנדיק די שאַרפקייט פון דער פּאָלקס-נויט. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס געזעץ וועגן גרעניץ-אָפּצאָל אַף ברויט, ברויט איז וועלוועלער געוואָרן. עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ 10-שאָעדיקער אַרבעטס-טאָג (1847 יאָר), עס איז מילדער געוואָרן די אָנווענדונג פון דעם געזעץ וועגן אָרימע לייט. דאָס אַלץ האָט פאַרקלענערט די אומצופרידנקייט פון די מאַסן. פאַרשטייט זיך, אַן אָנטשיידנדיקע ראָלע האָט דערביי געשפּילט דער עקאָנאָמישער אויפשטייג פון די 50-ער יאָרן. אין 1850 יאָר האָט דער עקספּאָרט פון ענגלאַנד אָנגעטראָפן 7 מיליאָן פונט סטערלינג, און דער אימפּאָרט — 99 מיליאָן. אין 1850 יאָר איז דער עקספּאָרט געווען 164,5 מיליאָן פונט סטערלינג, און דער אימפּאָרט 210,5. די פּראָדוקציע פון אייזן אין דעם יאָרצענדליק 1831—1840 האָט אָנגעטראָפן 13 מיליאָן טאָן, און דעם אַנדער יאָרצענדליק האָט זי זיך אויפגעהויבן ביז 18 מיליאָן טאָן; אין די יאָרן 1851—1860 האָט זי אָנגעטראָפן 32,5 מיליאָן טאָן. אין די יאָרן 1841—1850 האָט מען פאַרנוצט 2,3 מיליאָן טאָן באַוול און אויסגעאַרבעט 965 מיליאָן יאַרד (אַ יאַרד איז 3 פוס) געשפּין. און דעם אַנדער יאָרצענדליק האָט זיך דער סכום באַוול פאַרגרעסערט ביז 3,8 מיליאָן טאָן, און דער סכום געשפּין — ביז 1 מיליאַרד 988 מיליאָן יאַרד. דאָס אַלץ האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער. עמעס, אין פאַרגלייך מיט די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיי געקראָגן נאָר ברעקלעך. ווען מע באַטראַכט אָבער די שרעקלעכע לאַגע פון די ענגלישע אַרבעטער אין דער פריערדיקער צייט, קען מען פאַרשטיין, אַז אָט די ברעקלעך האָבן פאַר זיי אויך געקראָגן אַ גרויסן ווערט. אַ ווּעבער, לאָמיר זאָגן, האָט אין 1850 יאָר פאַרדינט 13 שילינג אַ וואָך, און אין 1860 — 15 שילינג; מעטאַל-גיסער אין די יאָרן 1845 — 1854 — 22 1/2 שילינג די וואָך, און אין די יאָרן 1855—1864—29 שילינג און אַז. וו. „דער רעזולטאַט איז, אַז מיר וועלן פאַרגלייכן די יאָרצוואַנציקער 1831—1850 און 1851— 1870, וועלן מיר זען, אַז דער געברויך פון ווייץ אַף א נפעש האָט זיך פאַרגרעסערט פון 255 פונט ביז 320, פלייש — פון 29 ביז 90 פונט, צוקער — פון 20 ביז 35 פונט און אַז. וו.״ דערמיט גופע איז די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער אָפּגעווענדט געוואָרן פון פּאָליטישע פראַגן. די פּראָפּעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס האָבן פון דעם מיטן 30-ער יאָרן און אין אָנהויב 40-ער, אין דער בליאונגס-עפּאָכע פון דעם טשאַרטיזם, געפירט מיט אים אַ פאַרביטערטן קאַמף. האָבן איצטער לעבהאַפט גענומען זיך פאַר דער בויאונג פון גרויסע „אַמאַלגאַמירטע״ פאַריינען. דידאָזיקע פאַריינען האָבן זיך איצטער געבויט ווי נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן פון ארבעטער לויט די באַזונדערע צווייגן פון אינדוסטריע. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן די ברייטע אויפגאַבן און האָבן געשטרעבט נאָר צו נישטיקע פאַרבעסערונגען. אַזוי איז געבאָרן געוואָרן דער ענגלישער טרעד-יוניאָניזם.

די סיבעס פון דעם דורכפאַל פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג און איר היסטאָרישע באַדייטונג.

אויסגעוואַקסן פון דער סאָציאַלער נויט פון די מאַסן און האָבנדיק אין אויג נאָר פּאָליטישע פאָדערונגען, האָט די טשאַרטיסטישע באַוועגונג געמוזט ענדיקן זיך מיט אַ קראַך. דער אַרבעטער-קלאַס אין ענגלאַנד אין מיטן 19-טן יאָרהונדערט האָט נאָך ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם פון סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, האגאם ער האָט אַנטפּלעקט די גאַנצע שאַרפקייט פון זיינע קלאַסן-פאָדערונגען. ווען עס האָט זיך אין 1851 יאָר צונויפגעקליבן אַ טשאַרטיסטישע קאָנפערענץ און האָט געוואָלט אויסנוצן דעם לעצטן שוואונג פון דער אַרבעטער-כוואַליע, קעדיי ווידער אויפצולעבן אַ ברייטע באַוועגונג פאַר דער כאַרטע, איז זי געווען געצוואונגען אַריינצוטראָגן וויכטיקע ענדערונגען אין דער טשאַרטיסטישער פּראָגראַם. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו קעמפן פאַר דער כאַרטע אינגאַנצן גענומען, אָבער האלטן פאַר מעגלעך אַ ניצאָכן נאָר בײַ דעם תנאי, ווען דער טשאַרטיזם וועט זיך שטעלן אַפן באָדן פון די טאָג-טעגלעכע עקאָנאָמישע נויטן פון די פאָלקס-מאַסן און וועט זיין בעקויעך צו באַפרידיקן אָט דידאָזיקע נויטן. די טשאַרטיסטישע קאָנפערענץ פאָרמולירט דעריבער אַ ברייטע סאָציאַלע פּראָגראַם. אָבער דער כאַראַקטער גופע פון אָט דער פּראָגראַם האָט אויסגעצייכנט אַרויסגעוויזן די שוואַכע זייטן פון דער באַוועגונג. נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד און מיטהילף דער קאָאָפּעראַציע, אויך געוויסע שטייערן-רעפאָרמען און רעפאָרמען אַפן געביט פון אָרימעלייט פאַרזאָרגן, — אָט דאָס איז אינגאַנצן די סאָציאַלע פּראָגראַם פון דעם טשאַרטיזם. ווי מיר זעען, איז די טשאַרטיסטישע באַוועגונג גאָר צום סאָף פון איר עקזיסטענץ געווען געצוואונגען צוצופּאַסן זיך צו דעם נייעם כאַראַקטער פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף. די קאָנפערענץ פון די טשאַרטיסטן לייגט פאָר די טרעד-יוניאָנס אַ פאַרבאַנד צוליב די געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן, און אין דערזועלביקער צייט שטרייכט זי אונטער אַקשאָנעסדיק, אַז זי איז גרייט נאָר אַף פרידלעכע מיטלען פון קאַמף (זע כאַט. און דאָק. נומער 10). נאָר אין די יאָרן 1851—1852 זיינען דאָס שוין געווען ניט מער ווי אויפלאַמונגען פון דעם טשאַרטיזם. נאָך דעם 48-טן יאָר האָט ער זיך פּאַקטיש ליקווידירט. די טשאַרטיסטישע באַוועגונג האָט מיטגעהאָלפן דער בורזשואַזער מלוכע ענדגילטיק אויסצופאָרמירן זיך. דערביי האָט זי אָבער אויך געגעבן די אַרבעטער אַ 10-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג, האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן די פאַבריק-געזעצגעבונג אַף אַלע צווייגן פון אַרבעט. און האגאַם טייקעף איז די כאַרטע ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן, אָבער שוין אין די 60-ער יאָרן איז דער בורזשואַזער פּאַרלאמענט געווען געצוואונגען איינצוגיין אַף אַ ווייטערער אויסברייטערונג פון דעם וואַל-געזעץ. דאָך איז די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם טשאַרטיזם ניט אין אָט די דירעקטע רעזולטאַטן. „דער טשאַרטיזם״, שרייבט ענגעלס, „איז אַ קאָמפּאַקטע (אַלגעמיינע) פאָרם פון אָפּאָזיציע פון דעם אַרבעטער-קלאַס קעגן דער בורזשואַזיע״. „בײַ די טשאַרטיסטן האָבן מאַרקס

און ענגעלס צום ערשטן געזען, ווי אזוי דער פראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך אין אַ זעלבשטענדיקער קלאַסן-פּאַרטיי״ (פ. ראָטשטיין). די טשאַרטיסטן האָבן צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט פאַר די ברייטע מאַסן דעם געדאַנק וועגן דער באַדייטונג פון פּאָליטישער מאַכט פאַר דעם סאָציאַלן וואוילזיין פון די מאַסן. אויסגעוואַקסן פון די סאָציאַלע נויטן פון אָט די מאַסן, האָט די טשאַרטיסטישע באַוועגונג דערביי אויך אויפגעדעקט, אַז וויפל הוילע פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען ניט גענוג. דער סאָציאַליזם, ווי די אידעאָלאָגיע פון דעם אַרבעטער-קלאַס, האָט דערנאָכדעם געמוזט צונויפוואַקסן זיך מיט די מאַסן, קעדיי די פּראָלעטאַרישע סאָציאַלע פּראָגראַם זאָל זיך קענען פאַרווירקלעכן. דער טשאַר-טיזם האָט אויך באַוויזן די געפלאָנטערטקייט און רעאַקציאָנערקייט פון יעדער סאָציאַלער פּראָגראַם, וואָס רופט פון פאַבריק צו לאַנדווירטשאַפט. דער קראַך פון אָ׳קאָנאָרס און אָ׳בראַיענס „קאָמוניזם״ האָט אַ שטויס געטאָן דעם פּראָלע-טאַרישן געדאַנק אין דער זייט פון ניצאָכן ניט איבער דער מאַשין, ווי אַ גע-צייג פון פּראָדוקציע, נאָר איבער די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס האָבן די מאַשין געמאַכט פאַר דעם אַרבעטערס סוינע. די טשאַרטיסטישע באַ-וועגונג האָט אויך באַדייט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט ווערט דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, ניט נאָר קעגן דער אַלטער אָרדענונג, דעם פעאָדאַליזם, נאָר אויך קעגן דער זיגנדיקער בייער אָרדענונג—דער בורזשואַזיע. די טשאַרטיסטישע באַוועגונג דינט אַלס בעסטער באַוויז, ווי ריכטיק עס איז די אידייע פון לענינען, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז אין דער עפּאָכע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט טרעט אַרויס קעגן דער בורזשו-אַזיע, קאָן בלויז די מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט זיכערן דאָס ראַדיקאַלסטע דורכפירן אין לעבן די דעמאָקראַטישע פאָדערונגען פון די מאַסן. דער טשאַר-טיזם האָט באַדייט, אַז אַף דער געשיכטלעכער בינע איז אַרויסגעטראָטן דער „פערטער שטאַנד״, דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס אין דער קאַפּיטאַליסטישער גע-זעלשאַפט איז ער גאָרניט, וואָס האָט אין יענער צייט געוואָלט ווערן כאָטש עפּעס, קעדיי דערנאָך צו ווערן אַלץ און פאַרניכטן די בורזשואַזע געזעלשאַפט-לעכע אָרדענונג (זע מאַט. און דאָק. נומער 11).

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

1. די לאַגע פון די מינדעריעריקע אַרבעטער אין די האַנטווערקערייַען און פאַבריקן.

(פון אַ פאַרלאַמענטישער אַנקעטע).

„אין די האַנטווערקערישע אונטערנעמונגען און אין די פאַבריקן איז די לאַגע געווען אַזאַ:

1. ס'טרעפן זיך פאַלן, ווען די קינדער הויבן שוין אָן צו אַרבעטן אין עלטער פון דריי און פיר יאָר און ניט זעלטן אויך אין עלטער פון פינף, זעקס און זיבן יאָר, אין דער צייט ווען ביכלאַל הויבן זיי געוויינלעך אָן צו אַרבעטן צו זיבן אָדער אַכט יאָר. דאָס ראָוו קינדער הויבט, הייסט עס, אָן צו אַרבעטן פונם נייַנטן יאָר. האגאַם עס זייַנען פאַראַן ניט קיין סאַך פּראָדוקציעס, וואו די קינדער הויבן אָן צו אַרבעטן פון צען, אַפילע צוועלף יאָר און אַפילע נאָך שפּעטער.

2. אין די אַלע פאַלן, ווען עס אַרבעטן גאָר קליינע קינדער, פּאַסן די עלטערן זיי שטענדיק צו צו א וואָס פאַר עס איז אַרבעט באַ זיך אין שטוב און אונטער זייער אייגענער אויפזיכט; אָבער אנהויבנדיק פון פינף יאָר און ווייטער, אַרבעטן שוין די קינדער מאַסנווייז אין קליינע און גרויסע מאַנופאַקטור-אונטערנעמונגען.

3. אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די אַלע פּערזאָנען, וואָס זייַנען באַשעפטיקט אין די האַנטווערקערייען און פאַבריקן, באַשטייט פון יונגוואַרג, וואָס האָבן נאָך ניט דערגרייכט קיין דרייצניאָריקן עלטער און אַ גרעסערע צאָל באַשטייט פון 13–18-יאָריקע פּערזאָנען, האגאַם אין אייַנצלנע פאַלן איז די צאָל פּערזאָנען, וואָס האָבן ניט דערגרייכט קיין 13 יאָר, פונקט אַזאַ, ווי די צאָל פּערזאָנען, וואָס זייַנען אַלט 13—18 יאָר און אַמאָל שטייגט זי איבער די לעצטע, ווי דאָס באַווייזן אייַנצלנע פאַלן.

5. אין אייניקע אָפּטיילן פון זייער פאַרשפּרייטע פּראָדוקציעס, ווי, צום ביישפּיל, באַ שפּיצן-פלעכטונג, שטרוי-פלעכטונג און באַ וואָל-קאַמען, איז פאַרנומען די מערהייט פון די סאַמע קלענסטע קינדער, ניט רעכענענדיק די, וואָס אַרבעטן באַ זיך אין שטוב אונטער דער אויפזיכט פון זייערע עלטערן, אָדער

ווירטינס, אין די אַזוי גערופענע שולן, וועלכע שטעלן מיט זיך אין דער ווירקלעכקייט פאָר גיכער וואַרשטאַטן...

13. אייניקע אַרבעט-געבער פון דידאָזיקע קרייזן זיינען גע'וואוינט אָנצונעמען קינדער אף אַרבעט, לויט געוויינלעכע אפמאַכן. אויב מען איז אויוער דעם אָפּמאַך, קאָן מען דעם שולדיקן אַריינ:עצן, וואָס עס פּאַסירט טאַקע אָפּט, ניט קוקנדיק אף זיין עלטער.

14. אין דידאָזיקע קרייזן איז פאַראַן אַ מינהעג, אַז די עלטערן אָנטלייען געלט באַ די אַרבעט-געבער און פאַרפליכטן זיך לויט ספּעציעלע אָפּמאַכן צו דעקן דעם כויוו מיט די קינדערס פאַרדינסטן; דאָסזעלבע באַמערקט זיך אין בירמינגאַם און וואַרינגטאָן, אין דער צייט ווען אין דאָס ראָוו אַנדערע ערטער זיינען ניטאָ קיין אנווייזונגען אף דער עקזיסטענץ פון אַזאַ סיסטעם...

20. קימאַט אומעטום אַרבעטן די קינדער אַזויפיל, וויפל די דערוואַקסענע, אַמאָל 16, אַפילע 18 שאָ אָן אן איבערייס...

29. האַגאַם אין אייניקע ניט פילצאָליקע פּראָדוקציעס און מאַנופאַקטורן ווערן געברויכט געפערלעכע מאַשינען און עס קומען אַ מאָל פאָר זייער ערנסטע אומגליקס-פאַלן, זיינען אָבער די קינדער אין אַלגעמיין זעלטן אָוועקגעשטעלט אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי זאָל דראָען אַזאַ מין געפאַר, האַגאַם אומגליקס-פאַלן אין אַלגעמיין, ווי, צום ביישפּיל, צעדריקטע הענט, אָפּגעשניטענע אָדער צעקוועטשטע פינגער, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צווישן די ציינער פונם טרייבראָד און די וואַליקעס, צעקנייטשטע הענט, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין די טרייב-רימענס—זיינען אין אייניקע פּראָדוקציעס אַפילע ניט קיין אויסנאַם-פּאַסירונגען. אַמאַל איז פאַראַן אַזאַ גרויסע צאָל פאַכן, רעדער א. ד. ג. און זיי געפינען זיך אין אַזוינע אָפענע ערטער, אַז די אַרבעטער זיינען שטענדיק אין א געפאַר, און זיינען געצוואונגען צו זיין געוואַלטיק פאָרזיכטיק, קעדיי אויסצומיידן אן אומגליק; מע וואָלט גע'קאָנט אויסמיידן אסאך אומגליקס-פאַלן, ווען מע וואָלט געווענדעט שטרענגע אויפמערקזאַמקייט, אַז די מאַשינען זאָלן ווי געהעריק אָוועקגעשטעלט ווערן און עס זאָלן איינגעאָרדנט ווערן פאַרהיטונגס-אַפּאַראַטן.

30. אין אסאַך פון אָט די פּראָדוקציעס און אין אסאַך מאַנופאַקטור-פּראָדוקציעס, איבערהויפּט אין דער שפּילקע-פּראָדוקציע, טשוועקעריי, אין דער שפּיצן-פּראָדוקציע און אויך אין די פאַבריקן פון די זאָקן-שטריקעריי, אין די ציץ-דרוקערייען, אין די טעפּערייען און אין די טאַבאַק-פאַבריקן,—באַקומען ניט די קינדער ניט נאָר אַ גוטן און אַ געזונטן עסן, נאָר אַפּילע קיין וואַרימען און אָנשטענדיקן בעגעד; אף די פיל פראַגן, וואָס מע האָט זיי געשטעלט, ענטפערן זיי, אַז זיי האָבן זעלטן, אָדער אָפּילע קיינמאָל ניט קיין גענוגנדיקע מאָס עסן און אַסאַך פון זיי גייען אָנגעטאָן אין שמאַטעס. די אלגעמיינע קלאַגע באַשטייט אין דעם, אַז צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין פּאַסנדיקן בעגעד, קאָנען זיי ניט באַזוכן די זונטיק-שולן אָדער די קלויסטערס.

אין דאָס ראָוו פאַלן האָט די פיזישע אַנטוויקלונג פון די קינדער זייער אָסאַך געליטן פון דער געמיינזאַמער געפערלעכער ווירקונג פון אַזאַ פריצייט-

קער אַרבעט, פון דער גרויס פונם אַרבעטס-טאָג און פון דעם ניט גענוגנדיקן סכום עסן און קליידונג. דאָס ראָוו זעען זיי אויס מארעשכוירעדיק, שוואַך, האָבן א בלייכן פּאָנים און אַ קרענקלעך אויסזעען, קליינגעוויקסיקע און מאַכן דעם איינדרוק פון א דאר מיט אָפּגעשוואַכטע פיזישע קויכעס...

32. די קראַנקייטן, וואָס באַגעגענען זיך היפּטזאכלעך צווישן זיי און צו וואָס זיי זיינען מער עמפינדלעך, איידער די קינדער פונם זעלבן עלטער און שטאַנד, נאָר וועלכע זיינען ניט געצוואונגען צו אַרבעטן, זיינען פאָלגנדיקע: קרענקלעכע דערשיינונגען פון די נער-אָרגאַנען, אויסגעקרימטער און אויסגע-לונקענער רוקן-ביין, צעקריפּלטע גלידער און לונגען-קראַנקייטן, וואָס ענדיקן זיך מיט אָפּצערונג און סוכאטע...

2. פון דער באַשטימונג וועגן דער אינערלעכער איינאָרדענונג פונם „אַרבעט־הויז" (1842 יאָר).

(אויסצוג).

די דיסציפּלין פון די קראַנקע און די דערנערונג.

אַרט. 13. פאַר די, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן אינם „אַרבעט=הויז", אַכוץ די קראַנקע און פערזאָנען פון די I, IV און VII גרופּן*), ווערט פאָרגעשריבן פאָלגנדיקער טאָג-סיידער, וואָס דאָס אויספילן אים ווערט אין יעדן באַזונדערן טייל זיינעם געוואָרנט מיט אַ גלאָק.

צייט	אויפשטיין פון בעט	פרישטיק	אַרבעטס-שטונדן	מיטאָג	אַרבעטס-שטונדן	אָוונט-ברויט	שלאָפן
פון 25 מארט ביזן 29 נאָ-יאַבר	6 אַף 3/4	7 —6½	12—7	1—12	6—1	7—6	8
פון 29 נאָיאַבר ביזן 25 מארט	7 אַף 3/4	8—7½	12—8	1—12	6—1	7—6	8

אַרט. 14. אין א האַלבע שאָ נאכן קלונג, וואָס באַדייט, אַז די איינ-וואוינער פונם „אַרבעט-הויז" פון די אויבן אָנגעוויזענע גרופּן דאַרפן אויפשטיין, וועט געמאַכט ווערן א נאמענטלעכער אויסרוף, פון די מענער—דורכן דירעק-טאָר פונם „אַרבעט=הויז" און פון די פרויען—דורך דער ווירטשאַפט-פאַרוואַלטערין.

*) די I גרופּע: זקיינים און אינוואלידן מענער; די II גרופּע: מענער און יונגוואַרג עלטער פון 15 יאָר; די III גרופּע: אינגלער פון 7—15 יאָר. די IV גרופּע: דאָסזעלבע, וואָס די I, נאָר פרויען, די V און VI גרופּע: דאָסזעלבע, וואָס די II און III גרופּע—פרויען; די VII גרופּע: קינ-דער אינגער פון 7 יאָר.

ארט. 15. עס ווערט דערלויבט צו עסן (מיטן אויסנאַם פון די קראַנקע קינדער און די פערזאָנען פון דער I און IV גרופּן) אויסשליסלעך אין די עס־צימערן. דערביי דאַרף בעאַיס דעם עסן הערשן א פולשטענדיקע שטילקייט און אן אנשטענדיקע אויפירונג. עס ווערט אויך פאַרווערט די פערזאָנען פון די אַנטשפּרעכנדיקע גרופּן צו געפינען זיך אין די שלאָף־צימערן אין די שעהן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר אַרבעט און עסן. אויסנאַמען ווערן דערלאָזט בלויז מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש פונם דירעקטאָר.

ארט. 16. דער דירעקטאָר פונם „אַרבעט־הויז", און בענויגייע צו די פרויען פון די אַנטשפּרעכנדיקע קלאַסן—די ווירטשאַפט־פאַרוואַלטערין—באַשטימען די שעהן פון אויפשטיין און שלאָפן פאַר די פערזאָנען פון דער I, IV און VII גרופּן און אויך די אַרבעט, צו וועלכע זיי זיינען פעאיק. וואָס איז שאַיעך דעם עסן (די שעהן פון מיטאָג, אָוונט־ברויט און פרישטיק), באַשליסט דאָס דער ראַט אף צו זאָרגן וועגן די אָרימע לייט.

ארט. 19. עס ווערט דערלויבט די איינוואוינער פונם „אַרבעט־הויז" צו געברויכן אף צום עסן און טרינקען בלויז דאָס, וואָס די פאַרוואַלטונג פונם „הויז" גיט אַלע איבעריקע. אויסנאַמען ווערן דערלאָזט בלויז מיט דער דערלויבעניש פונם דאָקטאָר, באַם אויספילן דעם אַרט. 15.

ארט. 20. דאָס שטאָף אף קליידונג באַ די איינוואוינער פונם „אַרבעט־הויז" ווערט איינגעטיילט דורכן ראַט אף צו זאָרגן וועגן די אָרימע לייט.

אַרט. 21. די אָרימע לייט פונם „אַרבעט־הויז" וועלן זיין פאַרנומען מיט אַרבעט לויט זייערע פעאיקייטן און טאלאנטן. קיין באַזונדער געצאָלט פאַר דער ארבעט קומט ניט...

ארט. 22. די אינגלעך און מיידלעך, וואָס געפינען זיך אינם „אַרבעט־הויז", דאַרפן דריי שאָ פון דער אַרבעט־צייט טעגלעך זיך לערנען לייענען, שרייבן, אַריפמעטיק, רעליגיעזע און אַנדערע לימודים, וועלכע דאַרפן מיטהעלפן דער דינונג פון גאָט און דעם נוצלעכן, פלייסיקן און מאָראַלישן לעבן אין דער צוקונפט.

ארט. 23. יעדן אָרימאַן פונם „אַרבעט־הויז" איז דערלויבט צו יעדער צייט צו פאַרלאָזן עס. אויב דער, וואָס פאַרלאָזט דאָס „אַרבעט-הויז", איז ארבעטס־פעאיק און האָט דאָרט אַ פאַמיליע, דאַרף זי צוזאַמען מיט אים דערווייטערט ווערן. אן אויסנאַם ווערט דערלאָזט בלויז מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פונם ראַט אף צו זאָרגן וועגן די אָרימע לייט.

ארט. 24. דעם דירעקטאָר ווערט דערלויבט צוליב ערנסטע סיבעס צו דערלויבן אוועקצוגיין צייטווייליק פונם ארבעט־הויז.

ארט. 25. זייטיקע צו באַזוכן דאָס „אַרבעט־הויז" ווערט דערלויבט אין א באַזונדערן צימער אונטער דער אויפזיכט פונם דירעקטאָר אָדער שווייצער.

ארט. 26. עס איז פאַרווערט צו לייענען אָדער פאַרשפּרייטן ווערק מיט אן אנטיגעזעצלעכער ריכטונג, וועלכע קאָנען מיטווירקן דער ניט־געהאָרכזאַמקייט און שאפן אומאָרדענונג.

אַרט. 27—28. עס איז פאַרווערט צו שפּילן אין קאָרטן, אַזאַרט-שפּי- לערייען. רויכערן טאַבאַק ווערט פאַרווערט אונטער מוירע אַרויסצושיקן.

אַרט. 29. די גייסטלעכע פון אַלע רעליגיעס, וואָס זיינען פאַראַן צווישן די איינוואוינער פונם „אַרבעט-הויז", קאָנען לויט זייער ווּנש צו יעדער צייט קומען צו זייערע גלויביקע און אויספילן די רעליגיעזע פאַרשריפטן אָדער אַף צו דערציען די קינדער אינם גייסט פון דער אַנטשפּרעכנדיקער רעליגיע, אַף וויפל דאָס וועט ניט שטערן דער אַלגעמיינער אָרדענונג אינם „אַרבעט-הויז".

אַרט. 31. טעגלעך פאַרן פרישטיק און נאָכן אָוונט-ברויט דאַרפן אָפּגעריכט ווערן טפילעס, יעדן זונטיק דאַרף מען אָפּריכטן אין אַרבעט-הויז אַ גאָטעס-דינסט, באַ וועלכן עס דאַרפן זיין אָנוועזנד אַלע אַ־נוואוינער פונם הויז. כוץ די קראַנקע און קינדער. די, וואָס געהערן ניט צו דער אנגליקאַנישער קירכע, קאָנען אפן גאָטעסדינסט ניט זיין.

די שטראָף-מיטלען.

אַרט. 33. אַלס אומאָרדענונג ווערט גערעכנט: דאָס אויוער זיין די אָרדענונג, וואָס איז איינגעשטעלט אינם אַרבעט-הויז, אַ טומל אין די שאָען, ווען עס איז פאַראָרדנט שטילקייט.

ניט קיין אַנשטענדיקע שמועסן.

מונדלעך אָדער פיזיש באַליידיקן עמיצן.

דראונגען.

אומצוכט.

אָפּזאָגן זיך אָדער באַציען זיך נאַכלעסיק צו דער געגעבענער אַרבעט.

סימולירן א קראַנקייט.

קאָרטן אָדער אַזאַרט-שפּילעריי.

אַריינגיין אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש אין די צימערן פון די גרופּן וואָס צו זיי געהערט ניט דער אַריינגייענדיקער.

ניט קיין פאַסיקע אויפירונג בעשאַס דער טפילע אָדער גאָטעס-דינסט.

אַרט. 34. פאַר ווידערשפּעניקייט ווערט גערעכנט: איבערכאַזערן די אויבן-אויסגערעכנטע אוויירעס אין מעשעך פון אַ וואָך.

מונדלעכע און פיזישע באַליידיקונג קעגן אַן אנגעשטעלטן פונם „אַרבעט-הויז" אָדער קעגן א מיטגליד פונם ראַט אַף צו זאָרגן וועגן די אָרימע לייט.

ניט אויספילן דעם איבערגעכאַזערטן באַפעל פונם אָנגעשטעלטן פונם אַרבעט-הויז.

אַ העזעק, וואָס ווערט געמאַכט דעם אייגנטום פון דער פאַרוואַלטונג, גנייווע, קאַליע מאַכן די מאַטעריאַלן און אינסטרומענטן פונם אַנשטאַלט, שיק-רעס, אומאָראַלישע אויפירונג, ניט אַנשטענדיקע אויפירונג בעאייס דעם גאָטעס-דינסט און טפילע.

אַרט. 35. דער דירעקטאָר איז מעכויעו פאַר יעדע אומאָרדענונג (זע אַרט. 33.) צו באַשטראָפן מיט ניט געבן דאָס געוויינלעכע עסן און פאַרבייטן עס מיט 8 אונציעס ברויט און 1 פונט קאַרטאָפל אַף 48 שאָ.

ארט. 36. פאַר ווידערשפעניקייט (אַרט. 34) באַשטראָפט דער ראַט אף צו זאָרגן וועגן די אָרימע לייט מיט אַרעסט אף 24 שאָ און אָפּנעמען (אָדער אָן אָפּנעמען) דאָס געוויינלעכע עסן און פאַרבייטן עס מיט דער ראַציע, וואָס איז אָנגעוויזן אינם אַרט. 35. עס ווערט איבערגעגעבן אף דער לייזונג פונם ראַט אף צו זאָרגן וועגן די אָרימע לייט די פראַגע וועגן דעם, צי דאַרף מען דעם שולדיקן שיקן צום פרידנס-ריכטער פאַר ווייטערדיקער באַשטראָפונג.

ארט. 37. דער ראַט קאָן אויך באַשליסן, צי דאַרף מען אנטאָן אין אַ ספּעציעלן בעגעד דעם אָרימאַן, וואָס איז שולדיק אין אומאָרדענונג און ווידערשפעניקייט און איינצייטיק אָפּנעמען בײַ אים די געוויינלעכע ראַציע, אָדער ניט אָפּנעמען זי, אף אַ טערמין פון 48 שאָ.

ארט. 38. אויב די ווידערשפעניקייט, וואָס איז אנגעוויזן אינם ארט. 34, ווערט באגלייט מיט פאָלגנדיקע אומשטענדן: קעסיידערדיקע גוואַלד-טאַטן קעגן וועלכער עס איז פּערזענלעכקייט. לאנגדויערנדיקע שטערונג פון דער אָרדענונג, אַגיטירן אַנדערע פאַר ניט געהאָרכזאַמקייט, אומאָראַלישע אויפירונג אין דער געגנוואַרט פון אַנדערע איינוואוינער פונם „אַרבעט-הויז", לאנגדויערנדיקן שאָדן ברענגען דעם אייגנטום פונם „אַרבעט-הויז",—ווערט געגעבן דאָס רעכט דעם דירעקטאָר בענויגייע צו אַזאַ ניט געהאָרכזאַמען אָרימאַן טייקעף, ניט דערלאָזנדיק קיין שום אַפּעליאַציע צום ראַט אף צו זאָרגן וועגן די אָרימע לייט, צו אַרעסטירן אים אף 12 שאָ, וועלכע קאָנען אים בײַ דער ווייטערדיקער באשטראַפונג פאַררעכנט ווערן.

3. קעגן דער אָנווענדונג פון מאַשינען.

(רעזאָלוציע פונם מיטינג פון 26 מאַי 1804 יאָר).

„דערדאָזיקער מיטינג האָט באַשטימט, אַז די שטוביקע סיסטעם פון פּראָדוצירן וואָלענע שטאָפן אנטשפּרעכט צום בעסטן דער לאַגע און די באַדינגונגען פון אונזער פּאַראַפיע, און אויך אַז זי איז לוינבאַר און באַקוועם פאַר אַלע איינוואוינער ביכלאַל.

איינמוטיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז קעדיי אָפּצוהיטן און זיכערן די שטוביקע וואָל-פּראָדוקציע, דאַרף די צאָל וועב-שטולן, וועלכע בילדן דאָס אייגנטום פון אַן איינצלנער פּערזאָן אָדער קאָמפּאַניע און וואָס אַרבעטן אין זיין געביידע, אָדער אין דער געביידע פון דער קאָמפּאַניע, באַגרעניצט ווערן און דאַרף ניט איבערשטייגן קיין 5 וועב-שטולן.

איינמוטיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז, לויט דער מיינונג פונם דאָזיקן מיטינג, דאַרף צוליב דעם אויבנאָנגעמערקטן ציל (דעהייסט, די אָפּהיטונג פון דער שטוביקער אינדוסטריע) די צאָל וועב-שטולן אָדער אַנדערע מאַשינען, וואָס ווערן געברויכט באַם שפּינען און וואָס בילדן דאָס אייגנטום פון אַן איינצלנער פּערזאָן אָדער קאָמפּאַניע און געפינען זיך אין זיין געביידע אָדער אין דער געביידע פון דער קאָמפּאַניע,—ניט איבערשטייגן קיין 150.

איינמוטיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שטוביקע אינדוסטריע איז ביזן העכסטן גראַד גינסטיק פאַר דער אנטוויקלונג פון די פּאַטערלעכע, קינדערלעכע און ברידערלעכע געפילן, פאַר דער אויפבליאונג פון פאַמיליען-גליק און פאַר דער אַנטוויקלונג פון די מאָראַלישע און בירגערלעכע געפילן, וועלכע בילדן די אָרוועס פון דער געזעלשאַפטלעכער רואיקייט; אַז די פאַבריק-סיסטעם שטרעבט צו צעשטערן דיזאַזיקע געפילן און יעסוידעס, ברענגט אַריין די יונגע-לייט זייער פרי אינם ערגסטן ניסאָיען, וואָס דראט מיט פולשטענדיקער אויסגעלאַסנקייט און פירט מעמיילע צו זייער אונטערגאַנג.

איינמוטיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי ווי די טוך-מאַכער זיינען א פילצאָליקע קאָרפּאַראַציע פון מענטשן, וואָס זייער פּראָדוקציע און אַרבעט בילדן זייער וויכטיקסטע און אָפּטמאָל דאָס איינציקע איינגעבוירענע רעכט און מאָקער פון עקזיסטענץ, דאַרף אָט די פּראָדוקציע זיין פאַר זיי געזיכערט און אָפּגעהיט, ווי זייער הייליקסטע אייגנטום.

איינמוטיק איז באַשלאָסן געוואָרן, ניט געקוקט אף דעם, וואָס שוין אייניקע יאָר ווערט פּראַקטיקירט מיצאַד די עלטערן, אַז זיי אַליין לערנען זייערע אייגענע קינדער די קונסט און מעטאָדן פון דער וואָל-פּראָדוקציע, ניט שליסנדיק מיט זיי קיין שילערשע קאָנטראַקטן, אין דער צייט ווען די פערזאָנען פון אנדערע פּראָפעסיעס פאַרקאָנטראַקטירן שוין זייערע קינדער אלס שילער אף אויסצולערנען די טוך פּראָדוקציע,—אַז דער זיבניאָריקער לערן-טערמין זאָל אנערקענט ווערן פאַר אומבאַדינגט נויטיק, קעדיי עס זאָלן זיך קאָנען אויסאַרבעטן גוטע און געשיקטע ארבעטער, וועלכע זאָלן קאָנען באַקומען דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט דער וואָל-פּראָדוקציע.

איינמוטיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אזוי ווי אייניקע פּערזאָנען (אונטערן איינפלוס, דעריקער, פון די פּערזענלעכע און ניט די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן) זיינען זיך מישטאַדל אינם פּאַרלאַמענט וועגן אָפּשאַפן אַלע באַגרעניצונגס-געזעצן און שטערן דער רעגלאמענטירונג (וועלכע עס ווילן אינם איצטיקן מאָמענט אויספּויעלן די וועבער פון דער שטוביקער אינדוסטריע), באַמיענדיק זיך צו באַקומען דאָס רעכט צו בויען פריי פאַבריקן לויט זייער וואונש,—זאָל פון אונז טייקעף געשיקט ווערן איינער אָדער עטלעכע דעפּוטאַטן, וועלכע דארפן דאָס אַלץ דערקלערן דעם קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן דורכן פּאַרלאַמענט, קעדיי צו שטערן די פּלענער פון די דערמאָנטע פּערזאָנען.

איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז טייקעף וועט געגרינדעט ווערן אַ קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון איין און דרייסיק מאיסטערס אף צו פאַרווירקלעכן דיזאָזיקע באַשטימונגען.

4. ר. אָוּען.

פונם פּאָרטראַג פאַרן קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט צו העלפן די אָרימעלייט, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע און ערד־אַרבעט. וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם פּאַרלאַמענטישן קאָמיטעט איבער דער פראַגע וועגן די אָרימעלייט אין 1817 יאָר.

„מילאָרדן און דזשענטלמענס. באַקומענדיק פון אייך א פאָרשלאג צוגריפצושטעלן א גענויעם פּאָרטראַג וועגן דעם פּלאַן פון דער אַלגעמיינער פאַרלייכטערונג פונם שיקזאַל פון די אָרימע לייט אין דער אינדוכטריע און ערד־אַרבעט, האָב איך די ערע צו דערקלערן אָט וואָס:

קעדיי צו בילדן זיך א ריכטיקע מיינונג וועגן אָט דעם וויכטיקן איניען, איז נויטיק קלאָר צו מאַכן זיך די גרונט־סיבעס, וואָס מיט זיי דאַרף מען דערקלערן די נויט, וועלכע האָט דערגרייכט אן אומגעהויערן פאַרנעם אין אונזער לאַנד און מערקט זיך אין ניט קיין קלענערער מאָס אויך אין אַנדערע לענדער. מיר וועלן אויסגעפינען, אַז דער מאָקער פון דער צאָרע באַהאלט זיך אין דער זאַכלאַגע, וואָס איז אַרויסגערופן דורכן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. דער ווייטערדיקער אַנאַליז וועט אָנווייזן די מיטלען, ווי אַזוי מיט דער צאָרע צו קעמפן.

די נאָענטסטע סיבע פון דער מאָדערנער נויט איז דאָס נידעריקער מאַכן די אָפּשאַצונג פונם מענטשנס אַרבעט. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס אומעטום ווערן אַיינגעפירט מאַשינען אין די מאַנופאַקטורן פון אייראָפּע און אַמעריקע, אָבער מער פון אַלץ פון בריטאַניע, וואו דידאָזיקע איבערקערעניש איז שטאַרק פאַרבעסערט געוואָרן דורך אורקראַיטס און אואטס דערפינדונג.

די איינפירונג פון מאַשינען אין דער פּראָדוקציע פון לוקסוס־זאַכן האָט אַראָפּגעדריקט זייער פּרייז; די אַראָפּדריקונג פונם פּרייז האָט פאַרגרעסערט דעם נאָכפרעג אַף זיי אין אַלגעמיין, ביז אַזאַ גרויסער מאָס, אַז נאָכן איינפירן די מאַשינען האָט זיך אנגעהויבן פאָדערן דעם מענטשנס אַרבעט מער, ווי ביז דעמאָלט.

אלס ערשטער רעזולטאַט פון די נייע טעכנישע באַדינגונגען איז געקומען דער וואוקס פון די פּריוואַטע אשירעס, וואָס האָט געגעבן א נייעם שטויס צו ווייטערדיקע דערפינדונגען...

אַזוי האָט איין טעכנישע פאַרפולקומונג געבוירן די צווייטע אין א שנעלער נאָכאַנאַנדקייט, און אין אייניקע יאָר זיינען זיי ניט נאָר געוואָרן אָנגעווענדעט אומעטום אַף די מאַנופאַקטורן פונם פאַראייניקטן קעניגרייך, נאָר עס פלעגן זיי אייפערדיק איבערנעמען אנדערע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע...

צום סאַף מילכאָמע האָט אונזער לאַנד פאַרמאָגט די פּראָדוציר־קראַפט, וואָס האָט געגעבן פונקט אַזוינע רעזולטאַטן, ווי די באַפעלקערונג וואָלט פאַרגרעסערט געוואָרן אין פופצן אָדער צוואַנציק מאָל,— און דאָס אַלץ איז דער־

גרייכט געוואָרן אין די פאַריקע פינף און צוואַנציק יאָר. דער שנעלער פּראָג-רעס, וואָס גרויסבריטאַניע האָט דורכגעמאַכט פאַר דער צייט פון דער מילכאָמע אינם געביט פון רייכקייט און פּאָליטישן איינפלוס, דאַרף דעריבער זיך ניט אויסווייזן וואונדערבאַר. די סיבע האָט פולשטענדיק אַנטשפּראָכן דעם רע-זולטאַט.

אָבער דאָ זיינען אַנטשטאַנען נייע אומשטענדן. אַזוי ווי די זאַכן פון דער פּראָדוקציע האָבן אויפגעהערט זיך צו פאָדערן פאַר די מילכאָמע-באַדער-פעניש, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז פאַר זיי איז קיין מערק ניטאָ. די וועלט-האַכנאָסע האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט גענוג אַף איינצוקויפן אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן דורך אַזא מעכטיקער פּראָדוציר-קראַפט: עס האָט נאָכגעיאָגט די פאַרקלענערונג פונם נאָכפרעג. ווען אָבער עס איז אַדאַנק דעם געקומען די נויטיקייט צו פאַרקלענערן די פּראָדוקציע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מעכאַנישע קראַפט פון דער מאַשין איז אַסאַך וועלוועלער פונם מענטשנס אַרבעט. די ערשטע האָט דעריבער פאַרגעזעצט איר אַרבעט, און דער מענטש איז גע-וואָרן אַן איבעריקער, און דעם מענטשנס אַרבעט קאָן מען איצט האָבן פאַר אַסאַך אַ קלענערן געצאָלט, איידער דאָס, וואָס עס איז אומבאַדינגט נויטיק אַף צו עקזיסטירן באַ אַ געוויינלעכן ניוואָ פון באַדערפעניש *).

עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז באַ די אַרבעטער-קלאַסן איז איצט ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט דער מעכאַנישער קראַפט. פון דאַנען דרינגען אַרויס דריי אויספירן:

1) דאָס באַנוצן זיך מיט די מעכאַניזמען דאַרף שטאַרק פאַרקלענערט ווערן, אָדער

2) מיליאָנען מענטשן דאַרפן שטאַרבן פון הונגער, אויב די מעכאַנישע פּראָדוקציע וועט איינהאַלטן איר אויסערלעכן פאַרנעם, אָדער

3) פאַר די אָרימע און אַרבעטסלאָזע קלאַסן דאַרף אויסגעפונען ווערן אַ פאַרדינסטפולע באַשעפטיקונג, אין וועלכער די ארבעט פון דער מאַשין דאַרף דינען דער ארבעט אלס הילף, אָבער ניט ארויסשטופן זי, ווי אינם איצטיקן מאָמענט.

אָבער באַ דער עקזיסטירנדיקער קאָמערץ-סיסטעם קאָן די מעכאַנישע קראַפט ניט ארויסגענומען ווערן פונם געברויך אין איין לאַנד, ווייל דאָס וועט רואינירן דאָס לאַנד, וואו מע וועט אויפהערן צו באַנוצן זיך מיט איר. דעריבער וועט קיין איין פאָלק זיך ניט אָפּזאָגן פון דער מאַשין. און ווען אַזאַ אַקט וואָלט געווען מעגלעך, וואָלט ער בליסאָפעק געווען א סימען פון באַרבעריי מיצאַד די, וואָס וואָלטן געמאַכט אזאַ פּרואוו. עס וואָלט אָבער געווען א מער

---

*) די מענטשלעכע ארבעט, וואָס איז אַמאָל געווען דער גרויסער קוואַל פון די אשירעס פון די פעלקער, איז פאַרקלענערט געוואָרן לויט איר פאַרנאָסע-פעאיקייט ניט ווייניקער, ווי אַף צוויי-דריי מיליאָן פונט סטער׳ינג א וואָך אין איין גרויסבריטאַניע. דידאָזיקע סומע—אָדער, קאָן זיין, עט-וואָס א קלענערע אדער א גרעסערע—איז אַף אזא אויפן ארויסגענומען געוואָרן פונם אומלויף אינם לאַנד, און דערין איז די סיבע. פאַרוואָס עס זיינען אַזוי שטאַרק פאַראָרימט געוואָרן דער פעומער-באַלמעלאָכע, פאַבריקאַנט און סויכער.

אויגנשיינלעכע באַרבעריי און אַן אַקט פון גראָבער טיראַניע, ווען וועלכע עס איז רעגירונג וואָלט דערלויבט דער מעכאַנישער קראַפט אויסצערן דורך הונגער מיליאָנען מענטשן. דעמדאָזיקן געדאַנק טאָר מען ניט דערלויבן אף קיין איין מינוט ניט. זיין פאַרווירקלעכונג וואָלט געבראַכט אומגעהערטע צאָרעס פאַר אלע קלאַסן. דעריבער פארדינט נאָר דער דריטער פון די אנגעוויזענע אויספירן, אַז מע זאָל אים באַטראַכטן, דעהאינע דער, וואָס פאַר די אַרבעטסלאָזע קלאַסן דאַרף געפונען ווערן א פאַרדינסטפולע באַשעפטיקונג, און וועלכער די ארבעט פון דער מאַשין דאַרף דינען דער אַרבעט אלס הילף, אָבער ניט ארויסשטויסן זי, ווי אינם איצטיקן מאָמענט.

...יעדער פלאַן פון פאַרבעסערן דעם שיקזאַל פון די אָרימע לייט דאַרף אַנטהאַלטן אין זיך מיטלען, וואָס זאָלן ניט דערלאָזן די קינדער צו באַקומען שלעכטע געוואוינהייטן, זאָלן אין זיי איינפלאַנצן גוטע, דערציען זיי און געבן זיי נוצלעכע יעדיעס, זיכערן די אַנטשפרעכנדיקע אַרבעט פאַר די דערוואַקסענע, אָרגאַניזירן זייער ארבעט און הויצאָעס אַזוי, אַז דערפון זאָלן פאַר זיי גופע און פאַר דער געזעלשאַפט זיך באקומען די גרעסטע נוצן און ביכלאַל זיי אוועקשטעלן אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן פון זיי דערווייטערן איבעריקע ניסיוינעס און אף אזא אויפן פאַרייניקן זייערע אינטערעסן און פליכטן.

אַזוינע פריווילעגיעס קאָנען ניט געגעבן ווערן איינצלנע פערזאָנען אדער אפגעזונדערטע פאַמיליעס אָדער א פאַרייניקטע צאָל פאַמיליעס.

זיי קאָנען דערפאָלגרייך דורכגעפירט ווערן אין לעבן בלויז בא אזא אָרדענונג, וואָס וואָלט דערלויבט צו פאַרייניקן אין איין אנשטאַלט א באַפעלקערונג פון 500 ביז 1500 נעפאשעס, דורכשניטלעך א מאן 1000.

איך לייג איצט פאָר דעם קאמיטעט פאָלגנדיקן פלאַן, וואָס איז געגרינדעט אף די אויבנאָנגעוויזענע יעסוידעס און פאַרייניקט אין זיך, וואַג איך צו מיינען, אלע אויסגערעכנטע מאילעס, וועלכע וועלן מיט דער צייט קאָנען ארויסברענגען נייע, ניט ווייניקער וויכטיקע...

...איך דערלויב זיך פאָרצולייגן אים, אלס רעזולטאַט פונם עקספערימענט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אף ברייטע יעסוידעס צווישן די אָרימע לייט און ארבעטער טאָג-איין טאָג-אויס אין מעשעך פון פינף און צוואנציק יאָר, דערביי איז אין פארלויף פון אָט דער צייט אומדערמידלעך געווענדעט געווען די אויפמערקזאמקייט אף אויסצוגעפינען די גרונט-סיבעס פון זייער אָרימקייט און אומגליקן און די בעסטע מיטלען אף צו באַווייטיקן דאָס און יענס.

איך בעט א דערלויבעניש צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונם קאָמיטעט אף די צייכענונגען און דערקלערונגען, וואָס באַגלייטן דעם טעקסט פון אָט דעם פאָרטראַג.

די צייכענונג שטעלט מיט זיך פאָר א פלאַץ, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן פאַר ביניאַנים, וועלכע וועלן זיין גענוג איינצואָרדענען ארום 1200 נעפאַשעס. זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט ערד-פלעצער פון . . . ביז . . . אַקרען. אינם גראדעקיקן פלאַץ געפינען זיך קאהאלשע ביניאָנים, וואָס טיילן אים פאַנאַנדער אין צוויי קלענערע גראדעקן. די צענטראַלע געביידע אנטהאלט אין

זיך א קאַהאלשע קיך, קאַהאלשע עס-צימערן און די גאַנצע איינריכטונג, וואָס איז נויטיק פאַר אן עקאָנאָמישער און קאָמפאָרט=ולער קיך און טיש. פון רעכטס געפינט זיך א געביידע, וואָס זיין אונטערשטער שטאָק וועט זיין פאַרנומען מיט א שול פאַר קינדער פון אינגערן עלטער, און אינם צווייטן וועט זיך געפינען א לעקציעס-זאַל און אַן אָרט פאַר גאָטעס-דינסט.

אין דער געביידע אף רעכטס געפינט זיך אַ שול פאַר עלטערע קינדער און דער קאָמיטעטישער-צימער—דאס איז אונטן. אויבן איז די ביבליאָטעק און אן ארט פאַר די דערוואקסענע. אפן פרייען שטעטך אינם גראָדעק געפינען זיך שפיל-פלעצער אף אפצורוען און פאַרווייליגען; אף אָט די שפיל=פלעצער דאַרפן פארפלאַנצט ווערן בוימער. דריי זייטן פונם גראדעק האט מען בעדייע צו פאַרנעמען מיט הייזער אף צו וואוינען פאַר די פאַמיליען-אַרבעטער, צו פיר צימערן אין יעדן. יעדער צימער דאַרף זיין אזוי גרויס, אַז ער זאָל זיין גענוג אף אריינצונעמען איין מענטשן, זיין פרוי און צוויי קינדער. די פערטע זייט וועט ווערן פאַרנומען מיט אַ געביידע פון שלאָף=הייזער פאַר אַלע קינדער, וואָס עס וועלן זיין מער פון צוויי אף א פאמיליע, אָדער פאַר יענע, וועמען עס איז מער פון דריי יאָר. אינם צענטר פון אָט דער זייט פונם גראָדעק געפינט זיך אַ געביידע פון די פאַרוואלטערס איבער די שלאָף-הייזער. אין איין עק אירן איז דער שפיטאל און אינם צווייטן א געביידע אף אויפצונעמען געסט, וועלכע קאָנען קומען פון דערווייטנס אף צו זעען זיך מיט זייערע פריינט און קרויווים. אין די צענטערן פון צוויי זייטן פונם גראדעק געפינען זיך די הייזער פאַר די הויפט=אויפזעער, און אינם צענטר פון דער דריטער זייט—א שפייכלער פאַר אלע זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פאַרן אנשטאלט.

הינטער די הייזער ארום דעם גראָדעק געפינען זיך גערטנער. הינטער זיי, ווי עס איז געוויזן אף דער צייכענונג, גייען וועגן.

גלייך הינטער זיי אף איין זייט געפינען זיך די געביידעס פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, פונם שעכט-הויז א. ד. גל., וואָס זיינען אָפגעטיילט פונם אנשטאלט מיט פלאנצונגען.

אף דער צווייטער זייט געפינען זיך געביידעס פאר וואַשן, ווייסן א. ד. גל., און אף נאָך א גרעסערן מעהאַלעך פונם גראָדעק געפינען זיך צוויי פערמעס מיט אן איינריכטונג אף מאכן מאַלץ, קאכן ביר, א מיל א. ד. גל. ארום זיי געפינען זיך באַאַרבעטע ערד-פלעצער, פאשע-פלעצער א. ד. גל. פעלדער-גרעניצן דאַרפן זיין פאַרפלאַנצט מיט פרוכט=בוימער.

דער פלאַן איז אויסגערעכנט לויטן מאסשטאב, וואָס איז גענוג אף איינצואָרדענען 1200 נעפאשעס.

אין יעדער צימער=דירע קאָנען וואוינען איין מאַנסביל, איין פרוי און צוויי קינדער אינגער פון דריי יאָר. דער צימער דאַרף געבן מער באַקוועמלעכקייטן איידער די געוויינלעכע וואוינונגען פון די אָרימע לייט. די קינדער, וואָס זיינען עלטער פון דריי יאָר, דאַרפן, לויטן דאזיקן פלאַן, באזוכן די שול, עסן מיטאָג אינם אלגעמיינעם עס-צימער און שלאפן אין די אַלגעמיינע שלאָף=צימערן, דערביי וועט די עלטערן זיין, פאַרשטייט זיך, דערלויבט צו זעען און

שמועסן מיט זיי באַם עסן און אין אַן אַנדער פּאַסיקער צייט. עס וועלן אַנגענומען ווערן קאַלערליי מאָסמיטלען אַף ניט צו דערלאָזן, זיי זאָלן זיך נעמען מיט שלעכטע געוואוינהייטן און נעטיעס. איידער זיי וועלן פאַרלאָזן די שול, וועלן זיי גוט באַנעמען אַלע נויטיקע און נוצלעכע יעדיעס, וועלכע קאָנען מער פון אַלץ מיטהעלפן צו דערגרייכן גליק אינם לעבן און מאַכן זיי פּאַר נוציקע און געאַכטעטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער זיי געהערן.

די פרויען וועלן קוידעמקאָל זיין פאַרנומען מיט אַרומגיין אַרום זייערע קינדער און האַלטן זייערע וואוינונגען אין פולשטענדיקער אָרדענונג. צווייטנס, וועלן זיי באַאַרבעטן די גערטנער אַף צו באַקומען גרינסן פאַר די באַדערפענישן פון דער קאָהאַלשער קיך. דריטנס, וועלן זיי אַרבעטן אין יענע צווייגן פון דער פאַבריק-אינדוסטריע, אין וועלכע די פרויען קאָנען מיט דערפאָלג זיך באַטייליקן, אָבער דערביי ניט מער פון פיר ביז פינף שאָ א מעסלעס. פערטנס, וועלן זיי נייען בגאָדים פאַר דער באַפעלקערונג פון דער געמיינדע. פינפטנס, וועלן זיי נאָך דער ריי דעזשורען אין דער קאָהאַלשער קיך, אין די עס-הייזער און שלאָף-הייזער און, נאָך אַן אַנטשפּרעכנדיקער צוגרייטונג, אויך האָבן אַן אויפזיכט אַף אייניקע זייטן פון דער קינדער-דערציאונג אין די שולן.

די עלטערע קינדער וועלן א געוויסן טייל פון טאָג, לויט זייערע קרעפטן זיך צוגעוואוינען העלפן די דערוואַקסענע אין דער גערטנערשער אַרבעט, אָדער אַף די פאַבריקן. די מענער וועלן אַלע זיין פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט און צוזאַמען מיט דעם אויך מיט פאַבריק-אַרבעט אָדער אַן אַנדער אַרבעט, וואָס איז נויטיק פאַר דער געמיינדע.

די אומוויסנהייט פון די אָרימע לייט, זייער ניט איינגעהאַלטנקייט און די אָפּוועזנהייט פון א פאַרנינפטיקער דערציאונג מאַכן נויטיק, אַז דער איצטיקער דאָר זייערער זאָל טעטיק און רעגולער זיין פאַרנומען אין מעשעך פונם טאָג מיט א וואָסער ניט איז אומבאַדינגט נוצלעכער אַרבעט, אָבער אַזאַ, וואָס מוז זיין געזונט און פּראָדוקטיוו. דער אויבן באַשריבענער פּלאַן באַפרידיקט אַפן פול-שטענדיקסטן אויפן אָט דער פאָדערונג.

קעדיי צו געבן אַן אַנשוילעכע פאָרשטעלונג פון די הויצאָעס, וואָס עס קאָן פאָדערן די איינאָרדענונג פון אַן אַנשטאַלט אַף 1200 נעפאָשעס, וועלן מיר ברענגען פאָלגנדיקע ציפערן...

(ווייטער פאָלגט א סמעטע פון הויצאָעס אַף אַ סומע פון 96.000 פונט טערלינג).

אָט די סומע, צעטיילט אַף 1200, גיט אַף יעדערן א קאַפּיטאַל פון 80 פונט, וועלכער קאָן אויסגעליען ווערן אַף 5 פּראָצענט אָדער 4 פונט א יאָר.

אַף אַזאַ אויפן וואָלטן דידאָזיקע אַרבעטלאָזע פאַר אַזאַ אומבאַדרייטנדיקער הויצאָע, ווי 4 פונט אַף א נעפעש, געקאָנט ווערן אוועקגעשטעלט אין דער מעגלעכקייט צו אונטערהאַלטן זייער עקזיסטענץ און וואָלטן, ווי עס איז לייכט צו זען, גיך געדעקט דעם קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבן אַנטליען, אויב דערין וואָלט זיך אַרויסגעוויזן א נויטיקייט.

דערדאָזיקער פּלאַן וואָלט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן אויף עטלעכע אופנים.

ער קאָן ווערן אויסגעפילט דורך באַזונדערע פּערזאָנען, פּאַראַפּיעס, גראַפשאַפטן, קרייזן און ענלעכע טיילונגען, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך עטלעכע גראַפשאַפטן, און דורך דער גאַנצער נאַציע מיט דער הילף פון דער רעגירונג, — אייניקע קאָן געפעלן ווערן דער אופן, אַנדערע — אַן אַנדער אופן. און, פאַרשטייט זיך, אַז עס וואָלט געווען גוט אויסצופּרואוון עטלעכע פאַרשיידענע אופנים, קעדיי דער פּלאַן, וואָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר צום בעסטן אויספילבאַר, זאָל שפּעטער אומעטום קאָנען אָנגענומען ווערן. דעריבער קאָן ער פאַרווירקלעכט ווערן דורך יעדער פּאַרטיי, אין וואָסער אַרט איר זאָל ניט געפעלן ווערן און בעהעסקעם מיט איר קוק אויף דערדאָזיקער זאַך און מיט די אָרטיקע באַדינגונגען.

מען קאָן ניט געפינען קיין גענוג שטאַרקע ווערטער אויף אויסצודריקן די זינלאָזיקייט און אומגערעכטיקייט פון אונזער איצטיקער סיסטעם פון די באַציאונגען צו די אָרימע לייט און אַרבעטער-קלאַסן. מע לאָזט זיי פינסטערן אין גראָבער אומוויסנהייט. מע לאָזט זיי דערציען זיך אין אַן אַטמאָספער פון שלעכטע געוואוינהייטן און נידעריקע מידעס. מע רינגלט זיי קעסיידער אַרום מיט ניסיוינעס, וועלכע ברענגען אומפאַרמיידלעך צו די אויבנאָנגעוויזענע פאָלגן, פּונקט אַזוי ווי מע וואָלט געהאַט אַן אפריער אויסגערעכנטן ציל ניט אַרויסצולאָזן זיי פון די קייטן פון אומוויסנהייט און מיעסע מידעס און אויפדרייצן זיי צו פאַרברעכנס.

אבער די אָרימע לייט און אַרבעטער-קלאַסן קאָנען ניט, דאַרפן ניט איבערגעלאָזט ווערן אינם רעשוס פון זייער אייגענעם שיקזאַל, אַניט וועלן די פאָלגן זיין גרויזאַמער פאַר אונז אַלעמען. אַנשטאָט זיי איבערצולאָזן, ווי איצט, אין רעשוס פון אומוויסנהייט און אונטער דער ווירקונג פון באַדינגונגען, וואָס מאַכן אַ טייל פון זייער אַרבעטס-פעאיקייט און זיטלעכקייט — באַדינגונגען, בא וועלכע עס איז באַזונדערס גרינג צו זעען די רעזולטאַטלאָזיקייט און אַפילע דעם שאָדן פון דער ציטוויילִיקער געלט-שטיצע, — וואָלט מען, אַדעראַבע, זיי געדאַרפט געבן אַ מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן זיך אין אַ פולער מאָס מיט דער אייגענער אַרבעט, לויט אַ סיסטעם, וואָס וואָלט געגעבן זייער אַרבעט און פאַרדינסטן די נוצלעכסטע ווענדונג, נאָר דערביי וואָלט זי זיי געשטעלט אין באַדינגונגען, וואָס זיינען די סאַמע גינסטיקע פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיטלעכקייט און גליק. מיט איין וואָרט, אַנשטאָט צו לאָזן זיך אַנטוויקלען זייערע געוואוינהייטן אונטער די ערגסטע ווירקונגען, וואָס זיינען נאָר מעגלעך, אָדער איבערלאָזן עס פאַרן צופאַל און אויף אַזאַ אופן שטויסנדיק זיי ניט ווילנדיק אויף פאַרברעכנס, וועלכע רופן אַרויס די נויטווענדיקייט אַנצואווענדן די שטרענגקייט פון אונזער קרימינעלן געזעץ, — דאַרף מען איינפירן אַ סיסטעם פון פאַרהיטן פון אָרימקייט און פאַרברעכנס. און דעמאָלט וואָלט דער ווירקונגסגעביט פון אונזער קרימינאַל-קאָדעקס אינגיכן פאַרשמעלערט געוואָרן ביז די ענגסטע גרעניצן.

אט אזא פּלאַן, האָגאָם ניט קיין פולקומענעם, האב איך אנגעוואָרפן און פאַרגעלייגט אינם דאָזיקן פאַרטראַג.

לאָמיר האָפן, אַז די רעגירונג פון אונזער לאַנד האָט איצט אין א גע־נוגנדיקער מאָס זיך איבערצייגט אין דער נויטיקייט אָפּצוואוואַרפן דעם פּרינציפּ, וואָס אף אים האָבן זיך ביז איצט באַזירט אלע אונזערע געזעצגעבערישע מאָסמיטלען אינם דאָזיקן פראַט, ווייל קיין זאַך, אכוץ דעם אָנגעוויזענעם מאָס־מיטל, קאָן ניט געבן דער מלוכע קיין פעסטן גליק. קאָלומאָן דער פאַרהיטונגס־פּרינציפּ וועט ניט געלייגט ווערן אינם יעסאָד פון דער געזעצגעבונג, איז אומזיסט דאָס אויסגעפינען נייע מיטלען, כוץ די ציטווייליקע מאָכמיטלען, וועלכע בעסערן ניט אויס די געזעלשאַפט, נאר שליידערן זי אריין אין נאָך אַן ערגערן צושטאַנד.

אויב די רעגירונג וועט קומען צום דאָזיקן באוואוסטזיין, איז די פאַר־ווירקלעכונג פונם פּלאַן צו פאַרבעסערן דעם שיקזאַל פון די אָרימע לייט בעסער אָנצוטרויען די נאַציע, איידער פּריוואַטע פּערזאָנען.

דאָס געלט, וואָס איז נויטיק אף צו גרינדן דעם אנשטאַלט, לויטן פאַר־געלייגטן פּלאַן, קאָן מען באקומען דורך קאָנסאָלידירן די פאָנדן פון אייניקע געזעלשאַפטלעכע וואוילטעטיקע אנשטאַלטן *), דורך אויסגלייכן דעם שטייער און דורך א האלוואָע אונטער זיין זיכערונג. די אָרימע, בעסויכאם אויך די, וואָס זיינען אָנגעוויזן אף דער געזעלשאַפטלעכער וואוילטעטיקייט, דאַרפן ווערן א זאך פון נאציאָנאַלער פאַרזאָרגונג.

דעמאָלט וועט זיך באקומען אַן איבערפלוס פון מיטלען און אַרבעט. דאָס לאַנד וועט דאַרפן אויסגעפּאַרשט ווערן, און פאַר דער איינאָרדענונג פון די פאַבריק־ערד־אַרבעטערשע ישואווים דאַרפן געזיכערט ווערן די בעסטע ערטער.

די ערד־פלעצער, וואָס קאָנען גרינג אויסגעפונען ווערן אין די פאַרשיי־דענע טיילן פונם קעניגרייך, דאַרפן אף א געהעריקן אופן אָפּגעשאַצט ווערן און געקויפט ווערן דורך דער נאַציע, אָדער איינגעשאַפט ווערן אפן רעכט פון אייביקער ארענדע און אַפן געהעריקן אופן אויסגעפלאַנירט ווערן דורך קאָמ־פּעטענטע פּערזאָנען פאַרן ציל, וואָס עס פאָדערט זיך. אף אויסצופילן יעדן טייל פון דער אַרבעט פון אט דער זאך קאָן מיט גרויס נוצן אָנגעווענדעט ווערן די ארבעט פון די אָרימע און ארבעטסלאָזע אונטער דער אָנפירונג פון זייערע פּערזאָנען, וואָס זיינען באשטימט אף צו פאַרוואַלטן מיט די פאַרשיידענע געביטן.

די מאַילעס, וואָס קאָנען זיך באקומען פון פאַרווירקלעכן אזא פּלאַן, ווערן סומירט אין פאָלגנדיקע פונקטן:

---

*) אדער מע קאָן זיי לייען בא די פערזאָנען, וואָס האבן אן איבערפלוס פון פרייען קאַפּי־טאַל, לייען פונם פאָנד אף צו ראטעווען די, וואָס טרינקען זיך, אָדער זיך ווענדן נאך אן אנדער פינאַנציעלן מאָסמיטל, וואס וועט זיך ארויסווייזן פאר באַקוועם. די אנשטאלטן, נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך אויפהויבן אין פרייז, אדאַנק דער באַארבעטונג פון דער ערד, וואָס געהערט זיי, וועלן איינגיכן ווערן א גענוגנדיקע אָרוועס פון א באַרייטנדיקן טייל פון די סומען, וועלכע וועלן פאַרווענ־דעט ווערן אף צו קויפן זיי.

1. האַגאַם דעם איבערפלעכלעכן צושויער קאָן אַפילע אזא סיסטעם פון פארזאָרגן די אַרבעטסלאָזע אויסווייזן זיך פאר העזעקדיק, דאך וועט יעדערער, וואָס זעט די פאָלגן פון אזא קאָמבינאַציע, נאך א רייפער באטראכטונג, אנערקענען פאַר דער סאַמע עקאָנאָמישער פון אַלץ, וואס איז ביז איצט פאָרגעלייגט געוואָרן.

2. אַסאַך פון די אַרבעטסלאָזע אָרימע לייט געפינען זיך איצט אין אַ צושטאַנד פון גראָבער אומוויסנהייט און זיינען דערצויגן אין שלעכטע געוואוינהייטן — אן אומגליק, וואָס וועט בא דער איצטיקער סיסטעם דויערן ביז די אומענדלעך ווייטע דוירעס. דער פאָרגעלייגטער פלאַן גיט די זיכערסטע מיטלען, וואָס קאָנען באַפרידיקן אַלע פאַרינטערעסירטע צדאָדים און יעדן פרייען סייכל אַף אויסצואוואָרצלען סאי די אומוויסנהייט און סאי די שלעכטע געוואוינהייטן אין מעשעך פון איין דאָר.

3. די גרעסטע אומגליקן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן נעמען זיך פון דעם, וואָס די מענטשהייט ווערט דערצויגן אַף די יעסוידעס פון מאַכלויקעס. די פאָרגעלייגטע מאָסמיטלען האָבן אין זינען צו פאַרייניקן די מענטשן אַף צו פאַרפאָלגן געמיינזאַמע צילן פאַר די קעגנזייטיקע נוצן, גיבן אַ לייכט פאַרווירקלעכבאַרן פלאַן, ווי אַזוי ביסלעכוויז צו באַזייטיקן די סיבעס פון די מאַכלויקעסן צווישן די מענטשן און מאַכן אידענטיש זייערע אינטערעסן און פליכטן.

4. דידאָזיקע סיסטעם גיט אויך די איינפאכסטע און ווירקזאַמסטע מיטלען אַף איינצופלאַנצן די בעסטע געפילן און געוואוינהייטן בא די קינדער פון די אַרבעטסלאָזע אָרימע לייט, אויב די געזעלשאַפט איז אימשטאַנד צו באַשליסן, וואָסערע געוואוינהייטן און נעטיעס דאַרף מען בא זיי איינפלאַנצן.

5. זי ווייזט אויך אָן די מעכטיקסטע מיטלען אף אויסצובעסערן די געוואוינהייטן און די גאַנצע אויפירונג פונם דערוואַקסענעם טייל פון די אַרבעטסלאָזע אָרימעלייט, ווען די געזעלשאַפט האָט פאַרברעכעריש איבערגעלאָזן אין פאַרנאכלעסיקונג פון זייער סאַמע קינדהייט אָן.

6. אַדאַנק די אייגנטימלעכקייטן פון אָט דער סיסטעם, וועט זי געבן די אָרימע לייט אַלס באלוינונג פאַר זייער אַרבעט א העכערן, ווערטפולערן און מער געזיכערטן איבערפלוס, איידער זיי וואָלטן ווען עס איז געקאָנט באַקומען.

7. אין מעשעך פון איין דאָר וועט זי באַזייטיקן די נויטיקייט אין שטייערן אַף אויסצוהאַלטן די אָרימע לייט אָדער אין אַן אַנדערער געלט-צדאָקע שוין פאָשעט דורך דעם, וואָס זי וועט קיינעם ניט לאָזן אַריינפאַלן אין אָרימקייט און אויסשטיין דערנידערונגען, וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן.

8. זי וועט געבן אַ מעגלעכקייט ביסלעכווייז צו פאָרגרעסערן די באַפעלקערונג פון יענע ניט באַפעלקערטע ערטער פון אייראָפּע און אַמעריקע, וואו דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נויטיק; אויב עס וועט זיך פאָדערן, וועט זי געבן אַ מעגלעכקייט צו עקזיסטירן מיט קאָמפאָרט אַסאַך אַ גרעסערער באַפעלקערונג אינם געגעבענעם אָרט, איידער ביז איצט; מיט איין וואָרט, זי

וועט פאַרגרעסערן די קראַפט און די פּאָליטישע מאַכט פונם לאַנד מער ווי אין צען מאָל דאָרט, וואו זי וועט אָנגענומען ווערן.

9. דערדאָזיקער פּלאַן איז אַזוי צוגענגלעך, אַז ער קאָן אַפילו דורכגע-פירט ווערן אין לעבן מיט ווייניקער פעאיקייטן און אָנשטרענגונגען, וויפל עס פאָדערן זיך אַף איינצואָרדענען אַ נייע פאַבריק אין א נייעם אָרט. אַסאַך פּערזאָנען מיט מיטלמעסיקע פעאיקייטן האָבן געשאַפן אַסאַך מער פּאַרוויקלטערע אונטערנעמונגען, איידער די, וואָס ווערט פאָרגעלייגט. אוןווירקלעך, עס וועט זיך לאַכלוטן גאָרניט פאָדערן אַזוינס, וואָס עס זאָל זיך ניט פּראַקטיקירן אינם טאָג-טעגלעכן לעבן, און דאָס קאָן אַלץ לויטן פאָרגעלייגטן פּלאַן אויסגעפילט ווערן אַסאַך גרינגער.

10. ער וועט אַף אַ ווירקלעכן אויפן ראַטעווען די אַרבעטער אין דער אינדוסטריע און ערד-אַרבעט פון דער שרעקלעכער אָרימקייט, וואָס זיי לעבן איבער אין דער איצטיקער צייט, ניט ענדערנדיק אף אַ גוואַלדזאַמען אופן אָדער פּריצייטיק די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָנדקעס.

11. ער וועט דערלויבן ביז יעדער מאָס איינצופירן טעכנישע דערפינדונגען און פאַרפולקומונגען, וויל לויטן פאָרגעלייגטן פּלאַן וועט יעדע מאַשין-פאַרפולקומונג זיין אונטערגעוואָרפן דעם מענטשנס אַרבעט און וועט אים באַהילפיק זיין.

פונקט 12 און דער לעצטער. יעדער טייל פון דער געזעלשאַפט וועט פילן אַף זיך די גוטע ווירקונג פון דערדאָזיקער ענדערונג אין די לעבנס-באַדינגונגען פון די אָרימע לייט. דער פּלאַן, וואָס איז געגרינדעט אַף די אויסגערעכנטע יעסוידעס, איז אָן אומבאַדינגט נויטיקער אַף צו פאַרפעכטיקן דעם וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט און אַף אויסצומיידן דאָס שוידערלעכע בילד פון טויזנטער מענטשן, וועלכע גייען אונטער אין נויט צווישן אַן איבערפלוס פון מיטלען, וואָס קאָנען קלעקן אַף צו דערציען, אונטעריכטן, געבן באַשעפטיקונגען און געבן אַ מעגלעכקייט צו פירן אַן אָנשטענדיק לעבן אַ באַפעלקערונג, וואָס איז, לעכאָלאַפּאָכעס, פיר מאָל אַזוי גרויס, ווי די איצטיקע.

5. די ערשטע נאַציאָנאַלע פּעטיציע.

„צו די הויכגעשעצטע געמיינדעס פון דעם פאַראייניקטן קעניגרייך גרויס-בריטאַניע און אירלאַנד, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט אין פּאַרלאַמענט, אַ פּע-טיציע פון די אונטן געכאַסמעטע, ליידנדיקע לאַנדס-לייט זייערע.

וואָס דערקלערט מיט דערעכערעץ:

אַז מיר, די בעטער צו אייך, לעבן אין אַ לאַנד, וואו די סאָכרים צוי-כענען זיך אויס מיט זייער אונטערנעמערישקייט. די פאַבריקאַנטן זיינען קענער פון זייער פאַך, די קונסט פון די אַרבעטער איז געוואָרן אַ שעמדאָוועך. דאָס לאַנד גופע איז אויסגעצייכנט, דער באָדן אַ פּרוכטבאַרער, דער קלימאַט אַ געזונטער; עס איז באַזאָרגט מיט אַ שעפע פון מאַטעריאַלן צום האַנדל און

אינדוסטריע; עס פאַרמאָגט אַסאַך באַקוועמע האַפנס; לויט דער לייכטקייט פון אינעווייניקסטן פאַרקער שטייגט עס אַריבער אַלע אַנדערע לענדער.

א מעשעך פון 23 יאָר האָבן מיר גענאָסן אַ טיפן פרידן.

און אָט באַ די אַלע גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דעם נאַציאָנאַלן וואויל-שטאַנד און דער גאַנצער שטרעבונג און קענטשאַפט אויסצונוצן זיי מיט געווינס, זיינען מיר אונטער אַ יאָך פון ליידן הען אין געזעלשאַפטלעכן, הען אין פרי-וואַטן לעבן.

מיר שלאָגן זיך אויס פון די קויכעס אונטער דער לאַסט פון שטייערן, וואָס, ניט געקוקט דערויף, זיינען זיי נאָך ניקער ווייט ניט גענוג פאַר די באַ-דערפעניש פון אונזערע רעגירער; אונזערע אינדוסטריעלער ציטערן אַפן ראַנד פון באַנקראָט; אונזערע אַרבעטער שטאַרבן פאַר הונגער, קאַפּיטאַל גיט ניט קיין האַכנאָסע, און די קראָם פון דעם פראַצענטניק איז פול; דאָס אַרבעטס-הויז איז איבערגעפולט, און די פאַבריק איז געבליבן אָן מענטשן.

מיר האָבן געקוקט אַף אַלע זייטן, מיר האָבן געסטאַרעט זיך און געזוכט די סיבעס פון דער דאַכקעס, אַזאַ שווערער און לאַנגדויערנדיקער.

מיר קענען קיין איינע ניט געפינען ניט אין דער נאַטור, ניט אין דער האַשגאָכע פון גאָט.

דער אויבערשטער איז געווען גנעדיק צום פאָלק, נאָר דער שיגאָען פון אונזערע רעגירער האָט געמאַכט צונישט דעם ריבוינעשעלאָוילאָמס כסאָדים.

די ענערגיע פון דעם מעכטיקן קעניגרייך האָט מען געפאַטערט אַף צו באַשאַפן אַ מאַכט פון מענטשן, וואָס ליבן זיך אַליין און וועלכע זיינען אומ-ווּסנד, און די אַשירעס זיינע האָט מען געטרענצלט קעדיי זיי רייך צו מאַכן.

צוליב דער טויווע פון איין פאַרטיי האָט מען מאַקריוו געווען די טויווע פון דער נאַציע; א קליינע צאָל האָט רעגירט לעטויוועס אַ קליינער צאָל, בעאייס די אינטערעסן פון דער מערהייט זיינען געבליבן אומגעאַכט אדער מע האָט זיי כוצפעדיק און טיראַניש געטראָטן אונטער די פיס.

די אינטימע האָזעגונג פון דעם פאָלק איז געווען, אז א מיטל צו אַ היפשן כיילעק, אויב ניט צו אַלע זיינע באַליידיקונגען און ליידן, וועט עס געפינען אין דעם ביל וועגן דער רעפאָרם פון 1832 יאָר.

דאָס פאָלק איז געווען געוואוינט צו באַטראַכטן אָט דעם אַקט ווי אַ קלוג מיטל פאַר א ווירדיקן צוועק, ווי א מעכאַניזם פון אן אויסגעבעסערטער געזעצגעבונג, ווען דער ווילן פון די מאַסן וועט, סאָפּקאָלסאָף, האָבן א קראַפט.

מע האָט אָבער דאָס פאָלק ביטער און נידערטרעכטיק אָפּגענאַרט.

די פיירעס, וואָס האָבן זיך אויסגעדרוכט אַזוי געלוסטיק פאַרן אויג, זיי-נען געוואָרן צו שטויב און אַש, ווען מע האָט זיי איינגעקליבן.

דער אַקט וועגן דער רעפאָרם האָט איבערגעגעבן די מאַכט פון איין הערשנדיקער פאַרטיי דער אַנדערער, איבערלאָזנדיק דאָס פאָלק אַזוי אומבאַ-האָלפן ווי פריער. אונזער קנעכטשאַפט האָט זיך געביטן דערמיט, וואָס מיר זיינען געוואָרן נאָר אַזוי ווי צעכאָווע לערן-אינגלעך פון פרייהייט, וואס עס האָט נאָך פאַרשטאַרקט דאָס ווייטיקדיקע געפיל פון אונזער סאָציאַלער דער-

נידערונג, צוגעבנדיק צו אים די ביטערקייט פון א האָפענונג, וואָס איז ווידער ניט מעקויעם געוואָרן.

מיר ווענדן זיך צו אייער הויכגעשעצטער קאַמער און מיר זאָגן אייך מיטן פולן רעספעקט, אז מע קען ניט דערלאָזן, אַזא לאַגע זאל זיך ווייטער ציען; אז אַזוי קען עס לענגער ניט אָנהאלטן, ניט דראָענדיק מיט אַן ערנסטער סאקאָנע דער פעכטקייט פון דעם טראָן און דעם פרידן פון דעם גאַנצן קעניגרייך, און אז אויב מיט גאָטס הילף און מיט דער אָנווענדונג פון אלע געזעצלעכע און קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען קען מען מאַכן דערצו אַ סאָף, איז האָבן מיר פעסט באשלאָסן גאָר אינגיכן צו דערשלאָגן זיך אָט דעם סאָף.

מיר זאָגן אונזער הויכגעשעצטער קאַמער, אז קאַפיטאל דאַרף ברענגען דעם באַלעבאס די געהעריקע האכנאָסע; אז העזן די געזעצן, וואָס מאכן טייער ברויט, העזן די פון זיי, וואס פארוואַנדלען געלט אין אַ יעקאַרהאַמציעס און מאכן דערמיט ביליק די ארבעט, דאַרפן באָטל ווערן; אַז שטייערן דארפן פאַלן אף אייגנטום, און ניט אף ארבעט; אז די טויווע פון דער מערהייט באַפעלקערונג, ווי דער איינציק געזעצלעכער צוועק, דארף זיין די איינציקע דאַיגע פון דער רעגירונג.

ווי א מיטל, וואָס גייט אַפריער פאר אָט די און אַנדערע נויטיקע ענדערונגען, ווי די איינציקע טרופע, וואס דורך איר קענען די אינטערעסן פון פאָלק ווערן באַהיט און באַוואָרנט, פאדערן מיר, אַז אָפצוהיטן דידאָזיקע אינטערעסן זאָל מען אָנפאַרטרויען דעם פאָלק אליין.

אז מלוכע רופט צו פאַרטייַיקער, ווען זי פאָדערט געלט, קען מען זיך ניט אָפזאָגן און ניט בעטן, מע זאָל אָפלייגן אף אַ צייט, פאַרופנדיק זיך אף אָרימקייט צי אַף דעם, אז מע ווייס ניט.

וויבאַלד אַז פון אונז פון אלעמען פאָדערט מען אונטערצושטיצן און פאָלגן די געזעצן, איז אי די נאַטור אי דער סייכל גיבן אונז א רעכט צו פאָדערן פון אונזער זייט, אז בעאייס מע גיט אַרויס די געזעצן, זאָל מען אויסהערן די שטים פון אלעמען.

מיר זיינען מעקאיעם די היסכאַיוועסן פון פרייע מענטשן, דארפן מיר האָבן די פריווילעגיעס פון פרייע מענטשן.

מיר פאָדערן אַלגעמיינע אָפשטימונג.

קעדיי די אָפשטימונג זאָל זיין געזיכערט פון שויכעד מיצאד די רייכע און פון געוואלט מיצאד די מאַכטהאָבנדיקע, מוז זי זיין געהיים. די אנערקענונג פון אונזער רעכט איז שוין מעמיילע מעשאַער די פרייהייט ניט קאנטראלירטערהייט צו באנוצן עס.

מיר פאָדערן געהיימע אָפשטימונג.

קעדיי דער צוזאמענבונד צווישן די פארטרעטער און דעם פאָלק זאל האָבן א נוצלעכע ווירקונג, דארף ער זיין אַן ענגער.

די געזעצגעבנדיקע מאַכט און די קאָנסטיטואַ־נדיקע מאַכט דאַרפן גע־בראַכט ווערן אין אָן אָפּטן באַריר און אין א פאַרקער איינס מיט דער אַנ־דערער, קעדיי מע זאָל קענען אַכטונג געבן אף זייערע מאַיסים און ווירקן אף זיי.

פּעלערן, לעפּיערעך לייכטע, ווען דאָס פאָלק קען זיי שנעל פאַריכטן, קענען אָבער ברענגען די אומגליקלעכסטע רעזולטאַטן, ווען מע זאָל זיי לאָזן איינוואָרצלען זיך אין א מעשעך פון לאַנגע יאָרן געוואַלטזאַמער אָפּהאַלטונג.

אי צוליב דער געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט, אי צוליב דעם געזעל־שאַפטלעכן צוטרוי זיינען מאַמעש נויטווענדיק אָפטע וואַלן.

מיר פאָדערן יערלעכע וואַלן אין פּאַרלאַמענט.

איז אונז געגעבן די מאַכט צו ווילן און פרייהייט בא די וואַלן, דאַרף דער גרעניץ פון אונזער אויסוואַל ניט זיין באַשרענקט.

די איצטערדיקע געזעצן צווינגען אונז אויסצוקלייבן פּאַר פּאַרטרעטער מענטשן, וואָס זיינען ניט פּעאיק אָפּצושאַצן אונזער שווערע לאַ־ע אָדער וואָס האָבן צו איר קנאַפּ מיטגעפיל: סאָכרים, וואָס זיינען אוועק פון האַנדל און פּילן שוין מער ניט זייער שווערקייטן אף זיך; ערד־אייגנטימער, וואָס ניט זיי ווייסן אין וואָס די ערד נויטיקט זיך, ניט ווי אַזוי עס צו באַפרידיקן; אַדוואָ־קאַטן, וואָס יאָגן זיך נאָכן קאָוועד צו זיצן אין פּאַרלאַמענט, נאָר ווי נאָך א מיטל אויסצוצייכענען זיך אין די געריכטן.

די טירכעס פון א פּאַרטרעטער, וואָס פּילט אויס מיט האַסמאָדע זייגע פליכטן, זיינען פּיל און שווער.

עס איז ניט יושערדיק, אָן קיין שום גרונט און ניט אומגעפערלעך צו דערלאָזן, אַז די פּאַרטרעטער זאָלן זיי ווייטער טראָגן אָן געצאָלט.

מיר פאָדע־ן, אַז באַ די קומענדיקע וואַלן פון מיטגלידער אין אייער פּילגעערטער קאַמער זאָל דער העסקעם פון די ווילער זיין דער איינציקער צענז; אַז פּאַר יעדער פּאַרטרעטער, וואָס וועט אף אַזא אויפן אויסגעוויילט ווערן, זאָל באַשטימט ווערן פון די געזעלשאַפטלעכע האַכנאָסעס אַן אָנשטענ־דיקער און געהעריקער געהאַ־ט אף דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז באַרופן אָפּצוגעבן זיך צו געזעלשאַפטלעכער דינסט.

לעסאָף, וואָלטן מיר וועלן גאָר ערנסט פאַרזיכערן אייער פּילגעערטע קאַמער, אַז דידאָזיקע פּעטיציע איז אַרויסגערופן ניט פון פוסטער ליבשאַפט צו ענדערונגען, אַז זי קומט ניט פון אַ לייכטזיניקער פּאָרליבע צו פּאַנטאַס־טישע טעאָריעס, נאָר אַז דאָס איז א רעזולטאַט פון לאַנגע און דויערנדיקע באַהאַנדלונגען און איבערצייגונגען, וואָס ווערן פּאַרפעסטיקט דורך די געשע־ענישן פון יעדן ווייטערדיקן יאָר.

דאָס רעגירן מיט אָט דעם מעכטיקן קעניגרייך איז ביז איצט געווען פאַר די קאָנקורירנדיקע פּאַרטייען אַן אויסרייד צו מאַכן איבער אים זייערע עגאָ־איסטישע עקספּערימענטן.

די רעזולטאַטן דערפון פלעגן מיר זיך דערוויסן פון אונזער אייגענער ביטערער דערפאַרונג, ווען די קורצע ליכטיקע מאָמענטן פון אומזיכערן וואוילשטאַנד פלעגן אָן אַ שפור דערטרונקען ווערן אין לאַנגע פינסטערע פעריאָדן פון ליידן.

אויב די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון פאָלק קען ניט באַזייטיקן זיינע צאָרעס, וועט זי לעפּאָכעס באַזייטיקן זיין אומצופרידנקייט.

נאָר דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט אַליין וועט ברענגען און קען ברענגען אַן עמעסן און דויערנדיקן פרידן דער נאַציע; מיר גלויבן פעסט, אַז דאָס וועט ברענגען אויך וואוילשטאַנד.

זאָל זשע באוויליקן אייער פילגעערטע קאַמער גאָר ערנסט צו באַטראַכטן זיינע פעטיציע און אָנווענדן די גרעסטע באַמיאונגען, קעדיי דורכצופירן, מיט דער הילף פון אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען, אַ געזעץ, וואָס גאַראַנטירט פאַר יעדער מאַנספערשוין פון אַ באַשטימטן עלטער, מיט געזונטע גייסטיקע פעאיקייטן און וואָס איז ניט פאַרמישפּעט פאַר אַ פאַרברעך, דאָס רעכט צו וויילן מיטגלידער אין פאַרלאַמענט; וואָס באַשטימט, אַז אַלע ווייטערדיקע וואַלן פון מיטגלידער אין פאַרלאַמענט זאָלן פאָרקומען דורך געהיימע וואַלן; וואָס ווייזט אָן, אַז די דויערקייט פון פאַרלאַמענט, וואָס איז אַף אַזאַ אויפן געוויילט, טאָר פאַר קיין פאַל ניט זיין מער פון אַ יאָר; וואָס מאַכט באָטל יעדער פאַרמעגן-צענז פאַר זיינע מיטגלידער און באַוואָרנט פאַר זיי אַ געהעריקע באַלוינונג אַף דער צייט, וואָס זיי ריכטן אָפּ זייערע פאַרלאַמענטישע פליכטן.

און די בעטער אייערע וועלן אייביק גאָט דאַנקען".

6. די אָנהענגער פון „מאָראַלישער" און „פיזישער" קראַפט.

א. לאָוועט וועגן מאָראַלישער קראַפט.

„וואָס אָנבאַלאַנגט די בעסטע מיטלען אַף דורכצופירן די כאַרטיע, זיינען מיר קוידעמקאָל קעגנער פון דעם אַלעם, וואָס עס קאָן דערכאָנען דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און דעם צורוף צו פיזישער קראַפט, צו גוואַלדטאַטן. מיר מיינען, אַז דער זיג, וואָס וועט אַף אַזאַ אויפן אָפּגעהאַלטן ווערן, וועט זיין אַ מאַפּאָלע פון דיווירקלעכע פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע, ווייל אַלע מיליטערשעפן — און די גאַנצע געשיכטע באַשטעטיקט דאָס — ווערן דעספּאָטן און ווייל יעדע אַכזאָרישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אַפּעלירט צו די ליידנשאַפטן, וועט אויך פאַרמיידלעך אָפּשטופּן אַף אַסאַך יאָרהונדערטן דעם אינטעלעקטועלן און מאָראַלישן פּראָגרעס. מיר מיינען, אַז דער זיג פון דער כאַרטיע וועט זיין אַ גליק פאַר אַלעמען, וועט זיין דער איינציקער מיטל אַף צו פאַרניכטן די קאָרופּציע און מאָנאָפּאָל, דאָס שלעכטס אין אונזער רעגירונג, און אַז דער וואוילשטאַנד פון אַזאַ זאַכלאַגע וועט זיך פאַרשפּרייטן אַף דער גאַנצער באַפעלקערונג; מיר מיינען אויך, אַז קעדיי צו דערשלאָגן זיך אַ רעפאָרם איז נויטיק איבערצוציינן אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, אַז אין זייער אינטע-

דעס איז צו פאַרייניקן זיך מיט אונז; אַזוי, און נאָר אַזוי, וועלן מיר קאָנען אַף אַ פרידלעכן אופן דערגרייכן די כּאַרטיע; אַן איינהייטלעך פאָלק האָט שטענדיק אַסאַך מיטלען אַף צו דערשלאָגן זיך אַן גוואַלדטאַט די פאַרווירקלע-כונג פון זיינע פאַרלאַנגען".

ב. פון אַ קאָנאָרס רעדע אַף אַ מיטינג אין לאָנדאָן.

„... אָרימע לייט רופט מען אַן קעשענע-גאַנאָווים. ער וועט אָבער פרעגן: וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז צווישן רייכע קעשענע-גאַנאָווים און אָרימע? דער אונטערשייד איז אָט אין וואָס: דער אָרימער מענטש באַגאַנוועט דעם רייכנס קעשענע, קעדיי אָנצופילן זיין מאָגן, דער רייכער אָבער באַגאַנוועט דעם מאָגן פונם אָרימאַן, קעדיי אָנפילן זיין קעשענע. דאָס פאָלק האָט צו לאַנג און צו אונטערטעניק איבערגעטראָגן אונטערדריקונגען; ער האָט קיינמאָל ניט געראַטן דעם פאָלק אָנווענדן פיזישע קראַפט, ווייל ער האַלט, אַז אַף דעם קאָנען זיך באַשליסן נאָר מעשוגאָים, מע דאַרף אָבער פונדעסטוועגן זאָגן, אַז די, וואָס גוואַלדעווען קעגן גוואַלדטאַט, אונטערשטיצן זייער מאַכט אויסשליסלעך מיט פיזישער קראַפט.

דאָס פאָלק דאַרף בלויז ווייזן דעם פאַרלאַמענט, אַז זיין באַשלוס איז אומאָפּנויגבאַר — און די רעפאָרם וועט געגעבן ווערן.

מע זאָגט, אַז דער אַרבעטער-קלאַס באַשטייט פון שמוציקע לומפּן און אַז צווישן זיי קאָן מען ניט געפינען קיין זעקס הונדערט פופציק מאַן, וועלכע זאָלן ווערט זיין צו זיצן אינם פאַרלאַמענט. צי איז דאָסווירקלעך אַזוי? אָבער ער קאָן זיך לייכט אַן אייצע געבן אין אָט דער צאָרע. ער וועט אָנעמען די-דאָזיקע צאָל פון די, וואָס זיינען אָנוועזנד אַפן מיטינג, און וועט מיט זיי פריער אוועקגיין אַף האַאורעסעס זייף-פאַבריק, דערנאָך וועט ער גיין מיט זיי צום שניידער, פון דאָרטן צום שערער און פאַרפומער, וואו מע וועט זיי באַשפּריצן מיט מאָדערנער געשטאַנק און נאָך אָט די אַלע האַכאָנעס וועט ער זיך לאָזן מיט זיי אין פאַרלאַמענט און זיכער וועלן זיי זיין די בעסטע פון די זעקס הונדערט אַכט און פופציק, וואָס זיינען ווען עס איז געזעסן אין זיינע ווענט. ער ראָט אים ניט אָנצואווענדן ניט קיין אויפשטאַנד, ניט קיין בירגער-קריג, דאָך אָבער וועט ער זאָגן, און זאָל דאָס הערן דער פאַרלאַמענט, אַז אויב מע וועט דעם פאָלק אונטערדריקן, אויב מע וועט אויווער זיין די קאָנסטיטוציע, אויב דאָס פאָלק וועט לעבן אין שטענדיקע דאַכקעס, דעמאָלט — אויב קיין אַנדערער וועט אַף דעם ניט וואַגן — וועט ער אליין פירן דאָס פאָלק אָדער צום טויט אָדער צום רום.

אין צאָפן האָט מען שוין פּרובירט, וואָס עס איז אַזוינס פיזישע קראַפט. ניט לאַנג האָט מען אייניקע פאָרשטייער פון דער שטאָטישער פּאָליציי גע-שיקט אין דיוסבערי, נאָר די יאַטן פון אָט דער נאָבעלער שטאָט האָבן זיי אָפּגעשיקט צוריק. ער וועט זיך באַנוצן מיט מאָראַלישער ווירקונג אַזוי לאַנג, קאָלזמאַן דאָס איז מעגלעך, ביז די לעצטע גרעניצן, ער וויל אָבער אויך פאַר-פעסטיקן אין זייער געדעכעניש, אַז עס איז בעסער צו שטאַרבן אַ פרייער,

איידער לעבן ווי אַ קנעכט. יעדער ערנהאַפטער ניצאָכן פלעגט דערגרייכט ווערן מיט פיזישער קראַפט, אָבער זיי דאַרפן דאָס ניט, ווייל אויב זיי וועלן זיך דערשלאָגן אַלגעמיינע וואַל־רעכט, וועלן זיי גיך פארניכטן די הערשונג פון שוּכעד. ער האָפט, און איז אַפילע זיכער, אַז דאָס פאָלק וועט האנדלען אַפן גרונט פון געזונטן פארשטאנד, וואס מיט דעם איז שטענדיק געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך רייך דער אַרבעטער־קלאס; זאָל אַנטשטיין דער בונד און אָט פון דעם בונד וועט אויסוואקסן די מאָראַלישע ווירקונג, וואס וועט זיין גענוג אַף צו דעראָבערן די רעכט פאר אָרימע לייט. אויב אָבער דאָס וועט זיך ניט איינגעבן, איז זאָל יעדער מענטש אויפהויבן דאס געווער אַף צו פארטיי־דיקן דאָס, אין וואָס זיין געזונטער פארשטאנד זעט די גערעכטיקייט"...

ג. פון דזש. ר. סטיפענסעס רעדע.

„... די קאָמיסארן פון „געזעץ וועגן די אָרימע לייט", שאַפן א ווירק־לעכן האַנדל מיט קנעכט מיט דעם, וואס זיי פירן אריבער די אָרימסטע ערד־אַרבעטער פון די דאָרעם־גראַפשאפטן פון ענגלאנד אין די מאנופאקטור־שטעט פון יאָרקשיר און לאנקאשיר; זייער ציל איז צו פארקלענערן די טאַקסע פונם אַרבעטס־לוין פאר אלע ארבעטער אין גאנץ ענגלאנד ביז דער לאַגע, וואס איז אנערקענט אַלס די אויפגאבע פונם געזעץ „וועגן אָרימע לייט".

אויסגלייכן דעם ארבעטס־לוין אין קעניגרייך און אראָפּזעצן אים לויט זייער שענדלעכער דאָקטרין ביזן ניווא פון באפרידיקן פאר דער ארבעט מיטן קלענסטן סכום גראָבסטע עסנס — אָט דאס איז זייער אויפגאבע.

אָבער אין די הייליקע ביכער האָט דאָך גאָט דערקלערט, אַז ער האָט געשענקט די מענטשן, אַלע מענטשן און ניט נאָר די רייכע אַליין, די ערד, קעדיי זיי זאָלן זי באזיצן, לעבן אַף איר און איינשטעלן זייער הערשאפט אַף די פויגלען, באַלעכאים און פיש. דאָס איז אַ מאַטאָנע פון גאָט פאר דער גאנצער מענטשהייט. גאָטס ווילן איז ניט אַף דער זייט פון לוקסוס, אָט דעם גלענצנדיקן גאַסט, וואס איז באפוצט מיט א וויינטרויב־שטענגל און איז אָנ־געטרונקען מיט אַלע גענוסן פונם לעבן, ניט ער איז די סיבע פון הונגער־טויט, אָדער, וואָס איז נאָך ערגער, פונם לאנגזאמען טויט פון די אָרימע לייט אין די באסטיליען, וואס זיי זיינען צעשיידט מיט זייערע פרויען, קינדער, פאָטער און מוטער, ברידער און שוועסטער, אַזוי דאַרף ניט זיין. איידער א ר וועט ענד־גילטיק בארויבט ווערן, נעמט זיך פארן געווער. יעדער מענטש דאַרף, דאָס איז זיין ערשטער כויוו, זיך איינשאפן אַ גוטן ביקס. איך האב א ביקס אָדער אַ פיסטאָלעט, ניט געקוקט אַף דעם, וואס איך בין אַ גאַלעך. אויב איר האָט ניט קיין געלט אַף צו קויפן א ביקס, פארזעצט עפעס, קעדיי זיך איינשאפן דאס נויטיקע, אויב אייער אָרימקייט דערלויבט אייך ניט זיך צו ווענדן צו אָט דעם עקסטרעמען מיטל, באַוואָפנט זיך מיט א גוטן שפיז (דונער פון אַפלאָ־דיסמענטן).

האט ניט מוירע, די סאָלדאטן זיינען אַלע פאַרן פאָלק... איך בין אַ מענטש, וואס איז פאר שאָלעם, נאָר איך האלט מער פון גאָטס וואָרט, ווי פון

שאַלעם. גאָט האָט דערקלערט, אַז מאַן און ווייב דארפן ניט זיין צעשיידט, און ער האָט אויך דערקלערט, אַז די ערד איז אַן אומאָפּנעמבאַר אייגנטום פון דער מענטשהייט. אַלע, הייסט עס, האבן דאס רעכט אַף צו געפינען אין איר מיטלען פאר דער עקזיסטענץ, און אויב אָט דאָס עקלהאפטע געזעץ וועגן די אָרימע לייט, וואס צעשטערט אַלע געטלעכע געזעצן, וועט אָנגעווענדעט ווערן, אויב אלע פרידלעכע מיטלען אים צו פארניכטן וועלן צו גאָרניט ברענגען, דעמאָלט (אָנווייזנדיק אַף דער פאַן, וואס פלאַטערט אַפן ווינט) — וועלן מיר אין נאָמען פון אונזערע קינדער און ווייבער דערקלערן א מילכאָמע אַף מע-סערס. אויב אט די אלע, וואס שאַפן דאָס גאנצע רייכטום, האָבן ניט קיין רעכט, לויט גאָטס וואָרט, אויפצוקלייבן די פרוכטן פון דער ערד, וועלכע זיי האבן, לויט גאָטס ווערטער, אויסגעארבעט מיטן שווייס פונם פּאָנים, דעמאָלט וועלן מיר אריינטרעטן אין קאמף אַף מעסערס מיט די סאָנים, וואס זיינען גאָטס סאָנים, אויב א ביקס און א פּיסטאָלעט, אויב א שווערד און אַ שפּיז וועלן זיין ווינציק, איז זאלן זיך די פרויען נעמען פאר זייערע שערן, און די קינדער פאַר די שפּילקעס און נאָדלען, אויב אַלץ וועט זיך אויסשעפן, נעמט דעמאָלט אַ ברענענדיקע האַלאַוועשקע (דונער פון אַפּלאָדיסמענטן)... אַ ברע-נענדיקע האַלאַוועשקע, יאָ, איך כאַזער איבער, אַ ברענענדיקע האלאוועשקע און צינדט אונטער די פּאַלאַצן"...

7. די צווייטע נאַציאָנאַלע פּעטיציע (8-טן מאַי 1842 יאָר).

(אויסצוגן).

„צו די פיל געערטע געמיינדעס פון גרויסבריטאַניע און אירלאנד, וואס זיינען צונויפגעזאַמלט אין פּאַרלאמענט.

די מלוכע-מאַכט שטאמט פון דעם גאַנצן פאָלק, דאַרף אָפּהיטן די פריי-הייט פון פאָלק און שטרעבן צו אַלעמענס גליק. די רעגירונג איז פאַראַנט-וואָרטלעך פארן גאַנצן פאָלק. דער העסקעם און די פולמאַכטן פון דעם פאָלק איז דאָס איינציקע, וואָס עס גיט דאָס רעכט א קאָרפּאָראַציע מענטשן אַרויס-צוגעבן געזעצן און רעגירן מיט דער געזעלשאַפט. דאָס געמיינדן-הויז איז פון פאָלק ניט אויסגעקליבן און העגנט ניט אָפּ פון פאָלק. עס שטעלט פאַר נאר א טייל פון דער נאַציע און דינט פאַר די אינטערעסן פון א קלענער צאָל. עס לאָזט אומגעאכט די נויטן און די פּעטיציעס פון די מאַסן; דאָס גע-מיינדן-הויז גיט ארויס געזעצן, וועלכע ווידערשפּרעכן דעם ווילן פון פאָלק; עס צווינגט צו פאָלגן זיי מיט דער הילף פון ניט קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען; עס באַשאַפט דעספּאָטיזם און דאַכקעס. אויב אייער פיל געערטע פאַרזאַמלונג (די קאַמער) האלט זיך באַ דער מיינונג, אז דאס פאָלק פון גרויסבריטאַניע און אירלאַנד דאַרף ניט האָבן קיין רעכט פון פולער פאַרטרעטערשאַפט, דאַן בעטן אייך אייערע בעטער גאַנץ אומצווײדייטיק אַרויסצוזאָגן די מיינונג וועגן דעמדאָזיקן איניען, קעדיי דאס פאָלק זאָל קענען געגוי וויסן, אף וואס עס קען יאָ און אַף וואס עס קען ניט האָפן פון אייער פיל געשעצטער קאַמער; די בע-

טער אייערע געפינען, אַז דאָרט, וואו עס ווערט אָפּגעלייקנט דאס רעכט פון פאַרטרעטערשאַפט, דאַרף מען זיך אָפּהאַלטן פון צו צאָלן שטייערן.

אייערע בעטער קלאָגן זיך אף דעם, וואָס זיי זיינען אָנגעלאָדן מיט מוירעדיקע שטייערן אַף צו באַצאָלן די פּראָצענטן פאַר דעם אזויגערופענעם נאַציאָנאַלן כויוו, אַ כויוו, וואס טרעפט אָן בא היינטיקן טאָג 800.000.000 פונט סטערלינג און איז נאָר א טייל פון דער אומגעהויערער סומע, וואָס איז צעפּאטערט געווארן אין די אַכזאָריעסדיקע און אויסברענגערישע מילכאָמעס, וואָס זייער ציל איז געווען צו דערשטיקן די פרייהייט. דידאָזיקע סומען האָבן צעפּאַטערט מענטשן, וואס דאָס פאָלק האט זיי ניט באַפולמעכטיקט און וואָס האָבן דעריבער קיין שום רעכט ניט געהאַט צו צווינגען די קומענדיקע דוירעס פאַנאַנדערצוצאָלן זיך דורך א שווערן יאָך פון שטייערן פאַר די אומרעכטן, וואס זיי האָבן אָנגעטאָן דער מענטשהייט.

אייערע בעטער קלאָגן זיך אַפן קאָל אַלעמאַי דערדאָזיקער כויוו איז פאַרגרעסערט געוואָרן נאָך זעקס און צוואנציק יאָר קימאַט ניט איבערגעריסענעם פרידן, אין דער צייט וואָס דאַלעס און אומצופרידנקייט הערשן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין ענגלאנד, אירלאנד, שאָטלאנד און אועלס שטאַרבן טויזנטער מענטשן פון שאַרפער נויט. און די בעטער אייערע, פארשטייענדיק, אז דאלעס איז די וויכטיקסטע סיבע פון אלע פארברעכן, קוקן אָן מיט א געפיל פון פאַרוואונדערונג, אויסגעמישט מיט אומרו, די אומגעלומפּערטע פאָרמען פון הילף די אָרימע, גרוי-אַלטע אינוואלידן.

מיט טיפן פאַרדראָס קוקן זיי אף דעם באַשלוס פון אייער פיל געערטער קאַמער צו לאָזן גילטיק דאָס געזעץ וועגן אָרימע לייט, ניט געקוקט אף די פולע ראַיעס וועגן דער ניט-קאָנסטיטוציאָנעלקייט פון זיין פּרינציפּ, אף זיין אומקריסטלעכן כאראקטער, און אויך אַף זיין אכזאָריעסדיקער און מערדערישער ווירקונג אף דעם ארבעטס-לוין פון די ארבעטער און אַפן לעבן פון די אונטערטאנען פון אונזער מעדינע.

אייערע פעטיציאָנערן געפינען פאַר נויטיק צו פאַרגלייכן, מיט דעם געהעריקן רעספּעקט און לאָיאלקייט, די טעגלעכע האַכנאָסע פון איר מאַיעסטעט מיטן טעגלעכן פאַרדינסט פון אַן ארבעטער אין אונזער מעדינע; און בעאייס די פעטיציאָנערן אייערע האָבן זיך דערוואוסט, אז איר מאַיעסטעט קריגט טעגלעך פאַר אירע פריוואטע באדערפעניש א סומע פון 164 פונט 17 שילינג 10 פענס, האבן זיי זיך אויך איבערצייגט, אז פיל טויזנטער ארבעטער-פאמיליעס האָבן א טעגלעכן פאַרדינסט פון 3 $^3/_4$ פענס א טאָג אף א מענטשן. אייערע פעטיציאָנערן האבן זיך אויך דערוואוסט, אז זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט דער פרינץ אלבערט קריגט טעגלעך א סומע פון 104 פונט 2 שילינג, אין דער צייט וואס טויזנטער דאַרפן מאכן א לעבן מיט 3 פענס א טאָג.

אז אייערע פעטיציאָנערן האָבן מיט פאַרוואונדערונג דערהערט אויך, אז דער קעניג פון האַנאָווער קריגט טעגלעך 58 פונט 10 שילינג, בעאייס טויזנטער שטייערן-צאָלער פון אונזער מעדינע לעבן אף 2$^3/_4$ פענס א טאָג.

אז אייערע פּעטיציאָנערן האָבן מיט ווייטיק און צאַאר זיך דערוואוסט, אז דער ארצבישאָף פון קענטערבערי קריגט טעגלעך 52 פונט 10 שילינג, בעאייס טויזנטער אָרימע לייט דאַרפן עקזיסטירן מיט זייערע פאַמיליעס אף א האכנאָסע, ניט העכער פון 2 פענס א טאָג אף א נעפעש.

אַז, ניט קוקנדיק אף דער אומפאַרגלייכלעך-שוידערלעכער לאַגע פון פאָלק, האָט אייער פיל געערטע קאַמער דאָך ניט ארויסגעוויזן די קלענסטע נויגונג צו פארקירצן די מלוכע-הויצאָעס, פארקלענערן די שטייערן און אויפהויבן דעם אלגעמיינעם וואוילשטאנד.

די דערלאַנגער פון דער פּעטיציע טוט לייד, וואָס די ארבעטס-שאָען, דערהויפּט, אף די פאַבריקן זיינען לאנג מער איידער מענטשלעכע קויכעס קענען עס אויסטראָגן, און דער לוין פאַר דער ארבעט, וואס קומט פאָר אין דער אומגעזונטער אומגעבונג פון דער פאַבריק, איז ניט גענוג אַף אויפצוהאלטן דאָס געזונט און צו געבן דעם ארבעטער די באַקוועמלעכקייט, וואס איז אזוי' וויטיק נאָך אַן אינטענסיוון פאַרפאַטערן פון פיזישער ענערגיע. די דערלאַנגער פון דער פּעטיציע ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פארלאמענט אף דעם בעטלערשן לוין פון דעם לאנדווירטשאַפטלעכן ארבעטער, און עס נעמט זיי ארום א געפיל פון פאַרדראָס און א שוידער פון דעם נישטיקן פארדינסט פון די, וואס מיט זייער האָרעוואניע פאַרגרייטן זיי שפּייזן פאַר דער גאנצער באַפעלקערונג. די דערלאנגער פון דער פּעטיציע האָבן פאַרדראָס אַלעמאַל ס'עקזיסטירן קאָלערליי מאָנאָפּאָליעס אין דער מעדינע, זיי פאַרמישפּעטן קאטעגאָריש די שטייערן אף די נויטיקסטע געברויך-אַרטיקלען, וועלכע ווערן פאַרנוצט, דעריקער, דורך דעם ארבעטער-קלאס, און זיי מיינען דערביי, אז דאָס פאַרניכטן פון איין מאָנאָפּאָליע וועט ניט אויפהויבן די ארבעט פון איר קאַבצאָנישער לאגע, קאָלזמאַן דאס פאָלק וועט ניט ארייַנקריגן די מאַכט, ווען אלע מאָנאָפּאָליעס און פאָרמען פון אונטערדריקונג דאַרפן פאַרשווינדן; די דערלאנגער פון דער פּעטיציע ווייזן אָן אף די עקזיסטירנדיקע מאָנאָפּאָליעס פון וואָל-רעכט, פון פאפיר-געלט, פון אייגנטום אף מאַשינען, אף ערד, די מאָנאָפּאָליע אף דער פרעסע, רעליגיעזע פּריווילעגיעס, פאַרקער=וועגן און אסאך אנדערע, וואָס צופיל זיינען זיי פאַראַן, מע זאָל זיי קענען אויסרעכענען; די אלע מאָנאָפּאָליעס ווערן געשאַפן דורך דער קלאַסן-געזעצגעבונג...

אייערע פּעטיציאָנערן פאַרזיכערן דאָס געמיינדן-הויז, אז אין די ראַמען פון דער פּעטיציע איז ניט מעגלעך אויסצורעכענען אפילע א צענטכיילעך פון די צאָרעס, וואָס דריקן דאָס פאָלק, נאָר אויב דאָס געמיינדן-הויז איז וויליק אויסצוהערן א פאָרשטייער, זיינען זיי גרייט צו דערציילן וועגן אלע נויטן פון פאָלק, וואָס נעמען זיך פון זיין רעכטלאָזיקייט און דער פאַרדאַרבנדיקער ווירקונג פון דער קלאַסן-געזעצגעבונג.

אייערע פּעטיציאָנערן פאַרלאנגען, אז דאָס פיל געשעצטע געמיינדן-הויז זאָל איינווייליקן אָנצונעמען די פאָלקס-כאַרטיע אָן צוגאָבן, ענדערונגען אָדער אויסבעסערונגען און דערמיט גופע באַזייטיקן דאָס שלעכטס, וואָס הערשט אין לאַנד".

8. אָ'קאָנאָר וועגן קאָמוניזם, פּריוואַט־אייגנטום און זעלבסט־קאָנטראָל.

„איך בין געוועזן און, איך מיין, איך וועל אַף שטענדיק פאַרבלייבן אַ קעגנער פונם קאָמוניזם אין דער פאָרם. ווי ער ווערט פּראָקלאַמירט דורך די פאַרשיידענע טעאָרעטיקער. איך בין אָבער אַ הייסער אָנהענגער פון דער מיט־אַרבעטערשאַפט, וואָס באַדייט אַ געזעלצלעכן אויסטויש. מיטאַרבעטערשאַפט שאַפט די באַדינגונגען, וועלכע העלפן מיט דער פאַרייניקונג פון די מענטשן און קאָנען אַזוי אַרום דורך זייער ברייטער פאַרשפּרייטונג מאַכן דעם קאָמוניזם פאַר אַ מאַזל־בראָכע. איך האָב באַמערקט, אַז די הייסטע פריידיקער פונם קאָמוניזם זיינען ביכלאַל די פוילסטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, זיי וואָלטן געוואָלט דורכפירן אַזאַ מין אַרבעטס-צעטיילונג, אַז אַפן גוירל פון די שטילערע מענטשן זאָל אויספאַלן דער גרעסטער כיילעק פון דער אַרבעט. דער שטרעבן, אַז זייער אייגענער נאַטירלעכער באַרוף זאָל זיין די גייסטיקע אַר־בעט און פאַר די מער צוטרוילעכע לאָזן זיי איבער די אַרבעט מיטן רידל, גראָב-אייזן, האַמער און בראָכשטאַנג. אָדער דער קאָמוניזם צעשטערט די געזונטע קאָנקורענץ, אָדער ער גיט צו אַ צו גרויסע באַדייטונג די אויסצייכענונגען און סאַפקאָלסאַף מוז ער דעגענערירט ווערן אינם ערגסטן מין דעספּאָטיזם פון מעסירעס נעפעש און ניט זיכערקייט אין זיך. אין דערזעלבער צייט שאַפן דאָס פּריוואַט-אייגנטום און די מיטאַרבעטערשאַפט אַ געזונטע פאַרבינדונג צווישן אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. קיינער קאָן פונדעסטוועגן ניט אויפהאַלטן אַט די פאַרבינדונג לענגער, ווי דאָס פאָדערט זיך, אָדער ווי דאָס וויל זיין שאָכן.

...אינם קאָמוניזם, קאָן זיין, וועט אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט, גאַנץ וואַרשיינלעך, זיין שטענדיק אומצופרידן.

אין דערזעלבער צייט וועט יעדער מענטש אין דער געזעלשאַפט פון פּריוואַטע אייגנטימער, אָן אונטערשייד פון דער גרויס פון דער געזעלשאַפט, זיך קאָנען קלאָגן בלויז אַף זיך אַליין. צוליב אָט די סיבעס בין איך אַ פאַר־טיידיקער פון פּריוואַט-אייגנטום און זעלבסט-קאָנטראָל.

אויב מיר וועלן דעריבער באַטראַכטן יעדן מענטשן מיצאַד זיינע אינדי־ווידועלע פעאיקייטן, און ניט אַלס מיטגליד פון יענער אַלגעמיינער סיסטעם פונם קאָמוניזם, וואָס קעגן איר קעמף איך, וועלן מיר קומען צו דער איבער־צייגונג, אַז ניט נאָר זיין נוצלעכקייט פאַר דער געזעלשאַפט, נאָר אויך זיין גליק דאַרף איינגעשטעלט ווערן דורך אַ געזעצגעבנדיקן אַקט. און קעדיי צו דערגרייכן דעם טאָפּעלן ציל און מאַכן אים נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט און גליקלעך, טאַינע איך, אַז עס איז ניטאָ קיין אנדער ווירקזאַם און אַפילו מעג־לעך מיטל, סאידן צו באַזאָרגן אים מיט אַזאַ ערד-פלאַץ, וועלכן ער זאָל מיט זיין אייגענער האָרעוואַניע, אָדער שטיצנדיק זיך אַפן פּרינציפּ פון מיטאַרבע־טערשאַפט, זיין ביעכוילעס גענוג צו באַאַרבעטן.

אַט וואָס איך פאַרשטיי אונטער מיטאַרבעטערשאַפט: A, B, C, D אָדער וועלכע ניט איז אַנדערע פיר מענטשן זיינען שכיינים. „A" גרייט זיך צו זייען אָדער שניידן, דערביי באַטרעפט די איינטאָגיקע אַרבעט פון פיר מענטשן פונקט אַזוי פיל, וויפל די אַרבעט פון איין מענטשן אין מעשעך פון 6 טעג. דער שניט און די פאַרזייאונג דאַרפן פאָרקומען נאָר אין אַ באַשטימטער צייט פון יאָר. „A" האָט אַלץ צוגעגרייט אַף זייען און שניידן. B, C, D קאָן זיין, אַז ניט, און אַזוי ווי זיי זיינען דעריבער ניט שטאַרק פאַרנומען, האָט ניט זייער צייט קיין באַזונדערן ווערט. ווען זיי אַרבעטן אָפּ אַ טאָג באַ „A", וועלכער ווייס פון זיין זייט אומקערן זיי די אַרבעט, ווען זיי וועלן זיין גרייט, וועלן זיי פאַרוואַנדלען די פאַרהעלטניסמעסיק ווערטלאָזע צייט אין אַ ווערטפולע ביזן העכסטן גראַד. אַט דאָס הייסט מיטאַרבעטערשאַפט, וואָס אונזערע פער-מערס ווענדן קיינמאָל ניט אָן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. ווייטער, פאַר דעם, וואָס באַזיצט פיר אַקער ערד, וואָלט קיין שום זין ניט געהאַט צו קויפן אַ דרעש-מאַשין אָדער אויסהאַלטן אַ פערד, נאָר אַזוי ווי אָבער דער נאָכבּערג רופט אַרויס אַן אנבאט, קאָן לוינען פאַר איין מענטשן אויסצוהאַלטן עטלעכע פערד, קעדיי זיי צו פאַרדינגען די קליינע פערמערס, אָדער אַף צוצושטעלן גרע-סערע פראכטן אַפן מארק, אָדער אַף ארויסצופירן באַמיסטיקונג. אַן אַנדערער ווי-דער קאָן פאַרדינגען פון אַ דרעש-מאַשין, וואָס ער האַלט אַף צו פאַרדינגען. ווען אָבער פאַרקערט, די פערד און מאַשינעס וואָלטן געווען קאָהאָלשע אייגנטום, איז שוין אַזוי די מענטשלעכע נאַטור פאַרדאָרבן, אַז אַלע וואָלטן זיך באַמיט אויס-צונוצן די מאַשינעס און די פערד דאַפקע אין איין און דערזעלבער צייט.

איך בין אַפילע קעגן קאָהאָלשע קיכן, קאָהאָלשע בעקערייען און קאָהאָל-שע וועש-הייזער. איך שטיי פאַרן פרינציפּ: „דיינס און מיינס".

9. א'בראַיענס ערד-פּראָיעקטן.

(פון דער פּראָגראַם פון דער „נאַציאָנאַלער רעפאָרם-ליגע").

(א ו י ס צ ו ג ן).

„...דער איצטיקער מיטינג האַלט זיך באַ דער מיינונג, אַז אַלס הויסאָפּע צו דער פולער, יוישערדיקער און פרייער פאָרשטייערשאַפט פונם גאַנצן פאָלק אינם פּאַרלאַמענט, אַפן יעסאָד פון די פּרינציפּן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין דער פאָלקס-כאַרטיע און זיינער גלייכן, אַף צו זיכערן די ווירקלעכע פּאָליטישע און סאָציאַלע גערעכטיקייט פאַרן אונטערדריקטן און ליידנדיקן פאָלק פונם פאַראייניקטן קעניגרייך און אַף צו פאַרהיטן די געזעלשאַפט פון גוואַלטיקע רע-וואָלוציאָנערע איבערקערענישן,—זיינען נויטיק פאָלגנדיקע מאָסמיטלען, טיילוויז פון צייטווייליקן און טיילוויז פון שטענדיקן כאַראַקטער:

1. אָפּשאַפן די איצטיקע נוצלאָזע און דערנידערנדיקע סיסטעם פון די געזעצן וועגן די אָרימע לייט און פאַרבייטן זיי מיט אַ יוישערדיקן און ווירק-לעכן געזעץ (וואָס איז געגרינדעט אַף יעליזאַוועטעס ערשטן אַקט), וואָס זאָל צענטראַליזירן די שטייערן לעטויוועס די אָרימע לייט און זאָל זיי יוישערדיק און עקאָנאָמיש פאַנאַנדערטיילן מיטן צוועק צו באַזאָרגן אַף אַ נוצלעכן אויפן

מיט אַרבעט און הילף די נויטבאַדערפטיקע אָרימע לייט. דידאָזיקע שטייערן דאַרף מען אויפמאָנען בלויז באַ די אייגנטימער פון קאָלערליי רעאַליזירטן איי־גנטום. די באַשעפטיקונגען פאַר די אָרימע לייט דאַרפן זיין גענוגטע, נוצלעכע און פּראָדוקטיווע, קעדיי צו געבן די אָרימע לייט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצו־האַלטן, ניט אָפּנעמענדיק באַ זיי די זעלבסטווערדע. אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די אָרימע לייט וועלן אַזוינע באַשעפטיקונגען ניט באַקומען, דאַרף זיי אין אַלע פאַלן געגעבן ווערן אַ שנעלע און ברייטע הילף, אַלס זייערע רעכט. אָבער זי דאַרף ניט אַרויסגעגעבן ווערן מיט אומצופרידנקייט, פּונקט אַזוי ווי אַ נע־דאָווע. זי דאַרף ניט באַגלייט ווערן מיט אַ שטרענגער באַהאַנדלונג, מיט באַ־ליידיקונגען, מיט פאַרשפאַרן אין די אַרבעט-הייזער, צעשיידן מאַן און ווייב, צעשטערן די פאַמיליעס אָדער מיט אַנדערע ענלעכע שטרענגע און דערנידערנ־דיקע באַדינגונגען, וואָס אַדאַנק זיי ווערט די הילף פאַרוואַנדלט, ווי באַ דער איצטיקער סיסטעם, אין אַ שטראָף, און די באַהאַנדלונג פון די אומגליקלעכע אָרימע לייט דערמאָנט גיכער די באַציאונג צו פאַרורטיילטע פאַרברעכער, איי־דער צו קאָרבאָנעס פון דער אומגערעכטיקייט און פאַרדאָרבנקייט פון דער גע־זעלשאַפטלעכער אָרדענונג (ווי דער אָרימאַן, וואָס זוכט הילף, איז דאָס אין דער ווירקלעכקייט).

2. קעדיי צו פאַרלייכטערן די לאַסט פון די שטייערן, קעדיי אין דער זעלבער צייט ביסלעכוויז צו פאַרקלענערן און סאָפּקאָלסאָף צו באַזייטיקן די וואַקסנדיקע מאַסע אָרימקייט און איבערפלוס באַ דער באַפעלקערונג, דאַרף די רעגירונג געברויכן איר איצטיקע איבעריקע האַכנאָסע און הויצאָע פונם נאַציאָ־נאַלן און קאָהאָלשן אייגנטום אַף איינצוקויפן ערד און באַזעצן אַף איר די אַרבעטסלאָזע אָרימע לייט. די רענטע, וואָס עס וועט זיך באַקומען פון דערדאָ־זיקער ערד, דאַרף פאַרברויכט ווערן אַף ווייטער איינצוקויפן ערד אַזוי לאַנג, ביז די, וואָס ווילן פאַרנעמען ערד אַלס אַרענדאַטאָרן-יעכידים אָדער אַלס אַר־בעטס-געמיינדעס, וועלן האָבן די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. אַן אַלגעמיין גע־זעץ, וואָס זאָל דערלויבן די פאַראַפּיעס צו מאַכן האַלוואָעס אונטער דער זי־כערונג פון זייערע שטייערן, וואָלט זייער פאַרלייכטערט די טעטיקייט פון דער רעגירונג אין דער ריכטונג פון אָט דעם געוואונשענעם ציל...

4. די מלוכע זאָל זיך ביסלעכוויז אומקערן (אַפּן גרונט פון די איינ־געשטעלטע פּרינציפּן יושערדיק צו קאָמפּענסירן די ווירקלעכע אייגנטימער) איר אורשפּרינגלעכן אומאָפּנעמבאַרן באַזיץ-רעכט און דאָס אויסשליסלעכע אייגנטום-רעכט אַף דער גאַנצער ערד, אַף די גרובן, טאָרף-פּלעצער, פיש-פאַנג א. אַז. וו. פונם גאַנצן פאַראייניקטן קעניגרייך און פון זיינע קאָלאָניעס. זיי דאַרפן זיך געפינען אינם רעשוס פון דער מלוכע, אַלס דעם אייביקן אָנגע־טרויטן פאָרשטייער פונם גאַנצן פאָלק, און דאַרפן צעטיילט ווערן צווישן פאָלק אין אזא סכום און אַף אזוינע באַדינגונגען, ווי דאָס געזעץ און די אָרטיקע אומשטענדן וועלן באַשטימען, ווייל די ערד איז אַ געשאנק פונם שעפער פאַר אַלעמען און זי קאָן ניט ווערן קיין אויסשליסלעך אייגנטום פון איינצלנע פער־זאָנען: וואָרום די קאָנצענטרירונג פון דער ערד אין פּריוואטע הענט הייסט

בעפֿיירעש אַריינגרייסן זיך אין די רעכט פֿונם צווייטן צאַד, וואָס האָט ניט קיין באַזיץ, און פֿאַרוואַנדלען אים, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, אין קנעכט פֿון די ערד-אייגנטימער און קאַפּיטאַליסטן און שטרעבן צו באַגרעניצן אָדער צו נישט מאַכן די רעכט און פֿרייהייטן פֿון די איבעריקע. וואָרום דאָס פֿאַרכאַפּן די ערד דורך איין טייל פֿונם מענטשלעכן מין איז ניט מער באַרעכטיקט, ווי, לעמאָשל, די מאָנאָפּאָל אויף דער לופֿט, ליכט, וואַרימקייט אָדער וואַסער. ענדלעך, וואָרום די רענטע פֿון דער ערד (וואָס געהער אל פּי יושער דעם גאַנצן פֿאָלק) וועט בילדן דעם נאַציאָנאַלן פֿאָנד, וואָס וועט קלעקן אויף צו דעקן די הוצאָעס פֿון דער מלוכע אויף אַלע קאָהאָלשע היצטאַרבעסן, אויף אויספֿילן אַלע נויטיקע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן און אויף צו געבן בילדונג דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, אין דער נויטיקייט פֿון וואָסער ניט איז באַשטייערונג.

5. אַזוי ווי די אַנערקענטע פֿליכט פֿון דער מלוכע איז אונטערצושטיצן אַלע יענע אונטערטאַנען אירע, וועלכע זיינען ניט בעקוועם צוליב זייער ניט-צוגעגרייטקייט אָדער שלימאַזל צו פֿאַרדינען זייער פּאַרנאָסע, און אַזוי ווי די נאַציאָנאַליזירונג פֿונם ערד-אייגנטום וואָלט געעפֿנט נייע קוואַלן אויף אָנווענדן די גיט-פֿאַרנומענע איבעריקע פֿאָלקס-אַרבעט (דערדאָזיקער אַרבעטס-איבערפֿלוס וואַקסט טאַקע טעגלעך אַדאַנק דעם, וואָס די מאַשינעס ווערן קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון די קאַפּיטאַליסטן), דאַרף דער זעלבער פּרינציפּ, וואָס סאַנקציאָנירט איצט די זאָרג מיצאַד דער געזעלשאַפֿט וועגן די נויטבאַדערפֿטיקע אָרימע לייט, כאָל זיין אויף איינצושטעלן די סיסטעם פֿון נאַציאָנאַלן קרעדיט, וואָס מיט זיין הילף וואָלט יעדערער געקאָנט (אויף געוויסע באַדינגונגען) באַקומען אַ האַלוואָע פֿון די נאַציאָנאַלע פֿאָנדן, וועלכע ווערן געשאַפֿן פֿון די האַכנאָסעס פֿונם קאָהאָלשן אייגנטום, און האָבן אויף אַזאַ אויפֿן אַ מעגלעכקייט צו נעמען אין אַרענדע און באַאַרבעטן די ערד אויף זיין אייגענעם כעשבן אָנשטאָט צו געפֿינען זיך, ווי איצט, אונטערן יאָך פֿון דער אומגערעכטער און טיראַנישער סיסטעם פֿון דער פֿאַרקנעכטנדיקער לוין-אַרבעט (וואָס מיט איר הילף האָבן די קאַפּיטאַליסטן און די רעוועך-אַרויספּרעסער די מעגלעכקייט אָפּצונעמען בײַ דער אַרבעט איר געהעריקע באַלוינונג) און ניט האָבן בייצושטיין דעם ניסאָיען צו ווערן אַ געדונגענער מערדער פֿון זיינע אייגענע מיטברידער—מענטשן לויטן באַפֿעל פֿון די גאָטלאָזע דיפּלאָמאַטן, געבנדיק זיי מיט דעם גופֿע די מעגלעכקייט אַרויסצורופֿן און צו פֿירן צווישנפֿעלקערלעכע מילכאָמעס און צעטרעטן די פֿאָלקס-רעכט צום אויסשליסלעכן גונסטן פֿון די אינטערעסן פֿון די אַריסטאָקראַטן און פּריווילעגירטע קלאַסן. דאָס זעלבע רעכט אויף צו באַקומען אַ כײַלעק אינעם נאַציאָנאַלן קרעדיט דאַרף געגעבן ווערן די באַדערפֿענישן פֿון איינצלנע פּערזאָנען, אַרטעלן און געמיינדעס אין אַלע צווייגן פֿון דער אינדוסטריע, פּונקט אַזוי ווי אין ערד-אַרבעט...

7. קעדיי צו פֿאַרלייכטערן די איבערגעבונג פֿונם אייגנטום אָדער פֿון די באַדינגונגען און דעם קעגנזייטיקן אויסטויש פֿון די רייכטימער צווישן די מענטשן, קעדיי אויסגלייכן דעם נאָכפֿרעג און אָנבאָט פֿון די פּראָדוקטן, אויפֿמונטערן די פּראָדוקציע און אויך דעם געברויך, קעדיי צו מאַכן דעם פֿאַרקויף

פונקט אזוי לייכט, ווי דעם איינקויף,—ליגט אף דער מלוכע א זייער וויכטיקע פליכט צו גרינדן אין יעדער גרויסער און קליינער שטאָט געזעלשאַפטלעכע מערק אָדער שפּייכלערס פאַר קאָלערליי אויסטויש-סכוירעס, וועלכע דאַרפן אָפּגעשאַצט ווערן דורך ספּעציעל דערויף באַשטימטע אָביעקטיווע פּערזאָנען. אלס מאָס פון דער אָפּשאַצונג דאַרף גענומען ווערן אָדער ברויט אדער אַר-בעט. די פּערזאָנען, וואָס האָבן צוגעשטעלט אין די שפּייכלערס פּראָדוקטן, דאַרפן באַקומען טנאַי-קוויטאַנציעס, אין וועלכע עס איז פאַרצייכנט דער ווערט פון די אַריינגעלייגטע פּראָדוקטן. אַזוינע קוויטאַנציעס דאַרפן אַנערקענט ווערן פאַר געלט-צייכנס פאַרן אומלויף איבּערן גאַנצן לאַנד. די באַזיצער פון אָט די קוויטאַנציעס באַקומען דאָס רעכט צו נעמען פון די קאָהאָלשע מאַגאַזינען דעם אַנטשפּרעכנדיקן סכום סכוירעס. דערמיט אליין וועט ביסלעכווייז אָפּגעשאַפט ווערן די איצטיקע זינלאָזע סיסטעם פון קאָנקורענץ אינם האַנדל, די סיסטעם, וועלכע זייענדיק נויטיק און אומפאַרמיידלעך אין דער פאַרגאַנגענהייט, ברענגט איצט אַן אומגעהויערע מאַסע שלעכטס, ווייל זי אונטערשטיצט דעם גרויסן קלאַס, וואָס לעבט אַפן רעווער, וועלכער עס באַקומט זיך בלויז פונם האַנדל מיט די רייכטימער, דעם האַנדל, וואָס איז באַזירט אַפן דעמאָראַליזירנדיקן פּרינציפּ—ביליק צו קויפן און טייער צו פאַרקויפן, ניט רעכענענדיק זיך לאַכ-לוטן מיט די ווייטערדיקע פאָלגן פון אזא מין האַנדלונג פאַר דער גאַנצער גע-זעלשאַפט און פאַר די ווירקלעכע אינטערעסן פון דער מענטשהייט.

מיר רעכענען ניט, אז די אויבנאויסגערעכנטע מאָסמיטלען כאַפּן ארום אלע רעפאַרמען, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער געזעלשאַפט. עס זיינען בלי-סאָפּעק פאַראַן אסאַך אַנדערע נויטיקע רעפאָרמען, אכוץ די אָנגעוויזענע. אונז איז בליסאָפּעק נויטיק א געזונטע סיסטעם פון דער יוגנט-דערציאונג, וואָס זאָל זיין אָבליגאַטאָריש פאַר די עלטערן און אפּיטראָפּסים. בלי סאָפּעק דאַרפן מיר האָבן ניט אזא טייערע סיסטעם פון מיליטערישער יאַבאַשע-און יאַם-שוץ, ווי די, וואָס עקזיסטירט איצט. בליסאָפּעק איז אונז נויטיק צו עקספּראָפּריאירן די אייזנבאַנען, קאַנאַלן, בריקן, דאָקן, די גאַז-באַלייכטונג, וואַסער-באַזאָרגונג א. אַז. וו. און אונז זיינען בליסאָפּעק נויטיק מער יושערדיקע און הומאַנישע ציווילע און קרימינעלע קאָדעקסן, איידער די, וואָס זיינען פאַראַן. אָבער אָט די אלע און אַנדערע נויטיקע רעפאָרמען איז גרינג אויסצופילן, ווען עס וועלן פאַרווירקלעכט ווערן די רעפאָרמען, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין די אויבנאויס-גערעכנטע האַנאָכעס. אין דערעמעסן, אַן זיי קאָן קיין יושער ניט ארויסגעוויזן ווערן דער מענטשהייט. די געזעלשאַפט קאָן ניט אוועקגעשטעלט ווערן אַפן ריכטיקן וועג פון פולקומענהייט, קעדיי קיינמאָל ניט אָפּקערן זיך פון אים אָן א זייט אָדער גיין אף צוריק. עס קאָנען אויך ניט אַנטפּלעקט ווערן יענע נאַטירלעכע פאַרהאַלטנדיקע קויכעס, וואָס אָן זיי וועלן די זיך צונויפשטויסנדיקע מענטשלעכע ליידנשאַפטן און נעטיעס ניט געבן קיין האַרמאָנישן עפעקט, און וואָס אָבער מיט זיי אַרבעטן אלע עלעמענטן, פונקט אזוי ווי אין דער פיזי-שער וועלט, געמיינזאַם און נוצלעך, שאַלעם מאַכנדיק דעם מענטשן מיט זיין לאַגע אין דעם אוניווערסום און באַגייסטערנדיק אים מיט גלויבן אין זיין באַרוף"...

10. די וואַקלונג פון ארבעטס-לוין און דער טשאַרטיזם.

יאָרן	געלט-אַרבעטס-לוין	פרייזן	רעאַל געצאָלט *)	באַמערקונגען
1837-41	100	100	100	די ערשטע פינף יאָר פון טשאַרטיזם.
1842	99	87	113,8	אלגעמיינע אַרבעטסלאָזיקייט. מאָנסטער-פעטיציע וועגן שענקען די כאַרטע. דער פּאָליטישער שטרייק אין אַווגוסט.
1843	96	80	120	טשארטיזם איז אומטעטיק.
1844	99	84	118	
1845	104	88	118	
1846	104	95,5	109	דער הונגער אין אירלאַנד. די סימאַנים פון אויפלעבונג פון דער באַוועגונג.
1847	96	115	83,5	אקטיוויקייט פון דער טשארטיסטישער באַוועגונג. דאָס אויסוויילן א׳קאָנאָר אין פארלאַמענט.
1848	96	92	104,3	די טשארטיסטישע דעמאָנסטראַציע אין אַפּרעל. די באַוועגונג הויבט אָן אָפּגעשוואַכט צו ווערן.
1849	96	79	121	פּילצאָליקע אָפּשפּאַלטונגען פון דער פּאַרטיי.
1850	96	71	135	
1851	98	72,5	135	
1852	100	77	130	בא די טשארטיסטן שעפּן זיך אויס די פאָנדן אַף אונטערצוהאַלטן די אגיטאַציע.
1853	105	93	113	די טשאַרטיסטישע אָרגאַניזאַציע ווערט פארשוואונדן.

*) קעדיי מע זאָל די טאַבעלע קאָנען בעסער באַטראַכטן, האָבן מיר אויסגערעכנט אין פּראָצענטישע פאַרהעלטענישן דאָס רעאַלע געצאָלט, טיילנדיק דעם געלט-לוין אַפן פרייזן-אינדעקס.
איבערזעצער.

11. רעזאָלוציעס, וואָס דער טשאַרטיסטישער קאָנווענט האָט אָנגענומען אין אַפּרעל 1851 יאָר.

„אַזוי ווי אַלע פּראָיעקטן פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעפאָרם, אַכוץ דער כאַרטע, וועלן געבן די מיטל-קלאַסן אַסאַך מער שטימען, איידער די אַרבעטער, און וועלן, הייסט עס, שטעלן די לעצטע אין נאָך אַן אומגינסטיקערער לאַגע, איידער איצטער, דעריבער דאַרף מען אַגיטירן פאַר דער גאַנצער כאַרטע, — אַ האַנאָכע אין איין פּונקט וואָלט פאַרקלענערט דעם נוצן פון די איבעריקע, און דעריבער דאַרף די פאָלקס-פּאַרטיי אָפּזאָגן אין שטיצע יעדן מיטל, וואָס ווערט אונטערגענומען און וואָס גיט ווינציקער, איידער די כאַרטע.

די פאַרוואַלטונג אַף די ערטער דאַרף אויך זיין אין די הענט פון פאָלק. די פראַגע וועגן אַלגעמיינעם וואַל-רעכט דאַרף דעריבער אַלעמאָל אויסגעטייטשט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָמונאַלער פאַרטרעטערשאַפט, און עס איז נויטיק אויסצונוצן יעדן גינסטיקן שאַנס, וואָס עס גיבן די קאָמונאַלע וואַלן.

די טרעד-יוניאָנס דאַרף מען צוציען אַפן צאַד פון דער באַוועגונג, אויפטייזנדיק זיי די קעגנזייטיקע נוצן, וואָס עס וועלן זיך באַקומען פון דער רעפאָרם פאַר ביידע גרויסע פאַרטייען, אַדאַנק דער פאַראייניקונג פון זייער טעטיקייט.

דער קאָנווענט איז איבערצייגט, ווייטער, אַז דער בעסטער מיטל צוצוציען די אַלגעמיינע סימפּאַטיעס אַפן צאַד פון טשאַרטיזם איז — באַווייזן זיין באַדייטונג פאַר דער פאַרגרינגערונג פון די ליידן פון אַלע ליידנדיקע קלאַסן און צוגעוואוינען דידאָזיקע קלאַסן, אַז זיי זאָלן אַף אים קוקן, ווי אַף אַ געציג צו פאַרווירקלעכן זייערע האָפענונגען; אַז דער בעסטער מיטל בייצוקומען דעם קלאַסן-רעזשים איז — צו באַווייזן זיינע אָנהענגער, אַז דער טשאַרטיזם וועט זיי געבן מער, איידער דערדאָזיקער רעזשים קען אָדער וויל זיי געבן; אַז אַן אימענדערונג אין דעם פּאָליטישן סיידער וואָלט געווען פּרוכטלאָז אָן סאָציאַלע ענדערונגען; אַז די טשאַרטיסטישע באַוועגונג אָן דער באַקאַנטשאַפט מיט דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט מוז האָבן אַ פולשטענדיקן דורכפאַל; אַז אַפן צאַד פון דעם טשאַרטיזם דאַרף מען צוציען ניט נאָר דעם פּאָליטישן טוער, נאָר אויך דעם געשעפטס-מענטשן; אַז מיר קענען ניט פאָדערן און קריגן די שטיצע פון דעם אַרבעטער, דעם באַלמעלאָכע, דעם פּערמער, דעם קליינעם הענדלער, אויב מיר וועלן ניט באַווייזן, אַז מיר זיינען פּראַקטישע רעפאָרמאַטאָרן און מע קען אונז אָן קיין שום געפאַר פאַרטרויען די מלוכע-מאַכט, אַז מיר ווייסן, וואָסערע צאָרעס עס דריקן זיי און ווי אַזוי זיי צו העלפן, אַז די כאַרטע וועט זיי ברענגען אַ פּאָזיציע, באַלדיקן און דויערנדיקן נוצן, אַז זי וועט טייקעף פאַרגרעסערן זייער וואוילשטאַנד און זייערע רעסורסן.

די טשאַרטיסטישע פּאַרטיי דאַרף אַרויסטרעטן, ווי אַ פאַרטיידיקערין פון די אונטערדריקטע, ווי אַ באַנד, וואָס פאַראייניקט באַזונדערע קאָרפּאָראַציעס אַף אַן אַלגעמיינעם באָדן מיט דער הילף פון דעם שטאַרקסטן בינד-מיטל, וואָס עס איז נאָר פאַראַן: דעם אייגענעם אינטערעס.

עס איז צייט דעריבער צו ווענדן זיך מיט אַן אויפרוף צום אינטערעס פון יעדער געדריקטן קלאַס באַזונדער. איטלעכער פון זיי פאָדערט אַ געוויסן סכום סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס אַנטשפּרעכט זיינע אינטערעסן; דידאָזיקע פּרעטענזיעס, באַ זייער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט, קענען זיך דאָך פּאָרן; איין רעכט קען קיינמאָל ניט קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דעם אַנדערן, אַן עמעס קען קיינמאָל ניט סויסער זיין נאָך אַן עמעס.

אַרויסגייענדיק פון אָט דער איבערצייגונג, רעקאָמענדירט דער קאָנוועוונט צו ווענדן די געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט אַף אָט די פּונקטן:

I. די ערד.

דער קאָנוועוונט האַלט, אַז די ערד איז אַן אומאָפּנעמבאַרע אַרב פון דעם מענטשלעכן מין, און אַז די עקזיסטירנדיקע מאָנאָפּאָל אַף איר ווידערשפּרעכט די געזעצן פון גאָט און פון דער נאַטור. פאַרוואַנדלען די ערד אין אַ נאַציאָנאַלן אייגנטום איז דער איינציקער געזיכערטער פונדאַמענט פאַר דעם פאָלקסוואוילשטאַנד. קעדיי צו דערגרייכן דעמדאָזיקן צוועק, דאַרף מען רעקאָמענדירן דער געזעלשאַפט בעהאַדראָגע אָט די מיטלען:

1. גרינדן אַ מיניסטעריום פון ערד-אַרבעט.

2. אומקערן דעם פאָלק די ערד, וואָס געהערט די אָרגאַנען פון האַשגאָכע אַף אָרימע לייט, די קעהילעס, דער קירך און דער קרוין. דידאָזיקע ערד דאַרף צעטיילט ווערן אַף כּלאָקים פון דער געהעריקער גרויס און אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע, און די אַרענדע-געלט דאַרף גיין לעטויוועס דער מלוכע.

3. אַן אַרענדאַטאָר, וואָס גייט אַוועק, דאַרף באַלוינט ווערן פאַר די אויסבעסערונגען אין דער ערד, וואָס ער האָט געמאַכט; פאַרבאָטן צו פאַרפּליכטן דעם אַרענדאַטאָר, ער זאָל זיך האַלטן באַ אַ באַשטימטן סיידער פון די זייפעלדער; אָפּשאַפן די געזעצן וועגן געיעג; פאַרוואַנדלען אַלע רענטעס אין ברויט-רענטעס.

4. איבערגעבן דער מלוכע אויפצוקויפן ערד, קעדיי אָפּצוגעבן עס אין אַרענדע צו יעכידים אָדער געזעלשאַפטן. געלט-מיטלען צוליב דעם דאַרף מען נעמען פון געצאָלט פאַר די נאַציאָנאַליזירטע ערד, וואָס איז אָפּגעגעבן אין אַרענדע, און פון אַנדערע קוואַלן, וואָס וועלן דערנאָכדעם באַשטימט ווערן.

5. דער מלוכע דאַרף זיין פאַרווערט איבעראַנייס איבערצוגעבן דאָס אייגנטום אַף די ערד, וואָס זי האָט איינמאָל געקראָגן; זי דאַרף עס אייביק אויפהיטן אין די אייגענע הענט, ווי אַ נאַציאָנאַל-אייגנטום, אָפּגעבנדיק עס נאָר אין אַרענדע אין אַזאַ מאָס און אַף אַזעלכע טנאָים, וואָס זאָלן פאַרזיכערן די פרייהייט פון דעם אַרענדאַטאָר און די אינטערעסן פון דער מלוכע.

6. געבן דער מלוכע דאָס בילכער-רעכט אַף צו קויפן ערד, וואָס פאַרקויפט זיך, לויט אַ יוישערדיקן מאַרק-פּרייז.

7. צוליב דער ענדגילטיקער און פולשטענדיקער נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד, דאַרף זי די מלוכע איבערנעמען צוריק אין די אייגענע הענט, ווי נאָר די

עקזיסטירנדיקע רעכט אַף איר הערן אויף צו גילטן אַלפּי געזעץ, מאַכמעס טויט, מאַכמעס איבערגעבן דאָס אייגנטום-רעכט אָדער מיט דער הילף פון אַנדערע מיטלען, וואָס שטימען מיט גערעכטיקייט און גרויסמוטיקייט צו אַלע קלאַסן.

II. די קירך.

די רעליגיע דאַרף זיין פריי; ווי אַ רוכניעס-זאַך, דאַרף זי ניט אונטערפאַלן אונטער קיין שום וועלטלעכן קאָנטראָל. דעריבער רעקאָמענדירט דער קאָנווענט:

1. **פולשטענדיק אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכע.**

2. אַלע וועלטלעכע גיטער פון דער קירך דאַרף מען דערקלערן פאַר אַ נאַציאָנאַלן אייגנטום, אַכוץ די אינדיווידועלע געשאַנקען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פרייוויליק און געזעצלעך. אַלע קירך-ביניאָנים, וואָס מע קען דערווייזן, אַז זיי זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַף נאַציאָנאַלע מיטלען, דאַרפן געהערן דער מלוכע. די עמונעס, וואָס באַנוצן זיך מיט זיי איצטער, דאַרפן אויך ווייטער באַנוצן זיך מיט זיי אַף יושערדיקע טנאָים.

3. מאַיסער לעטויוועס דער קירך און די אָבליגאַטאָרישע קירך-שטייערן (rates) דאַרפן באָטל ווערן.

4. די מלוכע טאָר זיך ניט אַריינמישן אין דער אינעווייניקסטער אָרדענונג פון קיין קירך. אַלע גייסטלעכע פּערזאָנען דאַרפן באַשטימט ווערן אַף אַזאַ אויפן, ווי די געהעריקע קאָנגרעגאַציעס וועלן געפינען, אַז עס טויג פאַר זיי בעסער, און זיי דאַרפן קריגן סכירעס פון די קאָנגרעגאַציעס, וואָס באַנוצן זיך מיט זייער דינסט.

5. דערלויבענישן פון דער קירך אַפּן רעכט צו קנעלן דאַרפן באָטל ווערן.

III. פאָלקס-בילדונג.

פונקט אַזוי ווי דער מענטש האָט אַ רעכט אַף מיטלען צום פיזישן לעבן, פונקט אַזוי האָט ער אַ רעכט אַף מיטלען צו גייסטיקער טעטיקייט. אָפּזאָגן אין שפייז פאַרן גייסט איז פונקט אַזוי אומגערעכט, ווי אָפּצוזאָגן אין שפייז פאַרן גוף. בילדונג דאַרף זיין נאַציאָנאַל, אַלגעמיין, אומזיסט און ביז אַ געוויסער מאָס אָבליגאַטאָריש. דעריבער ווערט רעקאָמענדירט:

1. אַז די שולן, קאַלעדזשן און אוניווערסיטעטן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכע, זאָלן זיין אָפן פאַר יעדן בירגער אָן געצאָלט, און אַז פאַר די עלטערן זאָל אייגנעשטעלט ווערן אַ צוואַנג-פליכט צו געבן זייערע קינדער עלעמענטאַרע בילדונג.

2. בילדונג אַף די העכערע צווייגן פון וויסנשאַפט דאַרף אויך זיין אַן אומזיסטע, אָבער ניט קיין אָבליגאַטאָרישע.

3. מע מוז עפענען אינדוסטריעלע שולן, וואו די יוגנט זאָל זיך לערנען פאַרשיידענע פאַכן, קעדיי אַף אַזאַ אויפן ביסלעכווייז פאַרבייטן די סיסטעם פון מעלאָכע-שילעריי.

IV.

אַרבעט — איז דער באַשאַפער פון אַשירעס און, ווי אַזאַ, איז עס דער וויכטיקסטער עלעמענט פון דער בליאונג פון דער נאַציע. די פאַרהעלטענישן צווישן דעם באַלעבאָס און דעם אַרבעטער איז ביז איצט געווען אַ סטירע דעם וואוילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט: דער באַשאַפער איז געווען אַ קנעכט צו זיין שאַפונג, אַרבעט איז געווען אַ קנעכט פון קאַפּיטאַל און האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון דער סיסטעם פון געדונגענער קנעכטשאַפט, וואָס איז סויסער אַלע פּרינציפּן פון פרייהייט. קעדיי צו דערהויבן די אַרבעט פון איר געדריקטן צושטאַנד און ווי אַ מיטל צו פאַרניכטן געדונגענע קנעכטשאַפט און מיטצוהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דעם יעסאָד פון קאָאָפּעראַציע, ווערט פאַרגעלייגט:

1. אָן געצאָלט געבן די רעכט פון יורידישע פּעזאָנען אַלע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן אינדוסטריעלע ציילן.

2. אָפּשאַפן אַלע געזעצלעכע באַגרעניצונגען, וואָס שטערן דער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער-געזעלשאַפטן.

3. אַזוי ווי דער קאָאָפּעראַטיווער פּרינציפּ איז אין טאָך וויכטיק פאַרן פאָלקס-וואוילשטאַנד, אַזוי ווי קעגן דער קאָנצענטראַציע פון רייכטום וואָלט מען געדאַרפט ווירקן דורך אַ טענדענץ פון פאַנאַנדערטיילונג, און אַזוי ווי די אָנזאַמלונג פון אַשירעס אין די הענט פון איינצלנע געזעלשאַפטן איז אַ צאָרע, וואָס שטייט ווינציק אָפּ פון דעם אינדיווידועלן מאָנאָפּאָל אַף רייכטום, דעריבער דאַרפן אַלע ווייטערדיקע קאָאָפּעראַטיווע האַסכאָלעס, ביז דער פול-שטענדיקער לייזונג פון דער אַרבעטער-פראַגע, זיין געבויט אַף אַ נאַציאָנאַלן באַזיס און פאַרייניקט אין איין נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד, וואָס די באַזונדערע אינדוסטריעס און געזעלשאַפטן זיינען זיינע אָפּטיילן. דער רעווען פון איטלעכער אַרטיקער געזעלשאַפט, וואָס שטייגט איבער אַ געוויסע סומע, דאַרף גיין אין אַן אַלגעמיינעם פאָנד אַף צו בויען נייע אַרבעטער-אַסאָציאַציעס און צו פאַרגיכערן, אַף אַזאַ אויפן, די אַנטוויקלונג פון אַסאָציאירטער און זעלבשטענדיקער אַרבעט.

4. די מלוכע דאַרף גרינדן אַ קרעדיט-פאָנד אַף אַרויסצוגעבן, אַף באַשטימטע טנאָים, געלט-האַלוואָעס צו אַרבעטער-קאָרפּאָראַציעס, וואָס ווילן זיך פאַרייניקן אין געזעלשאַפטן צוליב אינדוסטריעלע צוועקן.

V.

פונקט אַזוי ווי איטלעכער איז מעכויעוו צו אַרבעטן, אַזוי האָט אויך איטלעכער רעכט אַף מיטלען, קעדיי אָנצואווענדן זיין אַרבעט, און די, וואָס זיינען ניט בעקויעך צו אַרבעטן מאַכמעס אַלטקייט אָדער שלאַפקייט, האָבן רעכט צו פאָדערן שטיצע פון דער מלוכע. דעריבער:

1. דאַרף פאַר אַלע אַרבעט-פעאיקע מענטשן, וואָס קענען זיך אַליין ניט אויסהאַלטן, אויסגעפונען ווערן אַ גוט באַלוינטע אַרבעט, אויב מעגלעך — אין דער לאַנדווירטשאַפט.

2. אין די פֿאַלן, ווען די מלוכע קען ניט געפֿינען קיין אַרבעט פֿאַר די אַרבעטסלאָזע, איז זי מחויב צו אונטערשטיצן זיי ביז וואַנען עס וועט ניט געפֿונען ווערן קיין אַרבעט.

3. אַרבעטלאָזע דאַרפֿן געשטיצט ווערן דורך דער מלוכע און ניט דורך די פּאַראַפֿיעס, און די הוצאָות אַף דעם דאַרפֿן געדעקט ווערן פֿון אַלגעמיין מלוכישע מיטלען.

4. אַלטע און שוואַכע דאַרפֿן זיך אויפֿהאַלטן אין זייערע אייגענע היימען, בײַ זייערע קרובֿים אין דער היים אָדער אין ספּעציעלע בנינים, וואָס די רעגירונג האָט אויסגעבויט, אויב די באַזאָרגטע גופֿא פֿאַרלאַנגען עס.

VI. באַשטייערונג.

שטייערן אַף אינדוסטריע דריקן אַף דער פּראָדוקציע פֿון רייכטום, שטייערן אַף לוקסוס-אַרטיקלען באַוועגן די רעגירונג מיטצוהעלפֿן דער אַנטוויקלונג פֿון איבעריקן לוקסוס, באַשטייערונג פֿון אַרטיקלען פֿון טאָג-טעגלעכן געברויך ווירקט שעדלעך אַף דער פֿאָלקס-געזונטהייט און וואוילשטאַנד. דער־בער דאַרף די לאַסט פֿון שטייערן פֿאַלן אינגאַנצן אַף ערד און אָנגעזאַמלטן אייגנטום (קאַפּיטאַל).

VII. דער נאַציאָנאַלער כּיוו.

אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער כּיוו איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ קלאַסן־רעגירונג צוליב קלאַסן־צוועקן, קען מען אים ניט באַטראַכטן ווי אַ כּיוו, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געזעצלעך געמאַכט. אַחוץ דעם איז עס דאָך אומגעלומפּערט, אַז די שפּעטערדיקע דורות זאָלן אייביק זיין פֿאַרשקלאַפֿט פֿאַר דעם שיגעון און די דורכפֿאַלן פֿון זייערע אור-עלטערן און אַז מאַכמעס דעם שטענדיקן צאָלן פֿון פּראָצענטן זאָל דער כּיוו אומגעקערט ווערן צו די קרעדיטאָרן בע־קויפּל־קיפּלאַים. דער מלוכע-כּיוו מוז דעריבער געדעקט ווערן אַף אַזאַ אויפֿן, אַז די געלט, וואָס מע צאָלט איצטער איין פֿאַר פּראָצענט, זאָל זיך רעכענען ווי צאָלונגען אַפּן קערן, ביז וואַנען דער גאַנצער קערן וועט זיך אַזוי אומקערן די קרעדיטאָרן.

VIII.

דער קאָנוועגט האַלט, אַז עס איז נויטיק אַ רעפֿאָרם פֿון דער געלט־צירקולאַציע.

IX. די אַרמיי.

שטענדיקע אַרמייען ווידערשפּרעכן די פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיע און זיינען אַ סאַקאָנע פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון פֿאָלק. אין דערזעלביקער צייט אַנער־קענט דער קאָנוועגט, אַז עס איז צוועקמעסיק דערוויל אויפֿצוהיטן די שטענדיקע אַרמיי, ביז וואַנען די געהעריקע ענדערונגען אין אונזערע קאָלאָניעס און אין דער מעטראָפּאָליע וועלן ניט מאַכן פֿאַר איבעריק איר ווייטערדיקע עקזיסטענץ. ביז דאַן, פֿאָדערט דער וואוילשטאַנד פֿון די זעלנער און די געזיכערטקייט פֿון די בירגער אָט די ענדערונגען:

1. דאָס אריינטרעטן פון אַ געדונגענעם פרייוויליקן אין מיליטער-דינסט דאַרף פאַרלירן די אָבליגאַטאָרישקייט פאַר דעם רעקרוט, אויב ער האָט עס אין אַ מעשעך פון אַ וואָך צייט ניט באַנייט פאַרן ריכטער.

2. די זעלנער דאַרפן קריגן דאָס רעכט צו פאָדערן, מע זאָל זיי אָפּלאָזן נאָך 4 יאָר דינסט.

3. די זעלנער דאַרפן ניט זיין פאַרשלאָסן אין די קאַזאַרמעס, וואָרום די איזאָלירונג פון דער ארמיי מאַכט זיי אָפּגעפרעמדט פון די בירגער, אוםטויגלעך צו טראָגן פאַמיליען-היסכאַיוועסן און דעמאָראַליזירט זיי, בעאייס דאָס איז גאָר ניט נויטיק צוליב דער דיסציפּלין; אַ ראַיע איז, — אַז די דיסציפּלין ליידט ניט, ווען דער כאַיל איז באַזעצט אַף קוואַרטיר צווישן די איינוואוינער, ווי דאָס טרעפט זיך אָפּט אי אין צייט פון שאָלעם, אי בעשאַס מילכאָמע.

4. פאַרן כאַיל, וואָס איז באַזעצט אַף קוואַרטיר צווישן די איינוואוינער, דאַרף מען צאָלן געלט, ווי פאַר שכיינים, און קיינעם טאָר מען ניט צווינגען צו נעמען צו זיך מיליטער-לייט.

5. אַלע העכערונגען אין ראַנג דאַרף מען אָנהויבן פון געוויינלעכן סאָלדאַט, דערביי ניט פריער ווי נאָך אַ יאָר דינסט.

6. די העכערונגען אין ראַנג דורך קויפן אָפיצערישע אַמטן ווערט אָפּגעשאַפט.

7. עס ווערן אָפּגעשאַפט לייב-שטראָפן.

8. מיליטער-געריכטן דאַרפן אלעמאָל צונויפגעשטעלט ווערן גלייך אַף גלייך פון אָפיצערן און סאָלדאַטן.

X. דער פלאָט.

דער פלאָט דאַרף רעגולירט ווערן דורך ענלעכע געזעצן.

XI. לאַנד-מיליציע.

פונקט אזוי ווי איטלעכער האָט רעכט צו טראָגן געווער, אזוי איז ער אויך מעכויעוו צו קענען באַגיין זיך דערמיט; פונקט אזוי ווי יעדער בירגער וואָלט געדאַרפט קריגן נוצן פון דער עקזיסטענץ פון דער מלוכע, אזוי דאַרף ער אויך האָבן די געהעריקע צוגרייטונג אף צו פאַרטיידיקן זי. אזוי ווי, כוץ דעם, איז די פרייהייט גאָר ניט געזיכערט דאָרט, וואו דאָס אומבאַוואָפנטע ניט דיסציפּלינירטע פאָלק שטייט פּאָנים-על-פּאָנים מיט א באַוואָפנטער דיסציפּלינירטער קאַסטע, איז נויטיק, אז איטלעכן מאַנסביל, וואָס איז עלטער פון 15 יאָר, זאָל געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו לערנען זיך די מיליטער-קונסט.

XII. די פרעסע.

פולע פרייהייט פון געדאנק און קעגנזייטיקער אינפאָרמאַציע איז א געהייליקטע גרונט-רעכט פון דעם מענטשן, דעריבער זיינען אלע באַגרעניצונגען מעכאַניש צו פאַרמערן און צו פובליקירן דרוק-זאַכן דערווידער די רעכט און געזעצלעכקייט. דער קאָנווענט זאָגט זיך ארויס אַנטשלאָסן קעגן שטייערן אף

בילדונג און רעקאָמענדירט אינגאַנצן אָפּצושאַפן דעם שטייער אף פּאַפּיר, אף מוידאָעס. אָפּשאַפן דאָס שטעמפּל-געלט פון צייטונגען און גרעניק-אָפּצאָלן אף אויסלענדישע פּאַפּיר.

* *
*

אַכוץ דעם, האָט דער קאָנווענט אָנגענומען נאָך אָט די רעזאָלוציע, וואָס איז ניט אריין אין דער פּראָגראַם:

„לויט דער מיינונג פון דעם קאָנווענט, איז דער טייל פון דעם קרימינעלן קאָדעקס, וואָס באַשטימט טויט-שטראָף פאַר אונזערע מיטמענטשן, אַ כאַרפּע פאַר ציוויליזירטן קלאַל און דארף אויסגעמעקט ווערן פון דעם סטאַטוטן-בוך".

ליטעראַטור:

1. **Энгельс:** „Положение рабочего класса в Англии".
2. **Ротштейн:** „Очерки по истории рабочего движения в Англии".
3. **Туган-Барановский:** „Промышленные кризисы". (איינציקע קאַפּיטלען)
4. **Слоссен:** „Чартистское движение и причины его упадка".
5. **Ц. Фридлянд:** „История Западной Европы" ч I.

קאַפּיטל VI

די רעוואָלוציע פֿון 1848 יאָר

„1848־טער יאָר".

ביז דער העפּלט פון דעם 19-טן יאָרהונדערט איז די היים פון רעוואָלוציע אין אייראָפּע פאַרבליבן פראַנקרייך. דאָך האָט די רעוואָלוציע פון 48-טן יאָר אַרומגעכאַפּט אַ ריי לענדער פון קאָנטינענט. לויט דער טיף נאָך פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש און דער היסטאָרישער באַדייטונג שטייט זי אָפּ אַסאַך פון דעם קריזיס פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך, דאָך פאַרנעמט דאָס „48-טע יאָר" אַ וויכטיק אָרט אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע. ווען מירריידן וועגן דעם „48-טן יאָר", מיינען מיר ניט איינע, נאָר אַ גאַנצע ריי רעוואָלוציעס: די פראַנצויזישע, דייטשישע, איטאַליענישע און אונגאַרישע. איטלעכע פון זיי האָט זיך אירע באַזונדערקייטן, דאָך האָבן זיי אַלע אויך אַסאַך אַלגעמיינעס. ווי אַ פּרואוו ענדגילטיק צו ליקווידירן די „אַלטע אָרדענונג" אין אייראָפּע, איז דאָס 48-טע יאָר אַ פאָרזעצונג פון דעם 89-טן. פון דער אַנדער זייט אָבער ציען די רעוואָלוציעס פון אָט דעם יאָר ווייטער די פּרינציפּן פון דעם 89-טן יאָר און פאַרטיפן זיי. פאַר די העכער 50 יאָר האט אייראָפּע אַ שפּרייז געטאָן ווייט פאָרויס אָפן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם האט זיך פאַרפעסטיקט אין אַסאַך לענדער פון אייראָפּע. די סאָציאַלע פראַגע האט זיך געשטעלט אין איר גאַנצער גרויס. עמעס, דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך ניט געווען בעקויעך צו פאַרווירקלעכן זיין באַפרייאונג, אָבער די בורזשואַזיע איז שוין ניט געווען מער דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין דער שטעלונג גופע פון דער סאָציאַלער פראַגע איז געווען אָט דאס נייע, וואָס עס האט געבראַכט מיט זיך דאָס 48-טע יאָר. אָבער אָפּהענגיק פון דער הויך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַזאַ אָדער אַן אַנדער פּראָבלעם: קאַמף פאַר אַ בורזשואַזער מלוכע אָדער די באַפרייאונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט — פון דערפון נעמען זיך צוויי טיפּן רעוואָלוציעס פון 48-טן יאָר: דער פראַנצויזישער און דער דייטשישער. „די דייטשישע רעוואָלוציע און די איטאַליענישע ארבעטן מיט די אַלטע אידייען פון 89-טן יאָר. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 48-טן יאָר רופט אַרויס נייע לאָזונגען, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט די אידייען פון 89-טן יאָר, אָבער ברייטער פון זיי". דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז די סאָציאַלע פראַגע האָט געהאט אַן ערשטקלאַסישע באַדייטונג אויך אין יענע לענדער, וואו די רעוואָלוציע

האָט דערווייל געקאָנט ברענגען אַ ניצאָכן נאָר דער בורזשואַזער מלוכע איבער דער אָפּגעלעבטער „אַלטער אָרדענונג". גופא אָט די נייע פּראָבלעם איז געווען אַ סיבה פון די דורכפאַלן פון דער רעוואָלוציע פון 48-טן יאָר. איינינעם דערמיט האָט זיך אַפן טאָג-סיידער פון דער געשיכטע געשטעלט נאָך א נייע פּראָבלעם, אַ פרעמדע פאַר פראנקרייך, וואס האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דייטשלאַנד און איטאַליע: דאָס איז די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג. קעדיי אַרויסצוברענגען דעם כאַראַקטער פון דעם 48-טן יאָר, וועלן מיר אין אָט דעם קאַפּיטל אָפּשטעלן זיך אַף דער געשיכטע פון צוויי רעוואָלוציעס: דער „פעוראַל-רעוואָלוציע" אין פראנקרייך און דער „מאַרט-רעוואָלוציע" אין דייטשלאַנד (פּרייסן און עסטרייך).

א. פראנקרייך.

פון דער אימפּעריע פון נאַפּאָלעאָן דעם 1-טן ביז דער יולי-מאָנאַרכיע.

די געשיכטע פון פראנקרייך אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט קען מען איינטיילן אַף אָט די פעריאָדן: נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע (ביז 1815-טן יאָר); די רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנען (1815—1830), וואס האָט זיך געענדיקט מיט דער יולי-רעוואָלוציע אין 30-טן יאָר; די עפּאָכע פון דער יולי-מאָנאַרכיע (1830—1848). מירן זיך פּרואוון אָפּכאַראַקטעריזירן בעטאַכלעס האַקיצער איטלעכן פון אָט די פעריאָדן.

די הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנען אין פראנקרייך נאָך דעם 18-טן בריומער 1799-טן יאָר (ז. קאַפּ. 4, טייל 1) איז פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אָן אַ שיר מילכאָמעס אין אייראָפּע. זיי אלע האָבן געהאַט איין צוועק: אַ ניצאָכן איבער ענגלאַנד. קעדיי מענאַצייעך צו זיין דעם מעכטיקן קאָנקורענט, האָט פראנקרייך געקעמפט מיט דער גאַנצער וועלט. נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע איז געווען אַ רעגירונג פון דער מיליטערישער דיקטאַטור פון פראַנקרייכס אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. נאַפּאָלעאָן האָט קוידעמקאָל געהאַט בעדייע די אינטערעסן פון אָט דעם קלאַס. זיינע מילכאָמעס האָבן געדאַרפט גאַראַנטירן די היימישע אינדוסטריעלער אַ מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע אַפן אייראָפּעאישן מאַרק פון רויוואַרג און אָפּזאָץ. די אַזוי גערופענע סיסטעם פון קאָנטינענטאַלער בלאָקאַדע, וואָס האָט געדאַרפט איזאָלירן ענגלאַנד פון די אייראָפּעאישע מערק און דערמיט אונטערגראָבן איר אינדוסטריעלע און האַנדלס-מאַכט, האָט געדאַרפט דינען אויך קעדיי קינסטלעך אויסצוהאָדעווען דעם פראַנצויזישן קאַפּיטאַליזם.

די געזעצגעבונג אין פראנקרייך, פונקט אזוי ווי איר פּאָליטיק אין אויסן, האָט געהאַט אין אויג די אינטערעסן אויסשליסלעך פון דער בורזשואַזיע. נאַפּאָלעאָן האָט פאַרגעזעצט „די זאַך פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע". ער האָט גאַראַנטירט א ניצאָכן דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג

סאַי קעגן די סאָנים פון אויסן, סאַי קעגן דעם דרוק פון דעם האַמוין פון פּאָלק. דער רעזשים פון בורזשואַזער דיקטאַטור האָט ליקווידירט אַלע „פרייהייטן", האָט מיטגעהאָלפן עס זאָל אויפשטיין אַ נייער פּריווילעגירטער קלאַס און אַ נייער איכעס. דאָס איז געווען די עפּאָכע, ווען די בורזשואַזיע איז ארויף אפן טראָן. „עס איז אָנגעקומען אַ מאָמענט פון האַצלאָכע, האָט געזאָגט נאַפּאָלעאָן, ווער וועט זיך דערוועגן צו ווייזן אים אַ גרעניץ?" פראַנקרייך האָט זיך צוריקגעקערט ניט נאָר צו דער לאַגע פון פאַר דער רעוואָלוציע, זי האָט זיך אַ רוק געטאָן ווייט פאָרויס אַפן וועג פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אַזוי איז אַף דער נאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פון דעם יאָר 1801 געווען 229 עקספּאָנאַטן פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע, און אין דעם יאָר 1806 איז שוין געווען 1422. ניט קוקנדיק אַף די וועלט-מילכאָמעס, אונטערן קנאַקן פון דער בייטש פון דער קאָנטינענטאַלער בלאָקאַדע, האָט די פראַנצויזישע אינדוסטריע פאַרגעזעצט איר טריאומף-מאַרש. עמעס, דער ניצאָכן פון דער בורזשואַזיע האָט זיך געווענדט אַסאַך אָן נאַפּאָלעאָנס זיגערישע מילכאָמעס. אָבער אין זיי זיינען געווען באַהאַלטן די סיבעס פון זיין מאַפּאָלע. אין פראַנקרייך האָט ער אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, פאַרפעסטיקנדיק די בורזשואַזע מלוכע. אין אייראָפּע האָט ער, מיטן קויעך פון געווער, מיטגעהאָלפן דער רעוואָלוציע, דער געבורט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. ביז אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַף זיין צאַד געהאַט דאָס מיטגעפיל פון די פעלקער פון אייראָפּע. אָבער די אייראָפּעאישע בורזשואַזיע איז גיך געקומען צו זיך און האָט מער ניט געקענט און ניט געוואָלט אונטערוואַרפן זיך דער דיקטאַטור פון דעם פראַנצויזישן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע איז פון אַ קויעך, וואָס האָט מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג, געוואָרן אַ מעניע פאַר דערדאָזיקער אַנטוויקלונג. די פעלקער פון אייראָפּע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די אָרעמס פון זייערע פעאָדאַלע רעגירונגען, קעדיי צו צעברעכן די אימפּעריע פון נאַפּאָלעאָן דעם 1-טן. דערצו האָט די סיסטעם פון אויסשליסלעכער מאָנאָפּאָליע פון פראַנקרייך אַפן אייראָפּעאישן מאַרק און די קאָנטינענטאַלע בלאָקאַדע אונטערגעגראָבן די אייראָפּעאישע ווירטשאַפט. די אומענדלעכע מילכאָמעס און די דאַכקעס פון מאַרק האָבן ארויסגערופן אַן אומצופרידנקייט בא דער בורזשואַזיע און דעם פּויערטום אין פראַנקרייך גופע. דער פּויעל-יויצע פון דער שוטפעסער ווירקונג פון אָט די אַלע פאַקטאָרן איז געווען, וואָס די אימפּעריע איז געפאַלן. נאַפּאָלעאָן איז אומגעקומען דורך דער קאָאַליציע פון די פעאָדאַלע רעגירונגען פון אייראָפּע, בעאיס קיין רעוואָלוציאָנערע מאַכט, וואָס זאָל זיך קעגן איר שטעלן, איז ניט געווען. אין פראַנקרייך זיינען ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן די בורבאָנען. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון רעסטאַוראַציע.

ניט קוקנדיק אַף די פּילע פּרואוון פון די בורבאָנען (לואי דער 18-טער און קאַרל דער 10-טער) אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, איז פראַנקרייך געבליבן געבויט אַף די פּרינציפּן פון 89-טן יאָר און האָט זיך רעגירט דורך די אַדמיניסטראַטיווע אינסטיטוציעס פון דער אימפּעריע. ווייסער טעראָר האָט פאַרפאָלגט אַלץ, וואָס האָט דערמאָנט אָן רעוואָ-

לוציע. דעם אדל האָט מען אומגעקערט די ניט פאַרקויפטע נאַציאָנאַלע גיטער, מע האָט זיי געשענקט אַ מיליאַרד, אָבער די וויכטיקסטע סאָציאַלע דערוואָר־בונגען פון דער רעוואָלוציע זיינען ניט אָנגערירט געוואָרן. אפן פּאָליטישן געביט האָט די כאַרטיע, וואָס דער קעניג האָט געשענקט, און דער פּאַרלאַמענט איידעס געזאָגט אַף דער אנמאַכט פון דער רעסטאַווראַציע. נאָכמער, „אין קיין עפּאָכע איז די מעכטיקייט פון דער בורזשואַזיע, אויסגעמישט מיט אַ געוויסער פּאָליטישער אומצופרידנקייט, ניט געווען אַף אַזוי פיל אַ קויעך אין לאַנד, ווי אין די יאָרן פון דער רעסטאַווראַציע". אין 1815 יאָר איז דער אַלגעמיינער באַטרעף פון פראַנקרייכס אויסערלעכן האַנדל געווען 621 מיליאָן, און אין 1829 יאָר 1.224.000. די ערשטע דאַמף־מאַשין האָט זיך געוויזן אַף דער אויס־שטעלונג אין 1806 יאָר. אין 1820 יאָר האָט זיך שוין געציילט 65 דאַמף־מאַשינען, און אין 30־טן — 625. די רעסטאַווראַציע האָט פאַרגעזעצט די פּראָ־טעקציאָניסטישע פּאָליטיק פון דער אימפּעריע, זי האָט אָבער גענומען אונטער איר שוץ ניט נאָר די אינדוסטריעלער, נאָר אויך די ערד־באַזיצער. אָט די צווייזייטיקייט האָט גיך אַרויסגערופן אַן אָפּאָזיציע מיצאַד דער בורזשואַזיע, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַרפעסטיקן די הערשאַפט פון די דערוואָרבונגען פון 89־טן יאָר אונטערן סצעפּטער פון די בורבאָנען. די רעאַקציע האָט געדינט אין אַ געוויסער מאָס די אינטערעסן פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, „קאַפּיטאַ־ליסטן־פעאָדאַלן", זי איז אָבער געווען אַ סטירע פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם. אָט פאַרוואָס, בא דעם ערשטן פּרואוו פון דער רעאַקציע (קאַרל דער 10־טער) באַטל צו מאַכן די כאַרטיע, איז אַ רעוואָלוציע געוואָרן אומפאַרמיידלעך. אין יולי 1830 יאר איז די מאַכט אין פראַנקרייך אַריבער פון די הענט פון די אַריסטאָקראַטן־ערד־אייגנטימער אין די הענט פון דער פינאַנץ־בורזשואַזיע — די באַנקירן (קאַזימיר פעריע, לאַפיט). די יולי־רעוואָלוציע איז געווען אָן אַ סאָפעק אַ „מאָדנע" רעוואָלוציע. „זי איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט פאַר איר מוירע געהאַט, און איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורכן פאָלק, וואָס האט זיך אין איר אריינ־געוואָרפן, קימאַט ניט טראַכטנדיק וועגן איר". דאָס פאַלן פון די בורבאָנען איז געוואָרן צוגעגרייט דורך דער פריערדיקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. פאַר דער בורזשואַזיע איז אָבער געווען גענוג נאָר אַ געוויסע איבערגרופּירונג פון דעם מיניסטעריום, און דאָס פאָלק, אַפילע די ראַדיקאַלסטע גרופּעס זיינע, איז בעגאַנגען ניט ווייטער פון אַ מעטושטעשן באַגער צו אַ רעפּובליק. אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן די יולי־מאָנאַרכיע מיט אַן אויסגעוויילטן קעניג־בורזשואַ — לואי־פיליפּ פון אָרלעאַן בעראָש.

די יולי־מאָנארכיע.

די בורזשואַזיע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף לואי־פיליפּן קוידעמקאָל דער־פאַר, ווייל זי איז געווען קעגן אַ רעפּובליק. „אַ רעפּובליק, — האָבן געטאַינעט אירע פאָרשטייער, — וואָלט אונז אַריינגעוואָרפן אין שרעקלעכע סיכסוכים", דעריבער „דאַרף די מאָנאַרכיע אונז פאַרזיכערן דעם ניצאָכן איבער דער

אַנאַרכיע". זיי האָבן אויסגעקליבן אזא קעניג, וואָס ווי אַ פּערזאָן איז ער גע-וועזן גאָרניט, קעדיי עס זאָל אים זיין שווערער אַרויסצוגיין פון די גרעניצן, אין וואָסערע „ס'וועט זיין באַקוועם צו האַלטן די קעניגלעכע מאַכט". דער פירער פון דער גרויס-בורזשואַזיע גיזאָ האָט געזאָגט: „ער וועט האָבן דער-כערעץ פאַר אונזערע רעכטן, וואָרום ער אַליין האָט זיינע געקראָגן פון אונז". די יולי-מאָנאַרכיע האָט ביכלאַל ניט איבערגעאַנדערשט די אינסטיטוציעס פון דער רעסטאַווראַציע, זי האָט זיי צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פון דער קאַפּי-טאַליסטישער אַנטוויקלונג. די 30-ער און 40-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט זיינען יאָרן פון אויפבלי פון דעם פראַנצויזישן קאַפּיטאַליזם אַף אַלע געביטן. די מלוכע נעמט איצטער אונטער איר שוץ, דעריקער, די אינטערעסן פון אינ-דוסטריע און פינאַנץ-קאַפּיטאַל. וועגן דעם וואוקס פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע און האַנדל וועלן אונז געבן אַ פאָרשטעלונג אָט די ציפערן: דער גאַנצער באַטרעף פון דעם אויסערלעכן האַנדל האָט זיך פון 1.131.000.000 פראַנק אין 1831 יאָר אויפגעהויבן ביז 2.437 מיליאָן אין 1846 יאָר. אויב די אימפּעריע פלעגט אַרויסגעבן יערלעך ביז 100 צייגענישן אַף דערפינדונגען, איז צו די 40-ער יאָרן דערדאָזיקער ציפער אויסגעוואַקסן ביז 1400—2000. וואָס פאַר א צווייג פון אינדוסטריע מיר זאָלן ניט נעמען, וועלן מיר אומעטום טרעפן דעמזעלביקן הויב. אַזוי איז דאָס באַקומען פון אייזן-אַרץ אויסגעוואַקסן אין צוויי: פון 714 טויזנט טאָן אין 1833 יאָר ביז 1.658 טויזנט טאָן אין 1847 יאָר. נאָר דער איקער פון אַלע איקרים איז—דער ניצאָכן פון מאַשין. „דאַמף-מאַשינען, וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט שטיין-קוילן, האָבן אין 1847 יאָר אָפּגעטאַן אַרבעט, וואָס איז גלייך צו 1½ מיליאָן שוואַרץ-אַרבעטער... עס איז ניט מעגלעך אויך אַרומצוכאַפּן בא דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון אינ-דוסטריע-צווייגן, וואָס ווערט געבאָרן אין אָט די יאָרן", שרייבט דער היסטאָ-ריקער-עקאָנ. מיסט לעוואַסער. די מאַשין איז אַריינגעדרונגען ניט נאָר אין מעטאַלורגיע, נאָר, נאָך מער, אין דער טעקסטיל-פּראָדוקציע. דער פעריאָד פון דער יולי-מאָנאַרכיע איז פאַרבונדן מיט דער אויפלעבונג אין אייזנבאַן-בויעריי. אין אָט די יאָרן איז געמאַכט געוואָרן די האַסכאָלע צו דער פראַנצויזישער אייזנבאַן-נעץ. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע און די אַלגעמיינע אינ-דוסטריאַליזירונג פון לאַנד האָט זיך ווייט אַ רוק געטאָן פאָרויס. אויב אין 1789 יאָר האָט די ערד-אַרבעטערשע באַפעלקערונג פון לאַנד אויסגעמאַכט קנאַפּע 71,3%, איז זי איצטער געפאַלן ביז 60%. פון 1841 יאָר ביז 1851 יאָר האָט זיך די באַפעלקערונג פון די גרעסטע 20 שטעט אין פראַנקרייך פאַרגרעסערט אַף 19%. די גרעסטע צאָל אונטערנעמונגען זיינען געווען אין די הענט פון א קליינעם הייפל גרויסע אונטערנעמער: דאָס איז געווען אַ באַזונדער גרופּע „נייע פעאָדאַלן".

דער קאַפּיטאַליזם איז אַריינגעדרונגען אויך אין לאַנדווירטשאַפט. פון 1830 ביז 1848 יאָר איז דער באַטרעף פון אומבאַוועגלעכן ערד-אייגנטום אויס-געוואַקסן אין צוויי. פראַנקריי'ך איז געווען אַ לאַנד פון פויערשן קליין-אייגנ-טום. צום יאָר 1850 איז אַף 7.845.724 אייגנטימער געווען, אַן ערך,

12.394.366 ערד-כאַלאָקים. דערבײַ זיינען העכער 3.000.000 אייגנטימער, ווי ניט פאַרמעגלעכע, באַפרייט געוואָרן פון שטייער. אַ פיצל ערד, אַ „נאַטיכל" האָט ניט געקענט שפּייזן דעם באַלעבאָס. „אין מעשעך פון דעם 19-טן יאָרהונדערט האָבן דאָס אָרט פון די פעאָדאַלן פאַרנומען די שטאָטישע פּראָצענטניקעס, דאָס אָרט פון די פעאָדאַלע היסכאַיוועסן — היפּאָטעק-כויוועס, דאָס אָרט פון דעם אַריסטאָקראַטישן ערד-אייגנטום — דער בורזשואַזער קאַפּיטאַל. דער פויער איז פאַרקנעכט געוואָרן בײַם וואָכערניק. דער ניצאָכן פון מאַשין האָט מיט זיך געבראַכט אַ ברייטע פּראָלעטאַריזאַציע פון די מאַסן. דער פראַנצויזישער באַלמעלאָכע, דער קרעמער און פויער האָבן געקראָגן דעם ערשטן שווערן קלאַפּ. אַ מאַסע אַרבעטסלאָזע האָבן פאַרפילט די שטעט פון פראַנקרייך, און, ווי מאַרקס זאָגט, צו די 4 מיליאָן (רעכענענדיק אײַנײַנעם מיט די פאַמיליעס) אָפיציעל פאַרעגיסטרירטע פּאופּערס, בראָזיאַגעס, נאַווברעכער און פּראָסטיטוטקעס קומט צו נאָך 5 מיליאָן מענטשן, וואָס שטייען טאָמיד אַפן ראַנד פון טהאָם און וואוינען אָדער אין דאָרף גופע, אָדער זיי האַלטן אין איין וואַנדערן מיט די שמאַטעס און קינדער פון דאָרף אין שטאָט און פון שטאָט צוריק אין דאָרף". די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער מאַכמעס די אינדוסטריעלע קריזיסן. קינדער-און פרויען-אַרבעט האָט אָנגעהויבן, אַזוי ווי אין ענגלאַנד, אַרויסצושטויסן די מאַנסבילשע אַרבעט. די אַנקעטע פון די יאָרן 1840—1845 האָט אויסגעפונען אין די אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן מער פון 10 אַרבעטער, 131.093 קינדער און 254.871 פרויען, אַף 672.446 מענער אין 63 דעפּאַרטאַמענטן פון לאַנד. פּרודאָן האָט געשריבן אין דעקאַבער 1839 יאָר, אַז אין פּאַריז איז שטענדיק בענימצע 30.000 שניידער | ליידיקגייער, רעכענענדיק ביז 150.000 די צאָל אַרבעטסלאָזיקע אַרבעטער. דער אַרבעטסטאָג איז געווען אַן 18-שאָעדיקער, די שטערבלעכקייט איז געווען שרעקלעך. די בורזשואַזיע אָבער, פאָלגנדיק גיזאָס אייצע, האָט געהאַלטן אין איין רייכער ווערן.

דער קאַפּיטאַליזם אין פראַנקרייך האָט געמאַכט גרויס פאָרשריט אין פאַרגלייך מיטן סאָף 18-טן יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרצענדליקן פון דעם 19-טן יאָרהונדערט. פונדעסטוועגן איז פראַנקרייך, ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע מלוכע, אויך איצטער געווען שטאַרק הינטערשטעליק אַנטקעגן ענגלאַנד. אַף דעם ווייזן אָט דידאָזיקע ציפערן: בעאייס ענגלאַנד, פאַרנעמענדיק אַ טעריטאָריע אַף 2/5 קלענער פון פראַנקרייך, האָט אויסגעבויט באַ 5.400 קילאָמעטער אייזנבאַן, האָט די לענג פון דער פראַנצויזישער אייזנבאַן-נעץ צום יאָר 1848 אָנגעטראָפן 1800 קילאָמעטער. אין פראַנקרייך איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון אײַנפונדעווען זיך פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, אָבער דערווײַלע איז זי נאָך אין אַ געוויסן זינען געווען אַ „פאַרקאַפּיטאַליסטישע מעדינע" (זע מאַט. און דאָק. נומ. 1).

די פינאַנץ-בורזשואַזיע אין לאַנד איז געווען, ניט אַזוי ווי אין ענגלאַנד, דער פירער פונם גאַנצן בורזשואַזן קלאַס. די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט נאָך געקעמפט פאַר דער מאַכט. די קליין-בורזשואַזיע איז געווען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע: דער קאַפּיטאַליזם האָט איר דערלאַנגט קלעפּ, און פון אירע

רייען זיינען ארויסגעגאנגען סאָנים פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, אָבער אָפּט אויך סאָנים פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע. פּארן פאַבריקאַנט, וואָס האָט זיך געצויגן צו מאַכט, איז „די פאַרקלענערונג פון זיין רעווען דורך דער פי־נאַנץ־אַריסטאָקראַטיע" געווען א קלענערע סאַקאַנע, איידער דער פּראָלעטאַריאַט זאָל עס אינגאַנצן פאַרניכטן. דעריבער איז ער אין דער רעוואָלוציע גיך אַרי־בערגעגאַנגען אָפן צאַד פון דער „פּאַרטיי פון אָרדענונג". די קליין־בורזשואַזיע האָט ניט אויפגעהערט צו קעמפן מיט דער בורזשואַזיע, אָבער אין דערזעלבי־קער צייט אויך מיטן פּראָלעטאַריאַט.

אויב דער שפּיץ פון דער בורזשואַזיע, די פינאַנסיסטן און די גרויסע פאַבריקאַנטן, זיינען געווען אָנהענגער פון דער פּראָטעקציאָניסטישער סיסטעם, האָט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל געפאָדערט פולע פרייהייט פון עקאָנאָמי־שער טעטיקייט. אפן פּאָליטישן פעלד האָט די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע פאַר־טיידיקט דעם געדאַנק פון אן אינדוסטריעלער רעפּאָרם, וואָס זאָל אריינעמען אין דער רעגירנדיקער קאַסטע די גאַנצע מאַסע פון דעם בורזשואַזן קלאַס. די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע איז געווען אומצופרידן, ניט אַזוי ווי די פינאַנץ־בורזשואַזיע, וואָס איז זיך געווען גאַנץ באַפרידיקט. דער עקסט־לינקער פליגל פון דער בורזשואַזער אָפּאָזיציע אויסערן פּאַרלאַמענט האָט זיך גרופּירט אַרום דער צייטונג „נאַציאָנאַל". זי האַט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון א בורזשואַ־זער רעפּובליק, אָבער אָן קיין שום סאָציאַלע אינסטיטוציעס. אינעווייניק אין פּאַרלאַמענט האַט די אינטערעסן פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע פאַר־טראָטן די „דינאַסטישע לינקע" (אָ. באַראָ). זי האַט געטרוימט וועגן א גע־שעפטל מיט דער עקזיסטירנדיקער מאָנאַרכיע, קעדיי אויסצומיידן א רעוואָלוציע און א רעפּובליק. די קליין־בורזשואַזיע איז געווען געשטימט ראַדיקאַל. דאָס איז אָבער געווען א ראַדיקאַליזם אפן געביט פון פּאָליטיק. איר פאָרשטייער לעדריו־ראָלען האַט זיך ניט איינמאָל עפנטלעך דערקלערט פאַר א קעגנער פון קאָמוניזם. די רעפּובליקאַנער דעמאָקראַטן האַבן געטרוימט וועגן דער קאָנסטי־טוציע פון 93־טן יאָר, און די סאָציאַלע פאָדערונגען זייערע זיינען ניט געגאַנ־גען ווייטער פון דער דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטשן, וואָס ראָבעספּיער האַט דערקלערט (זע קאַפּיטל 4, I טייל). דער צענטער פון די רעפּובליקאַנער־דעמאָקראַטן און אויך פון די סאָציאַליסטן איז געווען די צייטונג „רעפאָרם".

אין דער עפּאָכע פון דער יולי־מאָנאַרכיע האַט זיך אין דער גאַנצער גרויס געשטעלט, ווי מיר האָבן עס שוין פריער אָנגעוויזן, די סאָציאַלע פּראַגע. די טרעגער פון די סאָציאַלע אידייען זיינען געווען ניט נאָר פאָרשטייער פון דעם פּריש־געבאָרענעם פאַבריק־און האַנטווערקער־פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געשטאַמט פון די רייען פון דער קליין־בורזשואַזיע. די „סאָציאַלע אידייען" האָבן זיך באַזונדערס צעבליט אין פּאַריז. דער צוזאַמענ־שטעל פון דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט זעט זיך בוילעט אַרויס פון אָט די ציפערן: 30.000 אונטערנעמער פון 64.000 האָבן געאַרבעט אָדער זעלבשטענדיק, אָדער מיט איין אַרבעטער. דערביי איז די איבערוויעגנדיקע מערהייט אַרבעטער געווען באַלמעלאָכעס, אַרבעטער פון הויז־אינדוסטריע (שניידער), בוי־אַרבעטער;

פאַבריק-און זאַוואָד-פּראָלעטאַריער זיינען געווען אַ נישטיקע גרופּע (זע מאַט.
און דאָק, נומ. 1). פונקט אַזאַ בילד איז געווען אויך אין ליאָן — דעם אַנדער
צענטער פון אינדוסטריע אין לאַנד. דער אייגנטלעכער פּראָלעטאַריאַט איז באַ-
שטאַנען פון 40.000 געזעלן; איבער זיי איז געשטאַנען דער קלאַס באַלעבאַטים-
מייסטערס (ביז 10.000), און די לעצטע זיינען עקספּלואַטירט געוואָרן דורך
פאַבריקאַנטן (800 מאַן), וואָס פלעגן צווישן זיי אויסטיילן באַשטעלונגען. אַזאַ
מין סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט, פאַרשטייט זיך,
געקענט דינען ווי אַ באָדן נאָר פאַר ניט רייפע סאָציאַלע אידייען. דערביי
לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט האָט געפעלט די
דערפאַרונג און די אָרגאַניזאַציע פון די ענגלישע אַרבעטער.

די סאָציאַליסטישע שולן אין דער עפּאָכע פון דער יולי-מאָנאַרכיע קען
מען איינטיילן אַף דריי גרופּן: קאָמוניסטן-אוטאָפּיסטן, סאָציאַליסטן-„מלוכע-
אָנהענגער“ און „רעוואָלוציאָנערן-קאָמוניסטן“. באַ די סאָציאַליסטן-אוטאָ-
פּיסטן האָבן דאָס אָנגעזעענסטע אָרט פאַרנומען די טוירעס פון פוריע און
קאַבע. דער פאַרשטייער פון דער צווייטער גרופּע איז געווען לואי בלאַן.
וואָס איז שייך די רעוואָלוציאָנערן-קאָמוניסטן, זיינען זיי זייער שוואַך גע-
ווען פאָרגעשטעלט. מיר לאָזן אָן אַ זייט אַ גאַנצע ריי קאָמוניסטישע און סטאַם
רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישע גרופּן מיט אַ סאָציאַלער באַפאַרבונג, וואָס זיי-
נען געווען זייער פיל אין דער עפּאָכע פון די 30-ער און 40-ער יאָרן (ראַס-
פּאַיל, באַרבעס), און וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די אינטערעסן פון פּראָלעטאַ-
רישע און קליינבירגערלעכע גרופּן. מיר וועלן דאָ אויך ניט ריידן וועגן פּרו-
דאָנען, דעם פאָטער פון אַנאַרכיזם (זע קאַפּיטל 7 II טייל).

דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם האָט, באַ דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט
פון די באַזונדערע פּראַקטישע פּראָגראַמען פון קאָמוניסטישער בויאונג, געהאַט
דעם געמיינשאַפטלעכן שטריך, וואָס די שעפער זיינע האָבן געהאַלטן פאַר מעג-
לעך צו בויען די קאָמוניסטישע אָרדענונג שוין אין די גרעניצן פון דעם קאַ-
פּיטאַליזם, און בויען זי טייקעף. זיי האָט פאַרייניקט די סינע צו רעוואָלוציע,
זיי האָבן ניט געגלויבט אין דער זעלבסטעטיקייט פון די מאַסן. „ווען איך
וואָלט געהאַלטן, — האָט קאַבע געזאָגט, — די רעוואָלוציע אין מיין פויסט, וואָלט
איך אים ניט געעפנט“. די קאָמוניסטן-אוטאָפּיסטן האָבן געלייקנט אין קלאַסן-
קאַמף, אין דער זעלבסטעטיקייט פון די מאַסן. זייער קויעך איז געווען אין
דער קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אָבער די גרעסטע ראָלע
אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע האָבן געשפּילט די סאָציאַליסטן-מלוכע-
אָנהענגער. אונטער סאָציאַליזם האָט מען דאַן פאַרשטאַנען, צום אָפּשיידן פון
דעם קאָמוניזם, אַ פּראָגראַם פון סאָציאַלע רעפאָרמען, ווי אַ רעזולטאַט פון דער
טעטיקייט פון דער מלוכע רעגירונג. דער ראָש פון דער שול איז געווען לואי
בלאַן. זיינע געדאַנקען וועגן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט און „רעכט אַף אַר-
בעט“ זיינען געוואָרן די פאָן פונם אַרבעטער-קלאַס. די הויפּט צאָרע פון דער
קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג האָט לואי בלאַן געזען אין קאָנקורענץ, און האָט
אַרויסגעשטעלט קעגן דעם דעם געדאַנק פון אַסאָציאַציע. דער סאָציאַלער פּראָ-

בלעם דארף זיך אונטערוואַרפן אלץ. א סאָציאלע רעוואָלוציע, דורך דעם מיטל פון א פּאָליטישער, אָט דאָס איז לואי בלאַנס לאָזונג. צוליב דעם ניצאָכן פונם פּרינציפּ פון אסאָציאַציע פאָדערט זיך די גאנצע קראַפט פון מלוכע, ער טרוימט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון א מיניסטעריום פון ארבעט און וועגן באשאַפן א נעץ פון פּראָדוקציע-ארטעלן. פּריוואַטע אונטערנעמונגען וועלן מוזן קאַפּיטולירן פאר די געזעלשאַפטלעכע; זיי וועלן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די לעצטע, און דערמיט גופא וועט אַף א פרידלעכן אויפן באָטל ווערן די אנאַרכיע אין פּראָדוקציע. אָרגאַניזירטע ארבעט וועט פאַרהיטן דעם פּראָלעטאַריאַט פון ארבעטסלאָזיקייט. אָבער וואָס פאַר א מלוכע וועט אָט די מיטלען דורכפירן אין לעבן? לואי בלאַן „וואַרט אַף אן אנטשיידענער אטאַקע ניט מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט אליין, נאָר פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין פאַראייניקונג מיט זיינע באַלעבאַטים". די סאָציאַליסטן זיינען, הייסט עס, געווען סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרן, אָבער ניט קיין רעוואָלוציאָנערן. טיף אָפּגעשיידט פון לואי בלאַנס סיסטעם זיינען געווען די אידייען פון די רעוואָלוציאָנערן-קאָמוניסטן. אין פראַנקרייך גופא האָבן זיי, אייגנטלעך, ניט געהאַט הינטער זיך קיין באַשטימטע גרופּע. צווישן די רעוואָלוציאָנערן איז אָגיוסט בלאַנקי געווען נאָענט צו געוויסע אידייען פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". די רעוואָלוציאָנערן-קאָמוניסטן האָבן געשטרעבט צו רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור. זיי האָבן זיך געהאַלטן נעגאַטיוו צו דער „סאָציאַלער און קאָמוניסטישער בויאונג" פון די אוטאָפּיסטן, אָבער זיי אליין האָבן אויך ניט געהאַט קיין קלאָר אויסגעאַרבעטע פּראָגראַם פון קאָמוניסטישער טאַקטיק. אזוי האָט בלאַנקי אין בילדונג געזען ניט נאָר איינעם פון די הילף-מיטלען, נאָר טאַקע דעם אנטשיידנדיקן מיטל פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש. די הויך פון דער פּראָלעטאַרישער אנטוויקלונג, דאָס וואָס עס איז ניט געווען קיין אויסגעפאָרמירטע אידעאָלאָגיע, בא דער פּאַסיווקייט און דעם קאָנסערוואַטיזם פון די ברייטע פּויערשע מאַסן,— דאָס אלץ, פאַרשטייט זיך, האָט ניט געקענט זיין קיין באָדן פאַרן ניצאָכן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָבער בא דעם אלעמען איז די ארבעטער-באַוועגונג אין פראַנקרייך, אַף דעם באַזיס פון דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם, אלץ מער געוואָרן א פאַקטאָר פון העכסטער וויכטיקייט (זע מאַט. און דאָק. נומער 2).

די געשיכטע פון דער יולי-מאָנאַרכיע איז פול מיטן גערויש פון פּאָליטישע און סאָציאַלע צוזאַמענשטויסן, דערהויפּט אין דעם פּעריאָד פון די 30-ער יאָרן. אין די 40-ער יאָרן האָט זיך די אומצופרידנקייט פאַרקליבן אין דער טיף און אונטער דער קלוימערשטער שטילקייט פון אויבן האָבן געהאַלטן אין צייטיק ווערן די פאָר-האַנאָכעס פון א נייער רעוואָלוציע.

אין 1831 האָט אויסגעבראָכן דער בארימטער ליאָנער אויפשטאַנד. מיר האָבן פאַרצייכנט דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער ליאָנער באַפעלקערונג: אַף 40.000 געזעלן זיינען אויסגעקומען 10.000 מאַיסטערס און 800 קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן עקספּלואַטירט אי די אי יענע. די ארבעטער-באַוועגונג אין ליאָן איז אייגנטלעך געווען א באַוועגונג פונם האַמוין פון די ארבעטער מיט די

מאיסטערס קעגן די באשטעלער. דער שטרייק פון 31-טן יאָר האט זיך אָנגע־הויבן אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס די פאבריקאנטן האבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופילן דעם טאריף, וואס איז נאך פריער איינגעשטעלט געוואָרן בא א קעגנזייטיקער איינפארשטענדעניש. די פאבריקאנטן האבן ארגומענטירט מיטן רעכט פון פרייען אָפּמאך צווישן די ארבעטער און אונטערנעמער, די ארבע־טער האבן ארגומענטירט מיט שרעקלעכער נויט און הונגער. דער פאראט פון די פאבריקאנטן האָט ארויסגערופן אף דער גאס די ארבעטער אונטערן לאָזונג: „לעבן ארבעטנדיק, אָדער שטארבן אין שלאכט". ליאָן איז אריבער אין די הענט פון די ארבעטער. אָבער די פרידלעכע „פשארעסדיקע" פּאָליטיק פון די אָנפירער פונם אויפשטאנד, דאָס ניט פארשטיין די צילן און אויפגאבן פון דער ארבעטער-באוועגונג האָבן מיטגעהאָלפן דעם שנעלן אָרגאניזירן זיך פון דער בורזשואזיע, וואָס האָט מיט דער הילף פון מיליטערישער קראפט פון דער צענטראלער מאכט דערשטיקט דעם אויפשטאנד. עס האָבן ניט געהאָלפן די באזונדערע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען פון די ארבעטער-רעפובליקאנער־צווישן די יאָרן 1831 און 1834 איז פּאָרגעקומען א לאנגזאמע, אָבער אקשאָ־נעסדיקע מאָביליזאציע פון די ארבעטער, וועלכע האָבן געכאָלעמט אָפּצורעכע־נען זיך מיט דער בורזשואזיע און פארבעסערן זייער מאטעריעלע לאגע. אין אט די יאָרן האָט זיך ענדגילטיק אויסגעבילדעט די אָרגאניזאציע, לעכאטכילע פון די מאיסטערס, די געזעלשאַפט פון מיוטיועליזם, קעגנזייטיקער הילף. אין די ערשטע יאָרן איז די געזעלשאפט פון מיוטיועליזם געווען געשטימט זייער פרידלעך. נאָר אינגיכן זיינען אין איר אריינגעדרונגען ארבעטער, זי איז ארונטער־געפאלן אונטערן איינפלוס פון די עקסטרעם-לינקע און דאָס, וואָס מע האָט זי־צעטריבן, האָט געדינט אלס סיגנאל פאר א נייעם אויפשטאנד אין 1834 יאָר. דערדאָזיקער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געוואָרן מיט נאָך א גרעסערער ווילדקייט, ווי דער ערשטער.

עס האט אויסגעוויזן, אַז די הערשאפט פון דער גרויס-בורזשואזיע וועט זיך ציען אייביק, אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאליזם זיינען אַלץ שארפער געוואָרן די סטירעס צווישן דער גאַנצער מאַסע פון דעם בור־זשואזן קלאַס און דער פינאנציעלער אָליגאַרכיע, אַלץ שטאַרקער און שטאר־קער איז געוואָרן דער האס פון די פּראָלעטארישע מאַסן צו דער עקזיסטירנ־דיקער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. אַ פּוילעניש אין דער יולי-מאָנארכיע האָט אַריינגעטראָגן די פארקיפּטקייט פון דעם פּאַרלאמענט און פון די באַ־אַמטע, די שענדלעכע ספּעקוליאַציע און אַזשיאָטאַזש, און אויך דער מלוכע־דעפיציט. די מאַכט אין די הענט פון 240 טויזנט וויילער (די „לעגאלע מעדי־נע") האָט מער ניט געקענט באפרידיקן די אינטערעסן פון די ברייטע מאסן, און אינאיינעם מיטן אינדוסטריעלן קריזיס פון 1847-טן יאָר האט אין לאנד איבערגענייס אויפגעלעבט דער פּאָליטישער קאמף. די איניציאַטיוו אין דעם קאמף פאר דער וואַל-רעפאָרם האט לעכאטכילע גענומען אָף זיך די לי־בעראַל-פּארלאמענטארישע אָפּאָזיציע, זי האָט געמאכט באַנקעטן און האט גע־פּרוווט מיט גוטן ווירקן אָף דער רעגירונג, אינגיכן אָבער האָט די קליין-בור־

זשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט אַריינגעמישט זיך אין קאַמף. די רעפּובליקאַנער־דעמאָקראַטן האָבן באַשלאָסן ברייטער צו מאַכן די גרעניצן פונם קאַמף, זיי האָבן זיך גענומען צו אָרגאַניזירן אַ ברייטע פאָלקס-באַוועגונג אַקעגן דער מאָנאַרכיע. די דעפּוטאַטן ליבעראַלן האָבן אין יאַנוואַר 1847-טן יאָר געוואָלט אָרגאַניזירן אַ באַנקעט אין דעם 12-טן פּאַריזער ראַיאָן, האָט עס די רעגירונג פאַרבאָטן. די ליבעראַלן זיינען געווען גרייט נאָכצוגעבן, אָבער די דעמאָקראַטן, שטיצנדיק זיך אָף די פּראָלעטאַרישע און קליינבירגערלעכע מאַסן פון דער הויפּט-שטאָט, האָבן באַשלאָסן דעם באַנקעט דורכצופירן, ער האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 14=טן פעווראַל, און דעם 22=טן — 23-טן האָבן די צוזאַמענשטויסן פון דער פאָלקס-מאַסע מיטן מיליטער פאַרוואַנדלט דעם פּראָטעסט אין אַ רעוואָלוציע. דעם 24-טן פעווראַל איז פראַנקרייך געוואָרן אַ רעפּובליק. די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן.

די פעווראַל=רעוואַלוציע: 1־טער פעריאָד (פון דעם 24־טן פעווראַל ביזן 4־טן מאַי).

די געשיכטע פון דער פעווראַל-רעוואָלוציע קענען מיר צעטיילן אָף דריי הויפּט-פעריאָדן: פון דעם 24=טן פעווראַל ביזן 4=טן מאַי 1848-טן יאָר,— די עפּאָכע פון דער צייטווייליקער רעגירונג, „ווען די באַשאַפענע רעפּובליק איז געווען אונטערן דרוק פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן פון פאָלק"; דער צווייטער פעריאָד — פון דעם 4=טן מאַי 1848-טן יאָר ביז דעם 29-טן מאַי 1849-טן יאָר, ווען עס האָט זיך פאַרפעסטיקט, נאָך דעם יוני-ניצאָכן איבערן פּראָלעטאַריאַט, די בורזשואַזע רעפּובליק; און, לעסאָף, דער דריטער פעריאָד,— ווען די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק, וואו עס האָבן זיך געריסן צווישנאַנאַנד די מאָנאַרכיסטישע קנופּיעס פון דער בורזשואַזיע, האָט, נאָכדעם ווי עס זיינען אונטערגעדריקט געוואָרן די רעפּובליקאַנער, דעמאָקראַטן און בורזשואַזרעפּובליקאַנער, אָפּגעטראָטן דעם אָרט דער אימפּעריע, נאָך אַ גאַנץ קורצן פעריאָד פון פּרעזידענטישער מאַכט און מיליטערישער דיקטאַטור פון לואי באָנאַפּאַרט.

נאָך דער ערשטער אַטאַקע פונם פאָלק אָף דער מאָנאַרכיע האָט לואי פיליפּ מסכים געווען צו באַשאַפן אַ מיניסטעריום פון דער „דינאַסטישער אָפּאָזיציע" (אָ. באַראַ, טיער), ד. ה. אַ מיניסטעריום פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. די פאָלקס-באַוועגונג האָט אָבער אָראָפּגעריסן אָט דעם פּרואוו איבערצוכאַזערן די מאַיסע יול 30=טן יאָר. דער קעניג האָט אונטערגעשריבן דעם אַקט פון זיין אָפּזאָגן זיך. ער האָט געוואָלט פאַרהיטן די מאָנאַרכיע, איינשטעלנדיק אַ רעגענטשאַפט. אַפילע געוויסע גרופּן בורזשואַזע רעפּובליקאַנער פון דעם „נאַציאָנאַל" זיינען געווען גרייט איינצוגיין אָף אַ רעגענטשאַפט, אָבער די קעמפער פון די באַריקאַדן האָבן צעשטערט אויך אָט דעם פּרואוו. עס איז דערקלערט געוואָרן אַ צייטווייליקע רעגירונג. אייגנטלעך, זיינען געווען צוויי צעטלעך פון אַ צייטווייליקער רעגירונג: איינער, וואָס איז דער-

קלערט געוואָרן אין דעפּוטאַטן-הויז און וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון
אָנהענגער פון דער צייטונג „נאַציאָנאַל", און א צווייטער, וואָס איז ארויס
פון דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „רעפאָרם". אין ראָטהויז זיינען די ביידע
צעטלעך, נאָך לאַנגע סיכסוכים, פאַרייניקט געוואָרן. אין דער צייטווייליקער
רעגירונג זיינען אריין: דיופּאָן, אַראגאָ, לאַמאַרטין, לעדריו-ראָלען, גאַרניע-
פּאַזשע, מאַרי און קרעמיע. דידאָזיקע מיטגלידער פון דער רעגירונג זיינען
ארויסגערופן געוואָרן אויך אין דעם דעפּוטאַטן-הויז. צו זיי האָט מען צוגעגעבן
מ אַ ר ן — אַ פאָרשטייער פון דער צייטונג „נאַציאָנאַל" און פ ל אָ ק אָ נ ע ן פון
דער „רעפאָרם". לעסאָף נאָך לאַנגע רייסעניש, האָט מען צוגעלאָזן אין דער
רעגירונג פאַר סעקרעטאַרן ל ו א י ב ל אַ נ ע ן און אן אַרבעטער, דעם מעכאַ-
ניקער אַ ל ב ע ר. די צייטווייליקע רעגירונג איז אף אזאַ אויפן צונויפגע-
שטעלט געוואָרן פון 3 גרופן: מעסיקע בורזשואזע רעפובליקאַנער, וואָס
האָבן דאָרט געהאַט די מערהייט, 2 סאָציאַליסטן (לואי בלאַן און אַלבער) און
פאָרשטייער פון די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן (לעדריו-ראָלען און פלאָקאָן).
אַזאַ מין צוזאַמענשטעל פון דער רעגירונג איז שוין לעכאַטכילע געווען אויס-
געזעצט צו שטענדיקע וואַקלעניש, ביז וואַנען די בורזשואזיע האָט ניט גע-
קראָגן די מעגלעכקייט פּאָטער צו ווערן פון די פאָרשטייער פונם פראָלעטאַר-
יאַט. דער קאַמף האָט זיך זייער גיך צעפלאַקערט איבער די פראַגן וועגן דער
אָרגאַניזירונג פון א רעפובליק און וועגן איר פאָן. די מעסיקע מיט לאַמאַר-
טינען בעראָש האָבן געוואָלט איבערגעבן דידאָזיקע פראַגע צו באַטראַכטן דער
קאָנסטיטואַנטע (גרינדונגס-פאַרזאַמלונג). דאָס פאָלק אָבער האָט געפאָדערט, עס
זאָל טייקעף דערקלערט ווערן א רעפובליק. סאָפקאָלסאָף איז אָנגענומען גע-
וואָרן אַ גאַנץ נעפלדיקע פאָרמול: „די צייטווייליקע רעגירונג וויל אַ רעפוב-
ליק, אָבער נאָר דאָס פאָלק זאָל עס באַשטעטיקן, און די מיינונג זיינע וועט
מען טייקעף אויספרעגן". דאָך האָט דער ארבעטנדיקער פאַריז, דער פאַריז פון
די באַריקאַדן, ניט גערעכנט זיך מיט אַזאַ אויסטייטשונג פון זיין ניצאָכן. ער
האָט אויסגערופן אַ „דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע רעפובליק". וואָס פאַר אַ
פאָן זאָל זיין דער סימבאָל פון דער רעפובליק? די רויטע פאָן פון דער סאָ-
ציאַלער רעוואָלוציע צי די דריי-פאַרביקע פאָן פון 89-טן יאָר? פאַר דער
רויטער פאָן שטעלן זיך איין די פראָלעטאַריער. לאַמאַרטינען, דעם פאָרשטייער
פון די מעסיקע, גיט זיך איין איינצושמועסן דעם המוין, אז די רויטע פאָן
איז א סימבאָל פון בונט, און די רעפובליק נעמט אָן פאַר איר סימבאָל די
דריי-פאַרביקע פאָן מיט אַ רויטער ראָזעט. דאָס איז געווען דער ערשטער ני-
צאָכן פון די גוט-אָרגאַניזירטע בורזשואַזע גרופּן איבער דער רעוואָלוציאָנע-
רער סטיכיע. ווייטער צעוויקלט זיך דער קאַמף צווישן פאָלק און דער צייט-
ווייליקער רעגירונג פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער רעפובליק און דערי-
קער פאַר איר סאָציאַלן אינהאַלט. „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט"
ווערן דערקלערט פאַרן אַלערהעכסטן געזעץ פון דער רעפובליק. די רעגירונג
איילט צונויפרופן אַ קאָנסטיטואַנטע, אויסגעווילט אַפן יעסאָד פון אַלגעמיי-
נעם וואַל-רעכט. זי שאַפט אָפּ טויט-שטראָף, דאָס געזעץ וועגן אַרעסט פאַר

כויוועס, איז מעוואַטל אַ רײַ שטײַערן (דעם שטייער אַף מאַשקאָעס) א. אז וו. לעדריו-ראָלען, דער מיניסטער פון אינערלעכע איניאַנים, צעשיקט קאָמיסאַרן אין די פּראָווינצן, קעדיי צו פאַרפעסטיקן די רעפּובליק אַף די ערטער. די איינשטעלונג פון אַ רעפּובליק, אַף וויפיל דאָס איז ניט נוי-גייע אייגנטום, ווערט אונטערגעשטיצט פון אַלע גרופּן פון דער רעגירונג. אָבער אין די פראַגן וועגן אייגנטום, וועגן רעכט אַף אַרבעט, וועגן שטייערן-פּאָליטיק, וועגן דער ווייטערדיקער פאַרטיפערונג פון דער רעוואָלוציע אפילע אַפן פּאָליטישן געביט, צעוויקלט זיך אַ קאַמף. די מלוכע נויטיקט זיך אין געלט. פון וואַנען נעמט מען עס? אַן עקסטרע שטייער אַף דער בורזשואַזיע? פאַר קיין פאַל ניט. פאַרוואַנדלען דעם פראַנצויזישן באַנק אין אַ מלוכע-באַנק? איז דאָך עס סויסער די אינטערעסן פון די פינאַנסיסטן. די רעגירונג ווענדט זיך נאָך הילף צום פאָלק. דער אַרבעטער-קלאַס „שענקט אַף דער רעפובליק 3 כאדאָשים אָרימקייט"; די בורזשואזיע אבער פּרוּוווט ניט צע-בייטלען זיך. דאַן באשליסט די רעגירונג איינצושטעלן אַ נייעם שטייער פון 45 סאַנטים אַף די פויערים און דערמיט מאַכט זי די רעפובליק פאַרהאסט בא דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון דער באפעלקערונג אין לאַנד. אונטערן דרוק פון פאָלק דערקלערט זי דאָס רעכט אַף אַרבעט, די אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן. זי וואַרפט אָבער אָפּ די פאָדערונג צו אָרגאַניזירן אַ מיניסטעריום פון ארבעט און באַנוגנט זיך דערמיט, וואָס זי באשאַפט אַ מלו-כישע קאָמיסיע פאַר די אַרבעטנדיקע (די לוקסעמבורגער קאָמיסיע). די רעגי-רונג איילט צונויפרופן די קאנסטיטואַנטע, אין דער האָפענונג אָפצושטעלן די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע. לאַמאַרטין האט שוין אין עטלעכע טעג ארום נאָך דער ארגאַניזאַציע פון דער צייטווייליקער רעגירונג געווענדעט זיך מיט אַ מאַניפעסט צו די פעלקער פון אייראָפּע. ער האָט זיך געפּרוּווט פייערלעך פּראָק-לאַמירן נייע פּרינציפּן פון צווישנפעלקערלעכער פּאָליטיק, דערקלערנדיק, אַז די רעפובליק נויטיקט זיך ניט אין אָנערקענונג. דער מאַניפעסט גייט אָבער ניט ווייטער פון פאַציפיסטישע פראַזן וועגן שאָלעם. און ווי דאָס איז שוין איצטער גאַנץ געטוי קלאָר געמאכט געוואָרן, זוכט לאַמאַרטין, איינצייטיק מיטן פייער-לעכן מאַניפעסט צו די פעלקער פון אייראָפּע, צו דערנעענטערן זיך מיט ני-קאָלאַי דעם I-טן. אזוי האט די רעוואָלוציאָנערע פראַזע פון דער רעגירונג געדאַרפט אַף אַלע געביטן פאַרדעקן די פאַקטישע פעלשונג אין דער רעוואָ-לוציע.

„דאָס רעכט אַף אַרבעט" און „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט" האָבן געקראָגן אַ קלוימערשטע פאַרווירקלעכונג אין די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן און דער לוקסעמבורגער קאָמיסיע (זע מאַט. און דאָק. נומער 4). אָבער די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן זיינען געווען אַ צדאָקע-אַנשטאַלט, און די לוקסעמבורגער קאָ-מיסיע האָט געהאַט צו באַטראַכטן און אויסצואַרבעטן פּראָיעקטן וועגן דער ארבעטער-פראַגע, וואָס זיינען שוין לעכאַטכילע געווען פאַרמישפּעט אַף אַ דורכפאַל. „דעם פאָרשטייער פון די אַרבעטער, — שרייבט מאַרקס, — האָט מען פאַרטריבן פון צו זיצן אין דער צייטווייליקער רעגירונג; דער בורזשואַזער

טייל אירער האָט אַריינגענומען אין די אייגענע הענט די ווירקלעכע מלוכע-מאַכט, און בישכיינעס מיט די מיניסטעריומס פון פינאַנסן, האַנדל, געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, נעבן דעם באַנק און דער בירזשע איז באַשאַפן געוואָרן אַ סאָציאַליסטישער בעסמעדרעש"...

די לוקסעמבורגער קאָמיסיע איז באַשאַפן געוואָרן פון פאָרשטייער פון די אַרבעטער-קאָרפּאָראַציעס. זי האָט אויך געדאַרפט זיין אַ פאַרמיטלערין בא קאָנפליקטן צווישן די באַלעבאַטים מיט די אַרבעטער. שפּעטער איז די לוקסעמבורגער קאָמיסיע צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן פּראָדוקציאָנס-אַסאָציאַציעס. בעראָש פון דער קאָמיסיע זיינען געשטאַנען לואי בלאַן און אלבער. אין פּאָליטישן זינען איז די לוקסעמבורגער קאָמיסיע געווען געשטימט גאַנץ פרידלעך, און אין די וייטערדיקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן איז זי אָפט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאָלק. אָבער אונטערן דרוק פון דער לוקסעמבורגער קאָמיסיע זיינען דורכגעפירט געוואָרן געוויסע געזעצן אויך לעטויוועס די אַרבעטער. אַזוי, האָט מען אַרויסגעגעבן דאָס געזעץ וועגן אַ 10-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג. אבער די הויפּט-באַדייטונג אירע איז, „וואָס פון דער הויך פון אַן אייראָפּעאישער טריבונע האָט זי אויפגעדעקט דעם סאָד פון דער רעוואָלוציע אין 19-טן יארהונדערט—די באַפרייאונג פונם פּראָלעטאַריאַט" (זע מאט און דאָק. נומער 4).

אין צענטער פון אויפמערקזאַמקייט אין פראַנקרייך האָט זיך זינט דעם כוידעש מאַרט 1848 יאָר געשטעלט די פראַגע וועגן דעם טערמין אף ווען צונויפרופן די קאָנסטיטואַנטע. דער רעוואָלוציאָנערער פּאַריז האָט געשטרעבט צו דיקטאַטור, און די נאציאָנאלע פאַרזאַמלונג צונויפרופן ערשט נאָכדעם, ווי עס וועט פאַרפעסטיקט ווערן די רעפּובליק און אירע סאָציאַלע דערוועָרבונגען. קעדיי צו דערשלאָגן זיך אָפּצולייגן די וואַלן אין דער קאָנסטיטואַנטע, האָט מען געדאַרפט אַרויסטרייבן פון דער רעגירונג די מעסיקע מיטגלידער אירע. אַזעלכע פּרואוון זיינען געמאַכט געוואָרן דעם 17 מאַרט און 16 אַפּרעל, אָבער ביידע מאָל ניט געלונגען. די פּאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מאַפּאָלע פון דעם פאָלק פאַלט אף די דעמאָקראטן און סאָציאַליסטן אין דער רעגירונג, וואס ניט נאָר זיי האָבן ניט אָנגעפירט מיטן פאָלק, האָבן זיי נאָך געפעלשט אין אים אין דעם סאַמע געפערלעכן מאָמענט. אַזוי האָט דעם 17-טן מאַרט לואי בלאַן און דעם 16-טן אפּרעל לעדריו-ראָלען מיטגעהאָלפן דעם ניצאָכן פון דער רעגירונג איבער די פאָלקס-דעמאָנסטראַציעס. די פּרואוון פון אָגיוסט בלאַנקי צו ווירקן קעגן אָט דעם צעשטערנדיקן איינפלוס האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט. דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק פון פאַריז האָט געפעלט אָרגאַניזאַציע, קלאָרער באַוואוסטזיין וועגן די צילן פון דעם קאַמף. אבער שוין נאָך דעם 16-טן אפּרעל איז די בורזשואַזיע געוואָרן האָפערדיק. קוילעס „אַראָפּ די קאָמוניסטן" האָבן זיך געטראָגן איבער פאַריז. אין לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע קויכעס („פאַרטייען פון אָרדענונג"), דערווייל אבער זיינען נאָך קעגן זיי געשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס-קלובן. בלאַנקיס

קלוב (דער צענטראלער רעפּובליקאַנישער קלוב) און אנדערע זיינען געווען צענטרען פאר דער רעוואָלוציאָנערער מאָביליזאציע פון די מאָסן (זע מאָס. און דאָק. נומער 7).

די רעגירונג האָט געמאָלדן, אז די קאָנסטיטואנטע ווערט צונויפגערופן. אין איר אויפרוף האָט זי געשריבן: „דאָס רעכט צו וויילן איז געוואָרן א רעכט פון אלעמען אָן אויסנאַם. זינט דעמדאָזיקן געזעץ איז קיין פּראָלעטאריער מער אין פראנקרייך ניט פאַראַן". אזעלכע אילוזיעס זיינען געווען אַ באַווייז אף דער נאַיווקייט און בלינדקייט פון איינע מיטגלידער פון דער רעגירונג און אף דער בייזוויליקער אָפּנאַרעריי פון די מאכן מיצאַד די אַנדערע. אין לאַנד האט זיך צעוויקלט אַ וואַל-קאַמף. און אין דער צייט וואָס לעדריו-ראָלענס צירקוליארן צו די קאָמיסארן, וואָס האָבן געפאדערט ארויסצואווייזן אַ דרוק אף די וואלן און ווענדן זיי אין די אינטערעסן פון דער רעפּובליק, האָבן באַגעגנט א סינע מיצאַד דער בורזשואַזיע אף די ערטער, האבן די מאָנארכיסטן און קלעריקאלן, אונטער דער מאַסקע פון איבערגעגעבנקייט דער רעפּובליק, געסאָן בעפּיירעש אלץ, אבי נאָר אַריינצושפּאַרן אין דער רעוואלוציאָנערער הויפּט-שטאָט א קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע קאָנסטיטואַנטע. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער פעריאָד פון דער רעוואָלוציע. פאַקטיש האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן נאָר די בורזשואַזי-דעמאָקראַטישע רעפאָרמען. די רעפּובליק איז אבער אַרויס מיט אַ שטעמפּל פון די סאָציאַלע פאָדערונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. „די פעווראַל-רעוואָלוציע, האָט זיך געדוכט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אָן דער בורזשואַזיע און קעגן איר. די נידעריקע שיכטן פון פאָלק, דער קלאַס לוין-ארבעטער, איז געוואָרן דער הערשער פון פאַריז", אַזוי האָט געשריבן אין זיינע זיכרוינעס דער היסטאָריקער טאָקוויל. אַזוי האָט זיך עס אָבער נאָר געדוכט. דער קויעך פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז געווען נ ע ב ן דער בורזשואַזיע, די מאַכט אירע איז נאָך ניט געווען געבראָכן (זע מאָס. און דאָק. נומער 6).

דער 2־טער פעריאָד (פון דעם 4־טן מאַי 1848 יאָר ביז 29־טן מאַי 1849 יאָר).

די קאָנסטיטואַנטע איז אויסגעוויילט געוואָרן אָפן יעסאָד פון א דעמאָקראַטישן וואַל-געזעץ. די מערהייט אין איר האָבן געהאַט די מעסיקע רעפּובליקאַנער. ס'זיינען געווען אין דער פאַרזאַמלונג אויך אַסאַך מאָנאַרכיסטן (130—150 מענטשן), וואָס האָבן זיך ביז וואַנען וואָס אַרויסגעשטעלט קלוי־מערשט פאַר רעפּובליקאַנער. די גרעסטע מאַפּאָלע האָבן געקראָגן די ראדיקאַלן און סאָציאַליכטן: „די ראַדיקאַלן זיינען געשלאָגן געוואָרן, די סאָציאַליסטן צעדריקט". זיי זיינען אויסגעוויילט געוואָרן נאָר אין עטלעכע גרויסע שטעט פון פראַנקרייך. דער רעזולטאַט פון די וואַלן האָט באַדייט, אַז די בורזשואַזיע האָט גיוויער געווען דעם פּראָלעטאַריאַט, די פּראָווינץ — פּאַריז, די דאָרפישע באַפעלקערונג — די שטאָטישע. די „פּאַרטיי פון אָרדענונג" האָט אויפגעהויבן

דעם קאָפּ. שוין די ערשטע שריט פון דער פאַרזאַמלונג האָבן אַרויסגעבראַכט איר קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן טאָך. אין דער ניי-אויסגעוויילטער עקזעקוטיוו-קאָמיסיע האָט מען די סאָציאַליסטן ניט אריינגענומען. אַזוי האָט מען אַף אַ לעגאַלן אופן געוואָלט פּאָטער ווערן פון די דערוואַרבונגען פון דער רעוואָלוציע. די פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעוואָרפן דעם פּאָרשלאָג פון לואי בלאַן וועגן אָרגאַניזירן אַ מיניסטעריום פון אַרבעט. די רויטע ראָזעט אַפן דריי-פאַרביקן פאָן פון דער רעפובליק איז פאַרשוווּנדן.

אינגיכן האָט די פאַרזאַמלונג געדאַרפט פעסטשטעלן איר באַציאונג צו דער „דעקלאַראַציע פון דער צייטווייליקער רעגירונג" און דער צווישנפעלקערלעכער פּאָליטיק פון דער רעוואָלוציע. לאַמאַרטין האָט צוגעזאָגט פראַנקרייכס שטיצע אַלע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט. פוילן איז אויסגעגאַנגען אין בלוט נאָך אַ ניט געלונגענעם אויפשטאַנד. מע האָט איר געמוזט העלפן ניט נאָר מיט ווערטער אַליין. מע האָט זיך געדאַרפט אַנטשליסן אין פאַל פון אַ נויט אַף א רעוואָלוציאָנערער מילכאָמע. „אָבער מילכאָמע איז אַ געלעגנהייט פאַר עקסטרעמע מיטלען. ווער ווייס, צי וועט זי ניט אַרויסברענגען אַ נייעם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, צי וועט זי ניט זיין אַ מיטל צו דורכצופירן אין פראַנקרייך און אַנדערע ערטער א גרויסע איבערקערעניש, פון וואַנען עס וועט אַרויס אַ באַנייטע געזעלשאַפט?" דערביי לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז לאַמאַרטין האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון ניקאָלאַי דעם 1-טן. אַזוי האָט זיך אויסגעמאָלט דער צוזאַמענבונד צווישן דער פאַרטיידיקונג פון פוילן און די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע אינעווייניק אין לאַנד. דעם 15-טן מאַי האָבן די פאַריזער האָרעפּאַשניקעס געפאָדערט, מע זאָל געבן הילף און איינשטעלן זיך פאַר פוילן. דער 15-טער מאַי איז דערמיט געווען אויך אַ פאָרזעצונג פון דעם 17-טן מאַרט און 16-טן אַפּרעל. אַקעגן דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורכן אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, איז אַרויסגעטראָטן דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק. אָבער אויך דעם 15-טן מאַי האָט אויסגעפעלט אָנפירערשאַפט און עס איז געווען ניט גענוג קלאָרקייט אין די צוועקן פון דער באַוועגונג, און דאָס זיינען געווען די סיבעס פון א נייער מאַפּאָלע. שוין אין דעם גאַנג גופע פון די געשעענישן האָט זיך בלאַנקי באַנוצט מיט דער באַוועגונג, קעדיי אויסצורופן די פאָדערונג פון פארניכטן אָרימקייט און אָרגאַניזירן די אַרבעט. אין די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט אַפן פאַל פון אַ ניצאָכן, האָט מען געזאָלט מעלדן וועגן א נייער צייטווייליקער רעגירונג פון סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן-דעמאָקראַטן. מע האָט גערעכנט קוידעמקאָל זאָרגן וועגן דער סאָציאַלער נויט פון די מאַסן. דעם 15-טן מאַי, נאָכדעם ווי דאָס פאָלק האָט זיך אריינגעריסן אין פארלאַמענט, האָט איינער פון די רעוואָלוציאָנערן (גיובנער) אויסגערופן: „אין דעם נאָמען פון פאָלק, וואָס איז אָפּגענאַרט געוואָרן דורך זיינע פאָרשטייער, ווערט די פאַרזאַמלונג פאַנאַנדערגעלאָזן". דערדאָזיקער פּרואוו האָט זיך אָבער געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער גוט-אָרגאַניזירטער בורזשואזער נאַציאָנאַלער

גוואַרדיע. לואי בלאַן מיט די אַרבעטער-קאָרפּאָראַציעס, וואָס גייען נאָך אים, האָבן די באַוועגונג ניט אונטערגעהאַלטן. די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן זיינען געווען פיינטלעך צו איר. די רעפּובליקאַנער האָבן אין איר געזען אַ פאַרמעסטן זיך אַף דער הייליקייט פון דער קאָנסטיטוציע. דער 15-טער מאַי האָט דעריבער נאָר פאַרשטאַרקט די רעאַקציע. אָגיוסט בלאַנקי און באַרבעסן האָט מען אַריינגעזעצט. „די רעפּובליק איז אַוועק נאָך אַף אַ גראַד באַרג-אַראָפּ. די דריי-פאַרביקע רעפּובליקאַנער האָבן אָנגעהויבן אויסזעען צו געוואַגט. די ראָיאַליסטן זיינען געוואָרן באַ זיך האַפערדיק". דער גאַנצער האַס פון דער בורזשואַזיע האָט זיך איצטער אַ קער געטאָן קעגן די רויטע, קעגן די סאָציאַליסטן. אָבער נאָכדעם, ווי לואי בלאַן און אַלבער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דער רעגירונג, נאָך דער ליקווידאַציע פון דער לוקסעמבורגער קאָמיסיע, נאָך דער אַנטשיידענער מאַפּאָלע דעם 15-טן מאַי, וואו זשע זיינען געווען די אַרבעטער? „די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן—אָט וואו דער סאָציאַליזם איז", האָט געענטפערט די בורזשואַזיע. די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן זיינען באַשאַפן געוואָרן ווי אַ צדאָקע-אַנשטאַלט פאַר די אַרבעטסלאָזיקע. פּאַריז איז געווען פול מיט זיי. אַלע זיינע 325 צווייגן פון פּראָדוקציע האָבן געליטן אַ שרעקלעכן קראַך. באַלמעלאָכעס, ניט רעכענענדיק די 7.653 נעפּאַשעס אָן אַ פּראָפעסיע, האָבן אָנגעפילט די רייען פון די אַרבעטסלאָזיקע און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן (זע מאַט. און דאָק. נומער 8). אָבער דידאָזיקע וואַרשטאַטן זיינען געווען גאָר ניט די אַסאָציאַציעס פון לואי בלאַן שוין דערפאַר כאָטש, וואָס די אַרבעטער זיינען דאָרט ניט געווען אָרגאַניזירט לויט די פּראָפעסיעס נאָך. פון זיי האָט מען פאָרמירט בריגאַדעס, און פּאָליטיש האָבן זיי געראַרפט דינען ווי אַן אָנהאַלט און אַ געצייג אין די הענט פון דער מעסיקער פּאַרטיי. די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן האָט מען גערעכנט אויסנוצן אין קאַמף מיט דער לוקסעמבורגער קאָמיסיע, מיטן רעוואָלוציאָנערן פּאָלק פון פּאַריז. אין מאַי האָט די צאָל פון די אַרבעטער דערגרייכט ביז 100.000. די רעגירונג האָט פאַר דערדאָזיקער מאַסע ניט געהאַט די נויטיקע אַרבעט, זי האָט עס אויך ניט געזוכט. די מאַסע איז, וואָס אינגיכן, אַזוי ווי דער קריזיס איז שוואַכער געוואָרן, האָט זיך פון אַלע זייטן אויפגעהויבן אַ כוואַליע פּראָטעסטן פון די אונטערנעמער. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז „די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן האַלטן אויס די אַרבעטער אַפן כעשבן פון דער מלוכע און דערמיט שטיצן זיי די שטרייקן". צוויי גרויסע פאַבריקאַנטן האָבן אָנגעוויזן אַף די שפּאַלירניקעס, שלאָסערס, היטלמאַכערס און שניידערס, וואָס האָבן אַלץ געשטרייקט אַדאַנק דער שטיצע, וואָס זיי האָבן געקראָגן אין דער פאָרם פון טעגלעכע סכירעס אין די וואַרשטאַטן. דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג און די נויטווענדיקייט צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די שטרייקערס, דאָס זיינען די הויפּט-סיבעס, וואָס מע האָט פאַנאַנדערגעלאָזן די וואַרשטאַטן. פאַר דער בורזשואַזיע איז געווען וויכטיק צו מאַכן אַ סאָף מיט דער אילוזיע פון אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט. עס איז וויכטיק געווען צו פּראָוואָצירן די אַרבעטער אַף אַן אויפשטאַנד, קעדיי איינמאָל פאַר

אַלעמאָל אָפּצורעכענען זיך מיטן שאָטן פון קאָמוניזם. האָט מען באַשלאָסן אָפּצורעכענען מאַסנווייז די אַרבעטער פון שיקן זיי אַף אַרבעט אין פּראָווינץ אָדער צווינגען זיי צו פאַרשרייבן זיך אין דער אַרמיי. דעם 21=טן יוני האָט מען געפּרואווט דורכצופירן אין לעבן דעמדאָזיקן באַשלוס. דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. אַזוי האָט אים די רעגירונג באַוואוסטזיניק אַרויסגערופן, און געווען איז עס אן אקט פון זעלבסטשוץ מיצאַד די אַרבעטער. דער העלדישער קאַמף האָט זיך געצויגן ביז דעם 27-טן יוני. „ברויט אָדער בליי“, „בליי אָדער אַרבעט“ האָבן געפאָדערט די אַרבעטער. דער אויפשטאַנד אין יוני 1848 האָט געהאַט אַסאַך אַלגעמיינעס מיטן ליאָנער בונט פון 31-טן יאָר. ווער האָט זיך אין אים באַטייליקט? פון אָנהויב אויסשליסלעך די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן. ערשט נאָכדעם האָבן זיך אָן זיי אָנגעשלאָסן די אַרבעטער-קאָרפּאָראַציעס און, לעסאָף, די פאָרשטאָט סענט=אַנטואַן, וואָס איז געוואָרן די ציטאַדעל פון דעם אויפשטאַנד. שוין גאָר צום סאָף פון דעם אויפשטאַנד האָבן אים אונטערגעהאַלטן באַזונדערע גרופּן סאָציאַליסטן פון פּאַריז. די מאַסן האָבן ניט געהאַט ניט קיין פירער, ניט קיין אָרגאַניזאַציע. אַנטקעגן זיי איז געשטאַנען דער גוט אָרגאַניזירטער פאַרבאַנד פון דער אייגנטימערשער פראַנקרייך. די פּויערים זיינען געווען פיינטלעך צו די אַרבעטער, וואָרום זיי האָבן געמיינט, אַז אַף אויסצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן גייען די 45 סאַנטים. „די פּראָווינץ פון פראַנקרייך האָט געהאַסט די אַרבעטער פון פּאַריז, ווייל זי האָט אין זיי געזען די שולדיקע אין דעם קורבן“. די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער האָבן אַף זיך גענומען אָנצופירן מיט דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד. קעגן דעם אויפשטאַנד זיינען אַרויסגעטראָטן אויך די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן (לעדריו-ראָלען); ענדלעך, די באַוואָפנטע מאַכט פון די טאָליאָנים פונם פאָלק איז באַשאַפן געוואָרן פון די פּאַריזער לומפּן=פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, פון זיין אַרבעטער=יוגנט. די אַזוי גערופענע באַוועגלעכע גוואַרדיע איז געווען אַ שרעקלעכע קראַפט אין די הענט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן. האָט דער אויפשטאַנד געהאַט עפּעס אַ פּראָגראַם? דער אויפרוף פון דער פאָרשטאָט סענט-אַנטואַן רעדט וועגן „פּאַרטיידיקן אייגנטום“ און ערשט גאָר צום סאָף פון דעם אויפרוף „מאָלט זיך אויס, אַלס זיין צוועק, די דעמאָקראַטישע סאָציאַלע רעפּובליק“. דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דעם שלאַכט אין יוני, דאָס, וואָס עס האָט געפעלט די נויטיקע אָרגאַניזאַציע פון די מאַסן, די פאַרטיידיקונגס=טאַקטיק פון די באַריקאַדן —דאָס אלץ האָט באַשלאָסן דעם גוירל פון די ארבעטער. 50.000 געהאַרגעטע און נאָך 25.000 אַרעסטירטע—דאָס איז דער סאַכאַקל פון דעם בורזשואַזן ניצאָכן.

מיט דער מאַפּאָלע פון דעם פּראָלעטאַריאַט ענדיקט זיך, אייגנטלעך, די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע פון 48=טן יאָר. ווייטער ווערט זי ביסלעכווייז איינגעלאָשן. דעם 24-טן יוני איז באָטל געוואָרן די עקזעקוטיווע קאָמיסיע און עס איז דערקלערט געוואָרן די דיקטאַטור פון דעם גענעראַל קאַוועניאַק. אויב דעם 4-טן מאַי האָט מען פון דער רעגירונג פאַרטריבן די ארבעטער, האָט מען זיך איצטער אָפּגערעכנט מיט אַלע דעמאָקראַטן, מיטגלידער פון דער רע-

גירונג. עס האט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון בורזשואזער רעפּובליק. די פאַרזאמלונג האָט דערקלערט מילכאָמע דעם סאָציאַליזם. עס האט זיך אָנגעהויבן א פאַרפאָלגונגס-מאַרש קעגן די קלובן, מע האט אַראָפּגענומען פון באַהאַנדלונג אלע סאָציאלע געזעצפּראָיעקטן, אָפּגעשאַפט דעם 10-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג. די רעוואלוציע. וואס ביז יוני איז זי געגאַנגען באַרג-אַרויף, אויפדעקנדיק פאַר די ארבעטנדיקע אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן, האָט זיך איצטער גענומען קייקלען באַרג-אַראָפּ: די נאָענסטע צוקונפט האָט געהערט דער בורזשואַזיע.

די בורזשואזע פאַרזאמלונג האָט אויסגעאַרבעט א קאָנסטיטוציע. געוואָטירט האט מען זי אונטער דער אָנשרעקונג מיט א באַלאגערונגס-צושטאַנד. די דאָזיקע קאנסטיטוציע האט זיך אָפּגעזאָגט פון אלע „סאָציאלע אוטאָפּיעס“. עס איז פאַרשוואונדן דאס „רעכט אַף ארבעט“. די קאָנסטיטוציע האט אפילע איינגעשטעלט אלגעמיינע וואַל-רעכט, ברייטע פרייהייטן, זי האט זיי אָבער אַזוי פאָרמולירט, אַז עס זאָל שטענדיק זיין אַ מעגלעכקייט באָטל צו מאַכן זיי, קעדיי צו פאַרהיטן דאָס אייגנטום. די קאָנסטיטוציע איז געוואָרן „איינע פון די וויכטיקסטע פעסטונגען פון דעם בורזשואַזן קלאַס“: דער פּרעזידענט האט געקראָגן די רעכטן פון א מאָנאַרך. ער האָט געדארפט אויסגעוויילט ווערן דירעקט דורכן פאָלק און נאָר אַף 4 יאָר. דערמיט גופע האָט די קאָנסטיטוציע געמאַכט פאַר געזעצלעך אַ שטענדיקן קאָנפליקט צווישן דער געזעצגעבנדיקער און עקזעקוטיווער מאַכט. דעם 10-טן דעקאַבר 1848 יאָר איז אין פראַנקרייך אויסגעקליבן געוואָרן פאַר א פּרעזידענט לואי נאַפּאָלעאָן, א פּלימעניק פון נאַפּאָלעאָן דעם 1-טן. ער האט געדאַרפט העלפן דער בורזשואַזיע צו פאַרענדיקן די אונטערדריקונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט. ער האט אָבער אָפּגעשטויסן פון דער מאַכט די בורזשואזיע גופע. דער אויסוואל פון נאַפּאָלעאָנען פאַר א פּרעזידענט איז געווען אַ רעוואָלוציע פון דעם פּויערטום קעגן דער רעפּובליק. נאַפּאָלעאָן איז אָבער געווען א קאַנדידאַט ניט נאָר פון די פּויערים. ער האט מאַפּטיעך געווען צו „באַשירעמען די רעליגיע“, די פאַמיליע און אייגנטום — פאַר דער „פּאַרטיי פון אָרדענונג“; פרייהייט צו קנעלן און אויך איינצושטעלן זיך פאַרן אַוטאָריטעט פון דעם פּויפּסטס טראָן — די קאַטאָליקן; אָפּצושטעלן די פאַרשיקונגען, פאַרקלענערן די שטייערן, גרינדן באַזאָרגונגס-אַנשטאַלטן פאַר אלטע לייט — די זרבעטער; באַזאָרגן די געוועזענע מיליטער-לייט — דער ארמיי; ענדלעך, די פּויערים — באָטל צו מאַכן דעם שטייער אַף זאַלץ און, דעריקער, שאָלעם, לאַנגיאָריקן שאָלעם... די פּויערים האָבן אויסגעקליבן נאַפּאָלעאָנען, ווי א פּראָטעסט קעגן דער בורזשואַזער „רעפּובליק פון די 45 סאַנטים“. דער פּרעזידענט לואי נאַפּאָלעאָן האט געדאַרפט פאַרזיכערן די שטאַנדהאַפטיקייט פון דער רעפּובליק, ווי פון אזא געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואס זאָל די פּאָליטישע מאַכט אָפּגעבן דעם גאַנצן בורזשואַזן קלאַס און זאָל שאָלעם מאַכן צווישן די באַזונדערע בורזשואַזע פראַקציעס, גאַראַנטירנדיק זיי אונטערצודריקן דעם רויטן שאָטן.

האָבנדיק אויסגעאַרבעט די קאָנסטיטוציע, אויסגעקליבן א פּרעזידענט,

געמאכט א סאָף מיט די סאָציאַלע פּאָדערונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. האָט די קאָנסטיטואַנטע פאַרזאַמלונג איר ארבעט. די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער האָבן אָבער געוואָלט ניט נאָר גרינדן א רעפּובליק, זיי האָבן געוואָלט אויך זיין די געזעצגעבער אירע. פון דאַנען נעמען זיך די קאָנפליקטן צווישן די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער אין פאַרזאַמלונג, וואָס זיינען געווען די אידעאָלאָגן פון דעם בורזשואַזן קלאַס און דער גאַנצער מאַסע פון דער בורזשואַזיע אין לאַנד, וואָס האָט געוואָלט מאַכן א סאָף מיט אַלץ, וואָס דערמאָנט אָן רעוואָלוציע, און האָט קיידעקאָל געשטרעבט אָפּצושטעלן די אַלע געזעלשאַפטלעכע איבערבויאונגען: איבערגעבן די ריכטונג פון דער רעפּובליק אין קאָנסערוואַטיווע הענט. אין יאַנוואַר 1849 יאָר איז באַשלאָסן געוואָרן פאַנאַנדערצולאָזן די קאָנסטיטואַנטע. דאָס האָט באַדייט א ניצאָכן ניט נאָר פון דעם בורזשואַזן קלאַס איבער זיינע אידעאָלאָגן, נאָר אויך דעם ניצאָכן פון לואי נאַפּאָלעאָן איבער דעם בורזשואַזן קלאַס. דעם 29-טן מאַי 1849 יאָר האָט זיך געעפנט די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג. די רעוואָלוציע איז אריין אין איר דריטן און לעצטן פעריאָד.

דער 3-טער פעריאָד (פון דעם 29-טן מאַי 1849 יאָר ביז דעם 2-טן דעקאַבר 1851 יאָר).

די וואַלן אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג זיינען געגאַנגען, דערי-קער, אונטערן לאָזונג פון קאַמף מיטן קאָמוניזם. די מערהייט פּויערים האָט געהאַלטן דעם קאָמוניזם עפּעס פאַר א שרעקלעכן מאָנסטר, אָבער אַנדערע גרופּן פּויערים האָבן שוין פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער רעפּובליק פון דער בורזשואַזיע. די לעצטע האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף די פּויערים, אי אויף די קליין-אייגנטימער נאָכן יוני 1848-טן יאָר. ווידער איז איינגעפירט געוואָרן א שטייער אויף מאַשקאָעס, מע האָט זיך פאַרמאָסטן אויף די געלט פון די קליין-בורזשואַ אין די שפּאָר-קאַסעס. אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז אויף 700 דעפּוטאַטן געווען 450 מאָנאַרכיסטן, 160 דעמאָקראַטן-סאָציאַליסטן און 75 מעסיקע רעפּובליקאַנער. דער קאַמף האָט זיך איצטער געזאָלט צעוויקלען צווישן די מאָנאַרכיסטישע פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע און די רעפּובליקאַנער דעמאָקראַטן. נאָך די יוני-טעג איז פאָרגעקומען א דערנעענטערונג צווישן די דעמאָקראַטן און די סאָציאַליסטן. זיי האָבן געשאַפן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. זייער פּאַרלאַמענטישע פאָרשטייערשאַפט איז געווען די באַרג. די באַרג האָט אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד דעם 13-טן יוני 49-טן יאָר. לאַ-מאַרטין האָט צוגעזאָגט שטיצע די פּעלקער, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט. דער 15-טער מאַי האָט אויפגעדעקט, אז די בורזשואַזיע וויל ניט גיין ווייטער פון ווערטער-דעקלאַמאַציעס אין דערדאָזיקער פראַגע. נאָך די יוני-טעג האָט דער דיקטאַטאָר קאַווניאַק זוכנדיק די שטיצע פון די קאַטוילישע געשטימטע פּויערים, באַשלאָסן ארויסצוהעלפן דעם רוימישן פּויפּסט אַקעגן די רעפּובליקאַנער פון איטאַליע. דער פּרעזידענט לואי נאַפּאָלעאָן האָט אוועקגעשיקט אָן עקספּע-

דיציע בעראָש מיטן גענעראַל אודינאָ קיין איטאַליע צו קעמפן מיט דער רע-
וואָלוציע. דער גענעראַל אודינאָ האט געבאָמבאַרדירט דעם רעפּובליקאַנישן
רוים. די באַרג האט אין דעמדאָזיקן גוואַלט-אַקט איינגעזען א פאַרשוועכונג
פון דער קאָנסטיטוציע. דעם 13-טן יוני האט דאס פאָלק פון פּאַריז געזאָלט
אויפשטיין צו פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע, אבער די פּראָלעטאַריער פון פּאַ-
ריז, נאָכדעם ווי זיי זיינען אין יוני 48-טן יאָר צעדריקט געוואָרן מיט דער
הילף פון די דעמאָקראַטן, האבן איצטער ניט געקענט גיוווער זיין דעם גוט
אָרגאַניזירטן סוינע. דער 13-טער יוני האט זיך געענדיקט מיט א פולשטענדי-
קער מאַפּאָלע פון דער קליין-בורזשואזיע. איצטער האט זיך אָנגעהויבן א קאַמף
אינעווייניק אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג צווישן די מאָנאַרכיסטישע
קנופּעס פון דער בורזשואזיע. די לעגיטימיסטן האָבן פאַרגעשטעלט די אינ-
טערעסן פון גרויס-אייגנטום, די אָרלעאַניסטן — דעם גרויס-האַנדל און אינ-
דוסטריע. ביידע פראַקציעס האבן אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק גע-
זעען א פּאָליטישע פאָרם, וואס פאַרטיידיקט די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן
פון פראַנקרייך אינגאַנצן גענומען. ביסלעכווייז האט די פינאַנץ-בורזשואזיע
אָנגעהויבן ווידער אַריינצונעמען די מאַכט אין אירע הענט. די רעאַקציע איז
געוואָרן שטאַרקער. זי האָט אָנגעהויבן ווערן די געזעצגעבערין. די פאָלקס-
בילדונג האָט מען איבערגעגעבן אין די הענט פון די קלעריקאַלן (פּאַלוס גע-
זעץ). מע האט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג איינצופירן פרייהייט פון האַנדל:
מע האט איבערגעלאָזט די פּראָטעקציאָניסטישע סיסטעם. ווייסער טעראָר האט
געהערשט אין לאַנד. די טורמעס און פאַרשיקונגס-ערטער זיינען געווען אי-
בערגעפולט. נאָר די מאָנאַרכיסטן — די „רעפּובליקאַנער" פון דער געזעצגעבע-
רישער פאַרזאַמלונג האָבן גאָרניט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אָפּהיטן די
קאָנסטיטוציע פון 48-טן יאָר. דעם 31-טן מאַי 1850-טן יאָר האט די פּאַרלאַ-
מענטישע בורזשואזיע אָפּגעשאַפט דאס אלגעמיינע וואַלרעכט. די רעאַקציע
האָט זיך אַרויסגעוואָרפן אויך אָף די פויערשע מאַסן, אף דער קליין-בורזשו-
אזיע. אפילו די רעפּובליקאַנער פון „נאַציאָנאַל" זיינען איצטער געוואָרן א
רעוואָלוציאָנערע גרופּע. עס זיינען שוין געווען נאָענט די וואַלן פון 1852 יאָר,
ווען דאָס פאָלק האט ווידער געדאַרפט קלייבן א פּרעזידענט. פאַר דער בור-
זשואזער אָליגאַרכיע איז נויטיק געווען צו פאַרענדיקן ביז יענער צייט די אי-
בערקערעניש צווישן די פאָלקס-מאַסן זיינען שטאַרקער געוואָרן די רעוואָלו-
ציאָנערע אידייען. דער פּרעזידענט נאַפּאָלעאָן, אָט דער העלד פון דער „געזעל-
שאַפט פון 10-טן דעקאַבער", האָט געהאַט הינטער זיך די אויסוואורפן פון אלע
קלאַסן און, שטאַרק דורך דער סינע און אומצופרי, וואס האט געהערשט
צווישן זיי, האָט ער געוואָלט אויסנוצן די פּאַסיקע פּאָליטישע סיטואַציע,
כדי צו פאַרשטאַרקן זיין אייגענע מאַכט. מע האָט געדאַרפט צוויילן מיטן
פינאַל.

קוידעמקאָל מיכט דער פּרעזידענט באָטל דאָס פּאַרלאַמענטאַרישע מי-
ניסטעריום און באשאַפט אַן אייגענעם „מיניסטעריום פון אָנגעשטעלטע". דעם
12-טן מאַי 1851 יאָר נעמט ער אַריין צו זיך אין די הענט די אַרמיי. די פּאַר-

זאַמלונג זוכט שטיצע קעגן די אוזורפּאַטאָרישע פּרואוון פון דעם פּרעזידענט
באַ די רעשטלעך פון דער באַרג. דערדאָזיקער פאַרבאַנד האָט אָבער לאַנג
ניט אָנגעהאַלטן און האָט ניט געקענט אָנהאַלטן און, נאָך די ערשטע וואַל-
דערפאָלגן פון דער באַרג, פאַלט זיך פאַנאַנדער דער בלאָק צווישן דער פּאַר-
לאַמענטישער בורזשואַזיע און דער קליין-בורזשואַזיע. די פּאַרלאַמענטישע בור-
זשואַזיע טרעפט אַ ווידערשטאַנד אויך מיצאַד דעם אייגענעם קלאַס. אויב אין
דער עפּאָכע פון דער קאָנסטיטואַנטע איז דער בורזשואַזער קלאַס געווען אומ-
צופרידן מיט זיינע אידעאָלאָגן, וואָס האבן געוואָלט פאַרלענגערן דעם רעוואָ-
לוציאָנערן צושטאַנד אין לאַנד, האָבן זיי איצטער געקעמפט מיט די, וואָס האבן
געוואָלט פאַרזעצן דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין לאַנד. די בורזשואַ-
זיע מוז האבן אָרדענונג, עס מעג זיך זיין וואָסער אָרדענונג עס איז, קעגן דער
„רויטער סאַקאָנע". נאַפּאָלעאָן איז דער סימוואָל פון אָט דער אָרדענונג, אַפילע
ווען זי איז געווענדעט קעגן דער בורזשואַזיע. איר מוירע, אז דער 52-טער
יאָר זאָל ניט ברענגען צו דער איבערראַשונג פון די יוני-טעג, אז איטלעכער
קאַמף, אַפילע אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער, קען פריי לאָזן די רעוואָלוציאָנערע
סטיכיע, ווארפט זי אין נאַפּאָלעאָנס אָרעמס. לואי באָנאַפּאַרט מיט זיינע אויפ-
רופן, כאַבאַר, ליגנס, געוואָלט האַלט אונטער צווישן דער בורזשואַזיע אָט די
האָפענונגען. ער וויל אָפּשאַפן דאס געזעץ פון 31-טן מאי 50-טן יאָר, צוריק
אויפשטעלן דאס אַלגעמיינע וואַל-רעכט און דערמיט אונטערקויפן די דעמאָ-
קראַטיע. נאָר מער פון אַלץ זוכט ער שטיצע בא דעם פויערטום. דער פויער
אין פראַנקרייך איז אַן אָנהאַלט פונם באָנאַפּאַרטיזם. דאס פויערשע קליין-אייגנ-
טום איז אין דער עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָן דעם 1-טן געווען אַלץ. דאַן איז עס
באשאפן געוואָרן אַף די כורוועס פון פעאָדאַלן ערד-אייגנטום. צום מיטן 19-טן
יאָרהונדערט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז דאָס פויערשע קליין-אייגנטום איז פאַר-
שקלאַפט באַם קאַפּיטאַל, ס'איז פון אים געבליבן נאָר אַ שאָטן פון אַמאָל. אונ-
טערהאַלטנדיק לואי באָנאַפּאַרטן, האבן די פויערים געמיינט אומצוקערן נאַפּאָ-
לעאָן דעם ערשטנס צייטן. נאַפּאָלעאָן דעם ערשטנס מילכאָמעס האָבן דעם
פויערטום „אומגעקערט מיט פּראָצענט" די שטייערן, וואָס מע האָט פון זיי
גענומען, עפּענענדיק מיטן באַיאָנעט נייע מערק און באַרויבנדיק דעם קאָנטי-
נענט. „דאָס פראַנצויזישע פויערטום, אָרים און מיט ווייניק ערד, האָט זיך אי-
בעראַנייס גענומען ציען צו דער גערימטקייט פון דער אימפּעריע. זיי האָבן ניט
פארשטאַנען, אז באַ די נייע באדינגונגען וועט זיי נאַפּאָלעאָן אומקערן נאָר די
לאַסטן פון דער אימפּעריע, אָבער ניט די גערימטקייט אירע" (מאַרקס). אָבער
דעריקער — איז די אַרמיי. זי עפנט פאַרן פויער אימבאַגרעניצטע מעגלעכ-
קייטן. דאס פראַנצויזישע דאָרף שטייט פאַר נאַפּאָלעאָנען דעם פּלימעניק, וואָ-
רום זי רעכנט ווידער אויפצולעבן די גרויסע אַרמיי פון נאַפּאָלעאָן דעם 1-טן —
דעם פעטער. ווער האָט געקענט ביישטיין אַנטקעגן דער איבערקערעניש מיצאַד
דעם פּרעזידענט דעם 2-טן דעקאַבר 51-טן יאָר? די פּאַרלאַמענטישע אָפּאָזיציע
פון דער בורזשואַזיע און קליין-בורזשואַזיע איז געווען אַ נישטיקער קויעך.
דער ארבעטער-קלאַס איז געווען צעדריקט. דער ווידערשטאַנד פון אַ טייל

פויערים איז געווען א קנאַפּער. ווען נאָך דעם 2-טן דעקאַבר האָבן זיך די בורזשוא-רעפּובליקאַנער געווענדעט צו דער פאָרשטאָט סענט-אַנטואַן, האָט מען זיי געענטפערט: „וואָס ווילט איר פון אונז? אונז האָט מען אַנטוואָפנט נאָך דעם יוני 48-טן יאָר, אין די פאָרשטעטס איז ניטאָ קיין איין ביקס". אַזוי האָט מען געמאַכט אַ סאָף מיט דער פעבראַל-רעוואָלוציע (זע מאַט. און דאָק. נום. 15).

וואָס לערנט אונז די פעבראַל-רעוואָלוציע.

פון מאַפּאָלע צו מאַפּאָלע — דאָס איז דער דאָרנדיקער וועג פון דער פעבראַל-רעוואָלוציע. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיטן קריזיס פון 47-טן יאָר און האָט זיך געענדיקט מיטן אויפשטייג פון 49-טן און 50-טן יאָר. „די סאָציאַלע רעפּובליק האָט זיך געוויזן ווי אַ פראַזע, ווי אַ נעוויעס אָפן שוועל פון דער פעבראַל-רעוואָלוציע. אין די יוני-טעג פון 48-טן יאָר איז זי דערטרונקען געוואָרן אין דעם בלוט פון דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. נאָר אויך אין די ווייטערדיקע אַקטן פון דער דראַמע ווייזט זי זיך נאָך ווי אַ שאָטן, שיקנדיק אַ בסורע וועגן זיך דורך דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דעם 13-טן יוני 1849 יאָר האָט זי זיך אויסגעוועבט מיט אירע קליין-בורזשואַ, וואָס זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. אָבער אויך אַנטלויפנדיק הערט זי ניט אויף צו רעקלאַמירן זיך מיט אַ דאָפּעלער ענערגיע. די פּאַרלאַמענטישע רעפּובליק פון דער בורזשואַזיע באַהערשט די גאַנצע אינגאַנצן. זי צעוויקלט זיך אין דער גאַנצער ברייט, וואָס זי איז נאָר ביעכוילעס, אָבער דעם 2-טן דעקאַבר 51-טן יאָר פּראַוועט מען איר לעוואַיע באַ די קוילעס: „זאָל לעבן די רעפּובליק", וואָס עס שרייען אין שרעק די פאַרייניקטע ראָיאַליסטן" (מאַרקס). די רעוואָלוציע פון 48-טן יאָר האָט מענאַצייעך געווען אַדאַנק דעם פּראָלעטאַריאַט און איז אונטערגעגאַנגען אינאיינעם מיט אים נאָך די יוני-טעג. זי האָט באַדייט, אַז אָפן סצענע איז אַרויסגעטראָטן דער פּראָלעטאַריאַט, ווי אַן אַנטשיידנדיקער קויעך פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. דער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויס קעגן דער בורזשואַזיע, ער איז געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די פאָלקס-מאַסן. די מאַפּאָלע זיינע איז געווען אומפאַרמייַדלעך, באַ די טנאָים פון אַ זיגנדיקן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. אָבער אינאיינעם מיטן קאַפּיטאַליזם איז ער אויסגעוואַקסן אין צאָל, האָט אויסגעפאָרמירט זיין אידעאָלאָגיע, האָט באַשאַפן זיינע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו לאָזן זיך אָפן וועג פון ברייטן קלאַסן-קאַמף. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער קליין-בורזשואַזיע. די אידייען פון קלאַסן-שאָלעם האָט ער אויסגעלעבט, און אינאיינעם דערמיט האָט ער אויסגעלעבט אויך אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע אוטאָפּיעס. אַזוי האָבן אַפילע די מאַפּאָלעס פון 48-טן יאָר געדינט לעטויווס דעם פּראָלעטאַריאַט. אינם גאַנג פון דער רעוואָלוציע גופע האָבן עקזיסטירט צוויי מאַכטן: אַ מאַכט פון דער אָרגאַניזירטער בורזשואַזיע און פונם אויפוואַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט. דער קאַמף צווישן זיי איז געווען אומפאַרמיידלעך. דער פּראָלעטאַריאַט איז געבליבן איינער אליין. ער האָט פאַר-

שטאַנען, אז ער קען זיך פארלאָזן נאָר אף זיינע אייגענע קויכעס, און דערביי האט ער אויך געקענט אָפּשאצן די ראָלע און די באַדייטונג פון דעם פויערטום און דער קליין-בורזשואזיע אין זיינע מאַפּאָלעס און פאר זיין ניצן. די פעווראל-רעוואָלוציע האט געוויזן פאר דער גאַנצער וועלט, אז „אף אלע הייזער פון אייראָפּע איז אָנגעצייכנט אַ געהיימער קרייץ, די געשיכטע אליין פירט אָן מיטן מישפּעט, און דער מעקאיעם פסאַק וועט זיין דער פּראָלעטאריאט“.

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

1. די אַרבעטער-באַפעלקערונג פון פּאַריז אין 1848 יאָר

צאָל אַרבעטער	נאָמען פון פּראָדוקציע	אַרבעטס-לוין אין פראַנקן		דורכ-שניטלעך
		מינימום	מאַקסימום	
	מענערשע אַרבעט			
10.886	דרוקעריי, גראַווירעריי, פּאַפּיר-פּראָדוקציע	1,00	35,00	4,18
10.835	באַאַרבעטונג פון קאָסטבאַרע מעטאַלן, יואוועלי-רעריי, גאָלד און זילבער-באַאַרבעטונג	1,00	15,00	4,17
22.081	מעטאַל-באַאַרבעטונג, מעכאַנישע פּראָדוקציע	1,00	16,00	3,18
17.583	גאַלאַנטעריי	1,00	20,00	3,94
28.715	מעבל-פּראָדוקציע	1.25	15,00	3 90
4.241	לעדער-פּראָדוקציע	1,50	10,00	3,87
10 625	קאַרעטן-פּראָדוקציע	1,00	8,00	3,86
40.083	בוי-אַרבעט	0,50	10,00	3,81
6.572	כעמישע און טעפּערשע פּראָדוקציע	1,25	15,00	3,71
7.951	שפּייז-פּראָדוקציע	1,00	7,00	3,50
4.021	פעסער און קערב-פּראָדוקציע	0,75	6,00	3,44
11.028	טעקסטיל-פּראָדוקציע	—	—	—
30.274	קליידער-פּראָדוקציע	0,75	12,00	3,34
204.925				
	פרויען-אַרבעט			
4.410	דרוקעריי, גראַווירעריי, פּאַפּיר-פּראָדוקציע	0,50	7,50	1,75
3.739	באַאַרבעטונג פון קאָסטבאַרע מעטאַלן	0,75	6,00	2.04
1.269	מעטאַל-באַאַרבעטונג, מעכאַנישע פּראָדוקציע	0,75	5,00	1,71
15.540	גאַלאַנטעריי	0,40	5,00	1,83
3.845	מעבל-פּראָדוקציע	0,75	5,00	1,78
234	לעדער-פּראָדוקציע	0,50	3,00	1,14
2.694	קאַרעטן און זאָטלען-פּראָדוקציע, אַמוניציע	0,50	3.50	1,27
135	בוי-אַרבעט	0,75	2,00	1,43
2.727	כעמישע און טעפּערשע פּראָדוקציע	0,60	20,00	1,48
1.394	שפּייז-פּראָדוקציע	1,00	3.00	1,68
632	פעסער און קערב-פּראָדוקציע	0,40	2,50	1,56
21.874	טעקסטיל-פּראָדוקציע	0,25	5,00	1,46
54.398	קליידער-פּראָדוקציע	0,15	5,00	1,62
112.890				

2. אוטאָפּישער סאָציאַליזם פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

א) ש. פוריע.

„דער אינדוסטריאַליזם איז די נייסטע פון די ווינסשאַפטלעכע כימערעס: דאָס איז אַ מאַניע צו פּראָדוצירן אָף אַ צעמישטן אויפן אָן שום סיסטעם אין דער פּראָפּאָרציאָנעלער באַלוינונג, אָן שום גאַראַנטיע, אַז דער פּראָדוצירער אָדער דער אַרבעטער וועט באַקומען אַ טייל אין דער פאַרגרעסערונג פון די רייכטימער. דעריבער זעען מיר, אַז די אינדוסטריעלע לענדער האָבן מער אָרימע לייט, איידער די לענדער, וואָס זיינען אינדיפערענט צו אָט דעם מין פּראָגרעס. — לאָמיר אורטיילן די סיסטעמען לויט זייערע רעזולטאַטן: ענגלאַנד איז אַ מאָדעל פאַר אַלע פעלקער, אָן אָביעקט פון זייער קינע. קעדיי אָפּצושאַצן דעם וואוילשטאַנד פון איר פאָלק, וועל איך זיך באַנוצן מיט אומאָפּוועגדבאַרע ראיעס.

„די פאַרזאמלונג פון די האַנטווערקער-באַלעבאַטים אין בירמינגאַם פון 21־טן מאַרט 1871 יאָר דערקלערט, אַז די אינדוסטריע און די שפּאַרזאמקייט פון די אַרבעטער קאָנען זיי ניט באשיצן פון אָרימקייט. אַז א מאַסע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט, קאָנען ניט האָבן קיין קליידער און שטאַרבן מאַמעש פון הונגער אינם לאַנד, וואו עס איז פאַראַן אַן איבערפלוס פון לעבנס-פּראָדוקטן. דידאָזיקע יעדיע איז נאָך מער דערשטוינענד, ווייל זי שטאַמט פון די באַלעבאַטים פון די וואַרשטאטן, וואָס זיינען פאַרינטערעסירט אין פאַרקלענערן דעם אַרבעטס-לוין און פאַר זיי לוינט זיך צו באַהאלטן די אָרימקייט פון די אַרבעטער...

„אָט איז שקלאַפעריי, וואס איז אין דער ווירקלעכקייט אויפגעשטעלט געוואָרן: עס איז קלאָר, אַז די צו שטאַרקע אינדוסטריעלע קאָנקורענץ פירט דאָס ציוויליזירטע פאָלק צו דערזעלבער שטופע פון אָרימקייט און פ רקנעכטונג, וועלכע עס האָט דערגרייכט די באַפעלקערונג פון כינע און אינדאָסטאַן, וואָס זיינען אין די אַלטע צייטן געווען באַרימט מיט די וואונדער פון ערד-אַרבעט און מאַנופאַקטור...

„אין יענע ערטער, וואו דאָס ציוויליזירטע פאָלק שטאַרבט ניט פון שנעלן הונגער, שטאַרבט עס פון לאַנגזאַמען הונגער צוליב דאַכקעס, פון ספּעקולאַטיוון הונגער, וועלכער פאַרפליכטעט אים צו דערנערן זיך מיט אומגעזונטע שטאָפן, פון הונגער, וואָס באַשטייט אין צופיל ארבעטן, אין געפערלעכע באַשעפטיקונגען, אין איבערמאטערן זיך, פון וואנען עס נעמען זיך קאַדאָכעס און אַנדערע קראַנקהייטן. דאָס איז יעדנפאַלס א הונגער-טויט.

„און ווען ער ליידט ניט פון הונגער, מיט וואָס שפּייזט ער זיך? קעדיי צו אורטיילן וועגן דעם, קאָן מען זעען פון דער נאַצנט, ווי אַזוי עס דערנערט זיך דער פראַנצויזישער פויער אפילע אין די פרוכטבארסטע פּראָווינצן. אכט מיליאָן פראנצויזן עסן ניט קיין ברויט, און דערנערן זיך מיט קאַשטאַנעס און ענלעכע זאכן. פינף און צוואנציק מיליאָן פראנצויזן טרינקען ניט קיין וויין.

און ניט געקוקט אף דעם, קומט אויס צו ווארפן אַף די ס׳איטניקעס גאנצע יאָר-גערעטעניש פון ווינטרויבן, ווייל עס איז אומעגלעך צו געפינען פאר זיי אן אָפזאץ.

„אָט איז אַ דערהויבענער אויפשוואונג פון דער אינדוסטריע צו פולקו-מענהייט, און ניט געקוקט אף דעם, באווייזן זיך יעדן יאר טוצן נייע טעאָריעס מיקויעך די רייכטימער פונם פאָלק. וויפל רייכטימער זיינען פאראן אין די ביכער און וויפל אָרימקייט אין די שטיבלעך...

„פראַנקרייך גייט פונקט אהין, וואו ענגלאנד. פאריז האָט 8000 אָרימע לייט, וואָס ווען זיי האָבן מיר באקומען יעדיעס, און עס קאָן זיין, אז פונקט אזויפיל בלייבן אומבאַוואוסט. די פראנצויזישע ארבעטער זיינען אזוי אומגליק-לעך, או אין די אינדוסטריעלע פראָווינצן, לעמאָשל, אין פיקארדיע צווישן אמיען, קאָמברע און סען-קאנטען, האָבן ניט די פויערים קיין בעטן אין זייערע ערד-שטיבלעך: זיי מאכן זיך עטוואָס אזוינס, וואָס איז עפּעס ענלעך צו א בעט, פון טרוקענע בלעטער, וועלכע ווערן אין מעשׂנך פון ווינטער פארוואנדלט אין מיסט, וואָס איז פול מיט ווערים, אזוי אז באם אויפשטיין שלעפן די פאָטערס און די קינדער ארויס איינער באם אנדערן ווערים פונם קערפּער. דאָס עסן אין אט די שטיבלעך הארמאָנירט מיטן גלאנץ פון די מעבל. אָט דאָס איז דער גליקלעכער גוירל פון דער פרעכטיקער פראנקרייך. מע קאָן אָנווייזן אף א גאנצן טוץ פראָווינצן, וואו די אָרימקייט געפינט זיך אף דער-זעלבער שטופע, לעמאָשל: ברעטאַן, לימוזען, אויבערשטע אָווערן, סעווען, אלפּן, יורא, סען-עטיען און אפילע דאָס פרעכטיקע טיורען, וואָס ווערט אָנגערופן דער גאָרטן פון פראנקרייך.

„אף אָט די אָנווייזן ענטפערן די אינדוסטריאליסטן, אז מע דארף פאר-שפּרייטן בילדונג, פאָלקס-אונטעריכט, אָבער וואָס פאר א נוץ קאָן דאָס ברענגען די אומגליקלעכע, וואָס האָבן ניט קיין שטיקל ברויט. דאָס וועט זיי בלויז אויפרייצן צו אן אויפשטאנד. דידאָזיקע דערנידעריקונג פון דער מענטשהייט ברענגט, ענדלעך, צו אטעאיזם, וואָס וואקסט פּראָפּאָרציאָנעל מיטן פּראָגרעס פון דער ציוויליזירטער אינדוסטריע".

„ווי גרויס איז אינם איצטיקן מאָמענט די צאָל מענטשן, וואָס האָרעווען ווירקלעך און פּאָזיטיוו? זי דערגרייכט ניט מער פון א דריטל פון דער באפעל-קערונג.—ווען מע זאָל פארגלייכן די ארבעט פון די ציוויליזירטע מיט דער ארבעט אין דער צוקונפטיקער הארמאָניע, וועלן מיר זען, אז צוויי דריטל פון אונזער באפעלקערונג באשטייען פון מענטשן, וואָס טוען גאָרניט אָדער פארנעמען זיך מיט נעגאטיווע אייסאָקים. אָט איז א טאבעלע פון די אומפּראָדוקטיווע פער-זאָנען אין דער ציוויליזאציע:

I. שטובּיקע פּאראזיטן:

1. „דריי פערטל שטאָטישע פרויען און א העלפט דאָרפישע—צוליב דעם, וואָס זיי זיינען פארנומען מיט ארבעט פון דער ווירטשאַפט און מיט שטוביקע

זאָרגן. דעריבער שאצט זיך זייער טאָג אינם זינען פון פּראָדוקטיווקייט 5 מאָל ביליקער, איידער דער טאג פון א מאן.

2. „דריי פערטל קינדער, וואָס זיינען אינגאנצן נוצלאָז אין די שטעט און ווייניק נוצלעך אין די דערפער צוליב זייער ניטגעשיקטקייט און פארדאָרבנקייט.

3. „דריי פערטל פון דערווירטשאפטלעכער דינערשאפט, וואָס איר ארבעט איז ניט מער, ווי א רעזולטאט פון דער פארוויקלונג פון דער ווירטשאפט, באזונדערס אין קיך, און א העלפט פון דער דינערשאפט, וואָס איז פארנומען אין די פערדשטאלן, און פון דער דינערשאפט, וואָס ווערט געהאלטן אף צו באפרידיקן דעם לוקסוס. אהער געהערט אויך די ארבעט, וועלכע איז איצט נויטיק נאָר אדאנק דער אינדוסטריעלער צעברעקלטקייט און וועלכע ווערט איבעריק אין אן אסאָציאציע. אָט די דריי קלאסן בילדן א באזונדערע אָפּטיילונג אין דער סעריע פאראזיטן. זיי וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן אין א געזעלשאפט, וואו א פארנינפטיקע פאנאנדערטיילונג און צוועקמעסיקער געברויך פון דער באדינונג וועלן פארקלענערן אף דריי פערטל אָ־ער אף פיר פינפטל די צאָל הענט, וואָס ווערן געברויכט איצט באם קאָלאָסאלן געמיש פון די צעברעקלטע ווירטשאפטן און ניט פארייניקטע פאמיליעס.

II. סאָציאלע פאראזיטן:

4. „די יאבאָשע־און פלאָט־ארמייען, וואָס נעמען אוועק פון דער ארבעט די שטאַרקסטע יוגנט און שלינגען איין דעם גרעסטן טייל שטייערן. זיי ווירקן, אז די יוגנט זאָל פארדאָרבן ווערן דורך דעם, וואָס זיי צווינגען זי צו ווידמענען א פאראזיטישן אמט די יאָרן, וועלכע זי וואָלט געקענט געברויכן אף ארבעט. בעאייס איצט ווערט זי אָפּגעוואוינט דערפון, זייענדיק אינם מיליטערישן בארוף. די נוצלאָזע פארייניקונג פון מענטשן און מאשינען, וועלכע רופט זיך אָן ארמיי, ווערט געברויכט אף דעם, קעדיי גאָרניט צו פּראָדוצירן, און ווארטן אף דער צייט, ווען מע וועט זי געברויכן אף צעשטערונג. אָט די צווייטע באשטימונג וועט קלאָר געמאכט ווערן ווייטער. דאָ באטראכטן מיר די ארמיי בלויז אינם פראט פון גאָרניט ניט טאָן.

5. „די לעגיאָנען באַאמטע אף צונויפקלייבן די שטייערן. בלויז די אנשטאלטן פון די גרעניץ־אָפּצאָלן פאָדערן אין פראנקרייך 24.000 מאן. מיר וועלן אהערצו צוגעבן די ארמייען אף צונויפזאמלען די פארייניקטע שטייערן, ד. ה. די אגענטן, וואָס די רעגירונג געברויכט אף צו באקומען די שטייערן, און די איבעריקע ארמייען פּאָליציי־באאמטע, פעלד־וואך, געיעג־היטער, שפּיאָנען א. אנד., ענדלעך אלע פארוויקלטע אדמיניסטראציעס, לעמאָשל, די פינאנצן־אדמיניסטראציע און אנדערע, וועלכע וועלן זיין נוצלאָז באַ אזא ארדענונג, ווען יעדער פאלאנגע וועט צאָלן אלע שטייערן אין א באשטימטן טאג לויט אן איינפאכער מיטיילונג פונם מיניסטער.

6. „א גוטע העלפט פאבריקאנטן, וואס ווערן גערעכנט פאר נוצלעכע. זיי זיינען פארהעלטניסמעסיק ניט פּראדוקטיוו צוליב דער שלעכטער קוואליטעט פון די זאַכן, וואס זיי ארבעטן אויס. דידאזיקע זאכן וואלטן בא דער אלגע-

מיינער פולקומענהייט (ד. ה. אין דער האַרמאָניע) געקאַנט פאַרקלענערן דעם העזעק און ביליקער מאַכן די פאַבריקאַציע אַף אַ העלפט אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי דאָס איז איצט, און אָפטמאָל אַף דריי פערטל, דאַפקע אין דער אַרבעט, וואָס ווערט אונטערגענומען פאַר דער רעגירונג, וועמען אַלע נאַרן איינשטימיק אָפּ.

7. „$^{9}/_{10}$ סאָכרים און קאָמערץ-אַגענטן, ווייל אָט דעם מין טעטיקייט פּילט אויס אין דער אַסאָציאַציע דערווירקלעכער האַנדל מיט דער הילף פון $^{1}/_{10}$ פון די אַגענטן, וואָס ווערן געברויכט באַם איצטיקן פּלאָנטער.

8. „צוויי דריטל אַגענטן פונם יאַבאָשע-און יאַם-טראַנספּאָרט, וועלכע געפינען זיך ניט ווי געהעריק אינם האַנדלס-קלאַס און וועלכע זיינען נאָך מויסיף צו די כעסרוינעס פונם פאַרפּלאָנטערטן טראַנספּאָרט אויך די כעסרוינעס פונם ריזיקאַלישן טראַנספּאָרט, וואו זייער ניטגעשיקטקייט און ניטבאַדאַכטקייט פאַרצענפאַכן די שיפּברוכן. אַהערצו לאָמיר אויך צוגעבן די קאָנטראַבאַנדע-קאַטעגאָריע, וועלכע ברענגט אָפט דערצו, וואָס זי פאַרגרעסערט דעם פאַרקערסכום און די צאָל אַגענטן צען מאָל אַזוי פיל, וויפל זיי פאָדערן זיך אין אַ טראַנספּאָרט, וואָס איז ווי געהעריק אַרויסגעשטעלט. עס זיינען געוועןביישפּילן, ווען שטאָפן, וועלכע פלעגן געשיקט ווערן פון דואוור קיין קאַלע, פלעגן איבערגעשיקט ווערן אין האַמבורג, פראַנקפורט, באַזעל און פאַריז, דורכמאַכנדיק אַזוי אַרום אַ מעהאַלעך פון 500 ליע אַנשטאָט 7, און דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן פאַרן גלייכגעוויכט פונם האַנדלס-אַפּאַראַט.

III. הויסאָפּע-פּאַראַזיטן:

9. „די, וואָס דרייען זיך אַרום פּוסט און פּאַס לויטן געזעץ, צופעליק און געהיים, וואָס טוען גאָרניט, ווייל זיי פעלט אַרבעט אָדער קעדיי אויסצורוען זיך. פאַרשטייט זיך, אַז זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דער רו, ווען די אַרבעט וואָלט געווען אַן אַנגענעמע. איצט פאַרקערט קויפלען זיי די געזעלעכע האַנאָכעס און פייערן דעם היילקן מאָנטיק, דעם העזעקדיקסטן פון אַלע היילקע, ווייל אין די פאַבריק-שטעט ווערט ער געפייערט 52 טעג אין יאָר. לאָמיר אַהערצו צוגעבן די יאָנטויווים פון דער קאָרפּאָראַציע, רעוואָלוציע, קאַרנאַוואַל, געבורטס-טאָג, כאַסענע און אַזוי פיל אַנדערע, וואָס וועלן בלי-סאָפעק ניט געפייערט ווערן אין אונזער געזעלשאַפט, וואו די אינדוסטריעלע פאַרזאַמלונגען וועלן זיין איינגענעמער, איידער די יאָנטויווים און בעלער פון די ציוויליזירטע. צו דער צייט-פאַרשווענדונג קאָן מען אויך צורעכענען יעדע צופעליקע פאַרשלעפּונג אין דער אַרבעט. אויב דער באַלעבאָס גייט אָפּ אָן אַ זייט, הערן אויף די אַרבעטער צו אַרבעטן. אויב עס גייט פאַרביי אַ מענטש אָדער אַ קאַץ, קומען זיי אַלע אין באַוועגונג: די עלטערע און אינגערע שפּאַרן זיך אָן אַף די לאָפּעטעס און קוקן אַף צו פאַרווײלן זיך: 40 אָדער 50 מאָל אין טאָג פאַרלירן זיי אַף אַזאַ אויפן צו 5 מינוט, זייער וואָך באַשטייט אין דער עמעסן בלויז פון 4 פולע טעג. וויפל פאַרלאָרענע צייט אָן אינדוסטריעלן דראַנג!

10. „די סאָפיסטן און קוידעמקאָל די קאָנטראָווערסיסטן (לעגיסטן), יענע, וואָס לייענען זייערע ווערק און אַדאנק זייער ווירקונג מישן זיי זיך אריין אין די איניאָנים פון די פּאַרטייען, אין די ניט פּראָדוקטיווע אינטריגעס. צו די שטרייטן, מיט וועלכע עס פּאַרנעמען זיך איינצלנע מענטשן, דארף מען נאָך צוגעבן די פּאָליטישע אומרוען און די אינדוסטריעלע אומטעטיקייט, וואָס ווערט דורך זיי אַרויסגערופן.

„די רעשימע פון די, וואָס זיינען זיך מיסוואקייעך און פון די סאָפיסטן איז אַסאַך אַ גרעסערע, ווי מע מיינט געוויינלעך. לאָמיר מעשאער זיין, אַז די אָרדענונג פון אסאָציאציע וועט ארויסרופן נאָר $1/_{20}$ פון די איצטיקע לאָדענישן און אַף צו דערליידיקן זיי באזיצט זי מיטלען, וועלכע זיינען צַף אַזויפיל איינפאך, וויפל זיי זיינען איצט פארפלאָנטערט. דערפון איז געדרונגען, אַז $19/_{20}$ פון אונזערע אַדוואָקאַטן זיינען פּאראזיטן. פּונקט דעמזעלבן כאראקטער האבן די איידעס, די רייזנדער א. ד. גל. וויפל אנדערע פּאראזיטן-סאָפיסטן זיינען נאָך פאראן, אָנהויבנדיק פון די עקאָנאמיסטן, וועלכע באוואַיענען זיך אַליין קעגן די פּאראזיטן, ניט געקוקט אַף דעם, וואס זיי טראגן זייער פאן.

11. „די ליידיקגייער, די אַזוי גערופענע comme il faut, וואס פארברענגען זייער לעבן פּוסט-און-פּאס. לאמיר אהער צוגעבן זייערע דינער און דעם גאנצן קלאַס, וואס הארעוועט פאר זיי, ווייל ניט פּראדוקטיוו איז דער, וואס דינט די ניט פּראדוקטיווע, ווי, לעמאשל, די עטאדלאנים, וואס אין פּאַריז אליין דערגרייכט זייער צאל 60.000. לאמיר אַהער צוגעבן אלע, וואס באטייליקן זיך אין די וואַלן.

„די, וואס זיינען פארשפּארט אין די טפיסעס, בילדן אויך אַף אַ געצוואונגענעם אויפן אַ קלאס פון ליידיקגייער. דאסזעלבע זיינען אויך די קראנקע. צווישן די, וואס וועלן געבוירן ווערן אין אַ הארמאנישער געזעלשאפט, וועט ניט זיין קיין צענטכיילעך פון די קראנקע, וואס געפינען זיך אין דער ציוויליזאציע. האגאם קראנקייט איז אַן אומפארמיידלעכע צארע, לאזט זי זיך דאך אסאַך פארקלענערן. פון צען כאלאָאים ווערן ניין קראנק אדאנק די אומגינסטיקע ארבעטס-באדינגונגען אין דער ציוויליזירטער ארדענונג. אין אַ הארמאנישער ארדענונג וועלן אט די ניין זיין געזונט, זאל עס די דאקטוירים צו קיין גנאי ניט זיין.

12. „די אפגעטרינענע, די מענטשן, וואס טרעטן אפן ארויס קעגן דער אינדוסטריע, קעגן די געזעצן, זיטן און מינהאגים, ווי, לעמאשל, די, וואס פארנעמען זיך מיט לאטערייעס און מיט הייזער פאר אזארט-שפּילן, וואס זיינען אַן עמעסע געזעלשאפטלעכע מאקע, די ריטערס פון דער אינדוסטריע, די געפאלענע פרויען, שנארער, גאנאווים, מערדער און אנדערע אפגעטרינענע, וואס זייער צאל ווערט גארניט קלענער און וואס פאדערן אויסצוהאלטן זשאנדארמען און באאמטע, וועלכע זיינען פּונקט אזוי ניט פּראדוקטיוו".

די גרונט-קלאַסן.

„די אגענטן פון פּאזיטיווער צעשטערונג, די, וואס ברענגען הונגער און מאגייפעס און וויִרקן מיט די מילכאמעס. די ציוויליזירטע ארדע-

צונג נעמט אונטער איר הויכע פראטעקטאראט די אגענטן פון הונגער און מאגייפעס. זי פארגעטערט די אזשיאטערן און ספעקוליאנטן. זי מונטערט אויף יעדע דערפינדונג, וואס מיט איר הילף זאלן די מילכאמעס קאנען מער פארטיליקן.

די אגענטן פון גענאטיוועך פראדוקציע. איך האב שוין דערזוין, אז זיי זיינען אסאך אין צאל, אז דאס ראוו אזוינע געביידעס, ווי די ווענט, וואס דינען אלס צאם, זיינען, לעפי-ערעך גערעדט, ניט פראדוקטיוו. אנדערע ווידער ניט מער, ווי איינגעבילדעטע ארבעט, וואס עס נעמט זיך דערפון, ווייל מע פארשטייט ניט און מע מאכט שלעכט די ארבעט, ווי, לעמאשל, די געביידעס, וואס פאלן איין, די בריקן און וועגן, וואס זיינען געמאכט געווארן אף אַ שלעכטן ארט. אייניקע ברענגען אומדירעקטע פארוויסטונג, לעמאשל, הונדערטער ארבעטער. טוען קלוימערשט אַ נוציקע ארבעט מיט דעם, וואס זיי האקן אויס וואלד, אין דער עמעסן אבער גרייטן זיי צו א פארוויסטונג פון זייער לאנד און ברענגען מער שאדן איידער די מילכאמע, וואס אירע וואונדן ווערן פארהיילט.

אנדערע ווייזן זיך ארויס פאר א בייטש לויט זייערע פאלגן, לעמאשל, די דערפינדונג פון א נייער מאדע, וועלכע פארמישפעט אף ארימקייט 20.000 ארבעטער און דערצו אזוי, אז זייער אומטעטיקייט דינט אלס סיבע פון אומרוען".

„אין דער ציוויליזאציע עקזיסטירן 16 קלאסן, ניט רעכענענדיק די קנעכט. צווישן אט די קלאסן הערשט א קארפאראטיווער האס. די ארדענונג פון דער ציוויליזאציע מיט אלע אירע פוסטע רייד וועגן צערטלעכער ברידערלעכקייט רופט ארויס בלויז קלאסן-מאַכלויקעס, וואס גייט

אין אויפשטייג-ארדענונג — פון האס,

אין אראפשטייג-ארדענונג — פון פאראכטונג.

אויב אין דער ציוויליזאציע קאן מען אפילע זעען אמאל א שיין פון דערנעענטערונג צווישן די קאַסטעס, ווי, לעמאשל, אין נעאפאל, וואו דער פאסריציאט פראטעזשירט לאצאראני, אדער אין שפאניע, וואו די רייכע גייסטלעכע פראטעזשירן די ארימע לייט, איז אבער אזא מין דערנעענטערונג פון קעגנזעצלעכע קאסטעס פירט בלויז צו אומארדענונג און קאלערליי צארעס: אזוי איז דאס אין דער ליבע, וואו די דערנעענטערונג פון די גראנדן מיט די פרויען פונם פאלק ברענגט נאר אומארדענונג מיט דעם, וואס עס ווערן געבוירן אומגעזעצלעכע קינדער אדער וואו די ניט גלייכע כאסענעס ברענגען אריין מאכלויקעס צווישן די פאמיליעס, אזוי איז דאס אין דער פאליטיק, וואו די רייכע זוכן אפט א דערנעענטערונג מיט די ארימע לייט, ווען זיי דארפן האבן אף דורכצופירן מיט דערפאלג די אדער יענע אינטריגעס און מאכינאציעס.

די צונויפגיסונג פון די ניט גלייכע שטאנדן וועט ווערן זייער א גרינגע זאך אין דער הארמאניע: די העכערע קלאסן וועלן זיך גערן באנעגענען אין די געזעלשאפטלעכע ערטער מיט די נידעריקע, ווייל זיי וועלן ניט קאנען ביישטיין

דעם ניסאיען פון דער פריילעכקייט, העפלעכקייט, אנשטענדיקייט און ערלעכקייט, וועלכע וועלן הערשן אף אזוינע פארזאמלונגען. די ארימסטע וועלן שטאלצירן מיט זייער נייער לאגע און מיט דער הויכער באשטימונג פון זייער פאלאנגע. וואָס איר איז באשערט צו ענדערן דאס גאנצע אויסזען פון דער מענטשהייט. זיי וועלן אויך זיך באמיען איבערצושטייגן די ציוויליזירטע מיט זייער ערלעכקייט און יושער, וואס דינען זיי אלס דאס איינציקע געצייג אף צו באקומען א צוטריט צו רעוואָכים. זיי וועלן שנעל באַנעמען די מאַניערן און די אויפירונג פון די וואוילדערצויגענע קלאסן, אַזוי אַז אַ גוטער טאָן וועט שוין הערשן אין דער ערשטער פאלאנגע, אויב מע זאָל ווערבירן אירע מיטגלידער פון די געגנטן, וואָס זיינען באַרימט מיט דער העפלעכקייט פון זייער באַפעלקערונג, ווי, לעמאָשל, פון די אומגעגנטן פון טור און פאַריז.

די רייכע, וואָס זיינען דערצויגן אין האס צום פלעביי (האמוין), וועלן אזוי אַרום נאָך גערנער און אויפריכטיקער אנטקעגן קומען די נידעריקערע קלאסן פון דער פאלאנגע. זיי וועט זיך דוכטן, אַז דאָס איז אַ נייער מין מענטשן, מיט וועלכע זיי וועלן זיך שנעל דערנעענטערן, ווייל זיי וועלן געדענקען די גראָבקייטן און פאלשקייטן פון די ציוויליזירטע. אין דער סוויווע פון די הארמאָניע-מענטשן וועלן זיי אויך לייכט פארגעסן זייער הויכן באַרוף, פונקט ווי זיי פארגעסן לייכט איצט אין דער סוויווע פון די גריזעטינס, וועלכע שטאַמען פון פאָלק, נאָר פרעטענדירן אַף גוטע מאַנערן.

איך באַהויפּט דעריבער, אַז די צונויפגיסונג וועט זיך שוין אָנהויבן פונם צווייטן כוידעש פונם געמיינזאַמען לעבן. אַז די רייכע קלאסן וועלן די ערשטע אויפשטיין קעגן דעם פרינציפּ פון דער פּאָליטיק פון די ציוויליזירטע: קעדיי עס זאָלן עקזיסטירן עטלעכע רייכע, דארפן זיין אַסאַך אָרימע לייט, דערדאָזיקער פרינציפּ וועט גיך פאַרביטן ווערן אָט מיט וועלכן: די אָרימע לייט דאַרפן האבן אַ געוויסן איבערפלוס, קעדיי די רייכע זאָלן זיך פילן גליקלעך.

לאָמיר דערמאָנען, אַז איינס פון די מעכטיקסטע מיטלען אַף צו דערגרייכן די צונויפגיסונג פון די קלאסן וועט זיין די נאַטירלעכע דערציאונג פון די קינדער, געבן זיי די פולע פרייהייט אויסצוקלייבן די שפּילערייען און איבונגען, און די עלטערן אָרער לערער זאָלן זיך דערביי ניט אַריינמישן.

„...באַם אַריינטרעטן פון יעדן מיטגליד אין דער פאלאנגע ווערט אָפּגעשאַצט די גאַנצע ערד, די מאַשינען, מאַטעריאַלן, מעבל און כפייצים, וואָס ער ברענגט מיט זיך אין מזומאָנים.

די פאַרוואַלטונג גיט אַרויס יעדן מיטגליד אַקציעס אָדער קופּאָנעס פון אַקציעס, וואָס זייער ווערט באַטרעפט אַזויפיל, וויפל דער מיטגליד האָט אַריינגעטראָגן. מע קאָן זיין אַ מיטגליד פון דער פאַלאַנגע, ניט זייענדיק קיין אַקציאָנער; מע קאָן זיין אַן אַקציאָנער, ניט נעמענדיק קיין שום אַקטיוון אַנטייל אין דער פאַלאַנגע. אין אָט דעם לעצטן פאַל קאָן מען ניט באַקומען קיין דיווידענדן, וואָס קומט אויס אַפן כיילעק פון דער אַרבעט און טאַלאַנט.

דער יעוּלעכער רעווען ווערט איינגעטיילט אין דריי ניט גלייכע טיילן אַף אַזאַ אויפן:

$^5/_{12}$ — פאַר די, וואָס באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט,

$^4/_{12}$ — אַפן כיילעק פונם אַקציאָנערן-קאַפּיטאַל,

$^3/_{12}$ — אַפן כיילעק פון די טעאָרעטישע און פּראַקטישע קענטענישן.

אַף אַזאַ אויפן וועט זיך יעדערער קאָנען באַטייליקן אינם רעווען בעהעסקײַם מיט דעם, וואָס ער גיט, און מיט זיינע פעאיקייטן".

ב) ל. בלאַן. פראַגמענטן פון „אָרגאַניזאַציע פון ארבעט". סעפּטעמבער 1840 יאָר.

„אין דער הייניקער געזעלשאַפט האלט זיך די מלוכע-אָרדענונג דערויף אַף צוויי מענטשן; איינעמס מיכיע איז צו פיגורירן אַף פּאַראַדן, דעם אַנדערנס — צו האַקן קעפּ. די יעראַרכיע פון די קאָנסערוואַטאָרן הויבט זיך אָן מיטן קעניג און לאָזט זיך אויס מיטן טאַליען.

ווען די ליאָנער ארבעטער האבן געמאַכט אן אויפשטאַנד און האבן בעזאגט: „זאָל מען אונז געבן ברויט אָדער זאָל מען אונז טויטן", — האָט דידאָזיקע פאָדערונגען אלעמען געבראַכט אין א גרויסער פאַרלעגנהייט; און אזוי ווי צו פאַרזיכערן זיי דאס לעבן האט זיך ארויסגעוויזן צו שווער, האט מען זיי צעהארגעט. עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן, צי מיינען די מענטשן אָפּט דורכצומאַכן אזא בלוטיקן עקספּערימענט?

... ווער זשע אין דערעמעסן איז פאַרינטערעסירט אויפצוהאלטן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג? קיינער ניט. בעפירעש קיינער ניט; דער גוויר ניט מער פון דעם קאַבצן; דער באַלעבאָס ניט מער פון דעם קנעכט, דער טיראַן ניט מער ווי זיין קאָרבן.

... לאָמיר דערוויזן: 1) אז קאָנקורענץ איז פאַרן פאָלק א סיסטעם פון פאַרניכטונג; 2) או די קאָנקורענץ איז פאר דער בורזשואַזיע אן אומאויסהערלעך ווירקנדיקע סיבע פון פאַראָרימונג און רואינירונג.

פון דערפון וועט קלאָר ווערן, אז אלעמענס אינטערעסן זיינען סאָלידאַריש, און די סאָציאלע רעפאָרם איז פאַר אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אָן אויסנאַם א מיטל צו ראַטעווען זיך.

... א געזעלשאַפט, אזא ווי איך האב דאָ ערשט באשריבן, טראָגט אין זיך א שטענדיקן קערנדל פון בירגער-קריג...

איצטערדיקע צייט קאן מען טרעפן אַסאַך דענקער, וואָס נאר זיי טראַכטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט. „וואָס איז אונזער דאַיגע, — זאָגן זיי, — פאַר אלע אייערע פאַרלאַמענטישע סיכסוכים און קליינלעכע קריגערייען איבער פאַרטפעלן און אייערע פאַלאַץ-רעוואָלוציעס? לאָזט זיך אַרצפּ מיט אונז אין די טיפעניש פון אָט דער צעפּאַלנדיקער געזעלשאַפט: איר וועט דאָרט דערזעען אַנדערע אָביעקטן פון שרעק און האָפענונג. אָט דיזאזיקע טהאָמען דאַרף מען אויסמעסטן. סאָפקאָלסאָף, וואָס שטעלט מיט זיך פאר איטלעכע

רעגירונג? א קראַפט פון ריין איבערגייענדיקן כאַראַקטער. ס'איז גענוג, די געזעלשאַפט זאָל באַנייט ווערן, אזוי וועט די מאַכט, וואָס שטימט ניט מיט דער נייער ציוויליזאַציע, פון זיך אליין פאַלן מאַכמעס דער אייגענער שוואַכקייט".

דאָס אלץ איז הוילע סאָפיזמען. עס איז קיין סאָפעק ניט, אז א באַנייטע געזעלשאַפט וואָלט איינגעשטעלט א נייע מאַכט; אָבער ניט שוין זשע איז די עקזיסטענץ פון דער מאַכט אַף אזויפיל ניט ־פּהענגיק פון דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט, אַז מע קאָן איבעראַנדערשן די לעצטע, ניט אָנרירנדיק די ערשטע? אז איר וועט געפינען א מיטל צו פאַרזיכערן דעם ניצאָכן פון דעם פּרינציפּ פון אַסאָציאַציע און צו אָרגאַניזירן די אַרבעט לויט די קלאָלים פון פאַרשטאַנד, גערעכטיקייט און מענטשן-ליבע, טאָ ווי אזוי זשע האָפט איר צו רעאַליזירן אייערע דאָקטרינעס? די מאַכט — דאָס איז דאָך אַן אָרגאַניזירטער קויעך. זי שטיצט זיך אפן בלינדן, אָבער אין זיין בלינדקייט איינגעאַקשנטן, אינטערעס, אַף ליידנשאפטן, וואָס זיינען פיינטלעך צו יעדער נייס. בא דער מאַכט זיינען פאַראַן געריכט-קאַמערן, וואָס וועלן אייך דראָען מיט זייערע געזעצן, טריבונאַלן, וואָס וועלן אייך שלאָגן מיט זייערע אורטיילן, זעלנער, וואָס וועלן אייך טויטן מיט זייערע באַגנעטן. טאָ פאַרכאַפּט זשע די מאַכט, אויב איר ווילט ניט, אז זי זאָל אייך אונטערדריקן. פאַרוואַנדלט זי אין אייערס א געצייג, קעדיי ניט אָנצושטויסן זיך אַף איר, ווי אַף א מעניע.

נאָכמער: די באַפרייאונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט — איז אַן איניען א גאַנץ פאַרוויקלטער, דאָס איז פאַרבונדן מיט א צו גרויסער צאָל רעפאָרמען; דאָס צעשטערט צופיל געוואוינהייטן, שטויסט זיך אָן אַף צופיל פאַרורטיילן; דאָס שטייט אין קעגנזאַץ, ניט אין דערווירקלעכקייט, נאר ווי עס דוכט זיך אויס, פיל אינטערעסן, אז מע זאָל ניט רעכענען פאר א מעשוגאַעס דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך מיט דער הילף פון פּריוואַטע אָנשטרענגונגען און איזאָלירטע פּרוּוון. צוליב דעם איז נויטיק די גאַנצע קראַפט פון דער מלוכע — אי דאָס איז עס ניט צופיל פאר אזא זאַך. די פּראָלעטאַריער פעלט קעדיי צו באַפרייען זיך די פּראָדוקציאָנס-מיטלען: עס איז די זאַך פון דער רעגירונג צו געבן זיי עס.

ניין, אָן א פּאָליטישער רעפאָרם איז ניט מעגלעך אויך די סאָציאַלע רעפאָרם, וואָרום אויב די צווייטע איז דער צוועק, איז די ערשטע דאָס מיטל.

צי קאָן מען דערפון ניט דרינגען, אז באַטראַכטן די סאָציאַלע פראַגן איז א פּוסטער איניען, אפילו א געפערלעכער, און אז מע דאַרף אָנהויבן פון דערוועדבן די מאַכט, און דערנאָכדעם באַשליסן, וואָס קאָן מען דערפון מאַכן? דאָס איז אלציינס, ווי מיר וואָלטן זאָגן: לאָמיר אָנהויבן דערפון, וואָס מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג אריין, און דאָרט וועלן מיר שוין זעען, וואוהין צו גיין...

נאָך יענע רעוואָלוציעס ברענגען ניט צו קיין מאַפּאָלע, ווען עס ציל עס איז באַשטימט און לעכאַטכילע אָנגעמערקט...

לאָמיר קיינמאָל ניט ארויסלאָזן פון אויג ניט דעם מיטל, ניט דעם ציל און, ווייט פון אויסצומיידן באטראַכטן סאָציאַלע טעאָריעס, לאָמיר זיך דערמיט פאַרנעמען אף וויפל דאָס הענגט אָפּ פון אונז, קעדיי עס זאָל אונז ניט טרעפן אומגעריכטערהייט און מיר זאָלן זיין בעקויעך צו רעגירן די קראַפט, ווען מיר וועלן זי ארייננקריגן.

זייט איר זיכער, אַז די מענטשהייט וועט ניט קאנען באקומען קיין נוצן פון דעם, וואָס איר רופט אן א טרוים? זייט איר דען זיכער, אַז דער היינטי-קער טרוים וועט ניט ווערן א ווירקלעכקייט אין צען יאָר ארום און אַז צוליב דעם ניצאָכן פון דעם עמעס איבער צען יאָר ארום דארף מען ניט טרוימען היינט?...

ראָבערט אָאוען איז געווען ניט קיין פראַקטישער רעפאָרמאַטאָר, ווען ער האָט געוואָלט מאַכן פאַרן יעסאָד פון דער פאנאדערטיילונג פון די פראָדוקטן פון אַרבעט דעם מענטשנס באדערפעניש אין דער געזעלשאַפט, ניט ארייננ-מענדיק אין דעם יעסאָד פון דערדאָזיקער פאנאנדערטיילונג אפילע די גרוים פון די דינסטן, וואס איינער ברענגט דער געזעלשאַפט.

די סען-סימאָניסטן זיינען אויך ניט געווען קיין פראַקטישע רעפאָרמאַ-טאָרן, ווען זיי האָבן געפאָדערט באָטל צו מאַכן די פאַמיליע און טייקעף אָפּ-שאַפן דאָס רעכט אַף יערושע.

שאַרל פוריע איז געוען ניט קיין פראַקטישער רעפאָרמאַטאָר, ווען ער האט געמאַכט די פאַנאַנדערטיילונג פון אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן אָפּהענגיק פון אינדיווידועלן קאַפריז און האט ארייננגעבראַכט אין זיין סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע אַלץ, אכוץ דער אידייע פון מאַכט.

אָבער וויפל מעכטיקע געדאַנקען זיינען פאַראַן אין דידאָזיקע ווערק, דערהויפט אין די ווערק פון שאַרל פוריע...

ווי זשע, לויט אונזער מיינונג, קאָן מען אָרגאַניזירן די אַרבעט? די רעגירונג דאַרף מען באַטראַכטן ווי דעם העכסטן רעגולאטאָר פון דער פראָדוקציע, וואס קעדיי אויסצופילן איר אויפגאַבע איז זי באקליידט מיט דער פולסטער מאַכט.

די אויפגאַבע אירע דאַרף באשטיין אין אויסנוצן דעם מעהוס פון קאָנ-קורענץ, קעדיי זי צו פארניכטן.

די רעגירונג דאַרף מאַכן א האַלוואָע, וואָס וועט גיין אף צו באַשאַפן געזעלשאפטלעכע וואַרשטאַטן אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע.

אַזוי ווי אף צו באשאפן זיי פאָדערט זיך היפשע מיטלען, דאַרף לעכאַ-טכילע די צאָל וואַרשטאַטן זיין שטרענג באגרעניצט; נאָר מאַכמעס דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פרינציפ, וואָס ליגט אין זייער יעסאָד, וועלן זיי פאַרמאָגן א קראַפט צו פארברייטערן זיך אָן א שיר.

אַזוי ווי די רעגירונג ווערט באַטראַכט פאַר דער איינציקער גרינדעריך פון די געזעלשאַפטלעכע וואַרשטאַטן, וועט זי אויך שאַפן זייער סטאַטוס.

צו ארבעטן אין די וואַרשטאַטן וועט מען רופן אַלע ארבעטער, וואָס מע קאָן זיכער זיין אין זייער מאָראַלישקייט. און די קאַפּיטאַליסטן, וועמעס קאַפּיטאַלן ס'וועלן זיין פאַרייניקט, קעדיי איינצוקויפן די פּראָדוקציאָנס-מיטלען.

אזוי ווי די פאלשע און אַנטי-כאַציאַלע דערציאונג, אין וועלכער עס וואַקסט אונזער איצטיקער דאָר, צווינגט צו זוכן אין דער פערזענלעכער פאַרינטערעסירטקייט די מאָטיוון, וואָס באַוועגן צו העכערן די פּראָדוקטיווקייט, איז וועט די פאַרשיידנקייט פון דעם ארבעטס-לוין זיין געבויט אף א יעראַרכיע פון פונקציעס, דערבײַ דאַרף א גאַנץ נייע דערציאונג אומענדערן אין דעם פּראַט אי די אידייען, אי די מידעס. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער אַרבעטס-לוין דאַרף אין אַלע פאלן געבן דעם אַרבעטער א מעגלעכקייט צו מאַכן א לעבן.

דעם ערשטן יאָר, ווי עס וועלן געגרינדעט ווערן די געזעלשאַפטלעכע וואַרשטאַטן, וועט די יעראַרכיע פון די פונקציעס רעגולירט דורך דער רעגירונג. גאר אַנדערש איז עס אין די ווייטערדיקע יאָרן. אזוי ווי מיט דער צייט וועלן די אַרבעטער אַליין אָפּשאַצן איינער דעם אַנדערן, און אלע וועלן זיין גלייך פאַרינטערעסירט אין דעם דערפאָלג פון דער אַסאָציאַציע, וועט די יעראַרכיע אף ווייטער אויך זיין געבויט אפן פּרינציפּ פון וואַלן.

אַלע יאָר וועט מען אונטערציען דעם סאַכאַקל פון ריינעם רעווען, וואָס וועט צעטיילט אף דריי כאַלאָקים: איינער וועט צעטיילט ווערן גלייך אף גלייך צווישן די מיטגלידער פון דער אַסאָציאַציע; דער צווייטער ווערט באַשטימט: ערשטנס, אף אויסצוהאלטן אלטע, קראנקע, קאַליקעס; צווייטנס, אַף צו פארלייכטערן די קריזיסן, וואָס קאָנען זיך אמאָל פארלויפן אין אַנדערע צווייגן פון דער אינדוסטריע; דער דריטער — אף צו שאפן ארבעטס-געצייג פאר די, וואָס ווילן אריינטרעטן אין דער אַסאָציאַציע, אדאנק וואָס זי קאָן זיך אומענדלעך צעוואַקסן...

יעדער מיטגליד פון דעם געזעלשאַפטלעכן ווארשטאט וועט האָבן א רעכט צו שאפן זיך מיט זיין לוין ווי ער פאַרשטייט.

ווײַזאלד דער געזעלשאַפטלעכער ווארשטאט וועט זיין געבויט אף אַזאַ פּרינציפּ, איז, פאַרשטייט זיך שוין פון זיך אליין, וואָס פון אים וועט ארויסקומען. אין יעדער גרונט-צווייג פון אינדוסטריע וועט זיין א געזעלשאַפטלעכער ווארשטאט, וואָס קאָנקורירט מיט דער פּריוואַטער אינדוסטריע. וועט זיך לאנג ציען דער קאַמף? ניין, וואָרום דער געזעלשאַפטלעכער וואַרשטאט וועט האבן אנטקעגן יעדן פּריוואַטן אינדוסטריעלן ווארשטאַט די מאַילע, וואָס איז א רעזולטאט פון דעם פּרינציפּ פון געמיינשאַפטלעכקייט...

פון דער סאָלידארישקייט פון אלע ארבעטער אין איין וואַרשטאַט קאָנען מיר דרינגען, אז עס וועלן זיין סאָלידאַריש אויך אלע וואַרשטאַכן פון דער-זעלביקער צווייג פון אינדוסטריע. קעדיי צו מאכן פאר פול די סיסטעם, איז נאָך נויטיק די סאָלידאַרישקייט פון פאַרשיידענע צווייגן פון אינדוסטריע; אָט פאַרוואָס מיר האלטן אײן פון דעם אלגעמײנעם רעווען, וואָס עס קריגט איטלעכע אינדוסטריע, א געוויסע סומע, קעדיי די מלובע זאָל קאָנען ארויס-

העלפן יעדער צווייג פון אינדוסטריע, אויב עפעס אומאָפּהענגיקע אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן שטעלן זי אין א שווערער לאגע...

איך רעזיומיר דאָס געזאָגטע. מע דארף זיך פּרואוון מאכן א סאָציאַלע רעוואָלוציע.

1. וואָרום די איצטיקע סאָציאַלע אָרדענונג איז שוין צו פיל אָנגעפילט מיט אומגלייכהייט, אָרימקייט, העסלעכקייט, זי זאָל לאנג קאָנען אָנהאַלטן.

2. ווײַלע עס איז ניטאָ דער, וואס זאָל ניט זיין פאַרינטערעסירט, — אומאָפּהענגיק פון זיין לאַגע, ראַנג, שטאנד, — אין דעם ניצאָכן פון דעם נייעם סאָציאַלן סיידער.

3. געסאָף, דערפאַר, ווייל אָט די אזוי נויטיקע רעוואָלוציע קען מען מאכן און אַפילע גרינג—אף א פרידלעכן אויפן".

ג) די „קאָמוניסטן-רעוואָלוציאָנערן".

(פראַגמענט פונם לייט-אַרטיקל פון „קאָמוניסטישן זשורנאַל". לאָנדאָן, סענטיאַבר, 1847 יאָר).

„...מיר רופן אָן אונזער אָרגאַן „קאָמוניסטישער זשורנאַל" דערפאַר, ווייל מיר זיינען איבערצייגט און ווייסן, אַז דידאָזיקע באַפרייאונג קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך דער פולשטענדיקער אומענדערונג פון די איצט עקזיסטירנדיקע אייגנטום-פאַרהעלטענישן, אַז זי קאָן, מיט איין וואָרט, דערגרייכט ווערן נאָר אין א געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט אַף קאָמוניזם.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג ווערט דורך אַסאַך מענטשן פאַרשטאַנען אַזוי פאַרדרייט, דורך אַנדערע ווערט זי אבזיכטלעך ביז אַזאַ מאָס פאַרקריפּלט און פאַרלוימדעט, אַז מיר זיינען דאָך געצוואונגען צו זאָגן אויך דאָ אייניקע ווערטער וועגן איר, אַף וויפל מיר קענען זי און נעמען אין איר אַן אנטייל. מיר וועלן זיך באַגרעניצן הויפּטזאכלעך דערמיט, וואָס מיר וועלן דערקלערן, וואָס מיר שטעלן מיט זיך ניט פאָר. אַזאַ אָפּגרעניצונג וועט שוין פּאָרויס אָפּוואַרפן אַסאַך פון יענע רעכילעס, מיט וועלכע מע וואָלט אונז, וואַרשיינלעך, באַגעגנט.

מיר זיינען ניט קיין סיסטעם-פּעדאַנטן, מיר ווייסן פון דער דערפאַרונג, ווי אומזיניק עס איז צו שפּאַרן זיך און ברעכן זיך דעם קאָפּ מיקויעך די אַנשטאַלטן, וואָס דאַרפן איינגעאָרדנט ווערן אין דער קומענדיקער געזעלשאַפט, און אין דערזעלבער צייט לאָזן מיר איבער אָן אויפמערקזאַמקייט די אַלע מיטלען, וועלכע וואָלטן אונז געקאָנט ברענגען צו דערדאָזיקער געזעלשאַפט. לאָמיר לאָזן פאַר די פילאָסאָפן און געלערנטע צו בויען די סיסטעמען אַף איינצואָרדענען די קומענדיקע געזעלשאַפט, מיר האַלטן דאָס פאַר גוט און נוצלעך. אָבער ווען מיר, פּראָלעטאַריער, וואָלטן גענומען גאַנץ ערנסט שפּאַרן זיך וועגן דער איינאָרדענונג פון וואַרשטאַטן, וועגן דער פאַרוואַלטונגס-פאָרם אין דער קינפטיקער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ווען מיר וואָלטן גענומען זיך ארומקריגן וועגן דעם צושניט פון די קליידער אָדער וועגן

אַ בעסערן מיטל אויסצוראַייניקן די קלאַזועטן א. ד. ג.„ וואָלטן מיר פּאַשעט געוואָרן לעכערלעך און מיר וואָלטן מיט רעכט פאַרדינט די צונעמעניש — ניט קיין פּראַקטישע בעל-כאַלוימעס, וואָס מיט דעם האָט מען אונז אַזוי אָפט באַצייכנט. די אויפגאַבע פון אונזער דאָר איז — אויפצוזוכן און צושטעלן בוי-מאַטעריאַלן, וואָס זיינען נויטיק אַף אויפצובויען דעם נייעם ביניען; אָבער אויפבויען אים — דאָס איז שוין די אויפגאַבע פון די קומענדיקע דוירעס און מיר קאָנען זיין רואיק — אין בויער וועט קיין דויכעק ניט זיין.

מיר זיינען ניט פון יענע קאָמוניסטן, וואָס ווילן אַלץ דערגרייכן מיט ליבע. מיר פאַרגיסן ניט באַ דער לעוואָנע-שיין קיין ביטערע טרערן איבער די אומגליקן פון דער מענטשהייט און מיר ווערן ניט נאָכדעם פאַרגאַפט אין היסלאַיוועסדיקן אויסגעשריי באַם געדאַנק וועגן דער גאָלדענער צוקונפט. מיר ווייסן, אז אונזער צייט איז אַן ערנסטע, מיר ווייסן, אַז זי פאָדערט פון יעדערן די אָנשטרענגונג פון זיינע גאַנצע קויכעס, און מיר ווייסן, אַז די דאָזיקע כאַלוימעס וועגן ליבע זיינען ניט מער, ווי אַ מין גייסטלעכע זעלבסט-אָפּשוואַכונג, וואָס נעמט אָפּ יעדע אַרבעטס-פעאיקייט באַ אַלעמען, וואָס גיבן זיך זיי אָפּ.

מיר זיינען ניט פון יענע קאָמוניסטן, וואָס פריידיקן שוין איצט אייביקן שאָלעם, אין דער צייט ווען אונזערע סאָנים גרייטן זיך אומעטום צו דער שלאַכט. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז אין ערגעץ ניט, אויסער עפשער ענגלאַנד און די צאָפן-אַמעריקאַנישע פרייע-שטאַטן, וועט זיך אונז ניט איינגעבן איבערצוגיין צו אַ בעסערער אָרדענונג פריער, איידער מיר וועלן זיך מיט קויעך גיט דערשלאָגן קיין פּאָליטישע רעכט. זאָלן אונז אַנדערע דערפאַר פאַרורטיילן און זאָלן זיי אונז מאַכן אַ שעם פאַר רעוואָלוציאָנערן. דאָס קימערט אונז ווינציק. לעכאָלאָפּאָכעס שיטן מיר ניט דעם פאָלק קיין זאַמד אין די אויגן. מיר ווילן אים נאָר זאָגן דעם עמעס און וועגדן זיין אויפמערקזאַמקייט אַפן אָנקומענדיקן שטורעם, קעדיי ער זאָל קאָנען זיך צוגרייטן צו אים. מיר זיינען ניט קיין פאַרשווערער, וואָס ווילן אָנהייבן די רעוואָלוציע אין אַזאַ און אַזאַ טאָג, אָדער אויסקוילענען די קייסאָרים אין אַזאַ און אַזאַ טערמין; מיר זיינען אָבער אויך ניט קיין געדולדיקע שעפּעלעך, וואָס שלעפּן געדולדיק זייער יאָך.

מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז אַפן קאָנטינענט דאַרף זיך פאַנאַנדערפלאַקערן אַ שלאַכט צווישן די אַריסטאָקראַטישע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן, דאָס ווייסן די סאָנים אונזערע און זיי גרייטן זיך צו דעם שלאַכט; דעריבער איז יעדערנס כויוו זיך צוגרייטן, אַז מע זאָל אונז ניט פאַרכאַפּן אומגעריכט און מאַכן אַ טעל פון אונז. אונז שטייט נאָך פאַר אויסצוהאַלטן דעם לעצטן און ערנסטן קאַמף און ווען אונזער פאַרטיי וועט פון אים אַרויס אַ זיגער, וועט ערשט דעמאָלט, לאָמיר האָפן, אָנקומען די צייט אַוועקצולייגן אַף אייביק דאָס געווער אין אַ זייט.

מיר זיינען ניט פון יענע קאָמוניסטן, וואָס גלויבן, אַז די קאָמוניסטישע אָרדענונג קאָן, ווי מיטן „שעם-האַמפּוראָש“, איינגעפירט ווערן טייקעף נאָכן זיגרייך דורכגעפירטן קאַמף מיט זיינע סאָנים. מיר ווייסן, אַז די מענטשהייט

מאַכט ניט קיין שפרונגען, זי רוקט זיך בלויז טריט באַ טריט פאָרויס. מיר קאָנען ניט איבערנאַכט אַריבערגיין פון אַ ניט קיין הארמאָנישער געזעלשאַפט צו אַ האַרמאָנישער; דערצו וועט נויטיק זיין, לויט די באַדינגונגען, אַ מער אָדער ווייניקער לאַנגדויערנדיקער איבערגאַנגס-פעריאָד. שטופנווייז נאָר קאָן דאָס פריוואַט-אייגנטום פאַרוואַנדלט ווערן אין קאָהאָלשע.

מיר זיינען ניט פון יענע קאָמוניסטן, וואָס וואָלטן געוואָלט פאַרניכטן די פערזענלעכע פרייהייט און פאַרוואַנדלען די גאַנצע וועלט אין איין גרויסע קאַזאַרמע אָדער אין איין גרויסן אַרבעטער-הויז. פאַרשטייט זיך, עס זיינען פאַראַן קאָמוניסטן, וואָס שעמען זיך ניט און לייקענען אָפּ און ווילן פאַרניכטן די פרייהייט פון פערזאָן, וועלכע שטערט, לויט זייער מיינונג, די געזעלשאַפט-לעכע האַרמאָניע. באַ אונז אָבער איז ניטאָ קיין שום פאַרלאַנג צו קויפן גלייכהייט פאַרן פרייז פון פרייהייט. מיר זיינען איבערצייגט, און אין די פאָלגנדיקע נומערן וועלן מיר זיך באַמיען דאָס צו דערווייזן, אַז אין קיין שום געזעלשאַפט קאָן די פרייהייט פון פערזאָן ניט זיין אַ גרעסערע איידער אין דער, וואָס וועט זיין געבויט אַף די יעסוידעס פון קאָמוניזם.

אין אַכדעס איז די קראַפט, און נאָר זי איז מעסוגל צו ברענגען אונז צום ציל.

דעריבער, פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, לאָמיר זיך פאַראייניקן — אָפּן, וואו דאָס איז דורכן געזעץ דערלויבט, ווייל אונזער טעטיקייט האָט ניט מוירע פאַר קיין ליכט, און געהיים, וואו דאָס איז פאַרבאָטן דורך דעם ווילקיר פון די טיראַנען. די אַזוי גערופענע געזעצן, וואָס פאַרווערן די מענטשן צונויפ-זאַמלען זיך אַף צו באַהאַנדלען די פראַגן, וואָס זיינען דורכן לעבן אַרויסגע-רוקט אין טאָג-סיידער, און אַף צו פאָדערן זייערע רעכט, דאָס איז בלויז אַ ווילקיר-מוז פון די טיראַנען און ווער עס פאָלגט זיי און האָט פאַר זיי דערעכערעך, דער האַנדלט, ווי אַ געמיינער פאַכדן, ווער עס האַסט זיי אָבער און איז זיי אויווער, דער האַנדלט העלדיש און ערלעך"...

3. די ערשטע טריט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג.

א) „דאָס רעכט אַף אַרבעט".

„די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון דער פראַנצויזישער רעפובליק איז זיך מיסכאַיעוו צו באַזאָרגן, אַז דער אַרבעטער זאָל האָבן צו לעבן פון אַרבעט.

„זי איז זיך מיסכאַיעוו צו באַזאָרגן מיט אַרבעט אַלע בירגער. זי אַנער-קענט, אַז די אַרבעטער דאַרפן זיך פאַראייניקן אין פאַרבאַנדן, קעדיי צו באַנוצן זיך מיט די האַכנאָסעס פון זייער אַרבעט.

„די פּראָוויזאָרישע רעגירונג קערט אום די אַרבעטער, לויט ווי עס גע-הערט, דעם מיליאָן, וואָס דאַרף אויסבלייבן פון דעם ציווילן-ליסט".

ב) לוקסעמבורגער קאָמיסיע.

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די רעוואָלוציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורכן פאָלק, דאַרף זיין צוליב דעם פאָלק;

אַז עס איז צייט צו מאַכן אַ סאָף צו די לאַנגדויערנדיקע און אומגע-רעכטע ליידן פון די אַרבעטער;

אַז די אַרבעטער-פראַגע—איז די וויכטיקסטע פראַגע פון אַלע;

אַז עס איז ניטאָ קיין העכערע פראַגע, וואָס פאַרדינט מער, אַז די רע-פובליקאַנישע רעגירונג זאָל וועגן איר זאָרגן; אַז פראַנקרייך, דערהויפּט, דאַרף מיט ליידנשאַפט באַשעפטיקן זיך מיט אויספאָרשן און באַשיידן די פּראָבלעם, וואָס שטייט איצטער פאַר אַלע אינדוסטריעלע נאַציעס פון אייראָפּע.

אַז מע דאַרף אָן דער קלענסטער פאַרזאַמונג אָנעמען די נויטיקע מיט-לען, קעדיי צו פאַרזיכערן פאַרן פאָלק די פרוכטן פון זיין אַרבעט,—

באַשליסט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון דער רעפּובליק:

עס זאָל באַשטימט ווערן אַ שטענדיקע קאָמיסיע, וואָס וועט זיך רופן די רעגירונגס-קאָמיסיע וועגן אַרבעטער, מיט אַ ספּעציעלער און באַשטימטער שליכעס צו באַשעפטיקן זיך מיט זייער לאַגע.

קעדיי צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ באַדייט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג גיט דער באַשיידונג פון אָט דער גרויסער פּראָבלעם, באַשטימט זי פאַר פּרע-זידענט פון דער רעגירונגס-קאָמיסיע וועגן אַרבעטער — איינעם פון אירע מיטגלידער, דעם הער לואי בלאַן, פאַר וויצע-פּרעזידענט — נאָך אַ מיטגליד אירן, דעם הער אַלבער, אַן אַרבעטער.

די אַרבעטער וועלן גערופן ווערן אין דער קאָמיסיע.

די קאָמיסיע וועט האָבן אירע זיצונגען אין דעם לוקסעמבורגער פּאַלאַץ".

ג) דעקרעט וועגן דער גרינדונג פון נאַציאָנאַלע וואַר-שטאַטן פון 28-טן פעוראַל.

פראַנצויזישע רעפּובליק.

פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

„אַרבעטער.

מיטן באַשלוס פון 28-פעוראַל 1848 יאָר האָט דער מיניסטער פון די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַרגעשריבן צו פאַרענדיקן טייקעף יענע געזעל-שאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן.

פון מיטוואָך, דעם ערשטן מאַרט, וועלן אין פאַרשיידענע ערטער אָרגאַ-ניזירט ווערן אַרבעטן פון גרויסער וויכטיקייט.

אַלע אַרבעטער, וואָס ווילן זיך אין זיי באַטייליקן, דאַרפן זיך מעלדן צו איינעם פון די פאָרויצער-מערן, וועלכער וועט אָננעמען זייער מעלדונג און וועט זיי טייקעף אָפּשיקן אין די וואַרשטאַטן.

אַרבעטער פון פּאַריז.

איר ווילט זיך דערשלאָגן דורך אַרבעט א ווירדיקע עקזיסטענץ. זייט זיכער, אַז אַלע אָנשטרענגונגען פון דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען גע-ווענדעט אַף צו העלפן אייך אין אָט דער ריכטונג.

די רעפּובליק וואַרט, די רעפּובליק האָט רעכט צו וואַרטן, אַז דער פּאַ-

טריאַטיום פון אַלע בירגער וועט זיי צווינגען נאָכצופאָלגן איר בײַשפּיל. אַף אַזאַ אויפן וועט פאַרגרעסערט ווערן דער סכום נוצלעכע אַרבעט.

אַזוי זאָלן די אַרבעטן אומעטום באַנײַט ווערן. אַרבעטער, נאָכן ניצאָכן — איז אַרבעט. אָט איז נאָך איין אויסגעצייכנטער בײַשפּיל, וואָס איר קאָנט געבן דער וועלט, און איר וועט אים געבן.

מיניסטער פון די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן מ א ר י״.

4. דער געזעץ־פּראָיעקט פון דער לוקסעמבורגער קאָמיסיע.

„... די מאָס־טלען, וואָס די לוקסעמבורגער קאָמיסיע האָט פאָרגעלייגט, באַשטייען אין קורצן אָט אין וואָס:

פונקט 1: ס׳איז נויטיק צו גרינדן אַן אַרבעטער-מיניסטעריום, וואָס זיין ספּעציעלע אויפגאַבע וואָלט באַשטאַנען אין צוגרייטן די סאָציאַלע רעוואָלוציע און אין דער שטופנווייזער, פרידלעכער, אומקרענקלעכער ליקווידירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

פונקט 2: דעם אַרבעטס-מיניסטעריום דאַרף מען באַאויפטראָגן: 1) אויפקויפן דורך אַרויסלאָזן א מלוכע-רענטע די אייזנבאַנען און אַרץ-גרובן; 2) דעם פראַנצויזישן באַנק פאַרוואַנדלען אין א מלוכע-באַנק; 3) גרינדן מלוכישע פאַרזיכערונגען; 4) אָרגאַניזירן גרויסע סכוירע-לאַגערן, וואָס זאָלן זיין אונטער דער אויפזיכט פון פאַראַנטוואָרטלעכע באַאַמטע, וואוהין די פאַבריקאַנטן און די פּראָדוצירער וואָלטן געקאָנט אהינטאָן זייערע סכוירעס; די דאָקומענטן, וואָס מע באַקומט דערפאַר, דאַרפן האָבן די קראַפט פון פּאַפּיר-געלט, וועלכע וועלן בליסאָפּעק ווערן געזיכערט, ווייל אַפן מאַשקן ליגט סכוירע, וואָס איז אָפּגעשאַצט דורך קאָמפּעטענטע פערזאָנען; ענדלעך 5) עפענען מערק, וואָס דאַרפן פאַרן קליין-האַנדל שפּילן דיזעלבע ראָלע, ווי די סכוירע-לאַגערן פאַרן גרויס-האַנדל.

פונקט 3: פונם ריינעם רעווען, וואָס די פּריוואַטע אונטערנעמער באַקומען אינם איצטיקן מאָמענט פון די אייזנבאַנען און אַרץ-גרובן, פון פאַרזיכערונג און פון די בענק, וועלכע וועלן בא דער נייער סיסטעם אריבערגיין צו דער מלוכע, און פון די מלוכישע שטייערן פון די סכוירע־לאַגערן דאַרף דאָס אַרבעטס־מיניסטעריום צונויפשטעלן זיין ספּעציעלן אַרבעטער-ביודזשעט.

פונקט 4: פון אים דאַרף געדעקט ווערן די הויצאָעס אַף צו באַצאָלן די פּראָצענטן און אַף צו דעקן די האַלוואָע-שולדן, וועלכע נעמען זיך פון דעם, וואָס די מלוכע האָט גענומען אין אירע הענט די אונטערנעמונגען. דער רעשט דאַרף גיין: 1) אַף סובסידירן די אַרבעטער-אַרטעלן און 2) אַף לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס.

פונקט 5: די אַרבעטער-אַרטעלן, וואָס באַקומען פון דער מלוכע סובסידיע און וואָס באַזירן זיך אַפן פּרינציפּ פון ברידערלעכער סאָלידאַריטעט, דאַרפן האָבן די מעגלעכקייט אַנצוזאַמלען און אומאָפּנעמבאַרן און קעסיידער וואַקסנדיקן קאָלעקטיוון קאַפּיטאַל. בא אַזאַ באַדינגונג נאָר וועט פאַרניכטעט ווערן די גרויסע און קליינע וואכערײַ; דער קאַפּיטאַל וועט אויפהערן צו זיין

א מיטל פון עקספּלואַטאַציע; די פּראָדוציר־מיטלען וועלן ניט זיין קיין אייגנ־טום פֿון פּריווילעגירטע פּערזאָנען; דער קרעדיט וועט ניט זיין קיין אָביעקט פון האנדל און ליידיקגייעריי און רייכטום — דאָס אויסשליסלעכע רעכט פון אויסדערוויילטע.

פונקט 6: אין אַרבעטער־אַרטעל, וואָס באַקומט מלוכישע סובסידיע, דאַרף ליגן אינם יעסאָד פון איר עקזיסטענץ פּאָלגנדיקע פּרינציפּן: נאָכן אָראָפּרע־כענען די באַלוינונג פאַר דער אַרבעט, די פּראָצענטן אָפּן קאַפּיטאַל און אַלע אויסגאַבן אַף דער פּראָדוקציע און מאַטעריאַלן, ווערט דער ריינער רעווען פאַנאַנדערגעטיילט אַף אַזאַ אויפן: איין פערטל־טייל גייט אַף צו דעקן דעם קאַפּיטאַל, וואָס געהערט דעם אייגנטימער פונם פאַרמעגן, וואָס די מלוכע האָט אָפּגענומען; פון דעם צווייטן פערטל־טייל ווערט צונויפגעשטעלט א פאָנד אַף צו שטיצן די גאָר אַלטע אַרבעטער; דער דריטער — ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די אַרבעטער אַלס הויסאַפּע־באַלוינונג; דער לעצטער פערטל־טייל גייט אַף צונויפשטעלן א רעזערוו־פאָנד. אַזוי ווערן געגרינדעטע אַרטעלן פון די באַ־זונדערע פּראָפעסיעס. קעדיי צו שאַפן צווישן זיי סאָלידאַריטעט, דאַרף מען אָרגאַניזירן אַרטעלן פון קאָלעראַליי צווייגן פון דער פּראָדוקציע".

5. די לוקסעמבורגער קאָמיסיע און די קאָנפליקטן צווישן אַר־בעטער און אונטערנעמער.

א. די בעקער־אַרבעטער.

„דעם 29־טן מאַרט איז פּאַריז שיר ניט אויפגעשטאַנען אָן ברויט. דעם 25־טן האָב איך באַקומען אַזאַ מין בריוו פון די דעלעגאַטן פון דעם בעקער־סינדיקאַט:

„בירגער פּאַטרעטער פון פּאָלק!

צוויי פּאָרשטייער פון דעם סינדיקאַט פון די פּאַריזער בעקער מוזן אייך טייקעף איבערגעבן א יעדיע וועגן אַ ערנסטער געפאַר, וואָס איז נויגייע דער צוגרייטונג פון ברויט היינטיקן אָוונט; זיי האָבן נעכטן צוויי מאָל באַראַטן זיך מיכן בירגער פּרעפעקט פון דער פּאָליציי; היינט דאַרפן זיי ווידעראַמאָל זעען זיך מיט אים האַלב צוויי אַזייגער. עפשער וואָלט איר קומען אַף דער באַראַטונג. דערדאָזיקער מאָטיוו מאַכט נויטיק די מיטיילונג, וואָס זיי בעטן אייך אויסצוהערן אין נאָמען פון דער רואיקייט פון פּאַריז.

זיי פּאַרבלייבן און אַז. וו.

שאַבעס, דעם 25־טן מאַרט. 11 אַזייגער מיט דריי פערטל".

(ל. בלאַן — „דאָס יאָר 48").

ב) די מיטיילונג פון „מאָניטער".

„היינט האָט מען זיך ווידער געווענדעט צו דער אָפיציעלער אריינמי־שונג פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע וועגן אַרבעטער, אָבער דעם מאָל באַ אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן

איינער פון די פראָדוקציעס (ברויט-בעקעריי אין פּאַריז), וואו די קלענסטע
פערטורבאַציעס קענען ברענגען גאָר ערנסטע רעזולטאַטן פאַר דער דערנערונג
פון דער הויפּטשטאָט. די בעקער-אַרבעטער בילדן א קאָרפּאָראַציע, וועמעס
ליידן עס האָבן געפאָדערט גאָר שנעלע און ווירקנדיקע פּאַליאַטיווע מיטלען.
דער קלאָרער באַוואוסטזיין פון דער אומגליקלעכער לאַגע, וואָס איז אומבאַ-
מערקטערהייט אויסגעפאַלן אף זייער גורל, צווישן אַן אַרבעט-אָרגאַניזאַציע,
וואָס איז ביכלאַל געוואָרן אומערטרעגלעך, האָט זיי נאָך מער צערייצט און
האָט זיי צוגערעדט צו עקסטרעמע באַשלוסן. פּאַריז איז געשטאַנען פאַר אַ
סאַקאָנע צו בלייבן אָן ברויט אין עטלעכע טעג ארום, עפשער, שוין אף
מאָרגן. דאָך איז דערגרייכט געוואָרן אַן איינשטימונג, און אן איינשטימונג אַ
פולשטענדיקע, גלייך ווי מע האָט זיך גענומען דערשלאָגן זיך דערצו; די
דעלעגאַטן פון די באַלעבאַטים און די ארבעטער האָבן היינט אינדערפרי גע-
בראַכט זייער דינטווירע צום בוירערים-געריכט פון דעם פּרעזידענט און דעם
וויצע פּרעזידענט פון דער קאָמיסיע. אַ נייער טאַריף איז אויסגעאַרבעט גע-
וואָרן דורך אַ קורצער פרידלעכער און געמיינשאַפטלעכער באַהאַנדלונג פון די
צדאָדים און איז גערן דורך זיי אָנגענומען געוואָרן. די מערהייט אַרבעטער
בעקער זיינען געשטאַנען אפן הויף פון דעם לוקסעמבורגער פּאַלאַץ, וואַרטנדיק
אין אומגעדולדיקער אויפגערעגטקייט אפן רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען.
דער הער לואי בלאַן איז געקומען איבערלייענען דעם באַשלוס, וואָס איז
באַגעגנט געוואָרן מיט אן אַלגעמיינער באַגייסטערטער האַסקאָמע. צייכנס פון
אויפריכטיקסטער דאַנקבאַרקייט, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די דעלע-
גאַטן פון ביידע צדאָדים, האָבן מיט פּראָצענט באַלוינט די קאָמיסיע פאַר איר
אומערמידלעכער אַרבעט. בעאייס די באַלעבאַטים האָבן אויסגעדריקט זייער
דאַנק דער קאָמיסיע, איז איינער אן אַרבעטער, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן
פאַר א דעלעגאַט דורך אַ פרייוויליקן באַשלוס פון זיינע כאַווערים, צוגעגאַנ-
גען אין גרויס אויפגערעגטקייט צום הער לואי בלאַן, האָט אים הייס געדריקט
די האַנט און האָט אים פאָרגעלייגט פון זייער נאָמען צו צוויי פראַנק, וואָס
זאָלן אַראָפּגערעכנט ווערן באַ איטלעכן פון זיי פון די סכירעס פאַר דעם
ערשטן טאָג אַרבעט און זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין רעשוס פון דער פּראָ-
וויזאָרישער רעגירונג. דידאָזיקע פאַקטן זיינען פילבאַדייטנדיק, וואָרום דאָס
זיינען ניט קיין איינצלנע און אויסשליסלעכע פאַלן. מיר וועלן דאָ ניט נעמען
דערמאָנען די פאַלן פון פאַרלעגנהייטן, באַ וואָסערע מע האָט אָנגעווענדעט די
פאַרמיטלערישע באַשלוסן פון דער קאָמיסיע; דער גרעסטער טייל פון זיי איז
פאַרעפנטלעכט געוואָרן; ניט שפּעטער ווי נעכטן האָט די קאָמיסיע, מיט דער
הילף פון באַצייטנס דורכגעפירטע אונטערהאַנדלונגען מיט דער ליאָנער אייזנבאַן-
קאָמפּאַניע, באַזייטיקט די סיכסוכים, וואָס האָבן געשראָקן צו פאַרלענגערן די
רואינירנדיקע אַרבעטלאָזיקייט פון די ארבעטער מעכאַניקער אין דעם אַנשטאַלט
פון פּאַרקאָ אין דער שטאָט סענט-אואַן; היינט אינדערפרי האָבן די אַרבעטער
געקראָגן אַ פאַרזיכערונג, אז זיי קענען זיך ווידער נעמען פאַר דער אַרבעט,
וואָרום זייער לוין וועט ניט געמינערט ווערן".

6. פראָקלאַמאַציע פון דער צייטווייליקער רעגירונג.
(אויסצוגן)

„פראַנצויזישע רעפובליק. פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

די צייטווייליקע רעגירונג צום פראַנצויזישן פאָלק!

באַ אַלע גרויסע לעבנס-אַקטן פונם פאָלק איז די רעגירונג מכויעוו צו מעלדן וועגן דעם דער נאַציע.

איר גרייט זיך צו באַגיין איינעם פון די גרעסטע אַקטן פונם פאָלקס-לעבן, אויכצואווילן פאָרשטייער פונם לאַנד. אַרויסברענגען פון אייער געוויסן און פון אייער אָפּשטימונג ניט נאָר אַ רעגירונג און אַ סאָציאַלע מאַכט, נאָר אויך אַ גאַנצע קאָנסטיטוציע. איר וועט אָרגאַניזירן אַ רעפובליק.

מיר האָבן זי נאָר פּראָקלאַמירט. זייענדיק אוועקגעשטעלט באַ דער מאַכט מיט דער אַלגעמיינער האַסקאָמע אין דער צווישן-רעגירונגס-צייט פונם פאָלק, האָבן מיר ניט געוואָלט און ווילן ניט קיין אַנדערע דיקטאַטור אַחוץ די, וועלכע עס פאָדערט די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. ווען מיר וואָלטן ניט אָנגענומען דעם געפערלעכן פּאָסטן, וואָלטן מיר געווען פּאַכדאָנים. ווען מיר וואָלטן אים אָפּ פאַרבליבן זאָל זיין אַפילע מיט איין שאָ לענגער, ווי דאָס פאָדערט די נויטווענדיקייט, וואָלטן מיר געווען אוזורפּאַטאָרן.

איר זייט שטאַרק.

מיר ציילן די טעג, מיר שטרעבן איבערצוגעבן וואָס גיכער די רעפובליק דער נאַציע.

דאָס צייטווייליקע וואַל-געזעץ, וואָס מיר האָבן צונויפגעשטעלט, איז דאָס ברייטסטע, וואָס האָט נאָך באַ קיין איין פאָלק אין דער וועלט ניט גערופן דאָס פאָלק אויסצונוצן זיך מיטן העכסטן רעכט פונם מענטשן, מיט זיין אייגענער העכסטער מאַכט.

וואַל-רעכט דאָס איז אַלעמענס רעכט אָן אויסנאַם.

זינט דאָסדאָזיקע געזעץ עקזיסטירט, איז מער אין פראַנקרייך ניטאָ קיין פּראָלעטאַריער.

יעדער פראַנצויז, וואָס האָט דערגרייכט פּוליאָריקייט, איז אַ פּאָליטישער בירגער. יעדער בירגער איז אַ וויילער, יעדער וויילער באַזיצט די העכסטע מאַכט. דאָס רעכט איז גלייך און אַבסאָלוט פאַר אַלעמען. עס איז ניטאָ קיין איין בירגער, וואָס זאָל קאָנען זאָגן דעם צווייטן: „דו באַזיצסט אַ גרעסערע מאַכט פון מיר". באַטראַכט אייער מאַכט, גרייט זיך אויסצונוצן מיט איר און זייט ווירדיק אַריינצוטרעטן אינם באַזיץ פון אייער קעניגרייך.

דאָס קעניגרייך פון פאָלק רופט זיך אָן רעפובליק.

אויב איר וועט אונז פרעגן, וואָס פאַר אַ רעפובליק מיר פאָרשטייען אונטערן דאָזיקן נאָמען, וואָסערע פּרינציפּן, וואָס פאַר אַ פּאָליטיק, וואָס פאַר אַ מאַלעס ווינשן מיר יענע רעפובליקאַנער, וועמען איר וועט אויסוויילן, וועלן מיר אייך ענטפערן: „טוט אַ קוק אָפן פאָלק פון פּאַריז און פראַנקרייך זינט עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפובליק".

דאָס פאָלק האָט זיך העלדיש געשלאָגן.
דאָס פאָלק האָט הומאַניש טריאומפירט.
דאָס פאָלק האָט אין סאמע אָנהויב אונטערדריקט די אנאַרכיע.
דאָס פאָלק האָט גלייך, ווי עס האָט זיך געענדיקט די שלאַכט, צעבראָכן דאָס געווער פון זיין גערעכטיקן צאָרן. עס האָט פאַרברענט דעם עשאַפאָט, עס האָט פראָקלאמירט די אָפּשאַפונג פון טויט-שטראָף קעגן זיינע כאָנים...

עס האָט אָנערקענט די פרייהייט פון פערזענלעכקייט און האָט קיינעם ניט פאַרשיקט.

עס האָט אָנערקענט די פרייהייט פון רעליגיעזן געוויסן, עס וויל, אז די רעליגיע זאָל זיין פריי, אָבער אָן אומגלייכהייט און פריווילעגיעס.

עס האָט ניט אויוועק געוועזן דאָס אייגנטום.

עס האָט אויפגעהויבן די ערלעכקייט ביז אזא הויכער אומאייגנוציקייטן, אז זי רופט ארויס באוואונדערונג און אַנטציקונג אין דער געשיכטע.

עס האָט אויסגעוויילט אף אוועקצושטעלן בעראָש פון זיך די נעמען, פון די ערלעכסטע און פעאיקסטע מענטשן, וועלכע עס האָט נאָר געהאַט בע-יאַד. זיי האָבן קיין איין מאָל ניט אויסגעדריקט קיין האַס אָדער קינע צו אַשירעס.

קיין איין נעקאָמע-געשריי קעגן איינצלנע פערזאָנען.

דעם פאָלקס-נאָמען האָט ער געמאַכט פאַרן נאָמען פון העלדישקייט, גנאָד און טוגנד.

מיר דאַרפן אייך געבן בלויז איין אָנווייזונג: מאַכט נאָך דעם פאָלק. טראַכט, פילט, וואָטירט, האַנדלט אזוי ווי ער".

7. קעגן דעם באַלדיקן צונויפרופן אַ גרינדונגס-פארזאמלונג.

(בלאנקי-קלוב)

„בירגער!

מיר פאָדערן א נידכע פון די וואַלן אין דער נאציאָנאלער גוואַרדיע און אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. דידאָזיקע וואַלן וועלן זיין א קאָמעדיע. אין פאַריז איז בלויז זייער א קליינע צאָל ארבעטער (ouvriers) פאַרשריבן אין די וואל-צעטלען. די אורנעס וואָלטן צונויפגעזאַמלט בלויז די שטימען פון דער בורזשואזיע. אין די שטעט וואָלט דער קלאַס פון די אַרבעטנדיקע, וואָס איז דורך לאַנגע יאָרן פון דרוק און אָרימקייט צוגעוואוינט צום יאָך, ניט גענומען קיין שום אנטייל אין דער אָפּשטימונג אָדער וואָלט ארונטערגעפאַלן, ווי א בלינדע בעהיימע, אונטער דער אָנפירונג פון זיינע באַלעבאַטים. אין די דערפער איז דער גאַנצער איינפלוס קאָנצענטרירט אין די הענט פון די אַריסטאָקראַטן. מיט איר סיסטעם פון אינדיווידועלער אָפּגעזונדערטקייט האָט די געשיקטע טיראַניע דערשטיקט יעדע באַוועגונג אינם האַרצן פון די מאַסן. די אומגליקלעכע פויערים, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אין א צושטאַנד פון לייב-אייגענע. וואָלטן אָן זייער וויסן זיך ארויסגעוויזן אלס אָנשפאַר פאַר זייערע סאָנים, וואָס אונטערדריקן און עקספּלואַטירן זיי.

אונזער נעשאָמע ווערט אויפגעבראַכט פונם געדאַנק, אַז די אונטערדריקער וואָלטן אף אזאַ אויפן זיך געקאָנט אויסנוצן מיט די פרוכטן פון זייער

פאַרברעכן. צווינגען צען מיליאָן מענטשן אפצוקערן זיך פון זייער אייגענער רעטונג, ארויסרייסן באַ זייער אומויסנהייט א סאַנקציע פון זייער קנעכטשאַפט— הייסט באַגיין כילעל-האַשעם. דאָס וואָלט געווען א צו פרעכער כויזעק איבער די פעוראל-באַריקאַדעס.

דאָס פאָלק ווייס ניט; עס איז נויטיק, אַז עס זאָל וויסן. דאָס איז ניט קיין זאַך אף איין טאָג אדער אף איין כוידעש. די קאָנטר-רעוואָלוציע האָט אין מעשעך פון פופצן יאָר איינע אליין געוועלטיקט. ניט שוין זשע וועט עס זיין צופיל, ווען מע זאָל געבן, אויב עפשער מעגלעך, איין יאָר דער פרייהייט, וועלכע פרעטענדירט בלויז אף א האַלבע טריבונע און וועלכע וועט אליין ניט פאַרמאַכן די מויל דעם סוינע.

עס איז נויטיק, אז ליכט זאָל דורכדרינגען אינם לעצטן דערפל פון דער רעפּובליק... עס איז נויטיק, אַז די אַרבעטנדיקע זאָלן אויפהויבן זייערע קעפּ, וואָס זיינען איינגעבויגן פון קנעכטשאַפט, און זאָלן זיך אויפהויבן פונם צו-שטאַנד פון כאַלאָשעס און אָפּגעשוואכטקייט, אין וועלכן די הערשנדיקע קאַסטעס האַלטן זיי, צודריקנדיק זיי די קעפּ מיט די פיס.

און זאָגט ניט, בירגער, אַז אונזער מוירע איז אן אומזיסטע. אויב די וואַלן וועלן פאַרקומען, וועלן זיי זיין רעאקציאָנערע. די שטים פונם קלאַל זאָגט, אז די ראָיאַליסטישע פאַרטיי, די איינציקע אָרגאַניזירטע פאַרטיי אדאנק איר לאַנגער הערשאַפט, וועט באַשליסן דעם אויסגאַנג פון די וואַלן מיט דער הילף פון אינטריגע, אונטערקויפונג און סאָציאַלן איינפלוס און וועט ארויסגיין די זיגערין.

טראַכט זיך אריין אין דעם. דערדאָזיקער ניצאָכן איז אלץ איינס ווי א בירגער-קריג.

פאַריז, דאָס הארץ און מויעך פון פראנקרייך, פאַריז וועט ניט אָפּטרעטן פאַרן אנגרייפנדיקן אומקער פון דער פאַרגאַנגענהייט. טראַכט זיך אריין אין די טרויעריקע פאָלגן פונם קאָנפליקט צווישן דער פאַריזער באַפעלקערונג און דער פאַרזאַמלונג, וועלכע וואלט זיך באטראכט אלס די פאָרשטייערין פון דער נאַציע, ניט זייענדיק עס אין דערעמעסן. אָט די מאָרגנדיקע אָפּשטימונג וועט זיין אן אומגעריכטע זאַך און א ליגן.

זאָל אייער פארזיכטיקייט מאצל זיין פראנקרייך פון אָט דער גרויסער געפאַר. גיט דעם לאַנד א מעגלעכקייט געבוירן צו ווערן פאַר דער רעפּובליק. אינם איצטיקן מאָמענט איז זי נאָך איינגעקלאמערט אינם דערשטיקנדיקן הייטל פון דער מאָנאַרכיע. אפּלייגן די וואלן — דאָס איז דער געשריי פונם פאַרי-זער פאָלק".

8. באַשטימונג פון נאַצ. וואַרשטאַטן.

(א שמועס מיטן ה' מארי) [1].

„הער מארי האָט מיר דעם 20-טן מארט דערקלערט דאָס, וואָס איך האָב שוין פריער באַמערקט: אז הער לואי בלאַן וויל צוליב פּערזענלעכע

---

[1]) א מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג אין א שמועס מיטן שעף פון די נאַצ. וואַר-שטאַטן.

טאַימים צווינגען די ציטעווייליקע רעגירונג, זי זאָל שאַפן א מיניסטעריום פון אַרבעט און פּראָגרעס, קעדיי צו באַרעכטיקן זיין רעפּוטאַציע צווישן די אַרבעטער, אז די רעגירונג שטעלט זיך נאָך אלץ ענערגיש אנטקעגן זיינע פּרעטענזיעס, ווייל זי זעט אין זיי אי די דיקטאַטאָרישע גענג פון אָט דעם מענטשן, אי א פולשטענדיקע און באַלדיקע צעשטערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. די רעגירונג האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן ניט אימשטאַנד ניט מאַסקים צו זיין צו שאַפן אן אַרבעטער-קאָמיסיע, וואו ער וואָלט בלויז געקאָנט פּרואוון דעזאָרגאַניזירן די אַרבעט, אָבער ניט דעזאָרגאַניזירן זי פּאַקטיש.

הער מארי האָט מיר אויך געזאָגט, אז דער ענדגילטיקער ציל פון דער רעגירונג איז געווען בלויז צו דערלאָזן אָט דעם עקספּערימענט 1), אז אן און פאַר זיך וועט ער האָבן א גוטן רעזולטאַט, ווייל ער וועט באַווייזן די אַרבעטער די גאַנצע פּוסטקייט און אבסורדישקייט פון די טעאָריעס, וואָס קאָנען ניט אנגעווענדעט ווערן אין לעבן און וועט זיי צווינגען ארויספּרואוון אף זיך זייערע צעשטערנדיקע פּאָלגן. ווערנדיק אף אזא אויפן אויפגעקלערט, וועלן זיי אף וויטער אויפהערן צו בוקן זיך פאַרן הער לואי בלאַן, וועלכער וועט אנווערן זיין גאַנצן פּרעסטיזש, זיין גאַנצן קויעך און וועט אינגאַנצן אויפהערן זיין געפערלעך.

דעם 23-טן מאַרט האָט מיך ה׳ מארי ארויסגערופן אין Hotel de Ville נאָך דער זיצונג פון דער רעגירונג בין איך אוועק אהינצו און זיך דערוואוסט, אז פאַר די נאַציאָנאַלע ווארשטאַטן איז געעפנט געוואָרן א קרעדיט פון פינף מיליאָן און אז אף וויטער וועלן די פינאַנציעלע אָפּעראַציעס זיין גרינגער.

ה׳ מארי האָט מיך אָפּגערופן אן א זייט און שטילערהייט געפרעגט, צי קאָן איך זיך פאַרלאָזן אף די אַרבעטער.

„יא, האָב איך געענטפערט, נאָר זייער צאָל פאַרגרעסערט זיך אזוי, אז ס׳איז זייער שווער צו האָבן אף זיי אזא דירעקטע ווירקונג, ווי עס וואָלט זיך מיר געוואָלט״.

„די צאָל איז ניט וויכטיק, האָט געזאָגט דער מיניסטער: אויב זיי זיינען אייערע הענט, קאָן זי ניט זיין צו גרויס, אויב איר זאָלט נאָר געפינען דעם וועג ווירקלעך צובינדן זיי צו זיך. קאַרגט ניט קיין געלט: אויב ס׳וועט נויטיק זיין, וועלן מיר אייך באַשטימען אפילע א געהיימען פאָנד״.

„איך רעכן ניט, אז דאָס וועט נויטיק זיין; אין דער צוקונפט קאָן דאָס ארויסרופן ערנסטע פאַרוויקלונגען. אָבער וואָס פאַר א ציל, אכוץ דער געזעלשאַפטלעכער רואיקייט, פאַרפאָלגן אייערע אייצעס?״

„די געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט. צי האלט איר זיך אימשטאַנד אנצופירן אינגאַנצן מיט אייערע מענטשן? ס׳איז מעגלעך, אז עס איז נאָענט דער טאָג, ווען ס׳וועט נויטיק זיין ארויסצורופן זיי אף דער גאַס״.

„איר וועט וועגן דעם אורטיילן, ה׳ מיניסטער״.

צעשיידנדיק זיך מיט מיר (דעם 28 מארט), איז ה׳ מארי ווידער באַשטאַנען אף דער נויטיקייט צו האָבן די אַרבעטער אין זיין פולן רעשוס אין א באַ-

1) די נאַציאָנאַלע ווארשטאַטן.

שטימטן טאָג. ער האָט געפרעגט, צי זיינען זיי באַוואָפנט און האָט מיר געזאָגט, אז מע דארף וועגן דעם זאָרגן און אויב ס'איז נויטיק, וועט ער מיר געבן אַף דעם מיטלען.

9. דעקרעט וועגן פאַנאנדערלאזן די נאציאָנאלע ווארשטאטן.

„אַרבעטער-באַכערים אין עלטער פון 18 ביז 26 יאָר וועלן איינגעלאַדן ווערן אַריינצוטרעטן אין דער רעפובליקאַנישער אַרמיי, קעדיי צו פאַרפילן די פאַרשיידענע פאלקן. יענע, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן צו פאַרשרייבן זיך אַלס וואָלאָנטיאָרן, וועלן טייקעף אויסגעמעקט ווערן פון די רעשימעס פון די נאַציאָנאלע וואַרשטאַטן.

די באַלעבאַטים וועלן קאָנען פאָדערן אַזאַ צאָל פון יענע אַרבעטער (ד. ה. אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן), וואָס זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק אַף צו אָנהויבן אָדער פאָרזעצן זייער אַרבעט. די אַרבעטער, וואס וועלן זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען די איינלאַדונג פון די באַלעבאַטים, וועלן טייקעף אויסגעשטראָכן ווערן פונם אלגעמיינעם צעטל פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן.

פארן מיניסטער פון געזעלשאפטלעכע ארבעט
לויט זיין אויפטראג
גענעראל סעקרעטאר בולאנזש".

10. אויפרוף פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג צו דער נאציאנאלער גווארדיע.

„מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע!

איר האָט נעכטן געגעבן און איר הערט ניט אויף צו געבן גלענצנדיקע באַווייזן פון אייער איבערגעגעבנקייט צום פאָטערלאַנד.

אויב מע האָט נאָך אַף אַ מינוט געקאָנט זיך פרעגן, וואָס איז די סיבע פונם אויפשטאַנד, וואָס פאַרפלייצט מיט בלוט אונזערע גאַסן: פונם אויפשטאַנד, וואָס האָט אין מעשעך פון אַ וואָך אַזוי פיל געביטן דעם אויסרייד און די פאָן, קאָן אָבער קיין שום סאָפּעק ניט זיין איצט, ווען סרייפעס פארוויסטן די הויפט-שטאָט, ווען די פאָרמולעס פון קאָמוניזם און אויפרייצונגען צו רויבערייען ווערן דרייסט פראָקלאַמירט פון די באַריקאַדן.

בליסאָפּעק האָבן דער הונגער, אָרימקייט און אַרבעטסלאָזיקייט מיטגעהאָלפן דעם אויפשטאנד.

אָבער צווישן די אויפגעשטאנענע זיינען פאַראַן אַסאַך אומגליקלעכע, וואס ווערן פאַרפירט: דער פאַרברעכן פון די, וואָס פאַרפירן זיי, און דער ציל, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט, זיינען איצט אינגאנצן אויפגעדעקט.

זיי פאָדערן ניט קיין רעפובליק, זי איז פראָקלאַמירט.

זיי פאָדערן אויך ניט קיין אַלגעמיינע שטים-רעכט, דאָס איז געגעבן געוואָרן אין אַ פולער מאָס.

וואס דען ווילן זיי? איצט ווייסן מיר דאָס! זיי ווילן אַנאַרכיע, סרייפעס, רויבערייען.

נאַציאָנאַלע גוואַרדייער! לאָמיר זיך אַלע פאַרייניקן אַף צו פאַרטיידיקן און ראַטעווען אונזער פרעכטיקע הויפּט-שטאָט.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאמלונג האָט דערקלערט אַן אָן האַפּסאָקעדיקע זיצונג. אַלע פולמאַכטן, וואָס זיינען נויטיק אַף צו פאַרטיידיקן די רעפּובליק, האָט זי קאָנצענטרירט אין די הענט פונם העלדישן גענעראַל קאַוועניאַק.

אַסאַך פאָרשטייער פוצן זיך אויס מיט זייערע אויסצייכענונגס-סימאָנים און שטייען צו צו אייערע רייען, כדי צו קעמפן האַנט בײַ האַנט מיט אייך.

די פאַרזאמלונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און וועט זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום אָנשטרענגונג, כדי אויסצופילן די הייליקע שליכעס, וואָס זי האָט באַקומען. זי וועט אויספילן איר כויוו אַזוי, ווי איר וועט אייערן אויס-פילן.

נאַציאָנאַלע גוואַרדייער! פאַרלאָזט זיך אַף דער פאַרזאמלונג, פונקט אזוי, ווי זי פאַרלאָזט זיך אַף אייך.
זאל לעבן די רעפּובליק!

פרעזידענט פון דער נאַציאָנאַ-
לער פאַרזאמלונג סענאַר".

24-טן יוני, 1848-טן יאָר.

11. אויפרוף פון די פאַריזער אַרבעטער.

(סענט-אַנטואַנער פאָרשטאָט).

„צום געווער!
מיר ווילן אַ דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע רעפּובליק.
מיר ווילן די העכסטע מאַכט פון פאָלק.
אַלע בירגער פון דער רעפּובליק דאַרפן ניט און קענען ניט ווילן קיין שום אַנדער זאַך.

כדי צו פאַרטיידיקן אָט די רעפּובליק, איז נויטיק די מיטווירקונג פון אַלעמען. שוין צוויי טעג, ווי די פילצאָליקע דעמאָקראַטן, וואָס האָבן פאַר-שטאַנען אָט די נויטווענדיקייט, זיינען אַרויס אַף דער גאַס.

אָט די הייליקע זאַך ציילט שוין אַסאַך קאָרבאָנעס; מיר אַלע האָבן זיך באַשלאָסן צו נוקעם זיין זיך אָן אָט די נאָבעלע מאַרטירער אָדער שטאַרבן.

שטייט אויף, בירגער! זאָל קיין איינער פון אייך זיך ניט אַרויסדרייען פון אָט דעם צורוף.

מיטן פאַרטיידיקן די רעפּובליק, פאַרטיידיקט איר דאָס אייגנטום.

אויב צוליב בלינדע אַקשאָנעס וועט איר בלייבן גלייכגילטיק צו אָט דעם גאַנצן פאַרגאָסענעם בלוט, וועלן מיר אַלע שטאַרבן אונטער די פלאַ-קערנדיקע כורוועס פון דער פאָרשטאָט סענט-אַנטואַן.

טוט אַ טראַכט וועגן אייערע פרויען, וועגן אייערע קינדער — און איר וועט קומען צו אונז".

12. „פאַריין פון ברידערלעכע דעמאָקראַטן“ אין די יוני־טעג.

„ברידער! מיר האַלטן פאַר אונזער כּיוו צו ווענדן זיך צו אייך מיט אַ צורוף צו נעמען אונטער אייער שוץ אונזערע ברידער, די פּראָלעטאַריער פון פּאַריז, די קאָרבּאָנעס פון די פאַרעטער, מערדער און רעכילעס-טרייבער.

די פּאַריזער בורזשואַזיע האָט, ענדלעך, געזיגט אין דער געוואונשענער שלאַכט. די באַשעפער פון דער רעפּובליק, זייערע פרויען און קינדער, זיינען געפאַלן אין דער בלוטיקער שלאַכט, פון די הענט פונעם בורזשואַ. דער בורזשואַ איז פאַרשיקערט פון דער ליידנשאַפט פון די מערדערייען. און איצט ווען זיי האָבן געשאַפן אַ רעגירונג פון בלוט און שרעק, ווען זיי רעגירן אין אַ מידבאַר, וואָס זיי רופן אָן „וועלט“, מעלדן זיי מיט טריאומף פאַר זייערע ברידער (לויט דער געמיינהייט) אין אַלע לענדער: „אָרדענונג הערשט אין פּאַריז“.

די ליגנער און רעכילעס-טרייבער פון דער בורזשואַזער פּרעסע האָבן זיך געפּרואווט צו פאַרשווייגן די עמעצע סיבעס פונעם אויפשטאַנד פונעם 23, 24, 25, און 26־טן יוני, אָבער עס האָט זיך ניט איינגעגעבן. פאַר אַלעמען, ווער ס'האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט פון פעווראַל אָן נאָך די געשעענישן אין פראַנקרייך, זיינען די סיבעס פונעם העלדישן אויפשטאַנד קלאָר.

גלייך נאָך איר פּראָקלאַמירונג, האָט די צייטווייליקע רעגירונג דערקלערט, אַז די רעוואָלוציע — דעם פאָלקס אויפטו — דאַרף דינען די אינטערעסן פונעם פאָלק. נאָכן פּראָקלאַמירן אָט דעם פּרינציפּ האָט נאָכגעפאָלגט דער דעקרעט, וואָס האָט יעדן בירגער גאַראַנטירט „דאָס רעכט אַף אַרבעט“.

אָבער אַכוץ די שלעכט אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן, איז גאָרניט געטאָן געוואָרן אַף אויסצופילן די האָפ־אָכעס, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן דעם פאָלק. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעוואָרפן ל. בלאַנס פאָרשלאַגן וועגן אָרגאַניזירן אַן אַרבעטס-מיניסטעריום און האָט באַגלייט איר באַשלוס מיט די גראָבסטע באַליידיקונגען. טאָג-איין טאָג-אויס פלעגן געדונגענע אויסוואורפן פאַרלוימדן אין דער פּרעסע און אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן.

מע פלעגט זיי אָנרופן „גאַנאַווים“ און „אומצופרידענע פוילענצער“. און, ענדלעך, האָט מען די וואַרשטאַטן פאַרמאַכט. די באַשווינדלטע אַרבעטער האָט מען געלאָזן די ברייטע אָדער אַריינטרעטן אין דער אַרמיי אָדער הונגערן. אָט דער טייוולאָנישער באַשלוס האָט אַרויסגערופן די אַרבעטער אַף אַן אויפשטאַנד.

ל. בלאַן האָט פאַראויסגעזאָגט אַ הונגער-רעוואָלוציע, פּאַריז זאָגט איידעס וועגן דעם הונגער-אויפשטאַנד, נאָר עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז עס זאָל ווערן אַ רעוואָלוציע.

מע זאָגט אייך: באַ אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג קאָן קיין אויפשטאַנד ניט באַרעכטיקט ווערן. נאָר מיר באַהויפּטן, אַז אַ מילכאָמע קעגן די שולדיקע פון פאָלקס-ליידן, וואָס צו איר האָט געטריבן די נויט, איז באַ אַלע באַדינגונגען באַרעכטיקט.

דריי רעוואָלוציעס האָבן באַלויכטן דאָס רעכט צו קעגנשטעלן זיך קעגן דער אונטערדריקונג. די נויט פון די פּראָלעטאַריער זאָגט איידעס וועגן אָט דער אונטערדריקונג. די רעגירונג האָט ניט פאַרווירקלעכט דאָס „רעכט אַף אַרבעט", וואָס זי האָט גאַראַנטירט. צוליב דעם אַליין האָט יעדערער פון טויזנט דאָס מאָראַלישע רעכט, ווייל דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך גיט אים מער ניט קיין שוץ אַף צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דער סיסטעם, וואָס האָט אים פאַרמישפּעט צו נויט און הונגער.

די פּאַריזער אַרבעטער זיינען פאַרעטעריש אָפּגענאַרט געוואָרן, זייער האָפענונג איז צעשטערט געוואָרן, די האַפּטאָכעס, וואָס מע האָט זיי געגעבן, האָט מען אויוועך געוועזן, זייערע פירער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין די טפּיסעס, זייערע פּעטיציעס האָט מען באַשפּאָט, זייער רעכט אַף פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען האָט מען דורכן עקלהאַפטן געזעץ פון 7 יוני פאַרניכטעט און ענדלעך זיינען זיי אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די אָרעמס פון הונגער. און דעריבער זיינען זיי אויפגעשטאַנען, דעריבער האָבן זיי זיך גענומען פאַרן געווער מיטן שלאַכט=אויסגעשריי: „אַרבעט אָדער טויט". זיי האָבן געקעמפט און זיינען געפאַלן, ווי שטענדיק פלעגן די קעמפער שטאַרבן פאַר דער גערעכטיקייט.

די רעכילעס-טרייבער פון די אַרבעטנדיקע מאַסן באַהויפּטן, אַז די אינסורגענטן האָבן דערקלערט אַ מילכאָמע דער געזעלשאַפט און דער ציוויליזאַציע. און אויב אַפילע יאָ אַזוי? די געזעלשאַפט פירט מיט זיי אַ מילכאָמע, פאַרוואָס זאָלן זיי ניט פירן קיין מילכאָמע קעגן דער געזעלשאַפט.

מיר דערקלערן, אַז פאַר אַזאַ געזעלשאַפט, ווי זי איז איצט בײַ אונז, איז ניטאָ קיין שום דערעכערעץ. „ציוויליזאַציע" מיינט שלעכט באַצאָלטע אַרבעט, הונגער, טפּיסעס, באַסטיליעס פאַר די מאַסן. פאַר די מיליאָנען איז ציוויליזאַציע אַ ליגן, אַן אָרגאַניזירטע צוויעס, זיי ווינשן דעם אונטערגאַנג פון אַזאַ ציוויליזאַציע. די אַרבעטער פון פּאַריז, וואָס האָבן געוואַרט אַף גליק, האָט איינגעשלונגען דער אָפּגרונט פון ליידן. מיט די ווערטער: „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט" האָט מען כויזעק געמאַכט איבער זיי. זייער פרייהייט איז די הערשאַפט פונם שווערט, זייער גלייכהייט איז אינם הונגער-טויט, אין דער צייט ווען די פּוסט-און-פּאַסניקעס באָדן זיך אין איבערפלוס, און ווען זיי דערקלערן הויך זייער באַשלוס: „לעבן אין אַרבעט, אָדער שטאַרבן אין קאַמף", דאַן דערקלערן זיי די גראַנאַטן, באָמבעס און קוילן די באַדייטונג פון „ברידערלעכקייט".

די פּאָן פון דער רויטער רעפּובליק איז די פּאָן פון די פּראָלעטאַריער פון אייראָפּע. ס'איז אַוועק יענע צייט, ווען די מאַסן האָבן געקאָנט איינגעשלעפערט ווערן מיט פּאָליטישע פראַזן און נאָמינעלע פּאָליטישע רעכט. די מיליאָנען פּראָלעטאַריער פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד פאַרשטייען איצט, אַז די בעסטע פּאַפּירענע קאָנסטיטוציע קאָן זיי ניט גאַראַנטירן ניט נאָר אַלע מענטשלעכע רעכט, נאָר אַפילע די וויכטיקסטע פון זיי. די רויטע פּאָן וואָס איז אַראָפּגעריסן אין די פּאָרשטעט פון פּאַריז, איז ניט דעראָבערט. דער

גלויבן, וואָס דידאָזיקע פאָן דינט אַלס זיין סימוואָל, באַגרעניצט ניט זיין מאַכט מיט איין פּאַריז, נאָר לעבט און וואַקסט אין יעדן מענטשלעכן בינשטאָק פון דער אינדוסטריע, און איין מאַפּאָלע און אַפילע 50 מאַפּאָלעס וועלן ניט קאָנען פאַרניכטן דעם טריאומף פון אָט דעם גלויבן"...

13. לואי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט צו זיינע מיטבירגער.

(וואַל־מאַניפעסט).

„קעדיי מיך אומצוקערן פון גאָלעס, האָט איר מיך געמאַכט פאַר אַ פאָרשטייער פונם פאָלק. ערעוו דער אויסוויילונג פונם הויפּט פון דער רעפּובליק שטעלט זיך אייך פאַר מיין נאָמען אַלס סימוואָל פון אָרדענונג און געפאַרלאָזיקייט.

„איך וויים, אַז די באַוויזן פון אַזאַ גרויסן צוטרוי באַציען זיך מער צו אָט דעם גרויסן נאָמען, איידער פערזענלעך צו מיר, וואָס איך האָב נאָך גאָרניט געטאָן פאַר מיין לאַנד. אָבער וואָס מער מיך פּראָטעזשירט דער אָנדענק פונם אימפּעראַטאָר און וואָס מער ערווירקט אַף אונזערע וואַלן, אַלץ מער פיל איך זיך פאַרפליכטעט אויסצודריקן אייך מיינע געפילן און מיינע פּרינציפּן. צווישן אייך און מיר דאַרפן ניט זיין קיין שום מיספאַרשטייענישן.

„איך בין ניט פון יענע קאָוועד-זוכער, וואָס כאָלעמען וועגן דער אימפּעריע און וועגן מילכאָמע, וועגן אָנווענדן די צעשטערונגס-טעאָריעס. אַלס דערצויגענער אין פרייע לענדער, אין דער שול פון אומגליק, וועל איך שטענדיק פאַרבלייבן געטריי די פליכטן, וועלכע עס לייגן אַף מיר אַרויף אייער אויסוויילן און דער ווילן פון דער פאַרזאַמלונג.

„ווען איך וואָלט אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, וואָלט איך ניט אָפּגעטראָטן פאַר קיין שום געפאַר, פאַר קיין שום קאָרבן, קעדיי צו באַשיצן די געזעלשאַפט, אַף וועלכער מע פאַלט אָן אַזוי פרעך. איך וואָלט זיך איינגאַנצן, אָן שום פּניעס, אָפּגעגעבן אַף צו באַפעסטיקן די רעפּובליק,—פון דער קלוגער, לויט אירע געזעצן,-ערלעכער, לויט אירע קאַוואָנעס,—גרויסער און שטאַרקער רעפּובליק, לויט אירע מאַיסים.

„די זאַך פון מיין קאָוועד וועל איך מאַכן, אַז צום סאָף פון די פיר יאָר זאָל איך איבערגעבן מיין נאָכפאָלגער אַ פעסטע מאַכט, אַן אומבאַרירלעכע פרייהייט, אַ פּראָגרעס, וואָס איז בעפּויעל פאַרווירקלעכט געוואָרן.

„ווי עס זאָל ניט זיין דער רעזולטאַט פון די וואַלן, וועל איך זיך בויגן פאַרן ווילן פונם פאָלק, און מיין מיטהילף געהער אפריער יעדער גערעכטער און פעסטער רעגירונג, וואָס וועט אויפשטעלן אָרדענונג אין די מויכעס און איניאָנים, וואָס וועט טעטיק פּראָטעזשירן די רעליגיע, פאַמיליע און אייגנטום —אָט די אייביקע יעסוידעס פון דער גאַנצער סאָציאַלער אָרדענונג,- וואָס וועט דערפירן די מעגלעכע רעפאָרמעס, וועט אָפּשטעלן די מאַכלויקעס, וועט שאַלעם מאַכן צווישן די פּאַרטייען,—מיט איין וואָרט, איך דערקלער פאָראויס מיין

מיטגעפיל צו יענער רעגירונג, וואָס וועט געבן דעם אומרואיקן לאנד א מעגלעכקייט אויסצורעכענען אף דער צוקונפט.

„אויפשטעלן די אָרדענונג באדייט ארויסצורופן צו זיך צוטרוי, באוואָרענען זיך מיט קרעדיט אף אויפצושטעלן די פינאנסן אינם פאל פון א צייטווייליקן דויכעק אין מיטלען.

„פראטעזשירן די רעליגיע און פאמיליע באדייט פארפעסטיקן די פרייהייט פון גלויבן און די פרייהייט פון אונטעריכט.

„פראטעזשירן דאס אייגנטום הייסט זיכערן די אומבארירלעכקייט פון די פראדוקטן פון דער ארבעט, גאראנטירן די אומאָפּהענגיקייט און זיכערקייט פונם אייגנטום-באזיץ, באפעסטיקן אף ניט קיין וואקלדיקע יעסוידעס אט די נויטיקע פרינציפּן פון בירגערלעכער פרייהייט.

„וואָס איז שאיעך די מעגלעכע רעפאָרמען, איז אָט וואָסערע זיינען לויט מיינונג די נויטיקסטע:

„אכטונג געבן אף דער מעגלעכער שפּארזאמקייט, וואָס זאָל דערלויבן, ניט שאָדנדיק די געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן, פארקלענערן יענע שטייערן, וועלכע לייגן זיך באזונדערס שווער אפן פאָלק; צוגעבן כיישעק דער אונטערנעמונגס-פעאיקייט, וואָס וואָלט אנטוויקלט די רייכטימער פון דער ערד-ארבעט און וואָלט אזוי ארום סאי אין פראנקרייך און סאי אין אלזשיר געקאָנט געבן ארבעט די ניט פארנומענע הענט; זאָרגן וועגן די אלטע און שוואכע ארבעטער דורך גרינדן פאר זיי מוישעוו-זקיינים-הייזער; איינפירן פארבעסערונגען אין אונזערע געזעצן וועגן דער אינדוסטריע, וואָס זאָלן ברענגען ניט צו דער רואינירונג פונם רייכן לעטויוועס דעם אָרימען, נאָר צו דער פארפעסטיקונג פון יעדערנס גליקזעליקייט פאר אלעמענס וואוילשטאנד.

„באגרעניצן אף א גערעכטן אויפן די צאָל אמט-פערזאָנען, וועלכע זיינען אָפּהענגיק פון דער רעגירונג און פארוואנדלען אָפט דאָס פרייע פאָלק אין א פאָלק, וואָס געפינט זיך אונטער יענעמס אפּעטראָפּסעס.

„איינהאלטן יענע פאטאלע שטרעבונג, וועלכע שלעפּט ניט זעלטן אריין די מלוכע אין אזוינע ספערן, וואו די פריוואטע פערזאָנען קאָנען אויפטאָן פונקט אזוי גוט, און אמאָל אפילע בעסער, איידער די מלוכע. דער דעספּאָטיזם האָט בעטעווע א נעטיע צו צענטראליזירן די אינטערעסן און די אונטערנעמונגס-פעאיקייט; וואָס איז שאיעך דער רעפּובליק, קערט זי זיך אָפּ פון יעדער מאנאפּאל.

„ענדלעך פארהיטן די פרעסע-פרייהייט פון צוויי עקסטרעמען, וועלכע קאָמפּראָמעטירן זי שטענדיק: פון ווילקיר און פון איר אייגענער אויסגעלאסנקייט.

„אין דער מילכאָמע וועלן מיר ניט געפינען קיין פארלייכטערונג פאר אונזערע אומגליקן. עס איז קלאָר, אז מיין טייערסטע שטרעבונג וועט זיין אָפּצוהיטן דעם שאָלעם. זינט דער ערשטער רעוואָלוציע איז פראנקרייך געווען קריגעריש, ווייל מע האָט זי געצוואונגען דערצו. אף דעם ארייננרייסן זיך צו איר האָט זי געענפערט מיט דעראָבערונג. איצט, ווען קיינער רופט זי ניט

ארויס, קאָן זי אָפּגעבן אירע קרעפטן דעם פרידלעכן פּראָגרעס, ניט אָפּוועגדנ-דיק זיך, איבעריגנס, פון אן עדלעכער און אנטשלאָסענער פּאָליטיק. א גרויסע נאציע דארף זיך אומזיסט ניט ארויסזאָגן: בעסער דארף זי זיך גאָרניט ארויס-זאָגן, איידער זיך ווענדן מיט פעסטע דראָונגען.

„טראכטן וועגן דער כשיוועס פון דער נאציע, הייסט טראכטן אויך וועגן דער ארמיי, וואָס איר נאָבעלע און אומאייגנוציקער פּאטריאָטיזם פלעגט אָפט ניט אנערקענט ווערן. באם אונטערשטיצן די גרונט-געזעצן, וועלכע גיבן קראפט אונזער מיליטערישער אָרגאניזאציע, איז נויטיק צו זאָרגן זיך וועגן פארלייכ-טערן און ניט וועגן פארגרעסערן די לאסט פון די רעקרוטירונגען. מע דארף זאָרגן וועגן דער קעגנווארט און צוקונפט ניט נאָר בלויז פון די אָפיצערן, נאָר אויך פון די אונטער-אָפיצערן און סאָלדאטן. די מענטשן, וואָס האָבן לאנג געדינט אונטער אונזערע פאָנען, דארף מען געבן א פעסטע לאגע.

„די רעפּובליק דארף ווערן גרויסמוטיק און האָבן א גלויבן אין איר צו-קונפט. איך ווייס גוט, וואָס איז אזוינס גאָלעס און טפיסע, מיטן גאנצן הארצן וואָלט איך געוואָלט זען דעם טאָג, ווען דאָס פאטערלאנד וועט האָבן די מעגלעכקייט אפּצוזאָגן זיך אן געפאר פון די פּראָסקריפּציעס (ארויסשיקונגען) און אפּמעקן די לעצטע שפּורן פון אונזערע בירגערלעכע מאכלויקעס.

„אט דאס זיינען, מיינע טייערע מיטבירגער, די אידייען, וועלכע איך וועל ארייגטראָגן אין מיין פארוואלטונג, אויב איר וועט מיך רופן צום פּרע-זידענט-פּאָסטן פון דער רעפּובליק.

„דידאזיקע אויפגאבע איז א שווערע, דידאזיקע מיסיע איז א קאלאסא-לע,—איך ווייס דאס, אבער איך בין זיך ניט מעיאעש אויסצופילן זי. איך וועל רופן צו הילף די מענטשן, וואָס זיינען באוואוסט מיט זייער הויכער בילדונג און מיט זייער אויסגעפּרואווטער ערלעכקייט. באם רופן זיי וועל איך ניט לייגן קיין אכט אף דעם אונטערשייד פון די פּארטייען.

„איך וועל דערצו מויסיף זיין, אז דער מענטש, וואס האט דעם קאוועד צו שטיין בעראָש פונם פראנצויזישן פאלק, האט א זיכער מיטל צו טאן גוטס: ער דארף עס נאר וועלן.

לואי-נאפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט".

14. די וואַלן אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג.

(אָפּשניטן פון דער וואַל-ליטעראַטור פאַרן פויערטום).

„ . . . אַ רויטער—דאָס איז ניט קיין מענטש, דאָס איז אַ רויטער. ער אורטיילט ניט, ער טראַכט שוין ניט. באַ אים איז שוין ניטאָ ניט דאָס געפיל פון עמעס, ניט דאָס געפיל פון יוישער, ניט דאָס געפיל פון שיינקייט און גוטס. דאָס איז שוין ניט קיין מאָראַליש, פאַרנינפטיק און פריי וועזן, ווי דאָס זיינען איר און איך. אָן ווירדע, אָן מאָראַלישן געפיל, אָן פאַרנינפטיקייט ברענגט ער זיין פרייהייט, זיינע אינסטינקטן, זיינע אידייען פאַר אַ קאָרבן לעטוּוועס זיינע ווילדעסטע, זיינע גראָבסטע טאַיוועס. דאָס איז אַ געפאַלן און

דעגענערירט ווען. זיין פּאָנים אַליין טראָגט די סימאָנים פון אָט דער דעגענערירונג. זיין פּאָנים איז אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרגרעבטער, אָן אויסדרוק; טריבע באַוועגלעכע אויגן, וואָס קוקן קיינמאָל ניט אין פּאָנים, מיידן אויס אַ בליק, ווי די אויגן פון אַ כאַזער; גראָבע ניט האַרמאָנישע געזיכט-צוגן; אַ נידעריקער, קאַלטער, צונויפגעפרעסטער און פלאַכער שטערן; אַ שטומע, ניט אויסדרוק-פולע מויל, ווי באַ אַן אייזל; גרויסע אַרויסגערוקטע ליפּן — אַ סימען פון נידעריקע ליידנשאַפטן; אַ דיקער, ברייטער, אומבאַוועגלעכער און פעסט געבויטער נאָז! אָט דאָס זיינען די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס איר וועט געפינען באַ דאָס ראָוו צעטיילער. אָף זייערע פּענימער זיינען אָנגעצייכנט די נאַרישקייטן פון זייערע טעאָריעס און אידייען, מיט וועלכע זיי לעבן" . . .

(פון ה. וואַלאָנס בראָשור „Les Partageux" („צעטיילער").

„קוקט ... לאָמיר דערלאָזן, אַז באַ אונז אין דאָרף זיינען פאַראַן הונדערט מאַן און אַז מיר אָרדענען איין צוזאַמען אַ געזעלשאַפט. מיר ריידן אָפּ, אַז יעדער זאָל אַריינטראָגן אין דער קאָהאָלשער קאַסע צו פראַנק אַ כוידעש. סאַכאַקל, הייסט עס, הונדערט פראַנק אַ כוידעש און 1.200 אַ יאָר. איינער פון אונזערע כאַוויירים ווערט קראַנק, — פאַרשטייט זיך, דאָס זיינען אַלץ האַשאָרעס, — קיין געלט איז באַ אים ניטאָ, ער איז קראַנק. נו! איז פון אָט דעם געלט קויפן מיר אין אַפּטייק רעפּועס. וואָס איז שאַיעך זיין אַרבעט, לאָזן מיר זי ניט אויסן. די 99 געזונטע פאַרייניקן זיך צוזאַמען. אַף אַ שטרויעלע וואַרפן מיר גוירל און דער, אַף וועמען עס פאַלט אויס, גייט זונטיק באַאַרבעטן זיין פעלד, גראָבן מיטן גראָב-אייזן דעם וויינגאָרטן, אראָפּנעמען די היי אָדער דרעשן זיינע גאַרבן. מע האָט זיך אַ נעם געטאָן גאַנץ פרי, און דו כאַפּסט אַ קוק, עס איז נאָך פאַר מיטאָק-טפילע, און אַלץ איז שוין געענדיקט. אַלע קערן זיך אום צופרידענע; עס איז ניטאָ קיין אָרעמאַן; און דער כוילע, וואָס האָט זיך גוט געהיט, ווערט גאַנץ גיך געזונט. נו! איך פרעג אייך, וועט עס זיין אַ פאַרברעכן בענויגייע צו דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג צו פּראָפּאַגאַנדירן און אויפמונטערן אַזאַ אויסדרוק פון סאָלידאַרישקייט צווישן די מענטשן? איך מיין דאָס ניט, און דאָס איז דאָך דער סאָציאַליזם"...

(פון פּיער זשואַניעט בראָשור „צו מיינע ברידער פּויערים").

15. „דער 18 בריומער פון לואי באָנאַפּאַרט".

אַ) בורזשואזיע.

„די פראַנצויזישע בורזשואַזיע איז אויפגעשטאַנען קעגן דער הערשאַפט פון ארבעטער-פּראָלעטאַריאַט און האָט פאַרפעסטיקט די הערשאַפט פאַרן פּראָלעטאַריאַט פון די לומפּן בעראָש מיטן שעף פון דער „געזעלשאַפט פון 10 דעקאַבר". די בורזשואזיע האָט געהאַלטן פראַנקרייך אין אַן ענדלאָזע מוירע פאַרן קינפטיקן טעראָר פון דער רויטער אנארכיע. באנאפּאַרט האָט דעם 4 דעקאַבר דיסקאָנטירט אָט די צוקונפט, ווען די אַרמיי פון אָרדענונג, וואָס איז

געווען באַגייסטערט פון בראַנפּן, האָט לויט זיין פאַראָרדענונג צעשאָסן אַף די מאַנמארטער און איטאַליענישן בולוואַרן די בעקאָוועדיקע בורזשוא אין די פענסטער פון זייערע אייגענע וואוינונגען. די בורזשואַזיע האָט אין הימל אַריין געלויבט דעם שווערד—דער שווערד האָט געהערשט איבער איר, זי האָט פאַר-ניכטעט די רעוואָלוציאָנערע פּרעסע,— איר אייגענע פרעסע איז פאַרניכטעט געוואָרן. זי האָט אָפּגעגעבן אונטער דער פּאָליצייאישער אויפזיכט די פּאָלקס פאַרזאַמלונגען — אירע סאַלאָנען זיינען אָפּגעגעבן אונטער דער פּאָליציי-אויפזיכט. זי האָט פאַנאַנדערגעלאָזן די דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע — איר אייגענע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן. די בורזשואַזיע האָט איינ-געפירט באַלאַגערונגס צושטאַנד — איצט האָט מען זי אַוועקגעשטעלט אין באַ-לאַגערונגס-צושטאַנד. זי האָט אַרויסגעשטופּט די געשווארענע דורך די מיליטערישע-געריכטן, — אירע געשווארענע זיינען אַרויסגעשטויסן דורכן קריגס-געריכט. זי האָט אונטערגעוואָרפן די פּאָלקס-בילדונג אונטער די גאַלאַ-כים, — די גאַלאָכים האָבן זי אונטערגעוואָרפן אונטער זייער אייגענער בילדונג. זי פלעגט פאַרשיקן אָן אַ געריכט, — מע פאַרשיקט זי אָן אַ געריכט. יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פלעגט זי דורך דער מלוכע-מאַכט אונטערדריקן, — יעדע באַוועגונג פון איר געזעלשאַפט אונטערדריקט די מלוכע-מאַכט. זייענדיק באַגייסטערט מיט ליידנשאַפט צו איר געלט-זאַק, איז זי אויפגעשטאַנען קעגן אירע אייגענע פּאָליטיקער און ליטעראַטן — אירע פּאָליטיקער און ליטעראַטן האָט מען באַזייטיקט און נאָכדעם, ווען איר מויל איז געווען פארשטאָפּט און די פעדער צעבראָכן, האָט מען דעם געלט-זאַק צעראַבירט..."

ב) דער פּראָלעטאַריאַט און די קליין-בורזשואַזיע.

„פאַרוואָס האָט דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט נאָכן 2 דעקאַבער ניט אויפ-געהויבן קיין אויפשטאַנד?

די אַראָפּוואַרפונג פון דער בורזשואַזיע איז בלויז דעקרעטירט געוואָרן, נאָר דער דעקרעט איז נאָך ניט אויסגעפילט געוואָרן. יעדער ערנסטער אויפ-שטאַנד פונם פּראָלעטאַריאַט וואָלט גלייך אויפגעלעבט די בורזשואַזיע, שאָלעם געמאַכט צווישן איר מיט דער אַרמיי און וואָלט געזיכערט דעם פּראָלעטאַריאַט אַ צווייטע יוני-מאַפּאָלע.

דעם 4-טן דעקאַבער האָבן די בורזשואַזיע און די קרעמער אויפגערייצט דעם פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף. דעמזעלבן טאָג אינאָוונט האָבן אייניקע לעגי-אָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע צוגעזאָגט צו קומען אַפן קאַמפּס-פּלאַץ אין דער אוניפאָרם און מיט געווער אין די הענט. דער בורזשוא און די קרע-מער האָבן זיך צו יענער צייט דערוואוסט, אַז באָנאַפּאַרט האָט דורך איינעם פון די דעקרעטן פון 2 דעקאַבער אָפּגעשאַפט די געהיימע אָפּשטימונג און האָט זיי אַזוי ארום געצוואונגען צו שרייבן „יאָ" אָדער „ניין" אין די אָפענע אָפי-ציעלע צעטלען זייט באַ זייט מיט זייער נאָמען. די אויפרעגונג פון 4 דעקאַבער האָט איבערגעשראָקן באָנאַפּאַרטן. אין מעשעך פון דער נאַכט האָט ער באַ-פוילן צוצושלאָגן אַף די שייד-ווענט פון פּאַריז פּלאַקאַטן, וואָס האָבן דער-

קלערט די צוריק-אויפשטעלונג פון דער געהיימער אָפּשטימונג. דער בורזשואַ און די קרעמער האָבן געהאלטן, אַז זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט. און צווישן די, וואָס האָבן אַף מאָרגן ניט געהאַט קיין כיישעק אַרויסצוגיין אין גאַס, זיי-נען אַפן ערשטן אָרט געווען דער בורזשואַ און די קרעמער.

דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט בעאייס באָנאַפּאַרטס אָנפאַלן דעם 1 דעקאַבר באַנאַכט אָנגעוואָרן זיינע פירער, די קאָמאַנדירן פון די באַריקאַדן. נאָכדעם ווי ער איז פאַרבליבן מיט אַן אַרמיי אָן אָפיצערן און האָט זיך געפו-נען אונטער דער פרישער דערינערונג פון די יוני-טעג פון 1848 און 1849 יאָר און פון די מאַי-טעג פון 1850 יאָר און קלאַל ניט זייענדיק גענויגט צו קעמפן אונטער דער פאָן פון די מאָנטאַניאַרן, האָט ער איבערגעלאָזן זיין אַוואַנגאַרד, די געהיימע געזעלשאַפטן, ראַטעווען די אינסורעקציאָנס-ערע פון פּאַריז. די בורזשואַזיע האָט מיט אַזאַ הילפסלאָזיקייט אָפּגעטראָטן פאַר די סאָלדאַטן, אַז מיט א צייט שפּעטער האָט באָנאַפּאַרט, ווען ער האָט אָנטוואָפנט איר נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, אַרויסגעשטעלט פאָלגנדיקע איראָנישע מאָטיוו: ער האָט מוירע, אַז די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער פון דער בורזשואַזיע וועלן אונטער דער ווירקונג פון די אַנאַרכיסטן מיסברויכן מיט זייער געווער קעגן דער בורזשואַ-זיע גופע".

ג) דאָס פּויערטום.

„אַזוי ווי די בורבאָנער זיינען געווען די דינאַסטיע פונם גרויסן ערד-באַזיץ און די אָרלעאַנער — די דינאַסטיע פונם געלט-זאַק, אַזוי זיינען די באָ-נאַפּאַרטן — די דינאַסטיע פון די פּויערים, ד. ה. פון דער פראַנצויזישער פאָלקס-מאַסע. ניט באָנאַפּאַרט, וואָס וואַרפט זיך אונטער דעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענט, נאָר באָנאַפּאַרט, וואָס האָט צעטריבן דעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענט, איז דער ווירקלעכער אויסדערוויילטער פון די פּויערים. דריי יאָר האָט זיך איינגעגעבן די שטעט צו פאַלסיפיצירן דעם ווירקלעכן זין פון די וואַלן פון 10 דעקאַבר, אָפּנאַרנדיק די האַפענונגען פון די פּויערים אַף צוריק אויפשטעלן די אימפּע-ריע. נאָך דער Coup d'etat פון 2 דעקאַבר 1851 יאָר האָט אויסגעפילט דעם ווילן פון די ווילער פון 10 דעקאַבר 1848 יאָר.

די פּויערים, וואָס פאַרמאָגן ברעקלעך ערד, בילדן די קאָלאָסאַלע מאַסע, וואָס די מיטגלידער אירע לעבן אַלע אין גלייכע באַדינגונגען און טרעטן אָבער ניט אַריין איינער מיטן צווייטן אין וואָסערע ס'איז פעסטע און קאָמפּליצירטע באַציאונגען. זייער פּראָדוציר-אויפן איז ניט נאָר וואָס ער שאַפט ניט קיין קעגנזייטיקן פאַרקער צווישן זיי, נאָר ער איזאָלירט זיי מאָמעש איינעם פון דעם אַנדערן. די איזאָלירונג פאַרגרעסערט זיך נאָך אדאנק די שלעכטע פאַרקער-וועגן אין פראַנקרייך און דער אָרימקייט פון די פּויערים. דאָס פּראָדוציר-פעלד, דער קליינער ערד-פלאַץ פאָדערט ניט פאַר זיין באַאַרבעטונג ניט קיין אַרבעט-צעטיילונג, ניט די אָנווענדונג פון דער וויסנשאַפט, פאָדערט ניט, הייסט עס, קיין אַלזייטיקע אַנטוויקלונג, קיין פאַרשיידנאַרטיקייט פון טאַלאַנטן, קיין קאָמ-פּליצירטקייט פון געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. יעדע באַזונדערע פּויערים-

מישפּאָכע קומט קימאַט אליין אויס, פּראָדוצירט זעלבשטענדיק דאָס ראָוו זאַכן פונם אייגענעם געברויך און באַקומט אזוי ארום אירע לעבנס-מיטלען מער פונם אויסטויש מיט דער נאַטור, איידער פון די באַציאונגען מיט דער געזעלשאַפט. א שטיקל ערד, אַ פּויער און זיין פאַמיליע; זייט-באַ זייט אַ צווייטע ברעקל ערד, א צווייטער פּויער און א צווייטע פאַמיליע. אַ באַשטימטער סכום פאַמיליעס אַזעלכע בילדעט א דאָרף; א באַשטימטע סומע דערפער בילדעט א דעפּאַרטאַמענט. אַזוי אַרום ווערט דער גרעסטער טייל פון דער פראַנצויזישער נאַציע צונויפגעשטעלט דורך א געוויינלעכן ביבער פון זאַכן, וואָס האָבן איין גרויס, פּונקט אזוי, ווי אַ זאַק קאַרטאָפל ווערט צענויפגעשטעלט פון איינצלנע קאַרטאָפל. אַף וויפל מיליאָנען פאַמיליעס עקזיסטירן אין עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס אַדאַנק זיי אונטערשיידן זיי זיך לויט זייער אַרט לעבן, לויט זייערע אינטערעסן און בילדונג, פון אַלע אַנדערע קלאַסן און זייַנען אַפילע פיינטלעך צו זיי, אַף אַזויפיל בילדן זיי אליין א קלאַס. אַף וויפל אָבער צווישן די ווינציק-ערדיקע פּויערים עקזיסטירט בלויז א לאָקאַלע פאַרבינדונג. אַף וויפל די זעלביקייט פון זייערע אינטערעסן שאַפט ניט קיין שום געמיינזאַמקייט, קיין שום נאַציאָנאַלע פאַרייניקונג, קיין שום פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, בילדן זיי ניט קיין קלאַס. זיי זיינען דעריבער ניט פעאיק צו פאַרטיידיקן זייערע קלאַסן-אינטערעסן פון אייגענעם נאָמען ניט אין פאַרלאַמענט, ניט אין וואָס פאַר א ס'איז קאָנווענט. זיי קאָנען זיך אליין ניט פארטרעטן, זיי דארפן ווערן פאַרטראָטן דורך אנדערע. זייער פאָרשטייער דאַרף אין דער זעלבער צייט זיין זייער האַר, זייער אווטאָריטעט, וואָס איז באוואָפנט מיט אַן אומבאַגרעניצטער רעגירונגס-מאַכט, וואָס פארטיידיקט זיי פון אַלע אַנדערע קלאַסן און שיקט זיי פון אויבן רעגן און זונען-שטראַלן. די פּאָליטישע ווירקונג פון די ווינציק-ערדיקע פויערים געפינט זיך אזוי אַרום דעם פולסטן אויסדרוק אין דעם, וואָס די עקזעקוטיווע מאַכט וואַרפט אונטער די געזעלשאפט אונטער זיך.

אונטער דער ווירקונג פון דער היסטאָרישער טראַדיציע איז צווישן די פראַנצויזישע פויערים אנטשטאַנען דער גלויבן, אז אַ געוויסער מענטש, מיטן נאָמען נאַפּאָלעאָן, וועט זיי ברענגען מיט זיך אַל דאָס גוטס. און אָט איז געקומען דער מענטש, וועמען מע האָט פאָרגעשטעלט אַלס אָט דעם מאַן, וואָרום ער האָט געטראָגן דעם נאָמען נאפּאָלעאָן, שטיצנדיק זיך אַפן פּונקט פון נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס, וואָס זאגט: „ניט געזעצלעך געבוירענע איז פארווערט אויפצוזוכן דעם פאָטער”. דאָס צוגעזאגטע איז ענדלעך מעקויעם געוואָרן, און אָט איז דער מענטש נאָך א צוואנציק-יאריקן ארומשלעפּן זיך און נאָך אַ גאנצער ריי וואונדערלעכע איוואנטיורעס געוואָרן דער אימפּעראטאָר פון די פראנצויזן. דעם פלימעניקס „Idée fix” איז מעקויעם געוואָרן, ווייל זי איז צונויפגעפאַלן מיט דער „Idée fix” פונם גרעסטן קלאַס פון די פראנצויזן.

נאָר עס האנדלט זיך אין דעם, וואָס די דינאַסטיע פון באָנאַפּאַרטן שטעלט מיט זיך פאָר ניט דעם רעוואָלוציאָנערן, נאָר דעם קאָנסערוואַטיוון פּויער, ניט יענעם פויער, וואָס שטרעבט ארויסצוגיין פון די גרעניצן פון די סאָציאלע באדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ, פון די גרעניצן פון זיין ברעקל

ערד, נאָר יענעם, וואָס וויל פארקערט פארפעסטיקן אָט די באדינגונגען; ניט יענע דאָרפישע באפעלקערונג, וואָס וויל מיט דער אייגענער ענערגיע, פאַריי- ניקנדיק זיך מיט די שטעט, אַראָפּוואַרפן די אַלטע אָרדענונג, נאָר יענע, וואָס זייענדיק איינגעשלאָפן צוזאַמען מיט אירע ערד-ברעקלעך אין די ראמען פון אָט דער אַלטער אָרדענונג, גאַרט נאָך רעטונג און שוץ פונם געשפענסט פון דער אימפעריע. באָנאפּאַרטס-דינאסטיע איז די פאָרשטייערין ניט פון אויפקלע- רונג, נאָר פון פויערישן אבערגלויבן, ניט פון זייער פאַרשטאַנד, נאָר פון זיי- ערע פאראורטיילן, ניט פון זייער צוקונפט, נאר פון זייער פארגאנגענהייט".

(ק. מארקס: „18-טער בריומער").

ב. דייטשלאַנד.

די מאַרט־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

די מאַרט-רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָט געזאָלט באַשאַפן, אנשטאָט דער זעלבסטהערשערישער שטאַנדן - מלוכע, א מלוכע פון דער בורזשואזיע. אין לאַנד זיינען נאָך ניט געלייזט געוואָרן די סטירעס צווישן דעם פעאָדאליזם און קאַפּיטאַליזם; די האַנטווערקערישע צעכן־פאָרמען האָבן זיך נאָך פיבער-האַפט געקלאַמערט אָן לעבן, עס זיינען נאָך ניט געווען אויסגעלעבט די פאָרמען פון קלאַסן-קאַמף, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך דער עפּאָכע פון האַנדל-קאַפּיטאַליזם, און די האַלב-כאָרעווע, האַלב-צעפאַלענע פעאָדאַלע געזעלשאַפט, וואָס איז איינצייטיק געווען אויך אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, האַגאַם קאַפּיטאַליסטיש איז זי געווען נאָר אין מעטושטעשע, צעשוואומענע און געמישטע קאָמבינאַציעס, האָט שוין געטראָגן אין זיך נייע קלאַסן - סטירעס און אַ נייעם קלאַסן-קאַמף. אָט די פאַרייניקונג פון עלעמענטן פון דער „אַלטער אָרדענונג" און קאַפּיטאַליזם איז די כאראקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט. אָט דער פילפאַרביקער אויסגעמיש פון פאַרגאנגענהייט מיט צוקונפט האָט באַשטימט דעם גאַנג און דעם גורל פון דער מאַרט־רעוואָלוציע, ווי פון אַ „ניט פאַרענדיקטער בורזשואזער רעוואָלוציע". אָבער ווען מע רעדט וועגן דער דייטשישער רעוואָלוציע, מוז מען פריער אָפּריידן וואָס צו פאַרשטיין אונטערן וואָרט „דייטשלאנד". אין דעם 19-טן יאָרהונדערט איז עס געווען דער נאָמען פון העכער 30 „מלוכעס". נאָך נאַפּאָלעאָנס מילכאָמע איז די באַפעלקערונג פון דייטשלאַנד געווען אונטער דער הערשאַפט פון אַיין אימפעראַטאָר (דער עסטרייכישער), 5 קעניגן און 29 סואווערענע פירשטן. די צענטראַלע מלוכעס פון דייטשלאַנד זיינען געווען עסטרייך און פרייסן. מיט דער כאראקטעריסטיק פון דער עסטרייכישער רעוואָלוציע דעם 13-טן מאַרט און דער פרייסישער—דעם 18-טן מאַרט וועלן מיר זיך פאַרנעמען אין אָט דעם קאַפּיטל. עס וועט אונז אויך אינטערעסירן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איר צוועק איז געווען איינצושטעלן די איינהייט פון לאַנד.

דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפט 19־טן יאָרהונדערט.

וואָס האָט מיט זיך דייטשלאַנד פאָרגעשטעלט אין עקאָנאָמישן זינען אין דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט? די איבערוואָג אין לאַנד האָט געהאַט לאַנדווירטשאַפט און מעלאָכע. די איינוואוינער פון די שטעט אין פרייסן האָבן

אויסגעמאַכט צום 1849 יאָר—28,4% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד, דערביי איז ביז דעם יאָר 1849 דער וואוקס פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג קימאַט ניט אָפּגעשטאַנען פון דעם וואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. און פרייסן אין 49-טן יאָר האָט נאָר בערלין געציילט 300 טויזנט איינוואוינער. אין שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 10.000 איז געווען נאָר 10½% איינוואוינער פון לאַנד, און מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 100.000—3%. דערביי האָבן אין די שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 5.000 ביז 20% געלעבט אפן כעשבן פון לאַנדווירטשאַפט. אַזוי איז די לאַגע געווען אויך אין עסטרייך. דאָ איז אין 1846 יאָר אף די שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון 100.000 אויסגעקומען סאַכאַקל 2,8% איינוואוינער פון לאַנד. די גרעסטע שטאָט איז געווען ווין (408.000 מאַן). עסטרייך איז א מלוכע פון נאַציאָנאַליטעטן. אין אונגאַרן, איינער פון די אַמערסטן זעלבשטענדיקע טיילן אין עסטרייך, איז געווען נאָר איין שטאָט מיט אַ באפעלקערונג פון 100.000, און אין לאַנד האָט זיך גערעכנט סאַכאַקל 20 שטעט מיט א צאָל איינוואוינער ביז 10.000. די אינ-דוסטריע פון לאַנד איז נאָך געווען אַרומגעפלאָכטן מיט צעכן-באַגרעניצונגען. אין עסטרייך „האָט געהאַט א רעכט צו באַשעפטיקן זיך מיט אינדוסטריעלער טעטיקייט נאָר אזא איינער, וואָס האָט געקראָגן פון צעך, לויט דעם סיידער, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַלפי געזעץ, דעם נאָמען מייסטער". דאָסזעל-בע אויך אין פרייסן. אַזוי איז אין פרייסן אין די 40-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט אף 457.365 זעלבשטענדיקע מייסטערס געווען 384.783 געזעלן און נאָר 78.000 פאַבריק-אונטערנעמונגען מיט 550.000 אַרבעטער. שטאַרק אַנט-וויקלט איז געווען די הויז-אינדוסטריע. אין פרייסן, לעמאָשל, איז געווען 217.388 וועב-שטולן, וואָס זיינען געשטאַנען אין די אונטערנעמונגען, און 585.835—אין די היימען. די מאַשין האָט ערשט אָנגעהויבן דורכשלאָגן זיך אַ וועג אין דער אינדוסטריע. אין עסטרייך איז אין 1841 יאָר געווען אין באַנוץ 231 דאַמף-מאַשינען. פון דערויף איז העכער א העלפט געווען אין דער טעק-סטיל-אינדוסטריע. מע מוז באַמערקן, אַז נאָר באַ א העלפט פון דער גאַנצער צאָל מאַשינען איז אויסגעבויט געוואָרן אין עסטרייך, די איבעריקע זיינען אַריינגעפירט געוואָרן פון אויסלאַנד. נאָך נידעריקער אין עקאָנאָמישן זינען איז געשטאַנען אונגאַרן. אין דער הויפּטשטאָט אירער, אין פעשט, איז אף 360.000 מייסטערס און 6.900 געזעלן געווען סאַכאַקל 876 פאַבריק-אַרבעטער. די אָפּ-געשטאַנענקייט פון דייטשלאַנד טרעט אַרויס באַזונדערס בוילעט, ווען מע פאַר-גלייכט זי מיט דער צווייטער העלפט 19 טן יאָרהונדערט. עס איז גענוג אָנצווא-ווייזן אף אָט די ציפערן: פון דעם יאָר 1842 ביז די 90-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט איז די צאָל אַרבעטער אין דער אינדוסטריע פון שטיין-קוילן אויס-געוואַקסן אין 25 מאָל, און די פּראָדוקטיוויקייט פון די שמעלץ-אויוונס — אין 138 מאָל. דייטשלאַנד ביזן 1848 יאָר קען מען דעריבער מיט רעכט רעכענען פאַר אַ לאנד א „פאר-קאפיטאליסטישע", אין פארגלייך מיטן סאָף 19-טן יאָר-הונדערט. עס איז אָבער גענוג צו פארגלייכן איר ווירטשאַפט מיט דער לאַגע אין אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט, וועלן מיר בלי-סאָפעק איינזעען דעם קאַפּיטאַ-

ליסטישן פראָגרעס פון לאַנד. אזוי האָט אין אָנהויב יאָרה נדערט אין די שטעט פון פרייסן געוואוינט 6,42% פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד, און צו דער העלפט 19 טן יאָרהונדערט, ווי מיר האָבן שוין געזען, 28.4%. וואוהין מיר זאָלן זיך ניט ווענדן, וועלן מיר אומעטום געפינען אַן עקאָנאָמישן פראָגרעס. אין 1835 יאָר איז אין דייטשלאַנד אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע באַן; אין 1840 יאָר איז די לענג אירע געווען 540 קילאָמעטער, בא א יערלעכן צוואוואוקס פון 108 קילאָמעטער; אין 1850 יאָר איז די לענג פון דער נעץ אויסגעוואַקסן ביז 5.856 קילאָמעטער. דער פראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג איז פאַרשנעלערט געוואָרן נאָך דעם יאָר 1834, ווען די דייטשישע מלוכעס האָבן זיך פאַרייניקט אין אַ פאַרבאַנד פון איין כּאַריף-גרעניץ. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש צו באמערקן דאָ דעם לאַנגזאַמען טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם. אין עסטרייך, ווי אויך אין דייטשלאַנד ביכלאַל, האָט אין די 40-ער יאָרן שוין ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַן אומגעשטערטער הערשאַפט פון דער פעאָדאַל-צעכן געזעלשאַפט. עס האָט דאָרט געהערשט א מין צווישן-צושטאַנד, וואָס איז נאָך מער געווען ניט אַריבערצוטראָגן, וואָרום דאָרט האָבן זיך פאַרייניקט אַלע פינסטערע זייטן פון דעם אָוואר, וואָס איז אונטערגעגאַנגען אף אייביק, און דעם היינט, וואָס איז נאָך ניט צייטיק געוואָרן. דער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך נאָך ניט אינגאנצן אנטוויקלט, האָט אויסגעזויגן אַלע זאַפטן פון די רעשטן פון די פריערעווירטשאַפטלעכע פאָרמען, און פאַר דער קנאַפּקייט פון אינעווייניקסטער קראַפט און ברייטקייט פון פאַרנעם האָט זיך קאָמפּענסירט מיט דער אומדערהערסטער און שמוציקסטער עקספּלואַטאַציע. דער קאַפּיטאַל איז געוואַקסן „טראָפּנווייז", אָבער אויך אין אזא געשטאַלט האָט ער כאָרעוו געמאַכט דאָס אלטע. אייניקע געגנטן פון דייטשלאַנד ווי די ריין-פּראָווינץ, וועסטפאַליען, האָבן זיך ווייטער פון אנדערע א רוק געטאָן אַפן וועג פון קאַפּיטאַליזם. דער פּראָצעס פון דעם אריינדרינגען פונם קאַפּיטאַליזם אין לאַנד האָט זיך א ביסל טאַרמאַזירט דורך דער קאָנקורענץ פון ענגלאַנד, דער פאַרבאַטנדיקער גרעניץ-פּאָליטיק פון די קאָנטינענטאַלע מלוכעס; אָבער דער דאַלעס פון דעם דייטשן פאָלק האָט געשאַפן אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן אף אַרויסצוקוועטשן מערווערט און האָט דערמיט קאָמפּענסירט די אויסלענדישע קאָנקורענטן (זע מאַט. און דאָק. נומער 1).

די קלאַסן אין דייטשלאַנד ערעוו דער רעוואָלוציע.

אויב אין די שטעט איז די שטאַנדהאַפטיקייט פון די פאַרקאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען געווען שוין גאַנץ היפּש צעטרייסלט, האָט אָבער אין דאָרף נאָך געהערשט אין א גוואַלדיקער מאָס די אַלטע אָרדענונג. דער 1848 יאָר האָט געטראָפן די פויערים אונטער דער לאַסט פון א היפּשן כיילעק פון מיטלאלטערלעכן יאָך. פּערזענלעך איז דער פויער דערקלערט געוואָרן פריי אין פרייסן אין 1807 יאָר, אין עסטרייך נאָך אין 1781 יאָר. אָבער די באַפרייאונג פונם פויער, ווי אַן ערד-א בעטער און אַן ערד-אייגנטימער, האָט זיך פאַרהאַלטן אין פרייסן איז צו די 20-ער יאָרן נאָר א טייל פון די מער פאַרמעגלעכע פּוי-

ערים דערקלערט געוואָרן פאַר באַלעבאַטים פון דער ערד און האָט געקראָגן דאָס רעכט אויסצוקויפן די פעאָדאַלע היסכאַיוועסן. אין עסטרייך איז ביז דעם 1848 יאָר קימאַט גאָרניט געטאָן געוואָרן אַף צו מאַכן דעם פּויער פאַר א זעלבשטענדיקן אייגנטימער. אין אונגאַרן האָט דער פּויער, נאָך ערעוו דער רעוואָלוציע, געאַרבעט פּאַנשטשינע העכער 100 טעג אין יאָר און, אַכוץ דער גרויסער צאָל היסכאַיוועסן, האָט ער אָפּגעגעבן $1/10$ פון זיין געראַטעניש דער קירך און $1/9$ דעם פּאָריץ. דאָס בילכער־רעכט פון דעם פּאָריץ אַף געיעג, זיינע שטייערן־פּריווילעגיעס, זיין געריכטלעכע מאַכט האָבן פּאַקטיש געמאַכט דעם פּאָריץ פאַרן האַר און הערשער פון זיינע פּויערים. א געוויסער טייל פון די מער פאַרמעגלעכע פּויערים אין פּרייסן איז געווען פריי, אָבער וואָס האָט זיי אָפּגעקאָסט דידאָזיקע באַפרייאונג? בעסאַכאַקל זיינען באַפרייט געוואָרן פון פעאָדאַלע היסכאַיוועסן פון 1815 ביז 1848 360.234 פּויערים. דערביי האָבן זיי אָנגעוואָרן 400 העקטאַר ערד, האָבן אין איינמאָל אויסגעצאָלט 18.544.768 טאַלער (א טאַלער $= 1\frac{1}{2}$ רובל) און זיינען געווען מעכוייעוו אויסצאָלן א יערלעכע רענטע פון 1.600.000 טאַלער מעזומען און 58.138 פּוד ברויט א יאָר. די פּויערים אייגנטימער זיינען געווען א פּריווילעגירטער שיכט פון דער גאַנצער מאַסע. די פּריצים פלעגן רייך ווערן. „דער פעאָדאַלער אַדל, גרויס אין צאָל און רייך, האָט זיך אָפיציעל גערעכנט פאַרן ערשטן שטאַנד אין לאַנד"... זיי האָבן אָפּגעהיט דעם גרעסטן טייל פון זייערע אַלטע פּריווילעגיעס, און אַף זייערע נאַכלעס האָבן זיי איצטער אָפּט געפירט א גרויסווירטשאַפט. די פּריצים האָבן זיך פאַרבונדן מיטן אייראָפּעאישן מאַרק און פלעגן אַהין אַרויסוואַרפן די פּראָדוקטן פון דער פּויערשער ווירטשאַפט. די לעצטע יאָרצענדליקן ערעוו דער רעוואָלוציע זיינען געווען יאָרן פון א לאַנדווירטשאַפטלעכן אויפלעב אין לאַנד. דאָס האָט מיטגעהאָלפן דער צעשפּאַלטונג צווישן דעם אַדל. אַנטקעגן די מאַגנאַטן־פעאָדאַלן, די קאָנסערוואַטאָרן, פלעגן אָפּט אַרויסטרעטן די פּריצים, וואָס האָבן געשטרעבט צו באַגרעניצטע מלוכע־רעפאָרמען. אָבער, בעדערעך קלאַל, איז דער אַדל געווען פאַרבונדן מיט דער אַלטער אָרדענונג. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויפבלי האָט אים צוגעגעבן קויכעס נאָר צו קעמפן מיטן פאָלק.

וועגן אָט דעם אויפבלי פון דער לאַנדווירטשאַפט אַפן באַזיס פון דער באַך ניט באַפרייטער לייב־אייגנטימערישער פּויערשער אַרבעט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פולשטענדיקער אינדוסטריאַליזירונג פון ענגלאַנד זאָגן איידעס אָט די צוויי טאַבעלן.

אינם פּרייסישן קעניגרייך (פון זיין פריערדיקן באַשטאַנד) קאָן דער דורכשניטלעכער פּרייז פאַר א טאָן סוואוע אויסגעדריקט ווערן אין אָט די ציפערן:

יאָרן	ווייץ	קאָרן	גערשטן	האָבער	אַרבעס
1830—1821	121,4	126,8	76,6	79,8	97,0
1840—1831	138,4	100,6	87,6	91,6	107,4
1850—1841	167,8	123,0	111,2	100,6	130,0
1860—1851	211,4	165.4	150,2	144,0	176,0

און די דורכשניטלעכע יערלעכע גרויס פון דער ריינער האכנאָסע, לאָמיר זאָגן, פון גראף שטאמבערג-ווערניגעראדע האָט באטראָפן פאר די יאָרן:

1780 — 1789 = 18.831.36 מאַרק
1840 — 1879 = 28.258.95 „
1880 — 1883 = 59.077.18 „

אף אט דעם באזיס פון דער וואקסנדיקער מאטעריעלער מאכט האָט זיך דערהויבן דער אדל פון דייטשלאנד, וועלכער האָט איינצייטיק פאריייניקט אין זיך די שטריכן פונם פעאָדאל און פונם קאפיטאליסט.

די קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג האָט ארויסגערוקט די בורזשואזיע, דאָס איז אָבער געווען אַ קנאַפּער קויעך. „די בורזשואזיע אין דייטשלאַנד איז געווען ווייט ניט אַזוי רייך און אַזוי קאָנצענטרירט, ווי אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד... אינדוסטריעלע ראַיאָנען זיינען געווען ווייניק, און זיי זיינען געווען ווייט צעוואָרפן איינער פון דעם אַנדערן”. די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג האָט ניט באַשאַפן קיין איין גרויסן צענטער, ווי פּאַריז צי לאָנדאָן. די בורזשואזיע איז אָבער געוואָרן אַלץ שטאַרקער און ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן אַרויסשטעלן פאָדערונגען דער מלוכע־מאַכט. אונטער איר דרוק, אָדער, ריכטיקער, אין אירע אינטערעסן איז אין 1818 יאָר איינגעפירט געוואָרן אַ פראָטעקציאָניסטישער טאַריף, און אין 1834 יאָר איז באשאפן געוואָרן דער גרעניץ-פּאַרבאַנד. פון 1840 יאָר ווערט די ליבעראַלע בורזשואזיע א פאַקטאָר פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. דאָך האָט זי ניט געקענט ווערן דער אנטשיידנדיקער קויעך אין דער איבערקערעניש. און דאָס, וואָס די בורזשואזיע האָט געזאָלט אויפטאָן אין דער רעוואָלוציע, האָט אָפּגעטאָן די קליין-בורזשואזיע, און אין אייניקע טיילן פון לאַנד, אין אונגארן, דער „אַדל פון די קליינע מאיאָנטקעס”.

די קליין-בורזשואזיע איז געווען דער וויכטיקסטער טייל פון דער באַפעלקערונג און דער גרעסטער אין צאָל. באַ די באדינגונגען, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט געווירקט לאַנגזאַם, אָבער אַריינדרינגענדיק אומעטום מיט אַ צעשטערנדיקן קויעך, איז דאָס קליינבירגערטום געוואָרן אַלץ מער דעמוטיק און האכנאָעדיק פאַר דער שטאַרקער מאָנאַרכיסטישער רעגירונג. האָט זיך די בורזשואזיע גענומען אויפהויבן, אַזוי האָט זיך דאָס קליינבירגערטום געווענדעט צום ליבעראַליזם; אַז די בורזשואזיע האָט פאַר זיך דערוואָרבן די מאַכט, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ

שטאַרקער פּאַראָקסיזם פון דעמאָקראַטיזם; און האָט זיך דער קלאַס, וואָס איז געשטאַנען אונטער אים, דער פּראָלעטאַריאַט, דערוועגט אויף אַ זעלבשטענדיקער באַוועגונג, אַזוי איז עס אַריינגעפאַלן אין דער סאַמע פּאַראַכטער פּאַכדאָנעס. צווישן דער קליין-בורזשואַזיע איז באַזונדער שטאַרק געווען דער רעאַקציאָנע-רער פליגל, וואָס האָט געטרוימט וועגן אומקערן זיך צו דער פאַר-קאַפּיטאַליס-טישער געזעלשאַפט. די אינטעליגענץ, א סאָציאַלע גרופּע וואָס איז געשטאַנען צו זיי אמנאָענסטן, איז געווען א היפּשער קויעך פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דערדראָזיקער עפּאָכע. די אידעאַלן אירע גייען ניט ווייטער פון נעפּלדיקע פאָרשטעלונגען וועגן א רעפּובליק, אָן קיין שום סאָציאַלער באַפּאַר-בונג. די ליבעראַלע בורזשואַזיע שטעלט אַרויס אַנטקעגן זיי קאָנסטיטוציאָנעלע טעאָריעס, געבויט אויף אַן אָפּמאַך מיטן הערשנדיקן רעזשים. דער ליבעראַליזם שטייט אויף אַ „רעכטלעכן באָדן", און נעמט זיך איבער מיט זיין געזעצלעכקייט.

די ארבעטער ערעוו דער מאַרט-רעוואָלוציע.

פון די פריערדיקע רייד דאַרף שוין זיין קלאָר די ראָלע און דער באַדייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דייטשלאַנד פון פאַר מאַרט. די פאַבריק-און זאַוואָד-אַרבעטער זיינען געווען אַ נישטיקע מינדערהייט. די פּראָלעטאַריער פון דער גרויס-אינדוסטריע זיינען געווען אַן אומבאַדייטנדיקע גרופּע אַפילו אין בערלין און אין ווין. די הויפּט-מאַסע פון דעם פּראָלעטאַריאַט — זיינען באַלמעלאָכעס און לומפּן-פּראָלעטאַריער. אין 1844 יאָר האָט אויסגעבראָכן א בונט אין שלעזיע. שלעזיע איז געווען א מעדינע פון א ברייט-אַנטוויקלטער טעקסטילער הויז-אינדוסטריע, אַ מעדינע פון גרויסע פּעאָדאַלן. דאָ, מער איידער אין יעדער אַנדער קאַנט פון דייטשלאַנד, זיינען געווען די עלעמענטן אי פון דעם אָוואר אי פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אָסיד. די הונגעריקע וועבער האָבן געבראָכן די מאַשינען און געצונדן די פאַבריקן. דעם בונט האָט מען גיך אונטערגעדריקט. אזעלכע אויפשטאַנדן האָבן זיך איבערגעכאַזערט אין באָהעמיע און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. קאַמף מיט די מאַשינען—דאָס איז געווען דער לאָזונג פון דער סטיכישער אַרבעטער-באַוועגונג. א טייל באַלמעלאָכעס האָט געכאָלעמט וועגן ווידער אויפלעבן די צעכן. מאַכמעס דעם קריזיס פון 1847 יאָר איז ווין און בערלין, ווי אויך דאָס גאַנצע לאַנד, געווען פול מיט אַרבעטסלאָזע, דעקלאַ-סירטע מאַסן. אָבער צווישן דעם באַלמעלאָכישן פּראָלעטאַריאַט פון די קאַפּי-טאַליסטיש מער אַנטוויקלטע טיילן פון לאַנד, אין דער ריינישער געגנט, און אויך אין פּריסן, טרעפן מיר שוין קאָמוניסטיש-באַוואוסטזיניקע און רעוואָלו-ציאָנער - געשטימטע פּראָלעטאַריער און באַלמעלאָכעס. ביז דער רעוואָלוציע זיינען צווישן די דייטשישע געזעלן באַזונדערס שטאַרק געווען די אידייען פון דעם פראַנצויזישן אוטאָפּיסטישן קאָמוניזם. בעראָש פון די דייטשישע אוטאָפּיסטן איז געווען דער שניידער ו וי י ט ל י נ ג. זיין טוירע האָט געשטימט מיט דער סאָציא-לער איבערגאַנגס-לאַגע פון דעם דייטשישן באַלמעלאָכישן פּראָלעטאַריאַט: דאָס זיינען שוין געווען פּראָלעטאַריער, אָבער נאָך פּראָלעטאַריער-געזעלן. מאַרקס האָט געשריבן וועגן וויטלינגן: „ווען מע זאָל פאַרגלייכן די גיגאַנטישע קינ-

דער-שיכלעך פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיט די קאַרליקשע אָפּגעטראָטענע שיך פון דער בורזשואַזיע, מוז מען פּאָרויסזאָגן דעם דייטשישן שלומפּערל א גיגאַנ-טישן וואוקס". פאַר וויטלינגן איז קלאָר, אַז „די באַפרייאונג פון דעם אַרבע-טער-קלאַס מוז דערגרייכט ווערן דורך די הענט פון דעם אַרבעטער-קלאַס אַליין", ער רעכנט אָבער, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע דאַרף זיך שטיצן ניט אָף דעם וואַקסנדיקן קויעך פון זיין אָרגאַניזאַציע, נאָר אף דער אָרימקייט פון די מאַסן. אזוי ווי אַלע אוטאָפּיסטן, בויט ער דעם פּלאַן פון דער צוקונפט-טיקער געזעלשאַפט און דערוואַרט די פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעאַלן, אויב ניט פון „א גוטן מיליאָנער", ווי פוריע, איז פון „א קאָמוניסטישן מאַ-שיעך". פאַר וויטלינגן איז כאַראַקטעריסטיש דער האַס צו דער בורזשואַזיע און די אָפּלייקענונג פון קלאַסן-שאָלעם. ער גיט זיך אָבער ניט אָפּ קיין קלאָרן כעשבן וועגן דעם באַדייט פון פּאָליטישער מאַכט פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס. אָט אַזאַ איז די געפּלאָנטערטע, אָבער דאָך שוין היפּש פּראָגרעסירטע טוירע פון דעם פּראָלעטאַריער-געזעל.

ערעוו דעם 48-טן יאָר איז אַרויס דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעשריבן (לאָנדאָן, 1847). די געדאַנקען פון דעם מאַניפעסט האָבן מער געשטימט מיט דער טענדענץ פון דער אַנטוויקלונג, איי-דער מיט דער לאַגע פון דעם באַטרעפנדיקן היסטאָרישן מאָמענט. אָבער אין דעם מאַניפעסט איז געגעבן געוואָרן א געניאַלער פּראָגנאָז פון דער צוקונפט. אין דער רעוואָלוציע פון 48-טן יאָר האָבן זיך די האַנאָכעס, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן פּראָקלאַמירט, גלענצנדיק באַרעכטיקט. דערווייל, אָבער, זיינען דידאָזיקע געדאַנקען געווען נאָך דאָס אייגנס פון קליינע פּראָלעטאַרישע גרופּן (זע מאַט. און דאָק. 2, 3, 4).

די פּאָליטישע אָרדענונג פון דייטשלאַנד ערעוו דער רעוואָלוציע.

אף אן אייגנאַרטיקן סאָציאַל-עקאָנאָמישן פונדאַמענט איז געווען אויסגע-בויט דער בינין פון די דייטשישע מלוכעס. דייטשלאַנד איז געווען שטאַרק צעברעקלט, סאַי עקאָנאָמיש, סאַי פּאָליטיש. עטלעכע צענדליק זעלבסטהערשער האָבן רעגירט איבערן לאַנד. נאָך נאַפּאָלעאָנס מילכאָמעס און דער רעוואָלו-ציע פון 30-טן יאָר איז ערגעץ וואו אין די קליינע מלוכעלעך פון דייטשלאַנד איינגעפירט געוואָרן א קאָנסטיטוציע. אָבער ביכלאַל האָט עס אויסגעזען, אַז דער ווילקיר פון דער זעלבסטהערשונג פון דער אַלמעכטיקער ביוראָקראַטיע איז אף אייביקע יאָרן. אינסטיטוציעס פון שטאַנדס-פאַרטרעטערשאַפט זיינען, עמעס, געווען אין לאַנד, אָבער זיי האָבן מער געטראַכט וועגן די אינטערעסן פון די פּריווילעגירטע, איידער פון פאָלק. די רעגירונג האָט געשטרעבט צו דער-ציען ניט קיין בירגער, נאָר אונטערטאַנען: „א נאַרישן פויער, אן עכטן פיליס-טער, א געטרייען ביורגער און א טשינאָווניק א כאַבאַרניק". אין לאַנד איז געווען, דאַכט זיך, גאָר רואיק. דאָס איז אָבער געווען די שטילקייט פון א בעסאָלמען. אין דעם יאָר 1815 האָט מען צוגעזאָגט א קאָנסטיטוציע. אינגיכן אָבער איז דערדאָזיקער צוזאָג פאַרגעסן געוואָרן. אין די 40-ער יאָרן האָט זיך

באַמערקט א פּאָליטישע אויפלעבונג אין לאַנד. אין 1847 יאָר האָט די פינאַנ־ציעלע נויט געצוואונגען דעם פרייסישן קעניג געבן זיין האַסקאָמע אף צונויפ־רופן די פּראָווינציעלע שטאַנדן־פאָרשטייער פון לאַנד. פונקט אַזאַ מין אינ־סטיטוציע האָט אונטערן איינפלוס פון דער פינאַנציעלער נויט באַשלאָסן צונויפרופן אויך דער עסטרייכישער אימפּעראַטאָר. עסטרייך, ווי א נאַציאָנאַלי־טעטן-מלוכע, איז, אַכוץ אלץ, נאָך באַקאַנט מיט די אַנטיקן פון אונטערדרי־קונג מיצאד דער הערשנדיקער נאַציע בענויגייע צו אלע אַנדערע פעלקער אין לאַנד. די רעגירונג הערשט, אָנרייצנדיק איין פּאָלק אפן אנדערן. אַזוי האָט די רעגירונג אין 1846 יאָר, בעאייס דעם פּוילישן אויפשטאַנד, געאיילט צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די רוסינישע פּויערים און האָט זיי אָנגערייצט קעגן די פּאָליאַקן—די פּריצים. אין אונגאַרן רופט זי צונויף די שטאַנדן-אינסטיטו־ציעס, קעדיי אָפּצושוואַכן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פון איינעם פון די שטאַרקסטע פעלקער אין דער אימפּעריע.

איבער אָט דער גאַנצער פאַרשיידנפאַרביקער פאַרייניקונג פון מלוכעס שטייט דער סיים, א פּאָרשטייערשאַפט פון די איינצלנע רעגירונגען. זיין אוואודע איז אין לעצטן סאכאקל—אונטערצודריקן יעדער שטרעבונג צו פרייהייט. דאָס איז א פּיירע פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע. ער איז באַשאַפן געוואָרן דורכן ווינער קאָנגרעס, און זיין שוימער איז דער עסטרייכישער מיניסטער מעטערניך, וואָס אף זיין נאָמען רופט מען די גאַנצע פאַר-מארט-סיסטעם פון דער דייטשישער רעגירונג.

דער 1־טער פעריאָד פון דער מאַרט-רעוואָלוציע.

אין די 40-ער יאָרן האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, א געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג. אין 1847 יאָר ווערט זי גע־שפּייזט פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס: דער „קאַרטאָפל בונט", די פויערשע באַוועגונגען,—דאָס זיינען די בסורע-ברענגער פון דער רעוואָלוציע. דעם 24־טן פעוורואַל 1848 יאָר איז פראַנקרייך דערקלערט געוואָרן אַ רעפּובליק. דאָס האָט געדינט ווי א סיגנאַל פאַר דייטשלאַנד. דאָ איז אַלץ געווען צוגעגרייט פאַר א רעוואָלוציאָנערן אויסבראָך. אין דייטשלאַנד איז אָבער די צעפּאַלונג פון דער אַלטער אָרדענונג פאַרגאַנגען ווייטער, איידער דער וואוקס און די קויכעס פון דער בורזשואזיע. אָט פאַרוואָס די איניציאַטיוו פון פראַנקרייך האָט געהאַט אַזאַ גרויסן באַדייט פאַר דייטשלאַנד: שוין פון סאָף פעווראל 48-טן יאָר האָט דאָס פאָלק אין אייניקע דאָרעם-מלוכעס פון דייטשלאַנד געצוואונגען די רעגי־רונג צו שענקען א קאָנסטיטוציע, די באַוועגונג האָט נאָך אָבער נים אָרומגע־כאַפּט די שטאַרקסטע מלוכעס: עסטרייך און פּרייסן. דעם 13־טן מאַרט האָט די רעוואָלוציע מענאַצייעך געווען אין ווין, דעם 18-טן — אין בערלין. פריער איידער אין עסטרייך גופע האָט דער שטאַנדן־סיים אין אונגאַרן, מיטן מויל פון ל. קאָשוט, אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אַ קאָנסטיטוציע און א זעלב־שטענדיקן מיניסטעריום; דידאָזיקע פאָדערונגען האָט מען אָפּגעשיקט אין ווין.

דעם 13-טן מאַרט האָבן די פּאָלקס-מאַסן פון ווין אַרומגערינגלט די געביידע, וואו עס זיינען געזעסן די פּראָווינציעלע פאָרשטייער און האָבן געפאָדערט אַנטשלאָסענע מאיסים. דער ליבעראַל פישהאָף האָט אין זיין רעדע, וואָס איז געווען דער ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט אין לאַנד, געפאָדערט פרייהייט פון פּרעסע, אַראָפּנעמען די קייטן פון דער וויסנשאַפט און פרייהייט פון געוויסן, אַ פּאָלקס-פאַרטרעטערשאַפט און אַ ברידערלעכן פאַרבאַנד פון די פעלקער אין עסטרייך. ווייטער פון דידאָזיקע פאָדערונגען זיינען די ליבעראַלן ניט געגאַנגען. אין אונגאַרן האָט דער אַדל מיט קאָשוטן בעראָש, קעדיי אויסצומיידן עס זאָל זיך ניט איבערכאַזערן די מאַיסע גאַליציע אין 46-טן יאָר, באַשלאָסן צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די פּויערים. זייער קאַוואָנע איז ניט געווען ראַדיקאַל זיי צו באַפרייען. דער באַשלוס פון דעם סיים האָט געהאַט אין אויג אַ פרייוויליקן העסקעם פון די פּריצים צו באַפרייען די פּויערים פון די פעאָדאַלע היסכאַיוועסן. אין ווין האָט דאָס פאָלק אויסגעריסן פון דעם קעניג אין די טעג פון 14—15 מאַרט עדיקטן וועגן באַשאַפן אַ סטודענטישע און אַ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, אַ היסכאַיוועס צונויפצורופן אַ פאָלקס-פאַרטרעטערשאַפט און מעשאַלייעך זיין מעטערניכן. אין פּרייסן, אין בערלין, האָט דאָס פאָלק אויך געצוואונגען דעם קעניג נאָכצוגעבן אין אַ ריי איניאָנים. דער קעניג האָט צוגעזאָגט פרייהייט פון פּרעסע, צונויפרופן אַ פאַראייניקטן לאַנדטאַג. דידאָזיקע האַנאָכעס זיינען אָבער געווען נאָר דער ערשטער שריט. די בורזשואַ האָבן טריאומפירט, און ווען דער יוסטיץ-מיניסטער סאַווינאַי האָט גראַטולירט אַן אַלטן אַרבעטער, האָט יענער אים געענטפערט מיט אַ פינסטערן פּאָנים: „דו פאַרשטייסט ניט, אַלטער, אַז אונז האָט מען געגעבן גאָלע גאָרניט״. אַ באַוואָפנטער אָנפאַל אויפן פאָלק אין בערלין האָט אַרויסגערופן אַ פאַראַקשנטן באַריקאַדן-שלאַכט. דער פּרייסישער קעניג איז געווען געצוואונגען צונעמען דעם כאַיל פון דער הויפּט-שטאָט; ער האָט צוגעזאָגט אַ קאָנסטיטוציע און האָט געמאָלדן וועגן זיין שטרעבונג צו שטעלן זיך בעראָש פון דער „דייטשישער באַוועגונג צו איינהייט״. אין פּרייסן איז באַשאַפן געוואָרן דאָס ליבעראַלע מאַרט-מיניסטעריום, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון ליבעראַלע אַריסטאָקראַטן און דער בורזשואַזיע און האָט געזאָלט זיין אַ „העסקעם-מיניסטעריום״. אַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט די ערשטע טעג פון דעם קאַמף. ווער האָט זיך באַטייליקט אין דער מאַרט-רעוואָלוציע און ווער האָט זיך באַנוצט מיט אירע רעזולטאַטן? דער אַקטיווער קויעך אין ווין און אין בערלין זיינען געווען די אַרבעטער און די קליין-בורזשואַ. שוין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע אין ווין האָט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פאַרטיידיקט די פאַבריקן אין די פאָרשטעט, די אַרבעטער זאָלן זיי ניט פּאָגראָמירן. און בעאייס אַף די גאַסן פון ווין איז געגאַנגען דער קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, האָט אין די פאָרשטעט די בורזשואַזע גוואַרדיע אָפּגערעכנט זיך מיט די אַרבעטער. אין בערלין האָט שוין דעם 21-טן מאַרט די בורזשואַזיע, אין דער פּערזאָן פון איינעם פון די „קאָמאַנדירן פון די באַריקאַדן—אורבאַן״, געבעטן ראַכמים באַם קעניג ער זאָל אומקערן דעם כאַיל אין הויפּט-שטאָט אַרײַן.

עמעס, אין ווין האָט די נאַציאָנאַלע אייניקייט אנגעהאַלטן אסאך לענגער איידער אין בערלין, אָבער אי אין עסטרייך אי אין פּרייסן האָט זיך פון די ערשטע מינוטן אָן, און וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער, אָנגעמערקט א כלוקע־דייע צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואזיע, וואָס האָט געהאַט בעדייע צו צעדריקן די אַרבעטער. מיר האָבן פריער געזעען, ווי אין אונגאַרן האָט דער סיים, קעדיי צוציען אף זיין צאד די פּויערים, אָנגענומען עפּעס מיטלען צו פאַר־גרינגערן זייער לאַגע. אָבער טייקעף האָט דער אונגאַרישער אדל באנוצט זיך מיט די רעזולטאטן פון דער מאַרט-רעוואָלוציע, קעדיי איינצושטעלן אַן אייגענע קאָנסטיטוציע און א נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע. דערנאָכדעם האָט דאָס פּויערטום אין אונגאַרן, און אויך אין די איבעריקע טיילן פון דייטשלאַנד, מיט אויפ-שטאַנדן געמוזט דערמאָנען וועגן זיך די רעגירונג. אין עסטרייך און אין פּרייסן האָט מען די פּויערים-פּראַגע אָפּגעלייגט ביז וואַנען די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג וועט זי באַטראַכטן. אָבער די פּויערשע באַוועגונג האָט געצוואונגען די רעגי־רונג פון די דייטשישע מלוכעס צוויילן זיך און טיילווייז צו לייזן די אַגראַר-פּראַגע. איר שאַרפקייט איז גיך פאַרקלענערט געוואָרן, האַגאַם זי איז נאָך ווייט ניט געווען געלייזט.

אין עסטרייך האָט די רעגירונג געשענקט א קאָנסטיטוציע דעם 25־טן אפּרעל. די דאָזיקע קאָנסטיטוציע האָט איינגעפירט א וואַל-סיסטעם אפן יעסאָד פון צענזן. זי האָט ניט פאָראויסגעזעען קיין קאָנסטיטואַנטע אף איבערצובויען די מלוכע, נאָר די באַשאַפונג פון א קאַמער, וואָס זאָל ברענגען צו א העסקעם צווישן דער קרוין און דעם פאָלק. קעגן אָט דער געשענקטער קאָנסטיטוציע האָבן אויפגעהויבן א פּראָטעסט די סטודענטן, אַרבעטער און קליין־בורזשואזיע פון ווין. דעם 15-טן מאַי, ווי אַן ענטפער אף דעם, וואָס מע האָט פאַנאַנדערגעלאָזן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם סטודענטישן לעגיאָן און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, האָט זיך אין א ו נ ג א ר ן איבערגעכאַזערט די געשעענישן פון דעם 13-טן מאַרט. מע האָט געטאָן אַלץ, קעדיי ניט צו דערלאָזן די ארבעטער פון די פאָרשטעט אין שטאָט אריין, אָבער ניט קוקנדיק דערויף, האבן די פּראָלע־טאריער, ניט קוקנדיק אף דער בורזשואזיע, מיטגעהאָלפן דעם ניצאָכן. דעם 15־טן מאי האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק פון ווין דערשלאָגן זיך, עס זאָל צונויפגערופן ווערן א קאָנסטיטואירנדיקער רייכסטאג, וואָס די אונטערשטע קאַמער זיינע דאַרף אויסגעוויילט ווערן אפן יעסאָד פון אַלגעמיינעם וואל-רעכט. אָבער די באַגרעניצונגען פאַר אַרבעטער זיינען פונדעסטוועגן געבליבן. אין א פּאָר טעג אַרום איז דער אימפּעראַטאָר אנטלאָפן, ווין האָט זיך ווידער אויפגערו־דערט. די קליין-בורזשואזיע פון דער הויפּטשטאָט האָט, ניט אַזוי ווי די רעוואָ-לוציאָנערן פון פּאַריז, בעשאס דער קעניג איז אנטלאָפן קיין וואַרען, געגומען טראַכטן קוידעמקאָל וועגן אומקערן צוריק דעם אימפּעראטאָר און אָפּהיטן זיין פּערזאָן. דעם 26-טן מאי האָט די רעגירונג פאַנאַנדערגעלאָזן דעם סטודענטישן לעגיאָן. עס איז ווידער געוואָרן א גערודער. אויך דאָס מאָל האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן דער הילף פון די אַרבעטער פון די פּאָרשטעט. מיט דער שטיצע פון די ארבעטער האָט זיך איינגעגעבן באַטל צו מאַכן דעם דעקרעט

וועגן פֿאַנאַנדערלאָזן דעם סטודענטישן לעגיאָן. די רעוואָלוציע האָט ווידער גויוער געווען, זי האָט אָבער ניט געקאָנט אויסנוצן די רעזולטאַטן פֿון איר ניצאָכן. אין מאַי איז דער פּראָלעטאַריאַט און די סטודענטנשאַפֿט געווען אַן אַנטשיידנדיקער קויעך. די ראָלע פֿון דער סטודענטנשאַפֿט אין דער ווינער רעוואָלוציע דערקלערט זיך קוידעמקאָל מיט דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון לאַנד, וואו דעם פּראָלעטאַריאַט איז אויסגעקומען אויסצופֿירן די שליכעס פֿון דער קליין-בורזשואַזיע, און די קליין-בורזשואַזיע מיט איר אינטעליגענץ האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעריסן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע. מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון עסטרייך דאַרף מען אויך דערקלערן די געוויסע פּאַסיווקייט מיצאַד דער ווינער בורזשואַזיע, וואָס באַ איר גאַנצער סינע צו די פּאָרשטעט האָט זי זיך דאָך ניט געקאָנט אַנטשליסן, פּונדעסטוועגן, אָפּן איינצורייסן מיט זיי (זע מאַט. און דאָק. נומער 10).

אין בערלין האָט מען צוגעזאָגט אַ קאָנסטיטוציע. דאָס נייע וואַל-געזעץ האָט געדאַרפֿט אויסגעאַרבעט ווערן דורך דעם פֿאַראייניקטן לאַנדטאַג. איינגיכן איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דאָס נייע געזעץ, וואָס האָט איינגעפֿירט אומדירעקטע וואַלן. די אַרבעטער און די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער באַגרעניצונג פֿון דער וואַל-סיסטעם, אָבער אין בערלין איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געווען ניט גענוג שטאַרק צו דערשלאָגן זיך אַזעלכע רעזולטאַטן, ווי אין ווין. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפֿצורופֿן אַ העסקעם-קאַמער. די סטירעס צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע זיינען דאָ שטאַרקער, איידער אין ווין, מאַכמעס די פּרייסישע בורזשואַזיע איז געווען עקאָנאָמיש מער אַנטוויקלט, און די קליין-בורזשואַזיע איז געווען מער פּאַכדאָנעסדיק, איידער אין עסטרייך, און די רעזולטאַטן זיינען דאָ דעריבער געווען נאָך קלענערע.

אַזוי האָט דער ערשטער פּעריאָד פֿון דער רעוואָלוציע איבער גאַנץ דייטשלאַנד געגעבן אַ ניצאָכן דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. דער ווייטערדיקער גוירל פֿון דער רעוואָלוציע האָט געדאַרפֿט באַשלאָסן ווערן לויטן ווילן פֿון דער בורזשואַזיע אין די פּאַרלאַמענטן, אָפּן „רעכטלעכן באַדן", אין העסקעם מיטן אַדל און דער מאָנאַרכיע. און אַפֿילע דאָרט, וואו מענאַצייעך געווען האָט דאָס פֿאָלק, ווי אין ווין, לעמאָשל, האָט עס אויך ניט געוואוסט, ווי אויסצונוצן זיין ניצאָכן, און ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון זיינע הענט. דער ניצאָכן פֿון פֿאָלק האָט נאָר פֿאַרשטאַרקט די רעאַקציע.

די פֿאַראייניקונגס-באַוועגונג אין דייטשלאַנד.

איינצייטיק מיט דער באַוועגונג אין די באַזונדערע לענדער איז געגאַנגען דער קאַמף פֿאַר דער פֿאַראייניקונג פֿון דייטשלאַנד. דעם 31-טן מאַרט 48-טן יאָר האָבן זיך אין פֿראַנקפֿורט געעפֿנט די זיצונגען פֿון דעם פֿאָר-פּאַרלאַמענט. די דעפּוטאַטן דאָרט זיינען געווען מיטגלידער פֿון די פּאַרלאַמענטן, וואָס זיינען שוין פֿון פֿריער געווען אין די דייטשישע מלוכעס, און אויך די אָנגעזעענסטע שרייבער און קלאַל-טוער פֿון לאַנד. די פֿאַרזאַמלונג האָט געהאַט

אירע זיצונגען נעבן דעם סיים. זי האט באַשלאָסן צונויפּרופן אין מאַי א נאַ-ציאָנאַלע קאָנסטיטואַנטע, אויסגעוויילט אפן יעסאָד פון אלגעמיינעם וואל-רעכט פאַרן גאַנצן לאנד, און דערווייל האָט זי באַשלאָסן זיך פּאַנאַנדערצוגיין, אויסטיילנדיק א קאָמיסיע פון 50. די פארזאַמלונג האט ניט געוואָלט ניט פּאַ-נאַנדערלאָזן דעם סיים, ניט אומענדערן זיין באַשטאנד און זיין טעטיקייט. די רעפּובליקאנישע אָפּאָזיציע פון דעם פאָרפּאַרלאמענט האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזעלכע באַשלוסן. זי האט געפאָדערט, אז די פאַרזאמלונג זאָל האָבן זיצונגען ביז וואנען ס'וועט צונויפגערופן ווערן די קאָנסטיטואַנטע. זי האט ניט אנ-דערש געוואָלט, אז דער סיים זאָל פּאַנאַנדערגעלאָזן ווערן. דידאָזיקע פּאָדע-רונגען האט מען אָבער אָפּגעוואָרפן. דער רעכטער פליגל איז אין דער פראַגע וועגן דער צוקונפטיקער איינאָרדענונג פון דייטשלאַנד געגאנגען ניט ווייטער פון דעם פּאָרשלאג צו באשאפן אן אויבערמאַכט איבער די עקזיסטירנדיקע מלוכעס. די רעפּובליקאַנער האבן געטרוימט וועגן א פעדעראַציע לויטן טיפּ פון די צאָפן-אמעריקאנער פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער קימאַט קיינער פון זיי איז ניט געגאַנגען ווייטער פון גאָר נעפּלדיקע סאָציאלע פּאָדערונגען. די באַ-שלוסן פון דעם פאָר-פּאַרלאמענט האבן ניט באַפרידיקט די רעפּובליקאַנער. זיי האָבן אים פאַרלאָזן, און אביסל שפּעטער האבן זיי, מיט העקערן און סטרוא-וועען בעראָש, געמאַכט אַן אויפשטאנד אין באַדען. דערנאָכדעם האָבן זיי געקראָגן הילף מיצאַד דעם לעגיאָן דייטשישע עמיגראַנטן פון פראַנקרייך, מיט הערוועגן בעראָש, וועלכע די רעגירונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק האָט מיט פאַרגעניגן ארויסגעטורעט פון די אייגענע גרעניצן. דעם אויפשטאַנד האט מען אַכזאָריעסדיק דערשטיקט. די שוואכע רעפּובליקאנישע באוועגונג האט זיך באַגרעניצט מיט א טייל פון דער באַדענער טעריטאָריע, די רעבעלן האָבן ניט געוואוסט, ווי אזוי מע הויבט אָן די זאַך. אָט וואס איינער פון זיי האָט גע-שריבן: „איך מוז מוידע זיין, אז איך האב אליין אף זיך געקוקט מיט באַ-וואונדערונג". די באַוועגונג איז אין אסאך ערטער צעדריקט געוואָרן מיט דער הילף פון דער גוט-אָרגאַניזירטער בורזשואַזער מיליציע. אַזוי איז אין דער פראַגע וועגן דער פאַרייניקונג פון דייטשלאַנד דערווייל דערגאַנגען נאָר ביז אַ קלוימערשטן ניצאָכן. די בורזשואזיע האָט געוואָלט מענאַצייעך זיין אַפן קאָנסטיטוציאָנעלן וועג, די רעאַקציע האט אָבער אינגיכן אַרויסגעשטעלט אַפן טאָג-סיידער דעם באַיאָנעט.

„די העסקעם-קאַמערן".

זומער 1848-טן יאָר האט זיך דער קאַמף פאַרגעזעצט. די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט אין די פּאַרלאמענטישע וויקוכים זיך געסטאַרעט צו פאַר-פעסטיקן איר ניצאָכן איבער דער אַלטער אָרדענונג, און קוידעמקאָל איבער דער „אַנארכיע". דער גוירל פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אָבער געלייזט אַף די גאַסן, אין דעם באַריקאַדן-קאַמף. אויסער פּאַרלאמענט האָט די רעאקציע געזאַמלט קויכעס, און מיט דער אונטערשטיצונג פון דער ליבעראַלער בור-זשאזיע, אדאנק דער פאַכדאָנעס פון דער קליין-בורזשואזיע, האט זי דער-

שטיקט דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט ערשט איצטער אָנגעהויבן צו באַשאַפן
זיך אָרגאַניזאַציעס. אין פּרייסן האָבן די פּאַרטייען ניט אָנגעפירט מיט די
וואַלן. וועגן דער באַוואוסטזיניקייט פון די וויילער קען מען קריגן א פּאָר-
שטעלונג פון אזא מין אויסצוג פון איינער א דעמאָקראַטישער וואַל-פּראָגראַם:
„מיר ווילן אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונג, בעראָש מיט א קעניג, וואָס דאַרף זיין
דער פאָרשטייער פון פאָלק פאַר די אויסלענדישע רעגירונגען, קעדיי דערמיט
גופע אויסמיידן די באַגרעניצונג פון דער פאָלקס-פרייהייט אונטער א ווירקונג
פון אויסן". די אומדירעקטע וואַלן האָבן שוין לעכאַטכילע באַשטימט דעם
דורכפאַל פון די דעמאָקראַטן. די פּרייסישע פאַרזאַמלונג איז אין דער איבער-
וועגנדיקער מערהייט באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע, באַ-
אַמטע און פּריצים. די 68 פּויערים אין דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען ווייט
ניט קיין אָנהענגער פון די דעמאָקראַטישע מיינונגען פון די לינקע, און די
צוויי-דריי אַרבעטער-באַלמעלאָכעס האָבן ניט געהאַט קיין באַטרעף. די פאַר-
זאַמלונג האָט זיך צעטיילט אף צוויי קימאַט גלייכע טיילן, קאָנסטיטוציאָנאַ-
ליסטן און אַריסטאָקראַטן. די לינקע זיינען געווען א נישטיקע גרופּע. די פאַר-
זאַמלונג האָט געהאַלטן די מאַכט בעשותּפעס מיטן מאַרט-מיניסטעריום פון
„הענדלער מיט אייל און וואָל". קאַמפּהאַוזענס מיניסטעריום באַלד נאָך דעם
18-טן מאַרט איז, אין א געוויסן זינען, געווען א רעוואָלוציאָנערע, לויט דער
אָפּשטאַמונג. איצטער אָבער, אַז די רעוואָלוציע איז פאַר דער בורזשואַזיע
געווען שוין פאַרענדיקט, האָט קאַמפּהאַוזען אָפּגעטראָטן זיין אָרט האַנזעמאַנען,
א מענטש פון מאַיסים, וועלכער האָט ניט געלייגט קיין אכטונג אַף קיינע
רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס, און געשטרעבט צו באַזאָרגן די אינטערעסן פון
די פאַרמעגלעכע מאַסן. „די בורזשואַזיע האָט געדאַרפט ברענגען דער קרוין
פאַר א קאָרבן דאָס פאָלק, און דערפאַר האָט די קרוין געדאַרפט מאַקריוו זיין
פאַר דער בורזשואַזיע דעם אַדל". שוין בא דער פראַגע וועגן דער ציווילער
מיליציע האָט די פאַרזאַמלונג באַשלאָסן ניט צוצולאָזן אַהין קיין ניט-פאַרמעג-
לעכע, דעם פּראָלעטאַריאַט. אין דער וויכטיקסטער פראַגע וועגן דעם פּויער-
טום איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושאַפן נאָר א נישטיקן טייל פון די פעאָדאַלע
לאַסטן, וואָס האָט פאַר די פּריצים קיין שום ווערט ניט געהאַט. האַנזעמאַנס
מיניסטעריום האָט געמאַכט א שעמעוודיקן שריט אויך קעגן די פעאָדאַלן.
דער שטייער אף בראַנפן, אף צוקער, די אָפּשאַפונג פון די שטייערן-פּריווי-
לעגיעס האָט גוירעס געווען אַן איינרייס מיטן אַדל. אַזוי איז די פאַרזאַמלונג
און דאָס מיניסטעריום געבליבן הענגען אין לופטן. זיי האָבן זיך געכאַפּט, אז
עס איז שוין געווען צו שפּעט.

אין עסטרייך איז די לאַגע געווען ניט בעסער, די קאָנסטיטואַנטע האָט
זיך געעפנט דעם 20-טן יוני. די מערהייט איז דאָ אויך געווען פאָרגעשטעלט
דורך די קאָנסטיטוציאָנאַליסטן. אָבער אין דער עסטרייכישער קאָנסטיטואַנטע
איז די פּויערים-פראַקציע געווען גרויס. אין דער קאָנסטיטואַנטע, וואָס איז
אויסגעקליבן געוואָרן אַפן יעסאָד פון אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, האָט מען זיך
געריסן איבערן נאַציאָנאַלן קאַמף. די פאָרשטייער פון די עקאָנאָמישע און פּאָ-

ליטיש-אָפּגעשטאַנענסטע פעלקער פון עסטרייך, די סלאַווון, האָבן זיך אָנגע-שלאָסן אָן דעם רעכטן פליגל פון דער פאַרזאַמלונג. דאָס, וואָס עס איז ניט געווען קיין אַלגעמיינער לאָשן אין די דעבאַטן, האָט נאָך פאַרגרעסערט די פּלאָנטערניש, און די פאַרזאַמלונג איז געווען אומבאַהאָלפן צו רירן זיך פון אָרט, די פאָרשטייער פון די סלאַווון האָבן מיכוון דעם פּאַרלאַמענט געזעען צו פאַרבינדן זיך מיטן אימפּעראַטאָר, קעדיי צו קריגן אַ שטיצע אין דעם קאַמף מיט די אונגאַרן און אויסדינגען זיך געוויסע פּריווילעגיעס אָפּן כעשבן פון די אַנדערע פעלקער. די אונגאַרן זיינען אין דער פאַרזאַמלונג ניט געווען פאָר-געשטעלט. אין עסטרייך איז די פויערים-פראַגע געשטאַנען שאַרפער, איידער אין פּרייסן. די פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון דעם דעפּו-טאָט קודליך ענדגילטיק און אָן באַלוינונג אָפּצושאַפן די פעאָדאַלע היסכאַי-וועסן. זי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דער נייער ערד-אייגנטימער דאַרף אַרויסצאָלן אַ פיינע באַלוינונג די געוועזענע באַלעבאַטים פון דער ערד. אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט די פאַרזאַמלונג נאָר מיטגעהאָלפן עס זאָל זיך פאַרשטאַרקן דער שאָוויניזם און דער סעפּאַראַטיזם פון די נאַציעס. דאָס מי-ניסטעריום פון אַריסטאָקראַטן און ליבעראַלן-פּאָליטיקער האָט, פונקט אַזוי ווי די פאַרזאַמלונג, אָפּגעהיט דעם טראָן פונם פאָלק.

אין אונגאַרן האָט דער רייכסטאַג געפייערט אַ ניצאָכן, אין דער פראַגע וועגן דער זעלבשטענדיקייט פון געוויסע מיניסטעריומס (דאָס פינאַנץ-מיניסטע-ריום) האָט די פאַרזאַמלונג פון אונגאַרן צונויפגעשטויסן זיך מיט דער רעגי-רונג פון ווין. דאָס נאָכגעבן פון דער לעצטער האָט גוירעם געווען, אַז די אונגאַרישע פאַרזאַמלונג זאָל צוזאָגן עסטרייך איר שטיצע אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער איטאַליע. אַזוי האָט אונגאַרן, פונקט אַזוי ווי די סלאַווישע פעלקער, געוואָלט באַנוצן זיך מיט דער רעוואָלוציע, קעדיי צו דער-גרייכן פאַר זיך אַ פּריווילעגירטע לאַגע אין עסטרייך.

די פראַנקפורטער פאַרזאַמלונג.

די פראַנקפורטער קאָנסטיטואַנטע האָט זיך געעפנט דעם 18-טן מאַי 1848-טן יאָר. זי האָט געדאַרפט באַשאַפן אָן איינהייטלעכע פרייע דייטשלאַנד. אָבער דידאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט זיך, מער ווי אַנדערע, פאַרנומען מיט פּוס-טע פּלאַפּלעריי און האָט צוגעגרייט אַ באָדן פאַר דער רעאַקציע. „75 אַריסטאָ-קראַטן, היימלאַנד, האָבן דיך פאַראַטן; 75 אַדוואָקאַטן — שיינע רייד — ניט קיין טאַטן, 75 פּראָפעסאָרן — היימלאַנד, דו ביסט פאַרלאָרן", אַזוי כאַ-ראַקטעריזירט דעם צוזאַמענשטעל און די אַרבעט פון דער פאַרזאַמלונג אַ פּאָ-עט אַ מיטצייטלער. אין דערעמעסן, די פאַרזאַמלונג האָט פאָרגעשטעלט אַ מערקווירדיקן אויסגעמיש פון אָפּגעשטאַנענע און ליבעראַלע עלעמענטן. דער רעכטער פליגל פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אַנטשלאָסענע גרופּע, וואָס באַהאַלט אָפּט אונטערן קאָנסטיטוציאָנאַליזם רעאַקציאָנערע מיינונגען. דאָס זיי-נען געווען אַריסטאָקראַטן, פּריצים, אָדער אָפּט אויך בורזשואַ, אָנגעשראָקענע

פון דער רעוואָלוציע. די מערהייט איז געווען אין צענטר. דער רעכטער טייל פון דעם צענטער האט געזוכט צו פארבינדן זיך מיט די „הויכע פענסטער" קעגן די אונטערשטע פאָלקס-שיכטן, דאס זיינען געווען די ליבע-ראלן-אַריסטאָקראטן. דער לינקער צענטר האט געשלעפערט די פארזאמלונג און האט בא איר פארנומען די צייט מיט זיינע אומדערטרעגלעכע פוסטע רע-דעס. דער לינקער פליגל פון דער פארזאמלונג, ניט קוקנדיק דערויף, וואס אין זיינע רייען זיינען געווען עטלעכע אָנגעזעענע רעוואָלוציאָנערן (ראָבערט בלום), האָט געליטן פון אַן אייגענער כאַלאָס, וואס מאַרקס האט אָנגערופן „פאר-לאמענטארישער קרעטיניזם". זיי זיינען געווען איינגעגלויבט, אַז די גאנצע וועלט, איר געשיכטע און איר צוקונפט „ווערן באשטימט און גע-וועגדס דורך דער מערהייט שטימען אין אַ באזונדערן פארטרעטונגס-פארזאמ-לונג"... אין דעם גאנג פון דער ארבעט פון דער פארזאמלונג האט זיך פון די לינקע אָפגעטיילט א גרופע עקסט-לינקע, מיט גאנץ אומבאשטימטע סאָציאלע פאָדערונגען.

די פאַרזאַמלונג האָט אַ לאנגע צייט באַהאַנדלט דעם רעגלאַמענט אירן, זי האָט אָבער גאָרנישט ניט געטאָן צו באשאפן אַן אָנהאַלט פאר איר עקזיס-טענץ.

אין פרייסן און אין עסטרייך איז, ווי ס'ניט איז, הינטער די פארזאמלונ-גען געשטאַנען דאָס פאָלק און זיין באַוואָפנטע מאַכט. די שמירע פון דער פראַנקפורטער פארזאמלונג איז באַשטאַנען אין דער מעליצע פון אירע רעדנער, זי האָט אָפגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון די לינקע צו אָרגאַניזירן אַ באוואָפנטע גווארדיע. זי האָט אָפגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן אַן אַמניסטיע פאַר די אַנטיילנעמער פון דעם אויפשטאַנד אין אַפרעל. די מערהייט פון דער פארזאמ-לונג איז געווען איינשטימיק מיט דער מעלדונג פון איינעם אַ דעפוטאַט: „מיר האלטן בעסער פון אַ גוטער אָרדענונג אַן גרויס פרייהייט, איידער פון (רעוואָ-לוציאָנערער) פרייהייט אָן אָרדענונג". פריער איידער צוטרעטן פאנאנדערצו-אַרבעטן און באַטראַכטן די קאָנסטיטוציע, האָט די פארזאמלונג באשלאָסן די פראגע וועגן דער אָרגאַניזאציע פון דער אימפערישער מאַכט, ניט וועלנדיק אָנרירן די עקזיסטענץ פון די זעלבשטענדיקע מלוכעס. מע האָט געפלאַנעוועט צו באשאפן איבער זיי אַ צענטראלע מאכט. דידאָזיקע מאַכט איז געווען באַ-שלאָסן איבערצוגעבן איינעם פון די אימפערישע פרינצן מיטן טיטול פון אַ צייטווייליקן רעגירער, נאָר באַ אָט דעם אומפאַראנטוואָרטלעכן הערשער זאָל זיין אַ פאראנטוואָרטלעכער מיניסטעריום. דעם פאָרשלאַג פון די לינקע איבער-צוגעבן די מאַכט אַן עקזעקוטיווער קאָמיסיע פון דער פארזאמלונג גופא האָט מען אָפגעוואָרפן. פראַגן, וואָס האָבן ניט קיין דירעקטע שאַיכעס צו דער צו-קונפטיקער קאָנסטיטוציע, האָט מען ניט באַטראַכט. די פארזאמלונג האָט באַ-טראַכט די קאָנסטיטוציע, און בעאייס מאַיסע האָט די „סאָציאַלע רעאַקציע", וואָס איז אויפגעקומען מאכמעס דעם עגאָיזם און דער פאַכדאָנעס פון די רייכע קלאסן, געשאפן אַ באָדן פאַר אַ פאָליטישער רעאַקציע (זע מאַט. און דאָק. נומער 11). מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ פאַכדאָנעס און אומאַנטשלאָסנקייט

פון דער דייטשישער בורזשואַזיע אין די איניאָנים פון רעוואָלוציע? מיר האָבן אָנגעוויזן די אַלגעמיינע סיבעס. איצטער לאָמיר אין דעם קלאסן־קאַמף גופע פון דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע זעען אויסצוגעפינען אַ דערקלערונג צו דער פעלשונג פון דער בורזשואזיע.

דער אַרבעטער־קלאַס אין דער רעוואָלוציע.

דערביישפּיל פון פראנקרייך, וואו דער ארבעטער־קלאַס האָט אַרויפגע־לייגט זיין שטעמפּל אף דער רעוואָלוציע, האט געהאט א גרויסע באַדייטונג. באָר דערדאָזיקער ביישפּיל איז נאָך ניט די איינציקע סיבע. „רעוואָלוציע איז אַ לאָקאָמאָטיוו פון דער געשיכטע". מיט דער צעוויקלונג פון דעם רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף האט דער פּראָלעטאַריאַט פאָרמירט זיינע אָרגאַניזאַציעס, האט געקעמפט פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין עקאָנאָמישער לאַגע און מיט זיין אָנטייל אין אַלע רעוואָלוציאָנערע צוזאַמענשטויסן צווישן דער רעגירונג און דעם פאָלק האָט ער אָנגעוואָרפן אַ מוירע אַף די פאַרמעגלעכע קלאַסן. אין ווין און אין בערלין איז די רעגירונג געווען געצוואונגען צו אָרגאניזירן ארבעט פאר די אַרבעטסלאָזע. צענדליקער טויזנטער פּראָלעטאַריער האט די מלוכע אויסגעהאלטן אף איר כעשבן. אַ קאַמף מיט זיי האָבן דיקטירט די קלאַסן־אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. די ארבעטער פון בערלין און ווין האָבן דורך שטרייקן געוואָלט דערשלאָגן זיך צו א פארבעסערונג פון זייער לאַגע. עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ 10-שאָעדיקער אַרבעטס-טאָג. אין אַסאַך צווייגן פון דער פּראָדוקציע איז פאַרגרעסערט געוואָרן דער אַרבעטס-לוין; וואו ניט וואו האט מען אָנגעהויבן צו באַשאַפן פּראָפעסיאָנעלע פאריינען (זעצער). אַנטקעגן דעם עקאָנאָמישן קאמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז ארויסגעטראָטן די בורזשואַזיע. אין בערלין זיינען אף אָט דעם באָדן ניט איינמאָל פאָרגעקומען צוזאמענשטויסן צווישן דער שטאָט-פאַרוואלטונג און די אַרבעטער. די פּראָלעטאַריער האָבן געשאַפן פּאָליטישע קלובן און דעמאָקראַטישע פאַריינען ניט נאָר בעשוטפעס מיט דער קליין-בורזשואַזיע: אין אַסאַך ערטער האבן זיי זיך גענומען זעלבּ־שטענדיק צו אָרגאניזירן. אזוי איז אין בערלין שוין דעם 19-טן אפּרעל 48-טן יאָר באשאפן געוואָרן אַ צענטראל-קאָמיטעט פון די ארבעטער, בעראָש פון אים האָט זיך געשטעלט סטעפאן באָרן. דאס איז געווען די ערשטע ברייטע אר־בעטער-אָרגאניזאציע אין דייטשלאנד, וואס איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון קלאַסן־קאַמף. עמעס, סטעפאן באָרן איז געווען אַ סאָציאל־דעמאָק־ראט נאָר אין דעם זינען, ווי מע האָט עס פאַרשטאנען אין די 40-ער יאָרן. ער האט אסאך גענומען בא לואי בלאַן, און די געדאַנקען וועגן „אָרגאניזאציע פון דער ארבעט" און „רעכט אף ארבעט" זיינען אים געווען באַזונדערס נאָענט. אָרגאניזירט האבן זיך ניט נאָר ארבעטער, נאָר אויך באַלמעלאָכעס. זיי האָבן זיך צונויפגערופן אַן אייגענעם קאָנגרעס, וואו זיי האָבן געפאָדערט אויפצולעבן די צעכן. אף זיי קוקנדיק, האבן די פּראָלעטאריער פון בערלין אויפגעהויבן די פראגע וועגן צונויפרופן אַ דייטשישן ארבעטער-קאָנגרעס. ער איז פאָרגעקומען אין די טעג נאָכן 20=טן אווגוסט. דאָ איז געמאכט געוואָרן דער אָנהויב צו

דעם אַלדייטשישן אַרבעטער-פֿאַרבאַנד, מיט אָפּטיילן אַף די ערטער. די באַשלוסן פֿון דעם קאָנגרעס זיינען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון באַוואוסטזיניקן קלאַסן-קאַמף, אָבער עס פֿעלן דאָרטן ניט אויך קיין געוויסע ריין צעכן-אַנשויאונגען. אַזוי זיינען די פֿאָדערונגען וועגן אַ „מעגלעכער אָפּשאַפֿונג פֿון קאָנקורענץ צווישן די מאַיסטערס". פֿריער נאָך, אײַנגיכן נאָך דעם 18-טן מאַרט, איז אין בערלין פֿאָרגעקומען אַן אָפֿענע פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַרבעטער, וואו פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַכן האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע פֿאָדערונגען. לייענענדיק דעם באַריכט פֿון דערדאָזיקער פֿאַרזאַמלונג, זעען מיר, ווי דער דייטשישער פּראָלעטאַריאַט האָט אין זיינע מאַסן נאָך ניט אויסגעלעבט די פֿאָרורטיילן פֿון דער צעכן-סיסטעם. פֿאַרניכטן די מאַשינען — איז אַ פֿאָדערונג פֿון די אַרבעטער, וואָס כאַזוערט זיך אָפֿט איבער. באַ אָט דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון דער ברייטער פּראָלעטאַרישער מאַסע איז קיין וואונדער ניט, אַז צווישן אַפֿילע דעם מער באַוואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטן טייל זיינעם טרעפֿן מיר קליינבירגערלעכע און צעכן-אַנשויאונגען. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געשאַפֿן זיך מעכגערלעכע ... טיקע אָרגאַניזאַציעס, דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן צו טאָן דער בורזשואַזיע. אין אַסאַך טיילן פֿון דייטשלאַנד האָבן די אַרבעטער איינייגעם מיט די קליינבירגערלעכע ראַדיקאַלן געשאַפֿן דעמאָקראַטישע פֿאַריינען. די קליין-בורזשואַזיע האָט געוואָלט פֿירן נאָך זיך דעם פּראָלעטאַריאַט אַפֿן שטריקעלע, דער לעצטער אָבער האָט זי אָפֿט געשטופּט פֿאָרויס. דער פּראָגרעסיווסטער אָרגאַן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד איז געווען די „נייע ריינישע צייטונג", וואָס מאַרקס האָט רעדאַקטירט. די מיטגלידער פֿון דעם „קאָמוניסטן-פֿאַריין" האָבן מיטן אָנהויב פֿון דער רעוואָלוציע צעשפּרייט זיך איבער דייטשלאַנד און האָבן אומעטום געשפּילט אַן אַקטיווע ראָלע. פֿונדעסטוועגן, איז דער פּראָלעטאַרישער קערן, ביכלאל, נאָך אומעטום געווען אַרומגערינגלט מיט אַ לומפּן-פּראָלעטאַרישער און באַלמעלאָכישער מאַסע (זע מאַט. און דאָק. נום. 5). אין בערלין האָבן אַפֿילע די מאַשינבוי-אַרבעטער אָפּט געלאָזט זיך פֿירן פֿון קליינבירגער—דעמאַגאָגן. אין עסטרייך איז דער פּראָצעס פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿונם פּראָלעטאַריאַט געגאַנגען נאָך לאַנגזאַמער. אָבער אויך דאָ זיינען קאָנפֿליקטן צווישן די אַרבעטער און דער בורזשואַזיע געווען אָפּט. און אַפֿילע אין אונגאַרן, אין אָט דער אָפּגעשטאַנענער ערד-אַרבעטערשער מעדינע, אין איר הויפּט-שטאָט פּ ע ש ט, האָבן איינצלנע דעמאָקראַטן געפּרוווט פֿאָרמולירן ווייטגייענדיקע סאָציאַלע פֿאָדערונגען פֿון די פּויערים און אַרבעטער. באַ די באַדינגונגען פֿון אָט דער זעלבסט-אָרגאַניזירונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט וויקלט זיך פֿאַנאַנדער דער ווייטערדיקער קאַמף.

דער קאמף מיט דער קאנטער-רעוואלוציע און איר ניצאכן.

דער קאַמף פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער וואַל-רעפֿאָרם אין פּרייסן אין אַפּרעל 48-טן יאָר איז דורכגעפֿאַלן; די פּרייסישע פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרנומען מיט פּלאַפּלעריי. דער פּרייסישער פּרינץ, דער שולדיקער אין דער שכיטע פֿון

דעם 18-טן מאַרט אַף די בערלינער גאַסן, האָט זיך ווידער אומגעקערט אין הויפּט-שטאָט. די רעאַקציע איז געוואָרן שטאַרקער. די פאַרזאמלונג האט זיך אַפילע אָפּגעזאָגט צו אַנערקענען די פאַרדינסטן פון די קעמפער פון דעם 18—19-טן מאַרט פאַרן פאָטערלאנד און האָט אָנגענומען אָט די כאַראַקטעריסטישע פאָרמולע: „נעמענדיק אין באַטראַכט די באדייטונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען, און האַלטנדיק, אַז די פאַרדינסטן פון די קעמפער פאַר איר, לאָזן זיך אָפּפרעגן, זעט איין די פאַרזאמלונג, אַז איר אויפגאַבע איז ניט אַרויסצוטראָגן עפּעס אַ פּסאַק, נאָר ברענגען צו אַ העסקעם צווישן דעם מלוכע-סיידער מיט דער קרוין, און זי גייט אַריבער צו די איניאָנים פון טאָג-סיידער". שוין אין מיטן זומער האבן זיך געטראָגן קלאַנגען וועגן אַ רעאַקציאָנערן אַרויסטריט. צום סאָף, האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז די רעגירונג פירט אַרויס געווער פאַר איר כאַיל פון דעם בערלינער אַרסענאַל. דעם 14-טן יולי האט דאס פאָלק געמאַכט אַן אָנפאַל אַפן צעכהויז. דאָ איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס ניט נאָר מיטן מיליטער, נאָר אויך מיט דער ציווילער מיליציע, וואס האט זיך גענומען אַנטוואָפענען די, וואס זיינען אָנגעפאלן אַפן אַרסענאַל. די דייטשישע בורזשואַזיע האט אָנגעהויבן אַן אַנטשיידענעם אָנגריף אַף דער רעוואָלוציע. די מאַפאָלע פון דעם פאָלק האָט ווידעראַמאָל פאַרשטאַרקט די רעאַקציע. אינגיכן זיינען אָנגעקומען יעדיעס פון פאַריז. די רעאַקציע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די פאַרזאמלונג האָט ענדלעך, באַמערקט די סאַקאָנע און האט זיך אַנטשלאָסן אַף אַ געוויסן ווידערשטאַנד דער רעאַקציע. זי האט אויפגעפאָדערט דאס מיליטער-מיניסטעריום אַרויסצוגעבן אַ באַפעל צו דער אַרמיי, וואָס זאָל וואָרענען די אָפיצערן, זיי זאָלן זיך ניט כאַווערן מיט דער רעאַקציע. אין דער פויערים פראַגע האט זי געמאַכט אַ טריט פאָרויס, אָבער אויך איצטער איז זי ניט געגאנגען ווייטער פון געוויסע כסאָדים אין דער פראַגע וועגן אָפּשטעלן געריכט פּראָצעסן צווישן די פויערים מיט די פריצים (זע מאַט. און דאָק. נום. 7). באַהאנדלענדיק די קאָנסטיטוציע, האט די פאַרזאמלונג באשלאָסן אַרויסצוואַרפן פונם קעניגס טיטול די ווערטער „פון גאָטס גענאָד", האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באָטל מאַכן דעם אַדל. מיט אָט די מיטלען האָט זי אויסגעשעפּט איר גאנצן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם. די פאַרזאַמלונג האָט אָבער צערייצט די רעאַקציע, און די סינע צווישן די אַרבעטער און אונטערנעמער איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דעם 13-טן אָקטיאַבער איז פאָרגעקומען אַ נייער צוזאַמענשטויס צווישן די אַרבעטער, וואס האבן צעשטערט די פארהאַסטע מאשין אַף אויסצופּאָמפּען וואַסער פון אַ גראָבן, מיט דער ציווילער מיליציע; דער צוזאמענשטויס האָט זיך געענדיקט מיט אַ צעשיסונג. באַ אַזעלכע באַדינגונגען איז דער רעאַקציע געווען ניט איבעריקס שווער צוצודריקן די פאַרזאמלונג מיט דער רעוואָלוציע. אין בערלין האט זיך צונויפגעצויגן כאַיל, און דעם 9-טן נאָיאַבער האָט די פאַרזאמלונג, לויט אַ קעניגלעכן באַשלוס, געדאַרפט טייקעף איבעררייסן אירע באראטונגען און אריבערפאָרן אין דער פּראָווינץ בראנדענבורג. אַף דעם צעטרייבן דורך באַיאָנעטן האט די פאַרזאמלונג געענטפערט מיט אַ באַשלוס וועגן „פאסיוון ווידערשטאנד",

וואס איז נאָך לאַנגע פארשלעפּענישן אויסגעטייטשט געוואָרן, ווי אַן אָפּזאָג צו צאָלן שטייערן. דערביי האָט די פארזאמלונג געוואָלט בלייבן האַלטן זיך בּאַ געזעצלעכקייט און ניט דערלאָזן קיין בּאַוואָפנטן קאַמף. זי האט זיך אָפּ-געזאָגט פון דער הילף ,וואס די בערלינער מאשיגבוי=אַרבעטער האבן איר צו-געזאָגט, אַנדערש האָבן פאַרשטאנען דעם באשלוס ניט צו צאָלן קיין שטייערן די רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראטן. דער רייניִשער דעמאָקראטישער פארבאנד האט גערופן צו א בּאַוואָפנטן קאמף, קעדיי צו פארווירקלעכן דעם באשלוס פון דער פארזאמלונג. אָבער דער נייער רעוואָלוציאָנערער פרואוו האָט זיך ניט איינגעגעבן (זע מאַט. און דאָק. נומער 8, 9).

אין עסטרייך האבן זיך די געשעענישן פאנאנדערגעוויקלט אַף אַ מער פארפלאָנטערטן וועג. זומער 48-טן יאָר איז דער צוזאמענבונד צווישן דער בורזשואזיע און דער רעאַקציע געוואָרן אַן ענגער. די רעאַקציע איז גע-וואָרן אַלץ שטארקער אַדאנק דער נאציאָנאלער סינע. זי האט געזוכט צו פאר-בינדן זיך מיט די סלאוון קעגן די דייטשן און אונגארן. נאָר די רעאַקציע איז געוואָרן שטארקער אויך אַדאנק דעם שאָוויניזם פון די לעצטע. אין יוני כוי-דעש האט זיך אין דער הויפּט-שטאָט פון בּאָהעמיע אָנגעהויבן אַ דעמאָקראטישער אויפשטאנד פון דייטשן און טשעכן. דער אויפשטאנד איז דערשטיקט געוואָרן דורכן פירשט ווינדישגרעץ, אַן אָנהאלט פון דער רעאקציע, פאר וועמען „אַ מענטש האט זיך גערעכנט נאָר אָנהויבנדיק פון א באראָן". אין דערזעלביקער צייט איז פּאָרגעקומען אַ דערנעענטערונג צווישן דער טשעכישער בורזשואזיע, דער נאציאָנאל-געשטימטער אַריסטאָקראטיע און דעם אימפּעראַטאָר פון עסט-רייך. די אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד אין פּראָג, אין צוזאַמענהאנג מיט די פאריזער געשעענישן, האט שטארק אויפגעמונטערט די רעאקציע. דער עסטרייכישער קייסער האט אָנגעהויבן זיין מארש קעגן אונגארן. ער נוצט אויס די בּאַוואָפנטע מאכט פון די סלאַוון: סערבן, סלאָוואקן, כאָרוואטן, בּעראָש מיט בּאַן יעלאַטשיטש. די מאַיסע איז, וואס קריגנדיק א געוויסע נאציאָנאלע פרייהייט, האט אונגארן אַלץ ניט געוואָלט געבן דאסזעלביקע די נאציאָנאלע מינדערהייטן, וואס האבן געוואוינט אין אירע גרעניצן. די אָפּגעשטאנענע סלאַ-ווישע פעלקער האבן זיך א וואָרף געטאָן אַף זייער אַלטן סוינע — דעם אונגאַ-רישן אַדל. זיי האבן געוואָלט זיך דערשלאָגן אייניקע פּריווילעגיעס מיט דער שטיצע פונם קייסער, און די רעאקציע האט זיי דערווייל פּראָטעזשירט. זי ווידער פון איר זייט האט זיך געאיילט מיט דער באפרייאונג פון די פויערים-סלאוויאַנער, קעדיי זיי אַנטקעגנשטעלן דעם אונגארישן אַדל. אַז די אונגארישע פארזאמלונג האט זיך געווענדט נאָך הילף צו דער ווינער פארזאמלונג, האָט די לעצטע איר אָפּגעזאָגט. אָבער די ווינער דעמאָקראטיע און אונגארן זיינען קיין סאָנים ניט געווען. אַז די עסטרייכישע רעגירונג האט אָנהויב אָקטיאבר געוואָלט שיקן פון ווין א באטאליאָן אַף אונטערצודריקן אונגארן, האט זי זיך אָנגעשטויסן אַף אַ ווידערשטאנד פון די סטודענטן און די ארבעטער. דאס פאָלק איז אויפגעשטאנען, אָנגעפאלן אַפן מיליטער-מיניסטעריום, האט געהאנ-גען דעם מיניסטער און האט פארכאפּט די שטאָט. דער קייסער איז ווידער

אנטלאָפן צו די סלאַוון. ווין האט איבערגעלעבט די טעג פון מאַי און 13-טן מאַרט. דעם אויפשטאַנד אין אָקטיאבער האבן געמאכט די ארבעטער-סטודענטן און א געוויסער טייל פון דער קליין-בורזשואזיע. די גאנצע איבעריקע מאסע אייגנטימער איז געווען קעגן דעם אויפשטאנד. אַ קורצע צייט פארן אָקטיאַבער, אין אַווגוסט 48-טן יאָר, האט די באוואָפנטע גוואַרדיע פון דער בורזשואזיע צעשאָסן אַ האמוין ארבעטער, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן דער אַראָפּדריקונג פונם ארבעטס-לוין אַף די געזעלשאפטלעכע ארבעטן. די בורזשואזיע איז געווען איבערגעשראָקן פון דעם אנטייל פון די ארבעטער אין דער אָקטיאבער-באוועגונג, די ארבעטער אָבער, ניט קוקנדיק וואס די באוואפנטע מיליציע פון דער בורזשואזיע האט ערשט ניט לאנג אין זיי געפעלשט, זיינען געגאנגען מיט איר האַנט באַ האַנט און האבן פארטיידיקט ווין און די רעוואלוציע קעגן דער רעאַקציע. אַזוי, הייסט עס, האבן אין דעם אָקטיאבער-אויפשטאנד זיך באטייליקט צוויי פיינטלעכע גרופּעס — דער פּראָלעטאריאַט און די בורזשואזיע. די סטודענטשאפט האט זיך געפּרואווט מאכן צווישן זיי א שאָלעם. זי האט אָנגעפירט מיטן אויפשטאנד, די רעבעלן האבן איבערגעגעבן די אָפיציעלע מאַכט אין די הענט פון דעם רייכסטאַג, דעמזעלביקן רייכסטאַג, וואס האט געטרוימט וועגן אַן איינשטימונג מיט דער קרוין. ווין האט זיך לאנג און אַקשאָנעסדיק פארטיידיקט קעגן די כאַיאָלעס פון דער רעגירונג, וואס האבן באַלאַגערט די שטאָט. אַף די באַריקאַדן פון דער הויפט-שטאָט האבן ארבעטער העלדיש געקעמפט און געשטאָרבן. אָבער ווין האט זיך נאָר פארטיידיקט. אינגיכן האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן רופן צו הילף די אונגארן. די בורזשואזיע, און מיט איר אויך דער רייכסטאַג, האבן זיך לאנג געוואקלט, צי זאָל מען איינלאדן די אונגארן צו ראטעווען די רעוואלוציע. און די צייט איז געגאנגען. אָבער די אונגארן גופע, וואס זיינען געשטאנען ניט ווייט פון דער הויפּט-שטאָט, האבן זיך אויך ניט געאיילט צו העלפן דער שטאָט, וואס איז אויפגעשטאנען; זיי האבן געווארט, מע זאל זיי רופן. ווען זיי האבן זיך געלאזן גיין אַף ווין — איז שוין געווען שפּעט. די בורזשואזיע האט איבערגעגעבן די שטאָט דעם סוינע, די ארבעטער האבן ביז דער לעצטער מינוט געקעמפט אַף די באַריקאַדן. ווין איז געפאלן, און די עסטרייכישע רעוואלוציע איז פארענדיקט געוואָרן.

מיר האבן פריער געשילדערט די טעטיקייט פון דער פראַנקפורטער נאַציאָנאַלער פארזאמלונג. זי האט רואיקערהייט פאָרגעזעצט צו באַהאַנדלען די קאָנסטיטוציע. און אז די פּרייסישע רעגירונג, וואָס האט געפירט אַ מילכאָמע מיט דענעמאַרק פאר דער באפרייאונג פון שלעזוויג-האָלשטיין, האט באַשטימט צו שליסן אַ דערוויילעכן שאָלעם און איבערגעבן די רעבעלן אַפן כעסעד פון דער דענישער רעגירונג, האט די פארזאמלונג, נאָך לאַנגע דעבאַטן, סאַנקציאָנירט דעמדאָזיקן דערוויילעכן שאָלעם. די אלגעמיינע אומצופרידנקייט פון די רעפּובליקאנער און דעמאָקראַטן מיט דער פארזאמלונג האט ארויסגערופן אַ ביַיעם אויפשטאנד. דעם 18-טן סעפּטיאבער איז דאָס פאָלק אין פראַנקפורט אַפן ביין אַרויסגעטראָטן קעגן דער קאָנסטיטואַנטע. דערדאָזיקער אויפשטאַנד איז

זייער גיך אונטערדריקט געוואָרן, נאָר א העמשעך פון אים איז געווען די רע־וואָלוציע אין באַדען. דאָרט איז באַשאַפן געוואָרן א צייטווייליקע רעגירונג און דערקלערט געוואָרן אַ רעפּובליק. די רעגירונג, מיטן רעפּובליקאַנער סטרואווע בעראָש, האט אָפּגעשאפט אלע פעאָדאַלע היסכאַיוועסן, האָט געמאָלדן, אז די ערד גייט איבער אין די הענט פון די געמיינדעס און אז. וו. אָבער אויך אָט דער אויפשטאַנד איז געווען נאָר אַן עפּיזאָד. זיין מאַפּאָלע האט פול געמאַכט דאס אלגעמיינע בילד פון דעם ניצאָכן פון דער רעאַקציע אין לאַנד.

1849־טער יאָר.

צום סאָף 48־טן יאָר איז די רעוואָלוציע אומעטום דערשטיקט געוואָרן (אַכוץ אונגאַרן). דאס יאָר 1849 האט זיך אָנגעהויבן אונטערן צייכן פון רע־אַקציע. אין דעקאַבער 48־טן יאָר האט דער פרייסישער קעניג געשענקט אַ נייע קאָנסטיטוציע. זי האט איבערגעכאַזוערט קימאט אַלץ, וואס עס האט צוגעזאָגט די קאָנסטיטוציע פון דער „הסקעם־קאַמער". אָבער אויך די געשענקטע קאָנסטיטוציע איז געווען ניט מער, ווי אַן איבערגאַנג צו דעם פולשטענדיקן ניצאָכן פון דער רעאַקציע. אין אפּרעל 49־טן יאָר האט דער קעניג צונויפגע־רופן אַ נייע קאַמער. זי האט זיך אַרויסגעוויזן ניט גענוג נאָכגעביק און עס איז אויסגעקומען צו פאנאנדערלאָזן זי. דאָס פאָלק האָט קיין ווידערשטאַנד ניט באוויזן. און ווער האט געקענט קעמפן מיט דער רעאַקציע? דאָס פויערטום? אָבער זי איז טיילווייז געווען באַפרידיקט און האט ניט געהאט צוליב וואָס צו פאַרטיידיקן די בורזשואזע פארזאַמלונג. די בורזשואזיע איז מיט אַקשאָנעס געשטאַנען אַפן באָדן פון רעכט, און אנטקעגן דעם באַיאנעט פון דער רעאַקציע האט זי ארויסגעשטעלט איר לאָיאַלקייט. דער פּראָלעטאריאט איז ניט געווען בעקויעך צו נעמען אף זיך די גאַנצע לאַסט פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אַזוי איז געקומען אַ סאָף צו דער רעוואָלוציע אין פּרייסן.

אין עסטרייך איז די רעוואָלוציע אין אָקטיאבער דערשטיקט געוואָרן: דער רייכסטאַג איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ קליינער פּראָווינציעלער שטאָט קרעמזיר, וואו ער האט דערלעבט זיינע לעצטע טעג אַ פאַרגעסענער פון אלע־מען. דעם 7־טן מארט 1849 יאָר האָט מיליטער צעטריבן אויך דעם עסטריי־כישן רייכסטאַג.

אונגאַרן האט ארויסגעוויזן אַן אַקשאָנעסדיקן ווידערשטאנד דער רעאַק־ציע. זי האט זיך באנוצט מיט דער רואיקער צייט, וואס זי האט געהאט, בע־איים די רעגירונג האט געקעמפט מיט ווין, און האט געשאפן אַ שטאַרקע אַרמיי. אין קאַמף מיט יעלאטשיטשן האבן די אונגאַרן געהאט איין ניצאָכן נאָך דעם אַנדערן. די מאַפּאָלע פון דער ווינער רעוואָלוציע האט זיי אַסאַך אויסגעלערנט. זיי זיינען געוואָרן אַנטשיידענער. דער הויפט פון דער רעגירונג, ווי אַ פּאַר־שטייער פון דעם אדל און דער אַדעליקער אינטעליגענץ פון לאַנד, האט ארויס־געוויזן זיין ראַדיקאַליזם ניט נאָר אין דער הויפּט־פראַגע וועגן די פויערים, נאָר אויך אין דעם קאַמף פאר נאציאָנאַלער אומאפּהענגיקייט. באנוצנדיק זיך דער־מיט, וואס פערדינאנד, דער קייסער פון עסטרייך, האט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן־

האט דער רייכסטאג (דעם 4-טן אפרעל 49-טן יאָר) אָנגענומען א באשלוס, אַז „אונגאַרן מיט אַלע לענדער, וואס זיינען צו איר שייעך, שטעלט מיט זיך איצטער פאַר איין זעלבשטענדיקע, אומאפהענגיקע מלוכע, און די לאָטארינגישע דינאַסטיע ווערט באַזייטיקט פון צו הערשן איבער איר אף אייביקע יאָרן".

מיר ווילן דאָ ניט נעמען אויסדערציילן אלע טרעפענישן פון דעם לאנגן און העלדישן קאַמף פון דער רעוואָלוציאָנערער אונגאַרן אנטקעגן דער רעאַקציע. מיר ווילן אָנווייזן נאָר, אז זי איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די עסטרייכישע און, דעריקער, די רוסישע כאַיאָלעס. דעם 21-טן מאַי איז דערקלערט געוואָרן, אַז 200.000 רוסישע סאָלדאַטן אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם פירשט פאַסקעוויטש טרעטן אריין אין אונגאַרן. דעם 11-טן אווגוסט האָט קאָשוט אראָפּגענומען פון זיך זיינע פולמאַכטן, און דעם 12-טן אווגוסט האָבן די אונגאַרן קאַפּיטולירט פאַר דער רוסישער אַרמיי. „אונגאַרן, האָט געשריבן פאַסקעוויטש צום קייסער ניקאָלאַי דעם 1-טן, ליגט בא די פיס פון אייער מאַיעסטעט" (זע מאַט. און דאָק. נומער 12).

און די פראַנקפורטער נאַציאָנאַלע פארזאמלונג אין דעם קלויסטער פון הייליקן פאול האָט נאָך אלץ געהאַלטן אין באַטראַכטן די קאָנסטיטוציע. זי האָט געפלאַנעוועט איינצושטעלן אין לאַנד די אידעאלסטע קאָנסטיטוציאָנעל-מאָנאַרכיסטישע אָרדענונג. די פאַרזאַמלונג גיט איבער די מאַכט איבער דייטשלאַנד אין די הענט פון אן אומפאַראנטוואָרטלעכן קייסער ביערושע. ווער זשע וועט זיין דער קייסער פון דייטשלאַנד? וועט די פאַרייניקטע דייטשלאַנד ארייננעמען אויך עסטרייך, אָדער זי וועט אָן איר שאַפן א „קליין דייטשלאַנד"? די-דאָזיקע פראַגן זיינען גיך פאַרענטפערט געוואָרן פון זיך אליין, וואָרום עסטרייך האָט זיך אָפּגעזאָגט ארייננצוטרעטן אין דער פאַרייניקונג. מע האָט געמוזט אָפּשטעלן זיך אף דעם פרייסישן קעניג, ער האָט אָבער ניט געוואָלט אָנעמען די קרוין פון די הענט פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפן. אזוי איז די האַנט פון דער דייטשישער בורזשואזיע געבליבן הענגען אין דער לופטן. די רעאַקציע האָט זיך איצטער פון איר אָפּגעקערט. דעפּוטאַטן פון איינצלנע מלוכעס האָבן זי אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן. קיין איינע פון די גרעסערע דייטשישע רעגירונגען האָט ניט געוואָלט אָנערקענען די קאָנסטיטוציע. די פאַרזאמלונג האָט קיין אייגענעם שוץ ניט געהאַט. זי האָט זיך געהאַלטן, קאָלזמאַן די רעוואָלוציע איז געווען שטאַרק. אין דעם 49-טן יאָר האָט זי געמוזט פאַלן ווי א קאָרבן פון דער רעאַקציע, אזוי ווי די ליבעראַלע בורזשואזיע פון ווין און בערלין. די בורזשואזיע האָט אָנגעהויבן דעם קאמף פאַר דער אָנערקענונג פון דער אויסגעאַרבעטער קאָנסטיטוציע. זי האָט געאיילט אויסצואַרבעטן די קאָנסטיטוציע און האָט זי אָפּגעהיט אזוי, ווי זי וואָלט שוין לאַנג מיד געוואָרן פון דער רעוואָלוציע. פאַר איר איז די אונטערשטיצונג פון דער קאָנסטיטוציע ארויסגעדרונגען פון אירע רעאַקציאָנערע געפילען. אין דעם 1849 יאָר איז די קאָנסטיטוציע, פונדעסטוועגן, געווען די איינציקע דערגרייכונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז נאָך גאַנץ געבליבן. קעדיי צו פאַרהיטן די-דאָזיקע דעדגרייכונג האָבן זיך אין דעם קאַמף באַטייליקט די קליינבירגערלע-

כע דעמאָקראַטיע און דער פּראָלעטאַריאַט. דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעצונדן אין זאַקסן, אין די ריינישע מלוכעס, ער האָט ארומגעכאַפּט באַדען און פאַלץ. דער באַדען-פאַלצער אויפשטאַנד האָט זיך אָפּגעשיידט פון די ריינישע און זאַקסישע דערמיט, וואָס דאָ האָט דאָס קליינבירגערטום געפונען זיך אין אן אייגענער סוויווע. אין קאַמף פאַר דער קאָנסטיטוציע האָט זיך די קליין-בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט פאַרייניקט מיט די ליבעראַלן, אָבער נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען דער אַקטיווער קויעך פון דער באַוועגונג. דאָך די אויבערהאַנט און די אָנפירונג האָט געהערט דער קליין-בורזשואַזיע. די פּראָגראַם פון דעם באַדען-פאַלצער אויפשטאַנד איז געווען די ברייטסטע פון אַלע פּראָגראַמען פון די בורזשואַזע דעמאָקראַטיעס פאַר די יאָרן 1848 און 1849. זי האָט געפאָדערט, עס זאָל צונויפגערופן ווערן א קאָנסטיטואַנטע, „וואָס זאָל אין זיך פאַרייניקן די גאַנצע געזעצגעבערישע און עקזעקוטיווע מאַכט”; עס זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן אָן באַלוינונג די פעאָדאַלע היסכאַיוועסן; הילף פאַר אַלע, וואָס זיינען ניט פעאיק צו אַרבעט; אָרגאַניזירן א נאַציאָנאַלע באַנק פאַר האנדל און אינדוסטריע און פאַרטיידיקן זיי פון דעם פאַרברעכערישן קאַפּיטאַל און אז. וו. אָבער די „מאַי-רעוואָלוציע” אין דעם מאָמענט פון דער ליקווידאציע פונם קאַמף, צעריסן אינעווייניק דורך דער קריגעריי צווישן די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, איז געווען פאַרמישפּעט צום אונטערגאַנג. נאָך לאנגע שלאַכטן איז זי דערשטיקט געוואָרן. דערמיט גופע איז באַשטימט געוואָרן אויך דער גורל פון דער פראנקפורטער פאַרזאמלונג. זי איז אריבערגעפאָרן אין שטוטגאַרט, און דאָ איז זי צעטריבן געוואָרן דורכן כאַיל. די רעאַקציע האָט אויך דאָ גוויווער געווען.

וואָס לערנט אונז דער 1848 יאָר.

די פראנצויזישע רעוואָלוציע פון 1848 יאָר איז געווען א רעוואָלוציע אינעווייניק אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, זי האָט אָבער ארויסגערוקט אַפן טאָג-סיידער די סאָציאַלע פּראַגע. אין פראַנקרייך איז דער פּראָלעטאַריאַט געווען דער אנטשיידנדיקער קויעך אין דעם קאַמף, און דערנאָכדעם אויך דער צענטער פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין לאַנד. אין דייטשלאַנד איז די רעוואָלוציע געווען געווענדעט קוידעמקאָל קעגן דער „אַלטער אָרדענונג”, נאָר אויך דאָ איז דער פּראָלעטאַריאַט ארויסגעטראָטן ווי א פאַקטאָר פון דער העכסטער וויכטיקייט. די רעוואָלוציעס פון 48-טן יאָר „זיינען געווען שפּאַלטן אין דער האַרטער קאָרע פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אָבער אונטער זיי האָט זיך אויפגעדעקט א טהאָם”. אזוי איז געווען אין פראַנקרייך, אזוי איז געווען אויך אין דייטשלאַנד. אין פראנקרייך איז דער פּראָלעטאַריאַט נאָך ניט צייטיק געוואָרן אף צו ווערן דער פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און די בורזשואַזיע האָט ניט געקענט גיין פוס אין פוס מיט דער רעוואָלוציע. אין דייטשלאנד איז די בורזשואַזיע אינגאנצן געווען אין געפאַנגענשאַפט באַ דער רעאַקציע. פונקט אזוי ווי די פראנצויזישע בורזשואַזיע, האָט זי מאַקריוו געווען די פרייהייט צוליב אָרדענונג און האָט זיך דערביי אָפּגעזאָגט

פון די רעפאָרמען, וואָס זיינען איר געווען נויטיק. די מוירע פאַרן פּראָלעטאַ־ריאַט און דער קאַמף צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע — דאָס איז די סיבע, וואָס די רעוואָלוציעס פון 48־טן יאָר זיינען דורכגעפאַלן. דער־דאָזיקער קאַמף האָט עס געמאַכט פון דער דייטשישער רעוואָלוציע אַ באַזונ־דער טיפּ „ניט פאַרענדיקטע בורזשואַזע רעוואָלוציע". שפּעטער וועט די בור־זשואַזיע אין דייטשלאַנד שטרעבן צופּאַסן די זעלבסטהערשעריש־יונקערשע מלו־כע צו זיך און אַליין צופּאַסן זיך צו איר. איצטער האָט די פּאָליטישע רעוואָ־לוציע פון דער בורזשואַזיע אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט.

אָבער אויך די מאַפּאָלעס פון דער רעוואָלוציע פון 48־טן יאָר האָבן גע־דינט צום נוצן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אַפילו אין אַזאַ אָפּגעשטאַנענער מע־דינע, ווי דייטשלאַנד, וואו עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן די סטירעס צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און דער וואַקלדיקער קליין־בורזשואַזיע. אין פראַנקרייך און אויך אין דייטשלאַנד האָט דער אוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויסגע־לעבט דעם אוטאָפּיזם. דער פּראָלעטאַריאַט איז צוגעטראָטן צו באַשאַפן זיין אייגענע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, אויסאַרבעטן זיין קלאַסן־אידעאָלאָגיע, וואָס אירע גרונט־פּרינציפּן זיינען גלענצנדיק פאָרמולירט געוואָרן דורך מאַרקסן און ענגעלסן שוין אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" (זע מאַט. און דאָק. נומערן 13, 14, 15).

1. דייטשלאַנד אין דער סיסטעם פון דער וועלט-ווירטשאַפט.

מלוכעס:	1830	1840	1850	1860	1870	1880	1890	1900 אימפאָרט	1900 עקספּאָרט	1900 סאַכאַקל
	דער וועלט-האַנדל אין מיליאָנען מאַרק									
גרויסבריטאַניע און אירלאַנד .	1.760	2.260	3.380	6.360	9.180	12.122	13.978	10.686	5.949	16.635
פראַנקרייך	740	1.320	1.500	3.340	4.540	7.414	6.634	3.805	3.328	7.133
דייטשלאַנד	**660**	**1.120**	**2.100**	**3.200**	**4.240**	**5.976**	**7.472**	**5.765**	**4.611**	**10.376**
רוסלאַנד	400	500	640	920	2.000	2.420	1.903	1.236	1.487	2.723
עסטרייך-אונגאַרן	320	440	580	1.020	1.660	2.688	2.349	1.441	1.650	3.091
איטאַליע	220	340	520	920	1.480	1.322	1.930	1.377	1.084	2.461
שפּאַניע . . . . / פּאָרטוגאַל	220	280	400	600	820	1.080	1.692	919	705	1.624
נידערלאַנד	320	540	880	1.120	1.420	2.420	4.014	3.270	2.862	6.132
בעלגיע	280	400	700	960	1.280	2.320	2.518	1.794	1.557	3.351
שוועדן און נאָרוועגיע . . .	160	240	340	600	840	1.100	1.138	951	623	1.574
פאַרייניקטע שטאַטן	500	860	1.280	2.740	3.420	6.180	7.011	3.462	5.103	8.565
דאָרעם-אַמעריקע	280	440	760	1.240	1.700	2.020	4.134	2.198	2.695	4.893
בריטישע קאָלאָניעס	580	1.240	1.860	3.800	4.820	7.240	6.409	5.401	5.342	10.743
אין אַלע לענדער . . .	6.440	9.980	14.540	26.810	37.420	54.302	61.182	42 305	36.996	79.301

2. די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט.

„די דייטשישע בורזשואַזיע האט זיך אַנטוויקלט אזוי פויל, שלאַף און לאַנגזאַם, אַז אין יענער מינוט, ווען זי איז גרויזאַם ארויסגעטראָטן קעגן דעם פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם, האט זי זיך צונויפגעשטויסן מיטן פּראָלעטאַריאַט. וואָס איז גרויזאַם ארויסגעטראָטן קעגן איר, און מיט אַלע יענע פון דער געזעלשאַפט, וואס זייערע אינטערעסן און אידייען זיינען צונויפגעפאַלן מיט די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט. און ניט נאָר דער קלאַס, וואס איז געשטאַנען פאר אים, האָט געקוקט אף איר פיינטלעך, גאַנץ אייראָפּע האָט זי מעקאַבל פּאָנים געווען אומפריינטלעך. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע איז ניט געווען, ווי די פראַנצויזישע אין 1789 יאָר, א קלאַס, וואס האט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם באַשיצער פון די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט פון איר צייט קעגן די פאָרשטייער פון דער אלטער געזעלשאַפט, קעגן דער קעניגלעכער מאַכט און דעם אַדל. די בורזשואַזיע איז אַראָפּגעפאַלן ביז דער לאַגע פון א שטאַנד מיט א קלאָר אויסגעפאָרמירטער אָפּאָזיציע סאַי קעגן דער קרוין און סאַי קעגן דעם פאָלק. זי איז געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט קעגן ביידע אירע קעגנער און אומאַנטשלאָסן קעגן יעדן פון זיי באזונדער, ווייל זי האט שטענדיק געזען אין דעם און אין יענעם איר סוינע. דאָס איז געווען א שטאנד, וואָס איז פון אָנהויב אָן געווען גרייט צו פאַראַטן דאָס פאָלק און גיין אף א קאָמפּראָמיס מיט די געקרוינטע פאָרשטייער פון דער פריערדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָרום די בורזשואַזיע גופע האט אינגאַנצן געהערט דער פריערדיקער אָרדענונג. דאָס איז געווען אַ שטאַנד, וואָס האט ניט באשיצט די אינטערעסן פון דער נייער געזעלשאַפט קעגן דער אַלטער, נאָר וואָס האט פארטיידיקט די באנייטע אינטערעסן אין דער אַלט-געוואָרענער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. א שטאַנד, וואָס האט זיך געכאַפּט פארן רודער פון דער רעוואָלוציע ניט דערפאַר, ווייל הינטער איר איז געשטאַנען דאָס פאָלק, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק האָט זי געשטויסן פארויס. די בורזשואזיע איז געשטאַנען בעראָש פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ניט אלס פאָרשטייערין פון דער איניציאַטיוו פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער עפּאָכע, נאר אלס באַשיצערין פון די פּריווילעגיעס פון דער אַלטער. די בורזשואַזיע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם שיכט פון דער אלטער מלוכע, וואָס האט זיך בעשאַיטוי מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט. זי איז דורך דער ערד-ציטערניש ארויסגעוואָרפן געוואָרן אפן אויבערפלאַך פון דער נייער געזעלשאַפט. אָן גלויבן אין זיך אליין, אָן גלויבן אינם פאָלק, האט זי זיך געבלאָזן אף דעם, וואָס איז געווען העכער פון איר. האט געציטערט פאַר דעם, וואָס איז געשטאַנען הינטער איר, און איז געווען פול מיט עגאָאיסטישע פּניעס. און מיט א קלאָרן באוואוסטזיין פון איר עגאָאיזם האט די בורזשואַזיע געמאַכט דעם אָנשטעל פון א רעוואָלוציאָנער קעגן די קאָנסערוואַטאָרן און איז געווען קאָנסערוואַטיוו מיט די רעוואָלוציאָנערן. זי האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין די אייגענע לאָזונגען און אנשטאַט אידייען זיינען בא איר געבליבן פראַזן. זייענדיק אָנגעשראָקן דורכן וועלט-שטורם, האט

זי אים גלייכצייטיק עקספּלואַטירט, אָן ענערגיע, אָן וועלכער ניט איז ריכטונג און מיט פרעמדע אויסקומענישן אין אַלע ריכטונגען, איז זי געווען באַנאַל, וואָרום זי איז ניט געווען אָריגינעל. אָן איניציאַטיוו, אָן גלויבן אין זיך אַליין, אָן גלויבן אינם פאָלק, אָן אַן אַלוועלטלעך-היסטאָרישער מיסיע איז זי געווען ענלעך אַפן פאַרשאָלטענעם זאָקן, וואָס איז פאַרמישפּעט אף דעם, אַז אין זיינע אייגענע זקיינישע אינטערעסן זאָל ער אָנפירן מיט די ערשטע יוגנט-אויפברויזן פונם מעכטיקן פאָלק. בלינד, טויב, אָן ציינער און שלאַף, — אָט ווי אַזוי די פרייסישע בורזשואַזיע האָט זיך ארויסגעוויזן באַם רודער פון דער פרייסישער מלוכע נאָך דער מאַרט-רעוואָלוציע ...

„דער אַרבעטער-קלאַס פון דייטשלאַנד איז אין סאָציאַלער און פּאָליטישער אנטוויקלונג פונקט אין אזא מאָס אָפּגעשטאַנען פונם אַרבעטער-קלאַס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, אין וואָס פאַר א מאָס די דייטשישע בורזשואַזיע איז אָפּגעשטאַנען פון דער בורזשואַזיע פון אָט די לענדער. ווי דער האַר איז, אַזוי איז דער דינער. די אנטוויקלונג פון די באַדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון א פילצאָליקן, שטאַרקן, קאָנצענטרירטן און אינטעליגענטן פּראָלעטאַריאַט גייט האַנט בא האַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון די באַדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון א פילצאָליקער, רייכער, קאָנצענטרירטער און שטאַרקער בורזשואַזיע. די באַוועגונג פונם אַרבעטער-קלאַס באַקומט קיינמאָל ניט קיין זעלבשטענדיקייט און אַן אויסשליסלעך פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער, קאָלזמאַן אַלע פאַרשיידענע טיילן פון דער בורזשואַזיע און באַזונדערס איר פּראָגרעסיווער טייל, די אינדוסטריעלער, האָבן ניט דעראָבערט די פּאָליטישע מאַכט און האָבן ניט אומגעענדערט די מלוכע בעהעסקעם מיט זייערע באַדערפעונישן. אָבער קוים נאָר קומט צו די אנטוויקלונג ביז אָט דעם פּונקט, אַזוי שנעל רוקט זיך אָן דראָענד נאָענט דער אומפאַרמיידלעכער קאָנפליקט צווישן די אונטערנעמער און די אַרבעטער און ער קאָן שוין ניט אָפּגעלייגט ווערן. דעמאָלט ווערט אומעגלעך צו שפּייזן די אַרבעטער, ווי פריער, מיט פאַלשע האָפענונגען און האַפטאָכעס, וועלכע וועלן קיינמאָל ניט מעקוים. דעמאָלט טרעט ענדלעך ארויס אין איר גאַנצער פולקייט און מיט איר גאַנצער קלאָרקייט די גרויסע פּראָבלעם פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט — די באַפרייאונג פונם פּראָלעטאַריאַט.

אין דייטשלאַנד פלעגט די איבערוועגנדיקע מערהייט לוין-אַרבעטער באַקומען אַרבעט ניט פון די אינדוסטריעלע פירשטן פונם מאָדערנעם טיפּ, וואָס זיינען אין גרויס-בריטאַניע פאַרטראָטן דורך אזוינע אויסגעצייכנטע עקזעמפּלאַרן, נאָר פון די קליינע באַלמעלאָכעס, וואָס זייער גאַנצע פּראָדוציר-סיסטעם איז אַן איבערבלייבעך פון מיטלאַלטער. און פונקט אַזוי, ווי צווישן דעם בוימוואָל-לאָרד פון איין זייט און דעם לאַטוטניק-שוסטער אָדער שניידער-מייסטער, פון דער אַנדערער, איז פאַראַן א קאָלאָסאַלער אונטערשייד, אזוי אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל דער אויפגעוואַכטער צום לעבן פאַבריק-אַרבעטער פונם אינדוסטריעלן באַוול פונם שטילן שניידערשן אָדער סטאָליערשן געזעל אין דער קליינער פּראָווינציעלער פאַרשטאָט, וואו די לעבנס-באַדינגונגען און דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט אונטערשיידן זיך קנאַפּ-וואָס פון די לעבנס-באַדינ-

גונגען און די ארבעטס-מעטאָדן פאַר די פינף דוירעס ביז אונזער צייט. די אַלגעמיינע אָפּוועזנהייט פון די מאָדערנע לעבנס-פאַרהעלטענישן, פון די מאָדערנע פּראָדוציר-מעטאָדן ווערט נאַטירלעך באַגלייט דורך פּונקט אַזאַ אַלגעמיינער אָפּוועזנהייט פון די מאָדערנע אידייען. דעריבער איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס נאָכן רעוואָלוציאָנערן אויפרייס האָט דער גרעסטער טייל ארבעטער ארויסגעשטעלט די פאָדערונג אויפצושטעלן טייקעף די צעכן און די מיטלאַלטערלעכע קאָרפּאָראַציעס. אָבער אונטערן איינפלוס פון איינציקע אינדוסטריעלע ראַיאָנען, וואו עס דאָמינירט דער מאָדערנער פּראָדוציר-אויפן, און אויך אונטערן איינפלוס פון די ארומוואַנדערונגען, וואָס בא פיל ארבעטער איז דאָס א געוויינלעכע זאַך, זיינען פארשטאַרקט געוואָרן די באַציאונגען צווישן די ארבעטער, האָט זיך אויפגעהויבן זייער גייסטיקע אַנטוויקלונג, און סאפקאָלסאָף איז ארויסגעטראָטן א שטאַרקער קערן פון די עלעמענטן, וואס בא זיי האָט די אידייע פון באפרייען זייער קלאַס זיך אויסגעצייכנט מיט א ניט לעפּערעך גרויסער קלאָרקייט און איז מער געווען אין העסקעם מיט די פאַראַנענע פאַקטן און היסטאָרישע באדערפענישן. אָבער אט די ארבעטער האבן געבילדעט א מינדערהייט. אויב די ענערגישע באוועגונג פון דער בורזשואזיע הויבט זיך אָן פון 1844 יאָר, הויבט זיך אָן די באוועגונג פונם ארבעטער-קלאַס בעאיים די אויפשטאנדן פון די שלעזישע און באָהעמישע פאַבריק-אַרבעטער אין 1844 יאָר".

(ק. מארקס. פון די ארטיקלען אין דער „גייער ריינישער ציישונג".
פ. ענגעלס. „די רעוואָלוציע און קאָנטער-רעוואָלוציע אין דייטשלאנד").

3. דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד.

פראגמענט פון וויטלינגס ווערק: „די מענטשהייט ווי זי איז און ווי זי דארף זיין".

„...בייזע מענטשן זאָגן אונז: „דאָס הויז, דאָס פעלד, די פאַבריק, אין וועלכער איר אַרבעט, האָבן מיר געקויפט, אַרענדירט אָדער געיאַרשנט; מיר וועלן אייך געבן אַזוי פיל, אַז איר זאָלט ניט שטאַרבן פון הונגער אין דער צייט פון אייער אַרבעט", — און, קעדיי אויסצומיידן הונגער-טויט, זייט איר שוויינגדיקערהייט אַף דעם מאַסקים. אָבער עס וועט אָנקומען דער טאָג, ווען איר וועט זיי פרעגן: צי האָט איר דען צוגלייך מיט אונז געטיילט אונזער האָרעוואַניע, געטראָגן מיט אונז אונזער לאַסט?

טאָג און נאַכט האָרעוועט איר, לאַנגע יאָרן פאַרגייען, די מאַגאַזינען ווערן צעשפּאַרט פון די אָנגעפּאַקטע גוטס, וואָס איז דורך אייער מי אויסגעקעמפט געוואָרן בא דער מוטער-ערד; און דאָך איז דאָס רוּ פון אייך באַרויבט פון די נויטיקסטע זאַכן און עסנווארג, וואוינונג און קליידונג, דאָך איז

דער קלענסטער כיילעק פון די רייכטימער פון דער ערד פאַלט אויס גראָד אָף יענע, וואָס באַגיסן זיי מער פון אַלעמען מיט זייער אַרבעטס-שווייס.

די סיבע דערפון איז די ניט-גלייכמעסיקע פארטיילונג פון דער אַרבעט און פון גוטס, וואָס זי פּראָדוצירט. זי ברענגט אָף דער וועלט אָרימקייט און רייכקייט, וואָרום קאַבצאָנים עקזיסטירן נאָר דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן נעגידים, און נעגידים—דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן קאַבצאָנים.

איר אַלע פילט די שווערקייט פון דער לאַסט, וואָס אונטער איר ווערט איר דערשטיקט, אָבער אַסאַך פון אייך ווייסן ניט די מיטלען, ווי אַזוי צו קעמפן מיט דעם. אייניקע מייסטערס שטרעבן צו העלפן זיך מיט דעם, וואָס זיי זעצן אַראָפּ די סכירעס פון זייערע געזעלן אָדער אַרבעטער אין דער צייט, ווען דאָסדאָזיקע מאָסמיטל שאַדט נאָר זיי אַליין און דעם גאַנצן קרייז באַל-מעלאָכעס, וואָרום מיט דער פאַרקלענערונג פונם אַרבעטס-לוין פון די אַרבעטער פאַלט אויך דער פּרייז פון זייער אַרבעט, וואָרום עס הערט אויף צו עקזיסטירן די טאַקסע, וואָס רעגולירט די פּרייזן און וואָס וואָלט געקאָנט ניט דערלאָזן זיי זאָלן פאַלן, אַזוי אז פאַר יעדערן בלייבט איבער צו פאַרלאָזן זיך אָף זיינע אייגענע שוואַכע קרעפטן. איר זוכט שטענדיק די סיבעס פון אייערע אומגליקן אין דער נאָענטסטער אַרומיקער סוויווע אייערער, אין דער צייט, ווען זי געפינט זיך אין די פּאַלאַצן און אָף די ווייכע טעפּיכער.

אַנדערע זעען דעם מאקער פון אַלע צאָרעס אין די לאַכלוטן אומשולדיקע מאַשינען, וואָס וועלן דינען צום גליק פון דער מענטשהייט, ווען זי וועט איינשטעלן אין דער צוקונפט קאָהאָלשע פארמעגנס און וועט זיך פאַראייניקן אין איין גרויסע אַכדעסדיקע מישפּאָכע, וואָרום די מאשינען גיבן דעם מענטשן אזא קראַפט און אַזא שנעלקייט, וואָס ער אַליין איז פון דער נאַטור באַרויבט דערפון, און באַ זייער אָנווענדונג ווערט איבעריק אַזאַ גרויסער סכום האָרע-וואַניע און שווערקייטן.

אונזערע שאָפּלדיקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פירן דערצו, אַז די דערפינדונג און אָנווענדונג פון די מאַשינען, וואָס זייער באַשטימונג איז צו פאַרלייכטערן דעם אַרבעטערס-האָרעוואַניע, מאכן בלויז ערגער זיין צאָרעדיקע לאַגע און פאַרבעסערן לאַכלוטן ניט די אַרבעטס-באַדינגונגען: די גרויס פונם אַרבעטס-טאָג איז געבליבן דיזעלביקע, אויב זי איז ניט געוואָרן נאָך גרעסער. אזוי לאַנג ביז אָט די זאכלאַגע וועט ניט געענדערט ווערן, איז וואָס דער ארבעטער זאָל ניט אונטערנעמען אָף צו פאַרבעסערן זיין לאַגע, וועלן די אייגנוציקע מענטשן שטענדיק אויסנוצן דידאָזיקע מאָסמיטלען פאַר זייערע בידעריקע ענג-עגאָיסטישע צילן. דאָס גרעסטע, וואָס זיי וועלן טאָן איז, וואָס זיי וועלן דעם דערפינדער פון דער מאשין צוואַרפן אַ ביינדל פון זייער רייכן טיש. קעדיי ניט אָפּשוואַכן דעם ברען פון זיינע קאָלעגן.

די סיבע פון דער שווערער לאגע, וואָס מיר לעבן איבער, איז די אויסשליסלעך ניט-גלייכמעסיקע פאַנאַנדערטיילונג און באַנוץ פון די רייכטימער און אויך די ניט גלייכע פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט אָף צו פּראָדוצירן

דידאָזיקע רייכטימער. אלס מיטל אונטערצושטיצן דידאָזיקע עקלהאַפטע אָרדע-נונג דינט דאָס געלט.

ווען אין איין שיינעם פרימאָרגן וואָלט דאָס געלט פארשוואונדן גע-וואָרן, וואָלטן די נעגידים און קאבצאָנים גאָר גיך געווען געצוואונגען איינצו-אָרדענען זייער לעבן אַפן יעסאָד פון קאָהאָלשן פארמעגנס. אָבער קאָלומאַן עס עקזיסטירט געלט אין זיין היינטצייטיקער באַדייטונג, וועט קיינמאָל אונזער וועלט ניט דערזעען קיין פרייהייט. וויפל ליידן און אומגליקן האָט שוין די מענטשהייט אויסגעפרואווט פון דער צייט זינט דאָס געלט איז איינגעפירט געוואָרן. שטעלט צונויף א רעשימע פון אַלע פעלערן און טאָעסן פון דער מענטשהייט און איר וועט מוידע זיין, אַז די שרעקלעכסטע פון זיי, די, וואָס האָבן אמייסטן פארפינסטערט דעם געזעלשאַפטלעכן וואוילשטאַנד, וואָלטן אָן געלט ניט געקענט אַפילע אנטשטיין און וועלן בליסאָפעק פארשוואונדן ווערן, ווי נאָר דאָס געלט וועט פארניכטעט ווערן און עס וועט איינגעפירט ווערן קאָהאָלשע פאַרמעגנס. פראָקלאמירט פרייהייט און גלייכהייט, באַזייטיקט די פריצים און גאלאָכים, פארניכטעט דאָס שטענדיקע מיליטער און באלייגט מיט שטייערן די נעגידים, — מיט אָט דעם אלעם וועט איר אסאך דערגרייכן, אָבער דאָס גליק פון דער מענטשהייט וועט איר נאָך ווייט ניט באַפעסטיקן. קעדיי צו קרויזען אונזער זאך, דארפן מיר זיך אַף דעם ניט אָפשטעלן. אונזער כיווו איז אויסצונוצן זיך מיטן איצטיקן גרויסן מאָמענט, ווען די מענטשהייט קעמפט אָנגעשטרענגט פאר איר רעטונג. אויב מיר שטעלן שוין אין אונזער קאמף אין קאָן דאָס בלוט, דאָס לעבן און פריי-הייט, איז לאָמיר בעסער שטרעבן צו דערגרייכן דאָס פולקומע איידער דאָס אומפולקומע, וואָס קאָסט פונדעסטוועגן ניט ווייניקער קאָרבאנעס"...

4. די פאָדערונגען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון דייטשלאַנד.

„פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!"

1. גאַנץ דייטשלאַנד ווערט דערקלערט פאַר אַן איינהייטלעכער ניט צעטיילבאַרער רעפובליק.

2. איטלעכער דייטש, וואָס איז אַלט 21 יאָר, האָט רעכט צו וויילן און אויסגעוויילט צו ווערן, אויב ער האט נאָר אַף זיך ניט געהאַט קיין קרימי-נעלע שטראָף.

3. די פאָלקס-פאַרטרעטער קריגן באַלוינונג, קעדיי אַרבעטער זאָלן אויך האָבן אַ מעגלעכקייט צו זיצן אין דעם פאַרלאַמענט פונם דייטשישן פאָלק.

4. אַלגעמיינע באַוואָפענונג פונם פאָלק. אין דער צוקונפט וועלן די אַרמייען דאַרפן זיין אויך אַרבעטער-אַרמייען, קעדיי דער כאיל זאָל ניט פאָשעט פאַרברויכן, ווי דאָס איז געווען פריער, נאָר ער זאָל פראָדוצירן מער, איידער עס טרעפן אָן די הויצאָעס אַף אויסצוהאַלטן אים. אַכוץ דעם, איז עס אַ מיטל צו אָרגאַניזירן די אַרבעט.

5. אומזיסטע געריכט-פירונג.

6. אַלע פּעאָדאַלע היסכאיוועסן, אַלערליי ציגזן, בענעפיציעס, מאַיסערס א. אז. וו., וואָס הענגען נאָך אַד-האַיעם, ווי אַ לאַסט איבער דער דאָרפישער באַפעלקערונג, ווערן אָפּגעשאַפט אָן קיין שום אויסקויף.

7. די מאַיאָנטקעס פון די מעלאָכים און די איבעריקע פּעאָדאַלע מאַיאָנטקעס, אַלע אַרך-גרובן, שאַכטן א. א. וו. ווערן אַן אייגנטום פון מלוכע. אַף דידאָזיקע ערד פירט זיך אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אַווירטשאַפט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב און מיט די הייגטיקע געהילף-מיטלען, וואָס די וויסנשאַפט גיט.

8. די היפּאָטעקן איבער פויערשע ערד ווערן דערקלערט פאַר אַן אייגנטום פון דער מלוכע. פּראָצענטן אַף דידאָזיקע היפּאָטעקן צאָלן די פויערים אין דער מלוכע.

9. אין די געגנטן, וואו עס איז אַנטוויקלט אַרענדע, ווערט די ערד-רענטע אָדער אַרענדע-געלט איינגעצאָלט דער מלוכע אין דער פאָרם פון אַ שטייער.

די אַלע מיטלען, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין די פונקטן 6, 7, 8, און 9, ווערן דורכגעפירט מיטן צוועק צו פאַרקלענערן די קאָהאָלשע און אנדערע היסכאיוועסן פון די פויערים און קליינע אַרענדאַטאָרן, ניט פאַרקלענערנדיק דערביי די מיטלען, וואָס זיינען נויטיק אַף צו דעקן די מלוכע-הויצאָעס, און ניט באַשאַפנדיק קיין סאַקאָנע פאַר דער פּראָדוקציע גופע.

דער ערד-אייגנטימער אַליין, וואָס איז ניט קיין פויער, ניט קיין אַרענדאַטאָר, נעמט ניט קיין שום אנטייל אין דער פּראָדוקציע. דעריבער איז זיין געברויך — פּאַשעט אַ מיסגעברויך.

10. אָנשטאָט אַלע פּריוואטע בענק טרעט ארויס דער מלוכע-באַנק, וואָס די פּאַפירן זיינע האָבן אַ געזעצלעך איינגעשטעלטן קורס.

דאָסדאָזיקע מיטל מאַכט מעגלעך צו רעגולירן דעם גאנצן איניען פון קרעדיט אין די אינטערעסן פונם גאַנצן פאָלק און רייסט ארונטער, אַף אזא אויפן, די הערשאפט פון די גרויסע געלט-אייגנטימער. ביסלעכווייז, פאַר-בייטנדיק גאָלד און זילבער מיט פּאַפיר-געלט, מאכט עס ביליקער דאָס נויטיקע געצייג פון בורזשואזן אומזאק, דאָס אלגעמיינע מיטל פון אויסטויש, און לאָזט אָנווענדן די ווירקונג פון גאָלד און זילבער אַף אויסערלעכע באַציאונגען. דאָסדאָזיקע מיטל איז, סאָפּקאָלסאָף, נויטיק קעדיי צוצושמידן צו דער רע-גירונג די אינטערעסן פון די קאָנסערוואַטיווע בורזשוא.

11. די מלוכע נעמט איבער אין די אייגענע הענט אלע טראנספּאָרט-מיטלען: אייזנבאנען, קאנאלן, דאמף-שיפן, פור-וועגן, פּאָסט א. אז. וו. זיי ווערן אַ מלוכע-אייגנטום און ווערן אָפּגעגעבן אומזיסט אין רעשוס פון דעם ניט פאַר-מעגלעכן קלאַס.

12. אין דער באַלוינונג פון אלע מלוכע-באאמטע וועט ניט זיין קיין שום כילעק, אכוץ דעם, וואָס פּאַמיליען-לייט, ד. ה. מענטשן מיט גרעסערע באדערפעגישן, וועלן קריגן אַ גרעסערע באַלוינונג איידער די איבעריקע.

13. אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכע. די גייסטלעכע פון אלע עמונעס וועלן קריגן געצאָלט אויסשליסלעך פון זייערע פרייוויליקע געמיינדן.

14. באגרעניצן דאָס רעכט פון ירושה.

15. איינפירן א שטארק פּראָגרעסיון שטייער און באַטל מאכן די שטייערן אף געברויך=ארטיקלען.

16. איינאָרדענען נאציאָנאלע ווארשטאטן. די מלוכע גאראנטירט פאר אלע ארבעטער דאָס לעבנסמיטל און נעמט אף זיך די באזאָרגונג פון די, וואָס זיינען ניט ארבעטספעאיק.

17. אלגעמיינע און אומזיסטע פאָלקס-בילדונג.

עס איז אין די אינטערעסן פון דעם דייטשישן פּראָלעטאריאט, דער קליין-בורזשואזיע און דעם פויערשן שטאנד מיטצוהעלפן מיט דער גאנצער ענערגיע דורכצופירן אין לעבן די אויבן אָנגעוויזענע מיטלען. ווארום נאָר דורך דעם וואָס זיי וועלן פארווירקלעכט ווערן, וועלן מיליאָנען מענטשן, וואָס זיינען ביז איצט עקספּלואטירט געוואָרן אין דייטשלאנד דורך א קליינעם הייפל און וואָס מע וועט אויך ווייטער זען צו האַלטן זיי אין אונטערדריקונג, קענען דערשלאָגן זיך זייער רעכט און די מאכט, וואָס עס פּאסט פאר זיי, ווי פּראָדוצירער פון אלע רייכטימער.

דער קאָמיטעט: קארל מארקס, קארל שאפּער, ג. באוער. פ. ענגעלס, י. מאָל, וו. וואָלף".

5. די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

(פארזאמלונג פון ארבעטער באם „שענהויזער טויער").

בעטיכער (א טעסלער): „מיר האָבן ארבעט נאָר אף 9 כאדאָשים אין יאָר. ווינטער דארפן מיר מאכן כויוועס, זומער אויסצאָלן זיי. אָבער בא אונזערע נישטיקע פארדינסטן קענען מיר ניט באפרידיקן אלע באלכויוועס. דעריבער טראָגן מיר אריין א פאָרשלאג צו העכערן דעם ארבעטס-לוין. ווייטער, 14 שאָ ארבעט איז צו פיל. ווען מע זאָל צורעכענען דעם גאנג אהין און צוריק, וועט שוין אויסקומען גאנצע 18 שאָ. א פאָטער פון א פאמיליע האָט ניט קיין מעגלעכקייט, בא אזעלכע באדינגונגען, צו הערן זיינע קינדערס לעפּעטשען. ווען ער גייט אוועק אינדערפרי, שלאָפן זיי נאָך, ווען ער קומט צוריק, שלאָפן זיי שוין. מיר פאָדערן פון אונזערע באלעבאטים א הויסאָפע אף סכירעס, זיי זיינען בעקויעך דאָס צו טאָן".

זיגעריסט (א שלאָסער): „אין דעם נאָמען פון אלע מאשינבוי-ארבעטער קלאָג איך זיך, אז עס פעלט ארבעט. בעראָש פון אונז שטייען העכסט אומפּראקטישע פּארוואלטערס, וואָס גיבן אונז זעלטן א מעגלעכקייט צו פארדינען און איבעריקן אָנבייסן אפן כעשבן פון דעם מאיסטער. אן ארבעטער-מיניסטעריום וואָלט מאכן א סאָף צו זייער דעספּאָטיזם. אזא מיניסטעריום דארף אויך איינשטעלן א מינימום געצאָלט פון 4 דאָלער, קעדיי דער ארבעטער-קלאס זאָל קענען עקזיסטירן; זיי דארפן אויך קלענער מאכן

דעם ארבעטס־טאָג ביז 10 שאָ און אכטונג געבן אף דער פארוואלטונג פון די קאסעס, אָן דער אריינמישונג פון מאגיסטראט".

ווילקער (א גארבער): „אונזער פארלאנג איז אויסגעפירט געוואָרן, מיר ווילן ניט איבעראנייס קיין בלוט-באָד, אָבער מיר פאָדערן די פרוכט פון אונזער שווייס. מיר ארבעטן פון פינף אינדערפרי ביז זיבן פארנאכט. פאר-קלענערן די ארבעט-צייט ביז זעקס און העכערן דעם לוין ביז 4 דאָלער א וואָך, הייסט עס דען פאָדערן צו פיל?"

ברייל (א זעצער): „מיר האָבן אלע געקעמפט, טאָ לאָמיר זיך אויך ווייטער האלטן איינינעם. אויב מיר וועלן דורכלאָזן דעמדאָזיקן פאל דורכצו-שמועסן זיך צווישנאנאנד, וועלן אונזערע קוילכעס צעברעקלט ווערן. מיר קענען ניט צווינגען דעם מאיסטער געבן אונז אָ העכערן לוין, וואָרום דאן וועט ער דאָך אליין דארפן נעמען מער, סכוירעס וועלן טייערער ווערן און וועלן זיך ניט פארקויפן. מיר וואָלטן בעדאלעס שטעלן דעם מאַיסטער, דאָס ווילן מיר ניט (א טומל). איך בין פונקט אזוי אן ארבעטער, ווי איר, און איך וויל אויך עמעס און גערעכטיקייט. איך שטיי אויך דערפאר, עס זאָל געהעכערט ווערן דער לוין, דאָס דארף אָבער פאָרקומען אף א פרידלעכן אויפן, דורך אן אָפמאך מיט גוטן מיטן מאַיסטער, וואָרום ניט ער, נאָר די קאָנקורענץ באַשטימט די מעקאָכים אף אלץ. ווייטער איז נויטיק, אז דער ארבעטער זאָל קענען ארבעטן איבער זיין גייסטיקער זעלבסטבילדונג, דעריבער דארף די ארבעטס-צייט פארקירצט ווערן. די געזעלשאפט, וואָס איז געווען ביז איצטער, איז זיך באגאנגען זייער ניט יושערדיק מיט די ארבעטער. פארוואָס האָט זי אזוי געטאָן? ווייל די ארבעטער זיינען געווען ניט געבילדעט. איך פאָדער דעריבער פאָלקס־בילדונג אפן כעשבן פון דער מלוכע. דאָס וועט קאָסטן אסאך געלט, איך פארשטיי עס, מיר וועלן איינשפאָרן די הויצאָעס אף זשאנדארמעריע, אף טפיסעס, אף ארבעטס-הייזער, אף טאליאָנים און טליעס. אויב מיר ווילן העלפן, דארפן מיר אָנעמען גרונט-מיטלען. די רייכע דארפן מענאדעוו זיין א טייל פון זייער גוטס. אין וועמעס הענט איז ביז איצט געווען די מאכט? אין די הענט פון די סראָרעס, די אדעליקע און גווירים. זיי האָבן געקענט לעבן, אָבער פאר דעם ארבעטער האָבן זיי גאָרניט ניט געטאָן, פאר דעם ארבעטער, וואָס האָט דאָך זיי געגעבן אלץ, אָנהויבנדיק פון דאָס סאמע נויטיקע און ענדיקנדיק מיט קאָמפאָרט. עמעס, עס זיינען פאראן מענטשן, וואָס זאָרגן וועגן אונז, כאָטש זיי טראָגן א פיינעם ראָק. דער ארבעטער איז דער יעסאָד פון דער געזעלשאפט, און אזוי ווי ער בייט זיך איצטער, דארף אויך די גאנצע געזעלשאפט איצט איבערענדערן זיך: אויס-בעסערן זיך און איבערבויען זיך. מיר דארפן א וואָלוועלע רעגירונג. דאָס וועט לייכטער מאכן דעם יאָך, וואָס ליגט איצט אפן פויער, אפן באל-מעלאָכע און אף דעם ארבעטער. אלע בירגער דארפן קריגן וואל-רעכט, די שטענדיקע ארמיי דארף פארביטן ווערן אף אן אלגעמיינער פאָלקס-מיליציע, וואָס וועט פון אויסן און אויך פון אינעווייניק פארשאפן אונז פונקט אזא רעספעקט, ווי יענע, אויב ניט נאָך מער. דאָס וועט אסאך איינשפאָרן.

מענטשן פאַרשטענדיקע דאַרפן שאַפן אַן אַרבעטער-מיניסטעריום, וואָס דאַרף זיך פאַרבינדן מיטן גאַנצן לאַנד, און גרינדן אין יעדער הויפּט-שטאָט פון אַ פּראָווינץ אַ פּראָווינציעלן קאָמיטעט, און אין יעדער קרייז שטאָט — אַ קרייז קאָמיטעט. לעסאָף, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז נויטיק פאָלקס-דערציאונג. מיר אַלע זיינען באַקאַנט מיט אייכהאָרנס-מיניסטעריום. דאָס דאָזיקע מיניסטעריום האָט אונז געטרייסט מיט יענער וועלט, בעת מיר פלעגן זיך קלאָגן אויף אונזער דאָיקער אויף דער וועלט: „נאָכן טויט, — פלעגן זיי זאָגן, — וועט איר אַלץ באַקומען". זיי האָבן געשיקט אין אַלע אונזערע קעהילעס פּאַסטאָרן און לערערס, וואָס האָבן געזאָלט שפּייזן אונזערע קינדער מיט פּסוקים פון טאַנאַך און פאַרשלאָגן זיי די קעפּ. אַזאַ מין דערציאונג האָט ניט געקענט העלפן דער דערשלאָגענער מענטשהייט. אַ הילף דער מענטשהייט וועט אַרויסקומען פון איר אַליין. איטלעכער טראָגט דעם אויסלייזער אין זיין אייגענעם האַרצן". (לאַנגע, שטורמדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

עבערט העלם (אַ שוואַרץ-אַרבעטער): „דריי טאָלער איז קנאַפּ פאַר אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע. אומעטום אויף די בוי-אַרבעטן טרעפן מיר פּראָפעסיאָנאַליסטן. דאָס דאַרף ניט זיין. מע דאַרף זיי פאַרווערן אַרבעטן ווי פּראָסטע אַרבעטער".

בערגעמאַן (אַ מאָלער): „אין נאָמען פון מיינע כאַווייירים קלאָג איך זיך, אַז די פאַרלעגער מאַכן צופיל באַשטעלונגען אין די אַרבעטס-הייזער. ווייטער, די אַרבעט אויף שאַבלאָנען ברענגט אונז גרויס היזעק. פּראַנקע, לעמאָשל, אַרבעט אויס אַסאַך סכוירע אויף שאַבלאָנען און איז דעריבער בעקוויעך צו פאַרקויפן אין זעקס מאָל ביליקער פון אונז. דעריבער טראָג איך אַריין אַ פאָרשלאָג אָפּצושאַפן שאַבלאָנען. ווייטער, קיינער קען ניט לעבן אויף אונזערע סכירעס. עס איז פאַראַן בײַ אונז דער אַזוי-גערופענער נאָל-ליסט. אַ דיופּענע קאָסט אַזוי אויך ווינציק, און דער אַרבעטס-געבער נעמט נאָך אַראָפּ אַ גרויסן כיילעק פון דעם מעקעך פאַר זיך. דער מעקעך פון אַ דיופּענע דאַרף געהעכערט ווערן אויף אַ דריטל. ווייטער, פאַרלאַנגען מיר, אַז קיין מאַיסטער זאָל ניט האָבן מער פון צוויי לערן-אינגלעך. אַנדערע האָבן ביז זעקס לערן-אינגלעך, דאָס איז צופיל. בײַ מאַלמענע אין געשעפט אַרבעטן פיר אינגלעך, וואָס טוען אונז אָן גרויס היזעק, פּונקט אַזוי ווי די מיידלעך".

בייזעל (אַ זייד-אַרבעטער): „מיר געהערן צו די סאַמע אונטערדריקטע אַרבעטער, און מיר פאָדערן, אַז די אַרבעט אין די אַרבעטס-הייזער זאָל אָפּגעשטעלט ווערן. ווייטער, די אַרבעטס-געבער האָבן קיין רעכט ניט צו געבן אַרבעט מיידלעך און האָבן קיין רעכט ניט צו האַלטן מער פון צו דריי לערן-אינגלעך; זיי דאַרפן אויך ניט האָבן מער וועב-שטולן, איידער עס דערלאָזט די גרויס פון דער דירע, וואָס זיי פאַרנעמען".

שטיינהאָף (אַ שמוקלער) שטעלט אַרויס אָט די פאָדערונגען: 1) אַלע מיידלעך, וואָס אַרבעטן אויף שמוקלערש געשטעלן, דאַרפן אויפהערן אַרבעטן; 2) מאַשינען, וואָס מאַכן איבעריק דעם מענטשנס אַרבעטס-הענט, דאַרף זיין באַגרעניצט. אויב מע וועט מיר דערווידערן, וואָס זשע זאָלן די מיידלעך טאָן

אינדערהיים, וועל איך ענטפערן: געהעכערטע סכירעס וועט געבן זייערע פּאָטערס אַ מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן זיי.

קעלינג (אַ ציגאַרן-מאַכער) פאַרלאַנגט אַן אויסגלייכונג צווישן קאַ-פּיטאַל און אַרבעט, אָבער ניט אין דעם גייסט פון די קאָמוניסטן. איטלעכער דאַרף פאַרלייגן און אויסנוצן זיינע קרעפטן, אָבער אַרבעט דאַרף באַלוינט ווערן לויטן פאַרדינסט. דער רעדנער שטעלט אויך אַרויס די פאָדערונג, אַז פרעמדע זאָל מען אָפּזאָגן אין אַז מאַיסטערס זאָלן ניט האָבן קיין רעכט צו האַלטן מער ווי דריי לערן-אינגלעך.

זאַכאַריע (אַ שרייבער): „ניט פאַר זיך, נאָר אין נאָמען פון די טאָג-אַרבעטער טרעט איך אַרויס. די מלוכע האָט אָנגעמאַכט די אַרבעטער וואונדן. דאַרף זי זיי פאַרהיילן. זי דאַרף אויסאַרבעטן מעל גרויסע פאַרטיעסווייז פאַרן לאַנ-כאַדים-פאַרקויף. די טאָג-אַרבעטער דאַרפן זיך פאַראייניקן אין איין פּראָלעטאַ-רישן פאַרבאַנד (עס ווערט אַ טומל, די פאַרזאַמלונג צווינגט דעם רעדנער נעמען צוריק דאָס וואָרט „פּראָלעטאַריש"). איטלעכער בירגער, וואָס פאַרדינט ווינציקער פון אַ האַלבן טאָלער אַ טאָג, שליסט זיך אָן אָן דעם פאַרבאַנד: די מלוכע גיט די מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד דירעס פאַר אַ מינימום דירע-געלט (דער רעדנער באַנוצט ווידעראַמאָל דאָס וואָרט „פּראָלעטאַריער", און דאָס רופט אַרויס נייע פּראָטעסטן מיצאַד דער פאַרזאַמלונג). די מיטגלידער ווערן באַפרייט פון אַלע שטייערן, דירעקטע און אומדירעקטע" (אַפּלאָדיסמענטן).

ציגעלביין לייענט איבער אַ מעלדונג פון אַכט הונדערט ליטאָגראַ-פיע-אַרבעטער, וואָס נאָר 150 מאַן זייערע האָבן אַרבעט, די איבעריקע ליידן שרעקלעכע נויט זינט מע האָט איינגעפירט מאַשינעס. די וויכטיקסטע פונקטן פון דע- מעלדונג זייען: באַגרעניצן די מאַשינעס לויט אַזאַ פּרינציפּ: אויב די שטיק איז אַ צווייקאָלירנדיקע, דאַרף איטלעכע צווייטע געדרוקט ווערן; אויב אַ דרייקאָלירנדיקע, איז איט-עכע דריטע און אַז. וו. ווייטער באַזייטיקן די מיידלעך, פאַרקירצן דעם אַרבעטס-טאָג. ברויט אָדער טויט!

קאָנסקי (אַ וועבער אַף זיידנס): „איך רייד ניט אין נאָמען פון אַ דע-פּוטאַציע, נאָר פון זיך אַליין, און דאָך רייד איך פאַר אַלעמען. פריער האָט מען גערעדט וועגן אַרבעטס-מיניסטעריום, וואָס זאָל רעגולירן די אַרבעט בא אונז אין לאַנד. איך גיי ווייטער: אין פראַנקרייך, עסטרייך און ענגלאַנד דאַרפן איך געשאַפן ווערן אַזעלכע אַרבעט-מיניסטעריומס, זיי אַלע דאַרפן זיך פאַרבינדן צווישנאַנאַנד, וואָרום נאָר דאַן וועט מעגלעך ווערן צו באַשאַפן אַן איינהייטלעכע סיסטעם פון אַרבעט אין אינדוסטריע" (בראַוואָ, בראַוואָ).

בערע (אַ שמייסער) לייענט איבער אַן אָנקלאָג אין נאָמען פון אַלע מעשאָרסים, אַלעמאַי סאָלדאַטן נוצט מען אויס אַף אַריבערפירן, אַריבערטראָגן און ביכלאַל אַף פּריוואַטע דינסט, און ער בעט, אַז זיין אָנקלאָג זאָל טייקעף דערלייגט ווערן דעם קעניג..."

6. די בורזשואזיע אין דער רעוואָלוציע פון „18 מאַרט".

(ק. מאַרקס. פון אן ארטיקל אין דער „נייער ריינישער צייטונג")

„די מאַרט-רעוואָלוציע האָט קלאָל ניט אונטערגעוואָרפן דעם כּוח־עצן פונם לאַנד אונטער דער פאָלקס-סואווערעניטעט. זי האָט בלויז געצוואונגען די קרוין, ד. ה. די אַבסאָלוטע מלוכה, צו קומען צו אן אויסגלייך מיט דער בורזשואזיע און פאַרייניקן זיך מיט איר אלטן קעגנער.

די קרוין האָט מאַקריוו געווען דעם אַדל צוליב דער בורזשואזיע, די בורזשואזיע האָט מאַקריוו געווען דאָס פאָלק צוליב דער קרוין. אף אזעלכע באַדינגונגען האָט זיך דאָס קעניגרייך פאַרבורזשואזעט, און די בורזשואזיע האָט באַקומען א קייזערלעכן אויסזעען.

נאָך די מאַרט-געשעענישן זיינען געבליבן בלויז אָט די צווי קרעפטן. זיי דינען זיך קעגנזייטיק אלס בליך אָפּלייטער פון דער רעוואָלוציע. פאַרשטייט זיך, אף א „ברייטן דעמאָקראַטישן יסאָד".

דעריין טאַקע איז באַשטאַנען דער סאָד פון דער פשאָרע טעאָריע.

די פוטער-און וואָל-הענדלער, וואָס האָבן געבילדעט דאָס ערשטע מיניסטעריום נאָך דער מאַרט-רעוואָלוציע, איז געפעלן געוואָרן זייער ראָלע — צו דינען מיט זייערע פלעבעאישע פליגלען אלס צודעק פאַר דער קרוין, וואָס האָט אויפגעדעקט אירע שוואכע זייטן. זיי זיינען פאַרגאַפט געוואָרן פון אנטציקונג און האָבן זיך געקוויקט פון דער מעגלעכקייט אויפגענומען צו ווערן אין פאַלאַץ. זיי זיינען אליין ארויין אין היספּאילעס פון אָפּזאָגן זיך פון זייער רוימישער שטרענגקייט — פון דער רוימישער שטרענגקייט פון די צייטן פונם „פאַרייניקטן לאַנדטאַג" — און האָבן אָנגעקוואָלן פון זייער שטרעבונג אָנצופילן מיט די טויטע קערפּערס פון זייער אמאָליקער פאָפּולערקייט דעם אָפּגרונט, וואָס האָט געדראָט איינצושלינגען די קרוין. ווי גאַיוועדיק האָט זיך עס געהאַלטן דער מיניסטער קאַמפּהויזען אין דער ראָלע פון דער הייבאַם פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג! עס איז קלאָר, אז אָט דער בראַווער מאַן איז געווען קענטיק טיף גערירט פון זיין אייגענער גרויסמוטיקייט. די קרוין מיט אירע אָנהענגער האָט מיט א בווילעטער אומצופרידנהייט געדולדעט דעמדאָזיקן דערנידעריקנדיקן פּראָטעקטאָראַט און האָט, אפּוואַרטנדיק בעסערע טעג, געבויט bonne mine au mauvais jeu.

די אַרמיי, וואָס איז אף א העלפט פאַרניכטעט געוואָרן, די ביוראָקראַטיע, וואָס ציטערט פאַר אירע אמטן און געהאַלט, און דער דערנידעריקטער פעאָדאַלישער שטאַנד, וואָס זיין הויפּט האָט זיך געפונען אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער בילדונגס-נעסיע, האָבן מיט אייניקע ליבלעכע ווערטער און פאַרנויגונגען אָן מי געמאַכט צום נאַר דעם bourgeois gentilhomme.

נאָמינאַל האָט זיך די הערשאַפט געפונען אין די הענט פון דער בורזשואזיע, און זי האָט אף קיין איין רעגע ניט געצווייפלט אין דעם, אז די גאַנצע מאַכט פון דער פריערדיקער מלוכה איז אָן שום זייטיקער פניע אָפּגעגעבן געוואָרן אין איר רעשוס, אז זי אליין איז איצט אלמעכטיק. ניט בלויז אין

מיניסטעריום, נאָר אומעטום, אין דער גאַנצער מלוכע, האָט זיך די בורזשואזיע איינגעוויגט מיט אזוינע אילוזיעס.

צי האָבן דען די איינציקע העלדישע מאַיסים פון דער פּרייסישער בורזשואזיע נאָך מאַרט, צי האָבן, דען די טיילווייזע אויספאַלן פון דער מיליציע פון די בירגער קעגן דעם אומבאַוואָפנטן פּראָלעטאַריאַט ניט געפונען קיין מיטפילנדיקע מענטשן אין דער ארמיי, אין דער ביוראָקראַטיע און אפילע צווישן די פעאָדאַלן גופע, וואָס האָבן זיך מיט גרייטקייט איבערגעגעבן אין איר רעשוס? צי זיינען דען די שטום-געוואָרענע רעגירונגס-פּרעזידענטן פון די קאָמונאַלע ראַטן און די אין זיך איינגעשלאָסענע דיוויזיע-גענעראַלן ניט איבעראַשט געוואָרן פון די איינציקע פּרוואון, אף וועלכע עס האָבן זיך אָנגעשטרענגט ביז די לעצטע קרעפטן די פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע — די קאָמונאַלע ראַטן? אַלס באַלוינונג דערפאַר איז זייער דינסטפאַרטיקע וואולגארקייט שפּעטער טרעטירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג מיצאַד ווינדישגרעץ, יעלאטשיטש און וועלדען. צי זיינען זיי דען ניט געווען פאַרוואונדערט פון די איינציקע העלדישע מאַיסים פון אָט די אַלע קאָמונאַלע ראַטן נאָך דער מאַרט-רעוואָלוציע, פון פאַטריאַכאַל-ערנסטע ווארנונגס-ווערטער, וואָס זיינען געווען געווענדעט צום פאָלק? און צי האָט דען די פּרייסישע בורזשואזיע נאָך געקאָנט צווייפלען אין דעם, אַז עס איז געשטאָרבן דער פריערדיקער האַס צו איר מיצאַד דער אַרמיי, ביוראָקראַטיע און פעאָדאַלן און אַז זיין אָרט האָט פאַרנומען די איראַכהאַקאָוועדיקע איבערגעבנהייט צום גרויסמוטיקן זיגער, וואָס האַלט איין זיך און די אַנאַרכיע — צו דער בורזשואַזיע?

עס איז קלאָר געווען, אַז פאַר דער פּרייסישער בורזשואזיע איז געווען בלויז נאָך איין אויפגאַבע — באַקוועם זיך איינצואָרדענען, באַזייטיקן מיט איר מאַכט די אַרומיקע אַנארכיסטן, אויפשטעלן די „רואיקייט און אָרדענונג“ און אַניאָגן די פּראָצענטן, וואָס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר דער צייט פונם מאַרט-שטורם. עס האָט נאָך געקאָנט זיין אַ רייד בלויז וועגן דעם, אַז מע זאָל פאַרקלענערן ביזן מינימום די פּראָדוציר-הויצאָעס פון איר הערשאַפט און פון דער מאַרט-רעוואָלוציע, וואָס האָט דידאָזיקע הערשאַפט אַרויסגערופן. צי האָט מען דען ניט געדאַרפט אָפּנעמען באַם צום נאַר-געמאַכטן פאָלק דאָס געווער, וועלכע די פּרייסישע בורזשואַזיע איז געווען געצוואונגען צו געברויכן פאַר זיך אונטער דער פירמע פונם פאָלק אין איר קאַמף מיט דער פעאָדאַלער געזעלשאפט און מיט דער קרוין, — די פרייהייט פון אַסאָציאַציעס, די פרייהייט פון פּרעסע און ד. גל. ווייל אין דעם האָט מען זיך דאָך מער ניט גענויטיקט אַף צו קעמפן פאַר דער בורזשואזיע, און דאָס פאָלק האָט אַרויסגעוויזן פאַרדעכטיקע פאַרלאַנגען אויסצונוצן אים קעגן איר טאַקע.

דער איינפאַרשטענדעניש צווישן דער בורזשואזיע און דער קרוין, צווישן דעם מאַרק פון דער בורזשואַזיע און צווישן דער פריערדיקער מלוכע, וואָס איז איבערגעלאָזט אַף איר אייגענעם באַראָט, האָט נאָך לויט דער מיינונג פון דער בורזשואזיע געשטערט דאָס פאָלק — אָט דער „שטאַרקער, נאָר ביינוויליקער יאָט“, ווי עס זאָגט האָבס, דאָס פאלק און די רעוואלוציע.

די רעוואלוציע איז געווען דער רעכטלעכער טיטול פונם פאלק. אַף דער רעוואלוציע האט עס באזירט זיינע שטורמישע פאדערונגען. די רעוואלו־ציע איז געווען אַ וועקסל, וואס דאס פאלק האט אַרויסגעגעבן דער בורזשואַ־זיע. מיט דער הילף פון דער רעוואלוציע האט די בורזשואזיע זיך דערשלאגן צו דער מאַכט. דער טאג, ווען די מאכט איז צו איר אַריבער, איז געווען דער טערמין אַף צו צאלן דעמ־אזיקן וועקסל. די בורזשואַזיע האט געדאַרפט דערקלערן אַ פראטעסט קעגן דעם וועקסל.

די רעוואלוציע האט אינם מויל פונם פאלק באַדייט: איר, — בורזשואַ, איר, „קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג", וואס אין אייערע הענט האבן מיר אפגעגעבן די מאַכט ניט צוליב דעם, קעדיי איר זאלט אַ פשארע מאכן מיט דער קרוין מיקויעך אייערע אינטערעסן, נאָר צוליב דעם, אַז איר זאלט זיך דערשלאגן באַ דער קרוין די פאַרווירקלעכונג פון אונזערע אינטערעסן, די אינטערעסן פונם פאלק.

די רעוואלוציע איז געווען דער פאלקס־פראטעסט קעגן דעם אויסגלייך פון דער בורזשואַזיע מיט דער קרוין. דעריבער האט די בורזשואזיע, וואס האט אַ פשארע געמאכט מיט דער ק־וין, געדארפט פראטעסטירן קעגן דער רע־וואלוציע.

דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען באַם גרויסן קאָמפּהויזען. מיט דער מאַרט־רעוואָלוציע האָט מען באַשלאָסן ניט צו רעכענען זיך. מיט דעם גופע, וואָס די בערלינער פאָלקס־רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאג וועגן אנער־קענען די מאַרט־רעוואָלוציע, האָט זי זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ רעגירונג פון דער פרייסישער בורזשואַזיע, אַלס אַ פאַרזאַמלונג פון פערזאָנען, וואָס מאַכן פשאָרעס.

דאָס געשעענע האָט זי אַנערקענט אַלס ניט געשעענע. די פאַרזאַמלונג האָט אַף אַ הויכן קאָל געמאָלדן דעם פרייסישן פאָלק, אַז זי האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע ניט צוליב דעם, קעדיי צו מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן דער קרוין, נאָר פאַרקערט. אַז ער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע צוליב דעם, אַז די קרוין זאָל קאָנען שליסן אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע קעגן אים אַליין. אַזוי אַרום איז געמאַכט געוואָרן אַ טעל פונם רעכטלעכן טיטול פונם רעוואָלוציאָנערן פאָלק און עס האָט זיך באַקומען דער באָדן פונם פריי־סישן רעכט.

דער באָדן פונם רעכט, און דערצו נאָך דער באָדן פונם פרייסישן רעכט.

וואָס האָט געדינט אַלס באָדן פאַרן ריטער פון די גרויסע דעבאַטן קאָמפּ־הויזען, פאַרן באַניים אויפגעשטאַנענעם געשפענסט פונם „פאַריייניקטן לאנדטאַג" און פון דער פאַרזאַמלונג אַף אויסצואַרבעטן דעם אָפּמאַך? צי איז עס געווען דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע געזעץ פון 1815 יאָר, צי דאָס געזעץ וועגן דעם לאנדסטאַג פון 1820 יאָר, צי דער באַפעל פון 1847 יאָר, אָדער דאָס געזעץ וועגן די וואַלן און וועגן דער אויסאַרבעטונג פונם אָפּמאַך פון 8 אַפּרעל 1848 יאָר?

ניט דאָס, ניט דאָס צווייטע, ניט דאָס דריטע.

דער באָדן פונם רעכט האָט גאַנץ פּאָשעט באַדייט, אַז די רעוואָלוציע

האָט ניט באַקומען אונטער זיך קיין באָדן, און די אַלטע געזעלשאַפט האָט אים ניט פאַרלאָרן, אַז די מאַרט-רעוואָלוציע איז בלויז געווען אַן „אומשטאַנד, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס" צו דער „פאַרייניקונג" פון דער קרוין מיט דער בורזשואַזיע, וואָס איז שוין לאַנג געווען צוגערייט אינעווייניק אין דער אַלטער פרייסישער מלוכע, צו דער „פאַרייניקונג", וואָס דעם נויט אין איר האָט די קרוין גופא אָנערקענט אין אירע פריערדיקע אַלגנעדיקסטע רעסקריפּטן און וועלכע זי האָט בלויז ביז מאַרט ניט באַטראַכט אַלס „דרינגענדיקע". מיט איין וואָרט, דער „באָדן פונם רעכט" האָט באַדייט, אַז די בורזשואַזיע ווינטשט צו זיין מיט דער קרוין נאָך מאַרט פונקט אין דיזעלבע באַציאונגען, ווי ביז מאַרט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין רעוואָלוציע ניט געשען, און דער „פאַרייניקטער לאַנדטאַג" האָט דערגרייכט זיין ציל אָן איר. דער „באָדן פונם רעכט" האָט באַדייט, „אַז דער רעכטלעכער יעסאָד פונם פאָלק, די רעוואָלוציע, גייט ניט אַריין אין Contrat social (געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך), וואָס איז געשלאָסן צווישן דער רעגירונג און דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע האָט אַרויסגעדרונ-גען אירע טוויעס פון דער אַלטער פרייסישער געזעצגעבונג מיטן צוועק, אַז דאָס פאָלק זאָל ניט באַזירן זיינע טוויעס אַף דער פרייסישער רעוואָלוציע"...

7. די בורזשואַזיע און דאָס פויערטום.

(ק. מאַרקס. פונם אַרטיקל אין דער „נייער ריינישער צייטונג").

„דעם בורזשואַזן מיניסטעריום האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרביטערן קעגן זיך אין אַ גלייכער מאָס ניט נאָר דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, די בורזשו-אַזע דעמאָקראַטיע און די פעאָדאַלן, נאָר זי האָט אויך באַוויזן צו דערווייטערן פון זיך און פאַרוואַנדלען אין אירע סאָנים אַפילו די פויערים, וואָס האָבן גע-שמאַכט אונטערן יאָך פונם פעאָדאַליזם. דערין האָט אים אייפעריק אונטער-שטיצט די פאַרזאַמלונג אַף אויסצואַרבעטן דעם אָפּמאַך.

דער פאַרגעלייגטער פּראָיעקט אַף צו באַפרייען פון די פעאָדאַלע פליכטן איז געווען דער סאַמע מיזערנער אויפטו, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פונם אָנמעכטיקן וואונש פון דער בורזשואַזיע צו מעוואַטל מאַכן די פעאָדאַלע פריווילעגיעס, אָט די „פאַרהעלטענישן, וואָס פּאַסן זיך ניט צו דער נייער מלוכישער אָרדענונג", און פון דער בורזשואַזער מוירע צו פאַרמעסטן זיך אַף אַ רעוואָלוציאָנערן אויפן אַפן אייגנטום פון וועלכן ניט איז מין.

דער שאָפּלדיקער, פאַכדאָנעסדיקער און קורצזיכטיקער עגאָאיזם האָט ביז אַזאַ שטופע פאַרבלענדעט די פרייסישע בורזשואַזיע, אַז זי האָט אָפּגע-שטויסן פון זיך איר סאַמע נויטיקסטן פאַרבינדעטן — דאָס פויערטום.

דעם 3 יוני האָט דער דעפּוטאַט גאַנאָוו אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג וועגן דעם, „אַז אַלע פּראָצעסן איבער דער איינרעגולירונג פון די פאַרהעלטענישן צווישן די פריצים און די פויערים און איבער דער אויסקויפונג פון די פליכטן זאָלן טייקעף, לויט דער מעלדונג פון איין צאַד, אָפּגעשטעלט ווערן ביזן נייעם געזעץ, וואָס איז געגרינדעט אַף גערעכטע פּרינציפּן".

און ערשט נאָר אין סאָף סענטיאַבר, ד. ה. אין פיר כאַדאָשים אַרום, האָט דאָס מיניסטעריום דורך דער פאַרזאַמלונג אַף אויסצואַרבעטן דעם אָפּמאַך, אָנגענומען דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגן אָפּשטעלן די פּראָצעסן צווישן די פּריצים און פויערים, האָט אָפּגעוואָרפן אלע ליבעראלע אויסבעסערונגען און האָט גאַנץ געלאָזן דעם אויסרייד וועגן דער צייטווייליקער באַשטימונג פון די לויפּנדיקע פליכטן און האָט איבערגעלאָזן אין קראַפט די „אָבליגאַטאָרישקייט אָפּצוצאָלן די שטרייטיקע פליכטן און שולדן".

אין אווגוסט, אויב מיר האָבן ניט קיין טאָעס, האָט די פאַרזאַמלונג אַף אויסצואַרבעטן דעם אָפּמאַך ניט אנערקענט פאַר אומאָפּלייגבאַר רייַנשטילס פאָרשלאַג „וועגן אָפּשטעלן טייקעף די פאַנשטשינע", און די פויערים האָבן אַף אַזאַ אופן גערעכנט פאַרשטיין, אַז זיי שלאָגן זיך פאַר דערוועלבער פאַרזאַמלונג אַף אויסצואַרבעטן דעם אָפּמאַך, וועלכע האָט זיי דערווייטערט פון דער פאַקטישער פּאָזיציע, וואָס זיי האָבן דעראָבערט נאָך מאַרט.

די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן פון דער פויערים=באַפרייאונג. מיט דער הילף פון די פויערים האָט זי דעראָבערט אייראָפּע. די פּרייסישע בורזשואַזיע אָבער איז אַזוי פאַרזונקען אין אירע ענגע קליינלעכע אינטערעסן, אַז זי האָט אָפּגעוואָרפן מיט ביטל אפילע אָט דעם פאַרבינדעטן און האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ וועלקציג פאַר די פעאָדאַלע קאָנטר-רעוואָלוציעס".

8. פאַסיווער ווידערשטאַנד.

(פּראָקלאַמאַציע פון די לינקע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען).

„פּרייסן! די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אַפּעלירט צום פּרייסישן פאָלק קעגן דער געזעצלאָזיקייט און די גוואַלדטעטיקע דעקרעטן פון בראַנדענבורגס מיניסטעריום, און מיליאָנען האָבן זיך אָפּגערופן אַף איר רוף.

אונזערע באַשטימונגען פאַר דעם קאָוועד און פרייהייט פונם פאָטערלאַנד זיינען איינשטימיק באַגעגנט געוואָרן מיט באַגייסטערונג. דער קעניג אַליין האָט זיך געווענדעט צום פאָלק מיט אַ צורוף אַרויסצוזאָגן זיך. מיר האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, און איצט טיילט מען אָפּ דעם קעניג פונם פאָלק. בראַנדענבורגס מיניסטעריום האָט געהאַט די כוצפּע צו דערקלערן עפנטלעך: „מע קאָן ניט צופיל ווייך מאכן דעם קעניגס האַרץ". אייערע אדרעסן ווערן ניט איבערגעגעבן. אייערע דעלעגאַציעס ווערן ניט אויפגענומען. דער קעניג האָט ניט קיין פרייהייט. ער איז ארומגערינגלט מיט אַ פאַרברעכערישער באַנדע, וועלכע באַהאַלט פון אים דעם צאָרן פונם גאַנצן לאַנד, קעדיי צו ברענגען דעם טראָן און דאָס פאָטערלאַנד פאַר אַ קאָרבן צוליב זייערע פאַרעטערישע פּלענער. דעם זאַל פון די זיצונגען און די קאַנצעלאַריע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ קאַזאַרמע. די פאַרבלענדעטע זין פונם פאָטערלאַנד—די סאָלדאַטן, האָבן צעריסן און צעוואָרפן אונזער אַרכיוו מיט די וויכטיקסטע דאָקומענטן, בעסויכאָם 12 טויזנט פּעטיציעס פון אלע עקן פונם לאַנד. אונזער פּרעזידענט האָט זיך מישטאַדל געווען, אַז מע זאָל אַרויסגעבן דידאָזיקע פּאַפּירן. מע האָט אים ניט איין מאָל אָפּגעזאָגט. וואָס פאַר א

באדייט האָט פאַר אָט די מענטשן דער וואונש, די רעכט און די פרייהייט פון 16 מיליאָן פרייסן? אונזערע פעטיציעס האָט מען צעטראָטן, אין דער באַראטונג פון אייערע פאָרשטייער רייסן זיך אַריין סאלדאַטן מיט באַגנעטן. די געזעצן, וואָס דער קעניג אליין האָט פארעפנטלעכט וועגן באַשיצן די פערזענלעכע פרייהייט און די וואוינונגען, האָט מען אף אן אומפאַרשעמטן אופן אויסגעוואָרפן. מיליטערישער באלאַגערונגס-צושטאַנד איז דערקלערט געוואָרן דאָרט, וואו עס זיצן די הייליקע פערזענלעכקייטן פון די דעלעגאַטן. דאס איז א פאַראט, וואָס פרעכער און שרעקלעכער פון אים ווייס ניט די דייטשישע געשיכטע.

די אָפיציעלע מעלדונגען פארשפרייטן איבערן גאַנצן לאנד ליגנס און פארדרייעניש פונם עמעס. די צייטונגען זיינען געצוואונגען צו דרוקן די דאָזיקע מעלדונגען, און די שטים פונם עמעס איז אין דער פרעסע דערשטיקט דורך גוואלדטאַט. אבער זיי האָט גאָרניט געהאָלפן. די נאציאָנאלע פארזאמלונג שטייט אף דער וואך, און די ערטער פון יענע דעלעגאַטן, וואָס האָבן פארגעסן זייער כיווו און זיינען פאַכדאָנעסדיק אוועק פון זייער פאָסטן, ווערן מיט יעדן טאָג פאַרפולט. די קאַנדידאטן איילן זיך אַליין צו נעמען אן אנטייל אין אָט די ערנהאַפטע און ריזיקאלישע זיצונגען. עמעס די גראָבע קראַפט נעמט בא אונז אַוועק די קאָסטבאַרע טעג און וואָכן, וועלכע מיר וואָלטן געקאנט אויסנוצן לעטויוועס דעם פאָלק. אָבער דאָך האָט זיך קיינעם ניט איינגעגעבן צו שטערן אונז אָנצואווענדן אלע מיטלען אף צו קעמפן קעגן גוואלדטאַט.

מיר האָבן פארפירט קעגן דעם מיניסטעריום אַ פראָצעס און באשולדיקן אים אין מלוכע-פאַראַט און מיר האָבן אָנגענומען אן איינשטימיקע רעזאלוציע פון 16 נאָיאבר, וואָס נעמט אָפּ בא אים דאָס רעכט צו זאמלען שטייערן און שאפן מיט די מלוכישע פינאַנסן. מיטן דאָזיקן פאַקט האָבן מיר אויסגעשעפט אלע פאַרלאַמענטישע מיטלען. איצט געהער דאָס וואָרט דעם פאלק. עס דארף אויספילן „אונזער באַשטימונג“.

9. אויפרוף פון דעם קאמיטעט פון די דעמאקראטישע פאַריינען אין דער ריינישער פראווינץ.

אויפרוף. קעלן, 18 נאָיאבר 1848 יאָר. דער ריינישער געגנט-קאָמיטעט פון דעמאָקראטן רופט צו אלע דעמאָקראטישע פאריינען פון דער ריינישער פראָווינץ אָנצונעמען און דורכצופירן דידאָזיקע מיטלען:

„1. נאָך דעם ווי די פרייסישע נאציאנאלע פארזאמלונג אליין האָט באַשטימט אָפּצוזאגן זיך צו צאלן שטייערן, מוז מען ניט דערלאָזן מע זאָל זיי איינמאָנען מיט געוואלט, אַרויסווייזנדיק דערביי דעם גרעסטן ווידערשטאנד.

„2. מע מוז אומעטום אָרגאניזירן א לאַנדשטורם אף אָפּצושטויסן דעם סוינע. באַוואָפּענונג און באזאָרגונג פאר ניט פארמעגלעכע דארף מען קריגן אפן כעשבן פון די קעהילעס אָדער דורך פרייוויליקע זאמלונגען.

„3. אומעטום פאָדערן פון די מאַכט-פאָרשטייער אַן עפנטלעכע דערקלע־רונג, צי האָבן זיי בעד״יע אָנצודערקענען און דורכפירן די באַשטימונגען פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

„אין פאַל זיי זאָגן זיך אָפּ, מוז מען באַשטימען קאָמיטעטן פון געזעל־שאַפטלעכער זיכערקייט, און דערביי, וואו ס׳איז מ.גלעך, בעהעסקעם מיט די ראַטן פון די קעהילעס. די ראַטן פון די קעהילעס, וואָס וועלן ווירקן קעגן דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג, מוז מען באַנייען מיט דער הילף פון אַלגעמיינע פאָלקס־וואַלן.

„אין נאָמען פון דעם ריינישן געגנט קאָמיטעט פון דעמאָקראַטן: קאַרל מאַרקס. קאַרל שאַפּער. שניידער דער 2־טער״.

10. די אַרבעטערשע און בורזשואַזע רעוואָלוציאָנערן אינם טאָג פון 15 מאַי אין ווין.

„אין אָט דעם מאָמענט, ווען די מאַסן פון אונטן, האָבן, זייענדיק פול מיט אומגעדולד, געוואַרט, אַז עס וועט געשטעלט און אונטערשטיצט ווערן דורך ענערגישע מאַיסים די ענערגישע פאָדערונג, וועלכע גייט ווייטער פון די טאָג-געשעענישן, אַז כוצן מעוואַטל מאַכן דעם באַפעל פון 13 מאַי, וועט מען פאָדערן אַן איין־פּאַלאַטע-סיסטעם און מע וועט נאָך, קאָן זיין, אַוועקשטעלן די אָדער יענע פראַגע, וואָס האָט אַ לעבנס־באַדייטונג פאַר דער צוקונפטיקער פרייהייט, און אַלס גאַראַנטיע, אַז די מיניסטאָרן וועלן באַפרידיקן די דאָזיקע פאָדערונגען, וועט מען אנערקענען די אויסגעשאַרפטע באַגנעטן און די אָנ־געלאָדענע ביקסן,—אין אָט דערזעלבער צייט האָבן די בעקאָוועדע מיטגלידער פונם צענטראַל-קאָמיטעט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אייניקע שערבלעך זיינע, ווען זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, געשטאַמלט ווי אין די מיטלאַלטערלעכע געהיימע טריבונאַלן, און האָבן געמאַכט אַן אויספאָרשונג, וואָסערע אויסדרוקן קאָן מען אנערקענען אַלס פּאַסיקע אין דער פּעטיציע, ווי באַלד עס וועט זיך אין איר ריידן בלויז וועגן אַנערקענען דעם צענטראַל-קאָמיטעט און מער גאָרניט...

מיר נויטיקן זיך שוין ניט אין אַזאַ קאָמיטעט: מיר דאַרפן גאָרניט האָבן אַזאַ קאָמיטעט, וועלכן מע דאַרף שלעפּן נאָך זיך. מיר דאַרפן אַזאַ, וואָס זאָל גיין פאָרויס אָדער, לעכאָל-האַפּאָכעס, וואָס זאָל ניט אָפּשטיין פון אונז״.

(פון דער ראַדיקאַלער צייטונג „די קאָנסטיטוציע״).

...„אין אוניווערסיטעט און אפן אוניווערסיטעט־פּלאַץ איז אַ גרויסע אויפרעגונג. דער צענטראַל-קאָמיטעט (סטודענטישער קאָמיטעט), וואָס האָט אין מעשעך פונם דאָזיקן טאָג נאָך אַלץ פאָרגעזעצט זיינע זיצונגען, האָט באַאויפ־טראָגט דעם דאָקטאָר ג אָ ל ד מ אַ ר ק צו לאָזן וויסן די דריי באַוואוסטע פּונקטן פון דער פּעטיציע. ג אָ ל ד מ אַ ר ק האָט אַרויפגעקלעטערט אַפן דעכל פונם ברונים־פּלאָמפּ און האָט זיך געווענדעט מיט אַ רעדע. דערביי האָט ער געבעטן

מע זאָל זיך פאַרהאַלטן רואיק ביז די דעפּוטאַציע, וואָס איז אַוועק מיט די דערמאָנטע פאָדערונגען אין מיניסטעריום, וועט ברענגען אַן ענטפער. פון אָט דעם מאָמענט האָט דער פּלאַץ פאָרגעשטעלט אַן אינטערעסאַנטע אָרענע פון אַן אויפהערלעך זיך טויזנדיקע איינדרוקן. קוידעמקאָל זיינען די ביקסן געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג און זיינען מייסטנס געווען אָנגעלאָדן מיט שלאַכט-קוילן, וואָס אין זיי איז קיין דויכעק ניט געווען. נאָך די דערפאַרונגען, וואָס זיינען איבערגעלעבט געוואָרן דעם 13 מאַרט, ווען מע האָט געשאָסן אינם אומבאוואָפנטן פאָלק, און צוליב די מיליטערישע האַכאָנעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער פאָריקער נאכט, האָט מען דאָסראָזיקע מאס-זיטל געהאלטן פאַר נויטיק. נאָכדעם איז ארויסגעטראָטן אַן אָפּטייל פון טעכניקער, וואָס זיינען געווען באוואָפנט מיט געצייג אויף אויסצובויען באַריקאַדעס און זיינען געווען גרייט, אינם פאַל פון אַ נויט, אָנצופירן מיט דער אויסבויאונג פון אָט די שוץ-מיטלען: מע האָט זיי באַגעגנט מיט הויכע געשרייען. אַפן זעלבן אָרט האָט זיך אויסגעשטעלט אַ גאַנץ היבשער אָפּטייל שיסער מיט זייערע ביקסן. אַף אַלעמענס פּנימער איז געווען זייער אַ קריגערישער אויסדרוק. נאָר פּלוצלונג האָט זיך דאָסדאָזיקע בילד איבערגעביטן אַף אַ מער פייערלעכן. מע האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַרנדטס, „וואו איז די היימאַט פונם דייטש“, און טויזנטער געזונטע העלזער האָבן זי מיט באַגייסטערונג אונטערגעכאַפּט. נאָך אירהאָבן נאָכגעפאָלגט אַנדערע מונטערע און פריילעכע לידער, עס זיינען געפלויגן שפּאַס-ווערטלעך, דאָס פאָלק האָט זיך גענומען אויסלייגן אַף דער ערד. נאָר אט קומט אָן א יעדיע, אַז אָן אַ שיער אַרבעטער-מאסן, וואָס זיינען געקומען פון די פאָרשטעט אַף פאָרצולייגן די סטודענטן זייער הילף, שטייען פאַר די טויערן, וועלכע זיינען שוין פאַרמאכט. זיי האָבן געשיקט אַהערצו אַ דעפּוטאציע, געוואר צו ווערן, ווי האלט עס דאָ. טייקעף האָט מען אַפן פּלאַץ אַנערקענט פאַר צוועקמעסיק אַרויסצורופן באַלאָנים און אַוועקשיקן זיי צו די אַרבעטער אַף צו באַרואיקן. אין דערזעלבער צייט האָט מען באַאויפטראַגט צו באַדאַנקען זיי און זאָגן, אַז אינם פאל פון א נויט, וועט מען זיי לאָזן וויסן... די ארבעטער האָבן אַ גאַנצן טאָג אונטערגעהאלטן א שטענדיקע פארבינדונג מיטן אוניווערסיטעט דורך איינעם פון זייערע מענטשן. זיי האָבן פארזיכערט די סטודענטן, אַז אפן ערשטן סיגנאַל וועלן טייקעף 10.000 מענטשן אַריין אין שטאָט, באוואָפנט מיט די נויטיקע אינסטרומענטן און גרייט אָפּצוגעבן זייערע גאַנצע קרעפטן פאַר דער דעראָבערונג פון די פאָלקס-רעכט און פאר דער שוץ פון זייערע אינטערעסן. יעדע האלבע שאָ פלעגן קומען שילוכים, עס האָט אָפילע פאסירט אַזוי, אַז פון די ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט אַף דער גאַס נעבן דער צאָל-הויז (טאַמאָזשנע), האָבן אייניקע פערזאנען זיך אויסגענוצט מיט דער שאָ, וואָס האָט זיי געקאָסט א מיטאָג, און זיינען געקומען אין אַקטןזאל, קעדיי—ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט—געוואָר צו ווערן, צי נויטיקן זיך ניט די הערן, וואָס אַרבעטן מיטן קאָפּ, אין דער הילף פון יענע, וואָס ארבעטן מיט די הענט... פון אלע זייטן זיינען אָנגעקומען און צוגעשטאַנען בירגער און נאציאָנאלע גווארדייער אין מונדירן... עס דערנעענטערט זיך דער ביין-

האַשמאָשעס, פון אלע זייטן הערן זיך אומגעדולדיקע קוילעס: פאַרוואָס קערט זיך ניט אום די דעפּוטאַציע? ענדלעך איז עמיצער געקומען און האָט מיטגע-טיילט, אַז, ווי מע קאָן האָפן, וועלן די באַקאָשעס באַפרידיקט ווערן, דעריבער דאַרף מען נאָך אויפוואַרטן... „עס הויבט זיך ניט אָן", דערהערט זיך אַלס ענטפער פון אלע זייטן. „פיר שאָ איז א גענוגנדיקער טערמין". אייניקע דער-ווידערן, נאָר דערפון קומט גאָרניט אַרויס. אלע האָבן זיך אויפגעהויבן און מיט פעסטע אנטשלאָסענע קאַוואָנעס האָבן זיי זיך געלאָזן פאָרויס. די רייען פון די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, וואָס דאָס ראוו פון זיי זיינען געקומען אַהערצו און האָבן זיך באַטייליקט אין דערדאָזיקער גראַנדיעזער רעמאָנסטראַציע, ניט וואַר-טנדיק אָף די פאַראָרדענונגען פון זייערע עלטסטע, האָט מען ניט געקאָנט ארומכאַפּן מיטן אויג. די וויכטיקסטע פלעצער פון דער שטאָט זיינען געוואָרן איבערפילט. די קאָלאָנעס האָבן זיך געלאָזט צום בורג, וואָס איז געווען פון אינעווייניק באַוואַכט דורך פילצאָליקע מיליטער-טיילן, וואָס זיינען געשטאַנען גרייט צו שיסן פון הארמאטן: דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט אין ענגע מענגעס, האָט די גאנצע צייט באַגלייט די פּראָצעסיע. בעראָש איז גע-גאנגען דער סטודענטישער קאָמיטעט. און אין צענטר האָט געפלאַטערט די אַלטע רויטע סטודענטישע פאַן פון דער עפּאָכע פון די טערקישע מילכאָמעס און אַ פּלאַקאַט מיט די אויפשריפטן: „איין פאָלאטע", „די ענגסטע פאַרייניקונג מיט דייטשלאַנד"...

(פון דער „אלגעמיינער עסטרייכישער צייטונג").

11. די פראַנקפורטער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג.

„דאָס פאָלק האט געוואָרט פון דער דייטשישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמ-לונג, אז זי וועט ברענגען אין אָרדענונג אלע שטרייטיקע איניאָנים און וועט האַנדלען אלס העכסטע געזעצגעבערישע מאַכט פונם גאַנצן דייטשישן פאַרבאַנד, אָבער קיינער האט ניט געוואוסט, צי האבן זיינע באַשטימונגען אַ געזעצלעכע קראַפט אָדער זיי דאַרפן סאַנקציאָנירט ווערן דורכן פאַרבאַנדישן סיים, אָדער דורך די באַזונדערע רעגירונגען. צוליב אזא אומקלאָרקייט וואָלט די „פאַרזאַמ-לונג" געדאַרפט, ווען זי וואָלט פאַרמאָגט זאָל זיין אַפילע אַ פּונק ענערגיע, אָן שום פאַרשלעפּעניש פאַנאַנדערלאָזן דעם „פאַרבאַנדישן סיים" — די אומפּאָפּו-לערסטע קאָרפּאָראַציע אין דייטשלאַנד, — אָפּשיקן אים אַהיים און פאַרבייטן אים מיט אַ פאַרבאַנדישער רעגירונג, וואָס איז אויסגעוויילט פון די מיטגלידער פון דער פאַרזאמלונג גופע. זי האט זיך געדאַרפט פּראָקלאַמירן אַלס דער איינ-ציקער געזעצלעכער אויסדרוק פונם סוּווערענעם ווילן פונם דייטשישן פאָלק און דערמיט גופע געבן א געזעצלעכע קראַפט אלע זיינע באַשטימונגען. און קוידעמקאָל האט זי געדאַרפט אָרגאַניזירן פאַר זיך אין לאַנד אַ באַוואָפנטע קראַפט, וואָס זאָל זיין גענוג אף צו צעברעכן יעדן ווידערשטאַנד פון די רע-גירונגען. און דאס אלץ איז געווען גרינג, זייער גרינג, אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער רעוואָלוציע, אָבער עס וואָלט געווען צופיל צו דערוואַרטן אַזוינע טריט פון אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איר מערהייט איז באַשטאַנען פון לי-

בעראלע אַדוואָקאַטן און דאָקטערינערן-פּראָפעסאָרן, פון אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָגאַט זי האט אפילע פרעטענדירט אף דעם, אז זי פארקערפּערט מיט זיך דאָס בעסטע פון דייטשישן מויעך און פון דער דייטשישער וויסנשאַפט, האָט זי אָבער אין דער ווירקלעכקייט פאָרגעשטעלט אַן אַרענע, אף וועלכער די אַלטע פּאָליטיקער, וואס האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט, האבן דעמאנסטרירט פאר דייטשלאנד זייער גאנצן ניטווילנדיקן קאָמיזם און זייער גאַנצע אומפעאיקייט צו דענקען און צו מאיסים. אָט די פאַרזאמלונג פון אלטע ווייבער האט שוין פונם ערשטן טאָג אָן פון איר עקזיסטענץ מער געציטערט פאר דער שוואַכסטער פאָלקס-באַוועגונג. איידער פאר אלע רעאַקציאָנערע פארשווערונגען פון אלע דייטשישע רעגירונגען צוזאמען גענומען. זי איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אויפזיכט פונם „פארבאנדישן סיים”, זי האט אפילע אָפּיציעל געבעטן, אז דער פארבאנדישער סיים זאָל סאַנקציאָנירן אירע באשטימונגען, ווייל אָט די פאַראכטעטע קאָרפּאָראציע האט געדארפט פארעפנטלעכן צום ערשטן מאָל אירע באשטימונגען. אנשטאָט ארומצורינגלען זיך מיט דער קראַפט פונם באוואָפנטן פאָלק, איז זי אַריבער צו די אָרדנטלעכע איניאָנים פון אלע גוואַלד-אַקטן, וואס ווערן באגאנגען דורך דער רעגירונג. פאר איר אין די אויגן האט מען אין מאַינץ איינגעפירט באלאגערונגס-צושטאנד, מע האט אנטוואָפנט די מאינצער באפעלקערונג, — און די נאציאָנאלע פארזאמלונג האט ניט איינגעטונקט אַ פינגער אין קאַלט וואסער, שפעטער האט זי אויסגעוויילט דעם עסטרייכישן ערצהערצאג יאָהאַן אַלס דעם אימפערישן רעגירער און האָט געמאָלדן, אַז אלע באשטימונגען פון דער פאַרזאמלונג דארפן האבן די קראַפט פון אַ געזעץ. אָבער דער ערצהערצאג יאָהאַן האט אָנגענומען דעמזאָזיקן ערן-אַמט ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט באקומען די האַסקאָמע פון אלע רעגירונגען, און עס איז אויסגעקומען, אז אים האט באשטימט ניט די פארזאמלונג, נאָר דער פארבאנדישער סיים. וואס איז שאיעך דער געזעצלעכער קראַפט פון די דעקרעטן פון דער פארזאמלונג, איז די גרעסערע פון זיי האבן די רעגירונגען קיינמאָל ניט אַנערקענט און האבן זיך מיט זיי ניט גערעכנט, און די נאציאָנאלע פארזאמלונג האט קיין איין מאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין אַנטשלאָסנהייט אין זייער דורכפירונג. אף אזא אויפן איז דידאָזיקע פראגע געבליבן ניט געלייזט.

אַזאַ כאראקטער האט געהאט דידאָזיקע פארזאמלונג, וואס האט פרעטענדירט צו זיין דער איינציקער געזעצלעכער פאָרשטייער פון דער גרויסער און סואווערענער נאַציע, און וואס בא איר האט פונדעסטוועגן ניט געקלעקט קיין ווילן אָדער קויעך אף דורכצופירן אין לעבן אירע פרעטענזיעס. די וויקוכים פון דערדאָזיקער קאָרפּאָראציע, וועלכע זיינען פראַקטיש געבליבן לאַכלוטן רעזולטאטלאָז, שטעלן מיט זיך אין דערזעלבער צייט אויך ניט פאָר קיין טעאָרעטישן ווערט, ווייל אין זיי זיינען גאָר פּאָשעט איבערגעקייט געוואָרן די סאַמע אָפּגענוצטע אַלגעמיינע ערטער פון די פאַרעלטערטע פילאָזאָפישע און יורידישע שולן. יעדע האנאָכע, וועלכע מע זאָל ניט האבן אַרויסגעזאָגט, ריכטיקער, אַרויסגעמורמלט אף דערדאָזיקער פארזאמלונג אָן אַ שיר מאָל, איז שוין גאָר לאַנג, און דערצו, ניט צו פאַרגלייכן, — בעסער געווען אָפּגעדרוקט.

דידאָזיקע פאַרזאַמלונג איז אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע געווען אַ שרעקלעכער געשפּענסט פאַר אַלע דייטשישע רעגירונגען. די רעגירונגען האָבן געוואַרט פון איר פּולקום דיקטאַטאָרישע און רעוואָלוציאָנערע מאַיסים גראַד דערפאַר, ווייל זיי האָבן איבערגעלאָזט אין נעפּל די פראַגע וועגן איר קאָמ-פּעטענץ. קעדיי צו פאַרקלענערן דעם איינפלוס פון אָט דער שרעקלעכער קאָר-פּאָראַציע, האָבן זיי פאַרשפּרייט אַ גרויסע נעץ פון אינטריגעס. אָבער זיי האָבן געהאַט מאַזל מער ווי סייכל: די פאַרזאַמלונג אַליין האָט אויסגעפילט די אינ-יאַנים פון די רעגירונגען בעסער, ווי זיי אַליין וואָלטן דאָס געקאָנט טאָן"...

(פר. ענגעלס, „די רעוואָלוציע און קאָנטר-רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד").

12. דער מאַניפעסט פון ניקאָלאַי I.

(אויסצוגן).

„... דורך גאָטס גנאָד, מיר, ניקאָלאַי דער ערשטער, דער אַלרוסלענדי-שער אימפּעראַטאָר און זעלבסטהערשער און דאָס איבעריקע. א. ד. א. א. ד. א. דערקלערן עפנטלעך: דורכן מאַניפעסט פון 14-טן מאַרט 1848-טן יאָר, נאָכ-דעם ווי מיר האָבן געלאָזט וויסן אונזערע געטרייע אונטערטאַנען וועגן די אומגליקן, וואָס האָט געטראָפן מאַירעוו-אייראָפּע, האָבן מיר צוזאַמען דערמיט אויסגעדריקט, אַז מיר זיינען גרייט צו באַגעגענען די סאָנים אונזערע, וואו זיי זאָלן זיך ניט באַווייזן, און, ניט שאָנעווענדיק זיך, וועלן מיר אין אַן אומצע-רייסבאַרן בונד מיט אונזער הייליקן רוסלאַנד באַשיצן דעם קאָוועד פונם רוס-לענדישן נאָמען און די אומבאַרירלעכקייט פון אונזערע גרעניצן. די אומאָר-דענונגען און אויפשטאַנדן אין מאַירעוו האָבן זיך פון דעמאָלט אָן ניט איינ-געשטילט. די פאַרברעכערישע אַגיטאַציע, וואָס פאַרדרייט דעם קאָפּ דעם לייכטזיניקן האַמוין מיט דער פאַלשער אילוזיע פון אַזאַ גליקזעליקייט, וועלכע קאָן קיינמאָל ניט זיין די פּרוכט פון ווילקיר און אַליינהערשאַפט, האָט זיך דורכ-געלייגט אַ וועג אויך צום מיזרעך, אין דער מאָלדאַווישער און וואַלאַכישער פירשטנטום, וואָס געפינען זיך בישכיינעס מיט אונזערע גרעניצן און זיינען אונטערגעוואָרפן דער טערקישער רעגירונג. די אָנוועזנהייט אַליין פון אונזער מיליטער צוזאַמען מיטן טערקישן האָט אויפגעשטעלט און האַלט איין די אָר-דענונג. אָבער אין אונגאַרן און טראַנסילוואַניע האָבן די אָנשטרענגונגען פון דער עסטרייכישער רעגירונג, וואָס זיינען צעשפּליטערט דורך אַן אַנדער מילכאָמע — מיט די אויסערלעכע און אינערלעכע סאָנים — אין איטאַליע, ניט געקאָנט ביז אַדהאַיאָם באַזיגן דעם אויפשטאַנד, פאַרקערט, די מערידע האָט זיך פאַרפעסטיקט דורך די באַנדעס פון אונזערע פּוילישע פאַרעטער פון 1831-טן יאָר און פון אונזערע פאַרשיידנאַרטיקע עמיגראַנטן, אַרויסגעשיקטע אַנטלאָפענע און בראָדיאַגעס און האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט אין גרויזאַמסטע פאָרמען. צווישן אָט די פאַטאַלע געשעענישן האָט זיך דער עסטרייכישער אימ-פּעראַטאָר געווענדעט צו אונז מיטן וואונש, אַז מיר זאָלן אים העלפן קעגן אונ-זערע געמיינזאַמע סאָנים. מיר וועלן זיך דערפון ניט אָפּזאָגן. רופנדיק צו הילף

פאר דער גערעכטער זאך דעם גרעסטן פירער פון די מילכאָמעס און דעם האר פון די ניצכוינעס, האבן מיר באפעלן אונזערע פארשיידענע ארמייען אוועקצולאזן זיך אף פארלעשן דעם אויפשטאנד און מאכן א טעל פון די פרעכע רעשאים, וואס פארמעסטן זיך צו צעשטערן די אָרדענונג פין אונזערע געגנטן. זאָל גאָט זיין מיט אונז. אזוי — מיר זיינען אין דעם זיכער — פילט, אזוי האָפט, אזוי וועט זיך אָפרופן אין אונזער מלוכע, וואס ווערט געשיצט דורך גאָט, יעדער רוס, יעדער געטרייער אונטערטאנער אונזערער, און רוס-לאנד וועט אויספילן איר הייליקן באַרוף".

13. די רעוואלוציע פון מאַרט 1848־טן יאר און פון 1789־טן יאר.

(ק. מארקס פונם ארטיקל פון דער „נייער ריינישער צייטונג").

די פרייסישע מארט-רעוואלוציע דארף מען ניט צונויפמישן מיט דער ענגלישער רעוואלוציע פון 1643-טן יאָר, ניט מיט דער פראנצויזישער פון 1789-טן יאָר.

די רעוואלוציעס פון 1848 און 1789-טע יאָרן זיינען ניט געווען ניט קיין ענגלישע, ניט קיין פראנצויזישע רעוואלוציע. זיי זיינען געווען רעוואָלוציעס אין אייראָפּעאישן סטיל. זיי האבן מיט זיך ניט פארגעשטעלט קיין ני-צאָכן פון א באשטימטן געזעלשאפטלעכן קלאס איבער דער פּאָליטישער אָר-דענונג, נאָר זיינען געווען א דעקלאראציע פון א פּאָליסישער אָרדענונג פאר דער נייער אייראָפּעאישער געזעלשאפט. די בורזשואזיע איז פון זיי ארויס אלס זיגערין, אָבער דער ניצאָכן פון דער בורזשואזיע איז דעמאלט געווען דער ניצאָכן פון דער נייער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. דער ניצאָכן פונם בור-זשואזן אייגנטום איבערן פעאָדאלן, דער ניצאָכן פון אן איינהייטלעכער נאציע איבערן פראווינציאליזם, דער ניצאבן פון קאָנקורענץ איבערן צעך, פון דער צעטיילונג פון דער מאכט איבער די מאיאָראטישער אומצעטיילבארקייט, פונם ערד-אייגנטימער איבער דער פארקנעכטונג פונם אייגנטימער מיט דער הילף פון דער ערד, דער ניצאָכן פון אויפקלערונג איבערן אבערגלויבן, פון דער פאמיליע איבערן מין, פון דער אינדוסטריע איבער דער העראָישער פוילקייט. פון בירגערלעכן רעכט איבער די מיטלאלטערלעכע פריווילעגיעס. די רע-וואָלוציע פון 1648-טן יאָר איז געווען אן אויפשטאנד פונם XVII יארהונ-דערט קעגן דעם XVI, די רעוואָלוציע פון 1789-טן יאר — דער ניצאכן פון XVIII יארהונדערט איבערן XVII. דידאזיקע רעוואלוציעס דריקן מער אויס די באַ-דערפענישן פון דעמאָלדיקער וועלט איידער די באדערפענישן פון יענע לענ-דער, וואו זיי זיינען פאָרגעקומען—פון ענגלאנד און פראנקרייך.

אין דער פרייסישער מארט-רעוואלוציע האבן מיר גאָר אזוינס ניט גע-פונען.

די פעווראל-רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעשליידערט די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע אין דער ווירקלעכקייט און די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אין דער אידייע, די פרייסישע מאַרט-רעוואָלוציע אָבער האָט געדארפט שאפן א

קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע אין דער אידייע און די הערשאַפט פון דער בור-
זשואַזיע אין דערווירקלעכקייט. ווייט פון צו זיין אַן אייראָפּעאישע רעוואָלו-
ציע, איז זי געווען בלויז אַ מעטושטעשער אָפּקלאַנג פון דער אייראָפּעאישער
רעוואָלוציע אין אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד. אנשטאָט צו זיין פאָרויס פון איר יאָר-
הונדערט, איז זי אָפּגעשטאנען פונם יאָרהונדערט מער, ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט.
זי האָט זיך פון אָנהויב אָן אויסגעצייכנט מיטן צווייטמאָליקן כאַראַקטער, און עס
איז באַוואוסט, אַז די צווייטמאָליקע קראנקייטן לאָזן זיך אַסאַך שווערער
קורירן איידער די ערשטמאָליקע, און אין דערזעלבער צייט שוואַכן זיי מער
אָפּ דעם אָרגאניזם. עס האט זיך געהאנדלט ניט וועגן איינשטעלן אַ נייע גע-
זעלשאַפטלעכע אָרדענונג, נאָר וועגן אויפלעבן צום צווייטן מאָל אין בערלין
די געזעלשאַפט, וואָס איז שוין אומגעקומען אין פּאַריז. די פּרייסישע מאַרט-
רעוואָלוציע, איז אַפילע ניט געווען קיין נאַציאָנאלע דייטשישע רעוואָלוציע, זי
איז פון אָנהויב אָן געווען אַ פּראָווינציעל-פּרייסישע, צוגלייך מיט איר זיינען
פאָרגעקומען די ווינער, קאַסעלער, מיונכענער רעוואָלוציעס, ביכלאַל די אַלע
מינים פּראָווינציעלע אויפשטאַנדן, וועלכע האבן באַשטרייט באַ איר איר באַ-
דייטונג.

די מענטשן פון 1648-טן יאָר און 1789-טן יאָר האָבן אָן אַ שיר שטאָל-
צירט מיט דעם, וואס זיי שטייען בעראָש פון דער באנייטער געזעלשאפטלע-
כער אָרדענונג. דער שטאָלץ אָבער פונם בערלינער פון 1848-טן יאָר איז באַ-
שטאנען אין דעם, וואָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אַנאַכראָניזם. דאָס
ליכט פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע איז ענלעך צום ליכט פון די שטערן, וואס
דערגרייכט צו אונז איינוואוינער פון דער ערד, ערשט אין 100.000 יאָר נאָכ-
דעם, ווי עס זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן די קערפּערס, וואס האבן ארויסגע-
שטראַלט דאָסדאָזיקע ליכט. די פּרייסישע מאַרט-רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען
אין מיניאטור, „זי איז אינגאנצן געווען ביכלאַל אַזאַ מיניאַטיורער" שטערן
פאר אייראָפּע. איר ליכט איז געווען דאס ליכט פון אַ שוין לאנג צעפאלענער
געזעלשאפטלעכער אָרדענונג".

14. וואָס לערנט אונז דאָס 48-טע יאָר.

(ווענדונג פונם צענטראל-קאָמיטעט צום פּארבאנד פון די קאָמוניסטן. מאַרט 1850 יאָר).

„ברידער! אין די צוויי רעוואָלוציאָנערע יאָרן, 1848 — 1849, האָט דער
פּארבאנד אויסגעהאלטן דעם עקזאמען אין א צווייאיקן זין: קוידעמקאָל אין
דעם זין, וואָס זיינע מיטגלידער האָבן זיך אומעטום ענערגיש געוואָרפן
אין דער באוועגונג, וואָס זיי זיינען אי אין דער פּרעסע, אי אַף די באַריקאַדן,
אי אַף די שלאַכט-פעלדער געשטאַנען אין די ערשטע רייען פונם איינ-
ציקן אַנטשלאָסענעם קלאַס, דעם פּראָלעטאַריאַט. ווייטער האָט דער פּאַרבאנד
אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דעם זין, וואָס די אויסטייטשונג פון דער
באַוועגונג, ווי זי איז דערקלערט געוואָרן אין די צירקוליאַרן פונם קאָנגרעס
און פונם צענטראַל-קאָמיטעט פון 1847 יאָר און אינם „קאָמוניסטישן מאַני-
פעסט", האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס די איינציק-ריכטיקע, און אַז די דערוואַר-

טונגען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דידאָזיקע דאָקומענטן זיינען אינגאַנצן מעקויעם געוואָרן, און די אויסטייטשונג פון דער מאָדערנער געזעל-שאַפטלעכער לאַגע, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַמאָל געהיים פּראָפּאַגאַנדירט, ווערט איצט אָפן באַנוצט דורך די פעלקער און ווערט עפנטלעך געפּריידיקט אַף די פּלעצער. אין דערזועלבער צייט איז די פעסטע אָרגאַניזאַציע פונם פאַרבאַנד שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן. דער גרעסטער טייל פון זיינע מיטגלי-דער, וואָס האָבן אומיטלבאַר זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ-וועגונג, האָט געמיינט, אַז די צייט פון געהיימע געזעלשאַפטן איז פאַרביי און אַז עס איז גענוג איין אָפענע טעטיקייט. די באַזונדערע קרייזן און געמיינדעס זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָבן צו ביסלעכווייז פאַרלאָרן די פאַרבינדונג מיטן צענטראַל-קאָמיטעט. הייסט עס, אין דער צייט, ווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון דער קליינבורזשואַזיע האָט זיך אַלץ מער אָרגאַניזירט אין דייטשלאַנד, האָט די אַרבעטער-פּאַרטיי פאַרלאָרן איר איינציקן פעסטן אָנ-שפּאַר-פּונקט. אין בעסטן פאַל איז זי געבליבן אָרגאַניזירט אין באַזונדערע ערטער און פאַר אָרטיקע צילן און אַדאַנק דעם האָט זי זיך אַרויסגעוויזן אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג פולקום אונטער דער הערשאַפט און אונטער דער אָנפירונג פון די קליינבירגלעכע דעמאָקראַטן. מיט אזא לאַגע מוז מען מאַכן א סאָף: די זעלבשטענדיקייט פון די ארבעטער מוז אויפגעשטעלט ווערן. דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט פאַרשטאַנען דידאָזיקע נויטווענדיקייט און דע-ריבער האָט ער שוין ווינטער 1848—1849 יאָר געשיקט דעם עמיסאַר יאָסיף מאָל אין דייטשלאַנד אַף צו אָרגאַניזירן דעם פאַרבאַנד. דער איינפלוס פון מאָלס מיסיע איז אָבער ניט געווען קיין לאַנגדויערנדיקער, טיילווייז דערפאַר, ווייל די דייטשישע ארבעטער האָבן נאָך דעמאָלט ניט געהאַט גענוג דערפאַ-רונג, טיילווייז אָבער דערפאַר, ווייל דידאָזיקע מיסיע איז איבערגעריסן גע-וואָרן צוליבן אויפשטאַנד פונם פאַריקן מאַי. מאָל אליין האָט זיך גענומען פאַרן ביקס, איז אריינגעטראָטן אין דער באַדן-פּפאַלצער ארמיי און דעם 19 יולי איז ער געפאַלן נעבן מורג. אין זיין פּערזאָן האָט דער פאַרבאַנד פאַר-לאָרן איינעם פון די עלטסטע, פון די טעטיקסטע און זיכערסטע מיטגלידער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אַף אלע קאָנגרעסן און צענטראַל-קאָמיטעטן און וואָס האָט שוין פריער מיט גרויס דערפאָלג דורכגעפירט א ריי נסיעס מיט באַ-שטימטע שליכעטן. נאָך דער מאַפּאַלע פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך אין יולי 1849 יאָר האָבן זיך קימאַט אלע מיטגלי-דער פונם צענטראַל-קאָמיטעט ווידער צונויפגעקליבן אין לאָנדאָן און נאָכדעם, ווי זיי האָבן דערגאַנצט זייער באַשטאַנד מיט נייע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, זיינען זיי מיט באַנייטן אייפער צוגעטראָטן צום רעאָרגאַניזירן דעם פאַרבאַנד.

די רעאָרגאַניזירונג פונם פאַרבאַנד קאָן דורכגעפירט ווערן בלויז דורך אַן עמיסאַר, און דער צענטראַל-קאָמיטעט האַלט פאַר וויכטיק ביזן העכסטן גראַד, אַז מע זאָל שיקן דעם עמיסאַר פונקט אין אזא מאָמענט, ווען עס שטייט פאַר א נייע רעוואָלוציע, דאָס הייסט, ווען די אַרבעטער-פּאַרטיי דאַרף אַרויסטרעטן ווי ווייט מעגלעך אָרגאַניזירט, סאָלידאַריש און זעלבשטענדיק,

קעדיי די בורזשואזיע זאל ניט זיין בעקויעך ווידער אמאל אויסצונוצן זי און נעמען אפּן בוקסיר, ווי דאס איז געווען אין 1848 יאר.

מיר האבן אייך געזאגט. ברידער, נאך אין 1848 יאר, אז די דייטשישע ליבעראלע בורזשוא וועלן גיך קומען צו דער הערשאפט און וועלן טייקעף אנווענדן זייער ערשט-דערוואָרבענע מאכט קעגן די ארבעטער. איר האט געזעען, ווי אזוי דאס איז מעקויעם געווארן. אינדערעמעסן, טאקע גראד די בור-זשוא האָבן נאָך דער באוועגונג אין מאַרט 1848 יאָר גלייך פאַרכאַפּט די מלו-כע-מאַכט און האָבן זיך באַנוצט מיט דערדאָזיקער מאַכט, קעדיי טייקעף אָפּצו-שליידערן די אַרבעטער, זייערע שותפים אין קאַמף, צוריק אין דער פריערדי-קער אונטערגעדריקטער לאַגע. אויב די בורזשואַזיע האָט עס ניט געקאָנט דער-גרייכן, ניט אַריינטרעטנדיק אין אַ פאַרבינדונג מיט דער פעאָדאַלער פּאַרטיי, וואָס איז באזייטיקט געוואָרן אין מאַרץ, נ ט אָפּטרעטנדיק, לעסאָף, די הער-שאַפט איבעראַנייס דערזעלביקער פעאָדאַלער אַבסאָלוטער פּאַרטיי, האָט זי דאָך פאַרזיכערט פאַר זיך אַזעלכע טנאָים, וואָס זאָלן איר, אדאַנק די פי-נאַנציעלע שטערענישן פון דער רעגירונג, איבערגעבן די הערשאַפט אַף אַ לאַנגער צייט און זאָלן גאַראַנטירן אירע אינטערעסן אין דעם פאַל, אויב עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז מעגלעך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג זאָל שוין איצטער אַרויף אַפּן וועג פון אַזוי-גערופענער פרידלעכער אַנטוויק-לונג. קעדיי צו פאַרזיכערן זיך די הערשאַפט, וואָלט די בורזשואַזיע אפילע ניט געדאַרפט דערוועקן קיין האַס אַנטקעגן זיך דורך געוואַלט-מיטלען קעגן פאָלק, ווארום די אַלע געוואַלט-מאַיסים וואָלט אָפּגעטאָן די פעאָדאַלע קאָנטר-רעוואָ-לוציע. די אַנטוויקלונג וועט אָבער ניט גיין מיט אָט דעם פרידלעכן וועג. פאַרקערט, אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט פאַרגיכערן די אַנטוויקלונג, איז נאָענט, אַלץ איינס צי זי וועט אַרויסגערופן ווערן דורך אַ זעלבשטענדיקן אויפ-שטאַנד פון דעם פראַנצויזישן פראָלעטאַריאַט, אָדער דורך דעם, וואָס דער „היי-ליקער פאַרבאַנד" וועט זיך אַריינרייסן אין דעם רעוואָלוציאָנערן באַוול.

און די ראָלע, וואָס די דייטשישע ליבעראַלע בורזשוא פון 1848 יאָר האָבן געשפּילט בענויגייע דעם פאלק, — אָט דיזעלביקע פאַרעטערישע ראָלע וועלן אין דער אנקומענדיקער רעוואלוציע נעמען אַף זיך די דעמאקראַטי-שע קליין-בורזשוא, וואס פאַרנעמען איצטער אין דער אפאזיציע פונקט אַזאַ לאַגע, ווי די ליבעראַלע בורזשוא ביז דעם 1848 יאר... דידאָזיקע דעמאָקראַטישע פּארטיי, וואס איז אסאַך געפערלעכער פאר די ארבעטער, איידער די פריער-דיקע ליבעראלן, באשטייט פון דרייערליי עלעמענטן.

I. פון די פראַגרעסיווסטע טיילן פון דער גרויס-בורזשואזיע, וועלכע שטעלן זיך פאר אַ ציל די באַלדיקע און פולשטענדיקע אַראָפּוואַרפונג פונם פעאָדא-יזם און אַבסאָלוטיזם. דידאָזיקע פראַקציע איז פאַרטראָטן דורך די ערשטע בערלינער פשאָרע-מאַכערס, וואס האָבן פאַרגעלייגט אָפּצוזאָגן זיך פון צאָלן שטייערן.

II. פון די דעמאָקראַטיש-קאָנסטיטוציאָנעלע קליינע בורזשוא, וואס אין דער פאַרגאַנגענהייט איז זייער הויפּט-ציל געווען צו שאפן אַ מער אָדער ווײ-ניקער דעמאָקראַטישע פאַרבאַנדישע מלוכע אין אַזאַ פאָרם, ווי דאס האבן פאַר-

טיידיקט זייערע פאָרשטייער — די לינקע פון פראנקפורטער פארזאמלונג, און שפעטער — דער שטוטגארטער פארלאמענט און זיי אליין — אין דער קאמפאניע פאר דער אימפערישער קאָנסטיטוציע.

III. פון די רעפובליקאנישע קליינע בורזשוא, וואס זייער אידעאל איז אזאַ דייטשישע פעדעראטיווע רעפובליק, אזוי ווי די שווייצאַרישע, און וואָס רופן זיך איצט אָן רויטע און סאָציאל-דעמאָקראטן דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַ פרומען וואונש צו פאַרניכטן דעם דרוק פונם גרויסן קאַפּיטאַל אַפן קליינעם און פונם גרויסן בורזשוא אַפן קליינעם. אַלס פאָרשטייער פון דערדאָזיקער פראקציע זיינען געווען די מיטגלידער פון די דעמאָקראַטישע קאָנגרעסן און קאָמיטעטן, די אָנפירער פון די דעמאָקראטישע פאריינען, די רעדאַקטאָרן פון די דעמאָקראַטישע צייטונגען.

איצט, נאָך זייער מאפּאָלע, רופן זיך אָט די אלע פראקציעס אָן רעפובליקאנישע אָדער רויטע, פונקט אזוי ווי די רעפובליקאנישע קליינע בורזשואַ אין פראנקרייך רופן זיך איצט אָן סאָציאַליסטן. דאָרט, וואו זיי געפינען נאָך, ווי אין ווירטעמבערג, באיערן און אז. וו. אַ מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זייערע צילן אף אַ קאָנסטיטוציאָנעלן אופן, נוצן זיי זיך אויס מיט דער געלעגנהייט אף איינצוהאלטן זייערע אַלטע פראַזן און צו דערווייזן אין דערווירקלעכקייט, אַז זיי האָבן זיך קלאל ניט געענדערט. עס איז, איבעריגנס, פארשטענדלעך, אז דער געענדערטער נאָמען פון דערדאָזיקער פאַרטיי ענדערט אף קיין האָר ניט איר באציאונג צו די ארבעטער. ער דערווייזט בלויז, אז דידאָזיקע פאַרטיי דאַרף אַרויסטרעטן קעגן אַבסאָלוטיזם, וואָס האט זיך פאַרייניקט מיט דער בורזשואַזיע, און אנשפארן זיך אַפן פראָלעטאריאט.

די קליינבירגערלעך-דעמאָקראטישע פארטיי אין דייטשלאנד איז זייער שטאַרק, זי כאַפּט אַרום ניט בלויז די קאָלאָסאַלע מערהייט פון דער בורזשואַזער באפעלקערונג פון די שטעט, פון די קליינע האנדלס-אינדוסטריעלע מענטשן און פון די האַנטווערקערשע מאיסטערס, זי רעכנט צו צו איר סוויטע די פויערים און דעם דאָרפישן פראָלעטאריאַט, קאָלזמאַן ער האָט נאָך ניט געפונען קיין אָנשפאַר אינם זעלבשטענדיקן פראָלעטאַריאט פון די שטעט.

IV. די פארהעלטעניש פון דער רעוואָלוציאנערער ארבעטער-פארטיי צו דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראטיע איז אזאַ: זי קעמפט אינאיינעם מיט איר קעגן דער פראַקציע, וואָס זי שטרעבט אראָפּצוּוואַרפן. זי טרעט ארויס קעגן איר אין אַלע פאלן, ווען זי וויל זיך אַליין פארפעסטיקן.

ווייט פונם געדאנק איבערצובויען די גאנצע געזעלשאַפט אין די אינטערעסן פון די רעוואָלוציאנערע פראָלעטאריער, שטרעבן די דעמאָקראטישע קליין-בורזשוא צו אזא איבערענדערונג פונם געזעלשאפטלעכן סיידער, וואָס זאָל מאַכן פאר זיי ווי ווייט מעגלעך צו דערליידן און מער באקוועם די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפט. דעריבער פאָדערן זיי קודעמקאָל צו פאַרקלענערן די מלוכישע הויצאָעס דורך דער באַגרעניצונג פון דער ביוראָקראטיע און אַריבערלייגן די וויכטיקסטע שטייערן אף די גרויסע לאנד-באזיצער און אף די בורזשוא. ווייטער, פאָדערן זיי צו באַזייטיקן דעם דרוק פונם גרויסן קאַפּיטאַל אַפן קליינעם דורך איינפירן רעגירונגס-קרעדיט-אינסטיטוטן און געזעצן קעגן וואָ-

כּעריי און אַדאַנק דעם וואָלט פאַר זיי און די פּויערים זיך געעפנט די מעגלעכקייט צו באַקומען קרעדיטן ניט פון די קאַפּיטאַליסטן נאָר פון דער מלוכה, און דערצו אויף לגאָטעס־באַדינגונגען. ווייטער, שטרעבן זיי איינצופירן בורזשואַזע פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן אין דאָרף דורך דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פונם פעאָדאַליזם. קעדיי דורכצופירן דאָס אין לעבן, איז זיי נויטיק אַ דעמאָקראַטישע, אַלציינס — צי אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָדער רעפּובליקאַנישע, פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל זיי און זייערע פאַרבינדעטע — די פּויערים געבן אַ מערהייט, און אַ דעמאָקראַטישע געמיינדע־פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל זיי געבן אַן אומיטלבאַרן קאָנטראָל איבערן קאָהאָלשן אייגנטום, און אַ ריי פונקציעס, וועלכע עס פילן איצט אויס די ביוראָקראַטן.

קעדיי צו שטערן דער הערשאַפט און דער שנעלער פאַרמערונג פונם קאַפּיטאַל, פאָדערן זיי טיילווייז צו באַגרעניצן דאָס ירושה־רעכט, טיילווייז איבערצוגעבן אַ וואָס מער גרעסערן סכום אַרבעט דער מלוכה. וואָס איז שייך די לוין־אַרבעטער, ווערט קודעם־כּל פעסטגעשטעלט, אַז לוין־אַרבעטער דאַרפן פאַרבלייבן, ווי ביז איצט, נאָר דערביי ווילן די דעמאָקראַטישע קליין־בורזשואַ אַז די אַרבעטער זאָלן האָבן אַ בעסערן פאַרדינסט און אַ מער געזיכערטע עקזיסטענץ: זיי האָפן דאָס צו דערגרייכן טיילווייז דורך דעם, וואָס מע וועט געבן דעם אַרבעטער אַרבעט מיצד דער מלוכה, טיילווייז דורך פילאַנטראָפּישע מיטלען, — מיט איין וואָרט, זיי האָפן אונטערצוקויפן די אַרבעטער מיט מער אָדער ווייניקער פאַרמאַסקירטע אונטערגעוואָרפענע ביינער און צעברעכן זייער רעוואָלוציאָנערע קראַפט, מאַכנדיק צייטווייליק דערטרעגלעך זייער לאַגע. די פאָדערונגען פון דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, ווערן ניט פאַרטיידיקט איינצייטיק דורך אַלע פראַקציעס אירע. צוזאַמען גענומען שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ באַשטימטן ציל פאַר ווייניקע פאָרשטייער פון די דאָזיקע פראַקציעס. וואָס ווייטער עס גייען די באַזונדערע מיטגלידער און פראַקציעס פון דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע, אַלץ אין אַ גרעסערער מאָס שטעלן זיי אַרויס אָט די פאָדערונגען. און יענע ווייניקע, וואָס זעען אין די פויער געבראַכטע פונקטן זייער אייגענע פּראָגראַם, וואָלטן געטראַכט, אַז דאָ זיינען פאַראַן יענע מאַקסימאַלע פאָדערונגען, וואָס זייער פאַרווירקלעכונג קאָן מען דערוואַרטן פון דער רעוואָלוציע.

אָבער די דאָזיקע פאָדערונגען קאָנען בשום אופן ניט באַפרידיקן די פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אין דער צייט, וואָס די דעמאָקראַטישע קליין־בורזשואַ ווילן מיט דער דורכפירונג פון וואָס אַ גרעסערער צאָל פון די אויבן אָנגעוויזענע פאָדערונגען וואָס גיכער פאַרענדיקן די רעוואָלוציע, זיינען אונזערע אינטערעסן און אונזער אויפגאַבע — צו מאַכן די רעוואָלוציע פאַר אַ פּערמאַנענטע ביז וואַנען אַלע מער אָדער ווייניקער פאַרמעגלעכע קלאַסן וועלן ניט באַזייטיקט ווערן פון דער הערשאַפט, ביז וואַנען דער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט אויסקעמפן די מלוכה־מאַכט, ביז וואַנען די אַסאָציאַציעס פון פּראָלעטאַריער ניט נאָר אין איין לאַנד, נאָר אויך אין אַלע הערשנדיקע לענדער פון דער וועלט וועלן זיך ניט אַנטוויקלען אויף אַזוי פיל, אַז די קאָנקורענץ צווישן די פּראָ-

לעטאַריער פון די־אָזיקע לענדער וועט אויפהערן, און ביז וואַנען, לעפּאַכעס, די
אַנטשיידנדיקע פּראָדוציר־מיטלען וועלן ניט קאָנצענטרירט ווערן אין די הענט
פון די פּראָלעטאַריער. פאַר אונז האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן איבערענדערן דאָס
פּריוואַט־אייגנטום, נאָר וועגן אינגאַנצן באַטל מאַכן עס, ניט וועגן פאַרשמירן
די קלאַסן־סטירעס, נאָר וועגן באַטל מאַכן די קלאַסן, ניט וועגן אויסבעסערן
די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, נאָר וועגן באַשאַפן א נייע געזעלשאַפט. אַז די
קליין־בירגערלעכע דעמאָקראַטיע וועט אינם פּעריאָד פון דער ווייטערדיקער
אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע באַקומען אַף א צייט אין דייטשלאַנד דעם
דאָמינירנדיקן איינפלוס,—דערין איז קיין שום סאָפעק ניטאָ. מעמיילע שטעלט
זיך די פראַגע, וואָס וועט זיין די פּאָזיציע פונם פּראָלעטאַריאַט און, באַזונדערס,
פונם פאַרבאַנד בענוגייע צו איר.

1. באַם פאַרזעצן די איצטיקע פאַרהעלטענישן, ווען די קליין־בירגערלעכע
דעמאָקראַטן געפינען זיך אויך אין אַן אונטערדריקטער לאַגע.

2. אינם נאָענטסטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס וועט זיי געבן די
אויבערהאַנט.

3. נאָך אָט דעם קאַמף, בעאַייס איר אויבערהאַנט איבער די אַראָפּגעוואָר־
פענע קלאַסן און איבערן פּראָלעטאַריאַט.

1. אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען די דעמאָקראַטישע קליין־בורזשוא זיינען
אומעטום אונטערגעדריקט, פּריידיקן זיי דעם פּראָלעטאַריאַט אַלגעמיינע אַכדעס
און פרידלעכקייט, זיי שטרעקן אים אויס די האַנט און שטרעבן צו באַשאַפן
איין גרויסע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, וואָס זאָל ארומכאַפּן אַלע שאַטירונגען, וואָס
זיינען פאַרגעשטעלט אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי; ד. ה. זיי שטרעבן
אַריינצוציען די אַרבעטער אין א פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וואו עס הערשן אַלגע־
מיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַזן, הינטער וואָסערע עס באַהאַלטן זיך זייערע
באַזונדערע אינטערעסן, און וואו באַשטימטע פאָדערונגען פון דעם פּראָלעטאַ־
ריאַט קאָן מען ניט ארויסשטעלן צוליב דעם טייערן שאָלעם. אַזאַ מין פאַריי־
ניקונג וואָלט געווען נאָר זיי א טויווע און דעם פּראָלעטאַריאַט דורכויס א
ראָע. דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט גאָר אינגאַנצן פאַרלאָזן זיין זעלבשטענדיקע
מיט אַזוי פיל מי דערוואָרבענע פּאָזיציעס און וואָלט ווידער אַראָפּגעפאַלן צו
דער מאַדרייגע פון א צוגאָב צו דער אָפיציעלער בורזשואזער דעמאָקראַטיע.
הייסט עס, פון אַזאַ מין פאַרייניקונג דאַרף מען זיך אפּן קאַטעגאָרישסטן אויפּן
אָפּזאָגן. אָנשטאָט אַראָפּלאָזן זיך איבעראַנייס צו דער ראָלע פון א כאָר, וואָס
אַפּלאָדירט מיט צופרידנקייט די בורזשואזע דעמאָקראַטן, דאַרפן די אַרבעטער
און קוידעמקאָל דער פאַרבאַנד, אַרבעטן אין אַזאַ ריכטונג, אַז צוגלייך מיט
די אָפיציעלע דעמאָקראַטן זאָל געשאַפן ווערן אַ זעלבשטענדיקע געהיימע און
אָפענע אָרגאַניזאַציע פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי און פאַרוואַנדלען איטלעכע גע־
מיינדע אין א צענטר און א קערנדל פון די אַרבעטער־פאַריינען, וואו די פּאָזי־
ציע און די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט זאָל מען קאָנען באַהאַנדלען
אומאָפּהענגיק פון בורזשואזע ווירקונגען. ווי ווייט ניט ערנסט די בורזשואזע
דעמאָקראַטן טראַכטן וועגן א בונד מיט די פּראָלעטאַריער, אין וועלכן די לעצטע

זאָלן האָבן פונקט אזא מאַכט און אַזוינע רעכט, ווי זיי, באַווייזן לעמאָשל די ברעסלאָווער דעמאָקראַטן. אפן ווילדסטן אויפן פאַרפאַלגן זיי און זייער אָרגאַן „נייע אַבערצייטונג" זעלבשטענדיק אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועמען זיי רופן מיטן טיטול סאָציאַליסטן. בעאייס א קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע דאַרף מען ניט האָבן קיין שום ספעציעלע פאַרייניקונגען. ווי באַלד עס איז נויטיק צו פירן א דירעקטן קאַמף קעגן אַזאַ סוינע, איז די אינטערעסן פוןביידע פאַרייען פאַלן צונויף אף א צייט, און ווי עס פלעגן זיין ביז איצט, אַזוי וועט אויך לעהאבע פאַרקומען די פאַריינינקונג, וואָס וועט זיין אויסגערעכנט אפן געגעבענעם מאָמענט. פאַרשטייט זיך, אַז אין די פאַרשטייענדיקע בלוטיקע קאָנפליקטן, פונקט אַזוי ווי אין די פריערדיקע, וועט דער ניצאָכן דערגרייכט ווערן, דערהויפט, דורך די ארבעטער, אדאנק זייער מוט, אַנטשלאָסנקייט און גרייטקייט צו מאַקריוו זיין זיך. אין דעמאָקראַטיקן קאַמף וועלן די קליין-בורזשוא, פונקט אַזוי ווי פריער מאַכן וואָס מער שיעס און האַלטן זיך אומאַנטשלאסן און פאַסיוו אַזוי, אַז דערנאָכדעם, ווען דער ניצאָכן וועט אָפגעהאַלטן ווערן, זאָל מען זיך באַנוצן מיט אים פאַר זיך, די אַרבעטער רופן צו זיין רואיק און אומקערן זיך צו דער אַרבעט, באַוואָרענען פון די אַזוי גערופענע עקסצעסן און אָפנעמען באַם פראָלעטאַריאַט די פרוכטן פון ניצאָכן. עס איז ניט אין דער מאַכט פון די אַרבעטער צו שטערן דערינען די קליין-בירגערלעכע דעמאָקראַטן. די אַרבעטער זיינען אָבער בעקויעך צו מאַכן זיי שווערער צו פאַרשטאַרקן זיך אַקעגן דעם באַוואָפנטן פראָלעטאַריאַט און דיקטירן זיי אַזעלכע טנאָים, אַז די הערשאַפט פון די בורזשואַזע דעמאָקראַטן זאָל שוין פון אָנהויב אָן טראָגן אין זיך דעם קערנדל פון זייער מאַפּאָלע, און אַז דערנאָכדעם זאָל זיין אסאַך לייכטער אָפצושטויסן זיי דורך דער הערשאַפט פון דעם פראָלעטאַריאַט. בעאייס דעם קאָנפליקט און טייקעף נאָך דער ענדע פון דעם קאַמף דאַרפן די אַרבעטער קוידעמקאָל ווירקן, אף וויפל דאָס איז מעגלעך, קעגן די בורזשואַזע וואַקלונגען און צווינגען די דעמאָקראַטן מעקאַיעם צו זיין זייערע איצטיקע טעראָריסטישע פראַזן. זיי דאַרפן ארבעטן אין אזא ריכטונג, אַז די דירעקטע רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג זאָל ווידער ניט דערשטיקט ווערן טייקעף נאָכן ניצאָכן, פאַרקערט, זיי דאַרפן זי אונטערהאַלטן, אף וויפל דאָס איז מעגלעך. ווייט דערפון, זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן די אַזוי גערופענע עקסצעסן, — קעגן די פאַלן פון נעקאָמע בענוגייע פאַרהאסטע יעכידים אָדער אָפיציעלע אינסטיטוציעס, מיט וואָסערע עס זיינען פאַרבונדן נאָר פאַרהאַסטע זיכרוינעס, דאַרפן זיי ניט נאָר דולדן אַזעלכע אַרויסטרעטונגען, נאָר נעמען אף זיך די אָנפירערשאַפט אין דעם. בעאייס דעם קאַמף און נאָך אים דאַרפן די אַרבעטער איטלעכס מאָל צוגלייך מיט די פאָדערונגען פון די בורזשואַזע דעמאָקראַטן אַרויסשטעלן זייערע אייגענע פאָדערונגען. ווי נאָר די דעמאָקראַטישע בורזשואַ וועלן זיך צוגרייטן נעמען די מאכט אין די אייגענע הענט, דאַרפן זיי פאָדערן גאראַנטיעס פאַר די אַרבעטער. אויב עס איז נויטיק, דאַרף מען צווינגען צו געבן דיזאָזיקע גאַראַנטיעס און, ביכלאַל, באַוואָרענען, אַז די נייע רעגירער זאָלן זיך מיסכאַיעוו זיין צו גיין אף קאָלעריליי האַנאָכעס און צוזאָגן; דאָס איז דאָס ריכ-

טיקסטע מיטל צו קאָמפּראָמעטירן זיי. די פֿאַרשיקערטקייט מיטן זיג און די פרייד מיט דער נייער לאגע, וואָס קומען נאָך יעדן זיגרייכן קלאַסן-קאַמף, דאַרפֿן זיי ביכלאַל איינהאַלטן, אַף וויפֿל דאָס איז מעגלעך, דורך א רואיקן און קאַלטבלוטיקן פֿאַרשטיין פֿון די געשעענישן און א ניט באהאלטענעם אומצוטרוי צו דער נייער רעגירונג. צוגלייך מיט די נייע אָפֿיציעלע רעגירונגען דאַרפֿן זיי גרינדן אייגענע, רעוואָלוציאָנערע ארבעטער-רעגירונגען, צי אין דער פֿאָרם פֿון פֿאַרוואַלטונגען פֿון די קעהילעס, ראטן פֿון די קעהילעס, צי אין דער געשטאַלט פֿון אַרבעטער-קלובן און אַרבעטער-קאָמיטעטן, אַזוי אַז די בורזשואַז-רעמאָקראַטישע רעגירונגען זאָלן ניט נאָר טייקעף פֿאַרלירן דעם אנהאלט אין די ארבעטער, נאָר זיי זאָלן זיך טאקע פֿון סאמע אנהויב דערפֿילן אונטער דער האשגאכע און דער מוירע פֿון מאכט-פֿאָרשטייער, הינטער וואָסערע עס שטייט די מאַסע ארבעטער. מיט איין וואָרט, גלייך פֿון דעם ערשטן מאָמענט פֿון ניצאָכן מוז מען ווענדן דעם אומצוטרוי שוין ניט קעגן דער באַזיגטער רעאַקציאָנערער פֿאַרטיי, נאָר קעגן די אייגענע באַרבינדעטע, קעגן יענער פֿאַרטיי, וואָס וויל אויסנוצן אלעמעס ניצאָכן נאָר פֿאַר זיך.

2. קעדיי מע זאָל אָבער קאָנען ענערגיש און דראָענדיק ארויסטרעטן קעגן דערדאָזיקער פֿאַרטיי, וואָס וועט פֿון דעם ערשטן מאָמענט נאָך דעם זיג אָנהויבן פֿאראטן די ארבעטער, דאַרפֿן זיי זיין באַוואָפֿנט און אָרגאַניזירט. די באַוואָפֿענונג פֿון דעם גאנצן פּראָלעטאַריאט מיט ביקסן, הארמאטן און אמוניציע דאַרף דורכגעפֿירט ווערן טייקעף; מע דאַרף שטעלן זיך קעגן דער ווידעראויפֿעבונג פֿון דער אלטער ציווילער מיליציע, וואָס איז געווענדעט קעגן די ארבעטער. אָבער דאָרט וואו עס וועט זיך אַרויסווייזן, אז עס איז אומעגלעך דאָס צו פֿאַרווירקלעכן, דאַרפֿן די אַרבעטער מאכן א פּרואוו צו אָרגאַניזירן זיך אין דער פֿאָרם פֿון א זעלבשטענדיקער פּראָלעטארישער גוואַרדיע מיט א קאָמאַנדיר אין א גענעראל-שטאב, דורך זיי אליין אויסגעקליבן, און שטעלן זיך אין רעשום פֿון דער מלוכע-מאכט, נאָר פֿון די רעוואָלוציאָנערע ראטן פֿון די קעהילעס, וואָס די ארבעטער אליין האָבן געשאפֿן...

דאָרט, וואו די ארבעטער אַרבעטן אפֿן כעשבן פֿון דער מלוכע, דאַרפֿן זיי זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל זיי באַוואָפֿענען און אָרגאַניזירן אין א באַזונדערן קאָרפּוס מיט קאָמאַנדירן, וואָס זיי ווײלן אויס, אָדער מע זאָל זיי אָרגאַניזירן אין דער פֿאָרם פֿון א טייל פֿון דער פּראָלעטארישער גוואַרדיע. דאָס געווער און אמוניציע טאָרן בעשום אויפֿן ניט אָפּגעגעבן ווערן, יעדער פּרואוו צו אנטוואָפֿענען דאַרף מען צו ניט מאכן, אינם פֿאַל ווען עס איז נויטיק, מיט געוואַלד. פֿאַרניכטן דעם איינפֿלוס פֿון די בורזשואַזע דעמאָקראַטן אַף די ארבעטער. שאפֿן טייקעף א זעלבשטענדיקע און באַוואָפֿנטע ארבעטער-אָרגאַניזאַציע און איינשטעלן די שווערסטע און קאָמפּראָמעטירנדיקסטע באַדינגונגען פֿאַר דער ציטווייליקער און אומפֿאַרמיידלעכער הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע — אָט דאָס זיינען די הויפּט פּונקטן, וועלכע דער פּראָלעטאַריאט, און צוזאַמען מיט אים אויך דער פֿאַרבאַנד, דאַרפֿן האָבן אין זינען אויך נאָך דעם פֿאַרשטייענדיקן אויפֿשטאַנד.

3. ווי נאָר די נייע רעגירונגען וועלן ביז א געוויסן גראַד זיך באַפעסטיקן, וועט זיך טייקעף אנהויבן זייער קאמף קעגן די ארבעטער. קעדיי עס זאָל זיין מעגלעך ארויסצוטרעטן מיט קויעך קעגן די דעמאָקראַטישע קליין־בורזשואַ, איז קוידעמקאָל נויטיק, אז די ארבעטער זאָלן זיך זעלבשטענדיק אָרגאניזירן און צענטראַליזירן אין קלובן. נאָכדעם, ווי די עקזיסטירנדיקע רעגירונגען וועלן אראָפּגעוואָרפן ווערן, וועט דער צענטראַל־קאָמיטעט אריבערגעטראָגן ווערן אין דייטשלאַנד, ווי נאָר דאָס וועט ווערן מעגלעך. ער וועט טייקעף צונויפרופן א קאָנגרעס און וועט אריינטראָגן פאר זיין באַטראַכטונג פאָרשלאָגן וועגן צענטראַליזירן די ארבעטער־קלובן אונטער דער אנפירונג פון א פאַרוואַלטונג, וואָס געפינט זיך אינעם הויפּט־צענטער פון דער באַוועגונג. די שנעלע אָרגאַניזירונג לעכאָלאַפּאַכעס פון דער פּראָווינציעלער פאַרייניקונג פון די ארבעטער־קלובן איז איינס פון די וויכטיקסטע מאָסמיטלען אף צו פאַרשטאַרקן און אַנטוויקלען די ארבעטער־פּאַרטיי. דער נאָענטסטער פּויעל־יוצע פונעם אראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע רעגירונג וועט זיין די אויסוויילונג פון א נאַציאָנאַלער פאָרשטייערשער פאַרזאַמלונג. דאָ וועט דער פּראָלעטאַריאַט האָבן צו זאָגן:

I. וועגן דעם, אַז קיין שום צוטשעפּענישן מיצאַד דער אָרטיקער מאַכט אָדער די רעגירונגס־קאָמיסאַרן זאָלן ניט דינען פאַר אַן אויסרייד אף צו באַוויטיקן א געוויסע צאָל אַרבעטער.

II. אַז צוגלייך מיט די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטן, זאָלן אומעטום ארויסגעשטעלט ווערן ארבעטער־קאַנדידאַטן, וועלכע וואָלטן ווי ווייט מעגלעך געדאַרפט זיין מיטגלידער פונעם פאַרבאַנד, און אַז עס זאָלן אויסגענוצט ווערן קאָלערליי מיטלען אף אויסצואוויילן זיי. אַפילע דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין שום האָפענונג אף דורכצופירן זיי, דאַרפן די ארבעטער ארויסשטעלן זייערע אייגענע קאַנדידאַטן, קעדיי איינצוהאַלטן זייער זעלבשטענדיקייט, די־סקאָנטירן זייערע קרעפטן און עפנטלעך ארויסווייזן זייער רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציע און זייערע פּאַרטייאישע שטאַנדפּונקטן. דערביי דאַרפן די אַרבעטער זיך ניט לאָזן אונטערקויפן דורך די פראַזן פון די דעמאָקראַטן, לעמאָשל, וועגן דעם, אַז דאָס שפּאַלט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און גיט דער רעאַקציע א מעגלעכקייט אפצוהאַלטן א ניצאָכן. דידאָזיקע אַלע פראַזן ברענגען סאָף־קאָלסאָף דערצו, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט ווייזט זיך ארויס אָן אָפּגענאַרטער. די דערפאָלגן, וואָס די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי דאַרף דערגרייכן מיט אַזאַ מין אומאָפּהענגיקן ארויסטריט, איז אומגעהויער נויטיקער, איידער יענער שאָדן, וואָס קאָן ברענגען דאָס, וואָס עס געפינען זיך עטלעכע רעאַקציאָנערן אין דער פאָרשטייערשער פאַרזאַמלונג. אויב די דעמאָקראַטיע וועט פון אָנהויב אָן ארויסטרעטן אַנטשלאָסן און טעראָריסטיש קעגן דער רעאַקציע, וועט דער איינפלוס פון דער רעאַקציע אף די וואַלן, פון פריער נאָך באָטל ווערן.

מיר האָבן געזען, ווי די דעמאָקראַטן וועלן אין דער נאָענטסטער באַוועגונג קומען צו הערשאַפט און ווי זיי וועלן זיין געצוואונגען ארויסצוטרעטן מיט מער אָדער ווייניקער סאָציאַליסטישע מאָסמיטלען. אַנטשטייט די פראַגע, וואָס זשע פאַר א מיטלען וועלן די אַרבעטער דאַרפן פאָרלייגן אין קעגנגע-

וויכט דערצו, פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטער קאָנען ניט גלייך פון אָנהויב פאָרלייגן ריין-קאָמוניסטישע מיטלען. זיי קאָנען אָבער יאָ:

1. צווינגען די דעמאָקראַטן ווי מעגלעך אַלזייטיק אַריינדרייסן זיך אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, שטערן איר נאָרמאַלן גאַנג, קאָמפּראָמעטירן זיך אַליין און אויך קאָנצענטרירן אין די הענט פון דער מלוכה ווי מעגלעך מער פּראָדוציר-קרעפטן, טראַנספּאָרט מיטלען, פאַבריקן, אייזנבאַנען און אז. וו.

2. זיי דאַרפן דערפירן ביז די לעצטע גרעניצן די פאָרשלאָגן פון די דעמאָקראַטן, וואָס וועלן אַלנפאַלס אַרויסטרעטן ניט רעוואָלוציאָנער און נאָר ווי רעפאָרמיסטן; זיי דאַרפן פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פאָדערונגען אין דירעקטע אַטאַקעס אויף פּריוואַט-אייגנטום. אַזוי, לעמאָשל, אויב די קליין-בירגער לייגן פאָר אויסקויפן די אייזנבאַנען און פאַבריקן, דאַרפן די אַרבעטער פאָדערן, אַז די דאָזיקע אייזנבאַנען און פאַבריקן, ווי אַן אייגנטום פון די רעאַקציאָנערן, זאָלן קאָנפיסקירט ווערן אָן קיין שום באַלוינונג. אויב די דעמאָקראַטן לייגן פאָר פּראָפּאָרציאָנעלע שטייערן, דאַרפן די אַרבעטער פאָדערן פּראָגרעסיווע; אויב די דעמאָקראַטן לייגן אַליין פאָר מעסיק-פּראָגרעסיווע שטייערן, דאַרפן די אַרבעטער באַשטיין אויף אַ שטייער, וואו די צאָלונגען שטייגן אַזוי שנעל, אַז דער גרויס-קאַפּיטאַל מוז דערביי אונטערגיין; אויב די דעמאָקראַטן פאָדערן צו רעגולירן די מלוכה-כויועס, דאַרפן די אַרבעטער פאָדערן אַ מלוכה-באַנקראָט. הייסט עס, די פאָדערונגען פון די אַרבעטער וועלן אומעטום דאַרפן צוגעפּאַסט ווער צו די האַנאָכעס און מיטלען, וואָס די דעמאָקראַטן נעמען אָן.

אויב די דייטשישע אַרבעטער וועלן ניט קענען דערשלאָגן זיך צו הערשאַפט און פאַרווירקלעכן זייערע קלאַסן-אינטערעסן, ניט האָבנדיק דורכגעמאַכט איינגאַנצן דעם דויערנדיקן וועג פון רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, האָבן זיי דעם מאָל ווייניקסטנס די זיכערקייט, אַז דער ערשטער אַקט פון דער פאָרשטייענדיקער רעוואָלוציאָנערער דראַמע פאַלט צונויף מיטן דירעקטן זיג פון זייער אייגענעם קלאַס אין פראַנקרייך און וועט דערמיט גופא שטאַרק פאַרשנעלערט ווערן.

אָבער צוליב זייער ענדלעכן ניצאָכן דאַרפן זיי אַליין אויפטאָן דאָס גרעסטע דערמיט, וואָס זיי וועלן זיך קלאָר מאַכן זייערע קלאַסן-אינטערעסן, וואָס זיי וועלן פאַרנעמען, ווי נאָר דאָס וועט מעגלעך ווערן, אַ זעלבשטענדיקע קלאַסן-פּאָזיציע און וועלן אויף קיין איין אויגנבליק ניט דערלאָזן, אַז די צוויעסדיקע פראַזן פון די דעמאָקראַטישע קליין-בורזשואַ זאָלן זיי אַראָפּפירן פון וועג פון אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פון אַ פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. זייער קאַמפּס-לאָזונג דאַרף זיין: „אומויפהערלעכע רעוואָלוציע".

15. „דער 1789 יאר אדער דער 1848 יאָר".
(לענין)

„אָט וועגן וואָס עס טראַכט מער פון אַלץ דער רוסישער בורזשואַ: וועגן די אומגעהערטע געפאַרן פונם „וועג" פון 1789 יאָר. דער בורזשואַ וואָלט

גאַרניט געהאַט קעגן דעם וועג פון דייטשלאַנד אין 1848 יאָר, אָבער ער וועט אָנווענדן די „גאַנצע קרעפטן", קעדיי אויסצומיידן דעם וועג פון פ־אַנקרייך. דאָס איז א באַלערנדיקער אויסדרוק, וואָס עס לוינט זייער און זייער צו פאַר־טראַכטן זיך איבער אים.

אין וואָס איז דער איקער-אונטערשייד צווישן דיביידע וועגן. דערין, וואָס די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, וואָס פראַנקרייך האָט פאַר־ווירקלעכט אין 1789 יאר און דייטשלאַנד—אין 1848 יאָר, איז אינם ערשטן פאַל דערפירט געוואָרן ביזן סאָף, און אינם צווייטן—ניט. אינם ערשטן פאַל איז זי דערגאַנגען ביז א רעפובליק און פולשטענדיקער פרייהייט, און אינם צווייטן האָט זי זיך אפּגעשטעלט, ניט צעברעכנדיק די מאָנאַרכיע און די רע־אַקציע. אינם צווייטן פאַל איז זי דערגאַנגען אונטער דער אָנפירונג הויפּטזאַכ־לעך פון די ליבעראַלע בורזשואַ, וועלכע האָבן געפירט הינטער זיך אַזן בוק־סיר דעם ניט גענוג פעסט געוואָרענעם ארבעטער-קלאַס. אינם ערשטן פאַל איז זי דורכגעפירט געוואָרן, זאָל זיין אפילע אין א געוויסן טייל, דורך דער אַקטיוו-רעוואָלוציאָנערער מאַסע פונם פאָלק, פון די ארבעטער און פויערים, וועלכע האָבן אָפּגערוקט אין א זייט, האָגאָם אַף אַ צייט, די סאָלי־דע און מעסיקע בורזשואַזיע. אינם צווייטן פאַל האָט זי שנעל געבראַכט צו דער „באַרואיקונג" פונם לאַנד, ד. ה. צו דער אונטערדריקונג פונם פאָלק און צום טריאומף פונם „אוריאַדניק און וואַכמיסטער", אינם ערשטן פאַל האָט זי אַף אַ געוויסן פּע־יאָד איבערגעגעבן די הערשאַפט דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק, וואָס האָט דערשטיקט דעם ווידערשטאַנד פון די „אוריאַדניקעס און וואַכ־מיסטערן".

איז אָט טרעט אַרויס דער געלערנטער לאַקיי פון דער רוסלענדישער בורזשואַזיע ווינאָגראַדאָוו אינם „בעקאָוועדיקסטן" ליבעראַלן אָרגאַן מיט אַ וואָרענונג קעגן דעם ערשטן „פראַנצויזישן" וועג. דער געלע נטער היסטאָרי־קער וויל דעם „דייטשישן" וועג און ער זאָגט עס אָפן. ער ווייס אויסגעצייכנט, אַז דער דייטשישער וועג איז ניט אויסגעקומען אָן אַ באַוואָפנטן פאָלקס-אויפ־שטאַנד. אין 1848 יאר און 1849 יאָר איז געווען א גאַנצע ריי אויפשטאַנדן און אַפילע ציטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונגען אין דייטשלאַנד. אָבער קיין איינער פון אָט די אויפשטאַנדן איז ניט געווען אינגאַנצן א זיגרייכער. דער דערפאָלגרייכסטער אויפשטאַנד, דער בערלינער אויפשטאַנד פון 1848 יאָר, האָט זיך געענדיקט ניט מיט אַראָפּוואַרפן די קעניגלעכע מאַכט, נאָר מיט האָ־נאָכעס מיצאַד דעם קעניג, וואָס האָט איינגעהאַלטן זיין מאַכט און וואָס האָט באַוויזן שנעל צו זיך קומען פין דער טיילווייזער מאַפּאָלע און אָפּנעמען צוריק אָט די אַלע האַנאָכעס.

הייסט עס, אַז דער געלערנטער היסטאָריקער פון דער בורזשואַזיע האָט קיין מוירע ניט פאַר קיין פאָלקס-אויפשטאַנדן. ער האָט מוירע פאַרן ניצאָכן פונם פאָלק, ער האָט קיין מוירע ניט, אַז דאָס פאָלק זאָל אביסל אנלערנען די רעאַקציע, די ביוראָקראַטיע, וואָס אי באַ אים אזוי פאַר־האַסט. ער האָט מוירע, אַז דאָס פאָלק וועט אראָפּוואַרפן די רעאַקציאָנערע

מאַכט. ער האַסט די זעלבסטהערשונג און מיט דער גאַנצער נעשאָמע ווינשט
ער מע זאָל זי אַראָפּוואַרפן, אָבער אַן אומגליק פאַר רוסלאַנד דערוואַרט ער
ניט פון איינהאַלטן די זעלבסטהערשונג, ניט פון אָפּסאַמען דעם פאָלקס-אָרגאַ-
ניזם מיטן לאַנגזאַמען פוילן פונם ניט געטויטן פאַראַזיט פון דער מאַנאַרכיס-
טישער מאַכט, נאָר פונם פולשטענדיקן ניצאָכן פונם פאָלק.

ער ווייס, אָט דער מאַן פון דער דרייקאָפּיקענער וויסנשאַפט, אַז די
צייט פון דער רעוואָלוציע איז אַ צייט פון מאַמאָשעסדיקע לעקציעס פאַרן
פאָלק, איז אָט וויל ער ניט קיין מאַמאָשעסדיקע לעקציעס אינעם געביט פון מאַכן
א טעל פון דער רעאַקציע און שרעקט אונז מיט די מאַמאשעסדיקע לעקציעס
אפן געביט פון מאַכן א טעל פון דער רעוואָלוציע. מער ווי פאַר פריער האָט
ער מוירע פאַר יענעם וועג, ווען די רעוואָלוציע וועט, זאָל זיין אַפילע אף א
קורצע צייט, אָפּהאַלטן אַ פולשטענדיקן ניצאָכן, און ער גארט מיט דער גאַנ-
צער געשאָמע אַזאַ אויסגאַנג, ווי דער דייטשישער, ווען די רעאַקציע האָט אף
לאַנגע, לאַנגע פעריאָדן אפגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן ניצאָכן.

ער באַגריסט ניט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ער באַמיט זיך בלויז צו
לינדערן איר שולד. ער ווינשט ניט קיין זיגרייכע רעוואָלוציע, נאָר אַ דורכ-
געפאַלענע רעוואלוציע. ער האַלט די רעאַקציע פאַר אַ געזעצלעכע און רעכט-
מעסיקע, פאר אַ נאַטירלעכע און פעסטע, פאַר אַ זיכערע און פארניגטיקע
דערשיינונג. ער האַלט די רעוואָלוציע פאַר אַן אומגעזעצלעכע, פאַנטאַסטישע,
ניט רעכטמעסיקע דערשיינונג, וואָס קאָן אין בעסטן פאַל באַרעכטיקט ווערן
ביז א געווויסן גראַד מיט דער ניט שטאַנדהאַפטיקייט, „שוואַכקייט", „ניט זי-
כערקייט" פון דער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג. ער קוקט, אָט דער „אָביעק-
טיווער" היסטאָריקער, אַף דער רעוואָלוציע, ניט ווי אַפן געזעצלעכסטן רעכט
פונם פאָלק, נאָר בלויז ווי אף אַ זינדיקן און געפערלעכן מיטל אויסצובעסערן
די עקסטרעמען פון דער רעאַקציע. פאַר אים איז די רעוואָלוציע, וואָס האָט
פולשטענדיק געזיגט, אַן „אַנאַרכיע", און די רעאַקציע, וואָס האָט פולשטענדיק
געזיגט, איז ניט קיין אַנאַרכיע, נאָר בלויז אריבערגעטראָטן אביסל איבער גע-
וויסע נויטיקע פונקציעס פון דער מלוכע. ער ווייס ניט קיין אנדער „מאַכט"
אַכוץ דער מאָנאַרכיסטישער, קיין אַנדער „אָרדענונג" און קיין אַנדער „גע-
זעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע", כוץ די בורזשואזע. פון יענע אייראָפּעאישע
קרעפטן, וועמען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט „אנטפלעקן א געטלעכע
מיסיע", ווייס ער בלויז דעם „דייטשישן וואַכמיסטער", נאָר ער ווייס ניט און
וויל ניט וויסן דעם דייטשישן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן ארבעטער. אים איז עקל-
האַפט מער פון אלץ די „גאַדלעס" פון יענע, וואָס „קלייבן זיך איבעריאָגן די
מאַירעוו-בורזשואזיע" (דער ה׳ פראָפעסאָר שרייבט דאָס וואָרט בורזשואזיע אין
איראָנישע געגזן-פיסלעך: „מע האָט אויסגעזוכט, מישטיינס געזאָגט אזאַ אומגע-
לומפערטן טערמין בענויגע צו דער אייראָפּעאישער,—איי-ראָ-פּע-אי-שער,—קול-
טור). גוטמוטיק פארמאַכט ער, אָט דער „אביעקטיווער היסטאָריקער", די אויגן
אף דעם, וואָס דאפקע אדאנק דער פארעלטערטער זעלבסטהערשנדיקער שמוץ
אין רוסלאַנד שטייט אייראָפּע שוין צענדליקער און צענדליקער יאָרן אף איין

אָרט אָדער רוקט זיך אַף צוריק אין דער פּאָליטישער הינזיכט. ער האָט מוירע פאַר די מאַמאַשעסדיקע לעקציעס פונם „אוריאַדניק", וואָס האָט זיך אַ נעם געטאָן מיט נייע קרעפטן" און דעריקער--אָך, פּירער פון פאָלק, אָך, פּאָליטישע טעטיקייט,—וואָרנט ער מער פון אַלץ מע זאָל ניט אַ מאַכן אַ טעל פון אַלע „קרעפטן" פונם מאָדערנעם אוריאַדניק. וואָס פאַר אַ פּאַראַכּעטע לאַקייאישע פיגור. וואָס פאַר אַ שענדלעכער פּאַראַט קעגן דער רעוואָלוציע מיט אַ גאַרניר פון קלוימערשט אַ געלערנטער און קלוימערשט אָביעקטיווער באַטראַכטונג פון דער פראַגע. טוט אַ קראַץ אַ רוס און איר וועט געפינען אַ טאַטער, האָט געזאָגט נאַפּאָלעאָן. טוט אַ קראַץ דעם ליבעראַלן רוסישן בורזשוא, וועלן מיר זאָגן, און איר וועט געפינען אַן אוריאַדניק אָנגעטאָן אין אַ נייאינקן מונדיר, וועמען מע לאָזט איבער $^{9}/_{10}$ פון זיין אַלטן קויעך צוליב דעם טיפּזיניקן „געלערנטן" און „אָביעקטיוון" טאַאַם, ווייל אַ ניט, קאָן זיך אים נאָך אַמאָל פאַרוועלן „אַ נעם צו טאָן זיך מיט נייע קרעפטן". בײַ יעדן אידעאָלאָג פון דער בורזשואַזיע איז דורך און דורך אַ קרעמערשע נעשאָמעלע. ער טראַכט ניט וועגן פאַרניכטן די קרעפטן פון רעאַקציע און פונם „אוריאַדניק", נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי אונטערצוקויפן, אונטערצושמירן, ווייך מאַכן דעמדאָזיקן אוריאַדניק מיט דער הילף פון אַ וואָס מער שנעלערן געשעפטל מיט אים.

וואָס פאַר אַ באַלערנדיקע לעקציע גיט דערדאָזיקער כאָכעם פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע יענע דאָקטרינערן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס האָבן זיך דערעדט צו פאָלגנדיקער רעזאָלוציע, וואָס עס האָבן אָנגענומען די קאַווקאַזער ניי-איסקריסטן און וואָס די רעדאַקציע פון „איסקראַ" האָט ספּעציעל באַוויליקט אין אַ ספּעציעלן בלאַט. דידאָזיקע רעזאָלוציע (צוזאַמען מיט דער באַוויליקונג פון „איסקראַ") איז אינגאַנצן איבערגעדרוקט אין דער בראָשור פון נ. ל. „צוויי טאַקטיקעס" (זייטן 68—69). נאָר אַזוי ווי די כאַוויירים פון רוסלאַנד איז זי ווייניק באַקאַנט, ווייל די רעדאַקציע פון „איסקראַ" האָט אַליין ניט געוואָלט איבערדריקן אין איר צייטונג אָט די, לויט איר מיינונג „זייער געלונגענע" רעזאָלוציע ברענגען מיר זי דאָ אינגאַנצן אַלס באַלערנונג פאַר אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און אַלס שאַנד פאַר דער „איסקראַ".

„האַלטנדיק פאַר איר אויפגאַבע אויסצונוצן דעם רעוואָלוציאָנערן מאָמענט אַף צו פאַרטיפן דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן באַוואוסטזיין פונם פּראָלעטאַריאַט, זאָגט זיך אַרויס די קאָנפערענץ (די קאַווקאַזער קאָנפערענץ פון די ניי-איסקריסטן) מיטן צוועק צו זיכערן פאַר דער פּאַרטיי די פולשטענדיקע פרייהייט צו קריטיקירן די אָנקומענדיקע בורזשואַזי-מלוכישע אָרדענונג, קעגן שאַפן אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע צייטווייליקע רעגירונג און קעגן אַרייַנטרעטן אין איר, נאָר זי האַלט פאַר דאָס סאַמע צוועקמעסיקסטע צו מאַכן אַ דרוק פון דרויסן אַף דער בורזשואַזער צייטווייליקער רעגירונג, זי זאָל דעמאָקראַטיזירן ווי ווייט מעגלעך די מלוכישע אָרדענונג. די קאָנפערענץ רעכנט, אַז ווען די סאָציאַל-דעמאָקראַטן וואָלטן געשאַפן אַ צייטווייליקע רעגירונג אָדער ווען זיי וואָלטן אין איר אַרייַנגעטראָטן, וואָלט דאָס געבראַכט, פון איין זייט, דערצו וואָס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי וואָלטן אַפּגעפאַלן די ברייטע מאַסן פונם

פראָלעטאַריאַט, וואָס האָבן זיך אנטוישט אין איר, ווייל די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועט, ניט געקוקט אף דער פארכאפטער מאכט, ניט זיין בעקויעך צו באפרידיקן די טאָג-טעגלעכע גויטן פונם ארבעטער-קלאַס, ביז וואנען עס וועט ניט פארווירקלעכט ווערן דער סאָציאַליזם, פון דער אנדער זייט, וועט זי צווינגען די בורזשואזע קלאסן אפצוקערן זיך פון דער רעוואלוציע און אזוי ארום אפשוואכן איר פארנעם".

דידאָזיקע רעוואָלוציע איז א שענדלעכע, ווייל זי דריקט אויס (קעגן דעם ווילן און באוואוסטזיין פון די, וואָס האָבן זי געשריבן, און האָבן זיך געשטעלט אפן משופעדיקן פלאך פון אָפּאָרטוניזם) דעם פאראט פון די אינטערעסן פונם ארבעטער-קלאַס אין די הענט פון דער בורזשואזיע. דידאָזיקע רעוואָלוציע באלייכט די פארוואנדלונג פונם פראָלעטאריאַט פאר דער עפּאָכע פון דער דעמאָקראטישער רעוואלוציע אינם עק פון דער בורזשואזיע. עס איז גענוג אוועקצושטעלן דידאָזיקע רעוואָלוציע זייט בא זייט מיט דער אויבנגעבראכטער ציטאטע פונם ה' ווינאָגראדאָוו (און אזוינע ציטאטן וועט יעדערער געפינען הונדערטער און טויזנטער אין דער ליבעראַלער פובליציסטיק), כדי צו זען, אין וואָס פאר א בלאָטע זיינען פארקראָכן די ניי-איסקריסטן. האָט זיך דאָך דער ה' ווינאגראדאוו, אָט דער סאמע טיפּישער אידעאלאג פון דער בורזשואזיע, שוין אפגעקערט פון דער רעוואלוציע. צי האט ער דען ניט, הערן ניי-איסקריסטן, אפגעשוואכט מיט דעם דעם „פאַרנעם פון דער רעוואלוציע". צי דארפט איר ניט גיין שלאגן זיך אט פאר די הערן ווינאגראדאווס און בעטן זיך בא זיי ראכמים פארן פרייז, וואָס איר וועט זיך אפהאלטן אנצופירן מיט דער רעוואלוציע, „זיי זאל זיך ניט אפקערן פון דער רעוואלוציע".

ליטעראַטור.

פראַנקרײַך

1. **Ю. Стеклов:** „Революция 1848 г. во Франции."
2. **Ренер:** „Республика 48-го года".

3. ק. מאַרקס: „דער קלאַסן-קאַמף אין פראַנקרײַך"
און „דער 18-טער בריומער פון לואי באָנאַפּאַרט".

4. **Бризон:** „История труда и трудящихся", гл. XIII.
5. **Поль Луи:** „Утопический и научный социализм во Франции".

דײַטשלאַנד.

1. **Блосс:** „История Германской революции 48-го года".
2. **Меринг:** „История Германской с-д" выпуск II и III.
3. **Бернштейн:** „История рабочего движения в Берлине,
די ערשטע 6 קאַפּיטלען
4. **К. Маркс:** „Итоги 48-го года", „Либералы у власти", „Кельнский процесс коммунистов".
5. **Ф. Энгельс:** „Революция и контр-революция в Германии".

6. „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט".
צע-טראַלער פאַרלאַג

7. **Очерки по истории Германии с XIX в.** гл. I.
8. **„Книга для чтения"** по истории нового времени т. IV, ст. Левина.
9. **Пименова:** „Борьба за свободу в Австрии и Венгрии".
10. **Сборник.** „К 75-летию Революции 48-года" изд. „Красная Новь".

א י נ ה א ל ט

זייטל

V. דער טשאַרטיזם . . . . 26—3

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.—1) די לאגע פון מינדיאָריקער אַרבעטער.—2) פון דער באַשטימונג וועגן דעם ארבעטס-הויז.—3) קעגן דער אָנווענדונג פון מאַשינען.—4) ר. אָאוען.—5) די ערשטע נאַציאָנעלע פעטיציע.—6) די אנהענגער פון „מאָראַלישער” און „פיזישער” קראַפט.—7) די צווייטע נאַציאָנאַלע פעטיציע.—8) א'קאָנאר וועגן קאָמוניזם.—9) אָ'בראיענס עיד-פראָיעקטן.—10) די וואַקלונג פון ארבעטס-לוין און דער טשאַרטיזם.—11) רעזאָלוציעס פונם טשארטיסטישן קאָנווענט.—ליטעראַטור . . . . 64—27

VI. די רעוואָלוציע פון 1848 יאָר.

א. פ ר אַ נ ק ר י י ך . . . . 90—68

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.—1) די ארבעטער-באַפעלקערונג פון פאַריז אין 1848 יאָר.—2) אוטאָפּישער סאָציאַליזם פונם ערשטן העלפט פון XIX יאָרה.—3) די ערשטע טריט פון דער פראָוויזאָרישער רעגירונג.—דער געזעץ-פראָיעקט פון דער לוקסעמבורגער קאָמיסיע.—5 די לוקסעמבורגער קאָמיסיע. 6) פראָקלאמאַציע פון דער צייטווייליקער רעגירונג.—7. קעגן דעם באַלדיקן צונויפרופן א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.—8) באַשטימונג פון נאַצ. וואַרשטאַטן.—9) דעקרעט וועגן 11) פאַנאַנדערלאָזן די נאַצ. וואַרשטאַטן.—10) אויפרוף פון דער נאַצ.-פאַרזאַמלונג.—אויפרוף פון די פאַריזער ארבעטער.—12) פאַריין פון ברידערלעכע דעמאָקראַטן.—13) לואי באנאפּארט צו זיינע מיטבירגער.—14) די וואַלן אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג.—15) דער 18 ברומער פון לואי באנאפּארט . . . . 125—91

ב. ד י י ט ש ל אַ נ ד . . . . 149—126

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.—1) דייטשלאַנד אין דער סיסטעם פון דער וועלט-ווירטשאַפט.—2) די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט.—3) דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד.—4) די פאָדערונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד.—5) די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.—6) די בורזשואַזיע אין דער רעוואָלוציע פון „18-טן מאַרט”.—7) די בורזשואַזיע און דאָס פויערטום.—8. פאַסיווער ווידערשטאַנד.—9) אויפרוף פונם קאָמיטעט פון די דעמאָקראַטישע פאַריינען אין דער ריינישער פּראָווינץ.—10) די ארבעטערשע און בורזשואַזע רעוואָלוציאָנערן אינם טאָג פון 15 מאַי.—11) די פראַנקפורטער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג.—12) דער מאַניפעסט פון ניקאָלאַי I.—13) די רעוואָלוציע פון מאַרט 1848.—14) וואס לערנט אונז דאָס 48-טער יאָר.—15) דער 1789 יאָר אָדער דער 1848 י.—ליטעראַטור . . . . 189—151